STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06331

DER BROYNER BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער בּרוינער בּוך

וועגן דער אונטערצינדונג פונעם רייכסטאג און וועגן היטלערישן טעראָר

אַרויסגעגעבן דורכן פאָלקס־קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם

בוענאָס איירעס
1934

TALLERES GRAFICOS
"CULTURA"
SARMIENTO 2157
BUENOS AIRES

צו דער ארגענטינער אויסגאַבע

מיטן ארויסגעבן דעם „ברוינעם בוך" טרעט צו דער „פאָלקס־קאָמיטעט קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאשיזם" צו דערפילן איינע פון זיינע הויפּט־אויפגאַבן.

אפן געביט פון אַנטי־פאשיסטישן קאַמף און אין געראַנגל מיט אַלערליי פאָר־מען פון אנטיסעמיטיזם, איז דאָס געדרוקטע וואָרט אן ערשט־ראַנגיק געווער. דורכן „ברוינעם בוך" ווערט ניט נאָר אויסגענוצט דער דאָזיקער מיטל, נאָר מיר באַקומען די זאַכלעכע און היסטאָרישע מאַטעריאַלן, געזאַמלטע פון ערנסטע פאָר־שער מיט א פאַראַנטוואָרטלעכן צוגאַנג פאַר דער גרינטלעכער קענטעניש פון דער נאַצי־באַוועגונג און אירע מאַיסים.

דורכן „ברוינעם בוך" ווערט באַוויזן איינער פון די אַספּעקטן פונעם אַנטיסע־מיטיזם,—דער ראַסן־האַס,—אונטער וועלכן עס באַהאַלטן זיך אויס די ווירקלעכע סיבעס, וואָס האָבן שטענדיק באַוואוויגן די מאַכט־האָבער צו באַנוצן זיך מיט אידן־רעדיפעס, קעדיי צו פאַרדעקן די טיפסטע מאַסן־אויפטרייסלונגען פון סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן כאַראַקטער.

אָט דאָס איז די אויפגאַבע פונעם „ברוינעם בוך" און דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם „פאָלקס־קאָמיטעט" אין זיין אונטערגענומענעם קאַמף קעגן פאשיזם און אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז ניט נאָר קיין ראַסן־האַס, ניט נאָר קיין נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונג, נאָר די פאַרפאָלגונג פון דער רעאַקציע, פונעם גרויס־קאַפּיטאַל, פון דער גרויס־אינדוסטריע אין דער געשטאַלט פון א היטלער.

מיטן קויעך פון דעמאַגאָגיע און טעראָר וויל דער פאשיזם איינצאַמען דעם רעוואָלוציאָנערן ריז, וואָס איז טיילווייז פאַרנאַרט און באַהערשט, אָבער ניט באַזיגט, ווי דאָס איז די דייטשע אַרבעטנדיקע מאַסע.

אַזוי אַרום ווערט ריכטיק אַריבערגעטראָגן דער קאַמף אפן ריכטיקן פונקט און דער קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם ווערט אויך דער קאַמף קעגן רעאַקציע.

עס ווערט דעריבער קלאָר די פּאָזיציע און קלאָר די לאָזונג. און די לאָזונג קען ניט זיין קיין אַנדערע ווי די געמיינזאַמע אַנווענדונג פונעם קאַמף דורך די זעלביקע לעבנס־אינטערעסן, וואָס פאַרבינדן די אידישע מיט די אַלוועלטלעכע מאַסן.

דער „ברוינער בוך" איז א מיטל פון אויפקלערונג. מיר ווילן צוקומען צו די אידישע מאַסן, און איבערהויפּט צום מיטל־קלאַס, וועלכער איז נאָך אונטער דער ווירקונג פון דער דעמאַגאָגיע פון אונזער אידישער רעאַקציע; מיר ווילן דאָקו־מענטאַל זיי צוטראָגן דעם געשעענעם פאַקט, זיי זאָלן זען די געפאַר, וואָס באַדראָט דעם מיטל־קלאַס, וואָס טאַפּטשעט זיך נאָך אינעם נעפּל פון די בויין־האַשמאַשעס־צייטן, אין וועלכע מיר לעבן.

פון די געשעענישן אין דייטשלאַנד דאַרפן די אידישע מאַסן פון אַנדערע לענדער, אַריינגערעכנט ארגענטינע — לערנען. די אַנטיסעמיטישע פּרעסע פון בוענאָס איירעס גרייט צו דעם זעלבן באָדן ווי דער פאשיזם פון דייטשלאַנד, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן צעוואַקסן און וועמעס שוידערלעכע פאַקטן מיר ברענגען איצט, דורכן ארויסגעבן דעם „ברוינעם בוך".

דער פאָלקס־קאָמיטעט.

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט

זעלטן איז אַ בוך באַרימט געוואָרן, ווי דער „ברוינער בוך” וועגן אונ־טערצינדן דעם רייכסטאַג און וועגן דעם היטלערישן טעראָר. די סיבעס פאַר־וואָס דער בוך האָט אַזאַ דערפאָלג, זיינען קלאָר. מיט אַ קאָנקרעטן, דעטאַל דורכגעקאָנטראָלירטן מאַטעריאַל, מיט קלאָרע באַווייזן פון זיכערע קוועלן, מיט הונדערטער פאַקטן, וואָס מען קאָן ניט אָפּלייקענען, דעמאַסקירט דער בוך די געמיינע פּראָוואָקאַציע מיטן אונטערצינדן דעם רייכסטאַג, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון די פאַשיסטישע לייצים. די גאַנצע מאַיסע מיט דער סרייפע האָט געדאַרפט דינען ווי אַ טערעץ אויף צו צעגראַמירן די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, אויף צו דערקלערן די קאָמפּאַרטיי אויסערן געזעץ, אויף פיזיש אויסצוראָטן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און אויף איינצושטעלן די פאַשיסטישע דיקטאַטור אין איר אָפענער ברוטאַלער פאָרם. צום דאָזיקן אויספיר זיינען פונקט ווי די אויטאָרס פונעם דאָזיקן בוך געקומען הונדערטער ציטונגען, מיליאָנען מענטשן, וועלכע געהערן צו די פאַרשידענע פּאָליטישע לאַגערן.

דער בוך גיט אַ שוידערלעך בילד פון אומענטשלעכער נעקאָמע איבער פּאָ־ליטישע קעגנער, אַ בילד פון אויסערגעוויינלעכער רעציכע. קיין איין פאַנטאַזיע איז ניט אימשטאַנד אויסצוטראַכטן דאָס, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן און עס ווערט אָפּגעטאָן פון טאָג צו טאָג אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די קאַזאַרמעס פון די שטורעם־אָפּטיילונגען, אין דער ריזיקער טפיסע, אין וועלכער ס'האָבן פאַר־וואַנדלט דייטשלאַנד די פאַשיסטן — די טרעגער פון דער נייער „נאַציאָנאַלער דייטשישער קולטור”. די פאַקטן, וואָס ווערן געבראַכט אינעם בוך, רופן אַרויס גרויל, צאָרן און האַס צו די אונטערדריקער און הענקער. פון אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דייטשישן פאַשיזם, פון אַ זאַמלונג דאָקומענטן ווערט דער בוך פאַר־וואַנדלט אין אַ מעכטיק געוועער צו מאָביליזירן די ברייטסטע מאַסן אַרבעטנדיקע אין קאַמף קעגן פאַשיזם און זיינע באַלעבאַטים.

אין לאָנדאָן, אויפן געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס וועגן אונטערצינדן דעם רייכס־טאַג און וועגן די רעציכעס קעגן די פאַשיסטן, איז דעם דייטשישן פאַשיזם אַרויס־געטראָגן געוואָרן אַן אָנפּניעסדיקער אורטייל. דעם דאָזיקן אורטייל וועט דער דייטשישער פּראָלעטאַריאַט אויספילן אין דער נאָענטסטער צייט.

סעפּטעמבער 1933־טן יאָר.

יע. סטאַסאָווא

פאָרוואָרט

ס'איז שטענדיק שווער צו דערגיין דעם עמעס וועגן מייסים, וואָס ווערן באַגאַנגען בא א רעזשים פון א גוט אָרגאַניזירטן טעראָר. אפילע די בעסטע זשורנאַליסטן מיט זייער פּראָפעסיאָנעלער צוגרייטונג גליינגט מיט גרויס מי נאָענט צוגיין צום עמעס: מענטשן האָבן מוירע צוריידן, אזוי פּאַרפולקומט פונקציאָנירט די סיסטעם פון שפּיאָנאַזש. מען דאַרף דעריבער אָפּגעבן רעכט איינִיקע אויסלענדישע זשורנאַליסטן אין דייטשלאַנד, וואָס זיי האָבן, ריזיקירנדיק צו פאַרלירן זייערע פּאָסטנס, איבערגעשיקט אזויפיל ריכטיקע ידיעות פון דייטשלאַנד.

אין רעשוס פון „אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו העלפן די קאָרבאָנעס פון דייטשישן פאַשיזם" זיינען צוגעשטעלט געוואָרן אסאך דאָקומענטן: איינִיקע האָבן צוגעשטעלט די זשורנאַליסטן, אַנדערע — דאָקטוירים און אדוואָקאַטן, וועלכע האָבן געהאַט א באַזונדערע מעגלעכקייט געוואָר צו ווערן דעם עמעס. זיי וואָגן אָבער ניט און קאָנען ניט פאַרעפנטלעכן זייערע ידיעות אין דייטשלאַנד. דאָקומענטן שטעלן צו אויך די קאָרבאָנעס פון די פאַשיסטישע פּייניקונגען און רעדיכעס. פאַרן גרעסטן טייל פון זיין מאַטעריאַל האָט דער קאָמיטעט צו דאַנקען זיינע אייגענע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס האָבן מיט געפאַר פאַרן לעבן געאַרבעט אין דייטשלאַנד.

מיר האָבן אויסגענוצט ניט דאָס סאַמע סענסאַציאָנעלע פון די דאָזיקע דאָקומענטן. יעדער פאַקט, וואָס וועגן אים ווערט מיטגעטיילט אין אָט דעם בוך, איז שטרענג קאָנטראָלירט און איז טיפּיש פאַר א גאַנצער ריי אַנאַלאָגישע פאַלן. מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען אסאך מער איינצלנע גרוילעכע פאַלן, נאָר מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זיינען איינצלנע פאַלן. קיין איינער פון די געבראַכטע פאַקטן איז ניט קיין אויסנאַם. אלע זיינען זיי טיפּיש פאַר אסאך אַנדערע פאַקטן, וואָס זיינען פאַראַן אין אונזער רעשוס פון די נאַציאָנאַלע הילפס־קאָמיטעטן.

די דאָזיקע פאַרברעכנס פונעם פאַשיזם זיינען שוידערלעך. די געזעלשאַפט האָט אָבער א קורצן זיקאָרן, די געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז צום באַדויערן געניגט שאַלעם צו מאַכן מיט געשעענע פאַקטן, ווי דאָס באַמערקט זיך איצט בענעגייע איטאַליע.

אונזער בוך דאַרף שטענדיק דערמאנען וועגן דעם פאַרברעכערישן וועג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער רעגירונג. אונזער בוך טראָגט אריין זייןביילעק אין קאַמף קעגן היטלערישן פאשיזם. דער דאָזיקער קאַמף איז ניט געווענדט קעגן דייטשלאַנד, ער ווערט געפירט פאַר אווירקלעכן דייטשלאַנד.

לאָנדאָן, לאָרדן־הויז צ.—מ.1

לאָרד מארליי.

פאָרזיצער פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו העלפן די קאָרבאָנעס פון דייטשישן פאשיזם.

דער וועג צו דער מאַכט

אין יאַנואר 1919־טן יאָר איז אין מינכען געגרינדעט געוואָרן „די דייטשישע ארבעטער־פּאַרטיי". אין זעלביקן יאָר אין יולי האָט זיך צו דער דאָזיקער פּאַרטיי אָנגעשלאָסן אַדאָלף היטלער, וועלכער האָט אין יענער צייט געדינט אין רייכסווער אלס „בילדונג־אָפיציר". ער איז דער זיבעטער מיטגליד פון דעם קערנדל, פון וועלכן ס'איז שפּעטער אויסגעוואקסן די „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דייטשישע ארבעטער־פּאַרטיי".

ווער זיינען עס די גרינדער און די ערשטע מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער דייטשישער ארבעטער־פּאַרטיי? פון וועלכע שיכטן שטאַמען זיי און וועמעס אינטערעסן שטעלן זיי פאָר? דאָס זיינען פריער פאַר אַלץ סאָלדאַטן און אָפיצירן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַנטוישטע פון דער וועלט־מילכאָמע. פיר יאָר האָבן זיי ערלעך געגלויבט אין די שאָוויניסטישע לאָזונגען. זיי האָבן ריזיקירט מיט זייערע לעבנס, קעדיי „אויסצוקעמפן א מעכטיק גרויס דייטשלאַנד". אומגעקערט זיך פון פראָנט, האָט זיי אויפגעבראַכט די שוואַכקייט פון די הערשנדיקע קלאַסן, דער פאַראַט און דאָס אַנטלויפן פונעם קייזער און פון די איבעריקע סראָרעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַזוי גרינג און מיעס אראָפּוואַרפן פון די טראָנען.

באַליידיקטע און אַנטוישטע ביז גאָר האָבן זיך די דאָזיקע קריגסלייט שוין ניט געקענט אומקערן צוריק צו זייער געוויינלעכן לעבן. זייערע פריערדיקע פּראָפעסיעס האָבן דערצו טיילווייז אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דאָס איז שייך קוידעמקאָל צו די אָפיצירן און אונטער־אָפיצירן, וואָס האָבן געדינט אין דער קאַדער־ארמיי, און צו די פּערזאָנען, וואָס האָבן רעכט געהאַט צו באַקומען פאַר זייער טרייער לאַנגיאָריקער דינסט אין מיליטער ציווילע פּאָסטנס. דאָס געהערט אויך צו אייניקע קאַטעגאָריעס באַאמטע. צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן די אדללייט און סטודענטן, וואָס די מילכאָמע האָט זיי אָפּגעריסן פון זייערע באַשעפטיקונגען, דעקלאַסירטע און ראַדיקאַליזירטע באַלעבעסלדיקע עלעמענטן, פּאַרשטייער פון מיטל־שיכטן, וואָס האָבן איינגאַנצן פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס.

די אַלע עלעמענטן און גרופּעס האָבן זיך א לאָז געטאָן אין די פּילצאַליקע פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס, אין ציווילן זעלבסטשוץ, אין שטאַלהעלם און אין ערהאַרדטס בריגאַדע. די דאָזיקע עלעמענטן האָבן געבילדעט די ערשטע קאַדרען פון יונגן „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד פון די דייטשישע ארבעטער", ווי עס האָט זיך טכילעס אָנגערופן די דאָזיקע פּאַרטיי.

די ערשטע צוויי יאָר נאָך איר גרינדונג איז די פּאַרטיי באַשטאַנען פון א קליין הייפל מיטגלידער. די נאָוועמבער־רעוואָלוציע פון די 1918—1919־טע יאָרן איז אונטערדריקט געוואָרן און דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם איז ניט געלונגען. דער ס. ד. פרידריך עבערט איז געוואָרן דער ערשטער פּרעזידענט פון דער ווײמאַרער רעפּובליק. ווידער האָט זיך פאַרפעסטיקט די הערשאַפט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל. די פּראָפּאַרייִנישע לידערס האָבן געמאַכט א פּשאָרע מיט די אונטערנעמער און געשאַפן די אַזויגערופענע „צענטראַלע ארבעטער־פאַרייניקונג"; זי איז שוין אָנגעמערקט געוואָרן אין נאָוועמבער פון 1918־טן יאָר. אויפגעטאָן האָבן זי דער פירער פון טרעסטירטן קאַפּיטאַל הוגאָ סטינעס און דער פאָרזיצער פון דער גענעראַלער קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרייינען דער ס. ד. קאַרל לעגין.

וואָס האָט דעמאָלט היטלער געקאָנט פאָרלייגן די אָנפירנדיקע גרופּעס פון דייטשישן קאַפּיטאַליזם? זיי האָבן זיך נאָך דאַן ניט געניייטיקט אין זיין פּאַרטיי. היטלערס „פאַרבאַנד" האָט נאָך דאַן ניט געקאָנט האָבן קיין שום באַטייט. ביז אַפּריל 1920 האָט ער גופא נאָך אַלץ געדינט אין רייכסווער און האָט געלייענט פאַר די סאָלדאַטן לעקציעס אף פּאָליטישע טעמעס. דערצו, לויטן אויפטראַג פון רייכסווער, האָט ער זיך נאָך באַדאַרפט באַשעפטיקן מיטן „באַאָבאַכטן" די פּאָליטישע געזעלשאַפטן און פאַרזאַמלונגען, צושטעלנדיק וועגן זיי באַריכטן און אינפאָרמאַציעס. אַזוי אַרום האָט זיך ביי אים אָנגעקניפּט די פאַרבינדונג אויך מיט דער דייטשישער ארבעטער־פּאַרטיי.

אינגיכן אָבער איז דער באַטייט פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּאַרטיי אויסגעוואַקסן. די אינערלעכע פּאָליטישע לאַגע פון דייטשלאַנד האָט זיך געענדערט. ס'האָט זיך שטאַרק גענומען פילן דער דרוק פון ווערסאַלער אָפּמאַך. די פאַרבינדעטע האָבן געפאָדערט פון דייטשלאַנד מיליאַרדן מאַרק רעפּאַראַציעס, און דייטשלאַנד האָט עס געמוזט צאָלן, דייטשלאַנד האָט געמוזט אָפּגעבן טעריטאָריעס, וואָס האָבן געהאַט פאַר איר א וויכטיקע עקאָנאָמישע באַדייטונג„ עלזאַס־לאָטרינגיע, אויבער־שלעזיע, דאָס סאַרער געביט פּויזן און מיירעוו־פּרייסן (דעם אַזויגערופענעם „פּוילישן קאָרידאָר").

דער ווירטשאַפטלעכער כורבן האָט אַרויסגערופן גרויסע פּאָליטישע אויפטרייסלונגען. ערצבערגער און ראַטענאַו, וואָס האָבן געפירט א „פּאָליטיק פון אויספילן" דעם ווערסאַלער אָפּמאַך, זיינען דערהאַרגעט געוואָרן פון נאַציאָנאַליסטישע מערדער. די ברייטע ארבעטער־מאַסן גייען אַלץ מער אָפּ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. צום אָנהייב פילן זיי מיט די אומאָפּהענגיקע און דערנאָך דערנענטערן זיי זיך אַלץ מער צו די קאָמוניסטן. די קאָמוניסטישע באַוועגונג ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ס'קומען פאָר גראַנדיעזע אַנטיפאַשיסטישע דעמאָנסטראַציעס. די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער פירן א קאַמף קעגן דער דיקטאַטור פון עבערטן און די גענעראַלן פון רייכסווער. די דאָזיקע ריזיקע מאַסן־באַוועגונג גיסט זיך אין אָקטאָבער 1923־טן יאָר אויס אינעם האַמבורגער אויפשטאַנד.

די 25 פונקטן און די פּראָגראַם פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן

צו דער דאָזיקער צייט געהערן די ערשטע דערפאָלגן פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּארטיי. אין פעברואַר פון 1920־טן יאָר איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די „פּראָגראַם" פון דער פּאַרטיי — די אזויגערופענע 25 פונקטן. היטלער אליין האָט עס זיי פּראָקלאַמירט אף א פארזאַמלונג פון זיינע אָנהענגער אין דעם מינכענער בירשענק „האָפבראַיהאויז". די דאָזיקע אויך־מיר־פּראָגראַם אנטהאלט אזא מישמאַש פון טעזיסן און פאָדערונגען, וואָס זיינען סויסער איינע די אנדערע. די פּאָליטישע פּראַקטיק פון דער פּאַרטיי האָט קיינמאָל זיי ניט אַנטשפּראָכן. און אינדערעמעסן, וואָס גייט היטלערן און זיינע מיטהעלפער אָן, וואָס די פּראָגראַם איז צום סאָף באַקרוינט מיט אזא מעליצעדיקער דערקלערונג: „די פירער פון דער פאַרטיי זאָגן צו צו קעמפן פארן פארווירקלעכן די אויבן געבראַכטע פונקטן, ניט געקוקט אף קיינע שטערונגען, מאַקרעוו זייענדיק, אויב מען וועט דאַרפן, דאָס לעבן".

גאָטפריד פעדער, איינער פון די, וואָס האָבן פאַרפאַסט די 25 פונקטן, דער „אידעאָלאָג" פון דער פאַרטיי, האָט מיט דער גאַנצער „אַנטשלאָסנקייט" און „קלאָרקייט" אונטערגעשטראָכן אין זיינע קאָמענטאַרן צו דער פּראָגראַם:

„די גרונט־קלאַלים און געדאַנקען פון דער פּראָגראַם זיינען הייליק. קיינע שפּיצלעך און דריידלעך צוליב אוטיליטאַריסטישע מאָטיוון זיינען ניט דערלאָזבאַר; ס'איז ניט דערלאָזבאַר, אז מען זאָל זיך שפּילן אין באַהעלטעניש בענעגייע די וויכטיקסטע פּראָגראַם־פונקטן, וואָס זיינען באַזונדערס ניט אָנגענעם פאַר דער איצטיקער מעלוכישער, ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער אָרדענונג. ס'זיינען ניט דערלאָזבאַר קיינע וואַקלונגען אין די איבערצייגונגען" . . .

נאָר ניט געקוקט אף די דאָזיקע הויכע קנאַקעדיקע פראַזן, האָבן די פירער פון דער פאַרטיי אין זייער פּראַקטישער טעטיקייט אליין געטראָטן מיט די פיס די דאָזיקע „פּראָגראַם" און אויסגעלאַכט זיך פון אַלע זייערע צוזאָגן.

קומענדיק צו דער מאַכט, האָט היטלער גלייך פארגעסן זיינע שוואַועס און ער גייט אף פאַרשיידענע האַנאָכעס מיט דער פעלקער־ליגע, ער גיט אָפּ איטאַליע דאָרעם־טיראָל. כאָטש אין דער ערשטער אויסגאַבע פון פעדערס קאָמענטאַר צו דער פּראָגראַם ווערט געזאָגט, אז „מיר זאָגן זיך ניט אָפּ פון קיין איין דייטש אין דאָרעם־דייטשלאַנד, עלזאַס לאָטארינגיע און ד אָ ר ע ם ־ ט י ר אָ ל". אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבן האָט מען די ווערטער דאָרעם־טיראָל ארויסגעוואָרפן, און פעדער האָט נאָך די האָזע צו שרייבן אין פאָרוואָרט צו דער פינפטער אויפלאַגע: מיר האָבן אריינגעטראָגן בלויז אייניקע סטיליסטישע אויסבעסערונגען".

אנאַלאָגיש איז עס מיט די איבעריקע פונקטן פון דער פּראָגראַם, פריער פון אַלץ מיט די פאָדערונגען אין געביט פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער פּאָ־

ליטיק: „אָפּשאַפן די ניט־אַרבעט־האַכנאַסעס", „פאַרניכטן די פּראָצענטישע שקלאַ־פערײַ" (11־טער פונקט); „קאָנפיסקירן אינגאַנצן אַלע קריג־רעוואַכים" (12־טער פונקט); איבערגעבן דער מעלוכע אַלע אונטערנעמונגען (טרעסטן), וואָס זײַנען ביז איצט פאַרגעזעלשאַפטלעכט געוואָרן (13־טער פונקט). „אָנטײלנעמען אין די רעוואַכים פון די גרויסע אונטערנעמונגען" (14); „אַנטוויקלען אין ברייטסטן מאַסשטאַב דאָס באַזאָרגן די זקיינים" (15־טער פונקט), „שאַפן אַ געזונטן מיטע־לן שיכט און אײַנהיטן אים", „טייקעף מוניציפּאַליזירן די גרויסע אוניווערסאַלע מאַגאַזינען" און „אָפּגעבן זיי אין אַרענדע די קליינע הענדלער", „אַרויסגעבן אַ געזעץ װעגן אָפּנעמען דאָס ערד־אייגנטום אָן געצאָלט פאַר אַלגעמײן־נוצלעכע צוועקן" (16־טער פונקט); „אָפּשאַפן די היפּאָטעק־פּראָצענטן און ניט דערלאָזן קיין שום שפּעקולאַציעס מיט ערד" (17־טער פונקט).

ס'איז איבעריק אָפּצושטעלן זיך אויף יעדן פונקט באַזונדערס פון דער דאָ־זיקער פּראָגראַם. אונז איז נאָר וויכטיק צו דערווייזן, ווי אַזוי די לידערס פון דער פּאַרטיי האָבן אָן קיין שום צערעמאָניעס מיטן גרעסטן ציניזם פאַראַטן זייער אייגענע פּראָגראַם און פאַלסיפיצירן זי פונקט נאָך פונקט.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז די עצעס־פּראָגראַם פול מיט ווידערשפּרוכן, וואָס קאָנען בעשמויפן ניט פאַרענטפערט ווערן: ווי אַזוי אַ שטײַגער קאָן מען „אײַנהיטן דעם מיטעלן שיכט", אויב די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָר־דענונג, וואָס די פאַשיסטן פאַרהייליקן, פירן צו דער פאַרניכטונג פון אָט דעם שיכט? ווי אַזוי קאָן מען העלפן די אָנערדיקע פויערים, אויב מען זאָל וועלן פאַר־היטן די אינטערעסן פון די גרויסע גוטבאַזיצער?

אָט מיט אַזעלכע סטירעס איז פול די גאַנצע פּראָגראַם פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, וועלכע איז פון אָנהויב אָן אויסגערעכנט אויף אָפּצונאַרן די מאַסן.

די ערשטע דערפאָלגן פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג

און אָט מיט אַזעלכע פונקטן איז היטלער אַרויסגעטראָטן אויף די מאַסן־פאַר־זאַמלונגען אין דעם פעריאָד, ווען דער פאַשיזם האָט זיך גענומען פאַרשטאַרקן. דעם אויבנאָן אין דער אַגיטאַציע האָט פאַרנומען דער ווערסאַלער אָפּמאַך. וואָס מער ס'איז געוואַקסן די אומצופרידנקייט פון די קלײנבירגערלעכע שיכטן אַפן באָדן פון דער אינפלאַציע, אַלץ אַ גרעסערן אויילאָם האָבן צוגעצויגן די נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטישע אַרויסטרעטונגען. אין פעברואַר פון 1921־טן יאָר, אינגיכן נאָך די פאַרהאַנדלונגען וועגן די רעפּאַראַציעס, קומט פאָר היטלערס גרויסער מי־טינג אין ריזיקן זאַל פון קראָן־צירק. די טעמע איז: „צי האָט דײַטשלאַנד אַ צו־קונפט, אָדער זי וועט אומקומען"? צום ערשטן מאָל פאָרן אום איבער די גאַסן פון מינכען פּראַכט־אויטאָמאָבילן מיט צעפּלאַטערטע פאַשיסטישע פאָנען; דאָס ווערט געטאָן, קעדיי צו אַפּישירן דעם מיטינג; די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פאַר־

טיי טוט נאָך די אגיטאַציע־מעטאָדן פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. זיי קלעפּן פּאַנאַנדער רויטע פּלאַקאַטן מיט פּאָלגנדיקן דעמאַגאָגישן טעקסט:

„אויב 60 מיליאָן מענער און פרויען — אַלט און יונג — וועלן איינמוטיק דערקלערן: „מיר ווילן נישט", וועט דער ווילן פון אָט די מיליאָנען זיי לעכלאָפּאָכעס זיכערן איינס, נעמלעך, דעם רעספּעקט וואָס מען קאָן ניט האָבן פאַר יענעם, וועלכער קושט די רוט, וואָס שמייסט אים. מיר זיינען מענטשן און ניט קיין הינט. 60 מיליאָן דייטשן דאַרפן געבן צו פאַרשטיין דער אימפּערישער רעגירונג, אַז די אונטערהאַנדלונגען מיטן קעגנער וועלן פירן צו דעם, אַז זי זאָל פאַלגן".

די ווירקונג פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן איז געשטיגן. אין 1929־טן יאָר איז די צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער אויסגעוואַקסן אינצווייען, פון 3 טויזנט ביז 6 טויזנט. די טעטיקייט פון די פאַשיסטן האָט זיך פאַרשפּרייט קימאַט אויסשליסלעך אויף בייערן.

אין צוויי יאָר ארום נאָכן פאַרענדיקן דעם קריג קומען פאָר די ערשטע פאַרטיי־קאָנגרעסן און צוזאַמענפאָרן. אין 1920־טן יאָר אויף דער קאָנפערענץ אין זאַלצבורג ווערן איינגעאָרדנט געמיינזאַמע בּאַראַטונגען מיט די פירער פון דער עסטרייכישער און דאָרעם־דייטשישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אויף דער טעריטאָריע פון דער פאַרמילכאָמעדיקער עסטרייך האָט זיך די דאָזיקע באַוועגונג אָנגעהויבן אַסאַך פריער. אין עסטרייך אין שוין אין 1904־טן יאָר געגרינדעט געוואָרן „די דייטשישע אַרבעטער־פּאַרטיי", אין מאַי פון 1918־טן יאָר, אויף אַ קאָנפערענץ אין ווין האָט זי געענדערט דעם נאָמען און זיך אָנגערופן „עסטרייכישע נאַציאָנאַלסאָציאַליסטישע פּאַרטיי". אַלזאָ דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט. פריער פון אַלץ האָט ער זיך גענומען אַנטוויקלען אין דער אַלטער „פעלקער־טפּיסע", אין עסטרייך, באַזונדערס אין טשעכיע, וואו די נאַציאָנאַלע פראַגע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל. היטלער, אַ געבוירענער אין עסטרייך, האָט פון דאָרטן אַסאַך גענאַשט. אין זאַלצבורג איז פאָרגעקומען אַ פאַרשטענדיקונג מיט יונגן, וועלכער פירט אָן מיט דער טשעכישער פּאַרטיי.

דער 2־טער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין 1921־טן יאָר אין רייכענהאַלע צוזאַמען מיט די רוסישע און אוקראַינישע ווייסגוואַרדייאישע אָרגאַניזאַציעס. אויפן קאָנגרעס איז אַרויסגעטראָטן דער „באַרימטער" העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי. די ווייסגוואַרדייאישע עמיגראַנטן האָבן דערציילט וועגן זייערע אינטערווענץ־פּלענער קעגן דער יונגער ראַטן־מעלוכע, וועלכע האָט אָקאָרשט אַרויסגעיאָגט פון אירע גרענעצן די לעצטע מאַכנעס פון די אינטערווענצן. צוזאַמען מיט די ווייסגוואַרדייער איז אַרויסגעטראָטן דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט אַלפרעד ראָזענבערג, אַ באַלטישער גוטבאַזיצער, שפּעטער דער הויפּטרעדאַקטאָר פון דער צייטונג „פעלקישער בעאָבאַכטער" און דער ראַטגעבער פון דער פּאַרטיי אין די פראַגעס פון אויסערן־

פּאָליטיק. שוין דעמאָלט האָט ראָזענבערג געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט דעטערינגען און מיטן דייטשישן גרויס־אינדוסטריעלער רעכבערגן, ביידע פאַרביסענע סאָנים פון דער ראַטנרעפּובליק. ער שרייבט דעמאָלט אין „פעלקישן בעאָבאַכטער" זיינע ערשטע אַנטיבאָלשעוויסטישע אַרטיקלען, אין וועלכע ער פירט אַ העצע קעגן ראַטנלאַנד און דריקט אויס זיין סימפּאַטיע צו פּוילן (!).

אין יאַנואַר 1922 קומט אין מינכען פאָר דער ערשטער אָפיציעלער צוזאַמענפאָר פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. אין אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן צוזאַמענפאָר שרייבט היטלער, אַז מע דאַרף האָבן אַ רייניקונג פון דער פּאַרטיי. היטלער וויל ווערן דער דיקטאַטאָר פון דער פּאַרטיי און וויל פּאַטער ווערן פון אירע אַלטע גרינדער, באַזונדערס פון אַנטאָן דרעקסלערן און קערנערן, וועלכע האָבן זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו היטלערס נייע, אומפאַרשעמטע מעטאָדן.

די העכערע אָפיצירן פון מינכענער רייכסווער, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס, האָבן שוין לאַנג אונטערשטיצט די יונגע באַוועגונג. צווישן זיי זיינען געווען היטלערס כאַווירים, מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט אין 1919־ און 1920־טן יאָר. מיט זייער הילף האָט ער געשאַפן די דריטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אים שטאַרק צונוץ געקומען שוין אין יענע יאָרן — דאָס זיינען די שטורעם־אָטריאַדן.

ווער האָט היטלערן פינאַנסירט?

איינגיכן האָבן זיך מיט היטלערן און מיט זיינע כאַווירים פאַראינטערעסירט אַ ריי קאַפּיטאַליסטן — באַזונדערס אין דאָרעם־דייטשלאַנד. זיי האָבן געוואָלט אויסנוצן היטלערן און די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן פאַר זייער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק. זיי האָבן פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ נוצן עס קאָן ברענגען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין קאַמף קעגן פּראָלעטאַריאַט. זיי זיינען דעריבער גרייט געווען צו „שטיצן" די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן מיט קאָלערליי סובסידיעס.

שפּעטער טאַקע (אין 1924 יאָר), אויף היטלערס און לודענדאָרפס פּראָצעס, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז היטלער האָט באַקומען פאַר זיין פּאַרטיי גאַנץ היפּשע געלט־סומען פון דירעקטאָר פון בייערישן אינדוסטריעלן פאַרבאַנד, פון געהיימען ראַטגעבער אַאוסט, פון יוריסקאָנסולט פון אָט דעם פאַרבאַנד ד"ר קולאָן, פון פּיאַנע־פאַבריקאַנט בעכשטיינען, פון גרויסן אינדוסטריעלער מאַפּפיי און פון די פאַבריקאַנטן האַרנשו און גראַנדעל. מיט באַריכטן וועגן זיינע „צילן" איז היטלער אַרויסגעטראָטן אין די קלובן פון באַנקירן, פון גרויסע גוט־באַזיצער און אינדוסטריעלער. פאַר די באַריכטן האָט ער געקראָגן באַצאָלט מיט גרויסע סובסידיעס פאַר דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּרעסע און אַנאַלאָגישע צוועקן. שוין דעמאָלט האָט היטלער באַקומען היפּשע סובסידיעס פונם בערלינער גרויסן אינדוסטריעלער באָרזיג, וועלכער איז דער פּאָרזיצער פון דער פאַרייניקונג פון די דייטשישע אונטערנעמער און איז באַוואוסט אַלס פאַרברענטער רעאַקציאָנער אין די פּראַגעס פון סאָציאַלער פּאָליטיק. אויפן פּראָצעס האָט מען אויך גע־

רעדט, אז דר. האומער, היטלערס אגענט אין שווייצאריע, האָט אויסגעבעטן פאר אים א סובסידיע בא הענרי פאָרדן און בא אייניקע פראנצויזישע קאפיטאַ־ליסטישע קרייזן, וואָס האָבן ספעקולירט אפן בייערישן סעפאראטיזם.

דערוויַיזן דאָקומענטאַל און דעטאַל אָט די אַלע פינצטערע קוועלן, פונוואַנען דער „ארבעטער־פירער" היטלער האָט באקומען געלט, וועט מען קאָנען ערשט נאָך דער צוקונפטיקער זיגרייכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, ווען דער פראָלעטאַריאַט וועט עפענען אַלע געהיימע ארכיוון. נאָר אייניקע פאָ־ליטישע באַוויַיזן זיינען מעגלעך אויך איצטער. די הערשנדיקע קלאסן זיינען גע־ווען פאַראינטערעסירט צו שטיצן היטלערן. זיינע קאָלאָסאַלע כויוועס און אויס־גאַבן אף פראָפּאַגאַנדע און אף די שטורעם־אָפּטיילונגען, האָבן געשפּילט א געווי־סע ראָלע אין 1923 און האָבן געווירקט אף אים, ער זאָל צואיילן מיט זיין ארויסטריט.

דער פוטש פון 9־טן נאָוועמבער 1923 יאָר

דער העכסטער פונקט, די פאַרענדיקונג פונעם דאָזיקן ערשטן פעריאָד אין דער געשיכטע פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּארטיי איז געווען דער מינ־כענער פוטש פון 9־טן נאָוועמבער 1923 יאָר. אין משך פון גאַנצן 1923 יאָר האָט היטלער געפאָדערט בא זיינע פאַרבינדעטע אין דער בייערישער רעגירונג און אין רייכסווער אן אַנטשלאָסענעם ארויסטריט. ענדלעך האָט ער אין אָנהויב נאָוועמבער מאָביליזירט זיינע דרוזשינעס. אין בירשענקל „בירגערבראַי" אף א גרוי־סן מיטינג פון די פאַטריאָטישע פאַרבאַנדן האָט ער אוועקגעשטעלט דעם בייערישן קאָמיסאר פון גענעראַל־שטאַב פאָן קאר, דעם וואַקלדיקן גענעראַל פאָן לודענדאָרף און דעם גענעראַל פאָן לאָסאָוו פאר א געשעענעם פאַקט. אומדערוואַרט פאר די מערסטע אָנוועזנדיקע אפן מיטינג האָט היטלער פּראָקלאַמירט די „נאַציאָנאַלע רע־פּובליק". ער האָט געמאָלדן, אז עבערט איז אראָפּגענומען פון פּרעזידענטן־פּאָסטן. זיך אליין האָט היטלער באשטימט פארן רייכסקאַנצלער, קארן האָט ער באַשטימט פארן פּאַרטרעטער אין בייערן, פּענערן — דעם מינכענער פּאָליציי־פּרעזידענט — פארן מיניסטער־פּרעזידענט און לודענדאָרף — פארן מיניסטער פון רייכסווער. דער בייערישער מיניסטער־פּרעזידענט פאָן קנילינג, די מיניסטאָרן הירנער, שווייער, וואוטצעלהאָפּער און דער גענעראַל פאָן לאָסאָוו זיינען ארעס־טירט געוואָרן. נאָר שוין באַלד אין עטלעכע שעה ארום האָט זיי לודענדאָרף בא־פרייט אף אן „ערנוואָרט". קאר האָט לעבאַטכילע איינגעשטימט מיט היטלערס פאָרשלאַג, נאָר באַנאַכט איז ער אין דער באַגלייטונג פון גענעראַל פאָן לאָסאָוו און פּאָלקאָווניק וויסער אוועק אין די קאַזאַרמעס פונעם 19־טן פּאָלק, פונוואַנען זיי האָבן אַלע צוזאַמען מיטגעטיילט דורך ראַדיאָ, אז זיי זיינען קעגן היטלערס איבערקערעניש. זיין האַסקאָמע, וואָס ער האָט געגעבן אף דער איבערקערעניש, האָט קאר דערקלערט פאר ניט ווירקלעך, ווייל מען האָט אים אפן מיטינג גע־

צוואונגען דערצו מיט געווער. דריי אזייגער פּאַרטאָג האָט קאַר צוזאמענגעשטעלט א נייע מיטיילונג, אין וועלכער ס׳איז געזאָגט געוואָרן, אז די „ערגייציקע פאַרעטער, וואָס האָבן געבראַכן דאָס וואָרט״, האָבן פאַרוואַנדלט די מאַניפעסטאַציע פאַר דער אויפלעבונג פון דייטשלאַנד אין א סצענע פון עקלהאַפטן געוואַלד, אז די מעלדונגען, וואָס זיינען „מיט רעוואָלווערן גענומען געוואָרן בא קאַרן, לאָסאָוון און וויסערן״ האָבן קיין שום קראַפט נישט. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דייטשישע פאַרטיי און די קאַמף־פאַריינען „אָבערלאַנד״ און די „אימפּעריעשע פאָן״ ווערן דערקלערט פאַר פאַנאַנדערגעלאָזן. שוין אפן צווייטן פרימאָרגן, דעם 9־טן נאָוועמבער, איז אָט די מיטיילונג און דער באַפעל וועגן פאַנאַנדערלאָזן די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס דערשינען אין די מינכענער ציייטונגען.

היטלער און לודענדאָרף האָבן געמאַכט א פאַרצווייפלטן פרואוו צו אָרגאַניזירן אן איבערקערעניש, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר געוואַלד, האָגאָם ערשט מיט א פּאָר כאַדאָשים צוריק האָט זיך היטלער מיט אן ערנוואָרט פאַרפליכטעט פאַרן בייערישן אינערן־מיניסטער שווייער, אז ער וועט נישט איינגיין אף א פּוטש. די קאַמף־פאַריינען מאַרשירן איבער מינכען. דער רייכסווער האַלט נייטראַליטעט און שיסט נישט. די בייערישע פּאָליציי וואַרפט אָפּ היטלערן בא דער „פעלדהערנהאַלע״ און גיט אַ זאַלפּ איבער די אויפשטענדלער. 15 היטלעראָווצעס ווערן דערהאַרגעט. היטלער מאַכט פּלייטע. אין עטלעכע טעג אַרום ווערט ער אַרעסטירט אין א קאַמפּאַרטאַבעלער ווילע פון איינער א פּרינצעסן — ער האָט נישט באַוויזן אַריבערצוגיין דעם עסטרייכישן גרענעץ. גערינג איז אַנטלאָפן קיין איטאַליע, פון דאָרטן אין שווייצאַריע, לודענדאָרפן האָט מען געשאַנעוועט און נישט אַרעסטירט.

דער פּראָצעס איבער די פּוטשיסטן קומט פאָר אין פרילינג 1924 יאָר אין פּאָלקס־געריכט אין מינכען. די ריכטער זיינען געווען הומאַניש און העפלעך. אף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיינען דאָך געזעסן אייגענע מענטשן, „קאָשערע״ נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן געהאַט די „סאַמע בעסטע צילן״. די שרייבער פון דער פּאַרטיי־געשיכטע דערציילן, אז די באַשולדיקטע זיינען געווען פריילעך געשטימט, האָבן געשמייכלט און געשפּאַסט. היטלער איז פאַרמישפּעט געוואָרן צו 5 יאָר פעסטונג. דערביי אָבער האָט דער אורטייל געלויטעט, אז ווען ער וועט אָפּקומען א טייל פון דער שטראָף, וועט די איבעריקע צייט אים פאַרעכנט ווערן ווי א באַדינגלעכע. שוין אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום, אין דעצעמבער 1924, האָט מען אים אַרויסגעלאָזן פון דער לאַנדסבערגער פעסטונג. די איבעריקע באַשולדיקטע האָבן זיך אָפּגעפּאַטערט מיט דריי כאַדאָשים פעסטונג. לודענדאָרף איז אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן, ווייל ער „האָט געהאַנדלט אין אן עפעקט־צושטאַנד״. היטלערן, וואָס איז נאָך דאַן געווען אן עסטרייכישער אונטערטאַן, האָט מען דערלויבט צו פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד און מען האָט אים נישט אַרויסגעשיקט. די דייטשישע רעאַקציאָנערע יוסטיץ האָט אויסגעפּילט איר כויוו בענעגייע דעם דאָזיקן „רעוואָלוציאָנער״.

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי
גייט צייטווייליק אַראָפּ פון דער סצענע

דער ניט־געלונגענער פּוטש פון 1923 יאָר פאַרענדיקט דעם „רעוואָלוציאָנערן" פּעריאָד פון דער היטלערישער באַוועגונג. פון אָט דעם מאָמענט אָן ווערן אָפּגעגעבן אין ארכיוו אלע אומלעגאַלע און אפילו האַלב־אומלעגאַלע פּלענער פון א באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער „בערלינער אידישער רעגירונג". דאָס דער־קלערט זיך דערמיט, וואָס אין דייטשלאַנד קומט פאַר א טיילווייזע ווירטשאַפט־לעכע סטאַביליזאַציע און די שאַרפע אומצופרידנהייט פון די קליינבירגערלעכע מאַסן ווערט עטוואָס געשטילט. די פּאַרטיי לעבט איצט איבער א פּעריאָד פון טיפער ירידע און זי פאַרשווינדט קימאַט אינגאַנצן אויף עטלעכע יאָר פון דער פּאָליטישער אַרענע. די „פעלקישע" און די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן צוזאַמען נאָך אין מאַי 1924 יאָר באַקומען 1,9 מיליאָן שטימען (32 מאַנדאַטן), באַקומען שוין אין דעצעמבער פון זעלביקן יאָר בלויז 840 טויזנט שטימען (14 מאַנדאַטן). זיי קייקלען זיך אַראָפּ צו דער לאַגע פון גאָר א קליינער פּאַרטיי, אין דער צייט, ווען די נאַציאָנאַליסטן האָבן באַקומען 100 און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן 120 מאַנדאַטן.

די ווייטערדיקע יאָרן גייען דורך אין קאַמף צווישן די באַזונדערע ריכטונגען אין דער פּאַרטיי — צווישן די „פעלקישע" (די פאָלקיש־דייטשע פרייהייטס־פּאַר־טיי) און די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. זומער 1925 יאָר קומט פאָר צווישן זיי א שפּאַלטונג. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן טיילן זיך אָפּ פון די „פעלקישע". אין דער צייט האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטן מעיאַשעוו געווען אָפּצונעמען באַם פּראָלע־טאַריאַט די האַנאָכעס, וואָס די ארבעטער האָבן אויסגעקעמפט אין דער נאָוועמ־בער־רעוואָלוציע פון 1918 יאָר. אין יאַנואַר 1925 יאָר ווערט געשאַפן א רעאַק־ציאָנערע רעגירונג פון בורזשואַזן בלאָק מיט די נאַציאָנאַליסטן אין דער שפּיץ.

אין דריי כאַדאָשים אַרום קלויבן אויס די פאַראייניקטע רעכטע פּאַרטייען דעם פעלד־מאַרשאַל פאָן הינדענבורג פאַרן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק אויף עבערטס אָרט. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אין ערשטן טור געשטימט פאַר דער האָפענונגסלאָזער קאַנדידאַטור פון גענעראַל לודענדאָרף, האָבן אין צווייטן אויך געשטימט פאַרן מאַרשאַל הינדענבורג. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן
פאַר די אינטערעסן פון דער דינאַסטיע

ווען אין 1926 יאָר האָט מען דורכגעפירט דעם פּלעביסציט וועגן דער פראַגע, צי מען זאָל עקספּראָפּריאירן די געוועזענע דייטשישע פירשטן, האָבן זיך די נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטן געשטעלט אין איין לאַגער מיט אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען — פון די נאַציאָנאַליסטן ביזן צענטער און די דעמאָקראַטן. „די עקספּראָפּריאַציע פון

די פירשטן הייסט צוגאַנוועגען ביי זיי דאָס ערלעך דערוואָרבענע אייגנטום" — אזוי האָבן אין איין קאָל געשריגן די דאָזיקע פּאַרטייען. אַגעוו, אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן ניט אָפּגעטראָטן פון אָט דער פּאָזיציע זייערער. ווען די קאָמוניסטן האָבן אַריינגעטראָגן זייער פּאָרשלאָג צו עקספּראָפּריאירן אָן אויסקויף־געלט דעם פּאַרמעגן פון די גרויספירשטן און אויפהערן אויסצאָלן דעם געוועזענעם קייזער און זיינע פּרינצן מיליאָניקע פּענסיעס, האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן געמאָלדן מיטן מויל פון קובע, זייער פראַקציע־לידער אין פּרייסישן פּאַרלאַמענט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אָבער פּרעזידענט פון בערלין און בראַנדענבורג:

„אויס געפּיל פון יושר (!) וואַרפן מיר אָפּ דעם קאָמוניסטישן פּאָרשלאָג צו עקספּראָפּריאירן די גרויספירשטן. דער דייטשישער סאָציאַליזם דאַרף אָנערקענען די רעכט אַפילע פון די האָהענצאָלערן".

די דייטשישע געוועזענע פירשטן האָבן פאַר דער דאָזיקער פּאָזיציע פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זיי גוט באַלוינט, איבערגעבנדיק אין זייער רעשוס מיליאָניקע סומען פון די באַלוינונגען, וואָס זיי האָבן באַקומען.

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן ניט געקענט אָפּלייקענען, אַז אַפילע דער געוועזענער קייסער ווילהעלם דער צווייטער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פינאַנסירן די שטורעם־אָפּטיילונגען.

שטראַסער און געבבעלס
אין דער ראָלע פון „סאָציאַליסטן"

איינצייטיק — דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צווייפּנעמדיקער אויסגעשפּראָכן דעמאַגאָגישער פּראָפּאַגאַנדע פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן — פּאָרט אַרום איינער פון היטלערס פאָנען־טרעגער גרעגאָר שטראַסער איבער צאָפן און מיזרעך־דייטשלאַנד און פאַרשפּרייט דאָרטן די „סאָציאַליסטישע" לאָזונגען פון דער „דייטשישער רעוואָלוציע". גראָד דעמאָלט איז אָפן אויבערפלאַך אַרויפגעשוואומען אויך יאָזעף געבבעלס — אַ יונגער קאַטוילישער ליטעראַט פונעם ריינישן געביט.

אין אָקטאָבער 1925 האָט שטראַסער געגרינדעט זיינע „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע בריוו", וועלכע זיינען געוואָרן דער אידעאָלאָגישער אָרגאַן, פון „לינקן" פּאַרטיי־פליגל. געבבעלס אַרבעט פריער ווי אַ מיטאַרבעטער פון די „בריוו", דערנאָך איז ער געשיקט געוואָרן אין בערלין פאַרן אָנפירער פון דער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

אין בערלין האָט נאָך דאַן די באַוועגונג געהאַט זייער שוואַכע וואָרצלען. פון יולי 1927 יאָר לאָזט ער אַרויס אַן אייגענעם זשורנאַל אונטערן נאָמען „אַנגריף" מיט פּסעוודאָסאָציאַליסטישע לאָזונגען: „פאַר די אונטערדריקטע! קעגן די עקספּראָפּריאַטערס!" צוזאַמען מיט זיין ברודער אָטאָ, וועלכער איז אַמאָל געווען

א סאָציאַל־דעמאָקראַט, גרינדעט ער אין בערלין א קליינעם פארלעגערישן קאָנ־צערן „קאמפף״. דער דאָזיקער פארלאג לאָזט ארויס דריי צייטונגען, בראָשורן, ביכער א. א. וו. אין די אַלע אויסגאבן ווערט גענומען זייער אַ „ראַדיקאַלער״ טאָן. אַפן לייענער האָט מען זיך געמיט צו שאַפן אן איינדרוק, אז צו אים רעדט אן עמעסער „פריינט פון פאָלק״ און אפילע אן אָנהענגער פון „קלאסנקאמף״.

„די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פארטיי איז א קלאסן־פארטיי (!) פון דער שעפערישער ארבעט״ — לייענען מיר אין דער בראָשור „דער נאַציאָנאַלער אָדער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם״, וואָס איז ארויס אין שטראסערס פארלאג. דאָס זעלביקע לידל זינגט אויך געבעלס, אין זיין בראָשור „די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, פראגעס און ענטפערס פאר א נאַציאָנאַליסט״ שרייבט ער:

„ס׳איז ניטאָ קיין מער ליגנערישעס, ווי אַ גראָבער אָפּגעפרעסענער בורזשוי, וועלכער פּראָטעסטירט קעגן דער אידיי פון פּראָלעטאַרישן קלאסן־קאמף... וואָס גיט דיר דאָס רעכט צו גרויסן זיך מיטן באַוואוסטזיין פון דער נאַציאָנאַלער פאר־אַנטוואָרטלעכקייט און ארויסצוטרעטן קעגן קלאסן־קאמף פון פּראָלעטאַריאַט?.. ווי שעמט איר זיך ניט, אָפּגעפרעסענע בירגער פון מיטל־איירָאָפּע, אָפּזאָגן די ניט־דערעסענע, הונגעריקע, אויסגעפּלאָגטע ארבעטסלאָזע פּראָלעטאַריער אין זייער רעכט אַף קלאסן־קאמף. יאָ, מיר רופן זיך אָן ארבעטער־מעלוכע, דאָס איז דער ערשטער שריט אוועקצוגיין פון דער בורזשואזער מעלוכע. מיר רופן זיך אָן ארבעטער־פּארטיי, ווייל מיר ווילן מאכן די ארבעט פריי״...

אָט אזוי זים האָט נאָך ערשט ניט לאַנג געכאַנפעט די ארבעטער דער צו־קינפטיקער מיניסטער פאר פאָלקס־בילדונג און פּראָפּאגאנדע אין דער „דריטער אימפעריע״. איצט, פארשטייט זיך, האָט מען אן די אַלע צוזאָגן פארגעסן און דער פאשיזם באַווייזט זיין עמעסן קלאסן־פּאָנעם.

די נייע מאפּאָלע אין 1928 יאָר

ניט היטלערן מיט זיינע לעקציעס פאר די „אָנגעפרעסענע בורזשויען״ אין ריינישן געגנט און אין רור און ניט שטראסערן און געבעלסן איז פונדעסטוועגן געלונגען צו פארשטאַרקן די ווירקונג פון דער פארטיי אַף די מאסן. עמעס, פאר די דאָזיקע יאָרן האָט זיך די פארטיי אינערלעך אין א געוויסער מאָס קאָנסאָלי־דירט. די צאָל פון אירע מיטגלידער איז פון 17 טויזנט (אין 1926 יאָר) געשטיגן ביז 49 טויזנט (אין 1927). עס זיינען פאָרגעקומען צוויי פארטיי־צוזאמענפאָרן: אין 1926 יאָר אין ווייַמאר און אין 1927 אין נירנבערג. ווידער זיינען געגרינדעט געוואָרן שטורעם־אָפּטיילונגען. די פארטיי רייניקט זיך אָפּ פון א ריי „געפערלעכע נאראָנים״. דערונטער ווערט ארויסגעוואָרפן דער „ראָסנפּאָרשער״ אין טירינגען דינטער. דערנאָך, קעדיי צו קאַשערן די פארטיי און עפענען פאר איר די טירן פון די סאַלאָנען, ווערט אין 1927 יאָר אויסגעשלאָסן דער באַרימטער מערדער היינעס, וועלכער פלעגט אויספילן די אורטיילן פון די געהיימע טריבונאַלן. אגעוו, האָט אים שפּעטער היטלער ווידער צוגענומען אין פארטיי און געמאכט פארן פּאָליציי־פּרע־

זידענט אין ברעסלאו און פאַרן הויפּטשעף פון די שטורעם־אָפּטיילונגען אין גאַנצן צאָפן און מיזרעך־דייטשלאַנד, ניט געקוקט אויף די בלוטיקע רעציכעס פונעם דאָזיקן העלד.

ביי די וואַלן אין רייכסטאָג אין מאַי 1928 יאָר האָט די פּאַרטיי ווידער געליטן א שווערע מאַפּלע. זי האָט באַקומען נאָר 12 ערטער אין רייכסטאַג. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען נאָך ניט געווען גינסטיק פאַרן וואוקס פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג. אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד איז אין די יאָרן 1924—1927 פאָרגעקומען א געוויסע פאַרבעסערונג און דאָס האָט פאַרגרינגערט די לאַגע פון דער קליין־בורזשואזיע און פון איינקע קאַטעגאָריעס אַרבעטער.

דער עקאָנאָמישער קריזיס אין דייטשלאַנד

דער קלוימערשטער ווירטשאַפטלעכער אויפבלי האָט שוין דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט. דער אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער קריזיס האָט פריער פאַר אַלעמען געטראָפן דייטשלאַנד. די פּראָדוקציע האָט זיך פאַרקירצט. ס׳איז געשטיגן די אַרבעטסלאָזיקייט. אין ווינטער 1930 יאָר זיינען שוין אין דייטשלאַנד געווען העכער דריי מיליאָן אַרבעטסלאָזע. דער קאַפּיטאַל האָט אונטערגענומען א העפטיקן אָנגריף קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס: די אונטערנעמער האָבן קעסיידער אַראָפּגעזעצט דעם אַרבעטסלוין. לויט די אָפיציעלע יעדיעס איז דער פאַרדינסט פון די אַרבעטער פאַר דער צייט פון דער פאַפּען־שלייכער־רעגירונג געפאַלן מער ווי אויף א העלפט אין פאַרגלייך מיט די סכירעס אין 1928—1929 יאָר. די אַלגעמיינע סומע פון אַרבעטסלוין איז פאַר די יאָרן 1929—1932 געפאַלן אויף 38 מיליאַרד מאַרק.

פּאַראַלעל מיט דעם הערט ניט אויף צו שטייגן די צאָל אַרבעטסלאָזע. לויט די אָנגאַבן פון דייטשישן אַרבעטס־מיניסטעריום איז אין ווינטער 1931—1932 געווען אין דייטשלאַנד העכער זעקס מיליאָן אַרבעטסלאָזע. אַהער זיינען נאָר אַריין די ניט־באַשעפטיקטע, וועלכע זיינען פאַרעגיסטרירט אויף די מעלוכישע אַרבעטס־בערזעס. אין דער ווירקלעכקייט איז די אַרבעטסלאָזיקייט געווען אַסאַך גרעסער. לויט די יעדיעס פון קאָניונקטור־אינסטיטוט איז אין יענעם ווינטער געווען אין דייטשלאַנד אַכט מיליאָן ניט־באַשעפטיקטע. נאָר דאָס איז נאָך אויך ניט די ווירקלעכע צאָל. אַהער האָט מען ניט אַריינגערעכנט די „שנאָרער", די „בראָדיאַגעס", די רואינירטע קליינהענדלער, די אַזויגערופענע פרייע פּראָפעסיעס, וואָס זיינען געבליבן אָן יעטווועדער אַרבעט, די יוגנט, וועלכע ענדיקט די שולן און האָט זיך ניט וואו איינצואָרדענען. אויב מען וואָלט אָט די אַלע קאַטעגאָריעס גענומען אין אַכט, וואָלט זיך באַקומען א ציפער פון צען מיליאָן אַרבעטסלאָזע.

זייער שווער האָט דער קריזיס געטראָפן די אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס. דער לעבנס־ניוואָ פון די לערער, אינזשעניערן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, שרייבער, מאָלער ווערט אַלץ ערגער און ערגער. א פערטל טייל פון אַלע פּערזאָנען מיט הויכבילדונג האָבן ניט קיין שטעלעס. 70 פּראָצענט פון די דייטשישע דאָקטוירים האָבן אין 1932 יאָר פאַרדינט וויניקער פון 170 מאַרק א כוידעש. די „דייטשישע אַד־

וואָקאַטן־געזעלשאַפט" ברענגט פּונקט אַזעלכע ציפער אויך פאַר אַדוואָקאַטן. פון 22 טויזנט יונגע לערער האָבן נאָר 990 געקאָנט קריגן אַרבעט און דאָס אויך אויסשליסלעך אַלס פאַרטרעטער אָדער געהילפן. די דאָזיקע ידיעות האָט פאַרעפנטלעכט דאָס דייטשישע פאָלקסבילדונגס־מיניסטעריום. ניט בעסער איז מיט די אינזשעניערן, צווישן וועלכע די אַרבעטסלאָזיקייט איז פאַר די יאָרן 1930—1932 געשטיגן אויף 500 פּראָצענט. דערצו האָט מען פאַרקירצט די אַרבעטס־וואָך. אין אַסאַך אונטערנעמונגען האָט מען געאַרבעט 3—5 טעג אַ וואָך.

די רעפּאַראַציעס האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט די ווירקונג פון עם קריזיס.

די פּראָלעטאַרישע אַרבעטער־מאַסן ווערן אַלץ מער רעוואָלוציאָנער געשטימט. אינגיכן נאָכן דערפאָלג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף די וואַלן אין מאַי 1928 יאָר טוען זיך די אַרבעטער־מאַסן אַ קער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די שיכטן פון דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע, וואָס זיינען ביז איצט געווען אינדיפערענט געשטימט, ווערן פאַר דער צייט פון עם קריזיס אַריינגעצויגן אין דער פּאָליטיק. דאָס פּויערטום הייבט זיך אָן צו רירן; אין צפון־דייטשלאַנד קומען אין 1929 יאָר פאָר פּויערישע בונטן. די דאָרפישע האָרעפּאַשנע מאַסן פאַריאָגן די געריכטס־באַאַמטע, וועלכע שרייבן אָפּ בײַ די פּויערים די לעצטע בהמה און פאַרקויפן אויף אויקציאָן די פּויערישע בעבעכעס. האַמוינים פּויערים קלייבן זיך צונויף בײַ די געבײַדעס פון דער שטייער־פאַרוואַלטונג. ס׳דערגייט אָפט ביז בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און אפילו צו באָמבעס־אַטענטאַטן. אין דער פּרייסישער פּראָווינץ שלעזוויג־האָלשטיין ווערן געמאַכט פּרוּוון אויפצורייסן די פאַרוואַלטונג פון די לאַנדראַטן און אַנדערע רעגירונגס־געבײַדעס.

די בורזשואַזיע זעצט פאָר איר אָנגריף, כדי צו ליקווידירן די האַכנאָסעס, וואָס די אַרבעטער האָבן בײַ איר אַרויסגעריסן אין 1918 יאָר. די רעגירונג פון בורזשואַזן בלאָק, וואָס בעראָש פון איר איז געשטאַנען דער מיטגליד פון דער פאָלקס־פּאַרטיי לוטער (איצט דער דייטשישער געזאַנדטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן) און דער לידער פון צענטער מאַקס, ווערט פאַרביטן אין 1928 יאָר מיט דער רעגירונג פון דער „גרויסער קאָאַליציע", אין וועלכער ס׳גייען אַריין אַ רייע פּאַרטייען — אָנגעהויבן פון דער דייטשישער פאָלקס־פּאַרטיי פון דער שווערער אינדוסטריע, ביז דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דער פאָרזיצער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי מילער ווערט רייכסקאַנצלער, צוזאַמען מיט אים באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג נאָך דריי סאָציאַל־דעמאָקראַטן: סעווערינג (אינערן־מיניסטער), הילפערדינג (פינאַנץ־מיניסטער, פּונקט ווי אין 1923־טן יאָר) און וויסעל (אַרבעטס־מיניסטער). דער לידער פון דער דייטשישער פאָלקס־פּאַרטיי שטרעזעמאַן האָט באַקומען דער פּאָרטפעל פון אויסערן־מיניסטער, זיין פּאַרטיי־כאַווער ד״ר. קורציוס — דעם פּאָרטפעל פון מיניסטער פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט, דער דעמאָקראַט געסלער (איצט פאַשיסט) דעם פּאָרטפעל פון קריגס־מיניסטער, פאַר הערמאַן מילערן איז דורכגעפירט געוואָרן דער יונג־פּלאַן.

ברינינגס ערע

אין דעצעמבער 1929 יאָר איז אראָפּגעוואָרפן געוואָרן דער פינאַנץ־מיניסטער הילפערדינג, כאָטש ער האָט פארשאפט גרויסע פּראָפיטן די דייטשישע באנקירן, ארויסלאָזנדיק אַ האלוואַע, וואָס איז ניט באַשטייערט געוואָרן. אין עטלעכע כאַדאָשים ארום, אין מערץ 1930 יאָר, איז געפאלן מילערס קאבינעט. אים האָט פארביטן ברינינג, וועלכער האָט מעשאַלייעך געוועזן די סאָציאַל־דעמאָקראטן פון דער רעגירונג. ברינינג האָט ניט קיין מערהייט אין פּארלאמענט, נאָר די סאָציאַל־דעמאָקראטן שטיצן אים און באַציען זיך צו זיין רעגירונג ווי ווייט מעגלעך „טאָלעראנט". די דאָזיקע רעגירונג נעמט א קורס אף ארייננצוציען אין דער רעגירונג די נאציאָנאַל־סאָציאַליסטן.

ברינינג רעגירט מיט דער הילף פון 48־טן פּאראגראף פון דער ווייסארער קאָנסטיטוציע. אין דער געשיכטע פון דער דייטשישער רעפּובליק איז דאָס ניט דער ערשטער פאל, ווען מען האָט אָנגעווענדט אויסנאַמס־געזעצן און אָפּגעשאַפט די דעמאָקראטישע רעכט, קעדיי ארייננצוטראָגן „קאָרעקטיוון" אין גאנג פון דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג, אויב די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז געווען געפערלעך פארן קאפּיטאַליזם.

זייענדיק פּרעזידענט, האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראט עבערט ניט איינמאָל אויסגענוצט אין די יאָרן 1919—1923 דעם 48־ער פּאראגראף אף צו פארווערן שטרייקן, אף צו אָרגאניזירן די שטרייקברעכערישע גווארדיע, די אזויגערופענע „טעכנישע הילף". האָט מען געדארפט מיט דער הילף פון רייכסווער אויפשטעלן די „קאָנסטיטוציאָנעלע לאגע" אין זאקסן און פארבאָטן דאָרט די קאָמוניסטישע פּארטיי, האָט מען זיך ווידער דערמאנט אָנעם דאָזיקן פּאראגראף. אפן זעלביקן סמאך האָט אין 1929־טן יאָר דער ס.־ד. צערגיבעל, דער געוועזענער לידער פון די פּראָפאריינען, זייענדיק בערלינער פּאָליציי־פּרעזידענט, פארווערט די ערשט־מאיקע דעמאָנסטראציע פון די בערלינער ארבעטער. ווען די ארבעטער האָבן זיך ניט גערעכנט מיט זיין פארבאָט און האָבן אָרגאניזירט די דעמאָנסטראציע, האָט ער געשיקט קעגן זיי פּאָליציי־מיליטער, וועלכע האָט דערשאָסן 33 ארבעטער. אין עטלעכע טעג ארום האָט סעווערינג פארווערט דעם „פארבאַנד פון די רויטע פראָנטאָוויקעס", די אנטיפאשיסטישע אָרגאניזאציע פון פּראָלעטאריאט. די נאַציאָנאַל־סאָציליסטן האָט מען דערביי געלאָזט צורו און זיי האָבן ווי פריער פריי און אומגעשטערט אָרגאניזירט זייערע שטורעם־בריגאדעס.

ברינינג באַזייטיקט דעם רייכסטאג. די סאָציאַל־דעמאָקראטישע פּארטיי גיט אף דעם איר האסקאָמע. ער רעגירט מיט דער הילף פון „אויסעראָרדנטלעכע" דעקרעטן, אפן סמאַך פון 48 פּאראגראף. ער פארקירצט די שטיצע פאר די ארבעטסלאָזע, פארקלענערט די פּענסיע פאר די קריגס־אלמאָנעס און יעסוימים, פארגרעסערט די שטייערן אפן כעשבן פון די אָרעמע מאסן, פארגרעסערט די טאמאזשנע אָפּצאָלן און פארשטאַרקט אף אזא אופן דעם יאקרעס אין לאנד. די בענק און

די קאַפּיטאַליסטישע קאָנצערנס באַקומען אָבער מיליאָניקע סובסידיעס. די גרויסע גוטבאַזיצער פאַרשטאַרקן די פינאַנציעלע לאַגע פון זייערע גיטער אפן כעשבן פון די ארבעטנדיקע. און די פּאָליציי־פּרעזידענטן, וואָס מער ווי אַ העלפט פון זיי זיינען סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דערשטיקן ברוטאַל די פּראָטעסט־באַוועגונג פון די אַרבעטער, פאַרווערן די קאָמוניסטישע פּרעסע און אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט „געדולדעט" ברינינגס רעגירונג, וואָס האָט דיקטאַטאָריש רעגירט איבערן לאַנד, באַרויבט ביז גאָר די מאַסע און צוגעגרייט אַ באָדן פאַרן אָנטייל פון די נאַצ.־סאָציאַליסטן אין דער רעגירונג.

אין דער צייט קומט פאָר דער צווייטער אויפשטייג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פירט איר אַרבעט אַף אַ שטרענג לעגאַלן באָדן, אינאיינעם מיט הוגענבערגן, וועלכער שטעלט פאָר דעם רעאַקציאָנערן פליגל פון דער שווערער אינדוסטריע און דעם גרויסן ערדבאַזיץ, אינאיינעם מיטן שטאָלהעלם און אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פירט זי דורך אַ פּלעביסציט קעגן יונג־פּלאַן. עמעס, דער פּלעביסציט האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל, נאָר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן ווידער אַ געווויסן דערפאָלג באַ די וואַלן אין זאַקסישן און טירינגישן לאַנדטאַג און ביי די קאָמונאַלע וואַלן אין פּרייסן.

אין יאַנואַר 1930 ווערט פריק דער אינערן־מיניסטער פון טירינגען. דאָס איז דער ערשטער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער מיניסטער אין דייטשלאַנד. די נאַצ.־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז דעמאָלט אַריינגעטראָטן אין אַ קאָאַליציע מיט אַלע רעכטע פּאַרטייען אין טירינגען, דערין אויך מיט דער דייטשישער פאָלקס־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אין יענער צייט געפונען אין איין קאָאַליציע מיט די ס. ד. אין רייכסטאַג. נאָך מיט אַ יאָר צוריק האָט געבעלט אין זיין „אַלעפבייז פון אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט" דערקלערט, אַז די דייטשישע פאָלקס־פּאַרטיי שטעלט פאָר די אינטערעסן פון גרויס־קאַפּיטאַל. איצט באַטייליקט זיך דער פאַרשטייער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין איין רעגירונג מיט די פאַרשטייער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי.

היטלער באַווייזט זיין עמעסן פּנים

אַ טייל „סאָציאַליסטן" אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער שפּיץ מיט אָטאָ שטראַסערן געפינט ניט פאַר מעגלעך צו האַלטן זיך ווייטער ביים לעגאַלן קורס. אין מאַי 1930 טרעט ער אַרויס פון דער פּאַרטיי מיטן לאָזונג: „די סאָציאַליסטן פאַרלאָזן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי". פאַר דעם האָט שטראַסער געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך מיט היטלערן:

„די אַרבעטער־מאַסע — האָט היטלער געזאָגט צו שטראַסערן — וויל קיין זאַך ניט אויסער ברויט און פאַרוויילונג. זי וויל ניט וויסן פון קיינע אידעאַלן. מיר קאָנען קיינמאָל ניט האָפן צו געווינען באַדייטנדיקע אַרבעטער־מאַסן. מיר שטרעבן אָפּקלייבן אַ נייעם הערן־שיכט, וואָס וועט ניט

האַנדלען אויס ראַכמאָנעס־מאָראַל ווי איר״.

שטראַסער האָט געשטעלט היטלערן פאָלגנדיקע פראַגע: „אויב איר וואָלט מאָרגן באַקומען די מאַכט אין דייטשלאַנד, וואָס וואָלט איר א שטייגער געטאָן מיט קרופּס אקציאָנערן געזעלשאַפט? וואָלט איר דען איבערגעלאָזן אָן ענדערונג די איצטיקע לאַגע פון די אַקציאָנערן און ארבעטער אין פראַגע פון רעכט אויף אייגנטום, אָנפירונג און רעוועך?

אויף דעם האָט היטלער געענטפערט:

„זעלבסטפארשטענדלעך. האַלט איר דען מיך פאַר א מעשוגענעם, אז איך וועל נעמען פארניכטן די ווירטשאַפט?״

היטלער האָט זיך אויף אַזאַ אויפן אָפן דערקלערט פאר אן אָנהענגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און האָט דערמיט געוואָלט נויסע כיין זיין בא די מאַגנאַטן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

ער האָט זיי דערוויזן, אז די עקאָנאָמישע פּראָגראַם פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, פּונקט אַזוי ווי פון איטאַליענישן פאַשיזם, איז אויסן נאָר צו פארפעסטיקן און זיכערן דעם קאַפּיטאַליזם.

די סעפּטעמבער־וואַלן פון 1930 יאָר

דעם ערשטן גרויסן וואַל־דערפאָלג האָט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּארטיי אָפּגעהאַלטן בא די וואַלן אין רייכסטאַג אין סעפּטעמבער 1930 יאָר. זי האָט דאַן באַקומען 6,4 מיליאָן שטימען און 107 מאַנדאַטן און איז געוואָרן די צווייטע נאָך דער ס. ד. פּארטיי. די קאָמוניסטן האָבן געוואונען 600 טויזנט נייע שטימען, די דייטשישע נאַציאָנאַלע פּארטיי האָט פארלאָרן א העלפט פון אירע מאַנדאַטן, די דייטשישע פאָלקס־פּארטיי — איין דריטל. דעם דאָזיקן דערפאָלג האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן באַקומען דערפאַר, וואָס זייער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אויסגערעכנט אויף צו געווינען די ראַדיקאַליזירטע קליינבירגערלעכע מאַסן. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן געשאָטן מיט צוזאָגן פאר אַלע סאָציאַלע גרופּעס, די פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך געפירט אָפן כעשבן פון די קאָלאָסאַלע סומען, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פארזאָרגער פון דער פּארטיי האָבן אויף דעם געגעבן. מיט זייער אַגיטאַציע קעגן ווערסאַלער אָפּמאַך און קעגן יונג־פּלאַן האָבן די נאַצ. סאָציאַליסטן געוואונען די קליינבירגערלעכע מאַסן, וואָס לאָזן זיך באַווירקן פון קאָלערליי שאָוויניסטישע לאָזונגען. זיי האָבן אַלעמען אַלץ צוגעזאָגט: די ארבעטער, אז מען וועט זיי העכערן דעם לוין, די אונטערנעמער, אז זיי וועלן האָבן גרעסערע רעוואָכים, די לאָקאַטערס, אז מען וועט ביליקער מאַכן דירע־געלט, די באַלעבאַטים פון די הייזער, אז מען וועט העכערן די דירע־געלט, די פּויערים, אז מען וועט הייבן די פּרייזן, דער קליינבורזשואַזיע, אז די פּרייזן וועלן ווערן קלענער. דעם פּראָלעטאַריאַט אָבער איז זיי ניט געלונגען אָפּצונאַרן, זיי האָבן נאָר אָפּגעצויגן באַדייטנדיקע וויילער־שיכטן בא די בירגערלעכע פּארטייען.

צי וועט היטלער באַשטימט ווערן פאַר רייכסקאַנצלער?

ברינינג איז אַלץ געבליבן אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג און האָט געהאַלטן אין איין אַרויסלאָזן אויסעראָרדנטלעכע דעקרעטן, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אים אין דעם געשטיצט. וואָס מער ס׳איז געוואַקסן די נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אַלץ אָפטער איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע, אַז מען זאָל די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אָפּן אַריינציִען אין דער רעגירונג.

אין אַפּריל 1932 איז הינדענבורג צום צווייטן מאָל אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. אויסגעקליבן האָט מען אים מיט דער הילף פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שטימען, וועלכע האָבן געוואָרפן דעם לאָזונג: „ווער עס שטימט פאַר הינדענבורגן, יענער שלאָגט היטלערן!״ אין מאַי 1932 יאָר איז ברינינג אונטערן דרוק פון די מיזרעך־פּרייסישע גוטבאַזיצער געפאַלן. זיין אָרט האָט פאַרנומען די רעגירונג פון פּאַפּען־שלייכער.

פאַר דער נייער רעגירונג הייבט זיך אָן א פּעריאָד פון פאַרשטאַרקטע דיקטאַטאָרישע מאָסמיטלען. דעם 20־טן יולי 1932 יאָר איז פּאַפּען באַשטימט געוואָרן פאַרן אימפּערישן קאָמיסאַר פון פּרייסן. ס׳איז נאָר גענוג געווען איין קאַפּיטאַן און דריי רייכסווער־סאָלדאַטן, אַז מען זאָל ברעכן דעם „ווידערשטאַנד״ פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מיניסטאָרן אין פּרייסן. אויף א קורצער צייט איז אין בערלין און אין בראַנדענבורג דערקלערט געוואָרן אויסנאַמס־צושטאַנד.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן נאָכגעגעבן אָן א קאַמף, האַגאַם זיי האָבן געהאַט אין זייערע הענט די גאַנצע פּאָליציי אין פּרייסן און אין אַנדערע טיילן פון דעם לאַנד, האַגאַם די פּאָליצייאישע אָפיצירן, — די דעמאָקראַטן — האָבן שטורמיש געפאָדערט, אַז מען זאָל געבן א ווידערשטאַנד. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן עפנטלעך דערקלערט די קאָמוניסטן פאַר „פּראָוואָקאַטאָרס״ דערפאַר, וואָס זיי האָבן גערופן דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק. זיי האָבן פאַראַליזירט די קויכעס פון אַרבעטער־קלאַס און זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע פּאָזיציעס, האָפנדיק, אַז זיי וועט געלינגען צו ראַטעווען אויף אַזא אויפן א פּאָר מיניסטאָרישע פּאָרטפעלן. די רעאַקציע האָט אָן שום קאַמף פאַרנומען די פּרייסישע פעסטונג פון דער דעמאָקראַטיע.

אין אויגוסט 1932 יאָר, נאָכן צווייטן וואַל־ניצחון פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן (זיי האָבן איצט באַקומען 13,5 מיליאָן שטימען און 225 מאַנדאַטן) האָט מען צום ערשטן מאָל גענומען רעדן וועגן באַשטימען היטלערן פאַרן רייכסקאַנצלער. הינדענבורג האָט זיך נאָך געקווענקלט, אָבער די שטימען, וואָס האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל צוציִען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אין דער רעגירונג, האָבן זיך געלאָזט הערן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אין דעם קאָנפידענציעלן ביולעטין פון די „דייטשע פירערבריפע״, וואָס דער אימפּערישער פאַרבאַנד פון די אינדוסטריעלער האָט אַרויסגעלאָזט, איז דערשינען אַן אַרטיקל, וואָס האָט צוגעצויגן גרויס

אויפמערקזאמקייט. דער דאָזיקער ארטיקל האָט אויפגעדעקט די פּלענער פון די אָנפירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע קרייזן.

„פאר דער קאָנסאָלידאציע פון בורזשואזן רעזשים, — אין דעם נאָכמילכאָמע־דייטשלאַנד, — האָט געשריבן צווישן אנדערם דער אויטאָר פון ארטיקל, — איז וועזנטלעך דער פאקט, וואָס די בורזשואזיע, וועלכע פארוואלטעט מיט דער ווירטשאפט, איז געוואָרן א צופיל דינער שיכט, אז זי זאָל קענען מיט אייגענע קויכעס איינהאַלטן די מאכט".

די בורזשואזיע איז דעריבער געצוואונגען, —גיט אָנצוהערעניש דער אויטאָר פון ארטיקל — צו זוכן א באהעלפער. ווער־זשע איז דער באהעלפער? דער מעכאבער שעמט זיך ניט און זאָגט אָפן:

„...די טרעגערן פון דער בורזשואזער הערשאפט איז די ערשטע צייט פון דער נאָכמילכאָמע־סטאביליזאציע געווען די סאָציאַל־דעמאָקראטיע".

„...אף אויסצופילן די דאָזיקע אויפגאבע האָט די סאָציאַל־דעמאָקראטיע באזעסן די איינגשאפט, וואָס די נאציאָנאַל־סאָציאַליסטן פארמאָגן ניט, לעכאַלאפּאָכעס האָבן ניט פארמאָגט ביז איצט... צוליב איר ארבעטער־אָפּשטאמונג האָט די סאָציאַל־דעמאָקראטיע ארייגעטראָגן אין דער סיסטעם פון דער דעמאָלטדיקער סטאביליזאציע אויסער איר ריין־פּאָליטישער קראפט נאָך עטוואָס אזוינס, וואָס איז מער ווערטפול און פעסטער, נעמלעך — די קראפט פון אָרגאניזירטן פּראָלעטאריאט. זי האָט אים פעסט צונויפגעשמאָלצן מיט דער בורזשואזער מעלוכע און האָט פאראליזירט זיין רעוואָלוציאָנערע ענערגיע".

די סאָציאַל־דעמאָקראטיע האָט שוין אָבער איר ראָלע פון א בורזשואזן מעשאָרעס אָפּגעדינט. איצט קען זי שוין מער קיין נוצן ניט ברענגען און דער אויטאָר קומט דעריבער צום אויספיר, אז מען דארף זי פארבייטן מיט די נאציאָנאַל־סאָציאַליסטן.

די ערע פון פאפּען און שלייכער

די פאפּען־שלייכער - רעגירונג איז געווען א נייער עטאַפּ אָפן וועג צו דער היטלערישער דיקטאטור. אירע אויסעראָרדנטלעכע דעקרעטן זיינען געווען א ביישפּיל פאר היטלערן: טויט־שטראף פאר מעלוכע־פאראט, טויט־שטראף פאר פּאָליטישע מאָרדן, ספּעציעלע געריכטן, וואָס באשטראָפן מיט יאָרן קאַטאָרגע פאר א מינדסטן פארברעכן. נאָר די דאָזיקע רעגירונג פון דער גרויס־בורזשואזיע, פון אדל און פון די גענעראַלן איז ניט אונטערגעשטיצט געוואָרן פון די מאסן. דער שטאָלהעלם און די דייטשישע נאציאָנאַלע פאָלקס־פּארטיי זיינען נאָך פאר דעם ניט גענוג. פאפּענס עקאָנאָמישע פּראָגראם, וועלכע איז פייערלעך פּראָקלאמירט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1932 יאָר, האָט געבראכט פאר די מאסן בלויז נייע שטייערן און פאר די פארמעגלעכע נייע מיליאָניקע מאָטאָנעס.

אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי, די איינציקע, וואָס

האָט ערנסט געקעמפּט מיטן פאשיזם אויך אויסערן פּאַרלאַמענט, קומען פאַר מעכטיקע ארויסטרעטונגען. גלייכצייטיק לעבט איבער דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם א שווערן קריזיס. בא די נאָוועמבער־וואַלן 1932 יאָר האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן פאַרלאָרן קימאַט צוויי מיליאָן שטימען. פאַר דער קאָמפּאַרטיי האָבן געשטימט 6 מיליאָן.

סאָף נאָוועמבער איז פאַפּענס רעגירונג געפאַלן. אַף פאַפּענס אָרט איז געקומען שלייכער. הינטער די קוליסן הייבן זיך ווידער אָן אונטערהאַנדלונגען מיט די פּראָפּאַריינען. ס'ווערן אויך געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן צוציען צו דער רעגירונג די נאַצ.־סאָציאַליסטן. ווי שלייכער האָט זיך אויסגעדריקט, קאָן זיך קיין איין רעגירונג ניט האַלטן אַף באַגנעטן. דער גענעראַל, וואָס איז געוואָרן קאַנצלער, איילט זיך ניט, ער אונטערנעמט קיין זאַך ניט, ער פאַרזיכערט נאָר פאַפּענס איידיקע אויסעראָרדנטלעכע דעקרעטן.

דעם 22־טן יאַנואַר באַשליסן זיך די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אַף אַן אָפענער פּראָוואָקאַציע. זיי באַשטימען א דעמאָנסטראַציע אַפן בילאָוו־פּלאַץ אנטקעגן דעם קאַרל ליבקנעכט־הויז, וואו ס'געפינט זיך דער צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי. דער גענעראַל שלייכער אונטערשטיצט די דאָזיקע פּראָוואָקאַציע און מאָביליזירט די גאַנצע פּאָליציי קעגן די גרויסע פּראָלעטאַרישע קאָנטער־דעמאָנסטראַציעס.

די לאַגע ווערט פאַרשאַרפט, דער גענעראַל שלייכער רוקט אַרויס די אידעע פון פּראָקלאַמירן טייקעף א מיליטערישע דיקטאַטור. פאַפּען רעדט זיך צונויף מיט היטלערן און הוגענבערגן און גיט א ווידערשטאַנד שלייכערס פּלענער. די הערשנדיקע קלאַסן אין דייטשלאַנד באַשליסן, ווי ס'דריקט זיך אויס די „דויטשע אַלגעמיינע צייטונג", „צו געבן א שפּרונג אין דער אומבאַוואוסטקייט". דעם30־טן יאַנואַר באַשטימט הינדענבורג — דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעזידענט־קאַנדידאַט — היטלערן פאַרן דייטשישן רייכסקאַנצלער.

מען מוז אונטערצינדן דעם רייכסטאַג

איידער מען האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קאַנצלער גענעראַל שלייכער זיינען אין פּאַלאַץ פון פּרעזידענט הינדענבורג פאָרגעקומען הינטערקוליסן־אינטריגעס וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע כאַדאָשים. פּאַפּענס פּרוּוון צו „לאָזן אין גאַנג די ווירטשאַפט" זיינען דורכגעפאַלן. די שוועריקייטן אין געביט פון דער ווירטשאַפט זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער. שלייכער האָט זיך אויף יעדן טראָט אָנגעטראָפן אויף שטערונגען, וועלכע עס האָט אים פאַרשאַפט זיין פאַרגאַנגענער פּאַפּען, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף הינדענבורגן. זינט פּאַפּען איז ארויס אין דעמיסיע, האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אַראָפּוואַרפן שלייכערן.

די אינטריגעס אין פּרעזידענטס פּאַלאַץ

ארום הינדענבורגן זיינען געווען מער אָדער ווייניקער צוזאַמענגעהעפטע גרופּעס, וואָס האָבן קעסיידער געקעמפט צווישן זיך. דאָ האָט זיך געהאַנדלט ניט וועגן פּערזענלעכע סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס, נאָר וועגן די גרופּעס־אינטע־רעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן די ספּעציעלע אינ־טערעסן פון די קרייזן, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע פּאָליטישע ווירקונג.

דער גענעראַל קורט פאָן שלייכער האָט געמאַכט זיין קאַריערע אין רייכס־ווער און פון דאָרטן איז ער געקומען אָפּן פּאָסטן פון רייכסקאַנצלער. דער דאָזי־קער מענטש, וועלכער האָט זיך אין זיין רעגירונגס־דעקלאַראַציע, וואָס ער האָט געהאַלטן דורכן ראַדיאָ, רעקלאַמירט אַלס „סאָציאַלער גענעראַל", האָט אין משך פון 14 יאָר קונציק געוועבט אינטריגעס, נעמענדיק אַן אָנטייל אין אַלע פּאָליטי־שע מאַכינאַציעס, וואָס האָבן געשטויסן די ווײַמאַרער רעפּובליק אַלץ ווייטער און ווייטער צו דער רעאַקציע.

אין נאָוועמבער 1918 יאָר איז שלייכער געווען דער פאַרמיטלער צווישן דער הויכער מיליטער־אָנפירונג און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָלקס־באַפולמעכטיק־טע באַם דערשטיקן די רעוואָלוציע. און אַט אין די טעג שווימט ארויס דער נאָמען פון יונגן קאַפּיטאַן, פון גענעראַל־שטאַב צוזאַמען מיט די נעמען פון הינדענבורג, גרענער און עבערט. ער ווערט אַ מעכטיקער מאַן אין דעם נייעם ערשט געשאַ־פענעם רייכסווער־מיניסטעריום. אין אָקטאָבער 1923 יאָר, ווען עבערט גיט איי־בער די מאַכט אין די הענט פון רייכסווער־גענעראַל פאָן זעקט און פּרוּווט אויף אַזאַ אופן צעברעכן די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וואָס איז אָנגעוואַקסן פון אינ־פלאַציע־קריזיס, פירט שלייכער איין קריגס־צושטאַנד. זייענדיק נאָך מאַיאָר, שטעלט ער זיך בעראָש פון דעפּאַרטאַמענט פאַר אַלגעמיינע איניאָנים אין רייכס־

דער קאנצלער פון דער „דריטער אימפעריע"

היטלער זאָגט:

„דאָס איז גאָטס א צייכן — איצט וועט אונז קיינער ניט שטערן צו פארניכטן מיט אן אייזערנעם פויסט די קאָ־מוניסטן"

(היטלער אפן סרייפע־אָרט)

ווער־מיניסטעריום. פֿון דער יוגנט אָן איז ער געווען ענג פֿאַרבונדן מיט הינדענבורגן, זיי האָבן אינאיינעם געדינט אין דריטן גוואַרדייאַישן פֿוסגייער־פּאָלק. דאָרט האָט אויך געדינט דעם פֿעלדמאַרשאַלס זון, דער פּאָלקאָווניק אָסקאַר פֿאָן הינדענבורג. שלייכערן געלינגט צו ווערן דער פּערזענלעכער ראַטגעבער בײַ הינדענבורגן. אין זײַנע הענט געפֿינען זיך אַלע פֿעדים, באַזונדערס אין מערץ 1930 יאָר, ווען הינדענבורג גיט ניט דעם קאַנצלער מילערן די פֿולמאַכטן פֿאַנאַנדערצולאָזן דעם רײַכסטאַג און ער וואַרפֿט אַרויס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פֿון דער רעגירונג.

ווען פּאַפּען איז שוין געווען קאַנצלער, האָט שלייכער אָנגעהויבן באַזעצן די וויכטיקסטע פּאָסטנס אין רעגירונגס־אַפּאַראַט מיט זײַנע מעקוראָווים. בעת פּאַפּענס רעגירונג האָט זיך אונטערן דראַנג פֿון די אַרבעטער־שטרייקן אַ וואַקל געטאָן, האָט שלייכער געשפּילט די אַנטשיידנדיקע ראָלע אינעם אַרויסטרעטן פֿון די מערסטע מיניסטאָרן, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז פּאַפּען טאָר מער ניט פֿאַרבלײַבן פּרעזידענט. שלייכער האָט זיך געמוזט אַרויסזאָגן נאָך אָפֿענער און ער האָט זיך אַרויסגערוקט אויף דער אַוואַנס־סצענע.

צו הינדענבורגס אינטימער גרופּע האָט אין דער ערשטער ריי געהערט זײַן זון און פּערזענלעכער אַדיוטאַנט — דער פּאָלקאָווניק אָסקאַר פֿאָן הינדענבורג. זײַן שטאַטס־סעקרעטאַר איז געווען דר. מײַסנער, וועלכער האָט נאָך געדינט פֿאַר עבערטן. נאָך דער דימיסיע איז פֿאָן פּאַפּען געבליבן אינעם קרײַז פֿון הינדענבורגס נאָענטסטע מענטשן. ער האָט זיך ספּעציעל געשטיצט אויפֿן „העררן־קלוב", אַ זייער אײַנפֿלוסרײַכע פֿאַראייניקונג פֿון פּאָליטישע טוער, באַנקירן, אינדוסטריעלער, גרויסע גוטסבאַזיצער, הויכע באַאַמטע און אָפֿיצירן. פֿון פּאַפּענען האָבן זיך געצויגן פֿעדעם צו דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, צו היטלערן און געריננגן, צום שטאָלהעלם און צו דער פּאַרטיי פֿון די נאַציאָנאַליסטן בעראָש מיט הוגענבערגן. אין עטלעכע וואָכן אַרום נאָך זײַן אָוועקגיין האָט זיך פּאַפּען מיט היטלערן באַגעגנט אין קעלן בײַם באַנקיר שרעדער אין הויז. היטלער, וועלכער האָט ערשט דעם 7־טן נאָוועמבער אין אַ פּראָקלאַמאַציע גערופֿן צו קעמפֿן מיט פּאַפּענען „ביזן לעצטן טראָפּן בלוט", האָט אין באַנקירס סאַלאָן זייער אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט פּאַפּענס פֿאָרשלאָגן. פֿון קעלן איז פּאַפּען אַוועק קיין דאָרטמונד, וואו ער האָט געהיים אונטערהאַנדלט מיטן גרויס־אינדוסטריעלער שפּרינגאָרום און אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דער ריינישׂ וועסטפֿאַלישער שווערער אינדוסטריע וועגן דעם באַשטאַנד פֿון דער רעגירונג.

שלייכער האָט אויך אונטערגעהאַלטן ענגע פֿאַרבינדונגען מיט דער נאַצ.־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, באַזונדערס מיט שטראַסערס „לינקן" פֿליגל, וואָס האָט זיך פֿאַרגרימירט פֿאַר אַ „סאָציאַליסטישן". שלייכער האָט געוואָלט אויסנוצן אין די אינטערעסן פֿון זײַן רעגירונגס־פּאָליטיק דעם קריזיס אין דער דאָזיקער פּאַרטיי, וואָס האָט בעת די רײַכסטאַג־וואַלן דעם 6־טן נאָוועמבער פֿאַרלוירן 2 מיליאָן שטימען. גלײַכצײַטיק האָט זיך שלייכער געשאַדכנט אויך צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ער איז געווען פֿאַרבונדן מיטן ס. ד. לײַפּאַרט, דעם פֿאָרזיצער פֿון דער

דער פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער פון דער „דריטער אימפּעריע״

דר. יאָזעף געבעלס, וואָס האָט צוגעטראַכט דעם סריופּע־פּלאַן. „צעטאָפּטשעט דעם קאָמוניזם! דערשטיקט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע!״
(א לאָזונג אף געבעלס פּלאַקאַטן נאָך דער רייכסטאַג־סריופּע).

אלדייטשישער פאַריייניקונג פון די פּראָפּאַריינען. זיין ציל איז געווען שאַפן זיך א מין מאַסן־באַזע אין די פאַריינען און אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס האָט אים אָבער גאָרניט געשטערט צו שטיצן מיט גרויסע מיליאָניקע געלט־סומען די גרויסע אגראַריער, וועלכע האָבן באַקומען פון אים די ריזיקסטע סובסידיעס אַף „געזונט צו מאַכן" די ווירטשאַפט.

דער „אָסט-הילפע"-סקאַנדאַל

סאָף יאַנואַר 1933 האָט שלייכער דערפילט, אַז פּאַפּענס מאַכינאַציעס און די מאַכינאַציעס פון די גרויסע אגראַריער וועלן אַלץ געפערלעכער פאַר זיין רע־גירונג. ער האָט דערפילט, אַז הינדענבורגס מעקוראָווים גראָבן זיך אונטער, אונ־טער אים, און קעדיי צו פאַרטיידיקן זיך, האָט ער אונטערגענומען איינעם פון זיינע אויסגעפּרוואווטע מאַנעוורען. אין די צייטונגען האָבן זיך באַוויזן שוידער־לעכע ידיעות וועגן קאָלאָסאַלע מיסברויכן מיט די סומען פון דער „אָסטהילפע". די אַרבעטנדיקע מאַסן זיינען געוואָרן שרעקלעך אויפגעבראַכט. דער רייכסטאַג האָט אויסגעטיילט אַ קאָמיסיע אַף אויסצופאָרשן דעם דאָזיקן איניען. דער סקאַנ־דאַל האָט געהאַלטן באַם אריינשלעפּן אין זומפּ הינדענבורגן אליין.

נאָך פאַר מילערס צייטן האָבן די אגראַריער דורך דער „אָסטהילפע" מאַ־קומען גרויסע סומען אַף געזונט צו מאַכן זייערע באַנקראָטירטע גיטער. די גרעס־טע שטיצן האָבן באַקומען באַ דער מעלוכע די גרויסע קאַרפּן־קעפּ, די רייכע גוט־באַזיצער. די קלענערע פּריצימלעך האָבן גאָרנישט באַקומען. די קאָמיסיע פון רייכסטאַג האָט פעסטגעשטעלט, אַז די גרויסע פּריצים האָבן באַקומען הונדערטער טויזנטער מיט קאָלאָסאַלע שווינדלערישע מאַכינאַציעס.

די צייטונגען פלעגן אַלע טאָג ברענגען אַלץ נייע נעמען, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין „אָסטהילפע"־סקאַנדאַל. צווישן זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן הינדענ־בורגס שכיינים און אייגענע מענטשן, זיינע שטענדיקע באַזוכער אין זיין גוט „ניידעק". דאָס הינדענבורג־גוזינדל איז געוואָרן אומרואיק. דער מאַיאָנטעק „נייַ־דעק" אַליין האָט הינדענבורג באַקומען אַלס מאַטאָנע פון די גוטבאַזיצער. דער־ביי האָט מען ניט איינגעצאָלט קיין שום שטייערן, ווי עס פירט זיך באַם שענקען גיטער. דעם מאַיאָנטעק אַליין האָט מען פאַרשריבן אַפן נאָמען פון הינדענבורגס זון, קעדיי עס זאָל ניט אויסקומען צו צאָלן דערנאָך קיין ירושע־שטייער. די גע־שיכטע האָט געדראָט אריינצוציען אויך הינדענבורגן, און די אגראַריער זיינען געקומען צום אויספיר, אַז מען מוז שלייכערן באַזייטיקן.

היטלער ווערט קאַנצלער

דעם 28־טן יאַנואַר אינדערפרי האָט שלייכערס רעגירונג דערלאַנגט אין דעמיסיע דערפאַר, וואָס הינדענבורג האָט ניט געגעבן דעם גענעראַל קיין פול־מאַכטן פאַנאַנדערלאָזן דעם רייכסטאַג. הינדענבורג האָט פאָרגעלייגט פּאַפּענען צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט היטלערן וועגן שאַפן אַ רעגירונג פון „נאַציאָ־

נאַלער קאָנצענטראַציע". ס'גייען פאַרביי צוויי אָנגעשטרענגטע טעג. די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס מיט א רוף צו אַ שטרייק קעגן דער אָנקומענדיקער היטלערישער דיקטאַטור. שלייכער פירט אונטערהאַנדלונגען מיט לייפּאַרטן. דער הינטערקוליסן־קאַמף פאַרשאַרפט זיך. אין דער נאַכט פון 29־טן אפן 30־טן יאַנואַר פאַרטראַכט שלייכער צו פּראָקלאַמירן א מיליטערישע דיקטאַ־טור און אַרויספירן דעם פּאָסטדאַמער גאַרניזאָן קעגן בערלין. יעדע שאָ האָט גע־קאָנט ברענגען אומדערוואַרטעטע געשעענישן. הינדענבורג באַשליסט דאַן טיי־קעף איבערגעבן היטלערן דעם פּאָסטן פון קאַנצלער. אין איילעניש איז דעם 30־טן יאַנואַר אינדערפרי צענויפגעשטוקעוועט געוואָרן די רעגירונג פון היטלער־פאַפּען־הוגענבערג.

דעם פּאָסטן פון קאַנצלער האָט היטלער באַקומען ניט אין רעזולטאַט פון העלדישן קאַמף. דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט דעם 30־טן יאַנואַר, איז אין קיין פאַל ניט געווען „נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע", ניט קיין דרייסטער אָנגריף, וואָס האָט געבראַכט די פאַשיסטן צו דער מאַכט. אַדרבה היטלער איז געוואָרן קאַנצ־לער אומדערוואַרט דערפאַר, ווייל די הערשנדיקע קלאַסן האָבן געוואָלט פאַר־שטאַרקן זייער מאַכט קעגן די אַרבעטער און פאַרלעשן דעם צעפלאַקערטן סקאַנ־דאַל מיט דער „אָסטהילפע".

דעם 30־טן יאַנואַר, ווען היטלערס שטורעם־אָפּטיילונגען און דער שטאָלהעלם האָבן איינגעאָרדנט זייער פּאַקלצוג איבער ווילהעלם־שטראַסע און האָבן מיט גע־שרייען באַגריסט הינדענבורגן און היטלערן, האָבן זיי קיין אָנונג ניט געהאַט וועגן דעם יאַנטעוו פון „נאַציאָנאַלן אויפשטייג", האָבן ניט געוואוסט, אז די הייבאַם פון דער נייער מאַכט איז געווען מיסברויכן, גנייווע און שווינדל.

דעם זעלביקן טאָג האָט זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געווענדעט צום פּרע־זידענט פון דער ס.־ד. פּאַרטיי און צו די לידערן פון די ס. ד. און קריסטלעכע פּראָפאַריינען מיט אַן אָפיציעלן פאָרשלאָג — אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק און אַראָפּוואַרפן היטלערס רעגירונג. די פּראָפאַריינען און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אף דעם געענטפערט: היטלער איז געקומען צו דער מאַכט לעגאַל, דאַרף מען אָפּוואַרטן ביז ער וועט אַראָפּ פונעם וועג פון געזעץ, איצט אָבער דאַרף מען ניט קעמפן. די ס. ד. פּרעסע האָט פּונקט אין אזא טאָג געשריבן, אז היטלער וועט איינגיכן אליין באַנקראָטירן.

די באַדייטנדיקע שיכטן פון דייטשישן פּראָלעטאַריאַט האָבן געגלויבט אין די דאָזיקע פאַרזיכערונגען. דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז נאָך ניט געלונגען צו דעראָבערן די מערהייט פון אַרבעטער־קלאַס. היטלערס צענויפגעשטוקעוועטע רע־גירונג וואָלט אין אָנהויב פעברואַר ניט געקאָנט איינהאַלטן זיך קעגן דעם פאַר־אייניקטן אָנגריף פון די דייטשישע אַרבעטער. די שטורעם־אָטריאַדן האָבן אָקאָרשט איבערגעלעבט אַ ביטערן קריזיס און האָבן ערטערווייז פאַרלוירן א העלפט פון זייערע מיטגלידער. דער פּאָליציי־אַפּאַראַט איז נאָך ניט געווען אין היטלערס הענט. מיטן רייכסווער איז ער אויך נאָך ניט דורכגעקומען. דער אַלגעמיינער שטרייק

איז אָבער באַלד ניט דערקלערט געוואָרן. היטלער האָט געוואונען צייט און האָט דערוויזן פאַנאַנדערצואוויקלען די קרעפטן. ניט געקוקט אָבער אויף דעם פּאַראַט פון די ס. ד. איז דער ווידערשטאַנד פון אַרבעטער־קלאַס אַלץ געוואַקסן. אין בערלין, האַמבורג, רור, אויפן נידער־ריין — אומעטום האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט־כוואַליע קעגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. די אַרבעטער פון די ס. ד. און פון די קריסטלעכע פּראָפאַריינען האָבן זיך גענומער ברידערן מיט די קאָמוניסטישע אַרבעטער, און אומזיסט האָט היטלער געשיקט קעגן די אַרבעטער זיינע שטורעם־אָפּטיילונגען, פאַרבאָטן די אַרבעטער־פּרעסע, פאַנאַנדערגעטריבן דעמאָנסטראַציעס, ער איז געווען הילפלאָז אָפּצושטעלן די באַוועגונג.

היטלער מוז האָבן אַ פּראָוואָקאַציע

היטלער איז שוין עטלעכע וואָכן ביי דער מאַכט, נאָר זיין לאַגע איז נאָך אַלץ ניט קיין זיכערע. די נייע רעגירונג האָט פאַנאַנדערגעלאָזן דעם רייכסטאָג און האָט באַשטימט נייע וואַלן. ס'זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אַ מער ברוטאַלער רעדאַקציע פאַפּענס טעראָריסטישע דעקרעטן. דער סקאַנדאַל מיט דער „אָסטהילפע" איז שטילערהייט באַגראָבן געוואָרן. היטלער האָט מיט גרויס פּאַראַד אָנגעזאָגט דורך ראַדיאָ, אַז ער האָט אַ וואונדערבארן „פיר־יאָר־פּלאַן". וואָס וועט ראַטעווען דייטשלאַנד פון אַלע אומגליקן. קיין שום פּלאַן, ווייזט זיך אַרויס, האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט. דעם פּוץ האָט מען געדאַרפט האָבן אויף צו באַרואיקן די מאַסן, אויף אָפּצונאַרן די מיליאָנען ווייטער, וואָס האָבן געוואַרט אויף דער פאַרווירקלעכונג פון „דייטשישן סאָציאַליזם".

בא דער אַנטיפאַשיסטישער קעמפערישער שטימונג פון די אַרבעטער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אָנוואַקסן, זיינען היטלערס פּערספּעקטיוון אויף די אָנקומענדיקע וואַלן געווען ניט גאָר גינסטיקע. הוגענבערג און די נאַציאָנאַליסטן האָבן פאַרנומען אַלע אָנפירנדיקע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס אין דער רעגירונג, און די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָבן דערזען, אַז היטלער פירט דורך אַ פּאָליטיק פון די סאַמע פאַרביסענע קאַפּיטאַליסטישע וואָלפיש. די אַנטוישונג פון דער מאַסע וואָלט אָן ספק געדאַרפט זיך אָפּשפּיגלען אויף די רעזולטאַטן פון די וואַלן, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן אויפן 5־טן מערץ. האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע רעדל־פירער אומבאַדינגט געמוזט האָבן עפּעס אַ גראַנדיעזע פּראָוואָקאַציע, וועלכע זאָל ענדערן די סיטואַציע: מ'האָט געדאַרפט, אַז די וואַלן זאָלן פאָרקומען אין די באַדינגונגען פון פּאָגראָם־העצעס קעגן די קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

דעם פּלאַן פון דער דאָזיקער פּראָוואָקאַציע האָט אויסגעאַרבעט געבעלס און אויסגעפירט האָט אים גערינג, דער פּרעזיצער פון רייכסטאָג און איינצייטיק דער פּרעזידענט פון דער פּרייסישער פּאָליציי.

לעבאַטכילע האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן געהאַט בעדייע צו אָרגאַניזירן אַ מאַרש פון די שטורעם־בריגאַדעס פון גאַנץ דייטשלאַנד אויף בערלין, נאָר פון דאָזיקן פּלאַן האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן, ווייל די פאַרבינדעטע פון די נאַצים

האָבן געדראָט ארויסצושטעלן קעגן די שטורעם־בריגאַדעס דעם רייכסווער. דער־מאָלט איז עס אייגנטלעך פארטראכט געוואָרן די גראנדיעזע פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט געדאַרפט איבערגעבן היטלערן די גאַנצע מעלוכע־מאַכט און אָפּראַמען דאָס פעלד פארן ווילדן פאשיסטישן טעראָר.

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע רעדל־פירער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. דער נאַציאָנאַליסטישער פּרעזידענט פון דער בערלינער פּאָליציי, דר. מעלכער איז אריבערגעפרט געוואָרן אין מאַגדעבורג, זיין אָרט האָט פארנומען דער נאַצי־סאָציאַליסט, דער געוועזענער קאָנטר־אדמיראל פאָן לעוועצאָוו. דעם 24־טן פעברואר האָט די פּאָליציי ווידער געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין קארל ליבקנעכט־הויז, וואו ס׳האָט זיך געפונען דער צ. ק. פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי. כאָטש דאָס הויז איז א פּאָר וואָכן געווען פארנומען פון דער פּאָליציי און זי האָט דאָרט קיין זאך ניט אַנטדעקט, דאָך האָט מען איצט פּלוצים געפונען „זייער ביזווויליקע פארברעכערישע דעמאַסקירנדיקע דאָקומענטן". ערעוו דער סריפע אין רייכס־טאג האָט די גאַנצע בורזשואזע פּרעסע זיך צעפּויקט וועגן די „געהיימענישן" פון קארל ליבקנעכט־הויז, וועגן „אונטערערדישע גענג", וועגן „פּלענער פון א באַל־שעוויסטישער איבערקערעניש". אין די צייטונגען האָט מען מיטגעטיילט וועגן עפּעס א קאָמוניסטישער אייזנבאַן־פארשווערונג אין מיזרעך־פּרייסן (שפּעטער האָט מען שוין מער ניט גערעדט וועגן אָט דער אויסגעטראַכטער „פארשווערונג"). דעם 25־טן יאַנואר איז אין בערלינער פּאַלאַץ אויסגעבראָכן א קליינע סריפע, מען האָט עס אונטערגעכאַפּט ווי א סענסאַציע, ווי א קאָמוניסטישע ארבעט. אזוי האָט מען עס ביסלעכווייז צוגעגרייט דעם אוילאָם צו דער פאָרשטייענדיקער פּראָוואָקאַציע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט באַקומען זיכערע ידיעס וועגן דעם, אז מען גרייט א פּראָוואָקאַציע. דער דעפּוטאַט ווילהעלם פּיק האָט וועגן דעם דערציילט אויף א מיטינג אין ספּאָרט־פּאַלאַץ. ער האָט דערציילט וועגן די פאשיסטישע פּלע־נער איינצואָרדענען א פיקטיווע פארשווערונג אויף היטלערן, אָדער עפּעס אַן אַנ־דער פּראָוואָקאַציע, קעדיי צו האָבן די געלעגנהייט ערעוו די וואַלן צו פארבאָטן די דייטשישע קאָמפּאַרטיי. די קאָמוניסטישע פראַקציע פון רייכסטאַג האָט גע־מאַכט אַן אַנאַלאָגישע דערקלערונג פאַר די אויסלענדישע פּרעסע־פאָרשטייער.

די העצע אין דער היטלערישער פּרעסע האָט זיך אויסערגעווייגלעך פאַר־שטאַרקט. יעדער איינער, וואָס האָט נאָר א פּאָליטישן כוש, האָט געפילט, אז די אַטמאָספער איז אָנגעשטרענגט ביז גאָר, אז „עס הענגט עפּעס אין דער לופט". און אָט האָט די ראַדיאָ אין דער נאַכט פון 27־טן אויפן 28־טן פעברואר אָנגעזאָגט דער גאַנצער וועלט:

„ד ע ר ר ײ כ ס ט א ג ב ר ע נ ט!!!"

וואַן דער ליובע — אַ געווער פון פּראָוואָקאַציע

אין דער נאַכט אפן 28־טן פעברואר איז אָפּגעברענט געוואָרן די געביידע פון רייכסטאַג. אין די קולוארן פון רייכסטאַג האָט מען פאַרהאַלטן איינעם פון די אונטערצינדער. ער הייסט מארינוס וואַן דער ליובע. ווי די אָפיציעלע פּרייסישע פּרעסע־אַגענטור איז מודיע, האָט ער זיך קלוימערשט אָנגערופן פאַר א מיטגליד פון דער האָלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די ראַדיאָ, דער טעלעגראַף, דער טעלעפאָן, די פּרעסע, די אינפאָרמאַציע־אַגענטורן האָבן זיך לויט היטלערס באַפעל צעשריען אין איין קאָל איבערן גאַנצן לאַנד: „די קאָמוניסטן האָבן אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג”.

וואַן דער ליובעס אַרעסט אין דער געביידע פון רייכסטאַג האָט געדינט פאַר היטלערס רעגירונג ווי א פאָרמעלער יורידישער אויסרייד צו אַן אומדערהערטן פּאָגראָם קעגן די קאָמוניסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אידן, פאַר מאַסן־אַרעסטן, פאַרן צעטרייבן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פאַר מאָרדן און פּייניקונגען. אין דער גאַנצער וועלט האָבן די דאָזיקע רעציכעס געמאַכט די פאַשיסטן אַ שעם פון סאַמע באַרבאַרישע מערדער.

ווער־זשע איז אָט דער וואַן דער ליובע? ווי אַזוי קומט ער אין ברענענדיקן רייכסטאַג?

ווער איז וואַן דער ליובע?

וואַן דער ליובע איז געבוירן אין לײדען, אין 1909 יאָר, אין דער פאַמיליע פון א קליינעם גאַסן־הענדלער. זיין מוטער האָט געהאַט דעם צווייטן מאַן. איר ערשטער מאַן איז געווען אַן אונטער־אָפיציר, מיט אים האָט זי געבוירן פיר קינדער. נאָך זיין טויט האָט זי כאַסענע געהאַט מיט וואַן דער ליובעס פאָטער און האָט געבוירן נאָך דריי זין. מארינוס איז געווען דער מיזיניק.

וואַן דער ליובעס פאָטער פלעגט מערסטנס האַנדלען אין די שענקען און אַכסאַניעס. די אַרבעט האָט אים ביסלעכווייז געמאַכט פאַר א שיקער. וועגן דער פאַמיליע האָט ער אויפגעהערט צו זאָרגן און פלעגט פאַרשיקערן זיין גאַנצן פאַרדינסט. די מוטער האָט געמוזט אַליין פאַרדינען, קעדיי ווי עס איז צו דערנערן זיך און איר פאַמיליע. באַטאָג — א קרעמערקע, באַ דער נאַכט — א שטוב־באַלעבאָסטע — האָט זי קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן דער דערציאונג פון אירע קינדער. זיי זיינען געוואַקסן אַף העפקער. סאַף קאָל סאַף האָט די מוטער מיט האַרצקלעמעניש געמוזט מאַסקים זיין, אַז איר זון זאָל ווערן א פּראָסטער אַרבעטער. דעם קליינעם מארינוס האָט זי אין 1921 יאָר געמוזט אָפּשיקן צו אירער א שוועסטער, א פרוי פון אַן אַרבעטער אין א וועשעריי.

נאָך פון קינדרווייז אָן האָט זיך מארינוס אומגעטראָגן מיט מעשוגענע פּלענער צו ווערן גרויס און בארימט. איינצייטיק איז ער געווען מוירעדיק פרום און האָט געטרוימט צו ווערן א גאלעך. די גאלאָבישע קאריערע פּאָדערט אָבער, אז מע זאָל זיך לאנג לערנען און מארינוסעס קרויווים האָבן אף דעם קיין מיטלען ניט געהאט.

צו 14 יאָר האָט אים דער פעטער אָפּגעגעבן אין א קראָם פאר אן אָנגעשטעלטן. מארינוס איז ניט באפרידיקט מיט דער ארבעט אין קראָם. עמעס, פון זיינע עלטערן האָט ער געיארשנט א נייגונג צו מיסכבער, ער האָט אפילע שטארק האנאָע ארויינצושפּארן די קוינים וואָס מער סכוירעס. נאָר די פּערספּעקטיוו צו ווערן א הענדלער געפעלט אים ניט. ס'איז צופיל באשיידן פאר אים. אין די לאנגע שמועסן מיט זיין קארעוו קלייבט ער איבער פארשידענע אנדערע מעלאָכעס. דאָ טרוימט ער צו עפענען א בלומען־געשעפט און דאָ גאר צו מאַכן א רייזע ארום דער וועלט. סאָף קאָל סאָף באשטימט ער צו ווערן א מוליער.

צו 16 יאָר איז מארינוס א פעסטער, א געזעצטער באָכער. פאר זיין געזונטן געוויקסיקן קערפּער האָבן די כאוויירים אים א נאָמען געגעבן „דעמפּס" (א נאָמען פון א בארימטן באָקסער).

פון די ארבעטער האָט זיך וואן דער ליובע אָנגעהערט קאָלערליי געשיכטעס וועגן דער אומגערעכטיקייט פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, וועגן דער נויטיקייט אראָפּצואווארפן די דאָזיקע אָרדענונג. מארינוס איז אָבער פון דער נאטור א קליינבירגער און ער איז ניט אימשטאנד אויפצונעמען די נייע אידייען. ביי דער ארבעט איז מיט וואן דער ליובען געשען אן אומגליק. ס'איז אים אריינגעפאלן אין אויג א שטיקל וואפּנע. דריי וואָכן האָט ער אָפּגעקרענקט מיט דעם אויג, און ווי נאָר ער איז געוואָרן בעסער, האָט ער זיך מיטן וואפּנע געפּאטערט דאָס צווייטע אויג. דאָס מאָל איז שוין די אָנצינדונג געווען אסאך ערנסטער. ער איז אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל איבער 5 מאָנאטן, וואו מען האָט אים געמאכט דריי אָפּעראציעס אין די אויגן און ער איז ארויס פון שפּיטאָל אן אינוואליד. די ריע איז בא אים געוואָרן קאליע און ס'דראָט אים א געפאר צו ווערן בלינד.

פארן אומגליקס־פאל איז מארינוס אריינגעטראָטן אין קאָמיוג. די קאָמוניסטישע און קאָמיוגישע באוועגונג איז נאָך דאן געווען שוואך אין האלאנד און וואן דער ליובע האָט געהאָפט, אז ער וועט ווערן עפּעס א קאָכלעפל, אז ענדלעך וועלן ווערן פארווירקלעכט זיינע כאלוימעס, ווען ער וועט ווערן גרויס און בארימט. נאָר ווי שוואך די קאָמיוגישע אָרגאניזאציע איז ניט געווען, איז מארינוסן דאָך ניט געלונגען ארויסצורוקן זיך און ער שרייבט א מעלדונג, אז ער טרעט ארויס פון קאָמיוג. פיר מאָל איז וואן דער ליובע אזוי ארויס פון קאָמיוג.

וואן דער ליובע וויל אָבער פאָרט ווערן א „העלד"

וואן דער ליובע האָט אויסגעפּרוּווט קאָלערליי פּראָפעסיעס. ער כאָלעמט אליץ וועגן עפּעס א גליק, וואָס זאָל אים גלייך ארויסרוקן אפן ערשטן פלאץ. ווינטער 27—1928 יאָר ארבעט ער אין ליידען אפן וואקזאל אלס אָפּיציאנט, זומער

אלס לאָקיי אין א האָטעל. אין דער פרייער צייט פאַרנעמט ער זיך מיט מיסכער. דערנאָך ווערט ער גאָר א פּאַראָם־פירער. אין דעצעמבער 1929 יאָר האָט ער ווי־דער א קאָנפליקט מיטן קאָמיוג פאַרן ארויסלאָזן אף אייגענער אכראיעס פלוג־בלעטלעך, וועלכע ער שרייבט אונטער מיטן אייגענעם נאָמען. אין א נערוון־אָנפאַל פון זעלבסט־קריטיק שרייבט ער אין יענער צייט וועגן זיך:

„דאָס אלץ באווייזט, אז איך בין ניט קיין עמעסער באָלשעוויק. איך פיל, אז איך בין עס איצט ניט בעשומויפן (האגאם איך בין זייער ראדיקאל געשטימט קעגן קאפיטאַליזם און קעגן אלצדינג, וואָס עס איז מיט אים פאַרבונדן) און עס ווייזט אויס, אז איך וועל קיינמאָל אזעלכער ניט ווערן. צייטנווייז פיל איך זיך גאָר פאר א פרעמדן אין לאגער (כ'מיין עס דערמיט די פּאַרטיי)".

וואָן דער ליובעס פרוואוון אריבערצושווימען דעם לאַמאַנש

זומער 1930 פאַרט וואָן דערליובע אריבער אין קאַלע. ווען ער קערט זיך פון דאָרט אום, דערציילט ער, אז ער האָט פאַרדינט דאָרטן אפן לעבן אלס ערדגרעבער און דערביי האָט ער אייניקע מאָל געפּרוווט אריבערשווימען דעם לאַמאַנש.

ס'איז ניט וויכטיק, צי די פרוואוון זיינען ווירקלעך געווען אָדער ניט. נאָר דער דאָזיקער עפּיזאָד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר וואָן דער ליובען, פאַר זיין אַרט דענקען און לעבן. וואָן דער ליובע דאַרף זיך דעריקער אויספיינען. זיינע באַרימערישע דערציילונגען וועגן דעם, ווי אזוי ער איז געשוואומען איבערן לאַ־מאַנש, רופן אפילו ארויס א סקעפּטישן שמייכל בא די צוהערער, נאָר ער מערקט עס ניט.

אף וואָן דער ליובען קוקט מען שוין גאָר קרום אין דער אָרגאַניזאַציע. אלע פילן, אז גאָר אינגיכן וועט ער ענדגילטיק מוזן אוועק פון דער באַוועגונג.

א הייזל אף אויטערסט גראכט

דאָס הויז נומ. 56 אף אויטערסט גראכט צייכנט זיך אויסערלעך ניט אויס פון אלע איבעריקע טיפּישע האָלענדישע הייזער. נאָר מיט וועמען פון די לייַ־דענער איינוואוינער איר זאָלט וועגן דעם דאָזיקן הויז ניט רעדן, וועט מען אייך גלייך געבן אָנצוהערעניש, אז ס'איז עפּעס א באזונדער מין הויז, וואו עס וואוי־נען עפּעס באזונדערע מענטשן און ס'קומען פאָר ניט גאָר קיין אָנשטענדיקע זאכן. די באלעבאטים איז דאָס פּאָר פאָלק וואָן ציפּ. דער מאן ארבעט ערגעץ און די פרוי פירט די ווירטשאַפט. אייניקע צימערן פאַרדינגט זי יונגעלייט. די כאַדאָרים זיינען מעבלירט אָרעם. אָן קאָמפאָרט. די שכיינים זיינען מערסטנס סטודענטן, אַרבעטסלאָזע, אָדער ס'טרעפט אַמאָל, אז ס'קלייבט זיך אריין אויך א פּראָסטי־טוטקע. וואָן דער ליובע האָט א לאַנגע צייט געוואוינט אינעם דאָזיקן הייזל. אין איין צייט מיט אים האָבן דאָ געוואוינט דער סטודענט פּיט וואָן אלבאדא און דער שאָפער איזאַק פינק. געוואוינט האָט דאָ איינמאָל אויך עפּעס א געהיימניש־

פולער דייטשישער סטודענט. אלע שכיינים האָבן געהאַט אַן אַלגעמיינע מיינונג — זיי זיינען געווען האָמאָסעקסואַליסטן. דאָס וואָלט עפשער ניט געהאַט קיין באַזונדערן באַטייט פאַר אונז. נאָר ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָט וואַן דער ליובע אין א געוויסער צייט ארום גראָד אַפן באָדן פון האָמאָסעקסואַליזם זיך פאַרבונדן מיט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן.

איזאַק פינק האָט דערציילט אונזער אינפאָרמאַטער, אַז ער איז ניט איינמאָל געשלאָפן מיט וואַן דער ליובען אין איין בעט. פיט וואַן אַלבאַדא האָט געהאַט א האָמאָסעקסואַליסטישע פאַרבינדונג מיט איינעם א פּראָפעסאָר פון לײדענער אוניווערסיטעט.

נאָך דער רייכסטאַג־סרייפע, אַז ס׳איז געוואָרן באַוואוסט, אַז דאָ איז פאַרמישט וואַן דער ליובע, האָט איינער אַן ארבעטער צווישן אַנדערס געגעבן פאָלגנדיקע באַווייזן וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיט וואַן דער ליובען: „מיר האָבן לאַנג אַזוי פאַרבראַכט. אין דער צייט פון שמועס האָט זיך דער האָלענדישער אַרבעטער נענטער צוגערוקט צו מיר (זיי האָבן גענעכטיקט צוזאַמען) און האָט ניט איינמאָל געפּרואווט אָנרירן מיין געשלעכט־אָרגאַן. כ׳האָב אים קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אויב אַזוינע זאַכן וועל איך ניט גיין, האָט ער זיך אָפּגעטשעפּעט״.

אַן אויפקלער־רייזע איבער אייראָפּע

וואַן דער ליובע פאַרטראַכט צו מאַכן א „גרויסע ארבעטערישע, ספּאָרטיווע און אויפקלערערישע רייזע איבער אייראָפּע און פסטר״. ער באַשטעלט קאַרטלעך מיט זיין פּאָרטרעט און מיטן פּאָרטרעט פון זיין כאַווער האָלווערדא. די קאַרטלעך זיינען פאַר אים דער איקער אין גאַנצן אויפטו. איבער וואַן דער ליובעס קאָפּ שיינט עפּעס א געהיימנישפולער שטערן. ס׳קאַרטל איז אָפּגעדרוקט אויף פיר שפּראַכן.

נאָר פאַר דער רייזע האָבן זיך די כאַוויירים צעקריגט. ווי מען דערציילט, איז די קריג פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס האָלווערדא האָט זיך צוגענומען דאָס געלט פאַר די קאַרטלעך, וואָס ער האָט פאַרקויפט אין לײדען. אַנדערע דערציילן פאַרקערט, אַז דאָס געלט האָט זיך צוגענומען וואַן דער ליובע. ווי עס זאָל ניט זיין, איז האָלווערדא פאַרבליבן אין לײדען.

אין אַפּריל 1931 יאָר האָט מען וואַן דער ליובען אַרעסטירט אין גראָנאַו אין וועסטפאַלן פאַרן פאַרקויפן אין גאַס די קאַרטלעך. דאָס געריכט אין מינסטער האָט אים פאַרמישפּעט צו א געלט־שטראָף פאַרן פאַרקויפן פּאָסטקאַרטלעך אָן א געהעריקער דערלויבעניש. נאָך דער סרייפע אין רייכסטאַג האָט היטלערס רעגירונג פאַרשפּרייט א ווערסיע, אַז וואַן דער ליובע איז קלוימערשט אַרעסטירט געוואָרן אין גראָנאַו פאַר פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע ליטעראַטור. די קאָמוניסטישע ליטעראַטור איז באַשטאַנען אין א פּאָסטקאַרטל, אויף וועלכן עס זיינען געווען אויסגעמאָלט וואַן דער ליובע און האָלווערדא.

אין אָנהויב מאַי איז וואַן דער ליובע ווידער אין לײדען. די רייזע אין אייראָפּע האָט זיך פאַרענדיקט פּונקט אַזוי, ווי דאָס איבערשווימען דעם קאַנאַל.

וואַן דער ליובע טרעט ארויס פון קאָמיוג

אין אָנהויב אפריל 1931 יאָר, ניט לאַנג פאר וואַן דער ליובעס ערשטער רייזע אין דייטשלאַנד, איז פאָרגעקומען דער ערשטער ענדגילטיקער פאָרמעלער איינריים צווישן אים און דעם קאָמיוניסטישן יוגנט־פארבאנד. מארינוס וואַן דער ליובען האָט שוין לאַנג גאָרנישט פארבונדן מיטן קאָמיוג אין ליידען. אים האָט געדראָט אויסגעשלאָסן צו ווערן פון קאָמיוג און פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ער איז דעריבער פארלאָפן דעם וועג און געמאָלדן וועגן דעם, אז ער טרעט ארויס פון דער אָרגאַניזאציע. פון דעם טאָג אָן הייבט ער אָן ביי יעדער גע־לעגנהייט אָנצופאלן אף דער קאָמפאַרטיי פון האָלאַנד.

אינערלעך איז ער מער ווי צוויי יאָר געווען אָפּגעגאַנגען פון דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג. דעם 21־טן יאנואר 1929 יאָר, ווען ער איז נאָכן קאָנפליקט ארויס פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט ער זיך געווענדעט צום קאָמיוג מיט א בריוו, אין וועלכן ער האָט געשריבן: „מיך האָט פארכאַפּט אַ באַזונדער פעסימיזם. ווי דאָס איז געשען, פארשטיי איך אליין ניט. איך האָב מיט אַלע מיטלען געפּרואוווט צו באַקעמפן עס". פאר אונז איז א מעשונעדיק געשטאַלט פון א יונגן מאַן, וואָס זיין אויסערלעך אויסזען אנטשפּרעכט ניט זיין אינערלעכן צושטאַנד. א שטאַר־קער, אַזוי שטאַרק, אז מען רופט אים „דעמפּסי", האָבנדיק, ווי ס'ווייזט אויס, אַלע מיילעס אף צו זיין דער זיגער אין לעבן, גיט ער זיך אין דער ווירקלעכקייט אין אַלע באַציאונגען אונטער פארן לעבן. דער שרייבער יע. קנוטעל פון ליידען, וואָס האָט אָפט געהאַט צו טאָן מיט וואַן דער ליובען, גיט וועגן אים אזא כאַ־ראַקטעריסטיק:

„ווען איר שמועסט לאַנג מיט וואַן דער ליובען וועגן עפּעס א פראַגע, איז ער מאַסקים מיט אייך. אייך דוכט זיך, אז איר האָט אים איבערצייגט אף מאָרגן באַקומט איר אָבער פון אים אַ בריוו, אין וועלכן ער איז אייך מודיע, אז ער איז געבליבן ביי זיין פריערדיקן שטאַנדפּונקט".

און אָט די דאָזיקע איינגעשפּאַרטקייט פּאָרט זיך ביי אים מיט א ווייכקייט, וואָס איז אָפט צו באַמערקן בא האָמאָסעקסואַליסטן. גלייכצייטיק האָט ער א נייג־גונג צו ליגנס און גוזמעס. זיינע באַקאַנטע פון אויטערסט גראַכט, וועלכע האָבן אים גוט געקענט, באַשטעטיקן דעם דאָזיקן שטריך אין זיין כאַראַקטער.

וואַן דער ליובע באַקענט זיך מיטן דר. בעל

ווען וואַן דער ליובע האָט זיך אין פרילינג 1931 יאָר אומגעקערט פון זיין רייזע אין דייטשלאַנד, האָט ער דערציילט זיינע פריינט וועגן עפּעס א הער, וואָס האָט אים געגומען אין זיין אויטאָמאָביל און האָט געמאַכט מיט אים א גרויסע רייזע. מיר ווייסן ניט, צי די דאָזיקע געשיכטע איז עמעס, צי עפשער האָט ער אויסגעקלערט די דאָזיקע מייסע מיטן הער פון לייפּציג. איינס אָבער ווייסן מיר

דער פּאָליציי־מיניסטער פון דער „דריטער אימפעריע״

הערמאַן געריננ, פּאָרזיצער פון פּרייסישן מיניסטאָרן־קאבינעט
און רייכסטאג־פּאָרזיצער
„זאָל איך איין־צוויי מאָל ניט טרעפן, אָבער דאָך וועל איך שיסן״
(גערינג, דעם 11־טן מערץ 1933 יאָר אין עסן)

אויף געווים, אַז אין דער צייט פֿון זיין רייזע איבער דייטשלאַנד, האָט ער זיך באַקענט מיט אַ פּאַרשוין, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין גורל.

דער דאָזיקער הער — דר. געאָרג בעל, אַ נאַטוראַליזירטער אין דייטשלאַנד שאָטלענדער, האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. בעערעך אין אַ יאָר אַרום איז ער און אייניקע זיינע פֿריינט שטאַרק פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן מיצאַד די שטורעם־אָפּטיילונגען. ווייטער גיבן מיר אַ באַשרייבונג, ווי אַזוי מען האָט אים געהאַרגעט. די פֿריינט זיינע האָבן אונז געגעבן וויכטיקע באַווייזן וועגן דר. בעלס פֿאַרבינדונג און דער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אין דער פּאַרטיי פֿון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. זיין פֿריינט, דער הער וו. ס. האָט געגעבן פּראָטאָקאָלירטע באַווייזן וועגן בעלס באַקאַנטשאַפֿט מיט וואַן דער ליובע. מיר ציטירן בוכשטעבלעך דעם דאָזיקן אָרט פֿון זיינע באַווייזן:

„בעל האָט מיר דערציילט, — אויב דער זיקאָרן נאַרט מיך ניט, איז עס געווען אין מאַי 1931 יאָר, — אַז ער האָט זיך באַקענט מיט אַ יונגן האָלענדישן אַרבעטער, וועלכער איז אים זייער געפֿעלן. דאַכט זיך, אַז ער האָט אים באַגעגנט בעת אַ רייזע אין אַן אויטאָמאָביל אין דער אומגעגנט פֿון בערלין אָדער פּאָסטדאַם. זיי האָבן באַגעגנט אין וועג אַ וואַנדערבאָכער און האָבן אים גענומען צו זיך אין אויטאָמאָביל. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ יונגן האָלענדישן אַרבעטער. שפּעטער האָט אָט דער יונגער האָלענדער באַזוכט בעלן אין מינכען. בעל האָט אים גערופֿן רענוס אָדער רינוס. ער פֿלעגט זיך אָפּט מיט אים באַגעגענען".

פֿון דאַן אָן האָט זיך צווישן וואַן דער ליובען און בעלן געפֿירט אַ שטענדיקע קאָרעספּאָנדענץ. די פּערזענלעכע פֿאַרבינדונגען מיט בעלן האָט ער באַנייט אין 1931 יאָר.

אַ רייזע אין מינכען

מאַרינוס וואַן דער ליובע איז ניט לאַנג פֿאַרבליבן איןליידען. אין סעפּטעמבער 1931 יאָר קלייבט ער זיך ווידער אין דייטשלאַנד. זיין פֿריינט פֿינקן לייגט ער פֿאָר באַקומען פֿאַר אים די פּענסיע (מען האָט אים אַסיגנירט זיבן גילדן אַ וואָך פֿאַר אינוואַלידישקייט).

רייזנדיק איבער דער ריין־געגנט, פֿאַרבינדט וואַן דער ליובע אין באַכאַראַך אַ שמועס מיט אַ מאָטאָציקליסט. דער לעצטער, ווייזט זיך אַרויס, איז אַ לאַנדסמאַן, אַ טראַמוויי־קאָנדוקטאָר פֿלעק פֿון האַג. פֿלעק נעמט מאַרינוסן מיט זיך, זעצט אים אַריין אין מאָטאָציקלעט. געגנעכטיקט האָבן זיי אין ראַטענבורג, וואָס אויף דער טייך טאַובער — פֿלעק אין אַ האָטעל, מאַרינוס אין אַ נאַכטהיים פֿאַר דער יוגנט. פֿלעק האָט מיטגעטיילט אונזער אינפֿאָרמאַטאָר אייניקע איינצלהייטן וועגן זיין שמועס מיט וואַן דער ליובען, וואָס ער טוט אין דייטשלאַנד. וואַן דער ליובע האָט געענטפֿערט, אַז ער זוכט אַרבעט. אויף דער פֿראַגע, צי איז ניט גלייכער זוכן אַרבעט אין האָלאַנד, האָט וואַן דער ליובע מיט

א זיכערן טאָן געענטפערט, אז אין דייטשלאַנד וועט ער ארבעט גיכער געפינען. דער קאָנדוקטאָר פלעק האָט אונטערגעשטראָכן, אז ער האָט זיך זייער פארכי־דעשט פון אזא זיכערקייט.

פון ראָטענבורג איז פלעק אוועקגעפאָרן ווייטער אין מינכען. ער האָט גע־נומען וואן דער ליובע מיט זיך ביז מינכען. הארט בא דער שטאָט האָבן זיי זיך צעשיידט. וואן דער ליובע האָט ווארשיינלעך פארבראכט אין מינכען עטלעכע טעג, ווייל ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער גענוי דערציילט פאר זיינע פריינט וועגן דער דאָזיקער שטאָט. ער האָט גערעדט ניט אזוי וועגן דער שטאָט, ווי וועגן די פאסירונגען, וואָס האָבן מיט אים דאָרט געטראָפן. וועגן דעם, אז ער האָט זיך דאָרטן באקענט מיט אסאך מענטשן. יענער יונגער ארבעטער, וועמעס נאָטאריעל פארפראָטאָקאָלירטע באוויזן מיר האָבן אויבן ציטירט, דער־ציילט וועגן דעם אזוי:

„דער האָלענדער האָט מיר דערציילט, ווי גוט ס'האָט זיך אים געלעבט אין מינכען. ער האָט געזאָגט, אז מיט אים האָט זיך פאראינטערעסירט עפעס א דאָקטאָר ב., וועלכער האָט אים באקענט מיט אסאך פערזאָנען. ער האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אז דורכן דאָקטאָר ב. איז ער זיך צונויפ־געגאַנגען מיט אסאך איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן. וועגן דעם דר. ב. האָט ער גערעדט מיט גרויס באגייסטערונג".

אָט דער דאָקטאָר ב. איז ניט קיין אנדערער, ווי דער דאָקטאָר בעל, וועמען וואן דער ליובע האָט עס באזוכט אין מינכען. דר. בעל האָט אים אריינגעפירט אין די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קרייזן און באקענט, אגעוו, מיטן הויפט פון היטלערס שטאַב — מיט רעמען. אין יענער צייט איז דר. בעל געוועזן רעמס ראטגעבער אין די פראגעס פון דער אויסערן־פּאָליטיק. ער איז געוועזן אזא נאָענ־טער פריינט רעמס, אז רעם האָט אים שפּעטער געגעבן א קאָנפידענציעלן אויפ־טראג איינצושטעלן א פארבינדונג מיטן מאַיאָר פון רייכסבאַנער — מיט מייערן.

רעמען האָט דאַן גדראָט, אז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זאָלן זיך מיט אים אָפּרעכענען און ער האָט דורך בעלן געזוכט שטיצע ביי מייערן. אָט די אלע פאקטן זיינען געוואָרן באוואוסט פון בעלס און מיירס באווייזן אף אן עפנטלעכן געריכט אין אָקטאָבער 1932 יאָר, ווען דער קאַפּיטאַן רעם האָט אָנגעקלאָגט די סאָציאַל־דעמאָקראטישע צייטונג „מינכענער פּאָסט".

בעל איז געוועזן רעמס ראטגעבער אין די אויסערן־איניאָנים, ער האָט אויך געפירט זיינע אמור־געשעפטן. די „מינכענער פּאָסט" און די איבעריקע צייטונגען האָבן געדרוקט אין 1932 יאָר רעמס בריוו צו יונגעלייט, בריוו, פון וועלכע ס'איז צו זען, אז רעם איז א פּעדעראסט. דער דאָקטאָר האָט צוגעשטעלט רעמען לעבע־דיקע סכוירע. ער האָט געוואוסט פון רעמס אלע האָמאָסעקסואַליסטישע געהיימ־נישן, ווייל ער האָט אים אליין צונויפגעפירט מיט די יונגעלייט. בעל האָט גע־פירט א גאַנצע בוכהאַלטעריע פון די באַכערים, וואָס ער פלעגט ברענגען צו רעמען. ער האָט פאראויסגעזען, אז פריער אָדער שפּעטער קענען פאָרקומען צווישן

אים און די נאצ.־סאָציאַליסטן רייבונגען. ער האָט געהאַט אסאך סאָנים און מיט דער הילף פון אָט דער רעשימע האָט בעל געוואָלט האַלטן רעמען אין די הענט.

איצט עקזיסטירט ניט מער די דאָזיקע רעשימע. אין אַפּריל 1933 איז בעל געלאָפן פון די פאַשיסטן, וואָס האָבן אים געוואָלט טויטן, אין קויפשטיין אין עסטרייך, נאָר אויך דאָ איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ באַנדע שטורמאַוויקעס און זיי האָבן אים דערמאָרדעט. דערביי האָט מען ביי אים צוגענומען אַלע קאָמפּראָמע־טירנדיקע דאָקומענטן, וואָס ער האָט מיטגענומען און האָט געוואָלט אויסנוצן קעגן דער נאַצ.־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין דער צאָל איז אויך פאַרניכטעט געוואָרן די דאָזיקע רעשימע.

וו. ס., בעלס פריינט, גיט פאָלגנדיקע פּראַקאַקאַלירטע באַווייזן וועגן דער דאָ־זיקער רעשימע:

„דאָקטאָר בעל האָט ארויסגענומען פון שראַנק אייניקע דאָקומענטן. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף איין בויגן פּאַפּיר און געזאָגט: „דאָס איז אַ צעטל פון רעמס ליבע־פּאַסירונגען. אויב איך וועל דעם צעטל ווען עס איז פאַר־עפנטלעכן, וועט רעם זיין אַ פּאָליטיש טויטער מענטש". ער האָט מיר באַוויזן דעם דאָזיקן צעטל, דאָרטן זיינען געווען בא אַ דרייסיק פאַמיליעס. איך געדענק גענוי איין נאָמען „רינוס", נאָך וועלכן עס איז געשטאַנען אַ האָלענדישע פאַמיליע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „וואָן דער"...

„רינוס" דאָס איז אַ פאַרקירצטער וואָרט פון מארינוס. אינעם צעטל פון די ליבע־באַציאונגען איז געווען אויך וואָן דער ליובעס נאָמען. פון מינכען מאַכט וואָן דער ליובע אַ טייל פון זיין „ארבעטערשער, אויפקלערערישער ספּאָרט־רייזע", וואָס ער האָט מיט אַזאַ פּאָמפּע אפּישירט. מיר האָבן פאַר אונז אַ קאַרטל, וואָס ער האָט געשריבן פון קראַקאָוו. אונזער אינפאָרמאַטאָר האָט געזען אַ בריוו פון בודאַפּעשט, אַ קאַרטל פון בעלגראַד. וואָן דער ליובע האָט זיך אומגעקערט אין לײדען אין יאַנואַר־פעברואַר 1932 און האָט אסאך דערציילט וועגן זיין רייזע. צווישן אנדערס האָט ער דערציילט, אז אַפן וועג קיין בודאַפּעשט האָט ער באַגע־גנט אַ יונגן באַלמעלאָכע, וואָס זיין שוועסטער האָט זיך געפונען אין אַ בודאַ־פּעשטער שאַנד־הויז. וואָן דער ליובע האָט פאַרטראַכט ראַטעווען דאָס מיידל פון שאַנד־הויז. זי האָט פון אים געפאָדערט ליבע. נאָר ער האָט פאַרבראַכט מיט איר אַ גאַנצע נאַכט אין איין צימער און זי ניט אָנגערירט אפילו, און איז דער־נאָך אוועק ווייטער. אַזעלכע מייסעס וועגן ראַטעווען מיידלעך זיינען טיפּיש פאַר האָמאָסעקסואַליסטן, און פרויד רופט עס „פּאַרסיפאַל־קאָמפּלעקס".

א טייך אפן גרענעץ פון פוילן און פּססר

אין וואָן דער ליובעס געשיכטעס וועגן זיין רייזע דאַרף מען באַצייכענען איין אָרט. וואָן דער ליובע דערציילט, אז ער איז געווען אין פוילן און איז דער־גאַנגען ביז דער סאָוועטישער גרענעץ. „אַ מעכטיקער טייך, — זאָגט ער, — טיילט אָפּ פוילן פון פּסּסר. וואָן דער ליובע האָט קלוימערשט געפּרואווט אריבערשווימען

Namn: von Göring. Herman Wilhelm, kapten N:r S.S. 291/1925

Bostad: Odengatan 23 Hemortsrätt: [illegible] 388 Bet. 18

Intogs den	Utskrevs den	Utskrevs till	Död den	Födelsetid	Rekvisition hos polisen	Rekvisition hos ombudsman	Rekvisition hos avgiftsdelegerade	Lagsökt den	Hosp. ansökan till	Hosp. ansökan den	Pensionsansökan den	Remiss av Poliskammaren	Remiss av Förste stadsläk.	Remiss av Överläkaren	Betyg av Läkare	Betyg av Präst	Betyg av Ombudsman	Betyg av Roteman	Bil. B.	Kyrkoherden underrättad
[illegible]	4/9 25	[illegible]		18/1 1893	7/9 25	–														

Anteckningar: [illegible]
Till [illegible] 12/11 25

1,000. 2. 25

Vänd

דעם קאפיטאן הערמאן גערינגס קראנקן־קארטל, וואָס געפינט זיך אינעם קארטאָטעק פונעם פסיכיאטרישן שפּיטאָל אין לאנגבראָ, וואו גערינג איז געבראכט געוואָרן דעם 1־טן סעפּטעמבער 1931 יאָר

די עקספּערטיזע פונעם שטאָקהאָלמער געריכט־דאָקטער

29/4 1926 [illegible]

Att Kaptenen Göring lider af morfinism och att hans hustru Carin Göring, född friherrinna Fock, lider af Epilepsi och att derför deras hem måste anses olämpligt för hennes son Thomas Kantzow, intygar

Stockholm 16 April 1926
Karl A. R. Lundberg
leg läk

„דערמיט ווערט באשטעטיקט, אז דער קאפּיטאן גערינג איז קראנק אף מאָרפיניזם און אז זיין פרוי קארין גערינג, געבוירענע באראָנעסע פאָק, איז קראנק אף עפּילעפּסיע און דעריבער קאָן זייער הויז ניט זיין קיין פּאַסיק אָרט פארן אויפהאלטן זיך פון איר זון טאָמאס קאנצאָוו".

קארל א. ר. לונדבערג, געשוואָרענער דאָקטער.

(שטאָקהאָלם, 18־טן אפּריל 1926 י.).

דעם טייך, קעדיי צו קומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר די פּוילישע גרענעץ־וואַך האָט אַף אים געגומען שיסן פון ביקסן און געצוואונגען פאַרקערעווען אַף צוריק. מ'האָט אים עטלעכע טעג קלוימערשט אָפּגעהאַלטן אין אַ פּוילישער טפיסע, פון וועלכער ער האָט געקענט זען די סאָוועטישע גרענעץ־וואַך אַף יענער זייט טייך. דערנאָך האָט מען אים מיטן עטאַפּ אָפּגעפירט צו דער דייטשישער גרענעץ. ווען דער ליובעס פּריינט זיינען איבעראשט געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך פון אונזער אינפאָרמאַטער דערוואוסט, אַז צווישן פסטר און פוילן איז ניטאָ קיין שום „מעכ־טיקער טייך". די דאָזיקע מייסע איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר וואָן דער ליו־בעס באַרימערייי און ליגנס.

ס'איז קיין שום סאָפעק ניט, אַז וואָן דער ליובע האָט אפּילע קיין פוס ניט געשטעלט אַפן באָדן פון ראַטנפאַרבאַנד.

צוגאַסט בּיי די נאַצ.־סאָציאַליסטן

וואן דער ליובע האָט זיך אומגעקערט אין ליידען אין יאַנואַר אָדער פעב־רואַר 1932 יאָר. ער איז געקומען צו פאָרן אסאך פריער, ווי מע האָט אים דער־וואַרט. ווי די מאַדאַם ציפּ דערציילט, האָט ער איר צוגעשיקט פון בערלין אַ קאַרטל און אין זעלביקן טאָג, ווי ס'איז אָנגעקומען דאָס קאַרטל, איז ער אליין געקומען. הייסט עס, אַז פון בערלין איז ער געקומען אָדער מיטן באַן אָדער מיט אַן אויר־טאָמאָביל. שטעלט זיך אַ פראַגע: פונוואַנען האָט ער אַף דעם גענומען געלט?

בעערעך אין אַ כוידעש אַרום פאַרט וואָן דער ליובע דעם דריטן מאָל אין בערלין. פאַרן אָפּפאָרן איז באַ אים געווען אַ קאָנפליקט מיט דער קאַסע, וואָס צאָלט אים פאַר אינוואַלידישקייט. ער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אים העכערן די פענסיע; די קאַסע האָט אים אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך אַזוי צעקאַכט, אַז ער האָט צעבראָכן עטלעכע שויבן. דער האָלענדישער געריכט האָט אים דערפאַר פאַרמישפּעט צו דריי כאַדאָשים טפּיסע. ער איז אָבער אַוועקגעפאָרן אין דייטש־לאַנד, ניט אָפּקומענדיק די שטראָף. ער האָט באַזוכט בערלין און זאַקסן. אין זער־נעוויץ האָט מען אים געזען אין דער געזעלשאַפט פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זאָמער און שומאַן. נאָך דער סריפע אין רייכסטאַג האָט זאָמער וועגן דעם מיט־געטיילט דעם בורגמייסטער. די ס. ד. פּראַקציע האָט וועגן דעם אַריינגעטראָגן אַן אָנפראַגע אין זאַקסישן לאַנדטאַג. קיינער האָט די דאָזיקע פאַקטן ניט באַ־שטריטן. זאָמער, וועלכער האָט וועגן אָט דעם פאַקט מיטגעטיילט, איז פאַר־שוואונדן, ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן.

וואָן דער ליובע פאַלט אָן אַף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

דעם 21־טן יוני קערט זיך וואָן דער ליובע אום קיין האָלאַנד, וואו מען אַרעס־טירט אים, און ער מוז אָפּזיצן די דריי כאַדאָשים, וואָס ער האָט באַקומען פאַר די צעבראָכענע שויבן. אַז ער איז אַרויס אַף דער פריי, האָט ער אונטערגענומען

א רייזע איבער אייניקע שטעט, וואו ער איז אף פארזאמלונגען ארויסגעטראָטן מיט שארפע אָנפאלן אף דער קאָמפארטיי.

מיר האָבן באוויזן וועגן דעם קאמף, וואס וואן דער ליובע האָט געפירט קעגן די קאָמוניסטן. דעם 6־טן אָקטאָבער 1932 יאָר האָט ער אָנטיילגענומען אף א מיטינג אין דער געביידע פון דער ברויט־בירזשע אין לײדען, וואו ס'איז ווי א הויפט־רעדנער ארויסגעטראָטן דער לידער פון די האָלענדישע פאשיסטן אי. א. בארס. איינגיכן נאָך דער סרייפע אין רייכסטאג, ווען די פאשיסטישע פרעסע האָט דערקלערט וואן דער ליובע פאר א קאָמוניסט, האָבן אייניקע אָנטיילנעמער פון דער פארזאמלונג, נייטראלע מענטשן, , אין א נאָטאריעל פארזיכערטן פראָ־טאָקאָל געגעבן באווייזן וועגן דעם, ווי אזוי וואן דער ליובע האָט זיך אויפגע־פירט אף דער פארזאמלונג. ער איז ארויסגעטראָטן און געפאָדערט, אז מען זאָל לאָזן ריידן דעם לידער פון די פאשיסטן, ער האָט געזידלט די אָנטיפאשיסטן פאר זייערע פרוּוון איבערצורייסן בארס רעדע. מיר ברענגען א פאָטאָ־בילד פון פאר־זיכערטן פראָטאָקאָל.

Heden, den veertienden Maart negentienhonderd drie en dertig, verschenen voor mij Hendrik Markus Markusse Notaris ter standplaats Leiden, in tegenwoordigheid der beide na te noemen getuigen:

1. de Heer Pieter Daniël Haamke, timmerman, wonende te Leiden, Lombokstraat nummer 11.

2. Mejuffrouw Jacoba Maria van Wijk, huishoudster, wonende te Leiden, Levendaal nummer 156.

3. de Heer Wilhelmus Plasmeijer, fondsbode, wonende te Leiden, Levendaal nummer 63a.

4. de Heer Johannes Cornelis Beurse, loodgieter, wonende te Leiden, Driftstraat nummer 13a.

5. de Heer Jacobus Marijt, schilder, wonende te Leiden, Prinsenstraat nummer 36.

die ten overstaan van mij, notaris, in tegenwoordigheid van na te noemen getuigen verklaarden:

dat zij, comparanten, allen bezoekers zijn geweest van de fascistische openbare vergadering gehouden in de Graanbeurs te Leiden, op den zesden October negentienhonderd twee en dertig, in welke vergadering als spreker is opgetreden de fascistenleider J. A. Baars.

dat zij hebben geconstateerd dat op deze vergadering aanwezig was de Heer Marinus van de Lubbe, destijds wonende te Leiden, die naar hun meening op deze vergadering den indruk heeft gewekt niet geheel afwijzend tegenover het fascisme te staan en wel:

ten eerste: door, toen de talrijke aanwezige arbeiders hun ongenoegen te kennen gaven over het optreden van den fascistenleider Baars, op een stoel te springen, het woord te nemen en hen aan te manen den spreker rustig aan te hooren.

ten tweede: door zijn weifelende houding in het debat dat hij geenszins namens de Communistische Partij Holland voerde, waarbij hij zich van elken rechtstreekschen aanval op de fascisten, die zooals hij het uitdrukte toch ook arbeiders waren, onthield.

Waarvan Akte.

In minuut opgemaakt is verleden te Leiden op den datum in den aanhef dezer vermeld in tegenwoordigheid der Heeren Klaas Holtkamp, candidaat-notaris, wonende te Oegstgeest en Frederik Johannes Landzaat, particulier, wonende te Leiden, als getuigen, die evenals de comparanten aan mij, notaris, bekend zijn.

Onmiddellijk na voorlezing is deze akte door de comparanten, de getuigen en mij, notaris, onderteekend. P.D.Haamke, J.M. van Wijk, W.Plasmeijer, J.C.Beurse, J.Marijt, K.Holtkamp, F.J.Landzaat, H.M.Markusse.

Geregistreerd te Leiden den vijftienden Maart 1900 drie en dertig deel 8 folio 40 nummer 17 een blad een renvooi.

Ontvangen voor recht een gulden vijftig cent f 1,50.

De Ontvanger, de Koning.

H. M. MARKUSSE NOTARIS te LEIDEN

Uitgegeven voor Afschrift.

א צווייטער באריכט שילדערט, ווי אזוי וואן דער ליובע האָט זיך אויפגע־פירט אף א פארזאמלונג פון שטרייקנדיקע שאָפערס אין האאג אין דעצעמבער 1932. אף אָט דער פארזאמלונג איז וואן דער ליובע געגאנגען נאָך ווייטער. ער

איז זייער שאַרף אָנגעפאַלן אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ער האָט באַנוצט דער־בײַ די שאַרפסטע אויסדרוקן און האָט גערופן די שאָפערס צו טעראָריסטישע אַקטן טראָץ דער ליניע פון דער קאָמפּאַרטיי. וועגן דעם זאָגן איידעם צוואַנציק אָנטיילנעמער פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס געהערן צו פאַרשידענע פּאַרטייען און אומפּאַרטייאישע.

מיט יעדער פאַרזאַמלונג זיינען וואָן דער ליובעם אָנפאַלן אויף דער פּאַרטיי געוואָרן אַלץ האַזעדיקער און פיינטלעכער און דערבײַ פלעגט ער באַנוצן די טער־מינאָלאָגיע פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן וועגן „רויבערישן" און „שעפערישן" קאַפּיטאַל. ס'איז קיין שום ספק ניט, אַז לעכאַלאַפּאַכעם די לעצטע כאָדאָשים איז וואָן דער ליובע געווען געפאַנגען בא די נאַצ.־סאָציאַליסטן. דער אַנטוישטער באַלעבעסל האָט זיך אומגעקערט צו זיין אייגענער סוויווע.

די לעצטע רייזע אין דייטשלאַנד אין פעברואַר 1933

אין יאַנואַר 1933 איז וואָן דער ליובען אויסגעקומען ווידער צו לייגן זיך אין שפּיטאָל. די אויגן זיינען בא אים געוואָרן ערגער. ער איז אָפּגעלעגן אין לייַ־דענער שפּיטאָל פיר וואָכן. ער באַקומט דעמאָלט אַסאַך בריוו פון דייטשלאַנד. פון שפּיטאָל גייט ער אַרויס אינמיטן פעברואַר. היטלער איז שוין דאַן געווען דייטשישער קאַנצלער. ליובע האָט געזאָגט זיינע באַקאַנטע, אַז ער מוז פאָרן אין דייטשלאַנד, ער האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער וואַרט זייער פיל פון אָט דער נעסיע. ליובע דערציילט, אַז זיינע דייטשישע פריינט פאָדערן אים אין דייטש־לאַנד. ס'איז ניט פעסטגעשטעלט, צי ליובע האָט געוואוסט, אַז מע האָט אים באַשטימט פאַר א „גרויסער זאַך". אָדער עפּשער האָט ער נאָר געהאָפט, אַז זיינע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פריינט וועלן אים העלפן קריגן אַרבעט. ווי ס'זאָל ניט זיין, האָט ער פיל געוואַרט פון זיין רייזע. וואָן דער ליובע איז אַוועק פון ליידען אינמיטן פעברואַר 1933 יאָר. ווי די „פאָסישע צייטונג" פון 2־טן מערץ 1933 יאָר טיילט מיט, האָט ער געגעכטיקט דעם 17־טן פעברואַר אין גלינדאַוו אַם־ווער־דער און דעם 18־טן פעברואַר איז ער אַוועק ווייטער אין בערלין. דאָ האָט ער זיך געטראָפן מיט זיינע פריינט, די נאַצ.־סאָציאַליסטן, מיט וועמען אים האָט באַקענט בעל. ער האָט גלייך באַנייט די באַציאונגען מיט דער גרופּע פון גראַף העלדאָרף.

וואָן דער ליובע ווערט א געצייג פון פּראָוואָקאַציע

דעם 27־טן פעברואַר האָט מען וואָן דער ליובע אַרעסטירט אין דער ברענענ־דיקער געביידע פון רייכסטאָג. אין שיין פון דער סרייפע ווערט אָפּגעשפּילט א מיס־טיפיקאַציע, וואָס איר העלד איז עטלעכע שאָ וואָן דער ליובע. דערנאָך האָט ער געדאַרפט אָפּראַמען די בינע פאַר די עמעסדיקע אַרטיסטן.

די פּראָזשעקטערס פון עמעס צערייסן דעם רויך־פאָרהאַנג פון ליגן און פאַלשקייט און וואַרפן שטראַמען אומבעראַכמאָנעסדיקן ליכט אויף יענע, וועלכע

האָבן אויסגענוצט וואָן דער ליובען ווי א געווער אף אויסצופילן זייערע אינטרי־גען. דאָס זיינען — גערינג און געבעלס.

פאַרוואָס האָבן זיי אלס געווער אויסגעקליבן דאַפקע וואָן דער ליובען? וואָן דער ליובע איז ביז 1931 יאָר געווען א מיטגליד פון דער האָלענדישער קאָמ־פּאַרטיי. גערינגס און געבעלסעס אגענטן האָבן גערעכנט, אז דאָס איז גענוג אף ארויפצואווארפן די שולד פון אָנצינדן דעם רייכסטאג אף די קאָמוניסטן.

די האָמאָסעקסועלישע באַציאונגען וואָן דער ליובעס מיט די נאצ.־סאָציאַליס־טישע לידערס, זיין מאטעריעלע אָפּהענגיקייט פון זיי האָבן אים געמאכט פאר א געהאָרכזאמען קנעכט פון די אונטערצינדער.

זיין האָלענדישע אָפּשטאַמונג איז געווען א גוואונטשענער צוגאָב. דאָס האָט פאַרגרינגערט געבעלסן און גערינגן די אויפגאבע פאַרצושטעלן די סריפּע אין רייכסטאַג ווי אן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרשווערונג.

צוליב די אלע טַיימים האָט מען וואָן דער ליובען אויסגעקליבן פאר א גע־ווער פאַרן פאַרברעכן.

ווער זיינען די הויפּט־העלדן פון דער פאַרשווערונג? קוקט זיך צו צו זיי.

דעם פּלאַן פון דער אונטערצינדונג האָט פאַרפאסט דער פאַנאטישער אויפ־טוער פון ליגן און פּראָוואָקאַציע דאָקטער געבעלס.

אָנגעפירט מיט דער גאנצער זאך האָט דער מאָרפיניסט קאפיטאן גערינג. דעם אונטערצינדער־אַטריאַד האָט געפירט דער נאכט־מערדער, דער אויספילער פון די אורטיילן פון געהיימען פאשיסטישן טריבונאל עדמונד הייגעס.

דאָס געצייג איז געווען דער האלב־בלינדער אינגל, דער פּעדעראַסט מארינוס וואָן דער ליובע.

ווען אין 1886 יאָר האָט די טשיקאגער פּאָליציי מיט דער הילף פון געדונ־גענע פּראָוואָקאַטערס אינסצעניַרט א פאַרשווערונג און דערביי איז פון באָמבעס־אויפרייסן אומגעקומען א גרויסע צאָל פּאָליציאַנטן, האָט מען גערעכנט האָבן, אז עס זאָל אריבער גאנצע זיבן יאָר, ביז מען האָט אויפגעדעקט די פּראָוואָקאַציע.

די געצייג זיינען געווען גוט אויסגעקליבן. נאָך דער סריפּע אין רייכסטאַג איז גענוג געווען דריי טעג, און דער גאנצער וועלט איז געוואָרן קלאָר, אז דעם רייכס־טאג האָבן אונטערגעצונדן די נאצ.־סאָציאַליסטן. דאָס געצייג פון דער פּראָוואָקאַציע איז אויסגעקליבן געוואָרן זייער אומגעשיקט.

די ווירקלעכע אונטערצינדער

ווי אזוי א באזוכער פאלט אריין אין רייכסטאג

היטלערס רעגירונג האט אין אלע אירע מיטיילונגען וועגן דער רייכסטאג־שריפע ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן די פראגע וועגן דעם, אף וואס פאר אן אופן די אונטערצינדער זיינען אריינגעדרונגען אין רייכסטאג. זי האט אויסגע־רעכנט דערויף, אז קימאט קיינער פון די דייטשן און אויסלענדער איז ניט באַ־קאנט מיט דער פראצעדור פון ארייננלאזן אין רייכסטאג, מיט די פארמאליטעטן, וואס מען דארף דערביי אויספילן. דער ווייטערדיקער קלאלים־צעטל באווייזט, וואס עס פאדערט זיך פון א באזוכער, קעדיי ער זאל קאנען ארייַנפאלן אין רייכסטאג:

1. ניט־מיטגלידער פון רייכסטאג און באזוכער קאנען אדורכגיין אין רייכס־טאג בלויז דורך דער אריינגאנג־טיר נומ. 2 אדער אריינגאנג־טיר נומ. 5. די ערשטע קומט ארויס אף סימסאנשטראסע, די צווייטע — אף דער ברעג־גאס פונעם טייך שפרע.

2. דורכגייענדיק דורך דער אריינגאנג־טיר נומ. 5, פאלט דער באזוכער אריין אין אן אפגעצאמטן רוים. דער רוים איז אפגעטיילט מיט א שטריק־באריער. הינ־טערן באריער געפינען זיך ספעציעלע באאמטע, וואס רעגיסטרירן די באזוכער.

3. יעדער באזוכער איז מעכויעוו זיך צו ווענדן צו אזא באאמטן. עס איז אומעגלעך אדורכצוגיין אין רייכסטאג, ניט מעלדנדיק זיך בא א באאמטן. צוליב דעם ציל פילט אויס דער באזוכער א געדרוקטן בלאנק, ער ווייזט אין אים אן זיין נאמען, דעם נאמען פונם דעפוטאט, צו וועלכן ער גייט, און אויך דעם ציל פונעם באזוך.

4. דער רייכסטאג־קוריער טראגט אוועק דעם אויסגעפילטן בלאנק צו דעם דעפוטאט, וואס דער באזוכער האט אנגעוויזן. מען פרעגט דעם דעפוטאט, צי ער איז מאסקים אויפצונעמען דעם באזוכער.

5. ביז וואנען דער קוריער קערט זיך אום מיט דעם דעפוטאטס האסקאמע, ווארט דער באזוכער אין א ספעציעלער געביידע. דערביי געפינט ער זיך אונטער דער שטענדיקער אויפזיכט פון די דעזשורנע רייכסטאג־באאמטע.

6. ווען מען באקומט דעם דעפוטאטס האסקאמע אויפצונעמען דעם באזוכער, פירט דער קוריער דעם באזוכער צום געגעבענעם דעפוטאט.

דער קוריער איז מעכויעוו דורכצופירן דעם באזוכער ביז דעם דעפוטאט און אוועקגיין קאן ער ערשט דאן, ווען דער באזוכער שטייט שוין פארן דעפוטאט.

7. אלע באזוכער ווערן פארשריבן אין א ספעציעלן צעטל. די רעגיסטראציע ווערט געפירט אפן סמאך פון די בלאנקען, וואס די באזוכער פילן אויס.

די סרייפע אין רייכסטאג

דעם 27־טן פעברואר צווישן ניין און א פערטל צען איז אין דער רייכס־טאג געביידע אויסגעבראכן א סרייפע. נאך אינעם זעלבן אוונט האט די ראדיא איבערגעגעבן די ערשטע אפיציעלע מיטיילונג וועגן דער רייכסטאג־סרייפע. אכוץ דעם האט די בערלינער ראדיא־סטאנציע מיטגעטיילט, אז דער אונטערצינדער איז א האלענדישער קאמוניסט מיטן נאמען וואן דער ליובע, וואס האט זיך קלוימערשט אין אלץ מוידע געווען. אין דער אפיציעלער מיטיילונג ווערט געזאגט, אז די פאר ליציי־באאמטע, וואס זיינען אריינגעדרונגען אין דער ברענענדיקער רייכסטאג־געביידע, האבן דארט געטראפן וואן דער ליובען, וועלכער איז געווען אנגעטאן בלויז אין הויזן, און אז מען האט בא אים געפונען א האלענדישן פאספארט און א מיטגליד־ביכל פון דער האלענדישער קאמוניסטישער פארטיי. גאנץ פרי, דעם 28־טן פעברואר 1933 יאר האט די אפיציעלע „פרייסישע פרעסע־אגענטור” פאר־שפרייט פאלגנדיקע ווערסיע וועגן דער רייכסטאג־סרייפע:

„מאנטיק אין אוונט איז אין רייכסטאג אויסגעבראכן א סרייפע. דער אימפערישער קאמיסאר באם פרייסישן אינערן־מיניסטעריום, מיניסטער גע־רינג, האט באלד ווי ער איז אנגעקומען אפן ארט פון דער סרייפע, פאר־ארדנט אנצונעמען מיטלען און האט גענומען אף זיך די אנפירונג מיט אלע אקציעס. בא דער ערשטער מיטיילונג וועגן דער סרייפע זיינען אויך אנגע־קומען דער רייכסקאנצלער אדאלף היטלער און דער וויצע־קאנצלער פאן פאפען.

„מיר האבן דא, אן צווייפל, דעם סאמע ערנסטן פון אלע סרייפע־פאלן, וואס זיינען ביז איצט געשען אין דייטשלאנד. ווי די פאליציי־אויספארשונג האט באוויזן, איז אין דער גאנצער רייכסטאג־געביידע, פונעם קעלער־שטאק ביזן קופאל, פארלייגט געווען ברענ־מאטעריאל. די ברען־מאטעריאלן זיינען באשטאנען פון דזעגעכץ־פרעפאראטן און צינד־פאקעלן, זיי זיינען פארלייגט געווען אין די לעדערנע פאטעלס, אונטער געדרוקטע רייכסטאג־מאטע־ריאלן, בא די טירן, פארהאנגען, הילצערנע שעלעוואניעס און בא אנדערע לייכט־אויפלאמענדיקע זאכן. איין פאליציי־באאמטער האט באמערקט אין דער געביידע, וואס איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש, מענטשן מיט ברענענדיקע פאקעלן. ער האט טייקעף אויסגעשאסן. עס האט זיך איינגע־געבן צו כאפן איינעם פון די אונטערצינדער. דאס איז דער 24־יאריקער מו־ליער וואן דער ליובע פון לײדען אין האלאנד; ער האט בא זיך געהאט אן אויסגעפאריכטן האלענדישן פאספארט און ער האט זיך דערקלערט פאר א מיטגליד פון דער האלענדישער קאמוניסטישער פארטיי.

„דער צענטראלער רייכסטאג־קארפוס האט אינגאנצן אפגעברענט, דער

זיצונג־זאַל מיט אַלע טריבונעס און קולוארן איז פאַרניכטעט, דער שאָדן באַטרעפט מיליאָנען.

„די דאָזיקע סריפע איז די אומגעהייערסטע פון אַלע טעראָריסטישע אַקטן פון די באָלשעוויקעס אין דייטשלאַנד. צווישן די הונדערטער צענטנערס ביזוויליקע מאַטעריאַלן, וואָס די פּאָליציי האָט אַנטדעקט בײַ דער אונטערזוכונג אין עם קאַרל ליבקנעכט־הויז, האָט מען געפונען אינסטרוקציעס וועגן דורכפירן דעם קאָמוניסטישן טעראָר לויטן באָלשעוויסטישן מוסטער.

„לויט דעם דאָזיקן פּלאַן האָט מען געדאַרפט אונטערצינדן רעגירונגגעבײַדעס, מוזייען, פּאַלאַצן און די וויכטיקסטע אונטערנעמונגען. אין די אינסטרוקציעס איז רעקאָמענדירט געוואָרן צו טרײַבן בײַם אומאָרדענונגען און צוזאַמענשטויסן פאַראויס פון די טעראָריסטן־גרופּעס פרויען און קינדער און אויב ס'וועט נאָר מעגלעך זײַן, אַפילו די פאַמיליעס פון פּאָליציילײַט. דאָס אַנטדעקן די דאָזיקע דאָקומענטן האָט געשטערט צו פאַרווירקלעכן פּלאַנמעסיק די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. דאָס האָט די רײַכסטאַגסרייפע געדאַרפט דינען אַלס אַ סיגנאַל צו אַ בלוטיקן אויפשטאַנד און צו אַ בירגער־קריג. שוין דינסטיק 4 אַזייגער אינדערפרי האָבן זיך געדאַרפט אָנהייבן גרויסע רויבערייען אין בערלין. עס איז פעסטגעשטעלט, אַז פון הײַנטיקן טאָג אָן האָבן זיך אין גאַנץ דײַטשלאַנד געדאַרפט אָנהייבן טעראָריסטישע אַקטן קעגן אײַנצלנע פּערזענלעכקייטן, קעגן פּריוואַט־אייגנטום, קעגן דעם לעבן און פאַרמעגן פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג. גלײַך נאָך דעם האָט געדאַרפט פאַנאַנדערגעוויקלט ווערן אַ בירגער־קריג.

„דער אימפּערישער קאָמיסאַר אינעם פּרייסישן אינערן־מיניסטעריום, דער מיניסטער גערינג, האָט קעגן דער דאָזיקער קאָלאָסאַלער געפאַר אָנגענומען אַנטשיידענע מיטלען. ער וועט בײַ אַלע אומשטענדן און מיט אַלע מיטלען שטיצן דעם אויטאָריטעט פון דער מעלוכע. דערווײַל קאָן מען פעסטשטעלן, אַז דער ערשטער אָנגריף פון די פאַרברעכערישע עלעמענטן איז אָפּגעשלאָגן. קעדיי צו פאַרטיידיקן די געזעלשאַפטלעכע זיכערקייט, האָבן אַלע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און די אַמערסטן וויכטיקע אונטערנעמונגען נאָך מאָנטיק אין אָוונט באַקומען אַ פּאָליציי־וואַך, פּאָליצייאישע פּאַנצעראויטאָמאָבילן פּאַטרולירן אָן אויפהער אין די שטאָט־טיילן, וואָס זײַנען אונטערגעוואָרפן דער גרעסטער געפאַר. די גאַנצע שוץ־און קרימינאַל־פּאָליציי אין פּרייסן איז טייקעף געבראַכט געוואָרן אין שלאַכט־גרייטקייט. עס איז מאָביליזירט געוואָרן די באַהילפיקע פּאָליציי. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל וועגן אַרעסטירן 2 אָנפירנדיקע קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן, קעגן וועלכע עס זײַנען פאַראַן ערנסטע פאַרדאַכטן וועגן זייער אָנטייל אין דער סריפע. די איבעריקע דעפּוטאַטן און אַמט־פּערזאָנען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווערן אַרעסטירט אין אָרדענונג פון פּאָרלויפיקן אַרעסט. אין גאַנץ פּרייסן זײַנען פאַרווערט אויף 4 וואָכן די קאָמוניסטישע צייטונגען, זשור־

נאַלן, פלוג־בלעטלעך און פאַרטראָגן. אויף 14 טעג זיינען פאַרווערט אַלע צייטונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ווייל דער אונטערצינדער האָט אין זיינע באַווייזן זיך אויך מודה געווען אין פאַרבינדונגען מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אַדאַנק אָט דעם מודה זיין זיך איז דער איינהייטלעכער פראָנט צווישן די קאָמוניסטן מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן געוואָרן אַ באַשיימפּערלעכער פאַקט. דער דאָזיקער פאַקט פאָדערט פון דער פּערזאָן, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָפּהיטן די געפאַרלאָזיקייט אין פּרייסן, אַנטשיידענע מיטלען; דאָס דיקטירט אים זיין פליכט אָפּצוהיטן דעם אויטאָריטעט פון דער מעלוכע אין אָט דעם מאָמענט פון אויסערגעוויינלעכער געפאַר. די לעצטע געשעענישן האָבן פולשטענדיק באַשטעטיקט די נויטיקייט פון אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען, וואָס זיינען שוין פריער אָנגענומען געוואָרן (דעקרעטן, וואָס דערלויבן אָנצואווענדן פייערגעווער, באַהילפיקע פּאָליציי אאַז.). די דאָזיקע מאָסמיטלען גיבן דער מעלוכע־מאַכט אַ גענוגע קראַפט, קעדיי צו דערשטיקן אין וואָרצל יעטווידער ווייטערדיקן אַטענטאַט אויף דער רואיקייט אין דייטשלאַנד און צוזאַמען דערמיט אויך אין גאַנץ אייראָפּע. אין אָט דער ערנסטער צייט פאָדערט דער אימפּעריישער מיניסטער גערינג פון דער דייטשישער נאַציע אָפּצוהיטן די שטרענגסטע דיסציפּלין. ער דערוואַרט די אַלמעגלעכסטע אונטערשטיצונג מיצאַד דער באַפעלקערונג, וואָס פאַר איר געפאַרלאָזיקייט און שוץ האָט ער גאַראַנטירט מיט זיין אייגענעם קאָפּ".

די ערשטע מיטיילונגען אין דער פּרעסע

דעם 28־טן פעברואַר אינדערפרי האָבן מיליאָנען מענטשן איבערגעלייענט אין די צייטונגען די באַשרייבונג פון דער רייכסטאַג־סרייפע. קאָלאָסאַלע שרייענדיקע קעפּלעך האָבן צו וויסן געגעבן: דער דייטשישער רייכסטאַג איז אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען! די דאָזיקע געשעעניש האָט פאַרשטעלט מיט זיך אַלע איבעריקע. אין לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, אַמסטערדאַם, פּראָג און ווין האָט מען דעם לייענער אונטערגעטראָגן אַן אויספירלעכע באַשרייבונג וועגן דעם ברענענדיקן רייכסטאַג. אָבער דערווייל האָבן נאָר גערעדט בלויז רעפּאָרטיאָרן; אין זייערע דעפּעשן ווערן באַנוצט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי: „פייערדיקע צינגער, וואָס הייבן זיך צום נאַכטישן הימל", און אַזעלכע שאַבלאָנע פראַזעס, ווי דאָס „שוידערלעך שיינע בילד". אין אַלע מיטיילונגען ווערט איינמוטיק דערציילט, אַז פון זיצונג־זאַל אין רייכסטאַג איז געבליבן אַ קופּע אַש, אַז דער גלעזערנער דאַך פון קופּאָל איבערן רייכסטאַג האָט געפּלאַצט, אַז די קראָקוועס האָבן זיך אויסגעבויגן, אַז דער רונדאַרטיקער קאָרידאָר אַרום דעם זיצונג־זאַל און די קולוארן זיינען אויך געוואָרן אַ קאָרבן פונעם פלאַם.

אין די ווייטערדיקע מיטיילונגען פון דער וועלט־פּרעסע האָט זיך אַנטפּלעקט אַ וועזנטלעכע פאַרשידנאַרטיקייט צווישן איין מיטיילונג און דער אַנדערער. „פּראַ־

גער טאגעבלאט" טיילט מיט דעם 28־טן פעברואר, אז דעם פייער האָט מען באַמערקט ארום 22 אזייגער אין אָוונט. „טאן" שרייבט דעם 1־טן מאַרץ, אז די סרייפע האָט מען באמערקט 21 אזייגער מיט 50 מינוט, און דער לאָנדאָנער „טיימס" פון 28־טן פעברואר טיילט מיט, אז די סרייפע איז אויסגעבראָכן 21 אזייגער אין אָוונט.

פארשיידן זיינען אויך די מיטיילונגען וועגן דעם, ווי אזוי די סרייפע איז אנטדעקט געוואָרן. די טעלעגראַפן־אגענטור, וואָס געהערט הוגענבערגן, „טעלעגראַפן־אוניאָן", האָט אַרויסגעלאָזן אזא ווערסיע, וואָס איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון א טייל פּרימאַרגן צייטונגען פון 28־טן פעברואר 1933 יאָר:

„עס איז קיין צווייפל ניט, אז דעם ברען־מאַטעריאל האָט מען אונטערגעצונדן אין פארשידענע ערטער מיט דער הילף פון פאקעלן. איינער א פּאָליציי־מאַן האָט באמערקט הינטער דער פענצטער־שויב א דורכשוועבנדיקן סילועט פון א פאקל־טרעגער און האָט טייקעף אין אים אויסגעשאָסן".

צום אונטערשייד פון דעם, האָט דער „טאן" פון 1־טן מערץ 1933 יאָר מיטגעטיילט, אז דער ערשטער האָט די סרייפע באמערקט אן אנגעשטעלטער פון אינזשעניערן־הויז, וואָס געפינט זיך אנטקעגן רייכסטאג.

די צייטונגען ווייזן אויך אָן פארשיידן די צאָל ערטער, וואו עס איז פארלייגט געוואָרן דער ברען־מאַטעריאל. „פּראגער טאגעבלאט" פון 28־טן פעברואר טיילט מיט וועגן 20 אזעלכע סרייפע־נעסטן. די פּרימאָרגנדיקע אויסגאבע פון „טיימס" פאר דער זעלבער דאטע טיילט מיט, אז דער רייכסטאג איז אונטערגעצונדן געוואָרן אין 4־5 ערטער: אזוי האָבן געמאָלדן דעם בערלינער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג די דעזשורנע פּאָליצייאישע אָפיצערן. „טשיקאגאָ טריביון" שרייבט וועגן צענדליקער סרייפע־נעסטן.

די שנעלקייט, מיט וועלכער דער פייער האָט זיך פארשפּרייט, דערלויבט צו מאכן דעם אויספיר, אז דער רייכסטאג איז אונטערגעצונדן געוואָרן אין א סאך ערטער.

עס הויבט זיך אָן א פּאָגראָם איבער די לינקע

עס פליעט נאָך דער פייער, א טויזנטקעפּיקע מאסע שטייט נאָך פאר דער ברענענדיקער רייכסטאג־געביידע און עס טראָגן זיך שוין פּאָליצייאישע אויטאָמאָבילן און מאָטאָציקלען, עס מארשירן קאָלאָנעס שטורמאָוויקעס.

דער ערשטער ארעסט איז געקומען אינגיכן נאָך האלבער נאכט. א בליאסק אף טאָג, זיינען שוין אין די פינצטערע קאָרידאָרן פונעם בערלינער פּאָליציי־פּרעזידיום אף לאנגע בענק געזעסן הונדערטער ארעסטירטע: קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, פאציפיסטן, שרייבער, דאקטוירים, אדוואָקאטן, — זיי אלע האָט מען באנאכט ארויסגעשלעפּט פון די בעטן און אוועקגעפירט אין דער פּאָליציי. פילע פון זיי זיינען געשלאָפן, ווען די ראדיאָ האָט מיטגעטיילט וועגן דער רייכסטאג־סרייפע.

די צייטונגען, וואָס גייען ארוים מיטיק־צייט, האָבן מיטגעטיילט די נעמען פון





אויבן — דער אלגעמיינער אויסזען פונעם שפּיטאָל אין לאנגבראָ, לעבן שטאָקהאָלם.
אינמיטן — דער אריינפאָר־טויער. אפן ברעטל פון אריינפאָר־טויער איז אָנגעשריבן: „פאר זייטיקע איז דער אריינגאַנג אף דער טעריטאָריע פונעם שפּיטאָל פארבאָטן. פאר איוועער זיין שטראָף — 15 קראָן".

אונטן — דער מענער־קאָרפּוס פונעם שפּיטאָל.



די ערשטע ארעסטירטע. צווישן זיי, די שרייבער לודוויג רען, עגאָן ערווין קיש, עריך באַראָן, קאַרל פאָן אָסעצקי און אָטאָ לעמאַן־רוסבילט; די דאָק־טוירים בענהיים, שמינקע און האָדאַן; די אדוואָקאַטן ליטען, בארבאש און פע־ליקס האַלע; די קאָמוניסטישע דעפוטאַטן וואַלטער שטעקער, ערנסט שנעלער, פריץ עמעריך, אָטאָמאַר העשקע און ווילי קאַספּער. דער רייכסטאַג־דעפּוטאַט טאָרגלער, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין אָנטיילנעמען אין דער אונטערצינדונג, איז דעם 28־טן פעברואר אינדערפרי אוועק אין פאָליציי־פּרעזידיום, קעדיי צו דערקלערן אַ פּראָטעסט קעגן אָט דער באַשולדיקונג. מען האָט אים טייקעף ארעסטירט. די קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען זיינען אין דעם טאָג שוין ניט דערשינען. אין דער נאַכט פון 27־טן אפן 28־טן פיברואר האָט די פּאָליציי־פארנומען די דרוקערייען פון די צייטונגען „פאָרווערטס", „בערלין אם מאָרגען", „וועלט אם אבענד", דער אָפּגעדרוקטער טיראַזש פון די פרימאָרגדיקע אויסגאַבעס איז קאָנפיסקירט געוואָרן. נאָך מיט עטלעכע טעג פריער האָט די פּאָליציי פארנו־מען די דרוקעריי פון דער „ראָטע פאַנע", וואָס האָט זיך געפונען אינעם קאַרל ליבקנעכט־הויז. די „ראָטע פאַנע" איז פארווערט געוואָרן נאָך פאַר דער רייכס־טאַג־סרייפע.

דער אויסעראָרדנטלעכער דעקרעט און דער דעקרעט וועגן טויט־שטראָף

די סרייפע אין רייכסטאַג איז פארלאָשן געוואָרן נאָך אין דער זעלביקער נאַכט. אין עטלעכע שאָ ארום האָט דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק אונטערגעשריבן אַ באַרבארישן באַפעל, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „אויסעראָרדנטלעכער דעק־רעט צו פארטיידיקן דאָס פאָלק און די מעלוכע":

„אפן סמאַך פון 48־טן פאַראַגראַף פון דער קאָנסטיטוציע מיטן ציל צו קעמפן קעגן די אנטימעלוכישע קאָמוניסטישע גוואַלד־אַקטן ווערט באַשטימט:

„1. די פאַראַגראַפן 114, 115, 117, 118, 123, 124, 125 פון דער דייטשישער קאָנסטיטוציע ווערן פון איצט אָן אָפּגעשאַפן ביז אַ וויטערדי־קער פאַראָרדענונג. דעריבער ווערט דערלויבט צו באַגרענעצן די פרייהייט פון פּערזאָן, די פרייהייט אויסצודריקן די אייגענע מיינונג, אויך די פּרעסע־פרייהייט איינגעשלאָסן, דאָס רעכט פון פאַרייניקונגען און פארזאַמלונגען, עס ווערט דערלויבט צו ברעכן די געהיימנישן פון פּאָסט־קאָרעספּאָנדענץ, טעלעגראַמעס און טעלעפאָן־שמועסן, דורכצופירן אונטערזוכונגען און קאָנ־פיסקירונגען און אויך צו באַגרענעצן דאָס אייגנטום, אומאָפּהענגיק פון די איינגעשטעלטע פאַר דעם געזעצלעכע נאָרמעס.

„4. ווער עס ברעכט די פאַראָרדענונגען, וואָס זיינען ארויסגעגעבן גע־וואָרן אין אָרדענונג פון דורכפירן דעם דאָזיקן דעקרעט מיצאַד דער העכ־בערער מאַכט פון די פאַרבאַנדישע מעלוכעס, דאָס זעלבע אויך יעטווידער, ווער עס רופט אָדער העצט צו אַזאַ מין ווידערשטאַנד, ווערט באַשטראָפט,

אף וויפל דאָס ווערט ניט באשטראָפט פון אנדערע מער שטרענגע פּאַראַ־גראפן, מיט ארעסט אף א טערמין ניט ווייניקער ווי 1 כוידעש אָדער מיט געלט־שטראָף פון 150 מארק ביז 15 טויזנט מארק.

„דאָס אויווער זיין דעם אָפּזאַץ 1, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א געפאר פארן מענטשלעכן לעבן, ווערט באשטראָפט מיט קאטאָרגע, און בא אומ־שטענדן, וואָס פאַרוויכערן די שולד — מיט טורמע־ארעסט אף א טערמין ניט ווייניקער פון 6 כאַדאָשים; אויב אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע אקציעס איז א מענטש געשטאָרבן, דארפן די שולדיקע באקומען טויט־שטראָף, און בא אומשטענדן, וואָס פאַרוויכערן די שולד, ווערן זיי באשטראָפט מיט קאַ־טאָרגע אף א טערמין ניט ווייניקער ווי 2 יאָר. צוגלייך מיט דעם ווערט אויך דערלאָזט דאָס קאָנפיסקירן פארמעגנס.

„ווער עס רופט אָדער העצט צו אַלגעמיין־געפערלעכע אומגעזעצלעכע האנדלונגען (אָפּזאַץ 2), ווערט באשטראָפט מיט קאַטאָרגע, און בא אומ־שטענדן, וואָס פאַרוויכערן די שולד — מיט טורמע־ארעסט אף א טערמין ניט ווייניקער ווי 3 כאַדאָשים.

„5. מיט טויטשטראָף ווערן באַשטראָפט די פאַרברעכנס, פאר וועלכע עס קומט לויטן קרימינאַל־קאָדעקס אַנטערמיניקע קאטאָרגע, דעהיינע: לויטן פּאַראַגראַף 81 (מעלוכע־פאַראַט), 229 (אָפּסאַמען איינצלנע פּערזאָנען), 307 (אונטערצינדונגען), 311 (אויפרייסן), 312 (דערטרינקען), 315 — אָפּזאַץ 2 (קאַליע מאכן אייזנבאן־ליניעס), 324 (מאסן־אָפּסאַמונגען).

„מיט טויטשטראָף אָדער — אף וויפל עס איז פריער ניט פאָראויסגעזען קיין מער שטרענגע שטראָפן — צו אַנטערמיניקער קאטאָרגע אָדער קאַ־טאָרגע אף א טערמין ביז 15 יאָר ווערן באשטראָפט:

1. פּערזאָנען, וואָס פאַרטראַכטן צו דערמאָרדן דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, אָדער א מיטגליד, אָדער א קאָמיסאר פון דער אַלגעמיין־דייטשי־שער אָדער פון איינער פון די פאַרבאַנדישע דייטשישע רעגירונגען און אויך די, וואָס רופן צו אזא מאָרד אָדער וואָס לייגן זיך פאָר אף אויסצופילן אים, אָדער ווער עס נעמט אָן אזא פאָרשלאָג, אָדער ווער עס רעדט זיך צונויף מיט אַן אנדער פּערזאָן וועגן אזא מאָרד.

2. פּערזאָנען, וואָס באגייען אַן אקט, וואָס איז פאָראויסגעזען אין פּאַר. 115, אָפּזאַץ 2 פונעם קרימינאַל קאָדעקס (בונט), אָדער אין פּאַר. 125, אָפּזאַץ 2 פונעם קרימינאַל־קאָדעקס (ערנסטן ברעכן דעם געזעלשאפטלעכן פרידן), מיט געווער אין די הענט, אָדער אין א באוואוסטזיניקן און פאַר־אויסבאטראַכטן אָנטייל אין באוואָפענען עמעצן מיט געווער.

3. פּערזאָנען, וואָס נעמען אָפּ בא א צווייטן די פרייהייט (פּאַר. 239 פונעם קרימינאַל־קאָדעקס) מיטן ציל צו באנוצן זיך מיט אים אלס אָרוועסניק אינעם פּאָליטישן קאַמף".

העצע קעגן קאָמוניסטן

עקסטרע צייטונג־אויסגאבעס, רעדעס פון מיניסטאָרן, די ראדיאָ, פּלאקאטן האָבן צו וויסן געגעבן דאָס לאנד: קאָמוניסטן האָבן אונטערגעצונדן דעם רייכס־טאָג! נאָך דער רייכסטאָג־סרייפע האָט געזאָלט קומען אן אויפשטאַנד און א בירגערקריג! די קאָמוניסטן האָבן זיך געקליבן פארגוואלטיקן אייערע פרויען! דער־הארגענען אייערע קינדער! זיי האָבן געגרייט מאסן־פארגיפטונגען. די העצע ווערט געפירט סיסטעמאטיש און פּלאנמעסיק, די פרעסע ווערט פארפלייצט מיט מייסעס וועגן בעסטיאלישע פּלענער פון די קאָמוניסטן. דעם 1־טן מארץ 1933 יאָר האָט די „פאָסישע צייטונג" מיטגעטיילט פון רעגירונגס־קוועלן:

„ווי מען טיילט אונז מיט, האלט זיך די רעגירונג בא דער מיינונג, אז די געשאפענע זאכלאגע האָט געדראָעט און דראָעט נאָך אויך איצט דער מעלוכע און דעם פאָלק. דער אָבער־פּראָקוראָר פון דער רעפּובליק קוקט איצט דורך דעם מאטעריאל, וואָס מען האָט פארכאפּט אינעם קארל ליב־קנעכט־הויז. לויט אָפיציעלע מיטיילונגען זיינען אין די דאָזיקע דאָקומענטן פאראן באווייזן, אז די קאָמוניסטן האָבן צוגעגרייט טעראָריסטישע אקטן אין אזא מאסשטאב, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א קאָלאָסאלע געפאר פאר דער מעלוכע און פאָלק. מען גיט איבער, אז אין די קאָנפיסקירטע דאָקומענטן פון די קאָמוניסטן זיינען פאראן ספּעציעלע אויסגעארבעטע פּלענער צו פארכאפּן אָרוועס־לייט, איבערהויפּט פרויען און קינדער פון באוואוסטע פערזאָנען, דערנאָך אינסטרוקציעס וועגן אונטערצינדן געזעל־שאַפטלעכע געביידעס, אינסטרוקציעס פאר טעראָריסטישע גרופּעס, וואָס דארפן ארויסטרעטן אף באשטימטע שטאָטישע פּלעצער, צווישן אנדערע אויך אין דער פאָרם פון פּאָליציי־לייט, שטורמאָוויקעס און שטאָלהעלם.

„ווי מען מעלדעט אונז, איז פאראן א גרונט כוישעד צו זיין, אז די טע־ראָריסטישע אקטן פון די קאָמוניסטן וועלן פּאָרגעזעצט ווערן און אז די צענטראלע אָנפירונג מיט זיי וועט מעגלעך אריבערגעטראָגן ווערן פון בער־לין אין אן אנדער אָרט. עס איז פאראן א גרונט צו מיינען, אז פּונקט ווי אינעם קארל ליבקנעכט־הויז זיינען אויך אין אנדערע ערטער פאראן אונ־טערערדישע גענג, דורך וועלכע די קאָמוניסטן קאָנען אנטרינען אין מינוט פון געפאר. אין צוזאמענהאנג דערמיט זיינען אף דער גרענעץ אָנגענומען געוואָרן די נייטיקע מאָסמיטלען, קעדיי ניט צו דערלאָזן, אז פארדעכטיקע פערזאָנען זאָלן זיי דורכגיין. בענעגייע דער רייכסטאג־סרייפע מעלדעט מען, אז עס זיינען פאראן אָנצווייפלדיקע באווייזן, אז דער פּאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פראקציע פון רייכסטאג, דער דעפּוטאַט טאָרגלער, איז אין מעשעך פון עטלעכע שאָ געבליבן אין רייכסטאג־געביידע אין דער געזעל־שאַפט פון וואן דער ליובע און אז מען האָט אים אויך געזען אין דער גע־זעלשאפט פון אנדערע אונטערצינדער. מען זאָגט אויך, אז אנדערע אונ־

דער מענטש, וואָס האָט ווידער איינגעפירט לייבשטראָף אין די דייטשישע שולן

ד״ר רוסט, פרייסישער בילדונג־מיניסטער

ד״ר רוסט האָט אין יאָר 1930, ווען ער איז געווען א באאמטער אינעם פאָלק־בילדונג־מיניסטעריום אין האנאָווער, אָנגעגעבן א מעלדונג וועגן דימיסיע, ביילייגנדיק א צייגעניש פון דאָקטוירים ער האָט זיך פארופן אף זיין פסיכישער קראנקייט. דערמיט גופע האָט ער דערוויזן, אז ער איז דער פאסיקער קאנדידאט אפן מיניס־טער־פאָסטן אין דער ״דריטער אימפעריע״.

טערצינדער האָבן געקאָנט פאַרשווינדן דורך די אונטערערדישע גענג, וואָס פאַראייניקן (אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סיסטעם פון באַהייצן דעם רייכס־טאָג) די רייכסטאַג־געביידע מיטן הויז פונעם פאָרזיצער פון רייכסטאַג.

„אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ווייזט מען אָן אַפן אַרעסט פון צוויי פּערזאָנען, וואָס האָבן טעלעפאָנירט פון רייכסטאַג, אַז דער איניציאַטאָר פון דער שרייפע איז קלוימערשט דער פּרעזידענט פון רייכסטאַג גערינג; ווי מען מעלדעט, איז דערביי אַנטדעקט געוואָרן אַ פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און מיט איר פּרעסע.

„די מאַכט מעלדעט, אַז איצט וועט דער קאַמף קעגן קאָמוניזם געפירט ווערן אָפן ענערגישסטן אויפן. ווער עס אַרבעט פאַראייניגט מיט די קאָמוניסטן, אָדער קעגן וועמען עס איז פאַראַן אַ גענוגנדיקער פאַרדאַכט אין דער הינזיכט, וועט מען מיט אים זיך באַגיין מיט דער זעלבער שטרענגקייט, ווי מיט די קאָמוניסטן אַליין. צוזאַמען מיט דעם איז פון די דערקלערונגען פון די רעגירונג־אינסטאַנצן צו זען, אַז די וואַלן וועלן אויף יעדן פאַל פאָרקומען. עס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט דאָס, וואָס דער אויסערארדנטלעכער דעקרעט „צו פאַרטיידיקן דאָס פאָלק און די מעלוכע" און דער דעקרעט, וואָס פירט איין אַ סאַך האַרבערע שטראָפן פאַר מעלוכע־פאַראַט, ווי דאָס איז געווען ביז איצט, דערגאַנצן קעגנזייטיק איינע די אַנדערע. די רעגירונג־אינסטאַנצן מעלדן, אַז איינצלנע אַרטיקלען פון די דערמאָנטע דעקרעטן „צו פאַרטיידיקן דאָס פאָלק און די מעלוכע", וואָס זיינען געווענדט הויפּטזעכלעך קעגן די קאָמוניסטן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נייטיק אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָקומענטן, וואָס מען האָט געפונען אינעם קאַרל ליבקנעכטס־הויז. אַזוי, לעמאָשל, איז דאָס באַזונדערס שייעך צו אַזעלכע פאַרברעכנס, וואָס זיינען פאַרויסגעזען אינעם קרימינאַל־קאָדעקס, ווי סאַמען איינצלנע פערזאָנען אָדער אָרגאַניזירן מאַסן־פאַרגיפטונגען; צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע קרימינעלע מיסים ווערן אָפטער, זיינען איצט באַשטימט געוואָרן האַרבערע שטראָפן, ווייל די קאָמוניסטן האָבן זיך געקליבן דורכצופירן פאַרגיפטונגען אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, דערין אויך פאַרגיפטונגען אין פאָלקס־קיכן און אין רעסטאָראַנען, וואָס ווערן באַזוכט פון ניט גינסטיקע פאַר זיי פּאָליטישע טוער א. א. וו."

דעם 1־טן מערץ איז דער מיניסטער הערמאַן גערינג אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע דורך ראַדיאָ, וואָס אַלע דייטשישע ראַדיאָסטאַנציעס האָבן זי איבערגעגעבן. מיר ציטירן די דאָזיקע רעדע לויט די צייטונגס־מיטיילונגען:

„מיט דער הילף פון בלעטלעך און רעגיסטראַציעס האָבן די קאָמוניסטן ווערבירט אין דער מאַסעוווער רויטער זעלבשוץ אַרבעטער, וואָס זיינען פעאיק צו טראָגן געווער. דאָס איז געווען בלויז אַ מאַסקירונג, כדי צו מאָביליזירן די מאַסן און די רעוואָלוציאָנערע קאָמוניסטן צום קאַמף קעגן פאָלק און קעגן דער רעגירונג.

„איך דערקלער אָפן, אַז מיר פירן ניט קיין פּאַרטיידיקונגס־קאַמף, נאָר מיר האָבן בעדייע אַריבערצוגיין לויט דער גאַנצער ליניע אין אָנגריף. מיין הויפּט־אויפגאַבע וועט זיין אויסצואָוואָרצלען אין אונזער פאָלק דעם קאָמו־ניזם. דעריבער האָבן מיר טאַקע מאָביליזירט די קרעפטן פון נאַציאָנאַלן דייטשלאַנד, וועלכע וועלן אין דער ערשטער ריי זיך דאַרפן שטעלן דעם ציל — באַקעמפן דעם קאָמוניזם".

ווייטער באַהויפּטעט גערינג:

„דעם 15־טן פעברואַר איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאָרמירט טעראָריסטן־גרופּעס ביז 200 מאַן יעדערע. איבערגעטוענע אין דער פאָרם פון אונזערע שטורמאָוויקעס, וועלן די דאָזיקע טעראָריסטן דאַרפן מאַכן אָנפאַלן און אָנפליען אויף אויטאָמאָבילן, אויף אוני־ווערסאַלע מאַגאַזינען און מאַגאַזינען פון איינצל־האַנדל אד"ג. מען האָט געהאַט אין אויג אויך אָנצופאַלן אויף די פּריינטלעכע צו אונדז אָרגאַניזאַ־ציעס: שטאָלהעלם און די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, — דערמיט האָט מען גע־זאָלט אָראָפּרייסן דעם איינהייטלעכן פראָנט פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אַנדערע טעראָריסטישע גרופּעס האָבן געדאַרפט מאַכן ענלעכע אָנפאַלן, איבערגעטאָן אין דער פאָרם פון שטאָלהעלמער. באַם אַרעסטירן האָט מען גע־דאַרפט ווייזן פאַלשע צייגענישן. כּוח דעם האָט מען געפונען אַ גרויסע צאָל געפעלשטע באַפעלן פון שעפן פון די שטורעם־אָפּטיילונגען און שטאָלהעלם־דרוזשינעס. די דאָזיקע באַפעלן האָבן גערופן די שטורמאָוויקעס צו זיין שלאַכט־גרייט אין דער נאַכט פון 6־טן מערץ, ווען זיי האָבן געזאָלט פאַר־נעמען בערלין, דערביי האָט מען זיי פאַרגעשריבן אָן ראַכמאָנעס צו לאָזן אין גאַנג געווער, דערשטיקן יעטווידער ווידערשטאַנד א.א.וו. די דאָזיקע געפעלשטע באַפעלן זיינען באַשטימט געווען אויף צו פאַרשפּרייטן זיי צווישן די בירגער און אין די אַנשטאַלטן, — קעדיי אַרויסצורופן דעם געשפּענסט פון אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער מעלוכע־איבערקערעניש און צעטומלען די מויכעס פון די אַרבעטער. עס זיינען אויך געפעלשט געוואָרן פּאָליציי־באַפעלן, וואָס האָבן געפאָדערט אַרויסצוגעבן פּאַנצער־אויטאָמאָבילן. אויף דער זיצונג פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי דעם 18־טן פעברואַר איז געגאַנגען אַ רייד וועגן אַן אויסגלייך פון די פאַרייניקטע פּראָלעטאַריער אָנצופאַלן אויף דער בורזשואַזיע און די פאַשיסטישע מעלוכעס. דעם זעלבן טאָג איז אַרעסטירט געוואָרן דער פירער פון איינער אַן אונטערריים־קאָלאָניע, וואָס האָט געהאַט אַן אויפגאַבע אויפצורייסן בריקן; דער פאַרדאַכט קעגן אים איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק דעם, וואָס עס איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ גרויסע צאָל אויפריים־שטאָפן.

„אינגיכן נאָכדעם איז אַנטדעקט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיטן ספּעציעלן ציל איינצואָרדענען מאַסן־פאַרגיפטונגען. אַן ענלעכע פאַרשווערונג איז אַנטדעקט

געוואָרן אין קעלן, דערביי איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז די פאַרשוועד רער האָבן געדאַרפט פאַרגיפטן די שפּייז אין די קיכן פון די שטורמאָוויקעס און פון שטאָלהעלם. אַנדערע דאָקומענטןריידן וועגן דעם, אַז די קאָמוניסטן האָבן זיך געקליבן פאַרכאַפּן אַלס אַרוועס־לייט פרויען און קינדער פון איינפלוסרייכע פּערזאָנען, און אויך פרויען און קינדער פון פּאָליציי־באַאַמטע; די קאָמוניסטן האָבן זיך געקליבן טרייבן די דאָזיקע אַרוועס־לייט פאָרויס אין דער ערשטער ריי אַלס אַ לעבעדיקע שוץ־וואַנט, בעאיים דעד מאָנסטראַציעס. די אָנפירונג מיט דער דאָזיקער גאַזלאָנישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפונען אין די הענט פונעם קאָמוניסטישן פירער מינצענבערג.

„דעם 22־טן פעברואר האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי געגעבן אַ לאָזונג וועגן באַוואָפנען דעם אַרבעטער־קלאַס. אין דער אינסטרוקציע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן וועגן דעם, ווערט געזאָגט: „באַם אָנווענדן טעראָר דאַרף מען זיך באַנוצן מיט אַלערליי מיטלען און מיט אַלערליי געווער". עס זיינען באַשטימט געוואָרן מאַסן־שטרייקן. אויף צו שטיצן זיי איז פאַרגעשריבן געוואָרן צוצוגרייטן סאָלידאַריטעט שטרייקן. יעדער איינער, וואָס קען זיך באַגיין מיט געווער, האָט געדאַרפט וועגן דעם מעלדן. אומעטום האָט געדאַרפט פאָרקומען אַן איבערגאַנג אויף אַן אומלעגאַלער לאַגע".

ווייטער רעדט גערינג וועגן דעם פּלאַן צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אינעם דאָזיקן פּלאַן ווערט קלוימערשט געזאָגט, אַז דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד איז די ערשטע פאַזע פון בירגערקריג. דער פּלאַן אַנטהאַלט קלוימערשט אָנווייזונגען וועגן אויסנוצן קלענערע טעראָריסטישע גרופּעס און איינאָרדענען אין פאַרשידענע ערטער טויזנטער, צענדליקער טויזנטער אונטערצינדונגען. דער ציל פון דער דאָזיקער קאַמפּאַניע איז פאַרנאַרן די פּאָליציי און דאָס מיליטער אין דאָרף אַריין און דערנאָך אויפהייבן אַן אויפשטאַנד אין די שטעט, וואָס זיינען געבליבן אָן שוץ.

„באַם אויסנוצן די אַרוועס־לייט, — ציטירט גערינג זיינע אויסגעטראַכטע דאָקומענטן, — דאַרף מען ניט אַרויסגיין פון וועלכע־ניט־איז הומאַנישע האַשאָרעס".

זיין רעדע פאַרענדיקט גערינג מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„איך דערקלער די קאָמוניסטן: מיינע נערוון האָבן זיך ביז איצט ניט אָפּגעזאָגט צו דינען מיר, איך פיל זיך גענוג שטאַרק, קעדיי צו געבן אַ ווידערשטאַנד זייערע פאַרברעכערישע מאַכינאַציעס!".

ווער זיינען די אונטערצינדער?

באַ די ערשטע ידיעס וועגן דער רייכסטאַג־סרייפע האָט די גאַנצע וועלט־פּרעסע געשטעלט די פראַגע: ווער זיינען די אונטערצינדער? די מערהייט דייטשישע צייטונגען האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט די מיטיילונגען פון היטלערס רע־

גירונג, אז דעם רייכסטאַג האָבן אונטערגעצונדן די קאָמוניסטן. דאַקעגן די גאַנצע אויסלענדישע פּרעסע האָט זיך באַצויגן סקעפּטיש צו די אָפיציעלע מיטיילונגען וועגן דער סרייפע. באַם דערהאַלטן די ווייטערדיקע מיטיילונגען, האָט זיך דער דאָזיקער סקעפּטיציזם פאַרוואַנדלט אין אָן אָפענעם כויזעק איבער די אָפיציעלע באַהויפּטונגען. „טאַן" האָט דעם 1־טן מערץ געשריבן:

„די אָפיציעלע מיטיילונג פאַרפאָלגט באַשיימפערלעך דעם ציל צו צע־רייצן די באַפעלקערונג ביז ווילדער מעשוגאַס און אויפשטעלן זי קעגן דער לינקער אָפּאָזיציע. עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די פּאָ־ליצייאישע באַהויפּטונגען. מען קאָן בלויז קאָנסטאַטירן, אז די רייכסטאַג־סרייפע האָט גראָד ווי צוגעטראָפן פאַר דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע פון דער רע־גירונג. זי דינט אַלס אויסרייד פאַר די מאָסמיטלען, וואָס זיינען געווענדעט ניט נאָר קעגן די קאָמוניסטן, נאָר אויך קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און קעדיי אוועקצושטעלן די שטורעם־בריגאַדעס און דעם שטאָלהעלם אַף איין ברעט מיט די באַוואָפנטע קרעפטן".

אינעם זעלבן צייטונג־נומער ווערט געזאָגט אַז: „די בערלינער דעמאָקראַ־טישע און לינקע קרייזן באַציען זיך סקעפּטיש צו די באַהויפּטונגען וועגן די שולדיקע אין דער סרייפע".

אַף מאָרגן גייט די דאָזיקע צייטונג נאָך ווייטער: „דער ערעסט פון וואָן דער ליובע און זיין מוידע זיין זיך, איז נאָך ווייניק, קעדיי אויפצוהייבן דעם פאָרהאַנג איבער דער געהיימניש פון דער דאָזיקער סרייפע".

די לאָנדאָנער צייטונג „איווינינג סטאַנדאַרד" האָט דעם 1־טן מערץ געשריבן:

„אונדז וואָלט פאַרוואונדערט, ווען די וועלט וואָלט אָנגענומען פאַר א ריינער מאַטבייע היטלערס מעלדונג, אז די רייכסטאַג־סרייפע איז א זאַך פון קאָמוניס־טישע אונטערצינדער".

די לאָנדאָנער „ניוס קראָניקל" פאַר דער זעלבער דאַטע שרייבט: „די באַ־הויפּטונגען, אז די דייטשישע קאָמוניסטן האָבן געהאַט אוועלכע־ניט־איז שייכעס צו דער סרייפע, איז פּאָשעט אומגעלומפּערט און נאַריש..."

די אָפיציעלע רייטער־אַגענטור האָט דעם 1־טן מערץ מיטגעטיילט: „עס איז קיין שום צווייפל ניט, אז מיליאָנען מענטשן אין דייטשלאַנד קאָנען ניט און ווילן ניט גלויבן די ווערסיע, וואָס ווערט פאַרשפּרייט פון די אָפיציעלע קוועלן, אז דאָס לאַנד איז געווען אַף א האָר פון א רויטער רעוואָלוציע".

דער לאָנדאָנער „דיילי טעלעגראַף" האָט דעם 3־טן מערץ געשריבן:

„איצט וועט שוין קיין איין פאַרשטענדיקער דייטש ניט גלויבן די ווערסיע, אז דעם רייכסטאַג האָבן אונטערגעצונדן די קאָמוניסטן. פאַר דער צייט איז געוואָרן באַוואוסט, אז דער קאַפּיטאַן גערינג האָט נאָך ביז דער רייכסטאַג־סרייפע צוגעגרייט א גאַנצע ריי באַפעלן און רעפּרעסיווע מאָס־מיטלען, פּונקט ווי ער וואָלט פאָרויס געוואוסט, אז אין דער דאָזיקער נאַכט וועט אין בערלין פּאַסירן א סענסאַציאָנעלע געשעעניש".

עס זיינען ניט אריבער קיין 3 טעג נאָך דער רייכסטאַג־סרייפע, ווי היטלערס רעגירונג איז שוין געשטאַנען פאַר פאָלגנדיקן פאַקט: קיינער אין דער וועלט גלייבט ניט אירע באַהויפּטונגען. א ניט־דורכגענגלעכע וואַנט פון אומצוטרוי טיילט אָפּ דייטשלאַנד פון דער איבעריקער וועלט. ווי פריער גייען אָפּ דורך דער דייטשישער גרענעץ הונדערטער צוגן. אָבער דער אונטערשייד אין פאַרגלייך מיט פריער באַשטייט אָט אין וואָס: די צוגן, וואָס גייען פון דייטשלאַנד, זיינען איבערפולט מיט מענטשן, וואָס אַנטלויפן פון טויט און טורמע; די צוגן, וואָס גייען קיין דייטשלאַנד, זיינען קימאַט ליידיקע; די געציילטע פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן קיין דייטשלאַנד, פאָרן לויט די פולמאַכטן פון ציטונגען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווילן וויסן, וואָס קומט איינדערעמעסן פאָר אין דייטשלאַנד. די בריוו, וואָס קומען אָן פון דייטשלאַנד קיין אויסלאַנד, — דאָס איז איין דורכאויסיקער וויי־געשריי.

ווער האָט געדאַרפט די רייכסטאַג־סרייפע?

יעדער קרימינאַליסט שטעלט זיך קוידעםקאָל די פראַגע: וועמען האָט דער געגעבענער פאַרברעכן געבראַנגט נוצן? אָט די פראַגע דאַרף אויך דאָ געשטעלט ווערן אין דער ערשטער ריי.

היטלערס רעגירונג באַהויפּטעט אין דער ערשטער אָפיציעלער מיטיילונג איבער פון 28־טן פעברואַר, אַז דעם רייכסטאַג האָבן אונטערגעצונדן קאָמוניסטן און אַז די רייכסטאַג־סרייפע האָט געדאַרפט דינען אַלס סיגנאַל צו א בלוטיקן אויפשטאַנד און צו א בירגער־קריג. צי עקזיסטירט כאָטש אַן איינציקער באַווייז, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אין דער נאַכט פון 27־טן אַפן 28־טן פעברואַר געהאַט בעדייע אריבערצוגיין צו א „באַוואָפנטן אויפשטאַנד”?

די טאַקטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָגט קאַטעגאָריש איידעס קעגן דעם. אין די אָפיציעלע פּובליקאַציעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווערט ניט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז דער ענדגילטיקער קאַמף פאַר דער מאַכט איז מעגלעך בלויז דעמאָלט, ווען די פּאַרטיי איז אימשטאַנד צו מאָביליזירן צום קאַמף די מערהייט פונעם אַרבעטער קלאַס. די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען בלויז אַפן וועג צו דעראָבערן די דאָזיקע מערהייט.

אין דער דערקלערונג פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון 25־טן מערץ 1933 וועגן דער רייכסטאַג־סרייפע לייענען מיר:

„יעדער איינער, ווער עס איז כאָטש וויפיל־ניט־איז באַקאַנט מיט די פּרינציפּן פון קאָמוניזם, מיט מאַרקס און לענינס לערע, מיט די רעזאָלוציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וויים, אַז די מעטאָדן פונעם אינדיווידועלן טעראָר — אונטערצינדרונגען, סאַבאָטאַזש־אַקטן א. ד. גל. — געהערן ניט צום אַרסענאַל פון די טאַקטישע מיטלען פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט שטענדיק דערקלערט, אַז איר ציל איז צו פאַרווירקלעכן

די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. קעדיי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל וועגדט אָן די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי די טאַקטיק פון רעוואָלוציאָנערן מאסן־קאַמף, די טאַקטיק פון דעראָבערן די מאַסן פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג דורך אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, און אין דער ערשטער ריי דורך אָרגאַניזירן דעם אַלטעגלעכן קאַמף פאַר די אומיטלבאַרע אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע. אַזאַ איז די טאַקטיק, וואָס מיט איר הילף גייט די קאָמוניסטישע באַוועגונג פון אַלע לענדער צו איר ציל אַף די יעסוידעס פון מאַרקסיזם־לעניניזם. קלאָר, אַז די רייכסטאַג־סרייפע האָט ניט געקאָנט האָבן קיין שום זין פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג".

די געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאַמע אָנהויב פון איר אַנטשטייאונג באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער דערקלערונג. עס איז ניט פאַראַן אַפילע קיין שאָטן פון אַ באַווייז, אַז די קאָמוניסטן האָבן געענדערט זייער טאַקטיק און זייער פּלוצלונג פון דער העלער הויט אַריבער צו אַקטן פון אינדיווידועלן טעראָר. דאָס וואָלט אויך ווידערשפּראָכן דער גאַנצער פּאָליטיק זייערער.

די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פאַר די לעצטע יאָרן אומאויפהער־לעך געוואַקסן. אינעם ערשטן טור פון די פּרעזידענטן־וואַלן אין מערץ 1932 יאָר האָט איר קאַנדידאַט ערנסט טעלמאַן באַקומען 4.960 טויזנט שטימען. ביי די רייכסטאַג־וואַלן דעם 31־טן יולי 1932 יאָר איז די צאָל קאָמוניסטישע שטימען אויסגעוואַקסן ביז 5.300 טויזנט. באַ די וואַלן דעם 6־טן נאָוועמבער 1932 יאָר האָט די צאָל שטימען דערגרייכט ביז 6 מיליאָן. די נייע וואַלן, וואָס זיינען פאָר־געשטאַנען דעם 5־טן מערץ 1933 יאָר, האָבן צוגעזאָגט די קאָמוניסטן די בעסטע פּערספּעקטיוון. קימאַט די גאַנצע וועלט־פּרעסע האָט פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסן צו־וואוקס פון קאָמוניסטישע שטימען.

אינעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן לאַגער איז אָנגעוואַקסן אַן אומצופרידנקייט. די פאַשיסטישע פּראָוואָקאַציעס, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט, די פּאַסיווקייט פון די פּראָפּאַרייִנישע פּאַרטייאישע לידערס, וואָס האָבן דערלאָזן, אַז אַן אַר־מייאישער קאַפּיטאַן און 3 סאָלדאַטן זאָלן אַרויסטרייבן פונעם מיניסטעריום זייי־ערע מיניסטאָרן אין פּריסן, — די דאָזיקע פאַקטן האָבן געשטויסן די ברייטע מאַסן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ווייטער צום קאָמוניזם.

ניט ווייניקער גרויס איז געווען די אומצופרידנקייט אינעם לאַגער פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. באַ די נאָוועמבער־וואַלן פון 1932 יאָר האָט היטלער פאַרלאָרן העכער 2 מיליאָן שטימען. דער צעלייגונגס־פּראָצעס האָט זיך פאַרגי־כערט. נאָכדעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָבן די מאַסן אָנהענגער זיינע דערוואַרט אַ גרינטלעכן קער צו בעסער. דער דאָזיקער איז ניט אָנגעקומען. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז זייערע ווייַלער זאָלן ווייי־טער אַפּגיין אין קאָמוניסטישן לאַגער.

צווישן די דערווייַזן וועגן די פּלענער, וואָס היטלערס רעגירונג שרייבט צו

די קאָמוניסטן, פאַרופט זי זיך אויך אַף דער בראַשור „די קונסט פון אויפשטאַנד“. אָבער גראַד אין דער דאָזיקער בראַשור ווערט געבראַכט אַזאַ ציטאַט לעניס:

„דאַ דאַרף מען זיך פרעגן ניט נאָר וועגן דעם, צי האָבן מיר איבערצייגט דעם אַוואַנגאַרד פון רעוואָלוציאָנערן קלאַס, — נאָר אויך וועגן דעם, צי זיינען פאַנאַנדערגעשטעלט די היסטאָריש־ווירקנדיקע קויכעס פון אַלע קלאַסן, אומבאַדינגט אַ ל ע אָן אויסנאַם קלאַסן פון דער געגעבענער געזעלשאַפט, אַזוי, אַז די אַנטשיידנדע שלאַכט זאָל שוין זיין פולשטענדיק רייף, — אַזוי, אַז 1) אַלע קלאַסן־קויכעס, וואָס זיינען אונז פיינטלעך, זאָלן זיך האָבן גענוג פאַרפלאָנטערט, זאָלן זיך האָבן גענוג איבערגעריסן איינער מיטן אַנדערן, זאָלן זיך האָבן גענוג אָפּגעשוואַכט דורכן קאַמף, וואָס איז ניט לויט זייערע קויכעס; אַז 2) אַלע וואַקלענדיקע, קווענקלענדיקע, ניט־שטאַנדהאַפטיקע, צווישנדיקע עלעמענטן, ד. ה. די קליין־בורזשואַזיע, די קליין־בורזשואַזע דעמאָקראַטיע אין אונטערשייד פון דער בורזשואַזיע, זאָל זיך האָבן גענוג דעמאַסקירט פאַרן פאָלק, זאָל זיך האָבן גענוג פאַרמיעסט מיט איר פאַקטישן באַנקראָט; אַז 3) אינעם פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך אָנהויבן און זאָל נעמען מעכטיק שטייגן די מאַסן־שטימונג פאַר שטיצן די סאַמע אַנטשיידענע, מעסירעסנעפעשדיק דרייסטע, רעוואָלוציאָנערע אַקציעס קעגן דער בורזשואַזיע. אָט דעמאָלט איז די רעוואָלוציע רייף, אָט דעמאָלט איז אונזער זיג, אויב מיר האָבן ריכטיק דיסקאָנטירט אַלע אויבן אָנגעמערקטע אין קורצן געשילדערטע באַדינגונגען און האָבן ריכטיק אויסגעקליבן דעם מאָמענט — אָט דעמאָלט איז אונזער זיג געזיכערט“. (נ. ל ע נ י ן, די קינדערקראַנקהייט „לינקייט“ אינעם קאָמוניזם. מעלוכע־פאַרלאַג, פּעטערסבורג 1920, ז. 86—87).

אין דער זעלבער בראַשור זאָגט לענין:

„מיטן אַוואַנגאַרד אַליין קאָן מען נישט זיגן. וואַרפן דעם אַוואַנגאַרד אַליין אין דער אַנטשיידנדער שלאַכט, קאָלזמאַן דער גאַנצער קלאַס, קאָלזמאַן די ברייטע מאַסן האָבן נאָך ניט פאַרנומען די פּאָזיציעס, אָדער פונעם אומיטלבאַרן שטיצן דעם אַוואַנגאַרד, אָדער, יעדנפאַלס, פון גינסטיקער נייטראַליטעט בענעגייע צו אים און פון פולשטענדיקער אומפעאיקייט צו שטיצן זיין קעגנער, וואָלט געווען ניט בלויז נאַריש, נאָר אויך פאַרברעכעריש“ (דאָרטן, ז. 85).

ווען גערינג וואָלט כאָטש אויבנאויפיק איבערגעלייענט די בראַשור „די קונסט פונעם אויפשטאַנד“, איז אַ סאָפעק, צי ער וואָלט זיך פאַרופן אַף איר, ווי אַף אַ באַווייז פאַר זיינע באַשולדיקונגען קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די פייל, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן, האָט געטראָפן דעם שיסער זעלבסט.

היטלער אין געפאַנגענשאַפט בא הוגענבערגן?

דעם 30־טן יאַנואַר האָט זיך אויסגעבילדעט די אַזויגערופענע רעגירונג פון

„נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע" מיט היטלערן אַלס רייכסקאַנצלער. הינדענבורג האָט באַשטימט היטלערן פאַרן קאַנצלער אויף זייער שווערע פאַר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן באַדינגונגען. די מיניסטאָרן־נאַציאָנאַליסטן האָבן געהאַט אין אַב־סאָלוטע מערהייט אין קאַבינעט. אַלס אימפּעריישער קאָמיסאַר פון פּרייסן איז באַשטימט געוואָרן דער וויצע־קאַנצלער פאָן פּאַפּען, האַגאַם אין די פריערדיקע רעגירונגען האָט דעם דאָזיקן פּאָסטן פאַרנומען דער קאַנצלער גופא. דאָס רייכס־וועהר־מיניסטעריום, וואָס די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן אין דער לעצטער סטאַ־דיע פון זייער קאַמף פאַר דער מאַכט געפאָדערט פאַר זיך, איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין די הענט פונעם גענעראַל פאָן בלאָמבערג, וואָס איז טריי הינדענבורגן.

ווען הינדענבורג האָט דעם 30־טן יאַנואַר אָנגענומען די שוואוע פון דער נייער רעגירונג, האָט היטלער געדאַרפט אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע קאַבינעט־מיטגלידער געבן אַ קאַטעגאָרישן צוזאָג, אַז ער וועט ניט אונטערנעמען קיינע שום ענדערונגען אינעם באַשטאַנד פון דער רעגירונג. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס פאַר אַן אויסגאַנג די וואַלן זאָלן ניט האָבן.

די דריי נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן — היטלער, פריק און גע־רינג — זיינען איינגעפּרעסט געוואָרן אין דער רעגירונג אין קלעמען צווישן די נאַציאָנאַליסטן, וואָס זיי איז איבערגעגעבן געוואָרן אַלע ווירטשאַפטס־מיניסטער־יומס, דאָס אויסערן־מיניסטעריום און רייכסוועער־מיניסטעריום. לויטן פּלאַן פון די נאַציאָנאַליסטן האָט היטלער, — דער „פירער" — געדאַרפט ווערן זייערער אַ געפאַנגענער. הינדענבורג האָט אים אויפגענומען בלויז אין פאָן פּאַפּענס אָנווע־זנהייט. קיינמאָל האָט מען נאָך אַ קאַנצלער ניט געשטעלט אַזעלכע דערנידערנ־דיקע באַדינגונגען.

ענדערן די דאָזיקע לאַגע אויף אַ לעגאַלן אופן האָט מען ניט געקאָנט. די נאַ־ציאָנאַליסטן האָבן זיך פעסט געקלאַמערט פאַר די דאָזיקע פאָרמאַליטעטן. דער צווייטער אָנפירער פון שטאָלהעלם־פאַרבאַנד, דער אונטערפאַלקאָווניק דיסטער־בערג, האָט דעם 12־טן פעברואַר אויף דער פאָרוואַל־פאַרזאַמלונג פאַרעפנטלעכט היטלערס קאַטעגאָרישע היסכייוועס ניט פאָרצונעמען קיינע שום ענדערונגען אינעם באַשטאַנד פון זיין קאַבינעט. דיסטערבערג האָט דערביי פאַרפאָלגט דעם ציל — בינדן היטלערן די הענט מיט די פיס. די וואָגשאָל האָט זיך גענייגט אויף דער זייט פון די נאַציאָנאַליסטן.

היטלערס סוויווע, אין דער ערשטער ריי געבעלס און גערינג, האָבן נאָך דעם 30־טן יאַנואַר אומדערמידלעך געאַרבעט אויף דעם, קעדיי צו באַפרייען היטלערן פון קלעם בײַ די נאַציאָנאַליסטן.

פון טאָג צו טאָג איז דער דרוק אָנגעוואַקסן. בלויז אַ נייע פאַנאַנדערטיילונג פון דער מאַכט אינעווייניק אין דער רעגירונג האָט געקאָנט מאַכן אַ סאָף צו דער וואַקסנדיקער אומצופרידנקייט אין די רייען פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ווײַלער. אַ געוואַלד־איבערקערעניש איז פאַרבונדן געווען מיט צו גרויסע געפאַרן. דער רייכסוועער און דער שטאָלהעלם־פאַרבאַנד זיינען געשטאַנען אויף הינדענ־

בורגס זייט. מען האָט זיך געדאַרפט רעכענען מיט דעם, אַז אין פאַל פון אַן אָפּע־נעם קאַמף וועט דער רייכסבאַנער זיך אויך שטעלן אויף דער זייט פונעם רייכסווער און שטאַלהעלם קעגן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן.

דר. אָבערפאָרענס מעמאָראַנדום

באַ אַזאַ סיטואַציע זיינען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אַריינגעטראָטן אין דער פאַרוואַל־קאָמפּאַניע. דר. געבעלס, דער סאַמע דערפינדערישער צווישן די נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטישע פירער, האָט אויסגעצייכנט פאַראויסגעזען, וואָס פאַר אַן אומפאַנג די געשעענישן דראָען אָנצונעמען. באַ אים אין מויעך איז צייטיק גע־וואָרן אַ פּלאַן פון אַ גרויסער אַפּערע, וואָס האָט געדאַרפט מיטאַמאָל ענדערן די לאַגע פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. וועגן דעם דאָזיקן פּלאַן, וועגן זיין אַנט־שטייאונג און פאַרווירקלעכונג, עקזיסטירן דאָקומענטאַלע אָנגאַבן.

נאָך די וואַלן פון 5־טן מערץ 1933 יאָר, ווען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן אָנגעהויבן אָפּנעמען באַ די נאַציאָנאַליסטן איינע נאָך דער אַנדערער זייערע פּאָזיציעס, האָט דער נאַציאָנאַליסטישער דעפּוטאַט דר. אָבערפאָרען זיך געפּרואווט אָרגאַניזירן דעם קאַמף פון די נאַציאָנאַליסטן און שטאַלהעלם קעגן היטלערן. זייענדיק הוגענבערגס אָנגעטרויטע פּערזאָן, איז ער געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלע געשעענישן אין קאַבינעט. דאָס, וואָס אים איז געווען באַוואוסט וועגן די די צוגרייטונגען צו דער סריפע אין רייכסטאַג, האָט ער באַשריבן אין אַ מעמאָ־ראַנדום, וועלכן ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט זיינע פריינט.

דער דאָזיקער מעמאָראַנדום דר. אָבערפאָרענס איז אויף אַ קאָנטערבאַנדע־אויפן אַריינגעפאַלן קיין אויסלאַנד. איינצלנע קאַפּיטלען זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די ענגלישע און שווייצאַרישע צייטונגען אָנאָנים, ניט אָנרופנדיק דעם אוי־טאָר ביים נאָמען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט איינער אַ נאַציאָנאַליסטישער דעפּוטאַט, וואָס איז שפּעטער אַריבער צו די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, איבערגעגעבן אָבערפאָרענס מעמאָראַנדום דער „מעלוכישער געהיים־פּאָליציי". פון דאַן אָן הייבט זיך אָן אַ העצע קעגן דעם אויטאָר פונעם מעמאָראַנדום. דעם 7־טן מאַי האָט מען דעם דר. אָבערפאָרען געפונען אַ טויטן אין זיין דירע. דער פּאָליצייאישער ראַפּאָרט האָט פאַרזיכערט, אַז אָבערפאָרען איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין דער אָפיציעלער מיטיילונג איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז ביי אָבערפאָרענען אין דירע האָט מען ניט געפונען קיינע שום דאָקומענטן. אינדערעמעסן האָבן אָבער־פאָרענען דערמאָרדעט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. דערביי האָבן די מערדער צו־גענאַנוועט אַלע פּאַפּירן, וואָס קאָמפּראָמעטירן היטלערס רעגירונג.

אין אָנהויב דערציילט אָבערפאָרענס מעמאָראַנדום, אַז די אונטערזוכונגען, וואָס זיינען ניט איינמאָל דורכגעפירט געוואָרן אין קאַרל ליבקנעכט־הויז אויפן באַפעל פונעם פּרעזידענט פון דער בערלינער פּאָליציי מעלכער, האָבן קיינע רע־זולטאַטן ניט געגעבן. ווייטער באַשרייבט דער מעמאָראַנדום, ווי אַזוי באַ די נאַ־

ציאָנאַל־סאָציאַליסטן איז אויפגעקומען דער פּלאַן אונטערצוציענדן דעם רייכסטאַג.

„ דר. געבעלס, פריי פון וועלכע עס איז מאָראַלישע מאָטיוון און פון געוויסנסביסן, האָט פארפאסט א פּלאַן, וואָס האָט געדאַרפט ניט נאָר איינ־ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די נאַציאָנאַליסטן קעגן דער פאָדערונג פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן צו ליקווידירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און קאָמוניסטישע אגיטאַציע, נאָר אויך, אויב עס וועט פּולשטענדיק געלינגען, פירן דערצו, אז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל אינגאַנצן פאַרבאָטן ווערן.

„געבעלס האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, אז אין קארל ליבקנעכטס־הויז זאָל מען געפינען מאַטעריאַל, וואָס זאָל באַווייזן די פאַרברעכערישע פּלע־נער פון די קאָמוניסטן. פונעם דאָזיקן מאַטעריאַל האָט געדאַרפט זיין קלאָר, אז פון טאָג צו טאָג קאָן פאָרקומען א קאָמוניסטישער אויפשטאַנד און דעריבער איז געפערלעך פאַרלירן צייט. אזוי ווי מעלכערס פּאָליציי האָט ווידער גאָרנישט ניט געפונען אינעם קארל ליבקנעכט־הויז, האָט מען גע־דאַרפט באַשטימען א נייעם פּרעזידענט פון דער בערלינער פּאָליציי, דאָס מאָל א נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט. פאָן פאַפּען האָט זייער ניט גערן מאסקים געווען, אז זיין אַנגעשטעלטער מעלכער זאָל אַוועקגיין פון פּאָליציי־פּרע־זידיום. דער פאָרשלאַג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו באַשטימען אויף זיין אָרט דעם גראַף העלדאָרף, דעם אָנפירער פון די בערלי־נער שטורעם־אָפּטיילונגען, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. סאָפּקאָלסאָף איז מען זיך צונויפגעגאַנגען אויף א מער מעסיקן — אויפן אדמיראַל פאָן לעוועצאָוו. עמעס, ער האָט געהערט צו דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָבער דאָך האָט ער נאָך אייגנגעהיים פאַרבינדונגען מיט די נאַציאָנאַליסטישע קרייזן. אונטערוואַרפן דעם נייטיקן מאַטעריאַל אינעם קארל ליבקנעכט־הויז, וואָס האָט שוין דעמאָלט געפּוסטעוועט, איז פאַרשטייט זיך געווען א גאַנץ לייכטע זאַך. די פּאָליציי האָט געהאַט אַלע שליסלען פונעם הויז און האָט אזוי ארום געוואוסט די דיסלאָקאַציע פון זיינע קעלערס.

„פון סאַמע אָנהויב האָט געבעלס אויך געוואוסט, אז די מאַטעריאַלן, וואָס ער וואַרפט אונטער, מוזן אויסזען ווי עמעסע, און דעריבער מוז מען אינסצענירן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל כאָטש האָבן דעם אויסזען פון א וועל־כער עס איז אקטיווער ארויסטרעטונג פון די קאָמוניסטן און דאָס זאָל אזוי ארום אונטערשטרייכן דעם ערנסטן כאַראַקטער פון די פאַרכאַפּטע דאָקומענטן. דעריבער זיינען אָנגענומען געוואָרן אַנטשפּרעכנדיקע מאָס־מיטלען.

„דעם 24־טן פעברואַר איז די פּאָליציי אריינגעדרונגען אינעם קארל ליבקנעכט־הויז, וואָס האָט שוין וואָכנלאַנג געפּוסטעוועט, האָט דורכגע־פירט אַן אונטערזוכונג און פאַרכאַסמעט דאָס הויז. דעם זעלבן טאָג האָט זיך אין די צייטונגען באַוויזן אַן אָפיציעלע מיטיילונג, אז בעאיים דער

אונטערזוכונג האָט מען געפונען א גרויסע צאָל דאָקומענטן, וואָס באווייזן, אז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז באַגאַנגען א מעלוכע־פאַראַט.

„דעם 26־טן פעברואר האָט די קאָנטי־אַגענטור, די רעגירונגס־ביוראָ פאַר אינפאָרמאַציע פאַרעפנטלעכט מיט גענויע איינצלהייטן די רעזולטאַטן פון דער אונטערזוכונג. עס האָט קיין זין ניט דאָ איבערצוכאַזערן אַלע דע־טאַלן פון דער דאָזיקער מיטיילונג. דער פּינקערטאָנישער סטיל אירער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אפילע דעם ניט צוגעגרייטן לייענער. מען האָט דאָ פיל גערעדט וועגן געהיימע גענג, געהיימע שלעסער, אונטערערדישע געוועלבן און קאַנאַלן, קאַטאַקאָמבעס א. ד. גל. אָט די גאַנצע פּינקערטאָ־ניאַדע האָט ניט געקענט ניט ארויסרופן דעם סאמע לעכערלעכן איינדרוק. אינדערעמעסן, מען האָט געדאַרפט האָבן א גרויסע פאַנטאַזיע, קעדיי צו ריידן וועגן קעלערס אין א געוויינלעכן הויז פאַר אַנשטאַלטן און קאָנטאָרן, ווי וועגן „אונטערערדישע גענג”, „קאַטאַקאָמבעס”! דעם לייענער האָט זיך געדאַרפט וואַרפן אין די אויגן, אז אין די קלוימערשט פּלייסיק פאַרקאָנ־ספּירירטע סקלאַדן פון די דאָזיקע קעלערס האָט די פּאָליציי געפונען הונ־דערטער צענטנערס אינסטרוקציעס וועגן דורכפירן די פאָרשטייענדיקע רעוואָלוציע. באַזונדערס קאָמיש האָט געקלונגען די באַהויפּטונג, אז אָט די דאָקומענטן האָבן באַוויזן, אז „די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אירע אָר־גאַניזאַציעס פירן א צווייענדיקן לעבן און צוגלייך מיט דער לעגאַלער עק־זיסטענץ פירן זיי אַן אומלעגאַלע עקזיסטענץ אין אונטערערד”.

„דעם זעלבן טאָג, דעם 26־טן פעברואר נאָכמיטיק, האָט דער אדמי־ראַל פאָן לעוועצאוו, דער שעף פון דער בערלינער פּאָליציי, געמאַכט דעם קאָמיסאַר — דעם אינערן־מיניסטער גערינג א באַריכט וועגן די מאַטעריאַלן וואָס מען האָט געפונען אינעם קאַרל ליבקנעכט־הויז.

„אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעזולטאַטן פון דער אונטערזוכונג זיינען פאָרגעקומען הייסע שטרייטן און רייסערייען אינעווייניק אין דער רעגירונג. פּאַפּען, הוגענבערג און זעלדטע זיינען אָנגעפאַלן אויף גערינגן מיט די סאמע שאַרפסטע פאָרוואורפן, אויסוואַרפנדיק אים, וואָס ער האָט באַנוצט אַזעל־כע שווינדלערישע מעטאָדן. זיי האָבן אָנגעוויזן, אז די דאָקומענטן, וואָס מע האָט קלוימערשט געפונען, זיינען אַזוי אומגעלונגען געפעלשט, אז מען קאָן זיי בעשום אויפן ניט פאַרעפנטלעכן. זיי האָבן געזאָגט, אז מען האָט געדאַרפט האַנדלען קליגער, אומגעפער אַזוי, ווי ס'האָבן אין זייער צייט געטאָן די ענגלישע קאָנסערוואַטאָרן באַם פעלשן דעם זינאָוויעוו־בריוו. זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף דעם, וואָס די קאָנטי־ביוראָ האָט אומגעלומפּערט, טריוויאַל באַשריבן דאָס קאַרל ליבקנעכט־הויז. די מיניסטאָרן, וואָס האָבן געהערט צו דער נאַציאָנאַליסטישער פאַרטיי און צום שטאָלהעלם, שטרייכן אונטער: קיין איין מענטש וועט ניט גלייבן, אז די קאָמוניסטן האָבן אויס־געקליבן גראַד דאָס קאַרל ליבקנעכט־הויז פאַר זייערע אומלעגאַלער דירע.

אויב שוין יאָ פעלשן, האָט מען געדאַרפט — אין דעם איז באַשטאַנען זייער קריטיק — האַנדלען קליגער און אַנטדעקן אָט די אומלעגאַלע דירע פון די קאָמוניסטן ערגעץ־וואו אין אַן אַנדער שטאָט־טייל.

„פונדעסטוועגן איז אָט דער גאַנצער איניען איבערגעגעבן געוואָרן דער עפנטלעכקייט. די נאַציאָנאַליסטן איז גאָרנישט ניט געבליבן צו טאָן, ווי מאַסקים זיין ווייטער צו פאַרשאַרפן די רעגירונגס־מאָסמיטלען קעגן די קאָמוניסטן אפן סמאַך פון די קלוימערשט געפונענע מאַטעריאַלן. זיי האָבן דאָך קלאָל ניט געהאַט בעדייע צו שאַנעווען די קאָמוניסטן און זיי האָבן פאַראורטיילט בלויז דעם אומגעלומפּערטן צוגאַנג צו דער זאַך. איבעריקנס זיינען זיי אַ כּוץ דעם געווען פאַראינטערעסירט, אַז די קאָמוניסטן זאָלן אָנטיילנעמען אין די וואַלן. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זאָלן, באַזייטיקנדיק די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, קאָנען באַקומען אַן אַבסאָלוטע מערהייט אין רייכסטאַג".

דאָס אויספילן געבעלסעס פּלאַן

דר. אָבערפאָרען דערציילט אין זיין מעמאָראַנדום, אַז געבעלס האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, אינסצענירנדיק אַ וועלכע עס איז אַקטיווע אַרויסטרעטונג פון די קאָמוניסטן, פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון די קלוימערשט געפונענע מאַטעריאַלן אין קאַרל ליבקנעכט־הויז. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט ער דערוואַרט פון אַ ריי אונטערצינדונגען, וועלכע — מיר האַלטן זיך בּאַ אָבערפאָרענס מעמאָראַנדום — האָבן געדאַרפט פאָרקומען די לעצטע וואָכן פאַר דער רייכסטאַג־סריפּע און האָבן געדאַרפט מיט איר באַקרוינט ווערן. די סריפּע אין רייכסטאַג איז באַשטימט געוואָרן אפן 27־טן פעברואַר. מען האָט אָפּגעמאַכט, אַז דעם זעלבן טאָג וועלן די הויפּטפירער פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן — היטלער, גערינג און געבעלס — ניט אַרויסטרעטן אף קיינע פאָרוואַל־פאַרזאַמלונגען און וועלן בלייבן אין בערלין. מיר ברענגען דאָ דעם קאַלענדאַר־פּלאַן פון היטלערס פאָרוואַל־אַרויסטרעטונגען, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 10־טן פעברואַר פונעם אָנפירער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אין אָט דעם פּלאַן וואַרפן זיך אין די אויגן די פרייע טעג פון 25־טן ביזן 27־טן פעברואַר איינגעשלאָסן, וואָס היטלער האָט זיך געלאָזן אין רעכטן ברען פון די וואַלן:

דעם 23־טן פעברואַר אַן אַרויסטרעטונג אין פראַנקפורט אם־מיין
„ 24־טן „ „ „ מינכען
„ 28־טן „ „ „ לייפּציג
„ 1־טן מאַרץ „ „ בּרעסלאַו
„ 2־טן „ „ „ בערלין
„ 3־טן „ „ „ האַמבורג
„ 4־טן „ „ „ קעניגסבערג

ווייטער איז מיטגעטיילט געוואָרן: „מעגלעך, אז דעם 25־טן און דעם 26־טן פעברואר וועלן פאָרקומען פּאַרוואַל־דעמאָנסטראַציעס.

די צייט פון די דעמאָנסטראַציעס ווערט מערסטנטייל אָנגעמערקט פון 8 ביז 9 אזייגער".

אלזאָ, צוליב גרעסערער זיכערקייט האָט היטלער פאַר זיך געלאָזן פרייע טעג פון 25־טן ביזן 27־טן פעברואר איינגעשלאָסן. אין יעדן פאַל האָט מען שוין פריער געמאָלדן, אז דעם 27־טן פעברואר קען היטלער בעשום אופן ניט ארויס־טרעטן אין די פּאַרוואַל־פאַרזאַמלונגען.

ווידערשפּרוכן אין די אָפיציעלע מיטיילונגען

ס'איז קלאָר, אז די קאָמוניסטן האָבן קיין שום שייכעס ניט צו דער רייכס־טאַג־סרייפע און אז די סרייפע איז אן ארבעט פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן — אונזערע באַווייזן בויען מיר ניט נאָר אויף די גוויעס־איידעס פון די אומאָפּהענגיקע ניט־אינספּירירטע פערזאָנען און דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין אונזער רעשוס. מיר קאָנען בויען אונזערע באַווייזן אויך אויף די אָפיציעלע מיטיילונגען פון היטלערס רעגירונג.

אין די דאָזיקע מיטיילונגען זיינען פאַראַן אזוי פיל ווידערשפּרוכן, אז עס איז גענוג אויפצודעקן זיי, עס זאָל קלאָר ווערן אין וואָס פאַר א לאַגער מע דאַרף זוכן די ווירקלעכע שולדיקע אין דער אונטערצינדונג.

אין די ערשטע אָפיציעלע מיטיילונגען האָט זיך געזאָגט, אז איינער פון די פּאָליציי־לייט האָט געזען אין דער רייכסטאַג־געביידע, וואָס איז געווען איינגע־הילט אין פינצטערניש, מענטשן מיט ברענענדיקע פאַקעלן און אז ס'האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרהאַלטן דעם אונטערצינדער. ווייטער איז געזאָגט געוואָרן, אז דעם אונטערצינדער האָט מען געפונען אין די קעלערס פון דער רייכסטאַג־געביי־דע און אז ביים פאַרהאַלטן אים, האָט ער **ניט ארויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד**. פאַרקערט, דעם 4־טן מערץ ווערט וואָן דער ליובעס ארעסט געשילדערט אויף אזא אופן:

> „די פּאָליציי האָט פון דער זייט פון די בראַנדענבורגער טויערן באַ־מערקט א פייער אין דער רייכסטאַג־געביידע. איין פּאָליציאַנט האָט קלאָר געזען פאַקעלן און האָט געגעבן עטלעכע שאָסן. לעבאַטכילע האָט מען אין דעם געצווייפלט, אָבער דערנאָך האָט מען ווירקלעך געפונען שפּורן פון קוילן. אריינדרינגנדיק אין רייכסטאַג, האָט די פּאָליציי פאַרהאַלטן דאָרטן מאַרינוס וואַן דער ליובע ניט אין די קעלער־לאָקאַלן, ווי עס איז לעבאַטכילע מיט־געטיילט געוואָרן, נאָר אין די רייכסטאַג־קולוארן, דערביי האָט דער פאַר־ברעכער ארויסגעוויזן אן אקשאָנעסדיקן ווידערשטאַנד, אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט אים די פּאָליציי גענומען".

אָט דאָס איז דער ערשטער ווידערשפּרוך פון די אָפיציעלע מיטיילונגען.

באַשולדיקונגען קעגן טאָרגלערן און קענענען

די אָפּיציעלע „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ“ האָט אין אָוונט דעם 1־טן מערץ פאַנאַנדערגעשיקט פאָלגנדיקע מיטיילונג:

„די אָפיציעלע אויספאָרשונג פון דער גרויסער אונטערצינדונג אין דער געביידע פונעם דייטשישן רייכסטאַג האָט ביז איצט געגעבן פאָלגנדיקע רעזולטאַטן. — בלויז אַף צו ברענגען די מאַטעריאַלן פאַר דער אונטערצינדונג זיינען נייטיק געווען צום ווייניקסטנס 7 מענטשן. קעדיי פאַנאַנדערלייגן די דאָזיקע מאַטעריאַלן אין די פאַרשידענע ערטער און אָנצינדן זיי איינצייטיק אין דער גאַנצער קאָלאָסאַלער רייכסטאַג־געביידע, האָט זיך, דאַרף מען רעכענען, געפאָדערט ניט ווייניקער ווי 10 מענטשן. עס איז קיין שום צווייפל ניט, אַז די אונטערצינדער זיינען געווען פולשטענדיק באַקאַנט מיט דער דאָזיקער גרויסער געביידע און אַז בלויז די, וואָס זיינען אין מעשעך פון פיל יאָרן דאָרט פריי ארומגעגאַנגען, האָבן געקאָנט אַזוי פּינקטלעך וויסן אַלע זאַלן און צימערן. דעריבער איז פאַראַן אַ שטאַרקער פאַרדאַכט קעגן די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן, וואָס האָבן באַזונדערס אין דער לעצטער צייט זייער אָפט זיך צונויפגעזאַמלט אין דער רייכסטאַג־געביידע צוליב פאַרשידענע סיבעס. מיט אָט דער באַקאַנטשאַפט פון די פאַרברעכער מיט דער רייכסטאַג־געביידע, מיט אַלע אירע אַריינגענג און אַרויסגענג, און אויך מיטן סיידער פון די דעזשורסטוועס פון די רייכסטאַג־באַאַמטע דערקלערט זיך טאַקע דער פאַקט, וואָס ביז איצט האָט זיך איינגעגעבן צו אַרעסטירן בלויז דעם האָלענדישן קאָמוניסט, וואָס מע האָט געכאַפּט אָפן אָרט פון פאַרברעכן: ניט זייענדיק באַקאַנט מיטן פּלאַן פון דער געביידע, האָט ער נאָכן אונטערצינדן ניט געקאָנט אַנטלויפן. דער אַרעסטירטער איז אויך אין האָלאַנד באַוואוסט מיט זיין עקסטן ראַדיקאַליזם. ער פלעגט שטענדיק ביַיזיין אַף די זיצונגען פונעם קאָמוניסטישן אקציע־קאָמיטעט, און ער איז באַשטאַנען דערויף, אַז מען זאָל אים צוציִען צום אָנטייל אין דער סרייפע.

„די אויספאָרשונג האָט ווייטער פעסטגעשטעלט, אַז עטלעכע שאָ פאַרן אָנהויב פון דער סרייפע האָבן דריי איידעם געזען דעם אַרעסטירטן האָלענדישן קאָמוניסט אין די רייכסטאַג־קולוארן אין דער געזעלשאַפט פון די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן טאָרגלער און קענען; דאָס איז געווען 8 אַזייגער אינאָוונט. בא וואָן דער ליובעם אויסערלעכן אָנבליק, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז אוממעגלעך, אַז די איידעם זאָלן האָבן אַ טאָעס. דער אַריינגאַנג פאַר די רייכסטאַג־דעפּוטאַטן ווערט פאַרמאַכט 8 אַזייגער אינאָוונט; אַרום האַלב ניין האָבן ביידע דעפּוטאַטן — טאָרגלער און קענען — געהייסן ברענגען זיך די מאַנטלען אין זייער צימער און זיינען אַוועק פון רייכסטאַג ערשט 10 אַזייגער דורך אַן אַנדער אַרויסגאַנג. פּונקט אין דער

צייט איז פֿאָרגעקומען די סריפּע. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט די פֿאַקטן איז פֿאַראַן אַ ביז גאָר שטאַרקער פֿאַרדאַכט קעגן די בײדע דערמאָנטע קאָמוניסטן.

„דער קלאַנג, אַז דער דעפּוטאַט טאָרגלער האָט זיך קלוימערשט פֿריי־וויליק געמאָלדן אין דער פּאָליציי, אַנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקייט; עמעס, אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט דערזען, אַז אַנטלויפֿן איז געוואָרן אוממעגלעך, האָט ער דורך זיין אַדוואָקאַט געבעטן גאַראַנטיעס, אַז מען וועט אים ניט אַרעסטירן באַם מעלדן זיך אין דער פּאָליציי. אָבער מע האָט אים אָפּגעזאָגט צו געבן אַזאַ גאַראַנטיע און מע האָט אים אַרעסטירט".

דעם 4־טן מערץ האָט זיך באַוויזן אַ מיטיילונג פֿונעם שעף פֿון דער פּאָליטישער פּאָליציי. אין דער דאָזיקער מעלדונג ווערט געזאָגט:

„וועגן דעם, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס די אויספֿאָרשונג האָט פֿעסטגעשטעלט ערנסטע גרונטן אויף כוישעד צו זיין דעם אָנטייל פֿון אַנדערע פּערזאָנען אין דער סריפּע, קאָן איצט גאָרנישט געזאָגט ווערן אין די אינטערעסן פֿון דער אויספֿאָרשונג און מעלוכע־זיכערקייט".

אַלזאָ, דעם 10־טן מערץ איז פֿאַראַן אַ שטאַרקער פֿאַרדאַכט קעגן טאָרגלערן און קענענען, און די מאָטיוון פֿון דער מעלוכע־זיכערקייט שטערן ניט מיטצוטיילן, אויף וואָס עס באַזירט זיך דער דאָזיקער פֿאַרדאַכט. און דעם 4־טן מערץ ווייזט זיך אַרויס, אַז די מיטיילונג וועגן דעם גרונט פֿונעם פֿאַרדאַכט דראָט דער מעלוכע־זיכערקייט.

דערין באַשטייט דער צווייטער ווידערשפּרוך.

אין דער מיטיילונג פֿון דער „פּרייסישער פּרעסע־ביוראָ" פֿון 1־טן מערץ, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט, ווערט געזאָגט, אַז טאָרגלער און קענען זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער רייכסטאַג־געביידע 10 אַזייגער אינאָוונט. לויט די מיטיילונגען פֿון דער „וואָלף־ביוראָ", „טעלעגראַף־אוניאָן" און פֿון די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן האָט מען די סריפּע באַמערקט צווישן 9 אַזייגער און אַ פֿערטל צען. אומגעפֿער אין דער זעלבער צייט האָט די פּאָליציי אַרומגערינגלט דעם רייכסטאַג און האָט יעדן צוטריט צו אים געמאַכט פֿאַר אוממעגלעך. אין עטלעכע מינוט נאָך דעם, ווי מען האָט באַמערקט די סריפּע, איז אויפֿן אָרט פֿון דער סריפּע אָנגעקומען גערינג, קורץ נאָך אים זיינען אָנגעקומען היטלער, געבעלס, פּאַפּען און דער פּרינץ אויגוסט ווילהעלם. און דאָך באַהויפּטעט די אָפֿיציעלע פּרעסע־ביוראָ, אַז טאָרגלער און קענען זיינען זיך גאַנץ רואיק אַוועק פֿונעם ברענענדיקן רייכסטאַג, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי און מיט אַ טויזנטקעפּיקן האַמוין, דערביי איז גאָר קיינעם ניט איינגעפֿאַלן, כאָטש ווענדן זיך צו זיי מיט אַ וועלכער עס איז פֿראַגע!

דאָס איז דער דריטער ווידערשפּרוך.

א געהיימער מערדער — א פּאָליציי־פּרעזידענט

אָבערליטענאַנט הײנעס, ברעסלאַוער פּאָליציי־פּרעזידענט — שעף פון די שטורעם־
א פּ ט י י ל ו נ ג ע ן

הײנעס האָט אָף זיין געוויסן ניט בלויז א געהיימען פּאָליטישן מאָרד, דער נאַציאָנאַליסטישער דעפּוטאַט אָבערפאָרען ווייזט אף אים אָן אין זיין מעמאָראנדום אלס אפן שעף פון דער קאָלאָנע, וואָס האָט אונטער־געצונדן דעם רייכסטאַג.

טאָרגלערס און קענעמס פולשטענדיקער אליבי

צוויי קעלנערס פון אשינגערס רעסטאָראַן באַם וואַקזאַל אַף פרידריכס־שטראַסע זאָגן אײדעס, אַז די דעפּוטאַטן טאָרגלער און קענען האָבן דעם 27־טן פעברואַר געגעסן אָוונט־ברויט אינעם דאָזיקן רעסטאָראַן שוין האַלב צען אַזייגער אינאָוונט. די דאָזיקע גוויעס־אײדעס, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אונטער אַ שוואוּע, איז פאַרשריבן אין אַ פּראָטאָקאָל. אַלזאָ, ביידע דעפּוטאַטן האָבן געדאַרפט אַרויסגיין פון רייכסטאַג אַמשפּעטסטן קורץ נאָך 8 אַזייגער אינאָוונט, און ניט 9 אַזייגער, ווי עס באַהויפּטעט די אָפיציעלע מיטיילונג.

באַוויזן אונטער אַ שוואוּע האָט אויך געגעבן דער דעפּוטאַט ווילהעלם קענען. ווייטער ברענגען מיר די דאָזיקע באַוויזן אינגאַנצן. פון די דאָזיקע באַוויזן איז מיט דער גאַנצער קלאָרקייט צו זען, אַז ביידע דעפּוטאַטן זיינען אַוועק פון רייכסטאַג צווישן 8.10 מינוט און 8.15 מינוט. די דאָזיקע באַוויזן זיינען וויכטיק דערפאַר, ווייל קענען איז דעם 27־טן פעברואַר געווען אין רייכסטאַג אומגעפער האַלב זיבן אינאָוונט און פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן ביז האַלב צוויי באַנאַכט האָט ער זיך מיט טאָרגלערן ניט צעשיידט. זייער ביידנס אַליבי איז פולשטענדיק און באַווייזט, אַז אין די באַשולדיקונגען, וואָס היטלערס רעגירונג האָט אַרויסגעשטעלט קעגן טאָרגלערן און קענענען, איז ניטאָ קיין וואָרט עמעס. מיר ברענגען די דאָזיקע גוויעס אײדעס:

„דעם 27־טן פעברואַר נאָכמיטיק בין איך, ווי קימאַט אין אַלע טעג פון דער פאַרגאַנגענער וואָך, אַריין אין פּאָליציי־פּרעזידיום אַף אַלעקסאַנדערפּלאַץ צום קאָמיסאַר פאַר קרימינאַל־איניאַנים, דר. בראַשוויץ, קעדיי פאָרזעצן די אונטערהאַנדלונגען מיט אים וועגן אַרויסגעבן אונז די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען באַשטימט פאַר דער וואַל־קאַמפּאַניע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין קאַרל ליבקנעכט־הויז; ווי אין די פריקע טעג, זיינען דאָ פאַרפּאַקט און אַרויסגעפירט געוואָרן אייניקע קלענערע פּעק פּלאַקאַטן, וואָס מע האָט דערלויבט אויסצונוצן פאַר דער פעברואַר־אַגיטאַציע. 40 מינוט אַף זעקס, ווען די דאָזיקע אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, האָב איך זיך צעזעגנט מיטן קאָמיסאַר, צונויפגערעדט זיך אינעם שכיינעסדיקן רעסטאָראַן מיט אונזערע אַרבעטער וועגן טראַנספּאָרטירן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל אַף מאָרגן און האָב דערנאָך טעלעפאָנירט אינעם סעקרעטאַריאַט פון אונזער רייכסטאַג־פראַקציע, וואו איך האָב נאָך געדאַרפט וועגן עפּעס צונויפריידן זיך אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַנאַנדערטיילן די רעדנער פאַר דער לעצטער וואָך פון דער פּאָרוואַל־קאַמפּאַניע. אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן טעלעפאָן־שמועס בין איך מיט דעם זעלביקן ציל דערנאָך אַוועקגעפאָרן אין רייכסטאַג; געקומען אַהין בין איך עטלעכע מינוט פאַר האַלב זיבן. דאָרטן האָב איך געטראָפן מיין קאָלעגע ערנסט טאָרגלער, וואָס איז אַלס אָנפירער פונעם אָפיציעלן קאָמיטעט פאַר אָנפירן מיט דער וואַל־קאַמ־

פאניע פון אונזער פּאַרטיי געווען פאַרנומען מיטן צונויפשטעלן די רעשימע פון די דעפּוטאַטן, וואָס דאַרפן ארויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען. אַרום א פערטל אכט האָב איך פאַרענדיקט מיינע איניאַנים, אָבער מיין פריינט טאַרגלער האָט מיך געבעטן פאַרבלייבן דאָ נאָך עטלעכע מינוט, ווייל ער האָט געוואַרט אויף א טעלעפאָן־קלונג, דערנאָך װעלן מיר צוזאַמען גיין עסן אָוונט־ברויט. אַזוי ווי איך האָב זיך גענומען אָפּשיקן מיט פּאָסט א דרינגנדיקע איבערװייזונג, האָב איך געבעטן טאַרגלערן אָנצופרעגן זיך אין דער טעלעפאָן־סטאַנציע פונעם רייכסטאַג, צי עס איז אָפן די פּאָסט־אָפּטיילונג באַם רייכסטאַג. ער האָט טעלעפאָנירט און מען האָט אים געענטפערט, אַז פון 7 אזייגער איז די אָפּטיילונג פאַרמאַכט. דערנאָך האָב איך דערציילט טאַרגלערן וועגן די שוועריקייטן, וואָס מען מאַכט אונז קעסיידער באַם ארויסגעבן פונעם קאַרל ליבקנעכט־הויז די מאַטעריאַלן פאַר דער פּאַרוואַל־קאַמפּאַניע. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז טאַרגלער, אַלס אָנפירער פונעם צענט־ראַלן פּאַרוואַל־קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי, זאָל נאָכאַמאָל אָפיציעל טעלעפאָנירן דעם פאַרוואַלטער פונעם פּאָליטישן סעקטאָר פון דער בערלינער פּאָליציי, דעם דר. דילס, און דערקלערן א פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס מען גיט אונז ניט ארויס פאַרשידענע פּלאַקאַטן און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַרן פּאַרוואַל־קאַמפּיין.

„דער דאָזיקער שמועס מיט דר. דילס איז פאָרגעקומען אַן ערך האַלב אכט. נאָכדעם האָב איך ארויסגערופן דעם אסעסער, וואָס איז געווען דעם דר. דילס רעכטע האַנט און איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן ארויסגעבן די מאַטעריאַלן. איך האָב מיט אים אויך גערעדט וועגן די דערמאַנטע שטערונגען, איך האָב אים דערציילט וועגן דעם, וואָס איך האָב זיך שוין צונויפגערעדט מיטן קאָמיסאַר פון דער קרימינאַל־אויספירונג און אָפּגעמאַכט צו טרעפן זיך מיט אים אין קאַרל ליבקנעכט־הויז.

„נאָך די דאָזיקע טעלעפאָן־שמועסן מיטן פּאָליציי־פּרעזידיום האָט נאָך טאַרגלער טעלעפאָנירט דעם אַדוואָקאַט, דעם דר. ראָזענפעלד. דאָס איז געווען אַן ערך דריי פערטל אכט. אַזוי ווי דער טעלעפאָן־קלונג פונעם פּאַרטיי־כאַווער, וואָס ער האָט אויף אים געוואַרט, האָט פאַרשפּעטיקט, האָט ער ארויסגערופן דעם שווייצאַר פון דער אריינגאַנג ־ טיר נומ. 5 און ער האָט אים געזאָגט, אַז אויב מען וועט קלינגען נאָך 8 אזייגער (די צייט, ווען מען פאַרמאַכט די טעלעפאָן־סטאַנציע פון רייכסטאַג) אין שווייצאַר־צימער, וועט מען אים, טאַרגלערן, דאַרפן ארויסרופן פונעם פראַקציע־סעקרעטאַריאַט דורך דער קאָמענדאַטור.

„דערווייל האָט מען געקלונגען פונעם גאַרדעראָב־צימער פון דער דאָרעמדיקער אריינגאַנג־טיר און מע האָט געפרעגט, צי קלייבט זיך דער הער טאַרגלער באַלד אוועקגיין, אָדער מען דאַרף אים, ווי געוויינטלעך, ברענגען דעם מאַנטל אין דער פראַקציע־געביידע. ער האָט געבעטן ארויפ־

טראָגן דעם מאַנטל. דאָס איז געווען אומגעפער אזייגער 8. אין דער צייט פאַרמאַכט מען די אריינגאַנג־טיר נומ. 2 און דעם דאַרעמדיקן גאַרדעראָב־צימער.

„עטלעכע מינוט נאָך 8 אזייגער איז ענדלעך פאַרגעקומען דער טעלע־פאָן־שמועס, וואָס טאַרגלער האָט אױף אים געוואַרט. ריידן איז אויסגעקו־מען אין שווייצאַר־צימער פון דער אריינגאַנג־טיר נומ. 5. דער איינציקער, דעמאָלט נאָך אָפענער, אַרויסגאַנג פון רייכסטאַג. צוליב דעם האָט מען טאַרגלערן אַרויסגערופן דורכן אינערלעכן טעלעפאָן אַראָפּ און ער האָט זיך זייער געאײַלט, ווײַל ס'איז אויסגעקומען זיך אַראָפּצולאָזן פונעם דריטן שטאָק, און ער האָט ניט געוואָלט צווינגען זיין פריינט וואַרטן אומזיסט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך טאַרגלער אומגעקערט פונעם שווייצאַר־צימער אין פראַקציע־לאָקאַל. דערנאָך האָבן מיר זיך אָנגעטאָן, זיינען צו־זאַמען מיט דער סעקרעטאַרשע פון דער פראַקציע אַרויסגעגאַנגען פונעם רייכסטאַג דורך דער אַריינגאַנג־טיר נומ. 5. דאָס איז געווען אַן ערעך א פערטל ניין.

„די באַהויפּטונג, אַז מיר האָבן קלוימערשט לויפנדיק פאַרלאָזן דעם רייכסטאַג, אַנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקייט. מען דאַרף זאָגן, אַז גראָד דעם זעלביקן אָוונט זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען פון רייכסטאַג אויסערגע־וויינלעך פּאַוואָליע, ווי נאָך קיינמאָל פריער. די זאַך איז אין דעם, וואָס די סעקרעטאַרין פון דער פראַקציע, וועלכע איז דאָס מאָל אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט אונז, האָט אין דער צייט געליטן אױף אַן אַנטצינדונג פון די פּיס־וועגעס, איר איז זייער שווער געווען צו גיין און דעריבער האָבן מיר גע־קאָנט גיין בלויז זייער לאַנגזאַם.

„מיט אזאַ לאַנגזאַמע טראָט זיינען מיר דערגאַנגען ביזן וואַקזאַל אױף פרידריכשטראַסע, וואו די סעקרעטאַרשע האָט אונדז פאַרלאָזן און איז אוועק צו דער אונטערערדישער אייזנבאַן. גלייך נאָך דעם — דאָס איז געווען, הייסט עס, צו האַלב ניין — זיינען מיר אוועק אין אשינגערס רעסטאָראַן באַם וואַקזאַל אױף פרידריכשטראַסע און האָבן זיך דאָרט געזעצט עסן אָוונט־ברויט. דאָ האָבן מיר געטראָפן נאָך דריי פאַרטיי־כאַווײרים און מיר האָבן מיט זיי אַביסל צייט געשמועסט. צוויי פון די כאַווײרים האָבן נאָכן עסן אונדז פאַרלאָזן — אומגעפער צווישן האַלב און דריי פערטל ניין. 10 אזיי־גער האָבן זיך די קעלנערס געביטן און א ביסל פריער האָבן מיר זיי אָפּגע־צאָלט פאַרן עסן.

„ערשט נאָך צען איז צו אונדזער טיש צוגעגאַנגען א נייער קעלנער. ער האָט מיר אָנגערופן באַם נאָמען און געזאָגט: „הער קענען, צי ווייסט איר שוין, אז דער רייכסטאַג ברענט?” א העכסט פאַרוואונדערטער האָב איך אויסגעשריען: „איר זייט פון זינען אַראָפּ? דאָס איז פולשטענדיק אומעג־לעך!”. א צעררודערטער האָט ער מיר געענטפערט: „ניין, אינדערעמעסן.

אַלע שאַפערס דערציילן וועגן דעם. איר קאָנט זיי פרעגן. טויזנטער מענטשן שטייען שוין דאָרטן".

„אַט אַזוי האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן איינעם פון די סאַמע אומגעהייערסטע פאַרברעכנס אין דער וועלט־געשיכטע.

אונטערשריפט: ווילהעלם קענען."

אַט די דאָזיקע דערקלערונג דעמאַסקירט דעם 4־טן ווידערשפּרוך אין די אָפּיציעלע מיטיילונגען.

ערנסט טאָרגלער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער פּאָליציי

אין דער מיטיילונג פון דער „פּרייסישער פּרעסע־ביוראָ" פון 1־טן מערץ יאָר 1933 ווערט געזאָגט, אַז טאָרגלער האָט זיך ניט געמאָלדן פרייוויליק, נאָר מען האָט אים אַרעסטירט. ווייטער ברענגען מיר די נאָטאַריעלע דערקלערונג פונעם אַדוואָקאַט קורט ראָזענפעלד, וועלכער האָט באַגלייט טאָרגלערן אין פּאָליציי־פּרעזידיום. אַט די דערקלערונג באַווייזט די פאַלשקייט פון דער אָפּיציעלער מיטיילונג.

„איך זאָג פייערלעך צו צו זאָגן דעם עמעס. איך דערקלער פאָלגנדיקס: „אינדערפרי אַף מאָרגן נאָך דער רייכסטאַג־סרייפע האָט מיך דער ה' ערנסט טאָרגלער אַרויסגערופן דורכן טעלעפאָן און געפרעגט, צי איך בין מאַסקים צו באַגלייטן אים אין פּאָליציי־פּרעזידיום, וואוהין ער וויל גיין, קעדיי אָפּלייקענען די באַשולדיקונג, וואָס ווערט קעגן אים אַרויסגערוקט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רייכסטאַג־סרייפע. כ'האָב געענטפערט, אַז איך בין מאַסקים, און האָב באַלד טעלעפאָנירט אין פּאָליציי־פּרעזידיום, אַז איך צוזאַמען מיט טאָרגלערן וועלן טייקעף קומען. אויב דער זיקאָרן נאַרט מיך ניט, האָב איך גערעדט מיטן ראַטגעבער פון דער קרימינאַל־אויסשפּירונג העלערן. דערנאָך בין איך צוזאַמען מיט טאָרגלערן אַוועקגעפאָרן אַפן אויטאָמאָביל צום פּאָליציי־פּרעזידיום. מיר זיינען אַוועק צום ה' העלער. קומענדיק אין דער פּאָליציי, האָב איך זיך געווענדעט צו אים מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אַט איז דער ה' טאָרגלער. איך בעט פאַרהערן אים אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַשולדיקונג, אַז ער איז קלוימערשט אַף עפּעס אַן אויפן פאַרמישט אין דער רייכסטאַג־סרייפע." ווען ס'איז באַוואוסט געוואָרן, אַז טאָרגלער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן אַפן פאַרהער, זיינען אין צימער, וואו איך האָב זיך געפונען, אַריין עטלעכע פּאָליציי־באַאַמטע; זיי האָבן מיר אַרומגערינגלט און האָבן גענומען פרעגן: „האָט זיך טאָרגלער אינדערעמעסן אַליין געמאָלדן?".

„העלער איז אַוועק צוזאַמען מיט טאָרגלערן אין אַ צווייטן צימער, און איך בין געבליבן וואַרטן אינעם ערשטן צימער. ס'איז אַוועק אַ גאַנץ היפּשע צייט ביז טאָרגלער איז פון דאָרטן אַרויס. מיר זיינען דאַן געבליבן וואַרטן צוזאַמען. דערנאָך האָט העלער אונדז ביידן אַרויסגערופן אין אַ

צווייטן צימער און האָט אין מיין אָנוועזנקייט דערקלערט טאַרגלערן פאַר ארעסטירט.

אונטערשריפט: ק ו ר ט   ר אָ ז ע נ פ ע ל ד".

פון דער דאָזיקער דערקלערונג איז קלאָר צו זען, אז טאַרגלער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער פּאָליציי.

דאָס איז דער פינפטער ווידערשפּרוך.

די „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ" האָט דעם 1־טן מערץ מיטגעטיילט, אז דער דעפּוטאַט טאַרגלער איז עטלעכע שעה פאַרבליבן אין דער רייכסטאַג־געביידע אין דער געזעלשאַפט פון די אונטערצינדער און אז מען האָט אים געזען צוזאַמען מיט אַנדערע פּערזאָנען, וואָס זיינען פאַרמישט אין דער אונטערצינדונג. ווען טאַרגלער וואָלט ווירקלעך געווען אָן אַנטיילנעמער אין דער אונטערצינדונג, וואָלט די עלע־מענטאַרע פאַרזיכטיקייט אים אָפּגעהאַלטן דערפון, אז ער זאָל זיך באַווייזן פאַר אַלעמען אין וואַן דער ליובעס געזעלשאַפט.

דאָס איז דער זעקסטער ווידערשפּרוך.

אין דער מיטיילונג פון דער „פּרייסישער פּרעסע־ביוראָ" פון 1־טן מערץ ווערט גערעדט, אז די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן זיינען גוט באַקאַנט מיט דער רייכסטאַג־געביידע און מיט דער פאַנאַנדערטיילונג פון די דעזשורסטוועס פון די רייכסטאַג־באַאַמטע. אינדערעמעסן זיינען די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן ניט געווען באַקאַנט מיט דער פאַנאַנדערטיילונג פון די דעזשורסטוועס פון די רייכסטאַג־באַאַמטע. אינעם רייכסטאַג־פּרעזידיום האָבן זיי ניט געהאַט קיין אייגענעם פאַר־שטייער. זיי זיינען אויך געווען באַזייטיקט פון אַלע קאָמיסיעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער רייכסטאַג־אַדמיניסטראַציע. אכוץ דעם, ווי מיר וועלן ווייטער באַווייזן, האָט דער אינספּעקטאָר פון דער רייכסטאַג־געביידע, א נאַציאָנאַל־סאָ־ציאַליסט, אינעם טאָג פון דער סריפע געענדערט די אָרדענונג פון די דעזשורסט־וועס אזוי, אז וועגן דער דאָזיקער ענדערונג האָט געקאָנט וויסן נאָר דער רייכסטאַג־פּרעזידענט געהרינג, אָבער ניט די דעפּוטאַטן, די קאָמוניסטן.

דאָס איז דער זיבעטער ווידערשפּרוך.

וואַן דער ליובע איז ניט קיין קאָמוניסט

דעם 28־טן פעברואַר האָט די אָפיציעלע „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ" מיטגע־טיילט אז וואַן דער ליובע „האָט זיך דערקלערט פאַר א מיטגליד פון דער האָלענ־דישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי". פון דער ווערסיע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן ראַדיאָ, אז וואַן דער ליובע האָט געהאַט בא זיך א בילעט פון דער האָלענ־דישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט מען זיך אָפּגעזאָגט נאָך אין דער נאַכט פון דער סריפע, ווייל זי איז געווען צו אומגלויבלעך. דער ערשטער זשורנאַליסט, וואָס האָט גערעדט מיט וואַן דער ליובען נאָך דער רייכסטאַג־סריפע, איז געווען דער

קאָרעספּאָנדענט פון דער אַמסטערדאַמער צייטונג „דער טעלעגראַף". דעם 2־טן מערץ האָט ער געשריבן אין זיין צייטונג:

„מאַרינוס האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז שוין עטלעכע יאָר ניט קיין מיטגליד פון קיין שום פּאַרטיי. ער איז ניט קיין איבערצייגטער קאָמוניסט".

אינעם שמועס מיט אַ לאַנדסמאַן איז וואָן דער ליובע אַרויס פון זיין ראָלע און האָט דאָס מאָל, אַלס אויסנאַם, געזאָגט דעם עמעס. אינדערעמעסן איז וואָן דער ליובע אין אַפּריל 1931 יאָר אַרויסגעטראָטן פון קאָמוניסטישן יוגנט פאַרבאַנד אין ליידען, ווייל אים האָט געדראָט אויסגעשלאָסן צו ווערן.

דאָס איז דער 8־טער ווידערשפּרוך.

דעם 2־טן מערץ 1933 יאָר האָט די „וואָלף־אַגענטור" מיטגעטיילט פון אַמסטערדאַם:

„דער פּרוּוו פון די האָלענדישע קאָמוניסטן אָפּצוזאָגן זיך פון וואָן דער ליובען וועט זיי ניט געלונגען. אין דער זעלבער צייט, ווען זיי זאָגן זיך פון אים אָפּ, האָט די האַאַגער פּאָליציי געגעבן פּאָלגנדיקע אינפאָרמאַציע: ליובע האָט ניט געוואָלט אונטערוואַרפן זיינע ראַדיקאַלע אַנשויאונגען אונטער דער פּאַרזיכטיקער טאַקטיק פון דער האָלענדישער פּאַרטיי. אָבער די האָלענדישע פּאַרטיי האָט אים דורכויס ניט אויסגעשלאָסן, נאָר זי האָט אים בלויז באַזייטיקט פון די ערשטע רייען און האָט אים געמאַכט צונישט".

אַלזאָ, די אָפיציעלע דייטשישע אינסטאַנצן ווילן אונדז איבערצייגן, אַז די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט צוגעצויגן אַף דורכצופירן טעראָריסטישע אַקטן אַזאַ קאָמוניסט, וואָס די האָלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אים „געמאַכט צונישט" (אינדערעמעסן איז וואָן דער ליובע שוין פון אַפּריל 1931 יאָר ניט געווען מער קיין מיטגליד פונעם האָלענדישן קאָמיוג). אָבער צי דען האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זעלבסט ניט באַהויפּטעט פיל יאָרן נאָכאַנאַנד, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זיינען צווישן זיך ענג פאַרבונדן און אַז זיי זיינען בלויז סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל? איז ווי־זשע פּאַרט זיך אָט די באַהויפּטונג דערמיט, אַז די אָנפירונג פון דער דייטשישער פּאַרטיי האָט מיט צעשפּרייטע אָרעמס באַגעגנט דעם באַזייטיקטן האָלענדישן קאָמוניסט און האָט אים אָנגעטרויט די סאַמע קאָנפידענציעלע אויפטראַגן?

דאָס איז דער ניינטער ווידערשפּרוך.

וואָן דער ליובע קעגן די קאָמוניסטן

אין דער זעלבער מיטיילונג פון דער „וואָלף־אַגענטור" ווערט ווייטער געזאָגט:

„נאָך דעם 22־טן דעצעמבער 1932 יאָר איז ליובע, וואָס איז בייגעווען אַף אַ פאַרזאַמלונג פון די שטרייקנדיקע שאָפערס אין האַאַג, אַרויסגעטראָטן מיט אַ קאָמוניסטישער רעדע. אָט די מיטיילונג פון דער האָלענדישער פּאָליציי איז ביז גאָר אַ וויכטיקע באַם אָפּשאַצן די רייכסטאַג־סריפּע אַלס אַן אָרגאַניזירטן טעראָריסטישן אַקט פון די קאָמוניסטן".

טאַקע בעעמעס, ליובעס אנטייל אין דער דאַזיקער פאַרזאַמלונג איז ביז גאָר ווינציק באַם אָפּשאַצן די רייכסטאַג־סריִיפע. וואָן דער ליובע איז ניט נאָר ניט ארויסגעטראָטן אױף דער פאַרזאַמלונג פון די שטרייקנדיקע שאָפערס מיט א קאָ־מוניסטישע רעדע, נאָר ער איז שאַרף אָנגעפאַלן, פונקט ווי א סאַך מאָל ביז דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, אױף דער האָלענדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

די אנטיילנעמער פון דער פאַרזאַמלונג באַשרייבן אַזוי וואָן דער ליובעס ארויסטרעטונג:

„האַאַג, דעם 12־טן מערץ.

„איך האָב זיך פאַריקע וואָך מיט אויפרעגונג דערוואוסט פון די בור־זשואַזע צייטונגען וועגן דער מיטיילונג פון דער פאָליציי, אַז וואָן דער ליובע איז קלוימערשט דעם 22־טן דעצעמבער 1932 יאָר ארויסגעטראָטן אױף א שאָפער־פאַרזאַמלונג אינעם האַאַגער פאָלקס־הויז מיט א קאָמוניסטישער רעדע.

אלס האַאַגער קאָרעספּאָנדענט פון „טריביון” בין איך בייגעוועז אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג און האָב אָנגעשריבן וועגן איר א באַריכט. אַזוי ווי די „טריביון” האָט קיין אָרט ניט פאַר פולע באַריכטן וועגן פאַרזאַמ־לונגען, איז מיין באַריכט ניט דערשינען. צום גליק האָט ער זיך בא מיר פאַרהיט, און איך בין געווען אוּמאָפּהענגיק, קעדיי ארויסצופירן אפן ריינעם וואַסער די ליגנערס פון דער בורזשואַזער פרעסע, איך לייג פאַר דער מאַכט אָפּצולייקענען די פאַקטן פונעם באַריכט, וואָס איך ברענג דאָ ווייטער. דער באַריכט איז אונטערגעשריבן פון ארבעטער, וואָס געהערן צו פאַרשידענע ריכטונגען.

„די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט צונויפגערופן דער שטרייק־קאָמיטעט פון די טאַקסי־שאָפערס צוזאַמען מיטן סינדיקאַליסטישן פראָפאַריין. אין נאָמען פונעם שטרייק־קאָמיטעט האָט גערעדט דער פאַרזיצער פונעם שטרייק־קאָ־מיטעט סטענבערגער און דער סעקרעטאַר קאַפּטיין. אין נאָמען פונעם סינ־דיקאַליסטישן פאַריין האָט גערעדט ניוועגהויז. נאָך זיין רעדע איז פאָרגעקו־מען א דיסקוסיע. כ׳ פאַרדולין האָט זיך באַנוצט מיטן פאַל און האָט אין זיין רעדע פאַרטיידיקט די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. אַנדערע באַ־ווײרים, דערין אויך איינער א סינדיקאַליסט, זיינען ארויסגעטראָטן יעדערער מיט זיין שטאַנדפּונקט. וואָן דער ליובע האָט אויך אנטיילגענומען אין די דעבאַטן. דעם פאַרזיצער איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל איבעררייסן דעם דאָזיקן „רעדנער”, ווייל ער האָט גערעדט ניט צו דער זאַך. זיין ארויסטרע־טונג האָט געטראָגן א פולשטענדיק ניט ערנסטן כאַראַקטער. ער האָט עט־לעכע מאָל פאַרלאָרן דעם פאָדעם און זיך איבערגעכאַזערט. געזאָגט האָט ער פאָלגנדיקעס:

„אין דעם דאָזיקן שטרייק האָבן די אָרגאַניזאַציעס ווידעראַמאָל באַ־

ער האָט געוואוסט וועגן דעם פארברעכן און מען האָט אים געצוואונגען שווייגן

דר. ערנסט אָבערפאָרען — פאָרזיצער פון דער נאַציאָנאַליסטישער פראקציע אין רייכסטאג.

דעם 7־טן מאַי 1933 יאָר האָט מען דר. אָבערפאָרענען געפונען א טויטן אין זיין דירע. די אָפיציעלע מיטיילונג באהויפטעט, אז ער איז באגאנגען זעלבסטמאָרד. אינדערעמעסן האָבן די שטורמאָוויקעס דערמאָרדעט אים, ווייל ער האָט איגעם מעמאָראנדום, וואָס איז ארייגעפאלן קיין אויסלאנד, אָנגערופן באם נאָמען דיווירקלעכע אונטערציינדער.

וויזן, אז זיי נארן אָפּ די ארבעטער. די שאָפּערס שטרייקן שוין אַט 7 כאָ־דאָשים און מיר קאָנען מיט זיכערקייט זאָגן, אז דער שטרייק איז דורכגעפאַלן, דער „נייער פּראָפּאריין״ האָט זיך געאיילט פאראטן די שאָפּערס און אין די לעצטע טעג האָט די אָרגאַניזאציע שוין ניט געקאָנט שטיצן דעם שטרייק, ווייל אין קעגנפאל וואָלט זי געבראָכן דעם אָפּמאַך מיט די באַלעבאטים.

„N. A. S. מיט באָומאַנען בערֹאש האָט אויסגענוצט די אומצופרידנקייט פון די שאָפּערס און זיי צוגעזאָגט קאָלערליי גליקן. די שאָפּערס האָט מען געהעצט צו אן ארויסטרעטונג און עס איז דערקלערט געוואָרן א שטרייק. אָבער ווען די אָרגאַניזאציעס האָבן דערזען, אז דער שטרייק פארציט זיך און שלינגט איין צו פיל געלט, האָבן די פּראָפּביוראָקראטן מיט די דירעקטערישע געהאלטן אָנגעהויבן פירן אונטערהאנדלונגען מיט די באַלעבאטים — הינטער דער פּלייצע פון די שאָפּערס. עס איז קלאָר, אז די ארבעטער האָבן אויך איצט, שוין צום ווילפלטן מאָל, ניט געקאָנט האנדלען זעלבשטענדיק. בעאיים דעם שטרייק האָבן געדארפט שטרייקן אלע. דאָך האָבן א טייל טאַקסים געארבעט. מען האָט זיך גערארפט מיט קראפט קעגנשטעלן קעגן דעם. קיין אינדיווידועלע ארויסטרעטונגען זיינען ניט געווען. דער שטרייק פון די טעקסטיל־ארבעטער איז אויך דורכגעפאלן. די צייט פון שטרייקן איז שוין אוועק, איצט דארף מען געפינען עפּעס אנדערש. אָבער דאָס וועט מעגלעך זיין ערשט דעמאָלט, ווען פריער וועלן צעקלאַפּט ווערן אלע אָרגאַניזאציעס, דערין אויך די סינדיקאַליסטישע. וואָס האָט געטון ניוועגהויז פאר די בוי־ארבעטער? גאָרנישט, טאַקע גאָר גאָרנישט, און איצט נארן די אָרגאַניזאציעס, סיי די רעכטע, סיי די לינקע, אָפּ די שאָפּערס. זיי באַמיען זיך צו פארברייטערן זייערע קליינע קאדרען. די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאָזיציע אָדער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי (דאָס איז איינס און דאָס זעלבע) האָט אויך אָנגעווענדעט אינעם שטרייק פון די טעקסטיל־ארבעטער א פּאָליטיק פון גענארעריי. און, N. A. S. און דער „נייער פּראָפּאריין״ פירט אויך א רעפאָרמיסטישע פּאָליטיק (דער פּאָרזיצער בעט וואן דער ליובען רײדן צו דער זאַך און קיר׳צער). פונקט ווי די אנדערע אָרגאַניזאציעס, האָט זי גאָרניט געטאָן פאר זיי. די שאָפּערס דארפן יעדער איינער אליין זיך פארטיידיקן און אָפּזאָגן זיך פון דער הילף פון וועלכע־ניט־איז אָרגאַניזאציעס און פּאַרטייען. יעדער איינער קעמפט פאָר זיינע אייגענע אינטערעסן. מען דארף זוכן נייע קאמפס־פאָרמען, די אָרגאַניזאציעס האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צייט.

„ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן זיך. דערנאָך האָט ער גענומען אָנפאלן פּערזענלעך אויף ניוועגהויזן און סאָפּקאָלפאָף האָט ער זיך פארפלאָנטערט און ניט געוואוסט מיט וואָס צו ענדיקן. דער פאָרזיצער זאָגט אים, אז זיין צייט האָט זיך שוין געענדיקט און אז די פאר־

זאמלונג האָט זיך צו פיל פאַרצויגן. ניוועןהויז האָט אין זיין ענטפּער דערקלערט, אַז ער האָט ניט געקאָנט ווי געהעריק נאָכשפּירן נאָכן געדאַנקן־גאַנג פונעם דאַזיקן רעדנער; ער האָט בלויז פאַרשטאַנען, אַז דער רעדנער איז קעגן אַלערליי אָרגאַניזאַציעס.

„אַלס רעדאַקטאָר פון „טריביון" האָב איך געהאַלטן פאַר מיין כוונה צו דעמאַסקירן די ליגנערישע קאַמפּאַניע פון דער פּאָליציי. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פאַר מאַסן־אַרויסטרעטונגען. זי איז קעגן אינדיווידועלע אַקטן. אונטערשריפט: א. ט ע ר אָ ל".

האַאַג, אָליענבערג.

— „מיר, אונטערגעשריבענע, דערקלערן, אַז מיר זיינען בייגעווען אויף דער פאַרזאַמלונג, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין דעם דאַזיקן באַריכט, און אַז וואָס דער ליובע איז אַרויסגעטראָטן אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג פונקט אַזוי, ווי עס ווערט דערציילט אינעם באַריכט". (16 אונטערשריפטן).

דאָס איז דער צענטער ווידערשפּרוך.

אָט דעם ווידערשפּרוך דעקן אויף אומאָפּהענגיקע אַנטיילנעמער פון דער שאָפּערן־פאַרזאַמלונג אין האַאַג.

דעם 4־טן מערץ האָט דער אָנפירער פון דער פּאָליטישער פּאָליציי מיטגעטיילט, אַז וואָן דער ליובע באַזיצט די דייטשישע שפּראַך. פון דעם, וואָס עס דערציילן וואָן דער ליובעס אַלע פריינט, און אויך די זשורנאַליסטן, וואָס האָבן אים באַזוכט אין טפיסע און וואָס האָבן מיט אים גערעדט, איז צו זען פונקט פאַרקערט: וואָן דער ליובע רעדט זייער שווער אויף אַ געבראָכענעם דייטש. דעם 28־טן פעברואַר האָט „לאָקאַל אַנצייגער" מיטגעטיילט, אַז וואָן דער ליובע קאָן פאַרהערט ווערן בלויז מיט דער הילף פון אַן איבערזעצער.

דאָס איז דער עלפטער ווידערשפּרוך.

אין דער זעלבער מיטיילונג פונעם אָנפירער פון דער פּאָליטישער פּאָליציי ווערט געזאָגט:

„וואָן דער ליובע איז ביכלאַל באַוואוסט דער פּאָליציי אַלס קאָמוניסטישער אַגיטאַטאָר. דעם 28־טן אַפּריל 1931 האָט אים די פּאָליציי אַרעסטירט אין גראָנאַו (וועסטפאַליען) פאַר פאַרקויפן „טענדענציעזע קאָמוניסטישע קאַרטלעך".

אינדערעמעסן האָט וואָן דער ליובע פאַרקויפט אין גראָנאַו פּאָסט־קאַרטלעך מיט זיינעם און זיין פריינט האָלווערדאַס בילדער. אויפן קאַרטל איז פאַראַן אַזאַ טעקסט (אין 4 שפּראַכן):

„מאַרינוס וואָן דער ליובעס און ה. האָלווערדאַס אַרבעטערישע, ספּאָרטיווע און אויפקלערערישע רייזע איבער אייראָפּע און ראַטנפאַרבאַנד. אָנהויב פון דער רייזע פון ליידען דעם 14־טן אַפּריל 1931 יאָר".

קיין וואָרט ניט מער, קיין קלענסטע אָנצוהערעניש וועגן קאָמוניסטישער

אגיטאציע. איבעריקנס, ארעסטירט וואן דער ליובען האָט מען בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געהאט קיין דערלויבעניש אף צו פארקויפן אין גאס קארטלעך.

דאָס איז דער צוועלפטער ווידערשפּרוך.

דער אָנפירער פון דער בערלינער פּאָליטישער פּאָליציי דר. דילס זאָגט ווייטער:

„ער (וואן דער ליובע) האָט זיך מוידע געווען אפן פארהער בלויז אף וויפל אים האָבן דעמאסקירט די בייוועזנדיקע איידעס".

מיט עטלעכע שורעס ווייטער אין דער זעלבער מיטיילונג ווערט געזאָגט:

„ער (וואן דער ליובע) האָט זיך פולשטענדיק מוידע געווען".

היטלערס רעגירונג האָט ניט אָנגערופן די בייוועזנדיקע פון דער אונטער־צינדונג.

אפילע די אָפיציעלע „פּרייסישע פרעסע־ביורא" האָט ניט באהויפּטעט, אז פּאָליציי־לייט אָדער עמעצער אנדערש האָבן געזען ווי וואן דער ליובע האָט אונטערגעצונדן דעם רייכסטאג. אלזא, אויב מען זאָל נאָכפאָלגן דילס מיטיילונג, האָט וואן דער ליובע ביכלאל ניט געדארפט מוידע זיין זיך אין דער אונטער־צינדונג. פון דער אנדער זייט, באהויפּטעט דער זעלבער דילס, אז וואן דער ליובע האָט זיך פולשעטנדיק מוידע געווען.

דאָס איז דער דרייצעטער ווידערשפּרוך.

וואן דער ליובע איז קיינמאָל ניט געווען אין פּססר.

מיר ברענגען ווייטער די מיטיילונג פון דער אָוונט־אויסגאבע פון „לאָקאל אנצייגער", וואו עס ווערט אָנגעוויזן, אז וואן דער ליובע האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע. די דאָזיקע מיטיילונג האָט געדינט אלס אויסרייד פאר א ווילדער קאמ־פאניע קעגן פּססר. „לאָקאל אנצייגער" האָט די דאָזיקע מיטיילונג געבראַכט אין א שרייענדיקער פאָרם.

Reichstagsattentäter in Rußland ausgebildet.

Die Mitteilung der holländischen Polizei.

Drahtbericht unseres Korrespondenten.

m. Amsterdam, 28. Februar. Wie die Amsterdamer Polizei mitteilt, ist der festgenommene Reichstagsattentäter vorgerufen, die durch die Brandstiftung im deutschen Reichstagsgebäude. an der ...

די מיטיילונג פון „לאָקאל אנצייגער" פון 28־טן פעברואר 1933 יאָר.

אינדערעמעסן האָט די האָלענדישע פּאָליציי קלאָל ניט געגעבן אַזעלכע ידיעס. וואָן דער ליובע אַליין האָט קיינמאָל ניט באַהויפּטעט, אַז ער איז געווען אין פּסטר. זיין פוס איז קיינמאָל אין פּסטר. ניט געווען.

דאָס איז דער פּערצעטער ווידערשפּרוך.

וואַן דער ליובע איז אַרויס פון ליידען צווישן דעם 13־טן און 15־טן פעברואַר, ווי די „פּאָסישע צייטונג" האָט מיטגעטיילט (דעם 2־טן מערץ 1933 יאָר), האָט ער אין דער נאַכט פון 17־טן אַפן 18־טן פעברואַר געגעכטיקט אינעם נאַכטלעגער־הויז אין גלינדאָוו אם־ווערדער. דעם 18־טן פעברואַר איז ער פונדאַנען אַוועק צופוס קיין בערלין. דער קאָמיסאַר פון דער קרימינאַל־אויספירונג,,, גייזיג, האָט אין אַן אינטערוויו, וואָס ער האָט געגעבן אַ האָלענדישן זשורנאַליסט דעם 13־טן מערץ, באַהויפּטעט, אַז וואַן דער ליובע האָט זיך באַקענט מיט די קאָמוניסטן אַפן רעגיסטריר־פּונקט פאַר ארבעטלאָזע און אַזוי אַרום איז ער אריינגעפאַלן אינעם קאָמוניסטישן „אקציע־קאָמיטעט". וואַן דער ליובע האָט געקאָנט אָנקומען קיין בערלין ניט פריער ווי שאַבעס דעם 18־טן פעברואַר אין אָוונט. אַף מאָרגן, זונטיק, זיינען די רעגיסטריר־פּונקטן געווען פאַרמאַכט. אַלזאָ, אויב מען זאָל גלויבן דעם פּאָליצייאישן אינטערוויו, האָט וואַן דער ליובעס באַקאַנטשאַפט מיט די קאָמוניסטן אַפן רעגיסטריר־פּונקט פאַר ארבעטלאָזע געקאָנט פאַרקומען ניט פריער ווי מאָנטיק דעם 20־טן פעברואַר. איצט שטעלט זיך פאַר אַזאַ לאַגע: אַ האָלענדער, וואָס רעדט אַ געבראָכענעם דייטש און האָט ניט קיין שום צייגעניש פון דער האָלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, באַקענט זיך אין איינעם פון די פּונקטן פאַר ארבעטלאָזע מיט קאָמוניסטן, זיי פירן אים צונויף מיט דער העכסטער פּאַרטיי־אָנפירונג, און אָט די פּאַרטיי־אָנפירונג כאַפּט פון דער העלער הויט און באַאויפטראַגט אים אונטערצוצינדן דעם 27־טן פעברואַר דעם דייטשישן רייכסטאַג!

דאָס איז דער פופצעטער ווידערשפּרוך.

די מיטיילונג פון דער אָפיציעלער „פּרייסישער פּרעסע־ביוראָ" פון 1־טן מערץ 1933 יאָר באַהויפּטעט, אַז:

„דער אַרעסטירטער (וואַן דער ליובע) פלעגט שטענדיק בייזיין אַף די זיצונגען פון קאָמוניסטישן אקציע־קאָמיטעט און פלעגט באַשטיין, אַז מען זאָל אים צוציען צום אָנטייל אין דער אונטערצינדונג".

דערויף האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דעם 3־טן מערץ 1933 יאָר געענטפערט:

„עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט אין רייכסטאַג, ניט אין וועלכן־עס־איז אַנדער אָרט זיינען קיינמאָל ניט פאַרגעקומען קיין זיצונגען פון עפּעס אַ קאָמוניסטישן אקציע־קאָמיטעט, וואו וואַן דער ליובע, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין רייכסטאַג, זאָל זיך האָבן געהאַט באַטייליקט. ערשטנס, עקזיסטירט ניט קיין שום קאָמוניסטישער אקציע־קאָמיטעט, עס איז פאַראַן בלויז אַ צענטראַל קאָמיטעט פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און

זיין פּאָליטישע ביוראָ. צווייטנס, איז אין די זיצונגען פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי אָדער פון די אָדער אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אירע באַטייליקן זיך ניט קיין זייטיקע מענטשן, וואָס זיינען ניט קיין מיטגלידער פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ניט קיין מיטגלידער פון אַ וועלכער עס־איז אַנדער סעקציע פון קאָמינטערן".

אַט דער ענטפער אויף גערינגס אויסטראַכטעניש איז דער זעכצענטער ווי־דערשפּרוך.

„קאַטאַקאָמבעס" אין קאַרל ליבקנעכט־הויז

די מיטיילונג פון דער אָפיציעלער „פּרייסישער פּרעסע־ביוראָ" פון 28־טן פעברואַר 1933 יאָר זאָגט:

„צווישן די הונדערטער צענטנערס בייזוויליקע דאָקומענטן, וואָס די פּאָליציי האָט געפונען בעת דער אונטערזוכונג אינעם קאַרל ליבקנעכט־הויז, האָט מען געפונען אַן אינסטרוקציע וועגן דורכפירן דעם קאָמוניסטישן טעראָר אויף אַ באָלשעוויסטישן אופן. אין העסקעם מיט דעם דאָזיקן פּלאַן האָט מען געדאַרפט אונטערצינדן מיניסטעריומס און רעגירונגס־געביידעס, מוזייען, פּאַלאַצן און די וויכטיקסטע אונטערנעמונגען. בעת אומאָרדע־נונגען און צוזאַמענשטויסן האָבן גרופּעס טעראָריסטן געדאַרפט טרייבן פאָרויס אין די ערשטע רייען פרויען און קינדער, און אויב מעגלעך, די פאַ־מיליעס פון פּאָליציי־לייט. דאָס אַנטדעקן די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָט גע־מאַכט פאַר אומעגלעך פּלאַנמעסיק דורכצופירן די באָלשעוויסטישע רע־וואָלוציע".

דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט דעם 3־טן מערץ 1933 יאָר דערקלערט:

„די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט שוין דעם 30־טן יאַנואַר 1933 יאָר באַזייטיקט פונעם קאַרל ליבקנעכט־הויז דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס באַרירט איר איצטיקע פּאָליטישע טעטיקייט, און האָט אָפּגעשטעלט איר גאַנצע קאַנצעלאַרישע אַרבעט אינעם קאַרל ליבקנעכט־הויז, בלויז אין די געביידעס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט און פונעם בערלינער בראַנדענ־בורגער געגנט־קאָמיטעט זיינען געבליבן איינע־צוויי פּערזאָנען פאַר אויפ־נאַמען און אָנפראַגעס אאַוו."

דער רייכסטאַג־דעפּוטאַט ווילהעלם קענען, איינער פון די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט אין די פעברואַר־טעג קעסיידער געאַרבעט אינעם קאַרל ליבקנעכט־הויז, האָט אונדז געגעבן פאָלגנדיקע אינפאָרמאַציע וועגן די אונטערזוכונגען אינעם דאָזיקן הויז:

„דעם 17־טן פעברואַר פאַר מיטיק, האָט אַ קאָלאָסאַלע מאַכנע באַאַמטע פון קרימינאַל־אויסשפּירונג, באַגלייט פון עטלעכע פּאָליציי־אָטריאַדן,

ארייננעריסן זיך אין קארל ליבקנעכט־הויז און פארנומען דאָרט אלע געביידעס. ווידעראמאָל, שיר ניט צום הונדערסטן מאָל, זיינען אלע געביידעס, אלע ווינקעלעך און שפארונקעלעך, אלע אלמערס און קאסטנס אונטערגעזוכט געווארן אפן סאמע זאָרגזאמסטן אויפן. די פּאָליציי האָט מיטגענומען מיט זיך אייגענע שלאָסערס, סטאָלערס אאוו.; זיי האָבן לויט אלע קלאָלים פון דער קונסט צענומען אף טיילן אייניקע שרייבטישן, צו וועלכע עס זיינען קיין שליסלען ניט געווען. זיי האָבן זאָרגזאם ארומגעכאפּט אויך די קעלער־געביידעס. דאָ זיינען ווי געווינלעך געווען אָנגעווארפן מאטעריאלן, וואָס זיינען פארבליבן פון א ריי קאמפּאניעס פאר פיל יאָרן און אויך אומגעקערטע עקזעמפּלארן פון ביכער און בראָשורן. אכוץ דעם האָבן זיך אין די קעלערס געפונען פּאפּיר־לאגערס פון דער ביכער־קראָם. דעמאָלט האָבן די פּאָליציי־קאָמיסארן נאָך געהאלטן פאר זייער כויוו צו ווייזן מיר, אף מיין פאדערונג, די דאָקומענטן, וואָס זיינען קאָנפיסקירט געווארן, אלס פארדעכטיקע, און פאָרמעל פעסטשטעלן דעם פאקט, אז זיי ווערן קאָנפיסקירט. די פּאָליציי פלעגט נאָך אפילע ארויסגעבן וועגן דעם א קוויטאנציע. בעאיים אָט דער אונטערזוכונג, זייער א זאָרגזאמער און א לאנגדויערנדיקער, האָט מען ניט געפונען ניט דאָס בוך „די קונסט פונעם באוואָפנטן אויפשטאנד", ניט וועלכע־עס־איז אנדערע „געפערלעכע" ליטעראטור. וועגן דעם איז אויך ניט געווען קיין רייד אין די פּאָליצייאישע מיטיילונגען דירעקט נאָך דער אונטערזוכונג. ערשט אין זיבן טעג ארום, כאָטש איך בין קימאט אלע טאָג צוזאמען מיט די פּאָליציי־קאָמיסארן געווען אין קארל ליבקנעכט־הויז, קעדיי צו באקומען די פּאָרוואל־ליטעראטור, — ערשט אין 7 טעג ארום האָט דער פּאָליציי־פּרעזידיום פלוצעם מיטגעטיילט, אז בא דער נייער אונטערזוכונג אין די „קאטאקאָמבעס" האָט מען געפונען „געפערלעכע" ליטעראטור, דערין אויך דאָס בוך „די קונסט פון באוואָפנטן אויפשטאנד". אָט די קלוימערשט נייע אונטערזוכונג, אויב זי איז ביכלאל פארגעקומען, איז פארגעקומען אָן קיינע ציוויל־איידעס און אָן א פאָרשטייער פונעם פארינטערעסירטן צאַד. דאָס איז נאָכמער סימפּטאָמאטיש, וואָס גראָד אין יענע טעג האָב איך זיך קימאט אלע טאָג געפונען אינעם קארל ליבקנעכט־הויז, וואו איך האָב געפירט אונטערהאנדלונגען מיט די פּאָליציי־קאָמיסארן וועגן ארויסגעבן און ארויספירן די אגיטאציאָנעלע פּאָרוואל־ליטעראטור, פּאפּיר, ביבליאָטעקן אדג. אלזאָ, כאָטש מען האָט מיר אלע טאָג געקאָנט האָבן אפן אָרט, בין איך ניט איינגעלאדן געווארן בייצוזיין בעאיים דער אונטערזוכונג און מען האָט מיר ניט צו וויסן געגעבן אויך שפּעטער וועגן די מאטעריאלן, וואָס מען האָט קלוימערשט געהאט געפונען. און געבן מיר צו וויסן וועגן דעם איז געווען זייער לייכט, ווייל אפילע נאָכן 24־טן פעברואר בין איך שאבעס דעם 25־טן און מאָנטיק דעם 27־טן פעברואר ווידעראמאָל געווען אין קארל ליבקנעכט־הויז

און האָב אין מעשעך פון לאַנגע שאָען געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די פּאָליציי־באַאמטע און קאָמיסאַרן.

„דעם 25־טן פעברואַר, נאָך דעם, ווי אין דער בורזשואַזער פּרעסע האָבן זיך שוין באַוויזן שרייענדיקע סענסאַציאָנעלע מיטיילונגען וועגן אונטערערדישע גענג, געוועלבן און קאַטאַקאָמבעס, האָב איך, פאַרענדיקנדיק די אָרדנטלעכע אונטערהאַנדלונגען וועגן אַרויסגעבן די מאַטעריאַלן פאַר דער פּאָרוואַל־קאָמפּאַניע, זיך געווענדעט צום עלטסטן קאָמיסאַר מיט אַ פראַגע: וואו, איינגעטלעך, געפינען זיך די „קאַטאַקאָמבעס״? דערביי זיינען בייגעווען עטלעכע כאַווירים, וואָס האָבן איינגעפּאַקט די דערמאָנטע מאַטעריאַלן פאַר דער פּאָרוואַל־קאָמפּאַניע. אַלס ענטפער אויף מיין פראַגע האָט דער קאָמיסאַר, צו אונדזער פאַרוואונדערונג, באַוויזן אונדז אַן אָפּגעריסן ברעט אויפן דיל צו דער קעלער־געביידע, אומגעפער פון עפּעס מער ווי אַ מעטער די ברייט; דאָס ברעטל איז געווען אונטערגעהויבן אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט זען דאָס לייטערל, וואָס פירט אין קעלער. איינער פון די כאַווירים אַרבעטער, וואָס האָט פיל יאָרן געדינט אין דעם דאָזיקן הויז אַלס איינפּאַקער און טרעגער און האָט אים געוואוסט, ווי זיינע פינף פינגער, האָט מיטאַמאָל אויסגעשריען: „אָט האָסטו דיר! דאָס איז דאָך אונדזער אַלטער ביר־קעלער!״ מיר האָבן זיך אַלע פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ האָמערישן געלעכטער און דערנאָך האָבן מיר נאָכאַמאָל אין איין קאָל פאַרגעבן אַ קאַטעגאָרישע פראַגע: „הייסט עס, אָט דאָס זיינען אייערע קאַטאַקאָמבעס?״. דער קאָמיסאַר האָט אויף דעם געענטפערט בלויז מיט אַ פאַרשעמטן שאָקל מיטן קאָפּ.

„פריער איז אויף דעם אָרט אין הויז ווירקלעך געווען אַ ביר־קעלער. פונקט אַזוי פּאַשעט דערקלערן זיך אויך די אונטערערדישע גענג, דורך וועלכע מע האָט קלוימערשט געקאָנט אַנטלויפן און אַרויסגיין אויף די שכייניסדיקע גאַסן. דאָס קאַרל ליבקנעכט־הויז איז אַ ראָג־הויז, דאָרט האָבן זיך פריער געפונען קאָנטאָרן פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען; די קעלערס האָבן געדינט אַלס באַהילפיקע ווארשטאַטן און לאַגערס. אָט־אָ די קעלערס האָט געריננס פּאָליציי אָנגערופן אונטערערדישע געוועלבן, דורכגאַנגען און קאַטאַקאָמבעס״.

אָט די ביידע דערקלערונגען, די דערקלערונגען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי און ווילהעלם קענעגס דערקלערונג, דעקן אויף דעם זיבעצעטן ווידערשפּרוך אין די אָפיציעלע מיטיילונגען.

„דער סיגנאַל צום בירגער־קריג״

דעם 28־טן פעברואַר 1933 יאָר האָט די „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ״ מיטגעטיילט:

„די רייכסטאַג־סרייפע האָט געדאַרפט דינען אַלס סיגנאַל צו אַ בלוט־

טיקן אויפשטאַנד און צו א בירגער־קריג. שוין דינסטיק 4 אזייגער אינדער־פרי האָבן זיך געדאַרפט אָנהייבן גרויסע רויבערייען אין בערלין. עס איז פעסטגעשטעלט, אז פון היינטיקן טאָג אָן האָבן זיך אין גאַנץ דייטשלאַנד געדאַרפט אָנהייבן טעראָריסטישע אקטן קעגן איינצלנע פּערזאָנען, קעגן פּריוואטן אייגנטום, קעגן לעבן און פאַרמעגן פון דער פרידלעכער באַפעל־קערונג. גלייך נאָך דעם האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן א בירגערקריג".

דעם 4־טן מארץ 1933 יאָר האָט די „פּאָסישע צייטונג" געשריבן:

„אראַנק דער טעטיקייט פון דער פּאָליציי האָט דער דאָזיקער מאַ־טעריאַל ביז איצט ניט געקאָנט פאַנאַנדערגעגעבן ווערן אלע קאָמוניסטן. דער מאַטעריאַל האָט זיך געפינען אין א פאַרשיפּרירטן אויסזען בלויז אין די הענט פון אייניקע פּאַרטיי־טוער".

די לעצטע אונטערזוכונג אין קאַרל ליבקנעכט־הויז איז פאָרגעקומען דעם 24־טן פעברואַר. בעאיים דער דאָזיקער אונטערזוכונג האָט מען קלוימערשט געפונען טעראָריסטישע מאַטעריאַלן. די פּאָליטישע פּאָליציי באַהויפּטעט, אז די אינ־סטרוקציעס וועגן טעראָר זיינען ניט אריינגעפאַלן אין די הענט פון אלע קאָמו־ניסטן, נאָר זיי זיינען געווען באוואוסט בלויז אייניקע פּאַרטיי־טוער. אלזאָ, אין דער צווישנצייט פון 3 טעג, פון 24־טן ביז 27־טן פעברואַר איינגעשלאָסן, וואָלט די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי געדאַרפט:

ערשטנס, אריבערוואַרפן דעם מאַטעריאַל פון קאַרל ליבקנעכט־הויז אין אלע ראַיאָנען פון דייטשלאַנד.

צווייטנס, פאַרמירן פאַר דעם דאָזיקן טערמין גרופּעס אף דורכצופירן דעם טעראָר.

דריטנס, אינסטרוקטירן די דאָזיקע גרופּעס און אויסלערנען זיי די טעכניק פון טעראָריסטישע אטענטאַטן.

פערטנס, צוגרייטן און אָרגאַניזירן די איבעריקע פּאַרטיי־מיטגלידער צום בירגערקריג, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען נאָך די דאָזיקע טעראָר־אקטן. די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אין פעברואַר געציילט העכער 300 טויזנט מיטגלידער, וואָס זיינען געווען צעזייט איבערן גאַנצן לאַנד. קעדיי אין פאַרלויף פון דריי טעג דורכפירן די דאָזיקע אלע פּלענער, וואָס די אָפיציעלע מיטיילונגען אינקרימינירן איר, האָט די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי געדאַרפט אָפּטאָן עמעסע וואונדער.

אזויארום, קעגנשטעלנדיק די ביידע אָפיציעלע מיטיילונגען, קאָן מען אויפ־דעקן דעם אכצענטן ווידערשפּרוך.

געריגג פאַרעפנטלעכט ניט די „דעמאַסקירנדיקע" מאַטעריאַלן

דעם 1־טן מארץ 1933 יאָר אין אָוונט איז די אָפיציעלע „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ" ארויסגעטראָטן מיט אזא מיטיילונג:

„דאָס פּרייסישע אינערן־מיניסטעריום דערקלערט, אז דער אויסעראָר־

דנטלעכער דעקרעט פון דער אימפּעריישער רעגירונג פון 28־טן פעברואר קעגן דער קאָמוניסטישער געפאַר באַשטימט פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכנס באַזונדערע הארבע שטראָפן. דאָס איז נייטיק צוליב דער פולשטענדיק דערוויזענער אקטועלער געפאַר פון א סיסטעמאַטישן קאָמוניסטישן אומענטשלעכן טעראָר. די דאָזיקע טעראָר־סיסטעם האָט געדאַרפט אריין וואַרפן דייטשלאַנד אינעם כאָאָס פון באָלשעוויזם. אטענטאַטן אויף איינצלנע פאָלק־און מעלוכע־פירער, טעראָריסטישע אקטן קעגן באַזונדערס וויכטיקע אונטערנעמונגען און געזעלשאַפטלעכע טוער, פאַנגען אלס אָרוועס פרויען און קינדער פון באַרימטע פערזענלעכקייטן,—דאָס אלץ האָט געדאַרפט אריינוואַרפן דאָס דייטשישע פאָלק אין א צושטאַנד פון שוידער און שרעק און פאַראַליזירן בא די בירגער יעטווידער ווילן צו א ווידערשטאַנד.

„דער אימפּעריישער קאָמיסאַר אינעם פּרייסישן אינערן־מיניסטעריום, דער מיניסטער גערינג, וועט אין דער קירצסטער צייט פאַר־עפנטלעכן די דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן די נייטיקייט פון אלע אנגע־נומענע מאָסמיטלען. היינט צו טאָג ווערט בלויז דורכגעקוקט דער אויסער־געוויינלעך ברייטער מאַטעריאַל פונעם שטאַנדפּונקט, אז דאָס פאַרעפנט־לעכן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל זאָל נישט שאַפן נאָך א גרעסערע געפאַר פאַר דער מעלוכע־זיכערקייט".

די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט פאַרעפנטלעכט. דאָס איז דער ניינצעטער ווידערשפּרוך.

גערינג לייקנט זיך אליין אָפּ

דעם 2־טן מערץ 1933 יאָר האָבן „די דייטשע אלגעמיינע צייטונג" און די „טעגלעכע רונדשאַו" אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקע מיטיילונג פון דער אָפיציעלער „פרייסישער פּרעסע־ביוראָ":

„אין א געוויסן טייל פון דער אויסלענדישער פרעסע פאַרשפּרייטן די דייטשישע מאַרקסיסטן רעכילעס, אז דעם רייכסטאַג האָבן אונטערגעצונדן ניט די קאָמוניסטן, נאָר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. די איניציאַטאָרן פון דער דאָזיקער רעכילעס זיינען שוין ארעסטירט. און, ווי נאָר עס וועט זיך פאַרענדיקן די אויספאָרשונג, וועלן זיי באַקומען די פאַרדינטע שטראָף. צווישן אנדערן, באַהויפּטעט מען, אז דער ארעסטירטער האָלענדישער קאָמו־ניסט איז אינדערעמעסן א פּראָוואָקאַטאָר און אז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליס־טישע פירער האָבן אים אונטערגערעדט צו דער אונטערצינדונג. דאָס איז קלוימערשט צו זען פון דעם, וואָס, האגאם דער אונטערצינדער האָט בא־נוצט אלס ברענמאַטעריאַל זיין ראָק און העמד, האָט ער אין דער זעלבער צייט ניט געוואָרפן וועגן באַפרייען זיך פון זיינע קאָמוניסטישע דאָקומענטן און פּאַספּאָרט, וואָס מען האָט בא אים געפונען. עס איז אויך קלוימערשט כאַראַקטעריסטיש דער אומשטאַנד, וואָס די פּאָליציי האָט ניט פאַרעפנט־

לעכט די פאָטאָגראַפיע פונעם אונטערצינדער און די פאָטאָגראַפישע ביל־דער פון די דאָקומענטן, וואָס מען האָט בא אים געפונען און האָט אויך ניט באשטימט קיין פרעמיעס פאַר די פערזאָנען, וואָס קאָנען געבן ווייטער־דיקע אנווייזונגען וועגן דעם פאַרברעכער און דערווייזן זיין פאַרבינדונג מיט די קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טוער. ווי מען באהויפּ־טעט, איז אָט די אָרדענונג, וואָס איז אינגאַנצן ניט אָנגענומען פאַר גרויסע פאַרברעכנס, קלוימערשט א באַווייז, אַז די מאַכט האָט געשטערט אויפצו־דעקן די אומשטענדן פונעם פאַרברעכן. אַזאַ אויפירונג פון דער מאַכט דער־קלערט מען מיט דעם, וואָס זי וויל קלוימערשט אויסנוצן די פּראָוואָקאַציע אַלס אויסרייד פאַר א קאַמפּאַניע קעגן די מאַרקסיסטן.

„די אָפיציעלע קרייזן דערקלערן וועגן דעם, אַז אַזעלכע רעכילעסדיקע קאָמבינאַציעס האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך קיין שום גרונט ניט. די פאָ־טאָגראַפיע פונעם אונטערצינדער און די פאָטאָגראַפישע בילדער פון די דאָ־קומענטן, וואָס מען האָט בא אים אָפּגענומען, זיינען ביז איצט ניט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן בלויז אין די אינטערעסן פון דער אויספאָרשונג. זיי וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין מעשעך פונעם היינטיקן טאָג. די בערלינער קאָרעספּאָנדענטן פון די אויסלענדישע צייטונגען קאָנען היינט באקומען די דאָזיקע פאָטאָגראַפישע בילדער אין פּאָליציי־פּרעזידיום. דאָס זעלבע וועט נאָך היינט דעם פאַרברעכערס פאָטאָגראַפיע איבערגעשיקט ווערן דער האָלענדישער פּאָליציי, קעדיי ענדגילטיק צו באשטעטיקן וואָן דער ליובעס פּערזענלעכקייט. דאָס שליסט אויס די מעגלעכקייט פון אַלערליי ווייטער־דיקע רעכילעס. מיר האַלטן פאַר נייטיק צו וואָרענען פון פאַרשפּרייטן אַזעלכע רעכילעס".

נאָך איידער אַנדערע דייטשישע צייטונגען האָבן באוויזן אָפּצודרוקן די דאָ־זיקע מיטיילונג, איז שוין פאַרבאָטן געוואָרן איבערצודרוקן איר.

דורך דער „וואָלף־ביוראָ" האָט גערינג פאַרשפּרייט א ווערסיע, אַז די „דיי־טשע אַלגעמיינע צייטונג" און די „טעגלעכע רונדשאַו" זיינען געוועזן קאָרבאָנעס פון א קאָמוניסטישער מיסטיפיקאַציע.

אויב מען זאָל גלייבן גערינגן, איז געווען, אַז יעדער איינער זאָל טעלעפאָ־נירן אין א צייטונג־רעדאַקציע און זאָל זאָגן: „עס רעדט די „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ", און אין דער פּרעסע וועט שוין אָפּגעדרוקט ווערן אוואָסערע איר ווילט מיטיילונג. אינדערעמעסן אָבער האָט די טעלעפאָן־פאַרבינדונג צווישן די אינפאָר־מאַציע־ביוראָען און די צייטונגען איר שטרענגע אָרדענונג: די רעדאַקציאָנעלע סטענאָגראַפיסטקע, איידער זי נעמט אויף א מיטיילונג, פאַרגיט זי א קאָנטראָל־פראַגע. מיט זיין האַקכאָשע וועט גערינג קיינעם ניט אָפּנאַרן. ער האָט לעכאַט־כילע געפּרואווט דורך דער „פּרייסישער פּרעסע־ביוראָ" אריינפירן דער וועלט אין א טאָעס מיט זיין בלאָף, און ערשט דערנאָך, ווען ער האָט פאַרשטאַנען די גאַנצע

געפאַר דערפֿון, — עמעס, צו שפּעט, — האָט ער גענומען אױף צוריק זײַן מיטײַלונג.

דאָס איז דער צװאַנציקסטער װידערשפּרוך.

מען זוכט די מיטהעלפֿער פֿון דער אונטערצינדונג

דעם 4־טן מערץ 1933 יאָר האָט די קאָנטי־אַגענטור, װאָס געהערט דער אָפיציעלער „טעלעגראַפֿן װאָלף־ביוראָ", מיטגעטײלט:

„דעם 27־טן פֿעברואַר האָט אױף דער קאָמוניסטישער פּאַרװאַל־פֿאַרזאַמלונג אין גערען (טירינגען) דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט שומאַן געמאָלדן װעגן דער פֿאַרשטײענדיקער רײַכסטאַג־סרײַפֿע. װי מען גיט איבער, האָט ער געזאָגט בוכשטעבלעך פֿאָלגנדיקעס: „הײַנט אין אָװנט װעט ברענען דער רײַכסטאַג, אָבער עס איז ניט קײן אומגליק. װען דער דאָזיקער טאַנץ־זאַל װעט אָפּברענען, װעט די לאַגע אין לאַנד װערן אומשטאַנדהאַפֿטיק".

דעם 5־טן מערץ האָט די „פּאָסישע צײַטונג" געשריבן:

„פֿון טירינגען האָט מען איבערגעגעבן פֿאָלגנדיקע ידיעה, װאָס די ראַדיאָ האָט פֿאַרשפּרײט. אין דער קרײַז־פֿאַרװאַלטונג אין אַרנשטאַדט (טירינגען) האָט מען באַקומען א ידיעה װעגן א קאָמוניסטישער פֿאַרװאַל־פֿאַרזאַמלונג אין דער שטאָט גערען דעם זעלביקן אָװנט, װען עס איז אין רײַכסטאַג אױסגעבראָכן די סרײַפֿע. אין דער ידיעה װערט געזאָגט, אז דער אָרטיקער פּאָליצײ־באַאַמטער, װאָס איז בײַגעװען אױף דער פֿאַרזאַמלונג אין אָרדענונג פֿון אױפֿזיכט, האָט פֿאַרפּיקסירט, אז דער פּאַרטרעגער, דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט שומאַן, האָט פֿאָראױסגעזאָגט די רײַכסטאַג־סרײַפֿע. פֿונדעסטװעגן, װי עס טײלט מיט די „טירינגער אַלגעמײנע צײַטונג", האָט די אױספֿאָרשונג, װאָס איז דורכגעפֿירט געװאָרן, פֿעסטגעשטעלט, אז אין דער געבײַדע, װאו עס איז פֿאָרגעקומען די פֿאַרזאַמלונג, איז פֿאַראַן א ראַדיאָ־אײַנשטעלונג און אז דער באַלעבאָס פֿונעם אײַנפֿאַרהױז האָט מיטגעטײלט דעם רעדנער בײַם זײַן רעדע די ידיעה װעגן דער רײַכסטאַג־סרײַפֿע, װאָס די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן.

„עס איז פֿעסטגעשטעלט, אז דער דערמאַנטער באַאַמטער האָט א טאָעס געהאַט אין זײַן מיטײַלונג אױף אײן שאָ, און אז דער דעפּוטאַט שומאַן האָט אַרױסגעזאָגט זײַן פֿראַזע ערשט אַרום א פֿערטל עלף אין אָװנט. דעריבער קאָן מען זיכער האַלטן, אז ער האָט שױן געװאוסט װעגן דער ידיעה, װאָס די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן".

אָט דאָס איז דער אײן־און־צװאַנציקסטער װידערשפּרוך.

דעם 7־טן מערץ האָט די „פּאָסישע צײַטונג" מיטגעטײלט פֿון פּאָליצײקװעלן:

„דידען, דעם 6־טן מערץ. — אינעם דײַטשישן גרענעץ־שטעטל לאַ־

מערדארף, ניט ווייט פון דער בעלגישער גרענעץ האָט מען אַרעסטירט אַ רוסישן עמיגראנט צוליב א פארדאכט, אז ער האָט אָנטיילגענומען אין דער רייכסטאג־סרייפע. ניט לאנג פאר דעם האָט ער איבערגעשיקט דורך דער בעלגישער פּאָסט־אָפּטיילונג אַ דעפּעש קיין פּאריז. דעם אינהאַלט פון דער דעפּעש האָט זיך נאָך ביז איצט ניט איינגעגעבן פעסטצושטעלן. די בעלגישע גרענעץ־וואך האָט אים צוגעשטעלט אויף דער דייטשישער טע־ריטאָריע און דאָרט האָט מען אים ארעסטירט. אפן פאַרהער האָט ער אָנ־געוויזן, אז ער איז געבאָרן אין רוסלאנד און האָט א לאנגע צייט געוואוינט אין בערלין; אויף די הענט און אויף די פיס זיינען בא אים געווען ערנסטע ברען־וואונדן. דער געהיימנישפולער אויסלענדער איז היינט באטאָג איבער־געגעבן געוואָרן אין רעשום פון דער פּראָקוראטור. די גאנצע צייט האָט ער אָקשאָנעסדיק אָפּגעזאָגט זיך צו געבן באווייזן וועגן זיינע באשעפטיקונגען אין בערלין. ביז איצט האָט ער נאָך אויך ניט אָנגערופן זיין נאָמען".

דעם 8־טן מערץ 1933 יאָר האָט די „די פּאָסישע צייטונג" אָפּגעדרוקט פאָל־גנדיקע מעלדונג פונעם פּאָליציי־שעף אין אאכען:

„דער פּאָליציי־שעף אין אאכען טיילט מיט, אז די אויספאָרשונגען, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן, האָבן קלאָר געמאכט, אז דער רוסישער אונטערטאַן, וואָס מען האָט ארעסטירט לעבן פרינגהאוז, האָט קיין שום שייכעס ניט צו דער רייכסטאג־סרייפע. אָט דער רוס האָט זיך בלויז פאַר־נומען מיט ליטעראַרישער טעטיקייט אין דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּארטיי. דערפאר האָט מען אים אויף א יאָר צייט ארויסגעשיקט. קיינע שום אנדערע פאקטן און כשאָדים זיינען קעגן אים ניטאָ. מען האָט אים שוין אפסניי ארויסגעשיקט".

אָט דאָס איז דער צוויי־און־צוואנציקסטער ווידערשפּרוך.

צי האָט וואן דער ליובע אליין אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג אָן מיטהעלפער?

היטלערס רעגירונג האָט אנהויב מערץ געשיקט דעם קאָמיסאר פון קרימי־נאַל־אויספאָרשונג, גייזיג, קיין ליידען מיט אַן אויפטראג דורכצופירן דאָרט אַן אויספאָרשונג בענעגייע וואן דער ליובעס פערזענלעכקייט. גייזיג האָט געגעבן אַן אינטערוויו די פאָרשטייער פון דער האָלענדישער פּרעסע. דער דאָזיקער אינ־טערוויו האָט זיך דעם 14־טן מערץ באוויזן אין פיל צייטונגען. אין אים ווערט בוכשטעבלעך געזאָגט פאָלגנדיקעס:

„וואָס אנבאלאנגט דער וויכטיקער פראגע, צי האָט ליובע געהאַט גע־הילפן אָדער מיטהעלפער, זעט מיר אוים צו זיין ווארשיינלעך, אז די אונ־טערצינדונג האָט ער דורכגעפירט אליין, און די צוגרייטונגען צו דער אונ־טערצינדונג האָבן געמאכט זיינע געהילפן!".

אָט די מעלדונג פון קאָמיסאר פון דער קרימינאַל־אויספאָרשונג גייזיג ווי־

דערשפּרעכט שאַרף די אָפיציעלע דייטשישע באַהויפּטונגען פון 1־טן מערץ, אַז אַף אונטערצינדן איינצייטיק די ברען־מאַטעריאַלן אין די פאַרשיידענע ערטער פון דער קאָלאָסאַלער רייכסטאַג־געביידע האָט זיך געפּאָדערט ניט ווייניקער ווי 10 מענטשן. דעריבער האָט דער געריכט־פאַרשער פונעם אימפּעריש געריכט פאַקט געאײלט דעם זעלבן טאָג — דעם 14־טן מערץ — אין אָוונט אָפּצולייקע־נען דורך דער פּרעסע־ביוראָ פון יוסטיץ־מיניסטעריום די דאָזיקע מעלדונג גייזינגס.

די האַקכאַשע זאָגט:

„אין פאַרשיידענע צייטונגען איז פאַרשפּרייט געוואָרן א מיטיילונג, אַז וואַן דער ליובע האָט איינער אַליין אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג. דאָס אַנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקייט. די אויספאָרשונג, וואָס דער געריכט־אויספאָרשער פון אימפּעריש געריכט האָט דורכגעפירט, גיט אַן ערנסטן גרונט צו האַלטן, אַז וואַן דער ליובע האָט דורכגעמאַכט די צוגריי־טונג ניט לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו. אין די אינטערעסן פון דער אויספאָרשונג קאָנען איצט קיין איינצלהייטן ניט פאַרעפנטלעכט ווערן".

דאָס איז דער דריי־און־צוואַנציקסטער ווידערשפּרוך.

וואַן דער ליובעס „פאַרבינדונגען" מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

דעם 28־טן פעברואַר האָט די „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ" מיטגעטיילט, אַז בייסן מוידע זיין זיך האָט וואַן דער ליובע אויך אָנגעוויזן אַף זיינע פאַרבינ־דונגען מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דעם זעלבן 28־טן פעברואַר איז דער פּרעזידיום פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַרויסגעטראָטן מיט א דערקלערונג, וואו עס ווערט געזאָגט:

„אין דער נאַכט פונעם 27־טן אַפן 28־טן פעברואַר איז די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע אין פּרייסן פאַרבאָטן געוואָרן אַף 14 טעג. דער פאַרבאָט ווערט מאָטיווירט מיט דער באַהויפּטונג, אַז א געוויסע אַרעסטירטע פּערזאָן האָט זיך מוידע געווען אינעם אונטערצינדן דעם רייכסטאַג און וועגן דעם, אַז זי האָט פאַר דעם געהאַט געוויסע פאַרבינ־דונגען מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

„די פּאַרטיי וואַרפט אָפּ די ווערסיע, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט קלוימערשט געקאָנט האָבן עפּעס וואָס געמיינזאַמעס מיט די מענטשן, וואָס האָבן אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג".

די דערקלערונג פונעם פּרעזידיום פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך פאַקטס מיטיילונג — דער געריכטס־אויספאָרשער באַם אימפּעריש געריכט. די דאָזיקע מיטיילונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 22־טן מערץ 1933 יאָר.

„די אויספאָרשונג, וואָס איז ביז איצט דורכגעפירט געוואָרן, האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער האָלענדישער קאָמוניסט וואַן דער ליובע, וואָס מע

האָט אים אַרעסטירט אַלס אונטערצינדער פון רייכסטאַג, האָט אינעם פּעריאָד דירעקט פאַר דער אונטערצינדונג געהאַט פאַרבינדונגען ניט נאָר מיט די דייטשע קאָמוניסטן, נאָר אויך מיט אויסלענדישע קאָמוניסטן, דערין אויך מיט פּערזאָנען, וואָס זיינען פאַרמישפּעט צו טויטשטראָף און צו לאַנג־יאָריקער קאַטאָרגע פאַר אויפרייסן די קאַטעדראַל אין סאָפיע אין 1925 יאָר. די דאָזיקע פּערזאָנען זיינען אַרעסטירט. די אויספאָרשונג גיט ניט קיין קלענסטן גרונט צו מיינען, אַז ניט־קאָמוניסטישע קרייזן האָבן א וועלכע־עס־איז שייכעס צו דער רייכסטאַג־סרייפע".

דעם 27־טן פעברואַר האָט וואַן דער ליובע קלוימערשט מוידע געווען זיך וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און דעם 22־טן מערץ איז ניטאָ קיין קלענסטער גרונט פאַר אַזאַ באַהויפּטונג.

אָט דאָס איז דער פיר־און־צוואַנציקסטער ווידערשפּרוך.

וואַן דער ליובע און די בולגאַרן

די אויבן געבראַכטע מיטיילונג פאַקטס — דעם אויספאָרשער באַם אימפּע־רישן געריכט, אַנטהאַלט א באַהויפּטונג, אַז וואַן דער ליובע האָט געהאַט פאַר־בינדונגען מיט די שולדיקע אינעם אויפרייס פון דער קאַטעדראַל אין סאָפיע.

אַלזאָ, וואַן דער ליובע האָט ניט נאָר אַפּגעטאָן וואונדער, אָנקניפּנדיק אין מעשעך פון 7 טעג מיט דער הילף פון די קאָמוניסטן, מיט וועלכע ער האָט זיך צופעליק באַקענט אין רעגיסטריר־פונקט פאַר אַרבעטלאָזע, א פאַרבינדונג מיט די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר אים איז אויך געלונגען אָפּצוזוכן פאַר דער דאָזיקער צייט בולגאַרן, וואָס מען שרייבט זיי צו דעם אויפרייס פון דער קאַטעדראַל אין סאָפיע.

דאָס איז דער פינף־און־צוואַנציקסטער ווידערשפּרוך.

עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן און עס ווערן באַשולדיקט אין אַנטיילנעמען אין דער רייכסטאַג־סרייפע די בולגאַרן דימיטראָוו, פּאָפּאָוו און טאַניעוו.

געאָרגי דימיטראָוו איז געווען איינער פון די פירער פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין 1923 יאָר האָט ער אָנטיילגענומען אינעם אויפ־שטאַנד פונעם בולגאַרישן אַרבעטער־קלאַס. פון דעם יאָר אָן איז ער מער אין בול־גאַריע ניט געווען. ער האָט אַבסאָלוט קיין שום שייכעס ניט צום אויפרייס פון דער קאַטעדראַל אין סאָפיע.

בלאַגוי פּאָפּאָוו האָט אין אָקטאָבער 1924 יאָר עמיגרירט קיין יוגאָ־סלאַוויע און האָט זיך אומגעקערט קיין בולגאַריע ערשט צום סאָף 1930 יאָר. ער האָט אויך קיין שייכעס ניט צום סאָפיער אויפרייס פון 1925 יאָר.

דער דריטער אַרעסטירטער בולגאַר — טאַניעוו — געהערט צו א בולגאַרישער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי. זיין נאָמען איז אויך קיינמאָל ניט דערמאָנט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויפרייס אין סאָפיע.

פאַקטן, דעם אויספאָרשער באַם אימפּערישן געריכט, זיינען די דאָזיקע אַלע

פאקטן אזוי גוט באוואוסט, ווי אונז, דאָך פאַרעכנט ער בעקיוון דימיטראָוון, פּאָפּאָוון און טאַניעוון צו די שולדיקע אינעם אויפרייס אין סאַפּיע, קעדיי אַזוי־ארום פאַרצושטעלן די רייכסטאַג־סרייפע אלס א זאַך פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער פאַרשווערונג.

דאָס איז דער זעקס־און־צוואַנציקסטער ווידערשפּרוך.

דער געריכט־אויספאָרשער האָט באַהויפּטעט, אַז דעם 26־טן פעברואַר האָט מען אין איינער א געביידע אויף דיסעלדאָרפערשטראַסע געזען דימיטראָוון אין דער געזעלשאַפט פון וואַן דער ליובע. דער דאָזיקער אויספאָרשער האָט אויך געזען אַן איידעס, וואָס האָט אונטער א שוואוּע באַוויזן, אַז זי האָט אין דעם דאָזיקן טאָג געזען וואַן דער ליובען צוזאַמען מיט דימיטראָוון. אינגיכן איז אָט דער איידעס ערגעץ פאַרשוואונדן, ווייל דימיטראָוו איז געווען אימשטאַנד צו דערווייזן, אַז דעם 26־טן פעברואַר האָט ער זיך גאָר געפונען ניט אין בערלין, נאָר אין מינכען.

דאָס איז דער זיבן־און־צוואַנציקסטער ווידערשפּרוך.

עס איז ניטאָ קיין מאַטעריאַל פאַר א גרויסן קאָמוניסטישן פּראָצעס

דעם דעם 27־טן מערץ האָט פאַכט, דער אויספאָרשער פון אימפּעריישן געריכט, געמאָלדן, אַז א געריכט־באַשטימונג וועגן ארעסטירן איז געווען נאָר בענעגייע וואַן דער ליובען; אָבער דעם 3־טן אַפּריל טיילט ער שוין מיט, אַז צום איניען וועגן דער רייכסטאַג־סרייפע זיינען פאַראַן 5 אַזעלכע באַשטימונגען. דעהיינע: בענעגייע וואַן דער ליובען, די 3 בולגאַרישע קאָמוניסטן און דעם קאָמוניסטישן דעפּוטאַט פון רייכסטאַג טאָרגלער. טאָרגלערן האָט מען ארעסטירט דעם 28־טן פעברואַר, די בולגאַרן — דעם 3־טן מערץ. ביזן 27־טן מערץ, ד. ה. אין מעשעך פון דער צייט, ווען עס האָט זיך געפירט די סאַמע וויכטיקסטע אויספאָרשונג; זיינען, הייסט עס, ניט געווען קיין שום געריכט־פאַראָרדענונגען וועגן ארעסטירן טאָרגלערן און די בולגאַרן. אָט די פאַראָרדענונגען זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן ערשט דאַן, ווען די וועלט־פּרעסע האָט אָנגעהויבן אויסדריקן פאַרוואונדערונג, פאַרוואָס עס איז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איניען פאַראַן בלויז איין ארעסטירטער — וואַן דער ליובע.

דאָס איז דער אכט־און־צוואַנציקסטער ווידערשפּרוך

אין דער מיטיילונג פונעם אויספאָרשער פונעם אימפּעריישן געריכט פאַכט פונעם 3־טן אַפּריל ווערט געזאָגט:

„קענען אייניקע אַנדערע פּערזאָנען, וואָס קענען זיי איז פאַראַן א פאַרדאַכט זיינען דערווייל ארויסגעגעבן געוואָרן באַפעלן וועגן ארעסטירן אלס מיטל פון איבעררהאַקן זייער ווייטערדיקע פאַרברעכערישע טעטיקייט".

דעם 2־טן יוני ווערט אָפיציעל מיטגעטיילט:

„דעם 1־טן יוני האָט דער אויספאָרשער פון אימפּעריישן געריכט פאַכט

פארענדיקט די פאַרלויפיקע אויספאָרשונג בענעגייע וואן דער ליובען, טאָרגלערן, דימיטראָוון, פּאָפּאָוון און טאַניעוון וועגן דעם איניען פון אונטערצינדן דעם רייכסטאַג און פון מעלוכע־פאַראַט. די דאָקומענטן וועגן דעם איניען וועלן איצט אינגאַנצן אריבערגעשיקט ווערן צום אָבערפּראָקוראָר פון אימפּעריִשן געריכט אין לייפּציג״.

דעם 3־טן אַפּריל זיינען פאַראַן נאָך „איינציקע אנדערע פארדעכטיקטע פערזאָנען״. דעם 1־טן יוני איז שוין וועגן זיי קיין רייד ניטאָ.

דאָס איז דער ניין־און־צוואַנציקסטער ווידערשפּרוך.

דעם 22־טן אַפּריל האָט דער אויספאָרשער פאַקט איבערגעגעבן פאַר דער פּרעסע פאָלגנדיקע אָפיציעלע מיטיילונג וועגן דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג:

„דער אימפּעריִשער געריכט האָט בעדייע צו פאַרייניקן אין איין גרויסן פּראָצעס די אַלע פילצאָליקע אויספאָרשונגס־איניאָנים וועגן די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי, וואָס ווערן באַשולדיקט אין מעלוכע־פאַראַט. מען מיינט, אז די אויספאָרשונג וועט פארענדיקט ווערן אין 8—10 וואָכן ארום און דעמאָלט וועט מען אַלע איניאָנים וועגן מעלוכע־פאַראַט קענען אָפּשיקן אין אימפּעריִשן געריכט. אין געגעבענעם פאַל ווערן געמיינט אַלע איניאָנים וועגן מעלוכע־פאַראַט, וואָס זיינען פארבונדן מיטן ענדערן די רעגירונג אין דייטשלאַנד, ד. ה. אַלע פארברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן אין מעשעך פון יאַנואַר און פעברואַר.

„אַזוי ארום וועט אַהער איינגעשלאָסן ווערן אויך דער איניען וועגן אונטערצינדן דעם רייכסטאַג. ביז אַהער האָט זיך דער איניען ניט גערוקט שנעל פאָראויס דערפאַר, ווייל די אַרעסטירטע, איבערהויפּט די בולגאַרן, זאָגן זיך אָפּ צו געבן באַווייזן. עס האָט זיך פארשטאַרקט דער גרונט צו כוישעד זיין דעם דעפּוטאַט טאָרגלער, אז ער האָט אָנטיילגענומען אין דער רייכטאַג־סרייפע״.

אין א כוידעש ארום, דעם 25־טן מאַי, רעדט זיך שוין מער נישט וועגן א גרויסן קאָמוניסטישן פּראָצעס. היטלערס רעגירונג איז געצוואונגען צו פארשפּרייטן דורך דער פאַרלאַמענטאַרישער אינפאָרמיר־ביוראָ פאָלגנדיקע מיטטיילונג:

„איבעריקנס, טראָץ די מיטיילונגען, וואָס האָבן זיך אייניקע מאָל באַוויזן, דאַרף מען ניט דערוואַרטן, אז דער איניען וועגן דער אונטערצינדונג וועט פאַרייניקט ווערן מיט אַנדערע איניאָנים, וואָס זיינען איצט אויפגעהויבן געוואָרן קעגן די קאָמוניסטישע פירער, אין איין גרויסן קאָמוניסטישן פּראָצעס. דער פּראָצעס איבער וואן דער ליובען און זיינע מיטהעלפער וועט פאָרקומען אין אימפּעריִשן געריכט באַלד ווי עס וועט זיך פארענדיקן די נויטיקע פאָראויסיקע ארבעט״.

דאָס איז דער דרייסיקסטער ווידערשפּרוך.

„פעלקישער באָאָבאַכטער״, היטלערס אָפיציעלער אָרגאַן, האָט דעם 3־טן

מערץ אָפּגעדרוקט פאַלגנדיקע מיטיילונג פון די רעגירונגס־קרייזן:

„דער פאַרוואַלטער פון דער פרעסע־ביוראָ פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער רייכסטאַג־פראַקציע האָט באַמערקט, אַז אינעם גלעזערנעם דאַך איבערן צימער פונעם קאָמוניסטישן דעפּוטאַט טאָרגלער איז אַרויסגענומען געוואָרן איין גלאָז. פאַרזעצנדיק זיינע זוכונגען, האָט ער דאָרט געפונען אַ גרויסן לייטער; דער לייטער איז געלעגן אונטערן פענצטער פון איינעם אַ צימער פון די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן אינעם צווייטן שטאָק.

„די קאָמיסאַרן פון דער קרימינאַל־אויספירונג האָבן באַלד דורכגעפירט אַ זאָרגזאַמע אויספאָרשונג. ווייזט אויס, אַז די אונטערצינדער זיינען דורכן דאַזיקן וועג אַריינגעדרונגען אין דער געביידע פאַר דער אונטערצינדונג, אָדער זיי זיינען דורכן דאַזיקן וועג אַוועק נאָך דער אונטערצינדונג".

דעם 1־טן מערץ האָט גערינג באַהויפּטעט, אַז די אונטערצינדער זיינען אַנטלאָפן דורך דעם אונטערערדישן גאַנג, וואָס פירט פון דער רייכסטאַג־געביידע אין גערינגס הויז. מיט דער דאָזיקער דערקלערונג זיינער האָט ער באַשטעטיקט דאָס, וואָס פילע האָבן געמיינט, דהיינו, אַז די אונטערצינדער זיינען אַריינגעדרונגען אין רייכסטאַג דורך זיין הויז און מיט דעם זעלביקן וועג זיינען זיי אַנטלאָפן. קעדיי אָפּצושוואַכן דעם דערשיטערנדיקן איינדרוק, וואָס די דאָזיקע דערקלערונג גערינגס האָט געמאַכט, האָט מען אַרויסגעלאָזן אויף דער סצענע דעם פאַרוואַלטער פון דער פרעסע־ביוראָ, וואָס האָט אינגאַנצן אומגעריכט אַנטדעקט אַ צעבראָכענע פענצטערגלאָז און אַ לייטער. עס קומט אויס, אַז די קרימינאַל־פּאָליציי האָט, ניט געקוקט אויף די דריי טאָגיקע זאָרגזאַמע אונטערזוכונגען, פאַרזען דאָס, וואָס דאָס שאַרפע אויג פונעם אָנפירער פון דער דייטשישער פרעסע האָט גלייך אַנטדעקט.

דאָס איז דער איין־און־דרייסיקסטער ווידערשפּרוך.

וואָן דער ליובע איז זיך מוידע
אין דעם, וואָס מען פאָדערט פון אים

דר. אָבערפאָרען דערציילט אין זיין מעמאָראַנדום, אַז געבעלסעס פּלאַן האָט פאָראויסגעזען אַ ריי אונטערצינדונגען, וואָס האָבן זיך געדאַרפט פאָרענדיקן מיט דער רייכסטאַג־סריפע. פאַר אונטערצינדונגען זיינען נייטיק אונטערצינדער. וואָן דער ליובע איז זיך מוידע, אַז ער האָט אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג. וואָן דער ליובע איז זיך מוידע, אַז דעם 25־טן פעברואַר האָט ער געפּרוווט אונטערצינדן דעם מעלוכע־פּאַלאַץ. דעם 27־טן פעברואַר האָבן די צייטונגען מיטגעטיילט וועגן דער סריפע אין פּאַלאַץ פאָלגנדיקעס:

„ערשט איצט איז געוואָרן באַוואוסט, אַז שאַבעס איז אין איינער פון די קאַנצעלאַריעס פונעם בערלינער פּאַלאַץ אויפן פינפטן שטאָק אויסגעבראָכן אַ קליינע סריפע, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן שנעל צו פאַרלעשן אַ דאַנק דער וואַכזאַמקייט פונעם פייערלעשער, וואָס האָט דערזור־

רירט אין דעם פּאַלאַץ. די סיבּע פון דער סריפּע איז נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר. מע האַלט אָבער, אַז דאָס איז אַן אונטערצינדונג.

„מיט אַ שאָ פאַר דער סריפּע האָט דער געביידע־אינספּעקטער דורכגעפירט דעם געוויינלעכן קאָנטראָל פון פּאַלאַץ און איז אויך דורכגעגאַנגען דורך דער אָנגעוויזענער קאַנצעלאַריע. אין דער דאָזיקער צייט האָט מען קיין שום פאַרדעכטיקעס ניט געקאַנט באַמערקן. אינגיכן נאָך דעם איז אינעם צימער אויסגעבראָכן אַ פייער. ווי עס איז קלאָר געוואָרן איז אינעם פענצטער געלעגן אַן אָנגעגליט געצייג אַף אָנצוצינדן קוילן. אַזעלכע מאַכשירים האָבן זיך אויך געפונען אונטערן פענצטער און אַף דער באַטעריע פון דער דאַמף־באַהייצונג. די פּאָליציייאישע אויספאָרשונג איז נאָך ניט פאַרענדיקט".

וואַן דער ליובע איז זיך מודה, אַז ער האָט דעם 25־טן פעברואַר געפּרואווט אונטערצינדן די געביידע פון דער נייקעלנער אָפּטיילונג פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. וואַן דער ליובע איז זיך מודה, אַז ער האָט דעם 25־טן פעברואַר געפּרואווט אונטערצינדן דעם בערלינער ראַט־הויז.

פּלאַן פונעם הויפּט־שטאָק פון דער רייכסטאַג־געביידע



אינמיטן — דער זיצונגס־זאַל צוזאַמען מיט די רינגאַרטיקע קאָרידאָרן און קולואַרן. דאָ האָבן זיך געפונען די הויפּט־נעסטן פון דער סריפּע.

דער דאַזיקער וואָן דער ליובע איז א פלינקער יונג, ווי אַטייוול. אין איין טאָג מאַכן סרייפעס אין 3 פאַרשידענע ערטער פון בערלין! דערצו נאָך רעדט דער טיפּ שלעכט דייטש. קיין בערלין איז ער געקומען ערשט דעם 18־טן פעב־רואר. אין פאַרלויף פון 7 טעג קען ער שוין גענוג גוט די שטאָט, קעדיי דורכצו־פירן אונטערצינדונגען אינעם פּאַלאַץ, אינעם ראטהויז און אין דער געביידע פון דער נייקעלנער אָפּטיילונג פאר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. ער האָט געדאַרפט אינ־גאנצן בלויז 9 טעג, קעדיי אויסגעצייכנט אָריענטירן זיך אין דער רייכסטאַג־געביידע און וויסן אַלע אירע גענג און ארויסגענג, ווי בא זיך אין דער היים.

וואן דער ליובען האָט מען גערארפט פאַרשטעלן דעם פובליקום, ווי א „קאָ־מוניסט" פון ריינסטן סאָרט. אין דר. געבעלסעס פאַרשטעלונג מוז א „קאָמוניסט" אומבאַדינגט האָבן ביי זיך א פאַלשן פּאַספּאָרט. דעריבער האָט וואן דער ליובע געמוזט ענדערן זיין נאָמען אינעם פּאַספּאָרט. ער מאַכט פונעם דייטשישן בוכ־שטאַב „u" דעם בוכשטאַב „ü". אזוי ארום ווערט מיט דער הילף פון צוויי שטריכעלעך אַן עכטער פּאַספּאָרט פאַרוואַנדלט אין א „פאַלשן".

וואן דער ליובע איז אויסערגעוויינלעך דינסטפאַרטיק: ער נעמט מיט זיך אין רייכסטאַג „קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס". קיין איין פאַרברעכער האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט זיך פאַר דער פּאָליציי מיט אַזאַ פולן קאָמפּלעקס „זאכלעכע באַווייזן".

א שמועס מיט טאָרגלערן ערעוו דער רייכסטאַג־סרייפע

ערנסט טאָרגלערן איז אלס פאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פראַקציע אין רייכסטאַג אָפּט אויסגעקומען צו ענטפערן אויף אָנפראַגעס פון צייטונגען און זשורנאַליסטן. אפן פּרעסע־אויפנעם, וואָס די קאָמוניסטישע פראַקציע האָט אָר־גאַניזירט דעם 24־טן פעברואר, האָט ער געמאָלדן די בייוועזנדיקע זשורנאַליסטן, אַז די קאָמוניסטן האָבן ידיעות וועגן דעם, אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן פאַר־טראַכטן אַ פּראָוואָקאַציע. ער האָט דעמאָלט מיטגעטיילט, אַז צווישן אַנדערן, שמועסט מען וועגן אַ פּיקטיוון אַטענטאַט אויף היטלערן. די גאַנצע אויסלענדישע פּרעסע און אַ טייל פון דער דייטשישער פּרעסע האָבן אונטערגעכאַפּט די דאָזיקע מיטיילונג טאָרגלערס און האָבן זי אונטערגעטראָגן דעם פובליקום אלס א גרויסע סענסאַציע. אינגיכן נאָך דער דאָזיקער פּרעסע קאָנפערענץ האָט אַדאָלף פיליפּס־באָרן, דער פאַרלאַמענטאַרישער קאָרעספּאָנדענט פון דער „פאָסישער צייטונג", געבעטן דעם דעפּוטאַט טאָרגלער צו באַשטימען אים אן אוידיענץ פאַר א שמועס וועגן די געהיימע פּלענער פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. וועגן אָט דעם לעצטן אינטערוויו מיט טאָרגלערן האָט אַדאָלף פיליפּסבאָרן דערציילט אין „געגענאַנגריף" דעם 1־טן יולי 1933 יאָר:

„אלס פאַרלאַמענטאַרישער זשורנאַליסט בין איך אין פאַרלויף פון אַ ריי יאָרן געווען פאַרבונדן מיט די דעפּוטאַטן פון אַלע פּאַרטייען פונעם

דייטשן רייכסטאַג. דורך אַ צופאַל האָב איך זיך דעם 26־טן פעברואַר ד. י. באַגעגנט מיט טאָרגלערן אין פרידיגערס קאַפע אויפֿ פאָסטדאַמער פּלאַץ מיט 24 שעה פאַר דער רייכסטאַג־שריפע.

„טאָרגלער איז געקומען מיט זיין 11 יאָריקער טעכטערל. איך האָב אים אַלס לידער פון זיין פּראַקציע, איבערגעגעבן אַ מאַטעריאַל וועגן די געהיימע פּלענער פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבן מיר באַ אַשאָ 2 געשמועסט וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע. איך בין קיינמאָל ניט געווען נאָענט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איך האָב אָנגעוויזן אויף אייניקע שוואַכע זייטן אירע. מיט אייניקע זאַכן האָט טאָרגלער אָפן איינגעשטימט, נאָר ער האָט היים פּאַרטיידיקט די אַלגע־מיינע פּאָזיציע פון זיינע כאַווירים. צום סאָף האָב איך אים געשטעלט פאָלגנדיקע פראַגע:

„מע פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די קאָמוניסטן האָבן בעדייע נאָך פאַר די וואַלן אין רייכסטאַג (5־טן מערץ) פאַרצונעמען עפּעס אַן אַרויסטרעטונג

„טאָרגלער: „דאָס איז אַן אומזין. די רעגירונג וואַרט דאָך נאָר אויפֿ דעם, קעדיי צו פאַרווערן די קאָמפּאַרטיי".

„איך: „צי וועלן די קאָמוניסטישע פירער רופן צו אַ שטרייק?".

„טאָרגלער: „אַוואַדע! מיר פאָדערן אַ פּאָליטישן מאַסן־שטרייק אַלס קאַמפּס־מיטל קעגן דעם פאַשיסטישן געוואַלד. אָבער מיר ווייסן, אַז אַזאַ אַרויסטרעטונג קאָן האָבן דערפאָלג בלויז אין דעם פאַל, ווען די פּראָפּאַריי־נען וועלן זיך אָפּזאָגן פון זייער ווידערשטאַנד און וועלן זיך איינשליסן אינעם שלאַכטפראָנט".

„איך: „צי קאָן איך, אַלזאָ, מאַכן פון אונזער שמועס דעם אויספיר, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט ניט בעדייע פאָרצונעמען קיין שום זאַכן, וואָס זאָל קענען געבן דעם פאַשיסטישער רעגירונג אַן אויסרייד פאַר אַן אָנגריף אויפֿ די מאַרקסיסטישע אַרבעטער"?

„טאָרגלער (מיט איבערצייגונג און אָפּטאָקנדיק יעדעס וואָרט): „יאָ, דאָס איז אַזוי. מיר, קאָמוניסטן, ווייסן, אַז מיר אַליין זיינען נאָך שוואַך פאַרן קאַמף. מיר ווייסן אַז, היטלער, גערינג און קאָמפּאַניע וואַרטן נאָר אויפֿ אַ פאַל, וואָס וועט זיי געבן אַן אויסרייד צו פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַנולירן אירע פּאַרלאַמענט־מאַנדאַטן. מיר ווייסן, אַז מען שפּירט אונז נאָך, אַז מען הערט אונטער אונזערע טעלעפאָן־שמועסן, אָבער מיר וועלן ניט גיין אין דער פאַסטקע, וואָס די דאָזיקע הערן האָבן פאַר אונז אוועקגעשטעלט".

„אויפֿן צווייטן טאָג נאָך אָט דעם שמועס האָט דער רייכסטאַג געברענט און אין עטלעכע שעה אַרום איז טאָרגלער געווען אַרעסטירט אַלס „שולדיקער".

„איך בין דעמאָלט געווען איבערצייגט — די דאָזיקע איבערצייגונג איז באַ מיר אויך איצט פאַרבליבן — אַז טאָרגלער האָט מיר געזאָגט דעם

ריינעם עמעס. און דעריבער, האגאם איך בין קעגן קאָמוניזם, זאָג איך יעדן איינעם, דערין אויך דעם הער גערינג, , האגאם ער ווייס דאָס אָן צוויי־פל בעסער פאַר מיר, און צו די ריכטער פון אימפּעריישן גערִיכט:

„די הענט אוועק פון ערנסט טאָרגלער, ער איז ניט שולדיק!"

די דאָזיקע דערציילונג פּיליפּבאָרנס איז נאָך א באַווייז דערפון, אז ערנסט טאָרגלער איז ניט שולדיק. דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט זיך פרייוויליק געמעלדן אין דער פּאָליציי, האָט אזוי ווייניק געמיינזאמעס מיט דער רייכסטאַג־סרייפע, ווי זיין כ' קענען און די ארעסטירטע בולגארן. אין אן אנדער אָרט האָבן מיר באוויזן, אז די קאָמוניסטישע פּארטיי איז ניט איינמאָל ארויסגעטראָטן מיט מעלדונגען קעגן אינדיווידועלן טעראָר און האָט אים פאראורטיילט. קיינע שום „איידעס", וועלכע ה' גערינג לאָזט איצט ארויס קעגן טאָרגלערן און קענענען (קענען האָט זיך גערעטעוועט פון די פּאָליצייאישע שפּיקעס און זעצט פאַר זיין קאַמף קעגן פאשיזם) וועלן מיט זייערע באַצאָלטע אויסגעטראכטע באַווייזן ניט דערווייזן די שולד פון די ביידע דעפּוטאַטן. ערנסט טאָרגלער, ווילהעלם קענען, דימיטראָוו, פּאָפּאָוו, טאַניעוו האָבן קיינמאָל ניט געזען וואן דער ליובען, ניט זיי האָבן עס אונטערגעצונדן דעם דייטשישן רייכסטאַג.

א באַווייז, אז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זיינען שולדיק

שוין אָט די ווידערשפּרוכן אליין, אין וועלכע היטלערס רעגירונג האָט זיך פארפּלאָנטערט אין אירע דערקלערונגען וועגן דער רייכסטאַג־סרייפע, וואָלטן געווען גענוג, קעדיי צו לייזן די פראגע: ווער איז דער ווירקלעכער שולדיקער אין דער רייכסטאַג־סרייפע? אָבער א כּוץ די דאָזיקע ווידערשפּרוכן זיינען פאראן די־רעקטע באַווייזן, אז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זיינען די שולדיקע אין דער רייכס־טאַג־סרייפע. מיר ברענגען דאָ ניט אַלע באַווייזן, וועלכע מיר פארמאָגן. אין אָט דעם בוך ווערן געבראַכט נאָר די סאמע וויכטיקסטע און באַדייטנדיקסטע באַ־ווייזן. די סרייפע אין רייכסטאַג איז אנטדעקט געוואָרן 9 אזייגער מיט 15 מינוט. מאסן־ארעסטן אין בערלין האָבן זיך אָנגעהויבן אינגיכן נאָך האַלבער נאַכט. קימאַט אַלע ארעסט־באַפעלן זיינען באַזאָרגט געווען מיט פאָטאָגראַפישע בילדער פון די, וואָס דארפן ארעסטירט ווערן. די דאַטע איז אָנגעשריבן געווען מיט טינט. דעם 28־טן פעברואר האָט מען בלויז אין בערלין ארעסטירט ארום 1500 מענטשן.

צי איז מעגלעך אין 3 שאָ אָנשרייבן 1500 ארעסט־באַפעלן, אונטערשרייבן זיי און צו דער מערהייט צושפּיליען פאָטאָגראַפישע בילדער? אָן ענטפער אף דער דאָזיקער רעטעניש, ווי אזוי דאָס איז געמאַכט געוואָרן אזוי וואונדערלעך שנעל, גיבן די מיטיילונגען פון די אָפּגעזאָגטע פּאָליציי־לייט. די ארעסט־באַפעלן זיינען צוגעגרייט געוואָרן דעם לעצטן טאָג פאַר דער רייכסטאַג־סרייפע. ניט אָנגעשריבן איז געווען בלויז די דאַטע. דעם 27־טן פעברואר אינדערפרי זיינען אַלע ארעסט־באַפעלן שוין געווען פארטיק. זיי זיינען געבאַסמעט געווען נאָך פריער איידער מען האָט איינגעשריבן דעם טאָג און די דאַטע.

דעם 22־טן פעברואר האָט די פּריסישע רעגירונג באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן דעם פּאָליציייאישן קאָרפּוס מיט באַהילפיקער פּאָליציי. אין דער באַהילפיקער פּאָליציי האָבן באַדאַרפט באַשטימט ווערן בלויז די מיטגלידער פון די אַזוי־גערופענע נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן, ד. ה. פון די שטורעם־אָפּטיילונגען און פון שטאָלהעלם. אין דער פּראָווינץ האָבן די אַמטן פון דער דאָזיקער פּאָליציי גענדאַרפט באַשטעטיקן די קרייז־שעפן, און אין בערלין האָט דער קאָמיסאַר — דער אינערן־מיניסטער גערינג — דאָס רעכט צו באַשטימען זיי געלאָזן פאַר זיך. די דאָזיקע באַשטימונג איז מיטגעטיילט געוואָרן דער פּרעסע דעם 25־טן פעברואַר מיט 2 טעג פאַר דער רייכסטאַג־סריפע.

אין דער ערשטער אָפיציעלער מיטיילונג וועגן דער רייכסטאַג־סריפע האָט גערינג פייערלעך געמאָלדן, אַז דאָס אָרגאַניזירן די באַהילפיקע פּאָליציי, וואָס ער האָט דורכגעפירט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צוועקמעסיק און האָט זיך באַרעכטיקט.

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער און מיניסטאָרן האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט אָרגאַניזירן די באַהעלפיקע פּאָליציי. דעם 27־טן פעברואַר זיינען אַלע שטורעם אָפּטיילונגען אָפּגעפירט געוואָרן אין זייערע באַראַקעס און קאַזאַרמעס. איינער אַ שטורמאַוויק, וואָס איז סאַך מערץ אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד, האָט מיטגעטיילט אינעם פּאַריזער „ענטראַנסיזשאַן" פאָלגנדיקע פאַקטן וועגן דעם ברענגען די שטורעם אָפּטיילונגען אין אַ צושטאַנד פון שלאַכט־גרייטקייט.

„דעם 27־טן פעברואַר צו האַלבן טאָג האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל צו בלייבן ביז אַ ווייטערדיקער פאַראָרדענונג אין די באַראַקעס. עס איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן צו ווייזן זיך אויף די גאַסן גרופּעסווייז. אַרויסגיין אין גאַס האָט מען דערלויבט בלויז די געלט־זאַמלער און אויך די, וואָס האָבן געדאַרפט אויספילן ספּעציעלע באַפעלן.

„מיר האָבן ניט געוואוסט, וואָס דאָס זאָל באַדייטן און האָבן געוואַרט. און אָט איז פּלוצים 10 אַזייגער אינאַוונט אָנגעקומען אַ באַפעל: „לויפן צו די בראַנדענבורגער טויערן! דאָס געוועט לאָזן אין דער היים! אַרומרינגלען דעם רייכסטאַג!".

„דער אָנפירער פון דער בערלינער קאָלאָנע, ערנסט, האָט צונויפגערופן אייניקע פון אונז אין אַ בירהויז אויפן ראָג ווילהעלם־שטראַסע און דאָראָטעיענשטראַסע. ער האָט אונז געהייסן לויפן אין פאַרשידענע שטאָט־ראַיאָנען און אומעטום אויף די ראָגן, אין די קאַפעען און בירשענקן צו וויסן געבן, אַז די קאָמוניסטן האָבן אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג און אַז עס זיינען פאַראַן באַשטימטע באַווייזן דערפון, מיט איין וואָרט, ריידן דאָס אַלץ, וואָס מע האָט אויף מאָרגן געשריבן אין די צייטונגען.

„דעמאָלט האָט נאָך קיינער ניט געוואוסט, אַז וואָן דער ליובע איז אַ האָלענדער און אַז דער דעפּוטאַט טאָרגלער האָט דער לעצטער פאַרלאָזן דעם רייכסטאַג. דאָס אַלץ האָט מען אונז מיטגעטיילט ווי וועגן אַ פאָלשטענ־

דיק פעסטגעשטעלטן פאקט, דערביי מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז אונז אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ ווילדער צאָרן קעגן די אונטערצינדער. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער שטאָט און האָבן אויסגעפילט די שליכעס, וואָס מע האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט מיט גרויס פלייס. וואָס אָפּטער איך האָב איבערגעכאַזערט מיין לעקציע, אַלץ אויספירלעכער איז געוואָרן מיין דער־ציילונג און אינגיכן האָט זיך מיר געגומען דוכטן, אַז איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען די אונטערצינדונג".

ערנסט, דער קאָלאָנע־אָנפירער, פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסטן אין דער היע־ראַרכיע פון דער היטלערישער באַוועגונג. אָבער ווי קלוג עס זאָל ניט זיין אָט דער קאָלאָנע־אָנפירער, איז דאָס נאָך ווייניק, אַז ער זאָל אין עטלעכע מינוט אַרום נאָך 9 אַזייגער שוין וויסן, אַז טאָרגלער האָט דער לעצטער פאַרלאָזן דעם רייכס־טאָג. דער קאָלאָנע־אָנפירער ערנסט איז געגוג פאַרטרויט אין געבעלסעס און גע־רינגס פּלאַן. ער האָט באַקומען די אויפגאַבע פונאַנדערצושיקן איבער דער שטאָט שטורמאָוויקעס אַלס אויסרופער פון דער „קאָמוניסטישער אונטערצינדונג".

היטלער גיט זיך אַרויס

דעם 27־טן פעברואר 1933 יאָר איז אויסגעבראָכן די סריפע אינעם דויי־טשישן רייכסטאַג. דעם 27־טן פעברואר 1933 יאָר געפינען זיך די נאַציאָנאַל־סאָ־ציאַליסטישע הויפּט־פירער אין בערלין, האַגאַם אינעם גאַנצן לאַנד גייט אין פולן ברען די פּאַרוואַל־קאַמפּאַניע. היטלער און געבעלס טרעטן אין דעם דאָזיקן טאָג ניט אַרויס אויף קיין שום פאַרזאַמלונג. די פירער בלייבן אין בערלין. קיינער פון זיי איז אין דעם דאָזיקן אָוונט ניט פאַרנומען מיט קיין שום באַראַטונג, האָט ניט קיין שום געזעלשאַפטלעכע אוידיענץ, איז ניט פאַרנומען מיט אַ וועלכער עס איז אַנדער אַרבעט.

אין עטלעכע מינוט אַרום נאָך דער ידיעה וועגן דער רייכסטאַג־סריפע קומט צום פּלאַץ פון דער סריפע גערינג, נאָך אים היטלער און געבעלס. אין זייער גע־זעלשאַפט געפינט זיך סעפטאָן דעלמאַר, דער בערלינער קאָרעספּאָנדענט פונעם לאָנדאָנער „דיילי עקספּרעס". דער פאַשיסטישער „דיילי עקספּרעס" איז איינע פון די ווייניקע ענגלישע צייטונגען, וואָס איז פריינטלעך געשטימט צו היטלערן. סעפּטאָן דעלמאַר איז דער איינציקער פון די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס היטלער באַציט זיך צו אים אַזוי אויפמערקזאַם. און דאָך איז די ידיעס, וואָס „דיילי עקספּרעס" ברענגט דעם 28־טן פעברואר 1933 יאָר, דעמאַסקירן היטלערן נאָך מער, ווי די מיטיילונגען פון די אויסלענדישע צייטונגען פאַרן זעלביקן טאָג, וואָס זיינען צו אים פיינטלעך.

סעפּטאָן דעלמאַר באַשרייבט אין זיין מיטיילונג אַ סצענע, וואָס האָט זיך לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן צעשפּילט אין 20—30 מינוט אַרום נאָך דער אונ־טערצינדונג. היטלער, וואָס איז נאָר וואָס געקומען צום פּלאַץ פון דער סריפע, האָט זיך געווענדט צום וויצע־קאַנצלער פאָן פּאַפּען מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„דאָס איז אַ צייכן פון גאָט. איצט וועט אונז קיינער ניט שטערן צו פאַרניכטן די קאָמוניסטן מיט אַן אייזערנער פויסט".

און ווענדנדיק זיך צו דעלמארן, האָט ער געזאָגט:

„איר זייט אַן איידעס פון אַ נייער גרויסער עפּאָכע אין דער דייטשישער געשיכטע. די דאָזיקע סרייפע איז איר אָנהויב".

דער קאַנצלער פון דער דריטער אימפּעריע האָט ארויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער דעמאָלט, ווען די „שולד" פון די קאָמוניסטן האָט נאָך קלאָל ניט געקאָנט פעסטגעשטעלט ווערן, ווען וואן דער ליובע האָט מען נאָך ערשט פאַרהערט מיט דער הילף פון אַן איבערזעצער. וואן דער ליובעס פאַרהער האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָכן ארעסט און ער איז פאַרגעזעצט געוואָרן — אין דער הינזיכט פאַלן צונויף אַלע מיטיילונגען פון דער פּרעסע — ביז איינדערפרי. וואן דער ליובע איז ארעסטירט געוואָרן אין ערעך 20 מינוט אויף 10 איינאוונט. הייסט עס, צו יענער צייט, ווען היטלער האָט ארויסגערעדט זיין אויבן ציטירטע טיראדע, האָט וואן דער ליובע נאָך בעשומויפן ניט געקאָנט „פולשטענדיק מוידע זיין זיך", און אָט דאָס מוידע זיין זיך האָט ניט געקאָנט דינען אלס סמאָך פאַר היטלערס טיראדע, פאַר זיינע באַשולדיקונגען קעגן די קאָמוניסטן.

היטלער קאָן זיך ניט באַהערשן און האָט דעריבער צופיל צוגעאיילט זיך מיט זיין באַשולדיקן די קאָמוניסטן. ער האָט זיך ארויסגערעדט. ער האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און ארויסגערעדט זיינע פיר פראזעס פריער, ווי ער האָט דאָס באַדאַרפט.

אין 1930 יאָר האָט היטלער דערקלערט פאַרן אימפּעריש געריכט, אַז אין דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער באַוועגונג טוט זיך קיין זאַך ניט אָן זיין וויסן. אָט די דאָזיקע מעלדונג זיינע איז, יעדנפאַלס, ריכטיק בענעגייע דער רייכסטאַג-סרייפע. היטלער האָט עפּנטלעך באַשולדיקט די קאָמוניסטן אין דער אונטערצינדונג נאָך פריער, ווי ער האָט געקענט האָבן אוועלכע-עס-איז באַווייזן דערפון, אוועלכע-עס-איז גוויעס-איידעס אויף דעם כעשבן. און וואָס פאַר אַן אַנדער אויספיר קען מען מאַכן פון דעם, אויב ניט דאָס, אַז היטלער האָט געוואוסט און האָט באַוויליקט געריגגס און געבעלסעס פּלאַן? דער קאַנצלער פון דער „דריטער אימפעריע" איז געווען פאַרטרויט אין די פּלענער פון די אונטערצינדער.

אַן אייגענער פאַרבינדעטער באַשולדיקט די נאַציס אין דער אונטערצינדונג

די „דייטשע אַלגעמיינע צייטונג", דער אָרגאַן פון דער שווערער אינדוסטריע, האָט אין 1930 יאָר געפאָדערט, אַז היטלער זאָל אוועקגעשטעלט ווערן בעראָש פון דער רעגירונג. פונקט ווי די נאַציאָנאַליסטן, איז די שווערע אינדוסטריע אַרויסגעגאַנגען אין אירע פּלענער פון די אילוזיעס, אַז היטלער וועט זיך באַנוגענען מיט טיילן די מאַכט מיט די נאַציאָנאַליסטן.

שוין אין די ערשטע וואָכן עקזיסטענץ פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג האָבן זיך אַנטפּלעקט גרויסע ווידערשפּרוכן אינעווייניק אין דער גרויסער רעגירונגס-

קאַליציע. אין אָבערפּאָרענס מעמאָראַנדום זיינען די דאָזיקע ווידערשפּרוכן באַוויזן אַפן אָנשוילעכסטן אויפן.

די „דייטשע אַלגעמיינע ציַיטונג" האָט זיך באַמיט צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיציע פון די נאַציאָנאַליסטן. אינעם ערשטן פּעריאָד נאָכן אויסבילדונג די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע רעגירונג האָט זי ניט געקאַרגט קיין קריטיק קעגן איר. אינגיכן נאָך דער רייכסטאַג־סריפע, ווען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן באַקומען אַן איבערוואָג אין דער רעגירונג, איז די דיזאָזיקע ציַיטונג דערגאַנגען אפילו ביז דעם, אַז זי האָט דערקלערט גערינגס באַהויפּטונגען פאַר אזעלעכע, וואָס ווידערשפּרעכן דעם עמעס, און זי האָט געצווייפלט אין דער שולד פון די קאָמוניסטן. דעם 2־טן מערץ 1933 יאָר האָט זי געשריבן:

„אין דער רייכסטאַג־סריפע איז אין פּאָליטישער הינזיכט אבסאָלוט ניט פאַרשטענדלעך בלויז איין זאַך: אַז מען זאָל קענען געפינען אַ קאָמוניסט אזא נאַר, וואָס זאָל איינגיין אַף אזא פאַרברעכן. וועגן אַן איינהייטלעכן פראָנט פון די קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן מיר ביז איצט ווייניק געהערט, אויב ניט רעכענען די רעדעס, ציַיטונגס־אַרטיקלען און האַשאָרעס וועגן אַן איינהייטלעכן פראָנט. די באַהויפּטונג, אַז דער איינהייטלעכער פראָנט האָט זיך אויסגעבילדעט גראָד מיטן ציל דורכצופירן די אונטערצינדונג פון דייטשישן רייכסטאַג — איז אין דער העכסטער מאָס אומגלויבלעך. מיר האָבן מוירע, אַז ווען מען זאָל זיך גוט אַריינטראַכטן אין די פאַרהאַנאָכעס, פון וועלכע דער אימפּערישער קאָמיסאַר פאַר אינערלעכע איניאָנים איז אַרויס אין זיין באַוואוסטער מעלדונג, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די דאָזיקע באַשולדיקונג איז ניט באַגרינדעט. און אויב דאָס איז אזוי, וואָלט שוין בעסער געווען אינגאַנצן ניט אַרויסרוקן זי".

דאָס שרייבט ניט קיין מאַרקסיסטישע ציַיטונג, נאָר דער אָרגאַן פון דער שווערער אינדוסטריע. די דאָזיקע הערן איז צוגעפאַלן אַ כאַלאָשעס, ווען זיי האָבן דערזען די רעזולטאַטן פון זייערע אייגענער שפּיל.

דער אַרטיקל פון דער „דייטשער אַלגעמיינער ציַיטונג" באַשטעטיקט אָבערפּאָרענס מיטיילונגען, צו שפּעט. אָבערפּאָרען איז שוין געווען דערמאָרדעט. אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום נאָך דער רייכסטאַג־סריפע האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן „אוניפיצירט" „די דייטשע אַלגעמיינע ציַיטונג", זי האָט פאַרלאָרן איר פריערדיקן פּאָליטישן פּאָנים. דער הויפּטרעדאַקטאָר אירער, דר. פריץ קליין, איז אַראָפּגענומען געוואָרן. דאָס איז פאָרגעקומען ניט לאַנג איידער הוגענבערג איז געוואָרן אוים מאַכער. די באַהאַלטענע דראָאונג, וואָס די ציטירטע מעלדונג פון „דער דייטשער אַלגעמיינער ציַיטונג" האָט אין זיך אַנטהאַלטן, האָט ניט דערגרייכט דעם ציל. פאַרהאַלטן דאָס פאַנאַנדערלאָזן די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי האָט מען שוין ניט געקענט. ווי ס'זאָל ניט זיין, פאַר אונז איז דער אַרטיקל פון „דער דייטשער אַלגעמיינער ציַיטונג" אַ וויכטיקער באַווייז. גערינגס פאַרבינדעטער דעמאַסקירט אים. אין לינגס און צווייפלט אין דער שולדיקייט פון די קאָ־

מוניסטן. צי באַטייט עס ניט אױף דער פּאַשעטער דיפּלאָמאַטישער שפּראַך, אַז דעם רייכסטאַג האָבן אונטערגעצונדן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן!

פאַרוואָס האָט גערינג איבערגעלאָזן דעם רייכסטאַג אָן א וואַך?

דעם 8־טן פעברואר האָט די אָפיציעלע פּרייסישע „פּרעסע־ביוראָ" מיטגע־טיילט, אַז צווישן די דאָקומענטן, וואָס מען האָט געפונען אין קאַרל ליבקנעכט־הויז, זיינען קלוימערשט אויך פאַראַן אינסטרוקציעס וועגן אונטערצינדן דעם רייכסטאַג. די אונטערזוכונג אינעם קאַרל ליבקנעכט־הויז איז פאָרגעקומען דעם 24־טן פעברואר 1933 יאָר. די גאַנצע בורזשואַזע פּרעסע האָט שוין דעם 25־טן און 26־טן פעברואר מיט אַ טראַסק געדרוקט מיטיילונגען וועגן מאָרדן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן קלוימערשט פאַרטראַכט. דער בערלינער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט דעם 26־טן פעברואר געמאַכט גערינגן אַ באַריכט וועגן די מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט קלוימערשט געפונען אין די „קאַטאַקאָמבעס". אַלס פּרייסישער אינערן־מיניסטער האָט גערינג אָנגעפירט מיט דער פּרייסישער פּאָליציי. אַלס פאָרזיצער פונעם רייכסטאַג איז גערינג געווען באַלעבאָס פון דער רייכסטאַג־געביידע. קיינער האָט ניט געהאַט אַזאַ מעגלעכקייט ווי ער צו פאַרטיידיקן דעם רייכסטאַג פון אַן אַטענטאַט. קיינער איז ניט געווען אין אַזאַ מאָס ווי ער מעכויעוו צו טאָן דאָס.

גערינג האָט ניט מאָביליזירט די פּאָליציי אױף אָפּצוהיטן די רייכסטאַג־גע־ביידע, ער האָט ניט אָנגענומען קיינע מיטלען אין רייכסטאַג גופא. אויב די מיט־טיילונג וועגן די מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט קלוימערשט געפונען אינעם קאַרל ליבקנעכט־הויז וואָלט אַנטשפּראָכן דער ווירקלעכקייט, וואָלט ער אַמווייניקסטן געווען שולדיק אין מיטהעלפן דעם שווערן פאַרברעכן. פון דעם פאַקט, וואָס גערינג האָט גאָרנישט ניט פאָרגענומען, קעדיי אָפּצוהיטן דעם רייכסטאַג, ווי אויך פון דעם, וואָס ביז איצט זיינען ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן די דאָקומענטן, וואָס מע האָט קלוימערשט געפונען אין קאַרל ליבקנעכט־הויז, איז מעגלעך צו מאַכן בלויז איין אויספיר: די דאָזיקע דאָקומענטן עקזיסטירן בלויז אין די מיטיילונגען פון דער אָפיציעלער „פּרייסישער פּרעסע־ביוראָ". די קאָמוניסטן האָבן ניט געהאַט בע־דייע אונטערצוצינדן דעם רייכסטאַג און האָבן קיינע שום צוגרייטונגען דערצו ניט געמאַכט, — גערינג, דאַקעגן, האָט צוגעגרייט אַלץ, קעדיי דער רייכסטאַג זאָל אָפּברענען.

גערינג האָט פאַר דער צייט אָפּגעלאָזט אַהיים די רייכסטאַג־באַאַמטע

גערינג האָט זיך אויך געזאָרגט וועגן דעם, אַז אינעם טאָג פון דער סרייפע זאָלן די רייכסטאַג־באַאַמטע אַוועקגיין פאַרן ענדיקן די אַרבעט. דעם 27־טן פעב־רואר האָט דער געביידע־אויפזעער, אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, אָפּגעלאָזן אַהיים דעם דעזשורנעם פּערסאָנאַל שוין 1 אַזייגער באַטאָג. די באַאַמטע האָבן געמאָלדן, אַז אַוועקגיין פון די דעזשורסטוועס פאַר דער צייט ברעכט די עקזיסטירנדיקע

קלאָלים. דאָן האָט דער געביידע־אויפזעער זיי באַפוילן צו פאַרענדיקן טייקעף די אַרבעט, ווייל סיי־ווי־סיי איז ניטאָ וואָס צו טאָן.

אין מערץ האָבן די סאַמע גרעסטע אויסלענדישע צייטונגען אָפּגעדרוקט אַ מיטיילונג, אַז דעם 27־טן פעברואַר זיינען די רייכסטאַג־באַאַמטע אָפּגעלאָזן געוואָרן אַהיים פאַר דער צייט. היטלערס רעגירונג האָט ניט געוואַגט אָפּצולייקענען די דאָזיקע מיטיילונגען.

דער עלטסטער בערלינער בראַנדמאַיאָר, געמפּ, באַשולדיקט גערינגן

דעם 24־טן מערץ האָט זיך באַוויזן אַן איבעראַשנדיקע מיטיילונג, אַז דער עלטסטער בערלינער בראַנדמאַיאָר, געמפּ, דער שעף פון דער בערלינער פייער־לעשער־קאָמאַנדע, איז באַזייטיקט פון זיין אַמט, ווייל ער האָט געהאַט „קאָמוניסטישע בייזוויליקע פּלענער". די דאָזיקע „קאָמוניסטישע בייזוויליקע פּלענער" זיינען באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויף דער באַראַטונג מיט די בראַנדמאַיאָרן און פייערלעשער־אינספּעקטאָרן האָט געמפּ געמאַכט אַ מיטיילונג וועגן דער רייכס־טאַג־סרייפע, און די דאָזיקע מיטיילונג האָט אַרויסגעשטעלט אין אַ מאָדנער שיין גערינגס אויפירונג אויף דער סרייפע. געמפּס מיטיילונג באַרירט פאָלגנדיקע דריי וועזנטלעכע פאַקטן:

„אויף דער באַראַטונג מיט זיינע אינספּעקטאָרס און בראַנדמאַיאָרן האָט געמפּ ניט לאַנג פאַר זיין דימיסיע געקלאָגט זיך, אַז די פייערלעשער־קאָמאַנדע איז אַרויסגערופן געוואָרן צו שפּעט. בלויז מיט דעם אומשטאַנד — האָט ער געמאָלדן — ווערט דערקלערט, וואָס איידער די פייערלעשער זיינען געקומען איז שוין אויפן אָרט פון דער סרייפע געווען אַ שטורמאָוויקעס־אָפּטיילונג אין באַשטאַנד אומגעפער פון 20 מענטשן.

„נאָכדעם האָט הער געמפּ זיך געקלאָגט, אַז דער קאָמיסאַר — דער פּרייסישער אינערן מיניסטער גערינג, האָט אים קאַטעגאָריש פאַרבאָטן צו מעלדן טייקעף אַ זאַמלונג פון אַלע טיילן און שיקן מער פייערלעשער־קאָמאַנדעס אויף לעשן די סרייפע.

„צולעצט האָט זיך דעם געמפּ געוואָרפן אין די אויגן, וואָס אין די טיילן פון דער רייכסטאַג־געביידע, וואָס זיינען געבליבן גאַנץ, האָט זיך געפונען אַ גרויסע צאָל ברענמאַטעריאַלן, וועלכע זיינען ניט אויסגענוצט געוואָרן פאַר דער אונטערצינדונג; זיי זיינען פאַנאַנדערגעלייגט געווען אין פאַרשידענע צימערן, אונטער די אַלמערס, אין די אַלמערס א. א. וו. מיט אָט דעם מאַטעריאַל וואָלט מען געקאָנט אָנפילן אַ גאַנצן פּראַכטאויטאָמאָביל".

די דאָזיקע מיטיילונג האָט זיך באַוויזן דעם 25־טן אַפּריל אין „סאַארבריקע־נער פאָלקס־שטימע" און פון דער דאָזיקער צייטונג איז זי איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט־פּרעסע.

גערינג האָט ניט געענטפערט אויף דער נאָטיץ אין דער „סאַארבריקענער פאָלקס־שטימע" מיט אַ דערקלערונג, אַז איר באַהויפּטונג אַנטשפּרעכט ניט דער

ווירקלעכקייט. אַנשטאַט דעם האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו דער נאָטיץ, קעדיי צו באַשולדיקן געמפּן אין מיסברויכן מיט זיין אמט־לאַגע. די „דייטשע אַלגעמיינע ציטונג" פון 29־טן אפּריל טיילט מיט, ווי אזוי גערינג האָט רעאגירט אף דער דעמאסקירונג פון דער „פאָלקס־שטימע":

„דער מעקלענבורגישער קאָמיסאר פאר ספּעציעלע אויפטראַגן דר. ליפּערט טיילט מיט: „דעם 24־טן מערץ ד. י. האָט דער מעקלענבורג־קאָמיסאר ליפּערט באַזייטיקט פונעם אמט דעם שעף פון דער בערלינער פייערלעשער־קאָמאַנדע, געמפּן. קעגן געמפּן איז ארויסגערוקט געוואָרן א באַשולדיקונג, אז ער האָט געהאַט קאָמוניסטישע בייזוויליקע פּלענער. דעמאָלט האָט געמפּ געפאָדערט איבערצוגעבן אים אין דיסציפּלינאַרן געריכט. אָט די פאָדערונג איז לעכאַטכילע אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוליב דעם, וואָס קעגן געמפּן איז פאראַן א פארדאַכט אין אנדערע מאיסים אף דער דינסט. איצט איז געמפּ איבערגעגעבן געוואָרן צום דיסציפּלינאַרן געריכט אף דעם גרונט, וואָס באַם קויפן אן אויטאָמאָביל דורך דעם מיטגליד פון שטאָטישן מוניציפּאַליטעט, דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט ארענס, וואָס האָט דעמאָלט פארוואַלטעט מיט די איניאָנים פון פייערלעשער־שוץ, האָט ער מיסברויכט מיט זיין אמט־לאַגע און איז באַגאַנגען א פארברעכן, וואָס ווערט באַשטראָפט לויטן פאראַגראַף 266 פון קרימינאַל־קאָדעקס".

אָט די טאַקטיק פון באַזייטיקן דורך פארפירן קרימינעלע פּראָצעסן קעגן די קעגנער, וואָס זיינען פאר זיי ניט באַקוועם, און אזוי ארום פאַטער ווערן פון זיי, האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אָנגעווענדט ניט נאָר צו געמפּסן. אפן סמאַך פון אַזעלכע באַשולדיקונגען איז ארעסטירט געוואָרן דער מיטגליד פון שטאָט־מוניציפּאַליטעט ארענס. ער איז אויך ארויסגעטראָטן מיט א קריטיק, אָנווייזנדיק, אז די פייערלעשער־טיילן זיינען צו שפּעט ארויסגערופן געוואָרן.

פון די באַשולדיקונגען, וואָס געמפּס שטעלט ארויס קעגן גערינגן, איז קלאָר צו זען, אז גערינג איז געווען פאראינטערעסירט, אז די סרייפע זאָל זיך פארשפּרייטן און ניט, אז זי זאָל לאָקאַליזירט ווערן. מע האָט גֿעדאַרפט,, אז די בורבוינעס, וואָס די סרייפע האָט אָנגעמאַכט,, זאָלן זיין וואָס באַדייטנדיקערע און זאָלן מאַכן א שטאַרקן איינדרוק. דעריבער האָט מען די סרייפע ניט געדאַרפט פארלעשן צו פרי. שוין אין 3 טעג ארום האָט מען אָנגעהויבן צולאָזן דאָס פּובליקום צו דער סרייפע. דער זעלבער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אויפזעער פון דער רייכסטאַג־געביידע, וואָס האָט דעם 27־טן פעברואר פאר דער צייט אָפּגעלאָזן זיינע באַאַמטע, האָט אויסגעפילט די ראָלע פון א גיד אין דער ליידיק געוואָרענער רייכסטאַג־געביידע. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן זיך אוועקגעלאָזן צום אָרט פון דער סרייפע. דער גיד האָט „קאָמפּעטענט" דערקלערט, ווי אזוי די קאָמוניסטן האָבן אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג. דערביי האָט ער אומבאַדינגט צוגעפּוצט זיין דערציילונג מיט מאיסעס וועגן די שווידערלעכע פּלענער פון די קאָמוניסטן.

גערינג האָט ניט געוואגט אליין עפנטלעך אָפּצולייקענען די דערקלערונג פון „סאארבריקענער פאָלקס־שטימע", אָבער ער האָט עס געצוואונגען צו טאָן דעם עלטסטן בראַנדמאַיאָר געמפּ. ווייזט אויס, אַז געמפּ האָט זיך אַ לאַנגע צייט גע־ווערט. ערשט דעם 18־טן יוני 1933 יאָר, נאָכדעם ווי מען האָט דערמאָרדעט בעלן, האַנוסענען און אָבערפאָרענען, האָט זיך אין דער דייטשישער פרעסע באַוויזן געמפּס מיטיילונג, וואו ער האָט דערקלערט, אַז די באַהויפּטונג פון „פאָלקס־שטימע" איז ליגן. פאַראַן „האַקכאָשעס", וואָס באַשטעטיקן בלויז די ריכטיקייט פון דעם, וואָס זיי לייקענען. געמפּס פאַרשפּעטיקטע האַקכאָשע געהערט צו אָט דעם מין.

אונטערן דרוק פון דער באַשולדיקונג, וואָס איז קעגן אים אַרויסגערוקט גע־וואָרן אין שרעק פאַר טורמע, וואָס האָט אים געדראָט, האָט זיך געמפּס אונטער־געוואָרפן אונטער גערינגס פאָדערונג.

ווער איז דער איניציאַטאָר פון דער סרייפע?

אין 2־טן מערץ־נומער פונעם וועכנטלעכן קאָנסערוואַטיוון זשורנאַל „דער רינג", וואָס עס גיט אַרויס הענריך פאָן גלייכען, לייענען מיר:

„די רייכסטאַג־סרייפע האָט געפירט צו די שטאַרקסטע רעפּרעסיעס מיצאַד דער רעגירונג. די רעגירונגס־אַנשטאַלטן זיינען געבראַכט געוואָרן אין צושטאַנד פון העכסטער שלאַכט־גרייטקייט. די גאַנצע דייטשישע פּרע־סע, אַלע ליטעראַטיקלען שרייבן בלויז וועגן איין זאַך: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען? שוינזשע זיינען מיר, דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק, בלינ־דע הינער? וואו זיינען די שולדיקע אין דער דאָזיקער סרייפע, וואָס די רעזולטאַטן אירע באַווייזן ווי טרעפלעך מע האָט זיך געצילט. קעדיי צו ענטפערן אויף די אַלע פראַגעס, קאָנסטאַטירן מיר ניכטער און קאָנקרעט: בא אונז איז ניטאָ אַזא געהיימע פאָליציי, ווי עס האָבן די ענגלענדער און אַנד.

„ווען בא אונז וואָלט עקזיסטירט אַזא אַנשטאַלט, וואָלטן מיר שוין איצט געניי געוואוסט, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג מע דאַרף זוכן די שולדיקע אין דער סרייפע, נאָך מער — מיר וואָלטן שוין געקאָנט די דאָזיקע מענ־טשן. עפּשער געהערן זיי צו דער בעסטער דיי־טשישער אָדער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט".

הענריך פאָן גלייכען איז איינער פון די איינפלוסרייכע מיטגלידער פונעם „הערן־קלוב". זינט פאָן פאַפּען איז געוואָרן קאַנצלער איז פאָן גלייכען איינער פון די הויפּט הינטערקוליסן־טוער און אינספּיראַטאָרס פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק. זיינע פאַרבינדונגען מיטן פּרעזידענטס פּאַלאַץ זיינען מער ווי אויסגעצייכנט. אינעם אַרטיקל פון „רינג", וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט באַשולדיקט אָפן פאָן גלייכען היטלערס רעגירונג אין דעם, אַז זי האָט גאָרנישט ניט געטאָן, קעדיי צו געפינען די שולדיקע אין דער רייכסטאַג־סרייפע. ער פרעגט, וואו, אייגנטלעך דאַרף מען זוכן די שולדיקע אין דער סרייפע, וואָס האָבן אַזוי ריכטיק געבויט זייער כעשבן. וואָסזשע אַנדערש זאָל עס באַטייטן, אויב ניט דאָס, אַז די אונ־טערצינדונג — איז אַן אַרבעט פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן גע־

שטרעבט אַף אַזאַ אויפן ביסלעכווייז צו פאַרנעמען אַלע מאַכט־פּאָזיציעס.
נאָך אָט דעם אַרטיקל איז „דער רינג" פאַרבאָטן געוואָרן.

דר. בעל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט

אינעם קאַפּיטל וועגן די פאַשיסטישע מאָרדן, שטעלן מיר זיך גענוי אָפּ אָפן צופאַל מיטן דר. בעל און אַף דעם, ווי די שטורמאָוויקעס האָבן אים דערמאָרדעט. אָט דאָ ווען מיר בלויז באַרירן זיין ראָלע אין דער רייכסטאַג־סרייפע. דערביי וועלן מיר ניט ציטירן די מיטיילונגען וועגן דעם, אַז דר. בעל האָט שוין דעם 27־טן פעברואַר 1933 יאָר מיט אַ שאָ פאַר דער רייכסטאַג־סרייפע צו וויסן געגעבן די ענגלישע און אַמעריקאַנישע זשורנאַליסטן וועגן דער פאַרשטייענדיקער סרייפע. אָט די מיטיילונג האָט היטלערס רעגירונג פאַרשפּרייט מיט אַ באַשטימטן ציל. די פאַשיסטן האָבן געוואָלט אַף אַזאַ אויפן שאַפן פאַר זיך אַ מעגלעכקייט אַרויס־צוטרעטן מיט אַ ביליקער האַקכאַשע און דיסקרעדיטירן בעלס באַהויפּטונגען.

דר. בעל האָט זייער גוט געקאַנט וואָן דער ליובען. ער איז אויך געווען ביז גאָר גענוי אינפאָרמירט וועגן אַלע פאַרבינדונגען, וואָס וואָן דער ליובע האָט אָנ־געקניפּט אין בערלין און אין מינכען אין די קרייזן פון די שטורמאָוויקעס. האַ־גאַם דר. בעל איז לעצטנס באַ אַ יאָר צייט געווען אין אָפּאָזיציע צו דער נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט, האָט ער נאָך געהאַט היפּש פריינט אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. פון זיי האָט ער געוואוסט וועגן דער אינסצענירונג פון דער רייכסטאַג־סרייפע. דעם 3־טן אָדער 4־טן מערץ 1933 יאָר האָט בעל — דאָס איז געווען אינעם נאַציאָנאַלן קלוב אַף פרידריך־עבערט־גאַס — זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר איינעם אַ פּאָליטישן טוער, וואָס געהערט צו דער פאָלקס־פּאַרטיי, אַז אים איז באַוואוסט וועגן דער רייכסטאַג־סרייפע. אָט דער דאָזיקער פּאָליטישער טוער האָט אין אַ בריוו צו זיינע פריינט דערציילט וועגן דעם, וואָס ער האָט געהערט פון בעלן וועגן דיווירקלעכע אונטערצינדער. איינער פון די דאָזיקע בריוו איז אַריינגעפאַלן צו דעליגעסן, דעם שעף פון דער מעלו־בישער געהיים־פּאָליציי, אין די הענט.

אָט דער בריוו האָט געקאָסט בעלן דאָס לעבן. דעם 4־טן אַפּריל האָבן אים די שטורמאָוויקעס, וואָס זיינען געקומען פון מינכען, דערמאָרדעט אינעם שטעטל קופשטיין, אין עסטרייך.

דאָס דערמאָרדן האַנוסענען

די געשיכטע, ווי אַזוי מען האָט דערמאָרדעט האַנוסענען, וועט אויך אויס־פירלעך באַטראַכט ווערן אין אַן אַנדער קאַפּיטל. דערווייל וועלן מיר זיך פאַרנע־מען מיט האַנוסענען בלויז אַף וויפל ער האָט געהאַט אַ שייכעס צו דער רייכס־טאַג־סרייפע. מיט אַ טאָג פריער פאַר דער סרייפע האָט דער העלזעער עריק האַ־נוסען געמאַכט אַ כאַנוקעס־האַבאַאיס אין זיין נייער דירע אין בערלין (ליטצענ־בורגערשטראַסע 16), וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן „אָקולטיזם־פּאַלאַץ". אָפן

יאַנטעוו זיינען בייגעווען אייניקע אַנפירער פון די שטורעם־בריגאַדעס, דעריין אויך גראַף העלדאָרף, צוזאַמען מיט קינסטלער, אַקטיאָרן און זשורנאַליסטן. צווישן די לעצטע איז געווען דער רעפּאָרטער פון דער צייטונג „בערלינער צוועלף־אור־בלאַט". מע האָט איינגעאָרדנט א סעאַנס פון העלזעאונג. בעאיים אָט דעם סעאַנס האָט האַנוסען צווישן אנדערן בוכשטעבלעך געזאָגט פאָלגנדיקעס: „איך זע א גרויס ברענעדיק הויז".

האַנוסען האָט ארויסגעגעבן דאָס זשורנאַלעכל „האַנוסענס בונטע וועכנט־לעכע איבערזיכט". אינעם נומער פון ערשטן מערץ האָט ער אָפּגעדרוקט אַן אַר־טיקל וועגן דער פּאָליטישער לאַגע. אינעם אַרטיקל האָט ער געשריבן, אַז ער האָט פריער פאָראויסגעפילט די רייכסטאַג־סרייפע, אָבער ער האָט קיין רעכט ניט געהאַט עפנטלעך צו ריידן וועגן דעם.

האַנוסענס בעסטער פריינט, דער אַנפירער פון די בערלינער שטורעם־אָפּ־טיילונגען, גראַף העלדאָרף, איז געווען אין דער צאָל פון די רייכסטאַג־אונטער־צינדער. בא העלדאָרפן האָט האַנוסען באַקומען זיין אינפאָרמאַציע נאָך פאַר דער סרייפע, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו זיין א „העלזעער" אין דער דאָזיקער פראַגע. האַנוסען האָט וואָרשיינלעך זייער פיל געוואוסט, דאָס איז צו זען פון פאָלגנדיקער דערקלערונג, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אונטער א שוואוע פונעם געוועזענעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון „בערלינער צוועלף אור־בלאַט", דר. פראַנץ העלערינג:

„איך זאָג צו פייערלעך צו ריידן דעם עמעס".

„איך, דער אונטערגעשריבענער, דר. פראַנץ העלערינג, מעלד פאָלגנ־דיקעס: אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון בערלינער „צוועלף־אור־בלאַט" און „מאָנטאַג מאָרגען" האָב איך זיך באַגעגנט אינעם פּעריאָד פון 1־טן פעב־רואַר ביזן 1־טן מערץ 1933 יאָר מיט עריק האַנוסענען, דעם ארויסגעבער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער צייטונג פון די העלזעער, וואָס פלעגט געזעצט און געדרוקט ווערן אין דער זעלבער דרוקעריי, וואו די אויבנדער־מאָנטע צייטונג. קיין פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט צווישן אונז האָט זיך ניט פאַרקניפּט. נאָר איינמאָל האָט מען אונז פאַרייניקט דורכן טעלעפאָן, ווען ער האָט ארויסגערופן דעם רעדאַקטאָר און פאַרוואַלטער פון ראַלף נירענ־בערגס פאַרלאַג, וואָס איז צו יענער צייט אין רעדאַקציע ניט געווען. דאָס איז געווען דעם 27־טן פעברואַר באַנאַכט, ווען עס איז פאָרגעקומען די רייכסטאַג־סרייפע. אין דער רעדאַקציע האָבן נאָר וואָס געגומען אַנקומען די ערשטע ידיעס וועגן דער סרייפע, ווי האַנוסען האָט שוין טעלעפאָנירט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס פאַר א פאַרנעם די סרייפע האָט אָנגענומען און צי מע האָט געכאַפּט די פאַרברעכער. איך האָב געענטפערט, אַז עס איז פאַראַן א ניט־קאָנטראָלירטע ידיעה וועגן א קאָמוניסטישער גרופּע, וואָס האָט קלוימערשט אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג מיט דער הילף פון פאַ־קעלן. גלייכצייטיק האָב איך אונטערגעשטראָכן דעם אומגלייבלעכן כאַ־

ראקטער פון דער דאָזיקער מיטיילונג. איך האָב קאַטעגאָריש דערקלערט, אז מע קאָן ניט דערוואַרטן פון די קאָמוניסטן, איבערהויפּט בא דער איצ־טיקער פּאָליטישער סיטואַציע, אזא אומזיניקן אקט, וואָס איז געגליכן צו זעלבסטמאָרד. דערויף האָט האַנוסען צערודערט געענטפערט, אז ער האָט אקוראט אַ פארקערטע מיינונג: ער ווייס, אז דאָ איז פאַראַן אַ קאָמוניס־טישע פארשווערונג, און אז ער וועט עס מיר שפּעטער דערווייזן. האַנוסען האָט טעלעפאָנירט צווישן האַלב און דריי פערטל צען. איך האָב וועגן דעם דערציילט אין אונזער רעדאקציע, וואו עס זיינען געווען באוואוסט האַנו־סענס גוטע באַציאונגען מיטן גראף העלדאָרף. אלע האָבן געהאַלטן האַ־נוסענען פאַר אַ מענטשן, וואָס איז ביז גאָר אינפאָרמירט וועגן די פּלענער פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן.

אונטערשריפט: ד ר. פ ר א נ ץ ה ע ל ע ר י נ ג".

אינעם מאָמענט, ווען אין די ציייטונגס־רעדאקציעס האָבן ערשט גענומען אָנ־קומען די ערשטע ידיעות וועגן דער רייכסטאַגס־סרייפע, האָט האַנוסען שוין גע־רעדט וועגן דעם, אז דאָס האָבן אים אונטערגעצונדן די קאָמוניסטן. ער האָט גע־רעדט, אז די דאָזיקע סרייפע וועט געבן ערנסטע רעזולטאַטן. אָט די ווערטער האַ־נוסענס באווייזן, אז זיין אינפאָרמאַטאָר דאַרף מען זוכן אין די חויכע נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטישע פענצטער.

דער איד האַנוסען האָט ניט לאַנג געקוויקט זיך מיטן לעבן אונטער היטלערס מאַכט, אף וועלכער ער האָט אזוי ליידנשאַפטלעך געוואָרט.

דעם 7־טן אַפּריל 1933 האָט מען זיין טויטן קערפּער געפונען אין אַ קליי־נעם סאָסנע־וועלדל באַם שאָסיי, וואָס פירט פון ביירוט קיין נייהאָף. ער איז געשטאָרבן פון פאַשיסטישע הענט.

די נאַצים דערמאָרדן דעם דר. אָבערפאָרען

נאָך בעלן — האַנוסען, נאָך האַנוסענען — דר. אָבערפאָרען. פון אָט די דריי פּערזאָנען, וואָס האָבן פּינקטלעך געוואוסט דעם סאָד פון דער רייכסטאַג־סריי־פע, איז דר. אָבערפאָרען געווען דער סאַמע געפערלעכסטער. בעל איז געווען אַ פּאָליטישער אוואַנטוריסט, האַנוסען, אַ שאַרלאַטאַן. אָבער דר. אָבערפאָרען איז געווען אַן איינפלוסרייכער פּאָליטישער טוער, דער פירער פון דער נאַציאָנאַליס־טישער פראקציע אין רייכסטאַג. נאָך אין פעברואַר 1933 יאָר האָט ער אף אַ פּאָרוואַל־פאַרזאַמלונג דערקלערט, אז וואָס פאַר אַ רעזולטאַט די וואַלן זאָלן ניט געבן, וועט היטלערס רעגירונג בלייבן אין איר דעמאָלדיקן באַשטאַנד. דר. אָבערפאָרען איז געווען אַן ארכי־רעאַקציאָנער. זיין מעמאָראַנדום באווייזט, אז פאַר אים איז בלויז וויכטיק געווען איינצוהיטן די פּאָזיציעס פון די נאַציאָנאַ־ליסטן אין דער רעגירונג. דער שלום־טייל פון זיין מעמאָראַנדום שילדערט די לעצטע קאַמפּס־פּאַזע אינעווייניק אין דער רעגירונג. דער דאָזיקער מעמאָראַנדום האָט דר. אָבערפאָרענען געקאָסט דאָס לעבן.

„ווי די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי זאָל ניט זיין איינשטימיק מיט

די ענערגישע מאָסמיטלען קעגן די קאָמוניסטן, באַוויליקט זי ניט די מאיסים פון אירע פריינט אין דער קאָאַליציע, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די אונטערצינדונג. אַף דער דינסטיקטיקער זיצונג פונעם קאַבינעט האָבן די מיניסטאָרן נאַציאָנאַליסטן געגעבן זייער הסכּמה אַף די סאַמע ענערגישע מאָסמיטלען קעגן די קאָמוניסטן און טיילווייז אויך קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אָבער זיי הייבן ניט אָן צו צווייפלען אין דעם, אַז די אונטערצינדונג וועט ביז גאָר וואַרפן אין אויסלאַנד דעם פּרעסטיזש פונעם נאַציאָנאַלן פראָנט. אַף דער דאָזיקער זיצונג פונעם קאַבינעט האָט מען ניט געקאַרגט די שאַרפסטע אויסדרוקן באַם פאַראורטיילן די אונטערצינדונג. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן איז ניט געלונגען דורכצופירן דעם געזעץ וועגן פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.. ווי עס איז שוין אויבן געזאָגט געוואָרן האָבן זיך די נאַציאָנאַליסטן גענייטיקט אין די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן, קעדיי ניט געבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן א מעגלעכקייט צו באַקומען א מערהייט אינעם פּאַרלאַמענט. איינציייטיק האָט מען אַף דער דאָזיקער זיצונג פון קאַבינעט אָפּן קאַטעגאָרישסטן אויפן פאַרווערט דעם ה׳ גערינג צו פאַרעפנטלעכן זיינע געפעלשטע דאָקומענטן, וואָס מען האָט קלוימערשט געפונען אין קאַרל ליבקנעכט־הויז. מען האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס פאַרעפנטלעכן פון אָט די גראָבע פעלשונגען וועט בלויז נאָך מער קאָמפּראָמעטירן די רעגירונג. באַזונדערס איז ניט באַקוועם געווען דער רעגירונג, וואָס דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט טאָרגלער, דער פאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פראַקציע אינעם רייכסטאַג, האָט זיך דינסטיק אינדערפרי אַליין געמאָלדן אין דער פּאָליציי. עס וואָלט געווען געוואונטשענער, אַז ער זאָל בעסער אַנטלויפן. דער רעגירונג איז געווען ביז גאָר ניט אָנגענעם, וואָס אָט דער פאַקט, וואָס טאָרגלער, וועמען מען באַשולדיקט אין אזא שווערן פאַרברעכן, מעלדעט זיך אַליין אין דער פּאָליציי, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס מע אַרעסטירט אין דער זעלבער צייט טויזנטער פאַראַנטוואָרטלעכע קאָמוניסטן און אים דראָט אויך אויסעראָרדנטלעכער געריכט, — ער מעלדעט זיך, קעדיי אַרויסצוטרעטן קעגן די באַשולדיקונגען אַף זיין פּאַרטיי. מע האָט באַאויפטראַגט גערינגן אַרויסצוטרעטן אין דער פּרעסע און אָפּלייקענען די ידיעה, אַז טאָרגלער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן. אָבער די רייכסטאַג־סרייפע האָט אומדערוואַרטעט אַרויסגערופן אין דער וועלט־פּרעסע אזא איינמוטיקן אָפּרוף, די שטים פון דער דאָזיקער פּרעסע האָט אזוי איינמוטיק צוגעשריבן די דאָזיקע סרייפע די אָנפירנדיקע רעגירונגס־מיטגלידער, אַז דער פּרעסטיזש פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג האָט זיך שטאַרק גענומען וואַקלען.

„דאָס דערשטיקן די קאָמוניסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאָרוואַל־קאָמפּאַניע איז געווען זייער צו דער האַנט גערינגן און געבעלסן. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז די ברייטע מאסן קליין־בורזשואַזיע, אָנגעשטעלטע און פויערן וועלן גלייבן דעם קלאַנג וועגן דער רייכסטאַג־סרייפע און

וועלן אָפּגעבן זייערע שטימען דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי די איניציאַטאָרן פונעם קאַמף קעגן באָלשעוויזם. אָבער גערינגן און געבעלפן האָט ווייניק געפריים די פּאָזיציע פון די נאַציאָנאַליסטישע מי־ניסטאָרן אינעם קאַבינעט. פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט מען זיי ווידעראַמאָל ניט דערלויבט. צו זייער גרויסן פאַרדרוס האָבן זיי מיט זייערע צו הויכע פּרעטענזיעס זיך דערפילט פאַרקוועטשט אין די אייזערנע קלעמען צווישן די נאַציאָנאַליסטן, שטאַלהעלם און רייכסווער. זיי איז געווען קלאָר, אז מע דאַרף וואָס גיכער פּאַטער ווערן פון אָט די קלעמען. די גאַנצע צייט זיינען אין זייער לאַגער פאָרגעקומען באַראַטונגען.

„סאָפּקאָלסאַף האָט מען באַשלאָסן אָנצוואָווענדן אין דער נאַכט פון 5־טן אפן 6־טן מערץ א גוואַלד־איבערקערעניש. זייער פּלאַן איז באַשטאַנען דערין, אז מען זאָל פאַרנעמען דעם ראַיאָן, וואו עס געפינען זיך די מיניסטעריומס, און פאָדערן ביי הינדענבורגן צו רעאָרגאַניזירן די רעגירונג. הינדענבורג האָט געדאַרפט איבערגעבן אַדאָלף היטלערן זיין פּרעזידענטן־פּאָסטן, און אין זעלבן מאָמענט זאָל היטלער באַשטימען גערינגן פאַרן מעלוכע־קאַנצלער. מען האָט געהאַט בעדייע צו פאַרבינדן די דאָזיקע ארויסטרעטונג מיט אַ גרויסער מאַניפעסטאַציע פון די שטורעם־בריגאַדעס אין בערלין, וואָס האָט געזאָלט איינגעאָרדנט ווערן צוליב פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, גלייכצייטיק האָט מען דערמיט געוואָלט באַערן היטלערן. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן פריִיטיק דעם 3־טן מערץ. די צוגרייטונגען צו אָט דער דאָזיקער מאַניפעסטאַציע זיינען געווען אין פולן גאַנג. אין בערלין האָבן זיך שוין געפונען פילצאָליקע אָפּטיילונגען פון די שטורמאָוויקעס, געקומענע פון דער פּראָווינץ, די פּאָליציי האָט שוין אָנגעמערקט די גאַסן, וואו עס זאָל דורכגיין די טריומפאַלע פּראָצעסיע. די באַוועגונג איז אריבערגעפירט געוואָרן אין אַנדערע גאַסן און טויזנטער מענטשן האָבן אף ווילהעלמשטראַסע געוואַרט, אז די פּראָצעסיע זאָל דעפילירן פאַר אַדאָלף היטלערן.

„אַזוי ווי עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די קלאַנגען, אז בעאיים דער דאָזיקער מאַניפעסטאַציע וועט מען פאַרנעמען דעם ראַיאָן, וואו עס געפינען זיך די מיניסטעריומס, האָבן די נאַציאָנאַליסטישע מיניסטאָרן אין דער לעצטער מינוט דערשלאָגן זיך דערצו, אז אַדאָלף היטלער זאָל זיך אָפּזאָגן דערפון, אז די פּראָצעסיע זאָל דורכגיין דורך דער ווילהעלמשטראַסע. דעם טויזנט־קעפּיקן האַמוין, וואָס האָט געוואַרט אף ווילהעלמשטראַסע, האָט מען צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג פּלוצים געמאָלדן, אז די שטורמאָוויקעס וועלן מאַרשירן מיט אַן אַנדער וועג, ניט דורך ווילהעלמשטראַסע, נאָר דורך פּרינץ־אַלברעכטשטראַסע. עמעס, די נאַציאָנאַליסטן האָבן, פון זייער זייט, געדאַרפט צוזאָגן, אז דער שטאַלהעלם וועט אויך ניט דורכגיין דורכן קוואַרטאַל פון די מיניסטעריומס. אָט דער מאַרש פון שטאַלהעלם איז געווען צוגעפּאַסט צום טאָג פון די וואַלן, אלס באַערונג

פונעם פרעזידענט הינדענבורג. די פירער פון שטאַלהעלם האָבן מאסקים געוועזן אף אזא ענדערונג.

„די לאגע איז געווען א ביז גאָר ערנסטע פאר די נאַציאָנאַליסטישע מיניסטאָרן. די רעזולטאטן פון די וואלן אין ליפע־דעטמאָלד האָבן באַוויזן, ווי גרוים עס איז די געפאר, אז די נאַציאָנאַליסטישע ווײלער זאָלן מאסנווייז אריבערגיין מיט די פאנאנדערגעוויקלטע פאָנען אינעם לאגער פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. אלס צוגאָב צו דעם אלעמען האָט זיך די נאַציאָנאַליסטישע פראָפּאגאנדע ניט געקאָנט גלייכן מיט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פראָפּאגאנדע, וועלכע שטעלט זיך פאר קיין זאך ניט אָפּ. דער הערן־קלוב, די גרופּירונגען פון שטאַלהעלם און די נאַציאָנאַליסטישע פירער האָבן זיך געהאלטן אין איין באראטן. ערשט מיט א טאָג פריער, פרייטיק, האָט זיך קוים איינגעגעבן אויסצומיידן, אז די שטורמאָוויקער זאָלן פארנעמען דעם קווארטאל פון די מיניסטעריומס, און איצט, אין דער נאכט פון 5־טן אפן 6־טן מערץ האָט ווידער געדראָט אזא געפאר. קענען אָט דער דאָזיקער געפאר האָט מען זיך געדארפט באווארענען ניט נאָר מיט דער הילף פון רייכסווער און שטאַלהעלם. עס איז געווען קלאָר, אז די מאסן גייען שוין ניט נאָך דעם אלטן פעלדמארשאל, נאָר נאָך זייער ליבלינג אדאָלף היטלער. ארויסטרעטן קענען אָט די מאסן און קענען אָט דער שטימונג פון די מאסן בלויז מיט דער הילף פון געווער וואָלט געווען אן ארויסגעוואָרפענע ארבעט. הייסט עס, מע האָט זיך ניט געדארפט צערעמאָניען, פונקט ווי עס האָט זיך ניט צערעמאָניעט גערינג און געבעלס באם אונטערצינדן דעם רייכסטאג.

„עס איז אנגענומען געוואָרן אזא פּלאן: די פרעסע באקומט אן אָפיציעלע מיטיילונג וועגן די רעזולטאטן, וואָס זיינען דערווייל פאראן פון דער אויספאָרשונג וועגן די שולדיקע אין דער סרייפע. די דאָזיקע מיטיילונג דארף צונויפגעשטעלט ווערן אזוי, אז אין פאל ווען ס'וועט נייטיק זיין, זאָל מען זיך אף איר קענען פארופן און אָנווייזן, אז שוין דעמאָלט איז מען געפאלן אף א שפור פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אונטערצינדער. אזא אָפיציעלע מיטיילונג וואָלט מען געקענט אויסנוצן, קעדיי אין דער נאכט פון 5־טן אפן 6־טן מערץ מאכן א דרוק אף די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, אויב זיי וואָלטן ווירקלעך געהאט בעדייע צו פארווירקלעכן זייער פּלאן און פארנעמען דעם קווארטאל, וואו עס געפינען זיך די געביידעס פון די מיניסטעריומס. מען האָט אויך געהאט דעם ציל אויפצורודערן אף אזא אויפן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע מאסן און לויט־דער מעגלעכקייט באקומען זיי פארן נאַציאָנאַלן פראָנט, וואָס ווערט אָנגעפירט פון די נאַציאָנאַליסטן און הינדענבורגן. מע האָט צוגעגרייט אנטשפרעכיקע אויפרופן צום נאַציאָנאַלן דייטשלאַנד, וואו הינדענבורג האָט דעמאסקירט די פּלענער פון פארכאפּן די מאכט מיט געוואלד, ער האָט באשולדיקט — פארופנדיק זיך אף דער אָפיציעלער מיט־

טיילונג, וואָס איז פריער ארויסגעגעבן געוואָרן — גערינגן, היטלערן און געבעלסן אינעם אונטערצינדן דעם רייכסטאַג און ער האָט גערופן די מיל־יאָנען נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן צו באַהעפטן זיך אונטער דער אָנפירונג פון פעלדמאַרשאַל און ראַטעווען דעם נאַציאָנאַלן פראָנט פונעם מאַרק־סיזם. אַף אַזאַ אויפן האָט מען געהאָפט צוצוציען די מאַסן צום שטיצן די מיליטערישע דיקטאַטור מיטן גענעראַל־פעלדמאַרשאַל בעראָש. דער גע־נעראַל־פעלדמאַרשאַל אַליין האָט ניט געדאַרפט בייזיין אַף דער באַערונג, וואָס דער שטאָלהעלם אָרדנט איין, און אויפהאַלטן זיך די נאַכט פון 5־טן אַפן 6־טן מערץ ניט אין זיין פאַלאַץ, נאָר אונטער דער שוץ פונעם רייכס־ווער; דער רייכסווער ווידער האָט זיך געדאַרפט געפינען אין שלאַכט־גרייטקייט".

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זיינען מערדער און אונטערצינדער
די סטראַטעגישע באַזע פון די אונטערצינדער

אינעם קאַבינעט פון ברעסלאַוער פּאָליציי־פּרעזידענט געפינט זיך אַ גרויס פאָטאָגראַפיש בילד אין אַ ראַמל. אַפן בילד איז פאָטאָגראַפירט אַ גרופּע פון 5 יונגעלייט. די דאָזיקע יונגעלייט האָבן זומער 1932 דערמאָרדעט אינעם שלע־זיער דאָרף פּאָטעמפּאַ אַ פּוילישן ארבעטער, דערמאָרדעט אים אַף אַזאַ כאַיעשן אויפן, וואָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אין דער גאַנצער געשיכטע פון קרימי־נעלע פאַרברעכנס. דער געריכט האָט צוגעמישפּעט די מערדער צו טויט־שטראָף. דער רייכסקאַנצלער פּאַפּען האָט זיך דערשלאָגן, אַז מען זאָל זיי באַגנאַדיקן, דער רייכסקאַנצלער היטלער האָט זיי ארויסגעלאָזט אַף דער פריי. זייער פאָטאָגראַ־פיע שטייט באַם ברעסלאַוער פּאָליציי־פּרעזידענט אַפן שרייבטיש.

זיי פאַרשטייען זיך זייער גוט איינע די אַנדערע — דער פּאָטעמפּער מער־דער און דער פּאָליציי־פּרעזידענט עדמונד היינעס! אים האָט מען אויך פאַר־מישפּעט פאַר אַ מאָרד צו טויט־שטראָף, אים האָט מען אויך באַגנאַדיקט, ער איז אויך ניט קיין לאַנגע צייט געזעסן אין טורמע. דער אָבערלייטענאַנט היינעס פאַרנעמט אַ הויכע לאַגע אין היטלערס „דריטער אימפּעריע". ער איז אַן אָנפי־רער פון די שטורעם־אָפּטיילונגען צוגלייך מיט גערינגן און דעם גענעראַל פאָן עפּ. דר. אָבערפאָרען האָט דערוויזן אין זיין מעמאָראַנדום, אַז היינעס איז גע־ווען דער עלטסטער פון דער אָפּטיילונג, וואָס האָט אונטערגעצונדן דעם רייכסטאַג. אָבערפאָרען שרייבט אין זיין מעמאָראַנדום:

„דערוויל זיינען דעם הער גערינגס אַגענטן, אונטער דער אָנפירונג פונעם רייכסטאַג־דעפּוטאַט היינעס, דעם הויפּט פון די שלעזיער שטור־מאָוויקעס, דורכגעגאַנגען דורך די אונטערערדישע קאָרידאָרן פון דער צענ־טראַלער באַהייצונג און דעם אונטערערדישן גאַנג פון פּאַלאַץ פונעם רייכס־טאַג־פּאָרזיצער צו דער רייכסטאַג־געביידע. יעדן איינעם פון די עלטסטע פון די שטורעם־אָפּטיילונגען, וואָס מען האָט ספּעציעל אָפּגעקליבן פאַר דעם ציל, האָט מען געגעבן אָנגעוויזן דעם אָרט פון זיין „ארבעט". מיט אַ

טאָג פריער איז איינגעאָרדנט געוואָרן א גענעראַלע רעפּעטיציע. וואַן דער ליובע איז געגאַנגען דער פינפטער אָדער דער זעקסטער. ווען מען האָט סיגנאַליזירט פונעם באַאָבאַכטונגס־פּאָסט, אַז אַלץ איז בעשאָלעם, האָבן זיך די אונטערצינדער גענומען פאַר דער ארבעט. די ארבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין עטלעכע מינוט. מיט דעם זעלבן וועג, דורכוואַנגען זיי זייַנען געקומען, האָבן די אונטערצינדער נאָך דער ארבעט, אומגעקערט זיך צוריק. אין דער רייכסטאַג־געביידע איז געבליבן בלויז וואַן דער ליובע".

דר. אָבערפאָרענס מיטיילונג, אַז היינעס האָט געפירט די אונטערצינדער־קאָלאָנע, באַשטעטיקן אויך אַנדערע אינפאָרמירטע מענטשן. אין די לעצטע מיט־טיילונגען, וואָס דר. בעל האָט געמאַכט זיינע פריינט, האָט ער, צווישן אַנדערן, באַשטימט געמאָלדן, אַז די אָנפירונג פון דער אונטערצינדער־קאָלאָנע האָט זיך געפונען אין היינעסעס הענט.

היינעס, קאָן מען זאָגן, איז געבוירן פאַר „אַזאַ ארבעט". דאָס איז א נאַ־טור פון א לאַנד־קנעכט: ער דערמאָרדעט לויט א באַפעל, ער שיסט לויט א באַ־פעל, ער צינדט אונטער לויט א באַפעל.

די סטראַטעגישע באַזע פון די אונטערצינדער

קעדיי פעסטשטעלן אָף זיכער די שולד פון די פאַשיסטן אין דער רייכסטאַג־סרייפע, וואָלטן געווען גענוג די אויפגעדעקטע ווידערשפּרוכן אין זייערע אָפיציע־לע מיטיילונגען, וואָלטן געווען גענוג די דעמאַסקירונגען, וואָס מיר האָבן גע־בראַכט. אָבער ווען די דאָזיקע באַווייזן וואָלטן אפילו ניט געווען, ווען געריכטס אַנגענטן וואָלטן פּאָרזיכטיקער צוגעגרייט די פּראָוואָקאַציע, וואָלט נאָך אַלץ גע־בליבן דער וויכטיקסטער, באַשליסנדיקער באַווייז, אַז דעם רייכסטאַג האָבן אונטערגעצונדן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן.

דעם 1־טן מערץ 1933 יאָר האָט די „פאָסישע צייטונג" מיטגעטיילט פון רעגירונגס־קוועלן:

„ווי מען טיילט אונז מיט, זיינען פאַראַן זיכערע באַווייזן, אַז דער פאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פראַקציע פון רייכסטאַג, דער דעפּוטאַט טאָרגלער, איז אין פאַרלויף פון עטלעכע שאָ געבליבן אין דער רייכסטאַג־געביידע אין דער געזעלשאַפט פון די אונטערצינדער און אַז מע האָט אים אויך געזען צוזאַמען מיט אַנדערע אָנטיילנעמער אין דער סרייפע. מען זאָגט, אַז די איבעריקע פאַרברעכער האָבן געקענט אַנטרינען דורך די אונטערערדישע גענג פון דער צענטראַלער באַהייצונג, וואָס פאַרייניקט די רייכסטאַג־געביידע מיטן הויז פונעם רייכסטאַג־פּאָרזיצער".

ווי עס איז צו זען פון דער צייכענונג, עקזיסטירט ווירקלעך אַן אונטער־ערדישער גאַנג, וואָס פירט פון דער רייכסטאַג־געביידע צום הויז פונעם רייכסטאַג־פּאָרזיצער. דער באַלעבאָס און דער אייגנטימער פונעם דאָזיקן הויז, וואָס צו

אים פירט דער אונטערערדישער גאנג, איז אינעם מאָמענט פון דער רייכסטאַג־סרייפע געווען הערמאַן גערינג. ער וואוינט אינעם הויז, וואָס דורך אים זיינען, לויט זיינע אייגענע ווערטער, אנטרונען די אונטערצינדער.

הערמאַן גערינג איז ניט נאָר פּרייסישער מיניסטער־פּרעזידענט, פּאָליציי־מיניסטער און רייכסטאַג־פּאָרזיצער. הערמאַן גערינג איז אין דער זעלבער צייט דער אָנפירער פון די שטורעם־אָפּטיילונגען. אין זיין רעשוס געפינט זיך איינע פון די ספּעציעלע בריגאַדעס, די בריגאַדע „ג״. זיין הויז ווערט שטענדיק באַוואכט פון א שטאַב־וואך, וואָס באַשטייט אַמווייניקסטנס פון 30 מענטשן.

ווי די אָפיציעלע „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ״ האָט מיטגעטיילט, האָט זיך געפאָדערט אַמווייניקסטנס 7 מענטשן אַף אריבערטראָגן אין רייכסטאַג די ברען־מאַטעריאַלן פאר דער אונטערצינדונג, און אין דער אונטערצינדונג גופא האָבן אָנטייל גענומען 10 מענטשן. אלזאָ, אויב מע זאָל ארויסגיין פון די דאָזיקע אָפּיציעלע אָנגאַבן, האָבן אין דער אונטערצינדונג גענומען א דירעקטן אָנטייל ניט ווייניקער ווי 10 מענטשן.

מען קאָן זיכער האַלטן, אז די ברענמאַטעריאַלן זיינען פאַנאַנדערגעלייגט געוואָרן אין די סאַמע פארשידנסטע טיילן פון דער געביידע. אַנדערש איז אוממעגלעך צו דערקלערן אָט די שנעלקייט, מיט וועלכער דאָס פייער האָט זיך פארשפּרייט אין דער דאָזיקער קאָלאָסאַלער געביידע. אָט די דאָזיקע גרויסע צאָל סרייפע־נעסטן האָט געפאָדערט א גרויסע צאָל ברען־מאַטעריאַלן. די ברען־מאַטעריאַלן האָבן געדאַרפט וועגן עטלעכע צענטנערס. דער עלטסטער בראַנדמאַיאָר געמפּס האָט אין דער טעכנישער מיטיילונג, וואָס ער האָט געמאַכט די בראַנדמאַיאָרן און פייערלעשער־אינספּעקטאָרס, דערקלערט, אז נאָך דער סרייפע האָט ער נאָך געפונען א גרויסע צאָל ניט פארברענטע ברען־מאַטעריאַלן, און אַף אריבערפירן זיי האָט זיך געפאָדערט א פּראַכט־אויטאָמאָביל. אָט די דערקלערונג געמפּס באַשטעטיקט די האַשאָרע, אז די אונטערצינדער האָבן געבראַכט אין רייכסטאַג זייער פיל ברענמאַטעריאַלן.

ווי אזוי האָט מען דורכגעטראָגן אין רייכסטאַג די ברען־מאַטעריאַלן

אין אָנהויב קאַפּיטל האָבן מיר באַקאַנט די לייענער מיט די שוועריקייטן, וואָס א באַזוכער האָט אויסצושטיין, ביז וואַנען ער פאַלט אריין אין רייכסטאַג. דער ארייַנגאַנג אין רייכסטאַג איז פאר באַזוכער געווען אָפן בלויז דורך דער ארייַנגאַנג־טיר נומ. 5. דעם באַזוכער קומט אויס צו האָבן צו טאָן מיט א רייע רייכסטאַג־באַאַמטע. צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אז פאר די דאָזיקע באַאַמטע אין די אויגן זאָלן 7—10 מענטשן ברענגען אין רייכסטאַג גאַנצע צענטנערס ברען־מאַטעריאַלן און דאָס זאָל זיך קיינעם פון די באַאַמטע ניט ווארפן אין די אויגן? אפילו דער סאַמע פניעסדיקער מענטש מוז אָנערקענען, אז קיין שום אונטערצינדער, קיין שום אונטערצינדער־גרופּע, וואָלט זיך ניט דערוועגט דורכצוטראָגן ברענמאַטעריאַלן דורך דער ארייַנגאַנג־טיר נומ. 5.

פונקט אזוי האַלט עס אויך מיטן דעפּוטאַטישן אַריינגאַנג — מיט דער אַריינגאַנג־טיר נומ. 2. דער דורכגאַנג ווערט דאָ דערלויבט בלויז פאַר רייכסטאַג־דעפּוטאַטן. די השערה, אַז רייכסטאַג־דעפּוטאַטן זאָלן פאַר די באַאַמטע אין די אויגן, וואָס דערזשורירן באַ דער אַריינגאַנג־טיר נומ. 2 אַדורכטראָגן צענטנערס ברענמאַטעריאַלן אין רייכסטאַג, איז ניט ווייניקער אַבסורדיש ווי דאָס, אַז דעם דאָזיקן מאַטעריאַל האָט מען דורכגעטראָגן דורך דער אַריינגאַנג־טיר נומ. 5.

אַלזאָ, די אונטערצינדער האָבן געמוזט אויסקלויבן אַן אַנדער וועג, אַ געהיימען וועג, אַזאַ, וואָס זאָל זיי דערלויבן אַריינדרינגען אין רייכסטאַג אומבאַמערקט מיצאַד דעם דערזשורנעם פּערסאָנאַל און צושטעלן די ברענמאַטעריאַלן צום אַנטשפּרעכנדיקן אָרט. אין רייכסטאַג עקזיסטירט בלויז איינאיינציקער געהיימער וועג. דאָס איז דער אונטערערדישער גאַנג, וואָס פאַרייניקט דאָס הויז פונעם רייכסטאַג־פּאַרזיצער מיט דער רייכסטאַג־געביידע. אָט דער אונטערערדישער גאַנג איז געווען דער סטראַטעגישער וועג, מיט וועלכן עס האָט זיך באַנוצט די אונטערצינדער־קאָלאָנע.

קעדיי אויסצונוצן דעם אונטערערדישן גאַנג אין רייכסטאַג האָט מען פריער געדאַרפט דורכגיין דורך גערינגס הויז. דערצו האָט מען געדאַרפט דורכגיין דורך דער שטאַבוואַך, וואָס האָט קעסיידער באַוואַכט גערינגס הויז. אַכוץ דעם איז דערבײַ פאַראַן אַ געפאַר באַמערקט צו ווערן פון וועמען־עס־איז פון די איינוואוינער פון גערינגס הויז.

צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז קאָמוניסטן זאָלן דורכגיין דורך גערינגס הויז צום אונטערערדישן גאַנג און דערבײַ זאָל זיי די וואַך (30 מענטשן!) ניט פאַרהאַלטן און ניט אַרעסטירן? צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז די קאָמוניסטן זאָלן דורכטראָגן דורך גערינגס הויז צענטנערס ברענמאַטעריאַלן און דערבײַ זאָל זיי די וואַך ניט פאַרהאַלטן און ניט אַרעסטירן? צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז די קאָמוניסטן זאָלן אַנטלויפן דורך גערינגס הויז?

דאָס איז אומעגלעך. יעדער קאָמוניסט, וואָס וואָלט אין די פעברואַר־טעג געפּרוווט אַריינדרינגען אין גערינגס הויז, וואָלט, אָן צווייפל, אַרעסטירט געוואָרן.

פאַר די קאָמוניסטן איז געווען אומעגלעך אַריינצודרינגען אין רייכסטאַג דורך גערינגס הויז און דורכן אונטערערדישן גאַנג. איז פאַר וועמען־זשע איז דאָס יאָ מעגלעך געווען?

בלויז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע לידערס האָבן געקאָנט דורכגיין דורך גערינגס הויז, ניט דערוועקנדיק צו זיך קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, ניט אַרויסרופנדיק באַ דער וואַך קיין שאָטן פאַרדאַכט. אינעם דאָזיקן הויז פלעגן פאָרקומען פילצאָליקע באַראַטונגען צווישן גערינגן און דעם פּאַרטייאישן אויבער־קעפּל פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. קיין איינעם פון די שטורמאָוויקעס האָט גאָרניט געקענט איינפאַלן, ער זאָל פאַרהאַלטן מענטשן, וואָס פאַרנעמען הויכע פּאָסטנס אין זיין פּאַרטיי און וועמען ער האָט אָפט געזען אַלס באַזוכער פון גערינגס הויז. זיי האָבן ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן. זיי האָבן געקאָנט

דער מיטעלער טייל פונעם קעלער — קווערשניט אין דער ריכטונג פון מיירעוו אַף מיזרעך





דער אַלגעמיינער פּלאַן

אומגעשטערט אריינגיין און ארויסגיין פונעם הויז. באזונדערס איז דאָס שייך צו דעם העכערן אָנפירנדיקן באשטאַנד פון די שטורעם־אָפּטיילונגען; אלס „נאַטשאַלסטווע" פון דער וואך איז זיי געווען געזיכערט די פולע פרייהייט אין גערינגס הויז. זיי האָבן געקאָנט אָן שום שוועריקייטן דורכטראָגן אין גערינגס הויז קלענערע פּעקלעך ברען־מאַטעריאַלן, קיינער וואָלט דאָס ניט באַמערקט. בא דער וואך וואָלט ניט ארויסגערופן קיין פארדאכט, ווען מען וואָלט אפילע אונטערן אויסזען פון דאָקומענטן און געווער אריבערגעשלעפּט אינעם הויז־קעלער גאנצע קאסטנס (געווער־טראַנספּאָרטן זיינען צו יענער צייט אומעטום געווען א געוויינלעכע זאך בא די פאשיסטן).

גערינגס הויז איז געווען דער שליסל פון די פּאָזיציעס פאר אָנפאַלן אפן רייכסטאַג. ווער עס האָט געהאַט אין זיינע הענט גערינגס הויז, דער האָט געקענט פאַרנעמען קעגן דער רייכסטאַג־געביידע אלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. גערינגס הויז איז געווען דער פעסטונגס־פּונקט, וואָס פון אים איז די אונטערצינדער־קאָלאָנע אוועק אין שטורעם. אין גערינגס הויז האָט די קאָלאָנע געהאַט אירע ברען־מאַטעריאַלן. דאָס דאָזיקע הויז איז געווען א זיכער אָרט, וואו די אונטערצינדער האָבן זיך געקאָנט באהאַלטן נאָכן פארברעכן.

די אונטערצינדער־קאָלאָנע

מיר האָבן שוין אויבן גערעדט וועגן דעם, אז בלויז די אָנפירער פון די שטורעם־אָפּטיילונגען האָבן געקאָנט אריינדרינגען אין גערינגס הויז, ניט דערוועקנדיק צו זיך קיין פארדאכט. אָבערפאָרען רעדט אויך אין זיין מעמאָראַנדום וועגן אָפּגעקליבענע עלטסטע פון שטורעם־אָפּטיילונגען און ספּעציעלע אָפּטיילונגען. עס איז קלאָר, אז די אָנפירונג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט פארפאַסט דעם פּלאַן פון דער רייכסטאַג־סרייפע און האָט אָרגאַניזירט די אונטערצינדונג גופא, איז אויף אַלע אופאַנים געווען פאראינטערעסירט אין דעם, אז אויספילן דעם פּלאַן זאָל מען באַאויפטראָגן די זיכערסטע פון אירע פּרעטאָריאַנער. געבעלס און גערינג האָבן ניט געקאָנט פארלאָזן זיך אף געוויינלעכע שטורמאָוויקעס. זיי האָבן ניט געקאָנט זיין זיכער, אז א וועלכער ניט איז אומצופרידענער שטורמאָוויק זאָל ניט ארויסגעבן די ווירקלעכע אונטערצינדער. מען האָט געמוזט זוכן געהילפן אין די רייען פון די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־טוער. מע האָט גענדארפט געפינען מענטשן, וואָס זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן פאר קיין שום פארברעכן, וואָס זאָל זיין אזוי ענג פארבונדן אין א גאנצער ריי געמיינזאַמע פארברעכנס מיטן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אויבערקעפּל, אז מען זאָל ניט דארפן מוירע האָבן פאר פאַראַט. אינעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אויבערקעפּל זיינען פאַראַן אסאך אזעלכע, וואָס אָנטשפּרעכן דער דאָזיקער פאָדערונג. אין זיינע רייען געפינען זיך מערדער פון אזא טיפּ ווי דער אָבערליייטענאַנט היינעס און קאופמאן, דעמאָראַליזירטע אַריסטאָקראַטן־דעגענעראַטן, ווי דער גראַף העלדאָרף. פון אזא מענטשן־אסאָרטימענט, וואָס זיינען אף לעבן און טויט פארבונדן מיטן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן אויבערקעפּל, האָט מען אָפּגעקליבן דעם באַ־



אין יאָר 1886 האָט די טשיקאגער פּאָליציי אינסצענירט אַן אטענטאט פון באָמביסטן, בעאיים וועלכן עס זיינען אומגעקומען אסאך מענטשן. די באַשולדיקונג איז ליגנדיש ארויסגערוקט געוואָרן קעגן 5 רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, וועלכע מען האָט געהאנגען. ערשט אין 7 יאָר ארום האָט מען פעסטגעשטעלט די ווירקלעכע שולדיקע פונעם אַטענטאַט און דאן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי דינען אין דער פּאָליציי. דער דאָזיקער אטענטאַט איז אויך דורכגעפירט געוואָרן מיטן ציל, קעדיי האָבן אַן אויסרייד פאר א ברוטאַלער פארפאָלגונג פון דער ארבעטער־באוועגונג.

שטאַנד פון דער אונטערצינדער־קאָלאָנע. אָנצופירן מיט דער קאָלאָנע האָט מען באַאויפטראַגט, ווי מיר ווייסן שוין פון אָבערפּאָרענס מיטיילונגען, היינעסן, דעם מערדער, דעם אורטייל־אויספירער פון די געהיימע פאַשיסטישע טריבונאַלן. זיין ערשטער געהילף איז געווען פונקט אזא פאַרביסענער מערדער — שוליץ; אונטער זיין קאָמאַנדע האָט „געאַרבעט" דער אָנפירער פון די בערלינער שטורעם־אָפּטיילונגען — גראַף העלדאָרף.

ווי אזוי איז פאָרגעקומען די אונטערצינדונג?

די סכעמאַטישע צייכענונג, וואָס מיר ברענגען וויטער האָט געמאַכט א קרימינאַליסט און זי באַווייזט די ערשטע פאַזע פון דער אונטערצינדונג. די קאָלאָנע האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין גערינגס הויז. היינעס, שוליץ, העלדאָרף און אַנדערע האָבן געקאָנט אומגעשטערט דורכגיין פאַרביי דער וואַך, וועמען זיי זיינען געווען באַוואוסט אַלס אָנפירער פון שטורעם־אָפּטיילונגען. וואַן דער ליובע איז וואַרשיינלעך אריין אין גערינגס הויז צוזאַמען מיט גראַף העלדאָרף.

די ערשטע אויפגאַבע, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער קאָלאָנע, איז געווען טראַנספּאָרטירן דעם ברען־מאַטעריאַל. דערצו האָבן די אונטערצינדער אויסגענוצט דעם אונטערערדישן גאַנג, וואָס פירט פון גערינגס הויז אין רייכסטאַג. עס איז צו גלויבן, אז אַט דעם וועג איז זיי אויסגעקומען דורכצומאַכן עטלעכע מאָל. די אַרבעט האָבן זיי אָנגעהויבן לויטן אָפּגערעדטן סיגנאַל, וואָס האָט צו ווייזן געגעבן, אז די לעצטע דעפּוטאַטן זיינען אוועק פון רייכסטאַג. די געפאַר, אז די דעזשורנע רייכסטאַג־באַאַמטע זאָלן זיי אַנטדעקן, איז אָפּגעפאַלן, ווייל דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער געביידע־אויפזעער האָט זיי פאַר דער צייט אָפּגעשיקט אהיים. אַף פאַנאַנדערלייגן דעם ברענמאַטעריאַל אין די פאַרשידענע ערטער, אַף באַגיסן די לייכט־אויפפלאַמענדיקע מיט נאַפט, בענזין א. ד. גל. האָט געדאַרפט אוועקגיין א מער־ווייניקער דויערנדיקע צייט, אמווייניקסטן א מינוט 20. דערנאָך האָט מען אונטערגעצונדן די סרייפע־נעסטן.

אין די ערשטע מיטיילונגען פון דער פּאָליציי און פון דער פייערלעשער־קאָמאַנדע האָט זיך גערעדט וועגן 7—10 אונטערצינדער און וועגן פיל סרייפע־נעסטן. קיין איין מענטש אין דייטשלאַנד האָט נישט געגלייבט, אז די אונטערצינדער זיינען אריינגעדרונגען אין רייכסטאַג און זיינען אַנטלאָפן פון אים מיט א געוויינלעכן וועג. האָט זיך געשטעלט די פראַגע: און ווי אזוי זיינען די אונטערצינדער אוועק פונעם רייכסטאַג? דאָס קלענסטע אומפּאָרזיכטיקע וואָרט פון די פייערלעשער, פּאָליציי־לייט אָדער א מיטיילונג אין די צייטונגען האָט געקאָנט מאַכן א דערשיטערנדיקן איינדרוק. גערינג האָט זיך געפינען אין א ביז גאָר שווערער לאַגע. ער האָט אויסגענוצט דעם אַלטן מעטאָד. איידער ווער עס איז אַן אַנדערער וועט נעמען זאָגן, אז די אונטערצינדער זיינען אַנטלאָפן דורך דעם אונטערערדישן גאַנג, האָט ער באַשלאָסן אליין צו זאָגן דאָס. ער האָט אזוי אַרום געוואָלט פאַרירן דעם קלאַפּ, וואָס האָט אים געדראָט. ער האָט געוואָלט אַרויסשטעלן אין אַן אומשולדיקן אויסזען דעם אומשטאַנד, וואָס איז געווען ביז גאָר פאַר־

סכעמאַטישע צייכענונג, וואָס שילדערט די רייכסטאג־סרייפע, צונויפגע־ שטעלט לויט די אָנווייזונגען פון א קרימינאליסט און לויט אָפיציעלע יעדיעס

1 — גערינגס הויז. 2 — אונטערערדישער גאנג פון גערינגס הויז אין דער רייכסטאַג־ געביידע. 3 — דער זיצונגס־זאל פון רייכסטאַג. 4 און 5 — די וואך פון גערינגס הויז.



1־טע פאזע. פון דער סכעמע איז צו זען, ווי אזוי די אונטערצינדער גייען מיטן אונטערערדישן גאנג אין רייכסטאַג.



2־טע פאזע. די אונטערצינדער בא דער „ארבעט".

דעכטיק. גערינג האָט אַליין ארויסגעזאָגט זיך אין דעם זין, אַז די אונטערצינדער זיינען פאַרשוואונדן דורך דעם אונטערערדישן גאַנג. ער האָט דערנאָך ביטער באַדויערט די דאָזיקע ווערטער זיינע. דער פּאַרטעל איז ניט געלונגען. שפּעטער האָט מען קיינמאָל ניט דערמאָנט וועגן דעם אונטערערדישן גאַנג צו גערינגס הויז, ניט אין רעדעס פון די מיניסטאָרן, ניט אין די אָפיציעלע מיטיילונגען. מען האָט באַשלאָסן פאַרגעסן גערינגס ווערטער.

אָבער מיר האָבן זיי ניט פאַרגעסן. יאָ, די אונטערצינדער זיינען פאַרשוואונדן דורכן אונטערערדישן גאַנג, אָבער זיי האָבן זיך מיט אים געקאָנט באַנוצן בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואוסט וואוהין ער פירט: אין גערינגס הויז. גערינגס הויז האָט פאַר זיי באַטייט געפאַרלאָזיקייט. די אָפיציעלע „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ" האָט דעם 28־טן פעברואַר געשריבן, אַז די פאַרברעכער האָבן געדאַרפט געגעוי קענען די געגנט. איז וועמען, אויב ניט דעם רייכסטאַג־פּאַרזיצערס, גערינגס, פּריינט איז געווען לייכטער פון אַלץ באַקענען זיך מיט דער דיסלאָקאַציע, אויספאָרשן און דערלערנען מיט אַלע דעטאַלן דעם דאָזיקן אונטערערדישן גאַנג? גערינג איז געווען באַלעבאָס אין רייכסטאַג. באַנוצנדיק זיך מיט די פּלענער, האָט ער געקאָנט באַקענען זיינע פּריינט מיט יערן ווינקעלע פון רייכסטאַג. ער איז געווען באַלעבאָס אינעם פּאַלאַץ פונעם רייכסטאַג־פּאַרזיצער. ער האָט געקאָנט באַ זיך אויפנעמען זיינע פּריינט, ער האָט געקאָנט איינאָרדענען ביי זיך אין הויז אַ געהיימען לאַגער פון ברען־מאַטעריאַלן. ער איז געווען פּרייסישער אינערן־מיניסטער, ער האָט באַזעסן די פּאָליציי־מאַכט אין גאַנץ פּרייסן. אין זיינע הענט זיינען געווען פאַרייניקט אַלע מעגלעכקייטן אויף צוצוגרייטן די רייכסטאַג־סרייפע.

וואַן דער ליובע אינעם ברענענדיקן רייכסטאַג

די „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ" האָט זיך געפּרואווט פאַרשיטן די אויגן דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, אַז וואַן דער ליובע האָט ניט געקאָנט אַנטלויפן, ווייל ער האָט אַבסאָלוט ניט געוואוסט די רייכסטאַג־טאָפּאָגראַפיע. אַלע אַנדערע מיט־העלפער וואַן דער ליובעס זיינען לויט די אָנגאַבן פון דער „פּרייסישער פּרעסע־ביוראָ" און גערינג געווען באַקאַנט מיט דער דיסלאָקאַציע. ביי זיי האָט קיין באַ־טרעף ניט געהאַט נעמען מיט זיך וואַן דער ליובען און „ראַטעווען" אים. אָבער וואַן דער ליובע האָט ניט געדאַרפט „געראַטעוועט" ווערן. די האָמאָסעקסועלע פירער פון די שטורמאָוויקעס, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער אונטערצינדער־קאָ־לאָנע, האָבן רעקאָמענדירט וואַן דער ליובען אַלס געוועזענעם פאַרברעכן. וואַן דער ליובע האָט באַ דער אונטערצינדונג געדאַרפט רעפּרעזענטירן אין זיין פּער־זאָן דעם קאָמוניזם. אָט דאָס ערגייציקע, האַלב־בלינדע געווער פון פרעמדן ווילן איז לייכט געווען אַריינצוקלאַפּן אין קאָפּ, אַז ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר דער „גרויסער ראָלע". וואַן דער ליובע האָט געדאַרפט בלייבן אינעם ברענענדיקן רייכסטאַג, און געלאָזן האָט מען אים דאָ דערפאַר, ווייל ער איז געווען די איינ־ציקע „דעמאַסקירונג" קעגן די קאָמוניסטן.

וואַן דער ליובע האָט אָפּגעשפּילט זיין ראָלע, ווי ער האָט געקענט. ער האָט

זיך געלאָזן ארעסטירן אין ברענענדיקן רייכסטאַג, ער האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס העמד און די קורטקע, קעדיי צו געבן אן עכט בילד פון א „קאָמוניסטישן אונטערצינדער". ער האָט זיך מוידע געווען אינעם אונטערצינדן דעם רייכסטאַג, ער האָט זיך מוידע געווען אין אלע אונטערצינדונגען, ווי מען האָט בא אים געפאָדערט: אין נייקעלנער אָפּטיילונג פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, — אינעם בערלינער ראטהויז, אינעם בערלינער פּאלאַץ. וואן דער ליובע וועט אויך ווייטער דארפן מוידע זיין זיך אין אלץ, וואָס נאָר עס וועלן בא אים פאָדערן זיינע באַשטעלער. ער וועט געבן די אלע באווייזן קעגן טאָרגלערן, וואָס די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַשטעלער וועלן אים פאַרשרייבן, ער וועט איידעס זאָגן קעגן דימיטראָוון אלץ, וואָס זיי וועלן וועלן. ער וועט איידעס זאָגן קעגן יעדן איינעם, וועמען זיינע פריינט, די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן ווילן פאַרניכטן. ער וועט באהאַלטן יעדן איינעם, וועמען זיי ווילן פאַרטיידיקן.

הערמאַן גערינג

אלע אנערקענונגען וואן דער ליובעס האָבן פונדעסטוועגן ניט געשטערט, אז די צווייטע אויפגאַבע, וואָס מען האָט אף אים ארויפגעלייגט, זאָל זיך ענדיקן מיט א פולשטענדיקן דורכפאַל. די דאָזיקע אויפגאַבע איז באַשטאַנען דערין, אז ער זאָל מיט זיין ארויסטרעטונג, מיט זיינע דינסטפאַרטיקע אָנערקענונגען פאַרדעקן פון די אויגן פון דער וועלט די ווירקלעכע אונטערצינדער. דערצו האָט זיך וואן דער ליובעס פיגור ארויסגעוויזן פאַר צו קליינלעך, זיין ראָלע איז געווען א צו דורכזיכטיקע. די וועלט האָט צעקייט די גענאַרעריי, זי האָט פאַרשטאַנען, ווער עס באהאלט זיך הינטער דער דאָזיקער פיגור. זי האָט הינטער איר דערזען, הערמאַן גערינג, דעם אָנפירער פון די שטורעם־אָפּטיילונגען, דעם מיניסטער פון דער דייטשישער רעפּובליק, דעם פּרייסישן מיניסטער־פּרעזידענט און אינערן־מיניסטער, דעם פּאָרזיצער פון דייטשישן רייכסטאַג.

קאַפּיטאַן גערינג האָט אינעם אינפאָרמאַציע־בוך פון רייכסטאַג געגעבן אונז זיין ביאָגראַפיע. דאָס איז די געשיכטע פון זיינע אָרדענס. אינעם לעבן פונעם דאָזיקן מענטשן איז ווי גאָרנישט ניט פאָרגעקומען אויסער דאָס, וואָס מען האָט אים געהאַלטן אין איין באַשענקען מיט אָרדענס. אפילע זיינע נאָענטסטע פריינט — אויך געוועזענע אָפיצירן, ווי ער — האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דערמאַנען וועגן זייערע אָרדענס אין די ביאָגראַפיעס, וואָס זיינען געדרוקט אינעם אינפאָרמאַציע־בוך פון רייכסטאַג. איין הערמאַן גערינג רעכנט אויס אלע אָרדענס ביז איינעם.

קאַפּיטאַן גערינג איז געבוירן דעם 12־טן יאנואר 1893 יאָר אין ראָזענהיים, אין בייערן. אפילע ווען מיר וואָלטן דאָס ניט געוואוסט פון זיין ביאָגראַפיע, וואָלט מען קיין איין מינוט ניט געקענט צווייפלען דערין, אז ער האָט זיך דערצויגן אין קאַדעטישן קאָרפּוס.

גערינגס „ביאָגראַפן" האָבן ליב צו דערציילן וועגן זיינע העלדנטאַטן אלס לופט־פליער בעסיים דער וועלט־מילכאָמע. זיי פאַרגעסן צוצוגעבן, אז איידער ער פלעגט זיך לאָזן פליען, פלעגט ער זיך פריער פאַרשיקערן מיט מאָרפי. דער

שפּריץ פאַר מאָרפי־איינאַינפּונגען איז געווען זיין שטענדיקער באַגלייטער און ער איז מיט אים געבליבן ביז היינטיקן טאָג.

Hermann Wilhelm Göring
(Nationalsoz. Deutsche Arbeiterpartei).

Hauptm. a. D., z. Zt. Schriftst., Flugzeugf. in Bayrischzell. Geb. 12. 1. 1893 in Rosenheim (Oberbay.), ev. Gymn., Kadettenk., Ltn. i. Inf.-Regt. 112, Mülhausen. Bei Kriegsausbr. Batl.-Adjut., Okt. 1914 Flieger. Zul. Kommand. d. Jagdgeschw. „Freiherr v. Richthofen". Absch. als Hauptm. 1919 Flieg. u. Berater im Flugw. in Dänemark. — 1920 b. 1921 Flugchef bei Svenska Lufttraf. 1922/23 Univ. München, 1924/25 Stud. in Rom. 1925/26 in Stockholm Schriftstell., 1927 in Dtschld. P. l. mérite, Ritterkr. Hohenz. m. Schwert., E. K. I. u. II. Kl., Ritterkr. Milit. Karl-Friedr.-Ord. (Bad.), Zähr. Löwen m. Eichenl. u. Schwert. usw. — M. d. R. f. 1928.

גערינגס ביאָגראַפיע אינעם אינפאָרמאַציע־בוך פון רייכסטאָג.

גערינגס „ביאָגראַפן" דערציילן, אז אין די יאָרן 1924—1925 האָט ער גע־וואוינט אין רוים. זיי פאַרגעסן צוצוגעבן, אז ער איז אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד אין 1923 יאָר, ווען היטלערס פּוטש האָט זיך געענדיקט מיט א דורכפאַל. דער „העלד פון דער וועלט־מילכאָמע", דער מענטש, וואָס האָט „געשטורעמט די וואָל־קנס", האָט דעזערטירט, ווען אים האָט גענדראָט צו זיצן עטלעכע כאָדאָשים אין פעסטונג. אים האָט ניט גענדראָט קיין טויט, ווי די אַרבעטער־פירער, וועלכע קעמ־פן קעגן היטלערס פאַשיזם אין דייטשלאַנד און אין אויסלאַנד, ריזיקירנדיק מיט זייערע לעבן. גערינג איז אַנטלאָפן פון אַן אומבאַדייטנדיקער שטראָף.

זיינע „ביאָגראַפן" טיילן מיט, אז אין די יאָרן 1925—1926 האָט גערינג געוואוינט אין סטאָקהאָלם און האָט געדינט בא איינער אַן אוויאַציע־פירמע. זיי לאָזן דערביי דורך איין קלייניקייט — זיי פאַרגעסן צוצוגעבן, אז לויט די אָפי־ציעלע אָנגאַבן פון דער סטאָקהאָלמער פּאָליציי האָט ער זיך אין 1925 יאָר אויפ־געהאַלטן אין א מעשוגאָאים־הויז אין לאַנגבראָ, ווייל דער דאָקטאָר האָט אויס־געפונען, אז ער איז מעשוגע. שפּעטער האָט מען אים אַריינגעלייגט אין קאָנ־ראַדסבערגער שפּיטאָל לעבן סטאָקהאָלם, אָבער צוליב זיין ווילדער אויפירונג, איז אויסגעקומען איבערפירן אים צוריק אין לאַנגבראָ און האַלטן אים דאָרטן פאַרשפּאַרט. אין פּריוואַטע אַנשטאַלטן האָט מען אים מער ניט געקענט האַלטן, ווייל דער פּערסאָנאַל האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצופּאַסן אויף אים. אין לאַנגבראָ פלעגט מיט אים אויך טרעפן אַזעלכע מעשוגאָאים־אַטאַקעס, אז עס פלעגט אויס־קומען אַריבערצופירן אים אין דער אָפּטיילונג פאַר באַזונדערס ווילדע מעשוגאָאים.

גערינגס אַלע האַקכאָשעס און אַלע פּראָצעסן, וואָס ער פירט מיט דער הילף פון דער שוועדישער רעגירונג קעגן די צייטונגען, וואָס האָבן וועגן אים אָפּגע־דרוקט די דאָזיקע ידיעס, וועלן זיין אומזיסט. דאָס „ברוינע בוך" ברענגט

דאָקומענטאַלע באַווייזן, אַז גערינג האָט זיך אויפגעהאַלטן אין מעשוגאָאים־הויז.

גערינגס „ביאָגראַפן" האָבן ליב צו דערציילן וועגן זיין כאַסענע מיט קאַרין פאָן פאָק. צוערשט איז זי געווען פאַרהייראַט מיטן שוועדישן קאַפּיטאַן קאַנטצאָוו. נאָכן געטן זיך האָט זיך דאָס געוועזענע פּאָרפאָלק געמישפּעט איבער דעם, ווער עס זאָל זיין דער אַפּעטראָפּעס איבער זייער זון טאָמאַס. בעאַיסן פּראָצעס, דעם 22־טן אַפּריל 1926 יאָר, האָט דאָס געריכט באַקומען דעם אויספיר פונעם גע־ריכטס־עקספּערט דר. קאַרל א. לונדבערג, וואו עס ווערט דייטלעך דערקלערט, אַז גערינג איז קראַנק אף מאָרפיניזם אין א שווערער פאָרם. אַלזאָ, גערינגס מאָר־פיניזם איז אָנערקענט דורכן געריכט. דער געריכט האָט אַרויסגעטראָגן א באַ־שלוס, אַז גערינג קאָן ניט זיין דער אַפּעטראָפּעס איבערן מינדעריאָריקן טאָמאַס, און דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט אָנערקענט דעם מאָרפיניסט גערינג צו זיין אַן אַפּעטראָפּעס איבער 60 מיליאָן דייטשן.

דעם 20־טן מערץ 1933 יאָר איז גערינג אַרויסגעטראָטן אין עסען מיט א רעדע, וואו ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „מיינע נערוון דינען נאָך מיר". מיט אָט דעם ענטפער האָט ער געהאָפט צו ווירקן אף די אויסלענדישע צייטונגען, וואָס דערציילן וועגן צושטאַנד פון זיינע נערוון, אַז זיי זאָלן אַנטשוויגן ווערן. ער האָט זיך דעמאָלט ניט גערעכנט מיט דעם, אַז עס זיינען פאַראַן דאָקומענטאַלע באַווייזן בענעגייע דעם צושטאַנד פון זיינע נערוון, פון זיין גייסטיקער צערי־דערטקייט, זיין מאָרפיניזם. מיר פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע דאָקומענטן, ניט קע־דיי אויפצודעקן סענסאַציאָנעלע דעטאַלן פון גערינגס פּריוואַטן לעבן. מיר פאַר־עפנטלעכן זיי צוליב דעם, קעדיי צו דערווייזן אין וואָס פאַר א הענט דער נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליזם האָט אָפּגעגעבן די מאַכט. דער סאַמע אָנגעזעענסטער מענטש נאָך היטלערן אין דער „דריטער אימפּעריע", הערמאַן גערינג, איז א בעפּיירע־שער מאָרפיניסט, וועמען דער שוועדישער גע־ריכט האָט אָנערקענט פאַר אומפעאיק צו זיין אַן אַפּעטראָפּעס, א מענטש, וואָס איז צוליב זיין גייסטיקער צערודערטקייט אויפגעהאַלטן געוואָרן אין אַ מעשוגאָאים־הויז.

ניט צופעליק שפּילט דער דאָזיקער גערינג אַן אָנפירנדיקע ראָלע אין דער „דריטער אימפּעריע". ער פאַרקערפּערט אין זיך די גאַנצע זאָאָלאָגישע גראָבקייט פונעם פּרייסישן אָפיצירנטום, וועלכע עס האָט, פונעם יאָר 1918 אָנגעהויבן, קעסיידער געשטרעבט צו דער מאַכט. ער פאַרקערפּערט מיט זיך דעם סאַדיזם פון די אָפיצירן, וואָס האָט זיך אין די לעצטע כאַדאָשים אויסגעדריקט אין טוי־זנטער מאָרדן און צענדליקער טויזנטער גראָבע און ברוטאַלע פּייניקונגען. ער רעפּרעזענטירט אָט די אָפיצירישע באַנדע, וואָס האָט דערהאַרגעט ראָזע לוק־סעמבורג און קאַרל ליבקנעכט, וואָס האָט אין אונגאַרן פאַרגאָסן טייכן בלוט, וואָס האָט אין פינלאַנד אויפגעשטעלט ווייסע טליעס און האָט פאַרוואַנדלט דאָס גאַנ־

צע היטלערישע דייטשלאַנד אין איין דורכאויסיקן ברווינעם געהענעם. גערינג פאַרקערפּערט אין זיך דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאָליטיק. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם רעפּרעזענטירט ניט די אַרבעטער, ניט די אָנגעשטעלטע, ניט דעם מיטלשטאַנד, — ער רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון נעם הערשנדיקן קלאַס, די אינטערעסן פון דער פירנדיקער קאַסטע. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט באַקומען די פּאָליטישע מאַכט, כדי איינצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע ווירטשאַפט־סיסטעם און פאַרטיידיקן זי קעגן דעם דראַנג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. כדי צו באַשיצן די דאָזיקע אינטערעסן, כדי צו באַשיצן די ניט אַרבעטנדיקע האַבנאַסעס, וואָס די מעלוכע גיט אים, האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם צוגעקליבן זיין העכערן באַאַמטישן פּערסאָנאַל פון די רייען פונעם געוועזענעם אָפיצירנטום, אדלטום, העכערן באַאַמטנטום. לויט אָט דעם קאַפּיטאַן גערינג, דעם זאָאָלאָגיש־גראָבן, אויף דורך און דורך פאַלשן, אויף דורך און דורך פאַבדאָנישן פאַשיסט, קאָן מען אורטיילן וועגן דעם עמעסן פּאַרצוף פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם.

אָט דער דאָזיקער קאַפּיטאַן גערינג איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער רייכסטאַג־סרייפע. זיין פּאַרטיי־כאַווער געבעלס האָט צוגעטראַכט דעם גאַנצן פּלאַן. גערינג האָט אים אויסגעפילט. אין זיינע הענט האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע מעגלעכקייטן, ער האָט פאַרמאָגט די גאַנצע מאַכט, וואָס איז דערצו נייטיק, כדי אים זיינען זיך צונויפגעגאַנגען אַלע פעדים. דער מ א ר פ י נ י ס ט ג ע ר י נ ג ה א ט א ו נ ט ע ר ג ע צ ו נ ד ן ד ע ם ר י י כ ס ט א ג.

די צעגראַמירונג
פון די לעגאַלע ארבעטער-אָרגאַניזאַציעס

איצט איז אָנגעקומען די שעה צו צעצאָלן זיך, ווען מיר דאַרפן מיט אַן אייז-קאַלטער רואיקייט מאַכן אַלע אויספירן פון דער לאַגע. מיר דאַרפן זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון דער האָפענונג, אַז די דאָזיקע צעצאָלונג זאָל זיך איבעררייסן אַף אַן אומנאַטירלעכן אופן. די רעוואָלוציע וועט בלויז דאַן זיין פאַרענדיקט, ווען עס וועט געמאַכט ווערן א סאָף מיט די נאָוועמבער-פאַרברעכער, מיט דער גאַנצער סיסטעם, מיט אָט דעם גאַנצן פעריאָד! מיר וועלן פאַרפאָלגן די דאָזיקע מענטשן האַרט ביז דער לעצטער שפּאַרונקעלע און מיר וועלן זיך ניט בארואיקן, ביז וואַנען דער גיפט וועט ניט אויסגעוואָרצלט ווערן ביזן גרונט פון אונזער פאָלקס-אָרגאַניזם.

(ה י ט ל ע ר, דעם 7-טן מאַי, 1933 י. אין קיל)

שוין אין זיין בוך „מיין קאַמף" האָט היטלער דערקלערט, אַז דער באַשליסנדיקער פּראָגראַם-פּונקט פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן איז אויסצואוואָרצלען דעם מאַרקסיזם. ער האָט געפּריידיקט טויט-סינע צו מאַרקס, ענגעלסעס, לענינס און סטאַלינס לערע, מיט בלוט און אייזן וויל ער פאַרניכטן די 80 יאָר דערפאַרונג אין געביט פון אידעאָלאָגיע און אָרגאַניזאַציע פונעם אַרבעטער-קלאַס אין דייטשלאַנד.

פאַרוואָס מ ו ז היטלערס פאַשיזם מיט אַלע קויכעס שטרעבן צו פאַרניכטן און אויסוואָרצלען דעם פּראָלעטאַריאַטס פּאָליטישע פּאַרטייען, פּראָפאַריינען, געבערויכס-פאַרבאַנדן, ספּאָרטיווע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס? ע ר ק אָ ן נ י ט ד ע ר ל אָ ז ן, אַז די פּראָלעטאַרישע פּרעסע זאָל ווייטער עקזיסטירן, ער קאָן ניט דערלאָזן קיין שטרייקן, קיין שום זעלבסטשטענדיקע קולטור-טעטיקייטן, קיין שום שטרעבונג צו פּאָליטישער פרייהייט מיצאַד די אַרבעטער. דערשטיקן און פאַרניכטן זיי — דאָס איז א פראַגע פון לעבן פאַר היטלערס פאַשיזם. די הערשנדיקע קלאַסן ווילן דורך געוואַלד, מיט דער הילף פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור איינהאַלטן זייער מאַכט, ווייל די מיטלען פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט גענוג אַף איינצוהאַלטן די דאָזיקע מאַכט.

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פונעם בוך וועלן מיר זען וויפיל מאָרדן, מוי-

רעדיקע פּייניקונגען, יעסורים און טפיסע־אינואים עס איז אַנגעווענדט געוואָרן, קעדיי צו פאַרניכטן די אָרגאַניזאַציעס און די אָנפירנדיקע קאַדרען פון דער דייטשישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן געזוכט אַן אויסוועג פון דער נויט און האָפענונגלאָזיקייט פונעם קריזיס, זיינען געגאַנגען צו היטלערן, זיי זיינען געקומען צו אים מיטן גלויבן און האָפענונג אף סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז מען וועט זיי פירן מיט אַ רעאַקציאָנערן וועג און מען וועט זיי נידערטרעכטיק אויסנוצן פאַר די אייגענע צילן, זיי האָבן זיך ניט גערעכנט, אַז זייערע שטרעמונגען, זייער סינע צום קאַפּיטאַליזם, זייער קראַפט, וואָס איז באַהעפט אין די ברוינע בריגאַדעס, וועט אין היטלערס און גערינגס הענט ווערן אַ געצייג פון צעגראָמירן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

סאָציאַלע גענאַרעריי, כיטרע פאַרייניקט מיט מעטאָדן פון געוואַלד, אָט דאָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם טאָך פונעם פאַשיזם. אף די רואינען פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס די אַרבעטער אַליין האָבן געשאַפן, דאַרפן אונטערן צייכן פונעם האַקנקרייץ אַנטשטיין נייע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען קלוימערשט פריינטלעך צו די אַרבעטער. די פאַשיסטישע איטאַליע האָט געדאַרפט דינען אַלס מוסטער: קאָרפּאָראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע פּראָפעסיעס, אַלס געצייג פון מאַכט פון דער „מעלוכע אַלס גאַנצעס" — אַ מעלוכע פון אַבסאָלוטער פאַשיסטישער דיקטאַטור. ה' געבעלס פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום זינגט לויב־געזאַנגען דער „נייער אַריסטאָקראַטיע פון אַרבעט", אין דער צייט, ווען אין די דייטשישע אונטערנעמונגען ווערט פולשטענדיק איינגעהיט די פריערדיקע עקספּלואַטאַציע. די נייע פסעוודאָ־אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיין אַ באַהעלפיקע אַרמיי פאַרן רעזשים פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. קיין איין מענטש באַקומט ניט קיין אַרבעט אויב ער געפינט זיך אויסער די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס.

די אַנטיקאַפּיטאַליסטישע פראַזעס, וואָס די פאַשיסטישע פירער באַנוצן ווען־ניט־ווען, דאַרפן ניט אַריינפירן אין טאָעס בענוגייע דעם **טאָד** פון זייער פּאָליטיק. מען דאַרף זיך אויך ניט לאָזן נאַרן צוליב דעם, וואָס די פאַשיסטן האָבן אויפגעדעקט די „מיסברויכן" פון אייניקע קליינע אונטערנעמער. ליי, דער אָנפירער פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן „דייטשישן אַרבעטער־פראָנט" האָט דעם 10־טן יוני פאַרעפנטלעכט אין „פעלקישער באַאָבאַכטער" די „גרונטטאַקאָנעס וועגן קאָרפּאָראַטיוון געבוי אינעם דייטשישן אַרבעטער־פראָנט". ליי גיט זיי צו אַן אויסערגעוויינטלעך גרויסע פּראָגראַמאַטישע באַדייטונג, נאָך מער, מיט דער געוויינלעכער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פוסטער באַרימעריי שאַצט ער זיי אָפּ ווי אַ פונדאַמענט, וואָס אף אים וועלן דורעס קאָנען בויען אין מעשעך פון יאָרהונדערט.

דער גרונט־אָפּטייל פון אָט דעם קלוימערשטן ביז גאָר אָריגינעלן „פונדאַמענט" — „די אָנפירונג אף די אונטערנעמונגען" זאָגט אַזוי:

„**די אָנפירונג אין דער אונטערנעמונג**".

דעריבער גיט די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע אין דער ערשטער ריי

אפסניי איבער אין די הענט פונעם נאַטירלעכן אָנפירער פון דער אונטער־נעמונג, ד. ה. פון דעם אונטערנעמער (!), ־ די גאַנצע פולקייט פון אָנפי־רונג און דערמיט אַליין לייגט זי אַף אים ארויף די פולע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט... באַשליסן קאָן בלויז דער אונטערנעמער".

אין העסקעם מיט דער דאָזיקער פּראָגראַם ווערט געפירט אַ קאַמף קעגן אַלע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אָנגעהויבן פון דער קאָמפּאַרטיי און געענדיקט אפילו מיט די פרידלעכע קריסטלעכע פּראָפּאַריינען און די פאַריינען פון די האַנטווערקער־געזעלן.

היטלערס פאַשיזם האָט מוירע פאַר דער קאָמפּאַרטיי, ווייל די דאָזיקע אָר־גאַניזאַציע איז, ניט געקוקט אַף די ליגנס, רעכילעס, מוירעדיקע פאַרפאָלגונגען און טעראָר, די איינציקע, וואָס געפינענדיק זיך אפילו אין אן אומלעגאַלער לאַגע, זעצט זי דרייסט פאָר צו אָרגאַניזירן די מאַסן. אָט דערמיט דערקלערט זיך דער קימאָט היסטערישער האַס פון די פאַשיסטן צום קאָמוניזם, צו זיינע אָרגאַ־זאַציעס און פּרעסע.

די פאַשיסטישע פאַרפאָלגונגען זיינען אויך געווענדעט קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אָט די לעצטע פריידיקט און פאַרטיי־דיקט שוין פון לאַנג דעם „סאָציאַלן שאַלעם". דער פאַשיזם פאַלט אָן אַף די פּראָ־פאַריינען, וועלכע ווערן אָנגעפירט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס זיי האָבן אין די ערשטע צוויי כאָדאָשים נאָך דער רייכסטאַג־סריפע אויסגעדריקט אין זייערע צירקולאַר־בריוו, ארטיקלען און אָפיציעלע מעל־דונגען זייער גרייטקייט צו ארבעטן אונטער היטלערס אָנפירונג. די פאַרפאָל־גונגסכוואַליע האָט אויך געטראָפן אפילו די קריסטלעכע פּראָפאַריינען, די קאַ־טוילישע האַנטווערקער־פאַריינען און אויך די נאַציאָנאַליסטישע זאַוואָדישע אָר־גאַניזאַציעס, וואָס די נאַציאָנאַליסטישע פאַרטיי־אָנפירער האָבן געשאַפן אַלס קעגנגעוויכט צו די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די אונטער־נעמונגען.

די פאַשיסטישע דיקטאַטור פאַרפאָלגט קוידעמקאָל די אָרגאַניזאַציעס, וואָס דער ארבעטער־קלאַס גופע האָט געשאַפן. מיט וואָס פאַר אַ שטרענג מעלוכישע פּרינציפּן זייער פּאָליטיק זאָל ניט זיין דורכגעדרונגען, שטרעבט דער פאַשיזם צו פאַרניכטן זיי; אין יעדער אָרגאַניזאַציע אַזאַ איז ער געצוואונגען מוירע צו האָבן פאַר דער צונויפזאַמלונג פון אַנטיקאַפּיטאַליסטישע און אַנטיפאַשיסטישע קוי־כעס. אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און קריסטלעכע פּראָפאַריינען געפינען זיך מיליאָנען אַנטיפאַשיסטיש געשטימ־טע ארבעטער. איז צי דאַרף דען היטלערס רעגירונג ניט מוירע האָבן דעם ווײ־טערדיקן לינק ווערן פון די מיטגלידער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, נאָכדעם ווי די ווײמאַרער „דעמאָקראַטיע" איז אומגעקומען, צי דאַרף זי דען ניט מוירע האָבן, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זאָלן ניט ווערן קיין צענטערס פון אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף, ווייל אונטערן לאָזונג פון איינהייטלעכן פראָנט פירן די קאָ־

מוניסטן צווישן זיי אן אקשאָנעסדיקע אויפקלערארבעט פאר צונויפזאַמלען אַלע קויכעס קעגן דעם היטלערישן רעזשים.

שרעק, שרעק און בלויז די שרעק פאר יעדער זעלבסטשטענדיקער באוועגונג, פאר יעדער זעלבסטשטענדיקער אָרגאַניזאציע פון די ארבעטער באַשטימט אַלע האַנדלונגען פונעם דייטשישן פאשיזם, וואָס איז ניט פעאיק צו לייזן קיין איין סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פראגע, וועלכע האָט א באדייטונג פאר די דייטשישע ארבעטער.

היטלער עקספּראָפּריאירט!

דער לאָזונג „קעגן דעם רויבערישן קאפּיטאל" האָט געדינט היטלערן דערצו, אז ער זאָל צונויפזאמלען מיליאָנען מענטשן אונטער דער רויטער פאָן מיטן שווארצן האקנקרייץ אפן ווייסן ברעג. היטלער האָט ניט נאציאָנאליזירט קיין איין טרעסט און האָט ניט עקספּראָפּריאירט קיין איין פינאנץ־קעניג. דערפאר אָבער האָט ער אין די ערשטע 2 כאדאָשים פון זיין הערשאפט דורכגעפירט א גרויסע קאָמפּאניע פאר עקספּראָפּריאירן די פארמעגנס פון די פּאָליטישע און פּראָפעריינישע ארבעט־אָרגאניזאציעס, וואָס זיינען צונויפגעקלאפּט געוואָרן פון פארהאָרעוועטע ארבעטער־גראָשנס.

אין דער נאכט, ווען עס איז פאָרגעקומען די רייכסטאג־סרייפע, זיינען פארבאָטן געוואָרן מיטאַמאָל אַלע קאָמוניסטישע און סאָציאל־דעמאָקראטישע צייטונגען.

עס איז פארבאָטן געוואָרן דער צענטראל־אָרגאן פון קפד — די „ראָטע פאָנע" און אַלע אירע פּראָווינציעלע צייטונגען.

עס איז פארבאָטן געוואָרן דער צענטראַלער אָרגאן פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע דער „פאָרווערטס" און אויך די גאנצע אָפיציעלע פּרעסע אירע.

עס זיינען פארבאָטן געוואָרן די צייטונגען, וואָס שטייען נאָענט צו דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג: „וועלט אם אבענד", „בערלין אם מאָרגען" און „ארבעטער אילוסטרירטע צייטונג". עס זיינען פארבאָטן געוואָרן ווייטער אַלע ארבעטער־זשורנאלן, אומאָפּהענגיק פון זייער ריכטונג.

אפן סמאך פונעם אויסעראָרדנטלעכן באפעל פון דער היטלערישער רעגירונג פון 5־טן פעברואר 1933 יאָר איז קאָנפיסקירט געוואָרן אין דער וואָך, ווען עס איז פאָרגעקומען די רייכסטאג־סרייפע, דאָס קארל ליבקנעכטס־הויז, אלס „נעסט פון אנטימעלוכישער טעטיקייט".

אפן סמאך פונעם זעלביקן באפעל זיינען אין גאנץ דייטשלאנד קאָנפיסקירט געוואָרן אַלע דרוקערייען פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און אויך די געביידעס, וואָס געהערן צו זיי. דער זעלבער מעטאָד איז אויך אנגעווענדט געוואָרן צום פארלאג „וועלט אם אבענד" און די פּרעסע־אָרגאנען, וואָס זיינען מיט אים פארבונדן.

מען שטורעמט די פּראָפאַריינען־הייזער

שוין פאַר דער רייכסטאַג־סרייפע האָבן זיך אין אַלע עקן דייטשלאַנד אָנגע־הויבן רעגולערע אָנפאַלן פון די שטורעם־אָטריאַדן אויף די פּראָפאַריינישע לאָקאַלן און פאָלק־הייזער. אין אַסאַך פאַלן האָבן זיך די דאָזיקע אָנפאַלן אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מיצאַד די אַרבעטער פון אַלע פּאַרטייען. דעם 9־טן מערץ האָט אַ שטורעם־אָטריאַד בעשאָסן פאַרנעמען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע "דרור־קעריי אין כעמניץ" דערשאָסן דעם פאַרוואַלטער פון דער דאָזיקער דרוקעריי, לאַנד־גראַפן. דעם זעלבן טאָג האָבן אַרבעטער מיט געווער און גראַנאַטעס אין די הענט פאַרטיידיקט פון אַ שטורעם־אָטריאַד דאָס פּראָפאַריינען־הויז אין וואורצען. באַם פאַרנעמען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע געביידע "פאָלקס־פריינט" אין בראַונשווייג האָבן די שטורמאָוויקעס אַרעסטירט דעם פּראָפאַריינישן אינסטרוקטאָר האַנס זיי־לע. דעם זעלבן טאָג האָט פאַרשטרייקט אַ טייל דרעזדענער אַרבעטער, אַלס פּראָ־טעסט קעגן דעם פּאָגראָם אינעם פאָלקס־הויז. דעם זעלבן טאָג איז אויך באַרבאַ־ריש צעגראָמירט געוואָרן דאָס בערלינער פּראָפאַריינען־הויז.

בענעגייע דעם פאַרכאַפּן די פּראָפאַריינען־געביידע און דאָס אָטאָ בראַון־הויז אין קעניגסבערג זיינען פאַראַן אַזעלכע גוויעס־איידעס פון אַ בייזוועזנדיק:

„עס איז פאָרגעקומען די אָרדנטלעכע מאָנאַטלעכע זיצונג פונעם צענטראַלן פאַריין (געזונט־אָפּהיטונג־סעקציע), און דערנאָך איז, ווי עס פירט זיך פון קאַמע יאָרן, איינגעאָרדנט געוואָרן אַ כאַוורישער אָוונט.

„אין דער זעלבער צייט זיינען אַריינגעדרונגען אין דער געביידע שטורמאָוויקעס. דעם וועכטער האָט מען, אַפּאַנעם, פריער אַנטוואָפנט און די פאַרזאַמלטע זיינען געטראָפן געוואָרן אומגעריכט. פּלוצים האָבן זיך פון ביידע זייטן צעפּראַלט די טירן און באַ 60 מענטשן, באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן, האָבן זיך אַריינגעריסן אין זאַל און עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אין דער סטעליע און אין וואַנט. פינף מענטשן זיינען פאַר־וואונדעט געוואָרן, איינער זייער שווער. נאָכדעם האָבן די באַנדיטן מיט רעוואָלווערן אין די הענט אַרויסגעטריבן די מענער און פרויען אין גאַס. די אויבער־בגאָדים האָט מען פאַרכאַפּט, אַזוי, אַז די פרויען איז אויסגעקומען צו גיין אַהיים אין לייכטע קליידער, און די מענער — אָן היטלען און מאַנטלען. נאָכדעם האָט מען אונטערזוכט די פּראָפאַריינישע קאַנצעלאַריעס און פולשטענדיק צעגראָמירט זיי. מען פאַרזיכערט קאַטע־גאָריש, אַז אינעם הויז איז ניט געווען קיין וואָך פון „רייכסבאַנער" און אַז עס איז אַפילע ניט געמאַכט געוואָרן קיין איין שאָס, ווייל אַנדערש וואָלטן די אָנטיילנעמער פון דער פאַרזאַמלונג אומבאַדינגט דערהערט. אַפילע דער הויז־פאַרוואַלטער האָט גאָרנישט געהערט.

„גאָר אַנדערש איז פאָרגעקומען דאָס פאַרכאַפּן דאָס אָטאָ בראַון־הויז. 11 אַזייגער מיט 20 מינוט אין אָוונט זיינען צוגעקומען צוויי פּאָלי־צייַ־לייט. זיי האָבן אָפּגענומען באַם נאַכט־וועכטער, וואָס איז געשטאַנען

אפֿן פּאָסטן, דעם רעוואָלווער און האָבן אים דערקלערט אלס אַרוועסניק און דערבײַ געזאָגט: „נעמט צו קענטעניש, אז אויב מיר וועלן געפֿינען אין הויז כאָטש איין באַוואָפֿנטן מענטשן, וועלן מיר אייך דערשיסן". אין 10 מינוט ארום האָט זיך א גרויסע אָפּטיילונג שטורמאַוויקעס אריינגעריסן אין הויז, וואו עס איז קיינער, אכוץ דעם נאַכט־וועכטער, ניט געווען. אין הויז האָט געוואוינט דער הויז־פֿארוואלטער ניסוואנד מיט א פֿרוי און 2 טעכטער. דרײַ שטורמאַוויקעס האָבן זיך אוועקגעלאָזט צו ניסוואנדס דירע און האָבן בא אים געפֿאָדערט די שליסלען פֿון דער ביוראָ. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן א שיסערײַ. דאָס מעבל האָט מען צעבראָכן און צעהאַקט אַף שפּענדלעך מיט העק, וואָס די שטורמאַוויקעס האָבן מיט זיך געבראַכט. די בילדער זײַנען פֿארניכטעט געוואָרן, די קאַסעס און טישן אויפֿגע־בראָכן, די גאַנצע ביוראָ האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט א הורבע ברוכשטיקער.

„פּונקט אזוי האָט מען אַלץ צעהאַקט אין דער ראַיאָנער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער ראַיאָנער ביוראָ און אין דער ביוראָ פֿונעם פֿריידענקער־פֿאריין. די אורנעס זײַנען געווען א ספּעציעלער אָביעקט פֿון דער דאָזיקער צעגראַמירונג. צוויי שטורמאַוויקעס האָבן מיט אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן אין די הענט געבראכט דערנאָך צו שלעפּן דעם פֿארלאַג־פֿארוואלטער פֿון „קעניגסבערגער פֿאָלקס־צײַטונג". קימאט פֿיר שאָ האָבן זיי אים געפֿירט אונטער דער וואך איבער דער געביידע, אָן אויפֿהער דראָענדיק צו דער־שיסן אים. דער פֿארוואלטער בלאַנק איז געווען געצוואונגען צו עפֿענען די פֿארהדונגענע גאראזשן און ברעכן די אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפֿונען. דאָ האָבן זיך געפֿונען אויטאָמאָבילן פֿון פּריוואטע מענטשן און פֿירמעס, וועלכע האָבן ארענדירט די גאראזשן. אויך אין די גאראזשן האָבן זיי דורכגעפֿירט אַן אונטערזוכונג. בלאַנק האָט באַקומען א באַפֿעל אונטער דער דראָאונג פֿון דרײַ אָנגעשטעלטע אַף אים רעוואָלווערן — צו פֿארברענען אַף דער גאָס א שווארץ־רויט־גאָלדענע פֿאָן.

„דאָס הויז איז אויפֿגעבויט געוואָרן מיט דרײַ יאָר צוריק און האָט ביזן אָנפֿאַל פֿון די באַנדיטן־שטורמאַוויקעס געפֿונען זיך אין בעסטן צו־שטאַנד. איצט דערמאָנט עס אַ־כאָרעוון און פֿארוואָרפֿענעם גאַזלאָנעם־נעסט. ווי אזוי מען האָט פֿארכאַפּט די געביידע פֿון באַן־ארבעטער־פֿאריין אין באָכום איז באַשריבן אין דער ס.־ד. „פֿאָלקס־שטימע" (אין סאארבריקען) פֿון 15־טן מערץ:

„די היטלערישע באַנדיטן פֿון די שטורעם־אָפּטיילונגען און שוץ־דרוי־זשינעס זײַנען אָנגעפֿאַלן אַף דער צענטראַלער פֿארוואלטונג פֿון באַרג־אר־בעטער־פֿאריין אין באָכום און האָבן דאָרט אַלץ צעשמעטערט. אַלע אינ־יאַנים זײַנען פֿארברענט געוואָרן, טיילווייז האָט געברענט אויך דאָס הויז. „די שטורמאַוויקעס האָבן פֿארכאַפּט דעם פּרעזידיום פֿונעם פֿאריין, צוזאַמען מיטן פֿאָרזיצער, דעם רייכסטאַג־מיטגליד הוזעמאַן".

אַט די דאָזיקע ווייניקע ביישפּילן שפּיגלען אָפּ בלויז אַ קליין טיילעכל פון די געשעענישן אין יענע טעג אין גאַנץ דייטשלאַנד. איבער אַלע פּראָפּאַריינישע געביידעס, פּאָלקס־הייזער און צייטונגס־רעדאַציעס פון דער ס. ד. און קאָמפּאַרטיי האָט מען איבערגעוואָלט אויפגעהויבן די פאָן מיט אַ האַקנקרייץ.

אַ מאָראַלע פּראָוואָקאַציע

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט דער געלונגענער פּראָוואָקאַציע, וואָס די ברוינע אונטערצינדער־קאָמאַנדע האָט דורכגעפירט אין רייכסטאַג, זיי האָבן אויך באַנוצט מיטלען פון מאָראַלער פּראָוואָקאַציע. דאָס קאַרל ליבקנעכט־הויז האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „האָרסט וועסעל־הויז" און האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָב פון דער פּאָליטישער פּאָליציי.

קאַרל ליבקנעכטס נאָמען איז באַוואוסט די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, דער נאָמען פון אָט דעם ערלעכן מעסירעס־נעפּעשדיקן רעוואָלוציאָנער איז הייליק פאַר מיליאָנען אַרבעטער, וווייט אויסער די גרענעצן פון דייטשלאַנד. ליבקנעכט, וואָס האָט אין ברען פון דער וועלט־מילכאָמע, ניט געקוקט אויף דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד, דרייסט און אָן מוירע אויפגעהויבן זיין שטים קעגן דעם דערמאָרדן מיליאָנען מענטשן. ליבקנעכט, וואָס האָט געדערדט אינעם נאָמען פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטשהייט, — אָט דער דאָזיקער נאָמען רופט אַרויס אַ קאָלאָסאַלע אַכטונג באַ די פאָרגעשריטענע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט.

ווער־זשע איז געווען דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער „העלד" האָרסט וועסעל, אָט די דאָזיקע לעגענדאַרישע פיגור פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פאַלסיפיקאַטאָרס?

האָרסט וועסעל איז אַ סטודענט אַ לעב־יונג, אַ סוטעניער (רופיאַן) אינעם ראַיאָן פון דער בערלינער מינצשטראַסע. אפילע די פאַשיסטן גופע זיינען ניט אימשטאַנד צו באַשטרייטן דעם פאַקט, אַז זייער „העלד" האָרסט וועסעל, וואָס האָט איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט זיינע יונגען נאַכט־אַבלאַוועס אויף די „מאַרקסיסטן", איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון אַ פּראָסטיטוטקע. אים האָט דערמאָרדעט דער פּראָסטיטוטקעס פריערדיקער סוטעניער, באַ איר אין צימער. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע בלאָפער דערציילן, אַז האָרסט וועסעל האָט געשטרעבט בלויז צו „ראַטעווען די נעשאָמע" פון אָט דער פּראָסטיטוטקע. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פרעסע האָט באַהויפּט — און דאָס איז געוואָרן אַן אָפיציעלע לעגענדע — אַז האָרסט וועסעל איז געפאַלן פון די הענט פון אַ קאָמוניסט. אַפן נאָמען פון אָט דעם „העלד" איז איצט אָנגערופן געוואָרן די געוועזענע צענטראַלע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ליבקנעכטס נאָמען איז אַראָפּגעווישט געוואָרן.

די אָרגאַניזאַציעס ווערן צעגראַמירט.
אויף די אונטערנעמונגען הערשט אַ ווילדער טעראָר

אָפיציעל איז די קאָמפּאַרטיי אין דייטשלאַנד ניט פאַרבאָטן,

אָבער אַלע קאָמוניסטישע פירער און פּאַרטיי־טוער זיינען דערקלערט געוואָרן אויסערן געזעץ זינט דעם טעראָריסטישן מאַרש, וואָס ווערט געפירט מיט אַ דראַקאָנישער ברוטאַלקייט.

אויסערן געזעץ זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון קלאַסן־קאַמף־אָרגאַניזאַציעס.

די רעוואָלוציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, ווי: דער פאַראייניקטער פאַריין פון די באַן־אַרבעטער, בערלינער פאַראייניקטער מעטאַליסטן־פאַריין, די רעוואָלוציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע אָפּאָזיציע זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין אונטערערד. דעם גורל פון דער קאָמפּאַרטיי האָט נאָך דער רייכסטאַג־סרייפע אויך געטראָפן די אויסערפּאַרטייאישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ווי דעם אַנטיפאַשיסטן־פאַרבאַנד, דער „געזעלשאַפט פון רויטן ספּאָרט", די רעוואָלוציאָנערע שרייבער־פאַריינען, קונסט־טוער, פאָטאָגראַפיע־אַרבעטער א. אנד.

די דייטשישע געזעלשאַפט „רויטע הילף", אַ פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע, וואָס העלפט אַלע אַרבעטנדיקע — די קאָרבאָנעס פון דער יוסטיץ, אומאָפּהענגיק פון דעם צו וועלכער פּאָליטישער ריכטונג זיי געהערן, איז פאַרטריבן געוואָרן אין אונטערערד, אפילו די סאַמע באַשיידנסטע הילף פאַר די קאָרבאָנעס פונעם היטלערישן באַרבאַריזם האָט געדאַרפט אָרגאַניזירט ווערן אומלעגאַל.

עס איז דערקלערט געוואָרן אויסערן געזעץ די צווישנפעלקערלעכע אַרבעטער־הילף, וועלכע מען רופט אָן: „דערנערונג־אָפּטיילונג פון די שטרייקנדע אַרבעטער" פאַר איר אַרבעט בעאיים די פילצאָליקע עקאָנאָמישע שלאַכטן פונעם פּראָלעטאַריאַט. מען האָט קאָנפיסקירט איר פאַרמעגן, מען פאַרפאָלגט אירע טוער און מיטגלידער, דער פאַשיסטישער געוואַלט איז געווענדט קעגן אַלע סאָציאַלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער; קעגן די קינדער־אָרגאַניזאַציעס, קעגן דעם פאַרבאַנד צו שטיצן די מוטערס, קעגן דעם אַרבעטער־פאַרבאַנד פון די סאָציאַל־פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס: די ליגע פון מענטשן־רעכט, די דייטשישע פרידן־געזעלשאַפט א. אנד. די סאַבאַקלען פון די מערץ־וואַלן פון די פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען דאָן, בעאיים עס האָט געוויילדעוועט דער פּאָגראָם איבער די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, האָט, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּגעשפיגלט דיווירקלעכע שטימונג פון די אַרבעטער.

וועגן דעם, אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען עס זיינען פאָרגעקומען די וואַלן אין די פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטן, גיט אַ פאָרשטעלונג דער באַריכט פונעם מעטאַל־זאַוואָד „אוניאָן" אין דאָרטמונד. אָט דער באַריכט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די „וואַלן" פון די פאַבריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטן קימאַט אין אַלע דייטשישע אונטערנעמונגען:

„ערעוו די וואַלן אין „אוניאָן" אין דאָרטמונד איז אַרעסטירט און אַריינגעזעצט געוואָרן אין טפיסע דער אָנפירער פון די וואַלן דיקמאַן, וואָס איז פיל יאָרן געשטאַנען בעראָש פון דער אָרגאַניזאַציע אַף דער אונטערנעמונג. די פאַשיסטן האָבן באַשטימט אַ פּרעזידיום, האָבן פאָרגעלייגט די

אַ געצייג פון פּראָוואָקאַציע

מאַרינוס וואַן דער ליובע

וואַן דער ליובען האָט מען געטראָפן איינעם אליין אינעם ברענענדיקן רייכסטאַג און מען האָט אים ארעסטירט. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אונטערצינדער האָבן אים איבערגעלאָזן אינעם ברענענדיקן רייכסטאַג, קעדיי אויסצונוצן אים אלס „באַווייז" קעגן די קאָמוניסטן

ארבעטער צו קומען אױף די װאַלן. דערבײַ האָבן זײ געמאָלדן, אַז יעדער אײנער, װאָס װעט קײן אָנטײל ניט נעמען אין די װאַלן, װעט באַטראַכט װערן אַלס פײַנט פֿון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. מען האָט פּונקטלעך רע־גיסטרירט אַלעמען, װאָס זײַנען געקומען אױף די װאַלן, מען האָט אַכטונג געגעבן אױף דעם, װאָס פֿאַר אַ װאַל־צעטעלע מע האָט אַרײַנגעלײגט אין די קאָנװערטן און דערלאַנגט צום טיש, װאו ס'האָט זיך געפֿונען די װאַל־קאָ־מיסיע. װען מע האָט געענדיקט דערלאַנגען די צעטלען, האָט דער פֿירער פֿון די פֿאַשיסטן גענומען די װאַל־אורנע און צוזאַמען מיט זײַנע פֿרײַנט אונטערגעפֿירט דעם סאַכאַקל פֿון די װאַלן. קײן אײן ארבעטער פֿון װעל־כער עס איז אַנדערער אָרגאַניזאַציע איז ניט בײַגעװען בײַם אונטערציען דעם סאַכאַקל פֿון די שטימען".

ניט געקוקט אױף די דאָזיקע מעטאָדן, זײַנען אין דער מערהײט אונטערנע־מונגען, פּונקט װי אין דאָרטמונדער „אוניאָן" די פֿאַשיסטן דאָך געבליבן אין דער מינדערהײט בײַ די װאַלן פֿון די פֿאַבריק־זאַװאָדישע קאָמיטעטן. דאָס, װאָס מען האָט ניט געקאָנט דערגרײכן בעאײס די װאַלן דורך סטראַשונקעס, שאַנ־טאַזש און פֿאַלסיפֿיקאַציעס, האָבן די פֿאַשיסטן דורכגעפֿירט אין מעשעך פֿון אַפּ־ריל מיט דער הילף פֿון אָפֿענעם געװאַלט: פֿון די קאָמיטעטן זײַנען „אױסגערײ־ניקט" געװאָרן די פֿאָרשטײער פֿון די פֿרײַע פּראָפֿאַרײַנען און די רעװאָלוציאָנער־געשטימטע עלעמענטן. מע האָט אָפּגענומען די מאַנדאַטן אַפֿילע בײַ די קריסט־לעכע קאָמיטעט־מיטגלידער, װאָס זײַנען געװען באַװוסט אַלס אַנטיפֿאַשיסטן. די שטורעם־אָפּטײלונגען האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין די צימערן פֿון די קאָמיטעט־זיצונגען, צעמאַזיקט די קאָמיטעט־מיטגלידער, אַרעסטירט און אונטער דער דראָ־אונג פֿון דערמאָרדן געצװאונגען זײ אָפּצוזאָגן זיך פֿון די מאַנדאַטן, קעדײ צו פֿאַריכטן די רעזולטאַטן פֿון די װאַלן אין אַלע אונטערנעמונגען זײַנען באַשטימט געװאָרן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָמיסאַרן אַלס קאָמיטעט־מיטגלידער.

די נאַצים צעגראָמירן די פּראָפֿאַרײַנען

דער „טאָג פֿון נאַציאָנאַלער אַרבעט" — דער ערשטער מאַי, װען הונ־דערטער טױזנטער מענטשן זײַנען געװען געצװאונגען אונטער דער דראָאונג צו פֿאַרלירן די אַרבעט (באַזונדערס אין מעלוכישע, קאָמונאַלע און קלענערע אונ־טערנעמונגען) צו נעמען אַן אָנטײל אין דער אָפֿיציעלער דעמאָנסטראַציע, אָט דער דאָזיקער טאָג האָט פֿאַר היטלערס רעגירונג געדינט אױף צוצוגרײטן נאָך אַ גרעסערן אַקט. דעם 2־טן מאַי האָבן די שטורעם־בריגאַדעס פֿאַרנומען די פּראָפֿאַרײַנישע גע־בײַדעס. די צעגראָמירונג פֿון די פּראָפֿאַרײַנען איז דערקלערט געװאָרן אין נאָמען פֿונעם נײַעם, ביז איצט אומבאַװאוסטן, „קאָמיטעט צו באַשיצן די דײַטשישע אַרבעט".

עס האָט ניט געהאָלפֿן דעם אַלגעמײן דײַטשישן פּראָפֿאַרײַנען־פֿאַרבאַנד

וואן דער ליובעס עלטערן



פראנציסקוס קאָרנעליס וואן דער ליובע און פעטראָנעלע וואן כאנדעל מיטן קינד מאריגוס

אפילו דער רוף צו באטייליקן זיך אין היטלערס ערשט־מאיקער דעמאָנסטראציע.
„דער דייטשישער ארבעטער דארף זיך באטייליקן אין דער ערשט־מאיקער דעמאָנ־סטראציע מיטן באוואוסטזיין פון זיינע שטאַנדישע אינטערעסן".

די פּראָפאריינישע לאָקאַלן זיינען פארנומען געוואָרן. איבער די פירער האָט מען זיך איזדיעקעוועט און מען האָט זיי צעמיימיסט. דער „דייטשישער ארבע־טער־פראָנט" האָט אין זיינע הענט פארכאפּט דעם גאנצן אפּאראט פון די פּראָפאריינען.

מיר ברענגען ווייטער אייניקע דאָקומענטן, וואָס כאראקטעריזירן די מע־טאָדן פון צעגראָמירן די פּראָפאריינען:

„די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן פארכאַפּט אין זייערע הענט די פרייע פראָפאריינען".

„די פירער זיינען ארעסטירט — אן אלגעמיינע מעלוכישע קאמפּאניע".

(שורעס פון א קעפּל אין „דויטשער אלגעמיינער צייטונג", דעם 2־טן מאי 1933 יאָר)

„די קראפט איז אָן צווייפל אין אונזערע הענט, אָבער ניט דאָס גאנ־צע פאָלק איז נאָך מיט אונז. דיך, ארבעטער, האָבן מיר נאָך ניט אויף אלע 100 פּראָצענט".

(פון דר. לייס אויפרוף דעם 2־טן מאי 1933־טן יאָר).

„די רייניקונג פון די פרייע פראָפאריינען און די שאפונג פון אן ארבעטער־אָרגאַניזאציע".

„די שטורעם־אָפּטיילונגען האָבן פארכאַפּט אלע פראָפאריינישע הייזער — 50 פראָפאריינישע פירער זיינען ארעסטירט".

„דאָס צווייטע קאפּיטל פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע".

(קעפּלעך פון „פעלקישער באָאָבאַכטער" פון 3־טן מאי 1933־טן יאָר)

„דער זשורנאַל פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע זאוואָדישע אָרגאַ־ניזאציעס „ארבייטערטום", אָרגאַן פאר טעאָריע און פּראַקטיק פון די זאַ־וואָדישע אָרגאַניזאציעס, ווערט פון היינט אָן דערקלערט פאר אן אָפיציעלן אָרגאַן פון דער אלגעמיינער פאריינינקונג פון די דייטשישע פראָפאריינען און פון אלדייטשישן פאריין פון די אָנגעשטעלטע".

(אויפרוף פון לייס קאָמיטעט פון 2־טן מאי 1933־טן יאָר).

„געמאכט א סאַף צום מארקסיסטישן העצן די ארבעטער".

„נאָכדעם ווי די קאמפּאניע־קעגן די מארקסיסטישע פאריינען האָט זיך — אונטער דער ווירקונג פון דער גראנדיעזער פאָלקס־באוועגונג — פארענדיקט מיט אן אויסערגעוויינלעכן אָפּקלאַנג צווישן פאָלק און באזונ־דערס צווישן די ארבעטער, האָבן דער צענטראַלער פארבאַנד פון די קריסט־

לעכע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין דייטשלאַנד, די פאַרייניקונג פון די דייטשישע אָנגעשטעלטע, ארבעטער און באַאַמטע דערקלערט שריפטלעך, אַז זיי וואַרפן זיך קאַטעגאָריש אונטער דעם פירער פון דער דייטשישער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער ארבעטער-פּאַרטיי און וועלן אָן קיינע טיינעם אויספילן די פאָדערונגען פונעם נייעם אויספיר-קאָמיטעט צו באַשיצן די דייטשישע ארבעט".

(פון דר. לייס מעלדונג דעם 4-טן מאַי 1933-טן יאָר).

„פּילצאַליקע מיסברויכן פון די מאַרקסיסטישע פּראָפאַריינען".
„שווינדלערישע פינאַנציעלע געשעפטלעך-פאַלשע באַלאַנסן — 8 מיליאָן אָרגאַניזירטע ארבעטער אונטער אדאָלף היטלערס אָנפירונג".

(קעפלעך אין „פעלקישן באַאָבאַכטער" פון 5-טן מאַי 1933-טן יאָר).

דער ערשטער אויפרוף פון דר. ליי, דעם אָנפירער פונעם אקציאָנס-קאָמיטעט פאַר באַשיצן די דייטשישע ארבעט, איז געווען אויסגעהאַלטן אין זייער א פריינטלעכן טאָן בענוגע די פּראָפאַריינען:

„מיר האָבן קיינמאָל ניט צעשטערט דאָס, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ווערכן-עס-איז ווערט פאַר אונזער פאָלק און מיר וועלן דאָס אויך אין דער צוקונפט קיינמאָל ניט טאָן. אָט דאָס איז די גרונט-האַנאָכע פונעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם. ביפראַט איז דאָס נעגייע די פּראָפאַריינען, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אף די אָפּגעשפּאָרטע ארבעטער-גראָשנס. ארבעטער, דיינע אנשטאַלטן זיינען פאַר אונז, נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן, הייליק און אומבאַרירלעך. איך אַליין בין א זון פון אַן אָרעמען פויער. איך האָב אַליין פאַרזוכט דעם טאַם פון נויט: 7 יאָר האָט איך געדינט אין איינער פון די גרעסטע דייטשישע אונטערנעמונגען".

מע דאַרף פאַר איין וועגס פאַרצייכענען, אַז דר. ליי איז קיינמאָל קיין ארבעטער ניט געווען. און 7 יאָר איז ער געווען הויכבאַצאָלטער עלטערער אָנגעשטעלטער פון אי. ג. פאַרבנאינדוסטריע און באַם אוועקגיין פון דאָרטן האָט ער באַקומען א גרויסע סומע שטיצע - געלט. דר. ליי איז געוואָרן באַרימט א דאַנק זיינע פּאַסירונגען און שווינדלערייען און באַזונדערס א דאַנק דעם, וואָס ער איז שיקערהייט אָנגעפאַלן אין קעלן אפן פאָרזיצער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלס. אינעם מאָמענט פונעם באַגאַזלענען די פּראָפאַריינען האָבן די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פירער ניט געקאַרגט פאַר די ארבעטער, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין די פּראָפאַריינען, קיין פייערלעכע צוזאָגענישן. זיי האָבן זיי צוגעזאָגט איינצוהיטן זייערע סאָציאַל-פּאָליטישע אַנשטאַלטן, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט די גאַנצע נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פּרעסע אויפגעהויבן א קאַמפּיין וועגן „מיסברויכן אין די פּראָפאַריינען". די שטורעם-אָפּטיילונגען זיינען געשטאַנען גרייט, קעדיי מיט רעוואָלווערן און שטעקנס איבערציִיגן די פּראָ-

פאריינס־מיטגלידער וועגן דעם, אז די פאשיסטן באַציען זיך פריינטלעך צו די אַרבעטער.

אין אייניקע וואָכן אַרום (דעם 10־טן יוני), ווען דר. לײ האָט פּראָקלאַמירט אין זיינע „גרונט־טאָקאָנעס פונעם שטאַנדישן געבוי" די אַבסאָלוטע דיקטאַטור פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער, איז פון דער „הייליקייט" און „אומבאַרירלעכקייט" קיין שפּור ניט געבליבן. די פּראָפאַריינען האָבן געדאַרפט לויט דער נייען ווערסיע ווערן באַהעלפיקע אָרגאַנען פון דער פאשיסטישער דיקטאַטור. אָט אַזוי זיינען אַוועק מיטן רויך די צוזאָגענישן פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער.

„אַ טויט־שאָס"

„מיר וועלן גיכער דערלאַנגען אַ טויט־שאָס דעם מאַרקסיזם איידער מיר וועלן דערלאָזן, אז ער זאָל ווען עס איז אַפּסניי אויפלעבן. די לײ־פּאַרטס און גראָסמאַנס קאָנען צוויעסדיק פאַרזיכערן היטלערן אין זייער איבערגעגעבנקייט — אָבער בעסער איז, אַז זיי זיינען בא אונז אונטערן שלאָס. דעריבער טאַקע קלאַפּן מיר אַרויס בא דער מאַרקסיסטישער באַנדע פון די הענט דאָס הויפּטגעווער און מיר נעמען בא איר אָפּ די לעצטע מעגלעכקייט ווען עס איז אַפּסניי צו פאַרשטאַרקן זיך. די טייוולאָנישע מאָראַל פונעם מאַרקסיזם דאַרף אומקומען אָפן שלאַכטפעלד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע".

(פון דר. לייס אויפרוף דעם 2־טן מאַי 1933 יאָר).

„קאָרופּציע" און קאָרופּציע

איינער פון די מעטאָדן פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן איז „ליקווידירן" דעם קעגנער דורך באַשולדיקן אים אין מיסברויכן. אָט אַזוי האָט מען פאַרמאַכט דאָס מויל דעם דירעקטאָר פון די פייערלעשער־אָפּטיילונגען, געמפּ, וואָס האָט געוואוסט די איינצלהייטן פון דער רייכסטאָג־סרייפע. מיט דעם זעלבן מיטל האָט מען „ליקווידירט" אַסאַך באַאַמטע פון דער ווײמאַרער רעפּובליק און אַסאַך אָנפירער פון די נאָך ניט „אוניפיצירטע" בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס. אָט אַזוי האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיטן אַרבעטער־קאָמיסאַר גערעק דערפאַר, וואָס ער איז אין 1932־טן יאָר, בעת די פּרעזידענט־וואַלן געווען דער אָנפירער פונעם וואַל־קאָמיטעט און האָט אַזוי אַרום געקעמפט קעגן היטלערס דיקטאַטור.

נאָכדעם, ווי די פרייע פּראָפאַריינען און זייער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַפּאַראַט זיינען אונטער לײס אָנפירונג „אוניפיצירט" געוואָרן, האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער, אַלס צוגאָב צו די שנעל פאַרגעסענע צוזאָגענישן צו פאַרקלענערן די פּראָפאַריינישע מיטגליד־אָפּצאָלן און פאַרגרעסערן די באַדינונג פון די פּראָפאַריין־מיטגלידער, אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין פון דעמאַסקירן די קלוימערשטע „פאַרשווענדונגען און גנייוועס".

ברייטע רעפּאָרטיאָרישע באַריכטן פון דער פאַשיסטישער פּרעסע האָבן באַשריבן מיט וואָס פאַר א לוקסוס עס זיינען געווען איינגעאָרדנט די פּראָפּאַריינישע קאָנצעלאַריעס. אַף גאַנצע זייטלעך האָבן די ציטונגען דערציילט וועגן די הויכע געהאַלטן, וואָס די פּראָפּאַריין־אָנפירער באַקומען. די פאַשיסטישע פירער, וואָס האָבן אונטערטעניקט דעם צערייבטן פּראָפּאַריינישן אַפּאַראַט אונטער דער ביוראָקראַטישער פּאָליטישער קאָמאַנדע פון די פאַשיסטישע קאָמיסאַרן, האָבן פלינק געפּרואווט אויסנוצן פאַר דער פאַשיסטישער „רייניקונג" די אויפגעבראַכטקייט פון די ראַדיקאַל־געשטימטע פּראָפּאַריין־מיטגלידער קעגן דעם ביוראָקראַטיזם פון די פירער און פון זייער שאָלעם־פּאָליטיק אין דער אינדוסטריע בעאיים די פריערדיקע שטרייקן.

מיט אָט דעם ציל האָט די פאַשיסטישע פּרעסע קעגנגעשטעלט די נויט פון די פּראָפּאַריין־מיטגלידער, דאָס ניט ארויסגעבן צו דער צייט די שטיצע בעאיים די עקאָנאָמישע שלאַכטן, קעגנגעשטעלט דאָס אַלץ קעגן דעם לעבנס־שטייגער פון די פּראָפּאַריינישע פירער. מיט פעטן שריפט האָט דער „פעלקישער באַאָבאַכטער" צו וויסן געגעבן, אז דער פּאָרזיצער פון אַלדייטשישן פאַריין פון די אָנגעשטעלטע, אאופהייזער, האָט באַקומען ליקווידאַציע־שטיצע אין דער מאָס פון אַן 18 כאַדאָשימדיקן געהאַלט, לויטן כעשבן 940 מאַרק א כוידעש — סאַכאַקל 16 טויזנט 920 מאַרק. אונטערן קעפּל „ערעווראַוו" האָט „דאָרטמונדער לאָקאַל־אַנציגער" פאַרעפנטלעכט לייפּאַרטס א בריוו, וואו ער האָט באַם אָנעמען דעם פּאָסטן פון אָנפירער פון א.ד.ג.ב. (אַלדייטשישע פאַריינקונג פון די פּראָפּאַריינען) געפּאָדערט אַ געהאַלט פון 4 טויזנט מאַרק א כוידעש און דערביי פאַרשווייגן, אז לייפּאַרטס בריוו געהערט צום יאָר 1921, ווען 4.000 מאַרק האָט פּאַקטיש באַטראָפן 240 גאָלדענע מאַרק.

אָט דער דאָזיקער צוויעסדיקער קאַמף קעגן די „מיסברויכן" פלעגט פאָשעט דערגאַנצט ווערן מיט פון פינגער אויסגעזויגענע „דעמאַסקירונגען". אַלע אויסגאַבן, וואָס זיינען געווען ניט לויטן פּאָליטישן געשמאַק פון די פאַשיסטן, פלעגן געשטעמפּלט ווערן אַלס „פאַרעטערישע". אזוי, לעמאָשל, האָט מען „דעמאַסקירט" אז בעאיים די פּרעזידענט־וואַלן האָבן די פּראָפּאַריינען געגעבן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי 300 טויזנט מאַרק אַף צו שטיצן הינדענבורגס פּאָליטיק. דער צענטראַלער פאַריין פון די אָנגעשטעלטע האָט פּרילינג 1932־טן יאָר ארויסגעגעבן דעם „רייכסבאַנער" 50 טויזנט מאַרק און אין יולי און נאָוועמבער 1932 יאָר — צו 15 טויזנט מאַרק דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער אָפּאָזיציע פלעגן שטענדיק קעמפן קעגן אויסנוצן די פּראָפּאַריינישע מיטלען פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער בורזשואזער פּאָליטיק. ווען אָבער די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער, וואָס האָבן צעגראָמירט די קלאַסן־פּראָפּאַריינען טרעטן ארויס אַלס קעמפער קעגן אויסנוצן די פּראָפּאַריינישע מיטלען ניט פאַרן קלאַסן־קאַמף, איז עס אָן צווייפל בלויז אַ פּאָליטישע „קונץ"!

די פאשיסטן עקספּראָפּריאירן די פאַרמעגנס פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פונעם רייכסבאַנער

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן דורכגעפירט זייערע מאַסמיטלען קעגן די פּראָפּאַריינען און געבורויכס־געזעלשאַפטן אין נאָמען פון „פּאַרהיטן די אַרבעטער־גראָשנס". דער צווייטער קלאַפּ איז געווען די קאָנפיסקאַציע פונעם גאַנצן פאַרמעגן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פונעם „רייכסבאַנער".

בערלין 10־טן מאַי 1933־טן יאָר.

„דער הויפּט־פּראָקוראָר פונעם ערשטן בערלינער געריכטס־קרייז האָט פאַראָרדנט צו קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד און אירע צייטונגען, ווי אויך דאָס פאַרמעגן פונעם רייכסבאַנער און זיינע צייטונגען. די קאָנפיסקאַציע ווערט דורכגעפירט צוליב די פּילצאָליקע פאַלן פון פאַרשווענדונגען, וואָס זיינען אויפגעדעקט געוואָרן בעאיים די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן איבערגענומען די פּראָפּאַריינען און אַרבעטער־בענק. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אַבוץ דעם פאַרמעגן פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז אויך קאָנפיסקירט געוואָרן דער פאַרמעגן פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען נאָענט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי".

(אַנגריף, 10־טן מאַי 1933 יאָר)

דעם זעלבן טאָג זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן אַלע געלט־מיטלען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף די לויפנדיקע בעשבוינעס אין די פּאָסט־אָפּטיילונגען, אין די פּאַרטיי־פאַרלאַגן און אין דער אַרבעטער־באַנק. די לאָקאַלן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, פונעם רייכסבאַנער און פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען זיינען פאַרמאַכט געוואָרן. די אָפיציעלע „פּרייסישע פּרעסע־ביוראָ" האָט פאַנאַנדערגעשיקט אַ מיטיילונג, אַז עס איז דערוועקט געוואָרן אַ פּראָצעס „וועגן פאַרשווענדונג און שווינדל" קעגן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן דעפּוטאַט דעם פּראָפּאַריינישן פירער לייפּאַרט צוליב דעם, וואָס „באַדייטנדיקע פּראָפּאַריינישע מיטלען זיינען אויסגעגעבן געוואָרן ניט לויט דער באַשטימונג".

די זעלבע מאַסמיטלען זיינען צוביסלעכווייז אָנגענומען געוואָרן קעגן אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען נאָענט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, קעגן דעם ספּאָרטיוון אַרבעטער־פאַרבאַנד, קעגן דעם דייטשישן פריידענקער־פאַריין, דעם פאַריין צו פאַרבעסערן דעם לעבנס־שטייגער פון די אַרבעטער א. אַנד. דעם 11־טן מאַי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג וועגן איבערגעבן די געבורויכס־פאַרבאַנדן אין „זיכערע הענט":

„קעדיי צו פאַרהיטן די גרויסע מיטלען, וואָס זיינען אינוועסטירט אין די אונטערנעמונגען פון די געבורויכס־פאַרבאַנדן, וועלכע עס דראָט אַ געפאַר, דאַרפן די געבורויכס־פאַרבאַנדן אין העסקעם מיט דער אָנווייזונג

פונעם פירער — דעם אימפּעריש און ווירטשאַפטס־מיניסטער און אַנדערע קאָמפּעטענטע אָרגאַנען איבערגעגעבן ווערן אין זיכערע הענט, קעדיי ווייטער פירן די געשעפטן.

„עס איז געוואונטשן, אַז די געבּרויכס־פאַרבאַנדן זאָל ניט געמאַכט ווערן קיין שטערונגען אין זייער ווייטערדיקער אַרבעט. צוזאַמען מיט דעם איז קלאָר אָנגעוויזן, אַז זיי דאַרפן זיך אויף ווייטער ניט פאַרברייטערן. דורכפירן די דאָזיקע מאַסמיטלען האָט דער אָנפירער פונעם דייטשישן אַרבעטער־פראָנט דר. ליי באַאויפטראַגט דעם אָנפירער פון דער אַרבעטער־באַנק, דעם פּאַרטיי־כאַווער קאַרל מילער"

(„פעלקישער באַאָבאַכטער" פון 12־טן מאַי 1933־טן יאָר).

אונטער דער פאָן פון קאַמף קעגן פאַרשווענדונגען און גנייוועס האָט מען דערנאָך קאָנפיסקירט דאָס פאַרמעגן פון די פראָפאַריינען.

„די אָפּטיילונג פון קאַמף קעגן מיסברויכן באַם פּריסישן יוסטיץ־מיניסטעריום האָט נאָכן קאָנפיסקירן די פאַרמעגנס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פונעם „רייכסבאַנער" אַרויפגעלייגט אַן אַרעסט אויפן גאַנצן פאַרמעגן פון די פראָפאַריינען. דורכפירן די געהעריקע מאַסמיטלען האָט אויף זיך גענומען דער אָנפירער פונעם דייטשישן אַרבעטער־פראָנט דר. ליי".

(„פעלקישער באַאָבאַכטער" פון 13־טן מאַי 1933־טן יאָר).

דעם 23־טן יוני 1933 יאָר האָט היטלערס רעגירונג אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן פאַנאַנדערלאָזן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. דער פּאַרטיי איז פאַרבאָטן געוואָרן צו פירן יעדע פּאָליטישע אַרבעט, אירע פאָרשטייער זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אַלע פּאַרלאַמענטן. עס האָט ניט געהאָלפן ניט דאָס, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן דעם 17־טן מאַי אין רייכסטאַג באַוויליקט היטלערס דעקלאַראַציע וועגן דער אויסערלעכער פּאָליטיק, ניט דאָס, וואָס דער נייער פאָרזיצער פון דער פּאַרטיי, לעבע, האָט זיך געפּרוּווט דערשלאָגן בא היטלערס רעגירונג אַ טאָלעראַנטע באַציאונג, אָפּגרענעצנדיק זיך פון דעם טייל מיטגלידער פון פּאַרטיי־פּרעזידיום, וועלכע האָבן עמיגרירט.

דאָס קאָנפיסקירן דעם פאַרמעגן פון דער קאָמפּאַרטיי

דעם 27־טן מאַי, אין פיל כאָדאָשים אַרום נאָך דעם, ווי דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דער קאָמפּאַרטיי און פון די נאָענטע צו איר אָרגאַניזאַציעס איז קאָנפיסקירט געוואָרן, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער פאָלגנדיקער געזעץ וועגן קאָנפיסקירן דעם קאָמוניסטישן פאַרמעגן:

„פּ. 1. (1) די העכסטע מאַכטן פון דער דייטשישער מעלוכע, ווי אויך אַנדערע אינסטאַנצן האָבן דאָס רעכט, לויט זייערע אָנווייזונגען, צו קאָנפיסקירן לעטוּווּעס דער מעלוכע דעם פאַרמעגן און דאָס רעכט פון

דער ק. פּ. ד. און פון אירע באהילפיקע און פארטרעטנדיקע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך דעם פארמעגן, וואָס איז געווען באַשטימט אויף מיטצוהעלפן די קאָמוניסטישע צילן.

(2) דער אימפּערישער אינערן־מיניסטער קאָן פאַרלייגן די אַרטיקע מאַכט אָנצונעמען מאַסמיטלען, וואָס זיינען אָנגעוויזן אינעם אָפּטייל 1.

פּ. 2. דער פאראגראף 1 ווערט ניט אָנגעווענדט צו די אָביעקטן, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אין ארענדע, אָדער ליפערונג מיטן איינהייטן דאָס אייגנטום־רעכט פארן ליפעראַנט. אָן אויסנאַם ווערט געמאַכט אין די פאלן, ווען דער ארענדאַטאָר אָדער ליפעראַנט האָט געהאַט א ציל, איבערגעבנדיק זיינע זאַכן, מיטצואוווירקן די קאָמוניסטישע צילן.

פּ. 3. די רעכט אויף די כפייצים, וואָס ווערן קאָנפיסקירט, ווערן אַנו־לירט. מיטן קאָנפיסקירן די ערד־באַצירקן, ווערן ניט אַנולירט די רעכט אויף די דאַזיקע באַצירקן. דער אַנשטאַלט, וואָס קאָנפיסקירט, קאָן דער־קלערן דאָס רעכט פאר אַנולירט, אויב מיטן איבערגעבן דעם עקוויוואַ־לענט האָט מען פארפאָלגט מיטצואוווירקן די קאָמוניסטישע צילן.

פּ. 4. קעדיי אויסמיידן פיל שטרענגקייטן ווערט דערלאָזט צו באַ־פרידיקן די קרעדיטאָרן פון דער קאָנפיסקירטער קאַסע...

דער פאראגראף 7 שטעלט איין די ניט־דערלאָזבארקייט פון קאָמ־פענסאַציע, און דער פאראגראף 8 באפולמעכטיקט דעם מיניסטער דר. פריק ארויסצוגעבן פארשידענע פאראָרדענונגען, קעדיי אויספילן דעם געזעץ.

אונטער דער קאָנפיסקירונג, וואָס איז געווענדט קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָדער דעם קאָמוניסטישן פארמעגן, איז ארונטערגעפאלן די סאַמע פאר־שפּרייטע בערלינער ארבעטער־צייטונג „וועלט אם אבענד“, וואָס שטייט אויף קלאַסן־קאַמף־פּאַזיציעס. די צייטונג פלעגט דערשיינען אינעם פארלאַג „קאָסמאָס“.

ווען אין די ערשטע כאַדאָשים פון היטלערס דיקטאַטור איז קלאָר געוואָרן, אז די אָפיציעלע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע צייטונגען ווערן ניט פארשפּרייט צווישן די ברייטע ארבעטער־מאַסן, האָט דער פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס צוגעגרייט א נייעם שווינדלערישן שפּיצל. סאָף מאַי האָט מען ארויסגעלאָזן א נייע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע צייטונג מיטן אַלטן נאָמען „וועלט אם אבענד“, מיטן אַלטן פאָרמאַט און פאָרם. די ערשטע טעג האָט זי זיך אויך געפּרוּאווט פארמאַסקירן דעם אינהאַלט, האָט געגעבן א שיינבאַר אָביעקטיווע אינפאָרמאַציע פון פּסס״ר און האָט קעסיידער אַפּעלירט צום ארבעטער־לייענער. אָבער שוין אין א פּאָר טעג ארום איז די דאָזיקע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע צייטונג גע־צוואונגען געווען עפנטלעך צו פארטיידיקן זיך פון די דעמאַסקירונגען וואָס די בערלינער ארבעטער האָבן געמאַכט אין די אומלעגאַלע פלוגבלעטלעך.

די „שטאַנדישע" צילן פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן

וואָס קלערער עס איז געוואָרן אין פארלויף פון די ערשטע 5 באַדאָשים פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן רעזשים זיין פולשטענדיקע אומפעאיקייט ביי־צוקומען די ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן, וואָס קלערער עס איז געוואָרן, אַז ער פירט דייטשלאַנד צו אַ קאַטאַסטראָפע, אַלץ גרעבער האָבן די נאַציאָנאַל־סאָ־ציאַליסטן געמוזט פאַרווירקלעכן זייער דיקטאַטאָרישע מאַכט. זיי זיינען גע־צוואונגען געווען צו גיין צו אַ פולשטענדיקער אוזורפּאַציע פון דער מאַכט, צו אַ מאָנאָפּאָל־לאַגע פון דער פּאַרטיי און פון זיינע פּסעוודאָ - אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס. מיט דער הילף פון פּאָליציי האָבן די פאַשיסטן צעטריבן דעם קאַטוילישן צוזאַמענפאַר פון די געזעלן אין מינכען, וואָס אַף אים האָט אַלס אָפיציעלער רעד־נער געדאַרפט אַרויסטרעטן דער וויצע־קאַנצלער פאָן פּאַפּען. מען האָט פאַרווערט די קריסטלעכע אָרגאַניזאַציעס צו פירן יעטוועדע טעטיקייט אויסער ריין רעלי־גיעזע. די אויסגעוואַקסענע קאָנקורענץ צווישן די זאָוואָדישע אָרגאַניזאַציעס און די נאַציאָנאַליסטישע שלאַכט־דרוזשינעס איז דערשטיקט געוואָרן מיט פּאָליציי־אישער קראַפט. די געציילטע פאַרשטייער פון די קריסטלעכע פּראָפאַריינען אין דעם אַפּסניי אויסגעבילדעטן „גרויסן אַרבעטער־קאָנוועט". דאָס אויבערקעפל פון די „אוניפיצירטע" פּראָפאַריינען, האָט מען לויט דר. ליים פאַראָרדענונג אַרויס־געטריבן אַלס „פיינט פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג".

אין די שוין דערמאַנטע גרונט־טאָקאָנעס וועגן דעם שטאַנדישן געבוי פונעם דייטשישן אַרבעטער־פראָנט („פעלקישער באָאָבאַכטער" פון 8—10־טן יוני 1933) פאָרמולירט דר. ליי, וועלכע שטאַנדישע צילן די פאַשיסטן שטעלן זיך נאָכן פאַרניכטן די לעגאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

ליים פּראָגראַם:

א) די אַרבעטער ווערט פאַרווערט צו פירן אַ קאַמף פאַר העכערן אַרבעטס־לוין, ווייל דער דאָזיקער קאַמף איז אַן אויסדרוק פון „גיריקייט".

ליי שרייבט בוכשטעבלעך פאָלגנדיקעס:

„מיר ווייסן, אַז דער גייסט פון גיריקייט קאָן באַהערשן דעם מענטשן. מיר ווייסן, ווי לעבעדיק עס איז אין די מענטשן דער דורשט נאָך געלט. איינער שטרעבט צו אַ גרויסן אַרבעטס־לוין, אַ צווייטער — צו גרויסע דיווידענדן נאָר טאָקע דערפאַר, וואָס מיר ווייסן דאָס, האָבן מיר אויך קלאָר פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף ניט דערמוטיקן דעם דאָזיקן „באַזעריש ן פרינציפּ" אינעם מענטשן מיט דער הילף פון קינסטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אַז די אויפגאַבע פון דער העכערער מעלוכע־פאַרוואַלטונג איז צו שטערן די דאָזיקע מענטשלעכע פעלערן, איינצוימען זיי, און אויב ס'איז נויטיק מיט גראָבער קראַפט דערשטיקן און באַגרענעצן זיי..."

ב) עס ווערט ווידער אויפגעשטעלט אין די אונטערנעמונגען אָן קיין שום באַגרענעצונגען די „אָנפירונג" פון די אונטערנעמער.

דר. ליי זאָגט:

„דעריבער גיט די שטאַנדישע אָרדענונג אין דער ערשטער ריי אפּ־נײ איבער אין די הענט פונעם נאַטירלעכן אָנפירער פון דער אונטערנע־מונג, ד. ה. פונעם אונטערנעמער, די גאַנצע פולקייט פון דער אָנפירונג און דערמיט אליין לייגט זי אַף אים ארויף די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

„דער פאַבריק־זאַוואָדישער קאָמיטעט באַשטייט פון ארבעטער, אָנגע־שטעלטע און אונטערנעמער. אָבער ער באַזיצט בלויז באַראַטונגס־רעכט. באַשליסן קאָן בלויז דער אונטערנעמער. אין פארלויף פון א ריי יאָרן האָבן די אונטערנעמער געפאָדערט, אז זיי זאָלן זיין די „באַלעבאַטים אין הויז". איצט וועלן זיי ווידער ווערן אזעלכע באַלעבאַטים".

ג) די פריערדיקע „פעסטע" טאַריף־אָפּמאַכן דארפן פארניכטעט ווערן, זיי דארפן זיין ווי ווייט נאָר מעגלעך „לעבעדיקע און בייגעוודיקע".

ד) די ביז איצטיקע ארבעטער־געריכטן פארלירן יעדן שאָטן פון אונאָפּהענ־גיקייט. אָנשטאָט דעם ווערן געגרינדעט די אזוי גערופענע „שטאַנדישע געריכטן", וואָס אין זיי וועלן צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון די אונטערנעמער אויך זיצן אָפּגעקליבענע פאשיסטן אונטער דער מאַסקע פון פאָרשטייער פון די ארבעטער און אָנגעשטעלטע.

דר. לייס פּראָגראַם טראָגט ניט קיין פּריוואַטן כאַראַקטער. דאָס איז אן אָפיציעלער דאָקומענט פון דער פארטיי און פון דער רעגירונג, וואָס איז צונויפ־געשטעלט געוואָרן לויט היטלערס אויפטראָג. זיין פיינטלעכע באַציאונג צו די ארבעטער און די פריינטלעכע באַציאונג צו די אונטערנעמער איז אבסאָלוט באַ־שיימפערלעך. די „שטאַנדישע אָרדענונג", וואָס דארף בייקומען די קלאַסן־צע־טיילונג און דעם קלאַסן־קאַמף אין אלע געביטן, וועט אומעטום פארשארפן די קלאַסן־דיקטאַטור פון די אונטערנעמער.

דעם זעלבן ציל דינט דאָס באַשטימען „12 ארבעט־ארביטערס", וועלכע באַ־קומען אין אלע דייטשישע געגנטן דאָס רעכט דיקטאַטאָריש איינצושטעלן די אר־בעטס־באַדינגונגען: פולשטענדיק באַזייטיקן די רעכט פון די ארבעטער צו באַ־טייליקן זיך אינעם רעכט צו רעגולירן זייערע לעבנס־באַדינגונגען. דאָס באַשטי־מען נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אַף אלע פּאָסטנס אין די פּראָפאַריינען, אין מעלו־כישן אפּאַראַט און אין אנדערע אָרגאַניזאַציעס באַשאַפט א ברייט צעצווייגטע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ביוראָקראַטיע. די דאָזיקע מאָנאָפּאָליע אין די באַ־דינגונגען פון קאַפּיטאַליזם, בא דער פולשטענדיקער אָפּוועזנהייט פון א קאָנ־טראָל פון אונטן, דארף ווערן א קוואַל פון סאַמע עקלהאַפטסטע מיסברויכן.

יעדער טאָג אין דייטשלאַנד איז א נייער אײדעס דערפון, אז ניט דער וויל־קיר, ניט די רעציכע פון די פּאָגראָמען־מאַכער, ניט די בלוטדורשטיקייט, וואָס די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער ווייזן ארויס, זיינען ניט בעקויעך צו פארניכטן דעם קלאַסן־קאַמף פון דער דייטשישער ארבעטער־באַוועגונג. מע קאָן צעשמעטערן אירע לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, אָבער צענדליקער טויזנטער איבערצייגטע און דרייס־טע קעמפער פארן סאָציאַליזם וועלן ווייטער פירן דעם אומלעגאַלן קאַמף.

אַ מאַרש קעגן דער קולטור

איינצייטיק און צוגלייך מיטן הויפּט־אָנגריף אפן דייטשישן ארבעטער־קלאס און אף זיינע אָרגאַניזאציעס פירן היטלער און געבעלס אַ מילכאָמע קעגן די בעסטע שיכטן פון דער דייטשער אינטעליגענץ.

די שטיוול פון די שטורמאָוויקעס צעטרעטן דאָס, וואָס די בעסטע געלערנטע און קינסטלער האָבן דורך איינגעשפּאַרטער ארבעט געשאפן. זיי צעטרעטן פיל אינטעליגענטן אינעם בוכשטעבלעכן זין פונעם וואָרט, אָנווענדנדיק קעגן זיי ברוטאַלע פייניקונגען, האָגאָם זיי האָבן אָפט ניט קיין שום פאַרבינדונגען מיטן קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט; די פאַשיסטן האסן זיי פאַר דער אומאָפּהענגיקייט, פּראָגרעסיווקייט און פרייען דענקען. שוין דער ליבעראַלער אַרט דענקען אליין איז פאַר היטלערן אַ „פאַרברעכן", וואָס דאַרף אָן ראַכמאָנעס באַשטראָפט ווערן.

געבעלס קאָמאַנדעוועט מיט די ברוינע אינקוויזיטאָרס, וואָס האַלטן פאַר מעגלעך אומצוקערן דאָס ראָד פון דער געשיכטע ווייט אף צוריק — צו דער עפּאָכע פאַר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. מיט זיין קוליע, צערעמאָניאַלן מאַרש און פאָדערונג פון בלינדער געהאָרכזאַמקייט דאַרף דער, אפן פאַשיסטישן אויפן פאַלסיפיצירטער Fridericus-rex *) זיין דער אינהאַלט פון דער „קולטור" אין דער „דריטער אימפּעריע". אַלץ, וואָס איז „אידיש", „ליבעראַל" אָדער „מאַרקסיסטיש", וואָס פאַרקערפּערט אין זיך דעם בורזשואזן פּראָגרעס און קולטור פון די לעצטע 150 יאָר, דאַרף פאַרניכטעט ווערן.

אין היטלערס דייטשלאַנד איז ניטאָ קיין אָרט ניט פאַר די אידייען פון פרייען גייסט, ניט פאַר דער סאַמע באַשיידענער שטרעבונג פון די בורזשואזע געלערנטע צו וויסנשאַפטלעכער אָביעקטיווקייט, עס איז ניטאָ קיין אָרט אין די קונסט־ווערק פאַרן סאַמע באַשיידנסטן אויסדרוק וועגן סאָציאַלן קאַמף פון די פאָלקס־מאַסן פאַר פרייהייט. דאָס אַלץ איז ארויסגעטריבן געוואָרן פון די קאַטעדרעס, פון דער בינע, פון די דירעזשאָרישע פולטן, פון די קליניעקס, וויסנשאַפטלעכע פאָרשערישע אינסטיטוטן און אקאַדעמיעס. די פלאַמען פון די שייטער־הויפנס, אין וועלכע עס ברענען די ווערק פון דער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור, אף די פלעצער פון די דייטשישע שטעט, זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז די ברוינע באַרבאַריי שטרעבט ניט נאָר פיזיש צו פאַרניכטן אַלץ, וואָס איז לעבעדיק און ווערטפול, אַלץ, וואָס די בורזשואזע קולטור קאָן איבערלאָזן בעיערושע דעם ארבעטער־קלאַס, און אפילע אַלץ, וואָס עס טרעט ארויס אונטערן צייכן פון בורזשואזן פּראָגרעס.

*) פרויסישער קיניג — פרידריך דער צווייטער.

די לעצטע פאָנען־טרעגער פון די אידייען פון „ליבעראַליזם" ווערן פיזיש און מאָראַליש פארניכטעט פון די ברוינע פארגוואַלטיקער, וועלכע די הערשנדיקע קרעפטן האָבן צערייצט, קעדיי צו פארלאַנגזאַמען דעם אונטערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. די לעצטע דייטשישע געשעענישן האָבן באַוויזן אַפן קלאָרסטן אויפן, אַז אין אונזער עפּאָכע איז די צוקונפט פון דער קולטור אומצערייסלעך פארבונדן מיטן קאַמף פאר דער פרייהייט פונעם אַרבעטער־קלאַס.

דאָס פאַרפאָלגן די געלערנטע

„אָ דאָר! אָ וויסנשאַפט! סאַראַ פרייד עס איז צו לעבן!"
(אולריך פאָן הוטען)

די פאַרביסענע פיינטשאַפט פונעם פאַשיזם וואַרפט זיך אַרויף, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, קוידעמקאָל אַף די אינטעליגענטן, וואָס אָנערקענען זיך אָפן אַלס אָנהענגער פונעם באַפרייאונגס־קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס אָדער וואָס זיינען נאָענט צו די פאַציפיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

מיט דער גאַנצער קראַפט האָט זיך די דאָזיקע פיינטשאַפט אַף זיי אַרויפגעוואָרפן שוין אין די ערשטע טעג נאָך דער רייכסטאַג־סרייפע. די ערשטע כוואַליע אַרעסטן, וואָס האָט זיך דורכגעקייקלט גלייך נאָך דער פּראָוואָקאַציע פון די ברוינע אונטערצינדער, האָט פאַרכאַפּט די דייטשישע גרופּע, וואָס האָט אָרגאַניזירט אין אַמסטערדאַם אַ מעדיצינישע געזעלשאַפט צו קעמפן קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. זייער פירער, דר. פעליקס בענהיים, זיצט נאָך פון סאָף פעברואַר אין היטלערס טורמע.

דר. בענהיים איז אַ ספּעציאַליסט אין אינערלעכע קראַנקהייטן, זייער אַ געאַכטעטער און אַ באַקאַנטער וויסנשאַפטלעכער טוער. ער איז ניט געווען קיין מיטגליד פון קיין שום פּאָליטישער פּאַרטיי. אַ דאַנק דער וויסנשאַפטלעכער באַדייטונג פון זיינע אַרבעטן, האָט ער באַקומען אַן אָרט אַלס הויפּט־דאָקטאָר אין איינעם פון די סאַמע גרעסטע פון די בערלינער שפּיטאָלן, — אין גופּעלאַנדאָוועער שפּיטאָל. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס דר. בענהיים איז געשטאַנען בעראָש פון דער דאָקטוירים־באַוועגונג קעגן דער מילכאָמע, איז געווען גענוג, אַז די היטלערישע פאַשיסטן זאָלן זיך באַציען צו אים מיט אומבעשאָלעמדיקער פיינטשאַפט.

זיין טעטיקייט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער מעדיצינישער געזעלשאַפט ווערט קוואַליפיצירט ווי אַ „מעלוכע־פאַראַט". ער באַקומט ניט קיין שום יורידישע פאַרטיידיקונג, ניט געקוקט אַף די פיל כאַדאָשים טורמע, ווערן אים ניט דערלויבט קיין זעאונגען און פאַרבינדונגען מיט דער פאַמיליע.

דער באַוואוסטער געלערנטער מאַרקסיסט הערמאַן דונקער, וואָס איז שטאַרק באַקאַנט אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג, זיצט אין טורמע,

ניט געקוקט אף דער שווערער קראנקהייט און טיפן עלטער. זיין לעבן איז אין דער גרעסטער געפאר. א מענטש, אין וועמען א גאנצער דאר ס. ד. ארבעטער האט ביז דער מילכאמע געזען זיין געאכטעטן לערער, איז פאראורטיילט אף פסי־כישן און פיזישן אומקום אין היטלערס טפיסע.

דער שרייבער קארל אויגוסט ווי ט פ א ג ע ל — דער אויטאר פון דער ווערטפולער ארבעט וועגן כינע, די שרייבער לודוויק ר ע ן, קארל פאן אסעצ־קי, קורט ה י ל ע ר, עגאן ערווין ק י ש, עריך מ י ו ז א ם, קלאוס נ ו י־ק ר א נ ץ, עריך ב א ר א ן א. א.; די דאקטוירים: פראפ. ש ע ל ע ר פון ברעסלאוול, דר. א ש פון בערלין, דר. וו א ל ג ע מ ו ט פון האמבורג זיינען ארעסטירט געווארן. די וויסנשאפטלעכע אינסטיטוטן, אוניווערסיטעטן, שולן דארפן ווערן אנשטאלטן, וואו עס ווערט מיט דער הילף פון מושטרירונג גע־פלאנצט די „קולטור פון די שטורמאוויקעס".

די פארפאלגונג קעגן גרויסע געלערנטע, וועלכע מען איז כוישעד אין מארקסיסטישע, פאציפיסטישע אדער ליבעראלע אידייען, ווערט פארשפרייט אפי־לע אף די דייטשישע נאציאנאליסטן. די פעדאגאגישע קאדרען פון די וויכטיק־סטע דייטשישע אוניווערסיטעטן ווערן פארניכטעט מיט א בארבארישער לייכט־זיניקייט. עס טריאומפירן די מעסירעס און קאריעריזם פון טאלאנטלאזע אמע־ראצים, וואס האבן געקאנט אויסנוצן דעם מאמענט.

מיר נעמען בלויז אייניקע ביישפילן פונעם קאלאסאלן צעטל אפזאגונגען, דימיסיעס און פארפאלגונגען.

מען פארניכטעט די קרוין פון דער דייטשישער וויסנשאפט

אמערסטן איז באוואוסט דער פאקט פון פארפאלגן דעם בארימטסטן פיזיקער אלבערט א יי נ ש ט יי ן. איינשטיין איז א שווייצארישער אונטערטאנער, א מיט־גליד פון דער פרייסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. דעם האס פון די פאשיסטן האט ער אף זיך געצויגן צוליב זיינע לינקדעמאקראטישע פאליטישע שטימונגען, צוליב זיין אינטערעס צו דער אידן־פראגע און צוליב זיינע אלוועלטלעך־באוואוסטע אר־בעטן. פאר די פאשיסטן איז ער דעריבער „ניט קיין דייטש". איינשטיינס וויסנ־שאפטלעכע ארבעטן זיינען פארברענט געווארן אפן שייטערהויפן אנטקעגן דעם בערלינער אוניווערסיטעט, אונטער די זיגערישע אויסרופן פון די פאשיסטן. שוין אט די ארויסטרעטונג קעגן איינשטיינען, וועלכער האט באקומען די נאבל־פרעמיע, מאכט היטלערס דייטשלאנד צו שאנד און צו שפאט אין די אויגן פון דער היינט־צייטיקער וויסנשאפט.

אן דער אנטוויקלונג פון די פינקטלעכע וויסנשאפטן קאן ניט עקזיסטירן קיין איין צווייג פון דער הויך־אנטוויקלטער אינדוסטריע. דאך האט היטלערס רעזשים ארויסגעטריבן פון די הויכשולן די אמערסטן בארימטע פארשטייער פון דער נא־טור־וויסנשאפט און מאטעמאטיק.

דער געטינהענער אוניווערסיטעט פארמאגט אלטע וויסנשאפט־טראדיציעס: אין משעך פון 50 יאר האט ער דערצויגן א גאנצן דאר גרויסע פארשער. די

גרעסטע פראָפעסאָרן פון דעם דאָזיקן אוניווערסיטעט זיינען פאַרטריבן געוואָרן.

דזשעמס פ ר א נ ק — א פיזיקער־עקספּערימענטאַטער מיט א וועלט־נאָמען, באַלוינט געוואָרן מיט דער נאָבעל־פּרעמיע. איז געווען געצוואונגען „פרייוויליק" אוועקצוגיין אין דימיסיע אלס איד.

פּראָפ. ב אָ ר ן — א באַרימטער פיזיקער, קאָן ניט פאַרזעצן אין דייטשלאַנד זיינע „ניטדייטשישע פאָרשונגען".

דער מאַטעמאַטיקער ק ו ר א נ ט — אַן אויטאָריטעט אין געביט פון דער טעאָריע וועגן פונקציעס; ב ע ר נ ש ט י י ן — דער סאַמע גרעסטער קענער פון סטראַכיר־מאַטעמאַטיק אין אייראָפּע; עממי נ י אָ ט ע ר — א באַרימטער געלערנטער אין געביט פון מאַטעמאַטיק און העכערער אַלגעברע, — זיי אַלע האָבן געמוזט אוועקגיין פון זייערע פּאָסטנס.

דער בערלינער מאַטעמאַטישער פאַקולטעט האָט פאַרלוירן זיינע בעסטע לערער. אַמשטאַרקסטן האָט געליטן דער בערלינער פּאָליטעכניקום.

צווישן די פאַרטריבענע געפינט זיך דער פּראָפ. אַרטור קאָ ר ן — א פיזיקער, זיין פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער אָנגעוויזן די פּראַקטישע מעטאָדן, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן די ווייטזעעוודיקייט (דאָס זען אויף א ווייטער שטרעקע).

צווישן די קאָרבאָנעס פון דער „רייניקונג" אין די הויכשולן שטייט אויפן ערשטן אָרט דער בערלינער מאַטעמאַטיקער ש ו ר און די פּראָפעסאָרן מ י ס ע ס און ב י ב ע ר ב א ך.

אָט די ווילדע פאַרפאָלגונגען קעגן די פאָרשטייער פון די פּינקטלעכע וויסנשאַפטן איז אפילו פונעם שטאַנדפּונקט פון דער היינטצייטיקער קאַפּיטאַליסטישער וויסנשאַפט־פירונג געגליכן צו זעלבסטמאָרד. דאָס איז קעדאַי צו פאַרגלייכן מיט די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס אַלע ערלעכע געלערנטע האָבן אין פּסשר.

צווישן די קאָרבאָנעס פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער רייניקונג געפינט זיך אויך דער פּראָפעסאָר פריץ ה א ב ע ר, וואָס איז באַלוינט געוואָרן מיט דער נאָבעל־פּרעמיע. זייענדיק דער הויפּט פון א גאַנצער כימיקער־שול, איז האַבער שוין ביז דער מילכאָמע געווען א גרויסער וויסנשאַפט־אויטאָריטעט פון דער ערשטער מאַדרייגע. ער האָט דער ערשטער פאַנאַנדערגעאַרבעט דעם מעטאָד פון אַרויסבאַקומען זויערשטאָף פון דער לופט, וואָס האָט זיך פּראַקטיש באַהעכטיקט. ער איז ווייניקער ווי אַליץ א פּאַציפיסט. האַבער האָט געטאָן דעם קייזערלעכן דייטשלאַנד די גרעסטע טויוועס בעאַיים דער וועלט־מילכאָמע. זיין נאָמען איז פאַרבונדן מיט דער העכסטער אַנטוויקלונג פון דער היינטצייטיקער דייטשישער כימיע. ווי עס באַמערקט פּולשטענדיק ריכטיק דער „טיימס" (4־טער מאַי 1933־טן יאָר), באַשטייט די איראָניע פון דער געשיכטע אין דעם, וואָס די פאַשיסטן האָבן געצוואונגען אוועקצוגיין אין דימיסיע אַזאַ מענטשן (האַבערן), וועמען דייטשלאַנד האָט וואַרשיינלעך מער ווי וועמען עס איז אַנדערש צו פאַרדאַנקען פאַר דעם, וואָס עס האָט זיך איינגעהאַלטן אין מעשעך פון 4 יאָר מילכאָמע.

גלייכצייטיק איז אויך פארטריבן געוואָרן דער פּראָפעסאָר פּ אָ ל א נ י — האבערס נאָענטסטער מיטארבעטער.

צווישן די אנדערע באוואוסטע געלערנטע — פאָרשטייער פון פינקטלעכע וויסנשאפטן, וואָס האָבן געמוזט אוועקגיין צוליבן בארבאריזם פון די נאציאָנאַל־סאָציאַליסטן, געפינען מיר דעם פּראָפעסאָר ב י ו ק, וואָס האָט געארבעט איבער פּלאנקס קוואנטן־טעאָריע; דעם קעניגסבערגער מאטעמאטיקער ג י י ז ל, וואָס איז בארימט מיט זיינע זעלבסטשטענדיקע ארבעטן אין דער טעאָריע פון צאָלן; דעם קילער פּראָפעסאָר אדאָלף פּ ר א נ ק ע ל, וואָס האָט פארעפנטלעכט א ביז גאָר ווערטפולן בוך וועגן דער קוואנטיטעט־טעאָריע; דעם בערלינער פיזיקער פּ ר י נ ס־ה י ם, וואָס אין זיינע ווערק ווערן פאנאנדערגעארבעט די פראגן פון דער שטראַלן־טעאָריע.

אָט די אלע אָנגעוויזענע וויסנשאפט־טוער זיינען בארימט און געאכטעט אין די קרייזן פון ספּעציאַליסטן, געלערנטע, פאָרשער און פּעדאגאָגן. שוין אָט די ניט פולע רעשימע באווייזט, אז באם פּאָגראָם האָט זיך געהאנדלט וועגן פּאַקטישן פארניכטן די דייטשישע וויסנשאפט, אז מיט דער הילף פון אינקוויזיציע און שייטערהויפנס קעמפט דער דייטשישער פאשיזם קעגן יעטווידער וויסנשאפטלעכן פּראָגרעס.

נישט געבן די געלערנטע קיין אויסלענדישע פּאספּאָרטן

דער פאקט, וואָס אלבערט איינשטיין איז איינגעלאַדן געוואָרן אינעם „פראנצויזישן אינסטיטוט" און וואָס דער „באשטראָפטער" גינעקאָלאָג פּראָפעסאָר בערנהארד צ אָ נ ד ע ק לייענט לעקציעס אין שטאָקהאָלם האָט געבראכט דערצו, אז מען האָט ערנסט אָנגעהויבן באטראכטן די פראגע וועגן אָפּנעמען די אויסלענדישע פּאספּאָרטן בא די באשטראָפטע פּראָפעסאָרן. דער „ניטדייטשישער" גייסט פון די דאָזיקע געלערנטע טאָר אויך ניט אויסגענוצט ווערן אין די אויסלענדישע אוניווערסיטעטן:

„די רעכטע „טעגלעכע רונדשאו" פון 17־טן אפּריל 1933־טן יאָר האָט, נעמענדיק אין אכט דאָס, וואָס איינשטיין איז איינגעלאַדן געוואָרן אינעם „פראנצויזישן מעלוכע־אינסטיטוט", ארויסגעשטעלט דער רעגירונג א פאָדערונג וועגן אָפּנעמען טייקעף די אויסלענדישע פּאספּאָרטן בא 16 פּראָפעסאָרן, וואָס זיינען באפרייט אין אורלויב, ווייל קיינער קאָן ניט גאראנטירן, אז דער אָדער יענער פון זיי וועט אין די נאָענטסטע טעג ניט אנטוויקלען אן אנטידייטשישע פּאָליטיק פון די קאטעדרעס אין פאריז, לאָנדאָן אָדער אָקספאָרד. דערביי דארף מען נעמען אין אכט, אז אייניקע פון זיי, ווי ק ע ל ז ע ן, ל ע ד ע ר ע ר און ב אָ ן האָבן אין אויסלאנד אויסגעצייכנטע פארבינדונגען".

באַרימטסטע דאָקטוירים האָבן ניט קיין רעכט צו אַרבעטן אין דייטשלאַנד.

אין אַן אַנדער אָרט פון עם דאָזיקן קאַפּיטל ברענגען מיר אַ ניט פולן צעטל פון דייטשישע געלערנטע, וואָס זיינען באַזייטיקט אָדער זיינען אויף לאַנג באַפרייט געוואָרן פון די פּאָסטנס און געפינען זיך אין לאַנגטערמיניקן אורלויב.

מיר ווילן אין קורצן כאַראַקטעריזירן בלויז אייניקע דאָקטוירים, וואָס זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַרבעט.

דער באַרימטער שוועדישער געלערנטער איילער, וואָס האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע אין דער מעדיצין, האָט כאַראַקטעריזירט בערנהאַרד צאַנדעקן אַלס אויסערגעוויינלעך גרויסן מענטשן. צאַנדעקן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען פאַר דער אַנטדעקונג פון עם כימישן מעטאָד פון אַנאַליזירן די האָרמאָנע, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט פעסטצושטעלן די שוואַנגערשאַפט אין סאַמע אָנהויב. דער דאָזיקער מעטאָד האָט די גרעסטע באַדייטונג סיי פון ריין מעדיצינישן שטאַנדפּונקט סיי אויך פון עם שטאַנדפּונקט פון דער סאָציאַלער היגיענע. צאַנדעק האָט געגעבן גלענצנדיקע אַרבעטן אין געביט פון אויספאָרשן די האָרמאָנען. ער האָט געשטרעבט אויסצופאָרשן די געשלעכט־האָרמאָנען, דעם ספּעציפישן שטאָף בא מענער און פרויען, וואָס איז ערשט די לעצטע יאָרן פעסטגעשטעלט געוואָרן. צאַנדעק איז איינער פון די פּיאָנערן פון אָט די נייע אויספאָרשונג־מעטאָדן, אין דער סאַמע לעצטער צייט האָט ער פאַרגעזעצט צו אַרבעטן מיט אַ וואונדערלעכן דערפאָלג איבערן באַקומען „קינסטלעכע” געשלעכט־האָרמאָנען. היטלערס רעגירונג האָט געפונען פאַר נויטיק אָפּצונעמען בא אים די קאַטעדרע.

דער בערלינער טובערקולאָז־פאָרשער פרידמאַן, וואָס איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט, האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אָפּגעגעבן דעם קאַמף קעגן אָט דעם פאָלקס־אומגליק — קעגן טובערקולאָז. ער האָט געפונען אַ ווערטפול מיטל קעגן טובערקולאָז.

מאָריץ באָרהאַרד, דירעקטאָר פון דער כירורגישער אָפּטיילונג פון מאָאַביטער שפּיטאָל (אין בערלין), אַ געהיימער מעדיצינישער ראַטמאַן, פּראָפעסאָר, אין דער יוגנט געווען אַן אַסיסטענט באַם באַרימטן דייטשישן כירורג פאָן בערגמאַן, דערנאָך הויפּט־דאָקטער פון עם בערלינער שפּיטאָל אויף ווירכאָווס נאָמען. באָרהאַרד האָט געקעמפט קעגן טובערקולאָז ווי אַ כירורג. אים האָט אַראָפּגעזעצט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער „קאָמיסאַר פאַר געזונט־אָפּהיטונג”.

ווי אַזוי מען האָט פאַרניכטעט דעם הירשפעלדער אינסטיטוט צו דערלערנען דאָס געשלעכט־לעבן

אַ פולשטענדיק זיכערער און באַגלייבטער איידעס, וואָס האָט ניט געאַרבעט אינעם אינסטיטוט, וואָס האָט אָבער געהאַט די מעגלעכקייט צו באָאָבאַכטן די געשעענישן, האָט צונויפגעשטעלט דעם פאָלגנדיקן פּראָטאָקאָל, ווי אַזוי מען האָט פאַרניכטעט דעם אַלוועלטלעך־באַוואוסטן פאָרשעריש־וויסנשאַפטלעכן און הייל־אינסטיטוט.

„דעם 6־טן מאי 1933־טן יאָר אינדערפרי האָט „בערלינער לאָקאַל־אנצייגער״ מיטגעטיילט, אז די ביכער־„רייניקונג״ פון דער „ניטדייטשישער״ ריכטונג אין די בערלינער ביבליאָטעקן וועט זיך דעם זעלבן טאָג אָנהויבן אינדערפרי און אז אין הירשפעלדער אינסטיטוט וועלן די דאָזיקע אָפּעראַציע דורכפירן סטודענטן פון דער גימנאַסטישער הויכשול.

„דער אינסטיטוט פאַר דערלערנען דאָס געשלעכט־לעבן איז געגרינדעט געוואָרן פונעם דר. מאַגנוס הירשפעלד אין 1918־טן יאָר אינעם הויז, וואָס האָט פריער געהערט דעם פירשט גאַצפעלד, אינגיכן איז דער אינסטיטוט אריבער אינעם אמט פון דער פּרייסישער רעגירונג אלס אלגעמיין־נוצלעכער אנשטאַלט. אדאנק די אויסערגעוויינלעכע קאָלעקציעס און אויספאָרשונגען, אדאנק דעם ארכיוו און ביבליאָטעק, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט, איז דער אינסטיטוט געוואָרן בארימט און אנערקענט פון דער גאַנצער וועלט. פיל אויסלענדישע געלערנטע דאָקטוירים און שרייבער פלעגן קומען צו פאָרן קיין בערלין, קעדיי צו ארבעטן אין אינסטיטוט.

„אין צוזאמענהאַנג מיט דער אָנגעוויזענער צייטונגס־מיטיילונג איז געמאכט געוואָרן א פּרוואוו אריבערצופירן אין א זיכערן אָרט אייניקע באזונדערס ווערטפולע פּריוואַטע ביכער און מאַנוסקריפּטן. דאָס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן פאַר אומעגלעך, ווייל א יונגערמאַן מיט ביכער איז פאַרהאַלטן און בארויבט געוואָרן דורך דער וואַך, וואָס איז אָפּאָנעם אוועקגעשטעלט געוואָרן באַם אינסטיטוט נאָך באַנאַכט. דעם 6־טן מאי האַלב צען אזייגער זיינען צום אינסטיטוט צוגעפאָרן עטלעכע פראַכט־אויטאָמאָבילן מיט 100 סטודענטן מיט א בלאַז־אָרקעסטער. זיי האָבן זיך מיליטעריש אויסגעשטעלט פאַרן הויז און אונטער די קלאַנגען פון מוזיק אריינגעריסן זיך אין הויז.

„צוליב דער פריער צייט איז די קאַנצעלאַריע פון אינסטיטוט נאָך געווען פאַרמאַכט, קיין פאַראַנטוואָרטלעכער אָנפירער איז דאָ ניט געווען; אין אינסטיטוט האָבן זיך געפונען בלויז אייניקע אויפראַמערס און איינער א מענטש, וואָס האָט אַן אומדירעקטע שייכעס צום אינסטיטוט. די סטודענטן האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיי אריינלאָזן אין אלע אינסטיטוט־לאָקאַלן. אזוי ווי אייניקע אינסטיטוט־לאָקאַלן, ווי דער אויפנעם־צימער אינעם פּאַרטער און די ביוראָ פון דער צווישנפעלקערלעכער ליגע פאַר סוקסועלע רעפאָרמעס זיינען געווען ליידיק און פארשלאָסן, האָבן די סטודענטן אויפגעבראָכן די טירן. נאָכדעם ווי זיי האָבן אינעם אונטערשטן שטאָק קיין שום אינטערעסאַנטעס ניט געפונען, זיינען זיי אוועק אינעם ערשטן שטאָק, וואו זיי האָבן פריער פון אלץ באַגאָסן מיט טינט די טעפּעכער און מאַנוסקריפּטן און דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען פאַר די פּריוואַטע ביכער־אלמערס. זיי האָבן צוגענומען אלץ, וואָס זיי האָט אויסגעוויזן צו זיין „פאַרדעכטיק״, האַלטנדיק זיך פונדעסטוועגן אין גרונט באַ די „שווארצע צעטלען״. זיי האָבן אכוץ דעם אויך צוגענומען אנדערע ביכער; אזוי, לעמאָשל, האָבן זיי פונעם סעקרעטאַר גיזעס פּריוואַטער ביבליאָטעק צוגענומען א גרויס בוך

וועגן טוטאנקאמאָנען און פיל קינסטלערישע זשורנאלן. זיי האָבן ארויס־געשלעפּט און צוגענומען פונעם ארכיוו גרויסע וואנט־טאבעלעס וועגן הער־מאפראָדיטיזם־פאלן, וואָס זיינען אין זייער צייט צוגעגרייט געוואָרן פארן אינטערנאציאָנאלן דאָקטוירים־קאָנגרעס אין לאָנדאָנער קענסינגטאָנער מוזיי אין 1913־טן יאָר. דעם גרעסטן טייל פון די דאָזיקע טאבעלעס האָבן זיי ארויסגעוואָרפן דורך די פענצטער צו זייערע כאַווירים, וואָס זיינען גע־שטאַנען אין דרויסן.

„די מערהייט בילדער און פאָטאָגראפיעס פון סעקסועלע טיפּן האָבן זיי אראָפּגענומען פון די ווענט און געשפּילט מיט זיי אין פוטבאָל. פונעם דאָ־זיקן „שפּיל" האָט זיך אָנגעקליבן א הורבע צעבראָכענע גלאָז און מיסט. אף דער אָנווייזונג פון איינעם א סטודענט, אַז דאָס איז דאָך מ ע ד י צ י־נ י ש ע ר מאטעריאל האָט דער אנדערער געענטפערט, אַז „דאָס איז ניט וויכטיק"; דאָ האנדלט זיך ניט וועגן קאָנפיסקירן אייניקע פאָטאָגראפישע בילדער און ביכער, נאָר וועגן פ א ר נ י כ ט ן ד ע ם א י נ ס ט י ט ו ט.

„נאָך א לאנגער רעדע האָט מען ארויסגעוואָרפן אפן גאס און צעבראָכן א מאָדעל (אין דער נאטירלעכער גרויס), וואָס האָט געשילדערט די פּראָ־צעסן פון אינערלעכער סעקרעציע. אין א צווייטן קאבינעט האָט מען מיט א שוואבּרע צעבראָכן א פאנטאָסטאט, וואָס האָט באדינט פאציענטן. דער־נאָך האָט מען פארכאפּט דעם בראָנזענעם ביוסט פון דר. הירשפעלד און א ריי אנדערע קונסט־ווערק. פון דער אינסטיטוט־ביבליאָטעק האָבן זיי מיט־גענומען בלויז עטלעכע הונדערט ביכער.

„די אָנגעשטעלטע האָבן זיך די גאנצע צייט געפונען אונטער א וואך; עס האָט געשפּילט מוזיק, וועלכע האָט צוגעצויגן צום הויז א גרויסן האַ־מוין נייגעריקע. 12 אזייגער האָט דער פירער געהאלטן דעם שלום־וואָרט און אונטער די קלאנגען פון א פרעכער ליד, פון האָרסט וועסעל־מארש איז די קאָמאנדע אוועקגעגאנגען.

„די איינוואוינער פונעם אינסטיטוט האָבן געמיינט, אַז דערמיט האָט זיך שוין דער איניען פארענדיקט, אָבער 3 אזייגער באטאָג זיינען ווידער געקומען פראכט־אויטאָמאָבילן מיט שטורמאָוויקעס, וואָס האָבן דערקלערט, אַז זיי דארפן פאָרזעצן די קאָנפיסקאציע, ווייל די אינדערפריענדיקע קאָ־מאנדע האָט ניט געהאט גענוג צייט גרינטלעך דורכצופירן די אָפּעראציע. די דאָזיקע צווייטע קאָמאנדע האָט זאָרגזאם אונטערזוכט אלע לאָקאלן און האָט אין קערב אָנגעשלעפּט צוויי פולע פראכט־אויטאָמאָבילן מיט ווערט־פולע ביכער און מאנוסקריפּטן. אורטיילנדיק לויט די זידל־רעפּליקעס, זיי־נען די נעמען פון די אויטאָרן, וואָס האָבן זיך געפינען אין דער ספּעציעלער ביבליאָטעק, געווען באקאנט די סטודענטן. אזוי איז ניט נאָר זיגמונד פרייד, וועמעס פאָרטרעט מען האָט אראָפּגעשלעפּט פון די טרעפּ, באשאָנקען געוואָרן מיטן נאָמען „דער יודע פרייד", נאָר אויך האוועלאָק עליס איז אָנגערופן געוואָרן „שוויין עליס". אכוץ עליסן איז אָפּגעגעבן געוואָרן א באַ־

די רייזע קיין מינכען



אפן בילד איז באוויזן וואן דער ליובע מיטן מאָטאָציקל, וואָס אף אים איז ער אין סעפטעמבער 1931 דערפאָרן ביז מינכען. דער מאָטאָציקל נומ. 53102 געהערט דעם האאגער טראמוויי־קאָנדוקטער פלענק. בעאיים זיין ערשטער רייזע קיין דייטשלאנד, האָט זיך וואן דער ליובע באקאנט מיטן דר. בעל און אין סעפטעמבער האָט ער אים באזוכט אין מינכען.

זונדער אויפמערקזאמקייט די ווערק פון די ענגלישע אויטארן — אסקאר אויילד, עדווארד קארפענטער און נארמאן גייר, פון די אמעריקאנישע — דער ריכטער איבער די איניאנים פון מינדעריאריקע לינדסע, מארגעט זענגער און דזשארדזש סילוועסטער פירעק; פון די פראנצויזישע — אנדרע זשיד, מארסעל פרוסט, פיער לאטי, זאליא אאוו, וואן דע וועלדעס און דעם דענענמארקישן דר. לעונבאכס ביכער האבן די סטודענטן אויך אנגערופן מיט זידל־נעמען. מען האט אויך פארבאפט גאנצע קאמפלעקטן פון זשורנאלן, ווי, א שטייגער, 24 בענדער פונעם „יארבוך פיר סעקסועלע צווישענשטופען". מען האט אויך געהאט בעדייע אוועקצושלעפן אויסגעפילטע אנקעטע־בויגנס (עטלעכע טויזנט), און בלויז די קאטעגארישע אנווייזונג, אז דאס זיינען אנקעטעס פון קראנקע, האט געצוואונגען די סטודענטן אפצוזאגן זיך פונעם דאזיקן געדאנק. פון דער אנדער זייט, האט זיך ארויסגעוויזן פאר אומעגלעך צו ניט־דערלאזן צונעמען דעם מאטעריאל פון דער צווישנפעלקערלעכער ליגע פון סעקסועלע רעפארמעס, דעם פולן קאמפלעקט פונעם זשורנאל „ס ע ק ס ו ס" און דעם קארטאטעק. אסאך (דערין אויך ניט־פארעפנטלעכע) מאנוסקריפטן (צווישן זיי קראפט־עבינגס און קארל היינריך אולריכס) זיינען אומגעקומען.

„זיי האבן אלץ געפרעגט, ווען וועט זיך אומקערן דער דר. הירשפעלד. זיי האבן געוואלט, ווי זיי האבן זיך אויסגעדריקט, אז מען זאל זיי „געבן אנצוהערעניש", ווען ער וועט זיך אומקערן. נאך פארן פאגראם זיינען ניט איינמאל געקומען אין אינסטיטוט שטורמאוויקעס און האבן זיך נאכגעפרעגט, וואו איז דר. הירשפעלד. ווען זיי האבן באקומען אן ענטפער, אז צוליב מאליאריע־קראנקהייט געפינט ער זיך אין אויסלאנד, האבן זיי געענטפערט: „נו, דעמאלט, האפן מיר, אז ער וועט פייגערן אויך אן אונזער הילף, — און אונז וועט ניט אויסקומען צו הענגען אדער דערמארדן אים".

„דעם 7־טן מאי, ווען עס איז געווארן באוואוסט פון די בערלינער און אויסלענדישע צייטונגען וועגן דער צעגראמירונג פון אינסטיטוט, האט דער פרעזידיום פון דער צווישנפעלקערלעכער ליגע געשיקט א טעלעגראפישן פראטעסט און אנגעוויזן, אז צווישן די אינסטיטוט־מאטעריאלן איז פאראן פיל אויסלענדיש פארמעגן און דעריבער דארף מען דאס ניט פארברענען. ווי עס ווערט געפלאנעוועט. אף דער דאזיקער דעפעשע, וואס איז אוועקגעשיקט געווארן דעם בילדונגס־מיניסטער, האט מען ניט געלייגט קיין שום אכט; דאקעגן, פיל ביכער און בילדער האט מען אין 3 טעג ארום פארברענט אפן אפערע־פלאץ צוזאמען מיט אנדערע ביכער. העכער 10 טויזנט בענדער פון דער ספעציעלער אינסטיטוט־ביבליאטעק זיינען פארניכטעט געווארן. בעאיים דער פאקעל־פראצעסיע האבן די סטודענטן געטראגן דר. הירשפעלדס ביוסט און דערנאך אריינגעווארפן אים אין שייטער־הויפן".

אין די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַריכטן ווערט אָט דער ק ו ל ט ו ר ע ־ לער א ק ט געשילדערט אַף אַזאַ אויפן:

ענערגישער אָנפאַל אַף דער קאָך פון גיטן

דייטשישע סטודענטן רויבערן אויס דעם אינסטיטוט פאַר דערלערנען דאָס געשלעכט־לעבן

„אן אַטריאַד פונעם 10־טן קרייז פון דער דייטשישער סטודענטנשאַפט האָט נעכטן פאַרנומען דעם אינסטיטוט פאַר דערלערנען דאָס געשלעכט־לעבן, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער איד מאַגנוס הירשפעלד. דער דאָזיקער אינסטיטוט, וואָס האָט זיך געפּרוּווט מאַסקירן מיט וויסנשאַפט־לעכע אינטערעסן און האָט אין פאַרלויף פון די 14 יאָר מאַרקסיסטישער הערשאַפט קעסיידער געשטיצט די פּריעדריקע מאַכטן, איז ווי עס איז זי־כער פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די אונטערזוכונגען, געווען אַ נעסט פון שמוץ און נידערטרעכטיקייט. מען האָט קאָנפיסקירט אַ גאַנצן פּראַכט־אויטאָמאָביל מיט פּאָרנאָגראַפישע בילדער און מאַנוסקריפּטן און אויך איניאַנים און אַ קאַרטאָטעק... מיט אַ טייל פונעם געפונענעם מאַטעריאַל וועט זיך פאַרנעמען די קרימינאַל־פּאָליציי, דער צווייטער טייל וועט עפנט־לעך פאַרברענט ווערן".

„אנגריף" פון 6־טן מאַי 1933 י.

„דייטשישע סאָציאָלאָגן, מעלוכע־קענער און יוריסטן"

אַרויסוואַרפנדיק אָנגעזעענע סאָציאָלאָגן, מעלוכע־קענער און יוריסטן, האָבן די פאַשיסטן באַזייטיקט פון זייערע פּאָסטנס אויך אַסאַך ביז גאָר קאָנסערוואַ־טיווע פאַרשער.

פון די פאַרטריבענע איז אַמערסטן באַוואוסט אַלפרעד ו ע ב ע ר — אַ היידעלבערגער סאָציאָלאָג, צוזאַמען מיט זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער מאַקס ו ע ב ע ר האָט ער אין אַ ריי גרויסע אַרבעטן געגעבן עטיודן וועגן דער אַנטוויק־לונג פון די פּרימיטיווע ווירטשאַפט־פאָרמען אין די אויסער־איירָאָפּעאישע פעל־קער און קולטורן. וועבער איז דורכאויס ניט קיין מאַרקסיסט, ער איז אַ בורזשואַזער געלערנטער, וועבערס כעט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט ניט אַרויפגעלייגט דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן שטעמפּל פון האַלב־מאַלפּעס אָדער נידעריקע ראַסן אַף אַנדערע נאַציעס און קולטורן.

די בערלינער העכערע האַנדלס־שול האָט פאַרלאָרן איר רעקטער — דעם באַ־וואוסטן ליבעראַלן פּאָליט־עקאָנאָם, פּראָפעסאָר ב אָ ן. דער מעלוכע־קענער אַ נ ־ ש י ו ץ איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן דעם היידעלבערגער אוניווערסיטעט. אַנשיוץ האָט זיך גערעכנט פאַר אַן ערשט־קלאַסיקן אויטאָריטעט אין זיין געביט נאָך אין קייזערלעכן דייטשלאַנד, שפּעטער האָט ער זיך פאַרנומען מיט קאָמענ־טירן די ווייַמאַרער קאָנסטיטוציע. עס זיינען פאַרטריבן געוואָרן אויך פיל אַנ־דערע רעכטקענער: דער קעלנער בורזשואַזער פּראָפעסאָר ק ע ל ז ע ן, ה אַ ר מ ס פון קיל, פ יי ל ע ר, דער פריערדיקער רעדאַקטער פון „פראַנקפורטער צייטונג",

דער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַט — עמיל ראַדברוך, דער סאָציאַל־דעמאָקראַט זינצהיימער פון פראַנקפורט, לעדערער פון היידעלבערג, העלער פון פראַנקפורט.

דעם גרעסטן דייטשישן ציוויליסט — פּראָפעסער מאַרטין וואָלף האָבן סטודענטן פאַשיסטן איבערגוואַלט באַזייטיקט פון דער קאַטעדרע. דער ליבעראַלער פּראָפעסער פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט לעווין־שיוקינג פון קיל, דער דייטשישער פאָרשטייער אינעם האַאַגער אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל, איז אָפּגעזאָגט געוואָרן.

מען האָט אויך דורכגעטריבן גרויסע פּסיכאָלאָגן. וויליאַם שטערן (האַמבורג), וואָס האָט פאַרעפנטלעכט גרויסע ווערק וועגן קינדערישער פּסיכאָלאָגיע, און מאַקס ווערטהיימער (פראַנקפורט) האָבן מער קיין רעכט ניט צו לייענען לעקציעס אין די דייטשישע אוניווערסיטעטן. אין האַמבורג איז צוזאַמען מיט אַ האַלבן טוץ ווייניקער באַוווּסטע פּראָפעסאָרן אויך אָפּגעזאָגט געוואָרן דער הויכגעבילדעטער באַוווּסטער פאָרשטייער פון דער אַזויגערופענער מאַרבורגער שול, דער פילאָסאָף ערנסט קאַסירער.

אפן שייטער־הויפן

„די פּאָליטישע פּאָליציי האָט קאָנפיסקירט אין בערלין אַרום 10 טויזנט צענטנער ביכער און זשורנאַלן און האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין די פערדשטאַלן פון דער געוועזענער רייטער־פּאָליציי, וואו זיי זיינען גענוי דורכגעקוקט געוואָרן. די קאָנפיסקאַציע איז ניט שטענדיק פאָרגעקומען אָן רייבונגען. נאָך דעם ווי עס איז געוואָרן באַוווּסט וועגן די קאָנפיסקירונגען, וואָס גרייטן זיך, האָבן פיל ביבליאָטעקן באַמיט זיך צו באַהאַלטן ביכער. די מערהייט באַהאַלטענע ביכער האָט מען אָבער געפונען אין די שטאַלן און קעלערס, גאָרטן־ביידלעך, בוידעמער און פּריוואַטע דירעס" („פעלקישער בעאָבאַכטער" פון 21—22 מאַי 1933 י.).

„מיר זיינען ניט און ווילן ניט זיין דאָס לאַנד פון געטע און איינשטיין. אָט דאָס טאַקע ווילן מיר ניט". (גוסאָנג. „בערלינער לאָקאַלאַנציי־גער" פון 7־טן מאַי 1933).

„ווען דער קאַליף האָט זיך געקליבן פאַרברענען די אַלעקסאַנדריער ביבליאָטעק האָבן פילע גענומען בעטן אים, ער זאָל שאַנעווען די דאָזיקע ווערטפולע זאַמלונג.

— פאַרוואָס? — האָט דער קאַליף געפרעגט. — אויב אין די ביכער איז אָנגעשריבן דאָס, וואָס עס ווערט געזאָגט אינעם קאָראַן, דעמאָלט זיינען זיי איבעריק. אויב אָבער זיי אַנטהאַלטן עפּעס אַנדערש, דעמאָלט זיינען זיי שעדלעך.

דעריבער איז די אַלעקסאַנדריער ביבליאָטעק פאַרברענט געוואָרן".

דעם 10־טן מאַי האָט אפן בערלינער אָפּערע־פּלאַץ אַנטקעגן אוניווערסיטעט געפלאַקערט אַ קאָלאָסאַלער שייטער. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט

וואַן דער ליובעס פּאָסט־קאַרטלעך

דאָס אויבערשטע פּאָסט־קאַרטל האָט וואַן דער ליובע פארקויפט אין לײדען און שפּעטער אין דײטשלאנד פאר זײן רײזע קײן אײראָפּע אין פעברואַר—מערץ 1931. אפן פּאָסט־קאַרטל איז אָנגעװיזן, אז די „אויפקלערונג־רײזע” הױבט זיך אָן דעם 14־טן אפּריל אין לײדען. דאָס דאָזיקע קארטל איז עס דער קלוימערשט „קאָמוניסטישער אגיטאַציע־מאטעריאל”, וואָס צוליב אים איז וואַן דער ליובע ארעסטירט געוואָרן אין גראָנאו און אין וועסטפּאַליען.

דאָס קאַרטל, וואָס ווערט געבראַכט אונטן, באַשטעטיקט וואַן דער ליובעס נעטיע צו ליגנס. דאָס קארטל איז אדרעסירט צו דעם זעלבן האָלוועָרדע, וואָס האָט קלוימערשט געדאַרפט אָנטײלנעמען אין דער רײזע. דאָס קאַרטל איז אָפּגעשיקט געוואָרן אף פּאָסט פון פּאָטסדאַם אין דעם זעלבן טאָג, ווען די רײזע האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן פון לײדען צופוס.



אף א מיליטערישן אויפן פון שווארצע און ברוינע שטורמאָוויקעס־אָפּטיילונגען. פראכט־אויטאָמאָבילן האָבן געבראכט צו פירן קאָלאָסאַלע ביכער־שטאבעלן. אָר־קעסטערס האָבן געשפּילט. פון אוילעם האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען, אַף אן אויטאָמאָביל איז געקומען צו פאָרן דער פּראָפּאגאנדע־מיניסטער געבעלס.

אָט די זעלטענע סצענע פון פארברענען ביכער אונטער די קלאנגען פון „דייטשלאַנד איבער אַלעס" און פון האָרסט וועסעל־מארש האָט פּאסירט אין 1933־טן יאָר. אפן שייטער־הויפן זיינען געפלויגן די ווערק פון מארקס, ענגעלס, לענין, סטאלין, ראָזע לוקסעמבורג, קארל ליבקנעכט און אויגוסט בעבעל. דאס פארברענען די ווערק פון די דאָזיקע גרויסע געלערנטע און קעמפער, וואָס האָבן אָנגעוויזן דער ארבעטנדיקער מענטשהייט דעם וועג צו פרייהייט, איז געוואָרן א פּאָרשטעלונג פאר א צעלאָזענעם, רעאקציאָנערן פּאָגראָם־האַמוין. „דייטשלאַנד, דייטשלאנד איבער אלעס!.."

אינעם פייער האָט מען געוואָרפן ווערק פון שרייבער פאציפיסטן. דער פלאם האָט אויפגעפרעסן ווערק פון בורזשואזע דיכטער און סאָציאַלע רעפאָרמא־טערס, וועמעס נעמען עס ווערן שטארק געאכט אין בורזשואזן דייטשלאַנד. דער פייער האָט פארניכטעט די ביכער פון טאָמאס מאַן, הענריך מאַן, לעאָנארד פראנק, מאגנוס הירשפעלד, זיגמונד פרייד, יאקאָוו וואסערמאן, סטעפאן צווייג, בערט ברעכט, אלפרעד דעבלין און טעאָדאָר פּליוויר. „דייטשלאַנד, דייטש־לאנד איבער אלעס!.."

אָט די דאָזיקע אאוטאָ־דא־פע איבער די שאפונג־פּראָדוקטן פון די פּראָגרע־סיווע מויכעס איז פּאָרגעקומען ניט ווייט פון די דענקמעלער פון אלעקסאנדער און ווילהעלם הומבאָלדט באם בערלינער אוניווערסיטעט. ווילהעלם פאָן הומבאָלדט, דער גרינדער פונעם דאָזיקן אוניווערסיטעט, דער טרעגער פונעם גייסט פון דער רענעסאנס־עפּאָכע, האָט געוואָלט אויפהויבן דעם יונקערישן פּרייסן ביז דעם ניוואָ פון דער דעמאָלטיקער בורזשואזער מיירעוו־וועלט. פאר זיין דענקמאָל האָט די דייטשישע געזעלשאפט אין דער שטורמאָוויקעס־פאָרמע איינגעאָרדנט א פּאָגראָם און פארניכטעט פּראָגרעסיווע ליטעראטור. „דייטשלאַנד, דייטשלאנד איבער אלעס!.."

דער ברענענדיקער פלאם פאַרן אוניווערסיטעט, די קנוילן רויך איבער די קעפּ פונעם שאָוויניסטיש־אויפגערייצטן האמוין, די רעדע פונעם פּראָפּאגאנדע־מיניסטער געבעלס — דאָס איז געווען א פּאָרשטעלונג, וואָס די צייטונג „צוועלף אור־בלאט", וועלכע איז טריי היטלערן, האָט אין אומבאוואוסטזיניקער זעלבסט־דערקענטעניש אָנגערופן „געשפּענסטיש". עס איז פארגעסן געוואָרן די ביטערע דערפארונג פון די אונטערדריקער אין אלע צייטן, וועלכע האָבן אָנגעווענדעט שייטער־הויפנס, עס זיינען אויפגעשטאַנען טביאס־האמייסים די מיטלאלטערלעכע געשפענסטער. דער פלאם פארן בערלינער אוניווערסיטעט האָט געדארפט צוזאמען מיטן מארקסיזם איינשלינגען די העכסטע דערגרייכונגען פון דער בורזשואזער קולטור און וויסנשאפט פאר די לעצטע 150 יאָר.

אין אלע טיילן פון דייטשלאַנד ווערט אפן ווילדסטן אויפן פארניכטעט די

פראָגרעסיווע ליטעראַטור. 10 טויזנט פּריוואַטע ביבליאָטעקן זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן בעאַיים די אונטערזוכונגען און אין פיל פאַלן האָט מען זיי פארניכטעט אפן אָרט אָדער אַוועקגעפירט.

די ביבליאָטעק פון ליפּציקער פאָלקס־הויז, איינע פון די סאַמע גרעסטע און ווערטפולע אין דייטשלאַנד, וועלכע פארמאָגט אויסשליסלעך זעלטענע ביכער וועגן דער ארבעטער־באַוועגונג, איז געוואָרן א קאָרבן פונעם האַס צום מארקסיזם מיצאַד די ברוינע „קולטור־טרעגער".

אָט זיינען אייניקע פאַלן פון עפנטלעכן פארברענען ביכער, מיטגעטיילט פונעם נאַציאָנאַליסטישן „טעלעגראפן אוניאָן" דעם 10־טן מאַי 1933 י.

„בערלין 10־טן מאַי.

„אין מינכענער אוניווערסיטעט איז פאָרגעקומען א פייערונג. בעאַיים דער פייערונג האָט דער רעקטאָר, דער געהיימער ראַטגעבער פון צומבוש, פייערלעך איבערגעגעבן די סטודענטן די נייע קלאַלים וועגן די סטודענטישע אָרגאַניזאציעס. דער בייערישער בילדונגס־מיניסטער, שעם, האָט געהאַלטן א פייערלעכע רעדע און געגן געוואָרן דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע און די אויפגאַבעס פון די אוניווערסיטעטן. אין שלוס איז פאָרגעקומען א פאקעל־פּראָצעסיע צום קיניגלעכן פּלאַץ, וואו עס זיינען פארברענט געוואָרן „ניטדייטשישע ביכער".

„אין דרעזדען איז א סטודענטישער דעמאָנסטראַציע האָט גערעדט דער דיכטער ווילהעלם וועספער. נאָכן פייערלעכן אקט איז אָרגאַניזירט געוואָרן א פאקעל־פראָצעסיע צו דער ביסמארקער קאָלאָניע, וואו נאָך דער רעדע פונעם עלטסטן פון דער דרעזדענער סטודענטנשאַפט האָט מען פארברענט די גאַנצע „אומאָראַלישע ליטעראַטור".

„אין ברעסלאו איז פאָרגעקומען א סטודענטישע דעמאָנסטראַציע אפן פּלאַץ פארן פאַלאַץ. נאָך דער פייערלעכער רעדע פונעם אוניווערסיטעטס־פראָפעסאָר בארנהאוזען האָט מען פארברענט בא 40 צענטנער „אומאָראַלישע ליטעראַטור".

„אין פראַנקפורט אַם מיין האָט מיט דער דעמאָנסטראַציע אָנגעפירט דער אוניווערסיטעטס־פראָפעסאָר פריקע; זי איז אָרגאַניזירט געוואָרן אפן היסטאָרישן רוימישן בערגל. צוויי אָקסן האָבן געשלעפּט א פור מיט מאַקעטן פון ביכער, וואָס האָבן געדאַרפט סימבאָליש פארברענט ווערן. דאָס פארברענען האָט זיך פארענדיקט מיטן געזאַנג פונעם האָרסט וועסעל־הימן".

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען אין דיסלדאָרף פארברענט געוואָרן אפן שייטער די ווערק פונעם גרויסן דייטשישן דיכטער היינריך היינע. אין זיין בערלינער רעדע האָט דער ה' געבעלס אָנגערופן די פּראָצעסיע מיט איינגעשפּאַנטע אָקסן צום שייטער און דאָס פארברענען די ביכער „מעכטיקער סימבאָלישער אקט". דאָס פארברענען איז אָן איניען ניט קיין ריין סימבאָלישער, — די רעאקציע פונעם דייטשישן פאַשיזם שטרעבט צו פארברענען יעדעס געדרוקטע וואָרט, וואָס

איז ניט לויט איר געשמאַק, פּונקט אַזוי ווי זי שטרעבט צו פאַרניכטן פיזיש די מעכאַברים און פאַרשפּרייטער פון אַנטיפאַשיסטישער ליטעראַטור.

דאָס ברוינע צעטל

א ברוינעם צעטל פון ליטעראַטור, וואָס דאַרף פאַרברענט ווערן, געפינען מיר אין הוגענבערגס „נאַכט־אויסגאַבע" פון 26־טן אַפּריל 1933 יאָר.

קינסטלערישע ליטעראַטור: שאָלעם אַש, אַנרי באַר־ביוס, בערטאָלד ברעכט, מאַקס בראָד (אויסער זיין ראָמאַן „טיכאָ בראַהע"), אַל־פרעד דעבלין (אויסער זיין „וואַלענשטיין"), איליאַ ערענבורג, אַלבערט ערענ־שטיין, אַרטור עלעסער, ליאָן פויכטוואַנגער, איוואַן גאָל, יאַראָסלאַוו האַשעק, וואַלטער גאַזענקלעווער, אַרטור גאָליטשער, הענריך גאַליטשער, הענריך עדוארד, יאַקאָב, יאָסיף קאַלעניקאָוו, גינא קאַוז, עגאָן ערווין קיש, היינץ ליפּמאַן, הענריך מאַן (אויסער זיין — „די פּלייט און די קינזשאַלן"), קלאַוסמאַן, ראָבערט ניימאַן, ערנסט אָטוואַלט, קורט פּינטוס, טעאָדאָר פּליוויר, עריך מאַריאַ רעמאַרק, לודוויק רען (בלויז „נאָך דער מילכאָמע"), אַלפרעד שיקאַראַוער, אַרטור שניצ־לער, ריכאַרד בעיער האָפמאַן, ערנסט טאָלער, קורט טוכאָלסקי, אַרנאָלד צווייג, סטעפאַן צווייג און אַרדיענע טאָמאַס בוך: „קאַטיע גייט פאַר אַ סאָלדאַט".

פּאָליטיק און מעלוכע־ווי סנשאַפט: — לענין, קאַרל ליבקנעכט, קאַרל מאַרקס, הוגאָ פּרוס, וואַלטער ראַטענאַו, רודאָלף הילפערדינג, אויגוסט בעבעל, מאַקס אַדלער, ס. אַאופּייסער, נ. בוכאַרין, יע. אי. גומבעל, ל. בייער, העלענאַ קעלער, אַלע ווערק לאַסאַלס, אויסער זיינע רעדעס „פאַרן גע־ריכט פון געשוואָרענע" און „וועגן דער באַזונדערער פאַרבינדונג פון דער היינט־צייטיקער עפּאָכע מיט דער אידייע פונעם אַרבעטער־שטאַנד".

געשיכטע: — ביכלאַל אַלע פּאַציפיסטישע און „מאַפּאָלערישע" ווערק דאַרפן דערוייטערט ווערן, דעריין אויך די גאַנצע פאַרבאָלשעוויסטישע ליטעראַ־טור איבער דער געשיכטע פון רוסלאַנד.

עס דאַרפן צווישן אַנדערע אויסגעוואָרצלט ווערן די ווערק פון אָטאָ באַוער, קאַרל טשופּיק, אָסקאַר בלום, פּאָול גאַן, מילער פראַנקען, קורט קערסטען — „ביסמאַרק און זיין צייט", פראַנץ מערינג — „צו דער פּרייסישער געשיכטע" און אויך גלעזערס און אייפטאָן סינקלערס ווערק".

דער פאָרזיצער פון דער דייטשישער סטודענטנשאַפט פון בערלין־בראַנ־דענבורגער קרייז, גוטיאַר, האָט אָנגעפירט מיט פאַרברענען די ביכער אַפן פּלאַץ פאַרן בערלינער אוניווערסיטעט. אויסער די אָנגעוויזענע ביכער האָט ער פאַר־ברענט די ווערק פון ענגעלס, זיגמונד פרויד, עמיל לודוויק, אַלפרעד קער, אָסעצ־קי, טעאָדאָר וואָלף, געאָרג בערנהאַרדט, בערטאַ פאָן זוטנער, ראָזאַ לוקסעמבערג, טעאָדאָר גויס, פאָן שעניכע און וואַן דע וועלדע.

די אידעאָלאָגישע אָנמאַכט פון די ברוינע הערשער ווייזט זיך אַרויס אין זייער קאַמף פאַר פאַרניכטן די וויסנשאַפט און ליטעראַטור אין זיי־ער בעפּיירישער שטרעבונג צו פאַרניכטן אין די עפנטלעכע ביבליאָטעקן דאָס

אַלץ וואָס איז נייטיק צו פאַרשטיין די געשיכטע פון קולטור און וויסנשאַפט.

היטלערס פאַרברענען אַלע ווערק פונעם דייטשישן פּראָגרעסיוון געדאַנק טאָר אַף קיין איין מינוט ניט לאָזן פאַרגעסן, מיט וואָס די מענטשהייט האָט צו פאַרדאַנקען דער גייסטיקער שאַפונג פון דייטשלאַנד אין דער פאַרגאַנגענהייט.

דייטשלאַנדס פעאיקייטן צו דינען דער מענטשלעכער קולטור איז ניט אומגעקומען אינעם פייער פון שייטער אפן אָפּערע-פּלאַץ. קיינמאָל זיינען היטלער, געבעלס, גערינג און רוסט ניט געווען די פאַרשטייער פון „עכט-דייטשישן גייסט". די ווירקלעכע קולטורעלע שאַפונגס-קויכעס פון דייטשלאַנד זיינען פאַרקערפּערט אין די מיליאָנען מענטשן, וועלכע די פאַשיסטן פאַרפאָלגן און טעראָריזירן מיט בייאישער ברוטאַלקייט: אין די ארבעטער — אַנטיפאַשיסטן, געלערנטע, קינסטלער און אינטעליגענטן. די דאָזיקע מיליאָנען מענטשן זיינען אַ גאַראַנטיע דערפאַר, אַז דייטשלאַנד וועט ווערן אַן אָנפירנדיקע סאָציאַליסטישע קולטור-לאַנד.

די רייניקונג פון דער פּרייסישער אקאַדעמיע פאַר קינסטלערישער ליטעראַטור

ווען מיר ריידן וועגן היטלערס מאַרש קעגן דער פּרייסישער אקאַדעמיע פאַר קינסטלערישער ליטעראַטור, שטעלן מיר זיך דורכאויס ניט קיין ציל אויפצוקלערן, צי איז איר ארבעט אין די יאָרן פון דער ווייִמאַרער רעפּובליק געווען אַ ווירקלעך פּאָזיטיווע און שעפערישע.

עס איז אָבער אָן צווייפל, אַז אין פאַרגלייך מיט אירע פאַשיסטישע יאָרשים זיינען אַלע אַקאַדעמיע-מיטגלידער, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן אָדער זיינען געווען געצוואונגען אוועקצוגיין, עכטע ריזן לויט זייערע טאַלאַנטן און קענטענישן און האָבן געהאַט אַ פאַרדינטע רעפּוטאַציע.

צווישן די „אויסגערייניקטע" אקאַדעמיע-מיטגלידער איז טאָמאַס מ אַ ן, וואָס האָט באַקומען די נאָבעל-פּרעמיע, וואַרשיינלעך דער באַרימטסטער שרייבער פונעם גאַנצן בורזשואַזן דייטשלאַנד. זיין פאַרברעכן איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט די לעצטע יאָרן זיך דערנענטערט צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און האָט ניט איינמאָל פּראָטעסטירט קעגן די אָרגאַניזירטע געריכטלעכע מאָרדן (סאַקאָ און וואַנצעטים איניען, ראַקאָשים איניען). דער דאָזיקער גרויסער שרייבער פון דער דייטשישער בורזשואַזיע איז ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אקאַדעמיע; מען וועט אים קיינמאָל ניט מויכל זיין דאָס, וואָס ער האָט איינמאָל אָנגערופן די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פאַרטיי „די ערגסטע פּסולעס פון דער היינטצייטיקייט".

זיין ברודער היינריך מ אַ ן האָט זיך געפּרואווט שאַפן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אַ לאַגע פון אַן „אומאָפּהענגיקן פרייען גייסט". ער האָט געגעבן אַ קאַריקאַטור-בילד פון אַ בורזשוא אין די פעריאָדן פון דער אימפּעריע („טריי-אונטערטאַנער) און פון דער רעפּובליק („דער גרויסער איניען"). היינריך מאַן האָט געשטיצט די אינטערנאַציאָנאַלע אַמסטערדאַמער מאַסן-באַוועגונג

קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. היטלערס יונגען האָבן אים ארויסגעוואָרפן פּונקט אזוי ווי זיין ברודער טאָמאס.

דער דריטער שרייבער פון דער דייטשישער בורזשואזיע, וואָס איז פארהאסט פון די פאשיסטן איז — יאַקאָב וואַסערמאַן. זיינע ווערק זיינען איבערגעזעצט אף אסאך שפּראכן. זיין הויפּט־פארברעכן — אידישע אָפּשטאַמונג און בורזשואזע ליבעראַלע אידעאָלאָגיע פון זיינע ראָמאַנען.

דער פערטער אויסגערייניקטער — אַלפרעד דעבלין, לויט דער פּראָפעסיע א דאָקטער, וואָס האָט געאַרבעט אין בערלינער ארבעטער־קווארטאַל, האָט אָנגעהויבן זיין ליטערארישע קאריערע פון פאטאַסטישע, טיילוויז עקזאָטישע ראָמאַנען („וואַן לונס דריי שפּרונגען", „וואַלענשטיין", „בערג, יאמען און ריזן"). דער לעצטער גרויסער ראָמאַן זיינער איז „בערלין־אַלעקסאנדער־פּלאַץ". אין די עפּנטלעכע ארויסטרעטונגען האָט זיך דעבלין אליין כאַראַקטעריזירט אלס קלאסן־באוואוסטזיניקער בורזשוא. זיינע פאָרמעל־קינסטלערישע עקספּערימענטן שליסן זיך אָן צום אירלענדער דזשעמס דזשויס און צום אַמעריקאַנער דאָס פּאסאָס.

פראַנץ ווערפעל — א שרייבער מיט א ריין בורזשואזער אידעאָלאָגיע. מיט 20 יאָר צוריק געווען דער פירער פון עקספּרעסיאָניזם. זיין ראָמאַן וועגן ווערדע האָט אים געשאַפן גרויס פּאָפּולאַריטעט. די פאשיסטן קאָנען אים ניט פארליידן.

ווייטער זיינען אויסגערייניקט געוואָרן רענע שיקעלע — א דייטשישער דיכטער פון עלזאס, לעאָנאַרד פראַנק — דער אויטאָר פונעם אַנטימיליטאַריסטישן בוך „דער מענטש איז א גוטער" און ראָמאַנען מיט אַ געזעלשאַפטלעך־קריטישער טענדענץ („א באַנדע גאזלאָנים" און „די סיבע"). אים האָט דערהארגעט אין די אויגן פון די פאשיסטן זיין פארגאנגענהייט, כאָטש אין לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך לעאָנאַרד פראנק אלץ מער גענייגט אף רעכטס און האָט אָפּגעגעבן זיין אויפמערקזאמקייט ריין בורזשואזע טעמעס.

דער דראַמאטורג געאָרג קייזער — אַן אייגנאַרטיקער טאַלאַנט מיט אַנארכיסטישע טענדענצן, איז געווען געצוואונגען צו פארלאָזן די אקאדעמיע. פריץ פאָן אונרו — דער דראַמאַטורג פון דער ווייםאַרער רעפּובליק; דער ליבעראַלער שרייבער בערנאַרד קעלערמאַן; די לירישע דיכטער מאָמבערט און רודאָלף פּאַנוויץ, און אויך לודוויק פולד, דער אויטאָר פון קאָמעדיעס — זיי אלע זיינען ארויסגעשליידערט געוואָרן. פון די ווייניקע פרויען־שרייבערנס, וואָס האָבן אנטפּלעקט א גרויסן ליטערארישן טאַלאַנט, ריקארדא גוך — איז אליין ארויסגעטראָטן פון דער אקאדעמיע אָנהויב אַפּריל.

גערהארדט הויפּטמאַן האָט צוזאמען מיט אָסקאר לערקע און יאַקאָב שאַפּנער, וואָס זיינען פּאָליטיש קיינמאָל ניט ארויסגעטראָטן, פארהיט זיין אָרט אין דער אקאדעמיע.

דער אויטאָר פון די וועבער האָט שוין דורכגעמאכט א ריי „עוואָלוציעס". בעאיים דער מילכאָמע האָט ער אונטערגעשריבן די שענדלעכע דעקלאראַציע פון

93 געלערנטע און שרייבער לעטוויוועס די מעטאָדן פון דער מילכאָמע־פירונג, וואָס די דייטשישע אימפּעריאַליסטן האָבן באַנוצט. נאָך דער מילכאָמע האָט מען אים באערט אַלס דיכטער פון דער ווײמאַרער רעפּובליק. ער האָט אַקשאָנעסדיק געשוויגן, ווען דער ברוינער טעראָר האָט פאַרטריבן פון דייטשלאַנד די בעסטע בורזשואַזע שרייבער און געלערנטע.

לאָמיר איצטער זען וועמען האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער בילדונג־מיניסטער רוסט אַריינגעפּירט אין דער פּרייסישער אַקאַדעמיע.

זייער גענעראַל האַנס י אָ ס ט, וועלכער האָט אַמאָל, האַלטנדיק די נאָז אָפן ווינט, באַגריסט די רעוואָלוציע, דעם דאָזיקן נאָוועמבער־פאַרברעכן האָט מען אים מוחל געווען. ער איז דער איינציקער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער שרייבער, וואָס האָט זיך געשאַפן אַ געוויסן נאָמען. איצט גייט לויטן באַפעל פון היטלערס רעגירונג אויף דער בינע פון הונדערטער דייטשישע טעאַטערן זיין דראַמע „שליאַ־געטער". דער העלד פון דער דאָזיקער דראַמע זאָגט בוכשטעבלעך פאָלגנדעס:

> „ווען איך דערהער דאָס וואָרט קולטור, לאָז איך
> אַראָפּ דעם פאַרהיטער פון מיין בראַונינג".

דעם ה' רוסטס איבעריקע אַטראַקציאָנען אין דער פּרייסישער דיכטער־אַקאַ־דעמיע, דאָס זיינען — האַנסי ק אַ ר אָ ס אַ און נאָך איינציקע אומבאַדייטנ־דיקע ליטעראַטערס, ווי אַ שטייגער עמיל ש ט ר אַ ו ס, ווילי וו עס פּ ע ר, ווילהעלם ש ע פ פ ע ר, אַגנעסאַ מ י ג ע ל און פּעטער ד אָ ר פ ל ע ר. האַנס ג ר י ג האָט אין זיין ראָמאַן צוגעטראַכט אַ „פאָלק אויסערן רוים" און בערגס פאַן מינכהויזען האָט אָנגעשריבן ראָמאַנטישע באַלאַדעס פון אַ טעוטאָ־נישער ריכטונג.

זוכנדיק מענטשן מיט אַ נאָמען, האָבן די פאַשיסטן געפּרוּווט אַריינציִען אין דער אַקאַדעמיע דעם לירישער סטעפאַן ג ע אָ ר ג. די ברוינע וואַנדאַלן און „באַנייער פונעם דייטשישן פאָלק" קעבלען דעם דאָזיקן אַמערסטן ניט פּאָפּולערן פון די דייטשישע דיכטער און בווילעט אויסגעדריקטן סנאָביסט, קעדיי צוצודעקן מיט זיין נאָמען אַדאָלף היטלערס קולטור־פּאָליטיק.

די ברוינע פּאָעזיע

דר. יאָזעף געבעלס — דער מיניסטער פאַר פּראָפּאַגאַנדע — האָט אָנגע־שריבן אַ ראָמאַן אונטערן קעפּל „מיכאל אָדער דער גורל פון אַ דייטש — ראָמאַן־טאָגבוך". מיכאל איז אַ זוכנדיקע דייטשישע נעשאָמע. ער האָט זעאונגען. דאָס שלעכטס באַווייזט זיך צו אים אין דעם געשטאַלט פון רוסישן איוואַן און וויל פאַרטרייבן זיין איידעלע נעשאָמע אין באָלשעוויזם. די נעשאָמע פון מי־כאל קעמפט מיטן שאָטן:

> „אָבער איך בין פון אים שטאַרקער
> און כאַפּ אים פאַרן גאָרגל.
> איך וואַרף אים אויף דער ערד.

ער ליגט,
קרעכצט מיט אָנגעשוואָלענע פארבלוטיקטע אויגן.
פייגער, בעסטיע! איך צעברעך אים דעם שאַרבן!
און איצט בין איך פריי!"

אָט דאָס איז דער גייסט, וועלכער ווייזט די פולשטענדיקע רייפקייט צו ווערן א מיטגליד פון דער היטלערישער אקאדעמיע פון ליטעראטור, — „איך צעברעך אים דעם שאַרבן! פייגער, בעסטיע!".

דער באַוואוסטער שרייבער האַנס היינס ע וו ע ר ס, וועמען געבעלס האָט באַשטימט אַלס אָנפירער פון שוצפארבאַנד פון די דייטשישע שרייבער, איז נאָך איצט אָפיציעל ניט באַשטימט אין אקאדעמיע. דער דאָזיקער פּאָרנאָגראף, וואָס זיינע ראָמאַנען „אלראונע", „וואמפיר" זיינען אביסל שפּעטער ארייגעפאלן אין די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע צעטלען פון דער אומאָראלישער ליטעראַטור (זיי נאָר האָבן עס טאַקע פולשטענדיק פארדינט!), איז דער אָפיציעלער ביאָגראף פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן העלד האָרסט וועסעל.

האַנס היינץ עווערס, וואָס האָט פריער ספּעקולירט אין דער ליטעראטור, ווי א „סאטאַניסט" אף פארשידענע געשלעכטלעכע פארקריפּלונגען, פארנעמט זיך איצט מיט דער אידעאַליזאציע פון דער סוטענערישער סוויווע און האָט געשילדערט, ווי דער „העלד" האָרסט וועסעל איז געפאלן א קאָרבן פון זיין קאָנקורענט — אויך א סוטעניער. אין היטלערס געבורטס־טאָג האָט די דייטשישע ראדיאָ איבערגעגעבן „האָרסט וועסעל" — א ווערק פון האַנס היינס עווערס. עווערסעס נאָמען איז שוין זינט פיל יאָרן פארגעסן געוואָרן און נאָר איצט האָט ער זיך ווידער געוויזן אפן ליטעראַרישן האָריזאָנט אַלס פּאָעט פון דער „דריטער אימפּעריע".
אין 1922 האָט עווערס אָנגעשריבן א פּאָרוואָרט צו איזראעל זאנגווילס בוך „די שטים פון יערושאָלאים", פארלאַג סאמועל קראָנבאַך, בערלין 1922 יאָר. די דאָזיקע פּאָרעדע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אַ טאָן, וואָס איז גאַנץ פריינטלעך צו אידן. די קאָניונקטור האָט זיך איצט געענדערט און ה' ה. עווערס איז געוואָרן אַן אנטיסעמיט.

די פּרייסישע אקאדעמיע האָט אין נאָמען פון נייעם גייסט באַנייט „די אויפוואכנדיקע ליריק", וואָס קלינגט אין אוניסאָן מיט די פּאָפּולערע לידער פון די שטורמאָוויקעס:

אלע פייגעלעך זיינען שוין געקומען צו פליען:
(אפן מאָטיוו „זיי געזונט" און „אלע פייגעלעך")

1. זיי געזונט, טייערע היימאַט,
אין סטראסבורג אפן וואל
הייבט זיך אָן א גרויסער טרויער.
א לויב צו דיר, וואָס באַפּוצט מיט קראנצן פון זיגערי
ווי די קלעפּ פון א דונער לאָזט זיך הערן דער רוף:
ראָזע לוקסעמבורג איז דערטרונקען אין קאַנאַל.
2. אלע פייגעלעך זיינען שוין געקומען צו פליען,
קארל ליבקנעכט איז אויפגעהאָנגען אף א בוים.

אלע אינגאַנצן גרייט
דראסלען און פינקן און בלאָערלעך,
און די רעפּובליקאַנישע פּאָן די שווארץ־רויטע —
א שאָד, וואָס עס איז ניטאָ אין איר קיין גאָלד,
אָט איז טאַקע אַ שאָד!
(פון בוך „דייטשלאנד, וואך אויף!" א קליין ביכל לידער
פון נאַציאָנאַליסטן, פארלאג „וו" פאול ארענד, זולצבאכפּלאַץ).

מען קען ניט זאָגן, אז אָט די דאָזיקע פארשפּרייטע אויסגאַבע פון דער ברוינער ליריק זאָל ניט זיין טיפּיש. זי שיידט זיך אייגנטלעך מיט גאָרניט אונטער פון די פּאָפּולערע לידער פון די שטורמאָוויקעס.

„ווען אידיש בלוט פליסט איבער מעסער,
איז פאר אונז דעמאָלט אסאך בעסער".

אָדער אן אנדער פערז:

„שלאָג ביז בלוט דעם רויטן אָפּשטאַמער!
שטורמאָוויקעס גייען — פון וועג אוועק!".

אָט די דאָזיקע פּאָגראָם־שטימונגען פון די פאשיסטן אָנטשפּרעכן פולשטענדיק דאָס, וואָס דער מינכענער שטאָט־ראט פאראָרדנט צו פארניכטן און צו מאַכן „גלייך מיט ערד" די ק ו אָ ר י ם פון גוסטאוו ל אַ נ ד א ו ע ר און קורט א יי ז נ ע ר, וועלכע זיינען דערהארגעט געוואָרן פון דער בייערישער קאָנטררעוואָלוציע אין 1919־טן יאָר.

אן אָנגריף קעגן דער „דייטשישער" מוזיק

דער הער יאָזעף געבעלס — דער אימפּערישער מיניסטער פאר פּראָפּאַגאַנדע — האָט דעם 9־טן מערץ פאר די אָנפירער פון די טעאַטערן און די קונסטטוער דערקלערט:

„פאר דער קונסט דארף מען האָבן קענטעניש און ניט קיין גוטע וואונטשן".

אלס אילוסטראציע צו דער דאָזיקער שיינער פראזע וועלן מיר ברענגען נאָך איין ליסטע פון פארלוסטן, וואָס עס האָט געהאַט די דייטשישע קונסט.

צווישן די בעסטע דייטשישע מוזיקאַנטן פלעגט מען שטענדיק אָנרופן די נעמען פון די דיריזשאָרן: ברונאָ וואַלטער, אָטאָ קלעמפּערער און פריץ בוש.

אָטאָ ק ל ע מ פּ ע ר ע ר איז אייניקע יאָר געווען דער אָנפירער פון דער אָפּערע קראָל אין בערלין. ער האָט פאקטיש געהאָדעוועט די היינטצייטיקע מוזיק. א דאנק אים האָט זיך ארויסגערוקט גינדעמיט און קורט ווייל. נאָכדעם ווי די אָפּערע קראָל האָט זיך צוגעמאַכט, איז קלעמפּערער איינגעלאָדן געוואָרן אין דעם מעלוכישן אָפּערן־טעאַטער, וואו ער האָט געארבעט אין דער זעלביקער ריכטונג. דאָס דיריזשאָרן־שטעקעלע איז ארויסגעריסן געוואָרן פון קלעמפּערערס הענט, ווייל ער איז א איד.

ברונאָ וו א ל ט ע ר, דער אלוועלטלעך בארימטער דיריזשאָר, א שילער פון מאַלער. אים קען מען אין אמעריקע, אין ענגלאנד ניט ערגער, ווי אין דייטש־

לאנד. ער איז א איד. אָבער „פאַר קונסט דאַרף מען האָבן קענטעניש‟, און דעריבער האָט ער מער קיין רעכט ניט צו זיין א דיריזשאָר אין דייטשלאַנד. אים האָט פארביטן עפּעס א הער פּוזעל, א הויפּמוזיקאַנט פון די פאשיסטן (א קאַפּעלמייסטער פון עפּעס א גרויסן בלאָז־אָרקעסטער), וועלכער איז פרעמד סיי דער קונסט און סיי דער קענטעניש. ער וועט איצט איינפלאַנצן קונסט אין דעם „אויפגעוואַכטן‟ דייטשלאַנד.

דער הויפּט־אָנפירער פון דער דרעזדענער אָפּערע ב ו ש — א בלאָנדין, זיין „אַרישע‟ אָפּשטאַמונג איז אויסערן ספק. א מענטש איז ער א קאָנסערוואַטיווער, אָבער ניט קיין נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט. בוש האָט אריינגעטראָגן א ניי לעבן אין דער אַרבעט פון דער באַרימטער דרעזדענער אָפּערע. אין די טעג פון דער „נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג‟ איז עפּעס איינער א מאָסער — א פאשיסט — ארויף אין דער צייט פון ספּעקטאַקל אויף דער בינע און האָט געפאָדערט, אז בוש זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין שטעלע.

בערלין, 8־טן מערץ.

„א שטורעם־אָפּטיילונג פון 60 מאַן האָט נעכטן אָוונט פאַרנומען די סצענע פון דער שטאָט־אָפּערע, וואו מען האָט אונטער דער אָנפירונג פונעם באַרימטן דיריזשאָר בוש געשפּילט „ריגאָלעטאָ‟. ווי עס גיט איבער די „פאָסישע צייטונג‟ האָט דער שעף פון דער שטורעם־אָפּטיילונג דערקלערט דעם פּובליקום, אז די ווייטערע אָנפירונג פון טעאַטער נעמט ער אויף זיך און אז דער דיריזשאָר שטריגער וועט איצט פארבייטן בושן. ווען בוש האָט זיך געפּרוּוט דיריזשירן ווייטער, האָבן די שטורמאָוויקעס אויפגעהויבן א שרעקלעכן טומל און בוש איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס טעאַטער און שטריגער האָט פאַרנומען דעם דיריזשאָרישן פּולט‟.

דער באַרימסטער דייטשישער פּיאַניסט איז איצט אָן ספק אַרטור ש נ אַ ב ע ל, וועלכער האָט מיט זיין 30 יאָריקער אַרבעט דערגרייכט די גרעסטע דערפאָלגן אין דער מוזיק. ער האָט אָנגעפירט מיט דעם העכסטן ראָיאַל־קלאַס אין דער בערלינער קאָנסערוואַטאָריע. מען האָט אים ארויסגעטריבן פאַר זיין ניט דייטשישער אָפּשטאַמונג. מען האָט אויך באַזייטיקט זיין קאָנסערוואַטאָריע־כאַווער — עמיל פ יי ע ר מ אַ ן, דעם איינציקן גרויסן דייטשן וויאָלינטשעליסט, לעאָניד ק ר יי צ ע ר — אַ גוטן פּיאַניסט און פּראָפעסאָר פון דער העכסטער מוזיקאַלער אָפּטיילונג פון קאָנסערוואַטאָריע. עס איז באַזייטיקט דער אויסגעצייכנטער פידלער קאַרל פ ל ע ש, מען האָט ארויסגעוואָרפן דעם באַוואוסטן דיריזשאָר אָסקאַר פ ר י ד, וועלכער האָט פיל געאַרבעט אפן געביט פון דער נייער מוזיק; די באַוואוסטע אָפּערע־דיריזשאָרן פריץ ש ט י ד ר י, גוסטאַוו ב ר ע כ ע ר און דעם גרויסן פּיאַניסט ברונאָ א יי ס נ ע ר.

פון די קאָמפּאָזיטאָרן זיינען באַלד צוגעשטאַנען צו די פאשיסטן מאַקס פאָן ש י ל י נ ג ס — א קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט ניט קיין שום אָריגינעלקייט און איז א שאַבלאָנער דיריזשאָר. שילינגס האָט זיך געסטאַרעט צו פארנעמען און

האָט פּאַרנומען גרויסע פּאָסטנס בא דער ווײמאַרישער רעפּובליק: נאָך דער דימיסיע פון מאַקס ליבערמאַן האָט ער פאַרנומען דעם פּאָסטן פון א פּאָרזיצער פון דער קונסט־אַקאַדעמיע. זײַן פּרײַנט — דער קאָמפּאָזיטאָר האַנס פּפיצנער — האָבן די פאַשיסטן אינגאַנצן באַזײַטיקט. צו דער דאָזיקער קאָמפּאַניע איז פון די אָנגעזעענע קאָמפּאָזיטאָרן צוגעשטאַנען אויך ריכאַרד ש ט ר א ו ס, כאָטש אפילע זײַנע ווערק דינען, לויט דער מײַנונג פון די פאַשיסטן, „קיצלען אף א אידישן שטײַגער די געפילן, אָבער ער גייט שוין אף דעם וועג צו ווערן א הויף־קאָמפּאָזיטאָר.

פון די היינטצײַטיקע דײַטשישע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן די פאַשיסטן ניט איבערגעלאָזן אף זײער אָרט קימאַט קיינעם.

אַרנאָלד ש ע נ ב ע ר ג ן האָט מען אַרויסגעטריבן פון דער העכסטער מוזיקאַלער שול. ווי מען זאָל ניט אָפּשאַצן שענבערגס מוזיק האָט ער אַרויסגעוויזן די גרעסטע ווירקונג אף דער אַנטוויקלונג פון דער היינטצײַטיקער מוזיק. דער פּאָליטיש־קאָנסערוואַטיווער שענבערג איז געווען א רעוואָלוציאָנער אין דער פאָרם און מוזיקאַלישער שפּראַך. אין היטלערישן דײַטשלאַנד איז ניטאָ קיין אָרט פאַר דעם, וואָס האָט געזוכט נײַע וועגן.

קורט וו יי ל איז איינער פון די מער באַוואוסטע דײַטשישע קאָמפּאָזיטאָרן, דער אויטאָר פון דער „דרײַ־גראָשן־אָפּערע", וואָס האָט געהאַט א וועלט־דערפאָלג. זײַן מוזיק איז פאַרווערט און ער, ווי א איד, האָט איצט ניט קיין היימאַט.

עס איז באַפרײַט פון דער בערלינער מוזיק־שול דער אָפּערע־קאָמפּאָזיטאָר פראַנק ש ר ע ק ע ר (מער באַקאַנט אין זײַן אָפּערע „דער ווײַטער קלונג"), א מענטש, א ווייניק פּראָגרעסיווער. זײַן אויפירונג איז „ניט פון די בעסטע".

א באַזונדערע סינע מיצאַד די פאַשיסטן האָט אויף זיך געצויגן דער ערשטער פּראָלעטאַרישער קאָמפּאָזיטאָר האַנס א יי ס ל ע ר, ווען עס איז אויך אויסגעקומען אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד. פאַר די לעצטע יאָרן האָט ער פאַר דעם דײַטשישן אַרבעטער־קלאַס געשאַפן כאָראַלע ווערק ("Die Massnahme„) און פיל פּאָפּולערע קאַמפּלידלעך, וואָס ווערן געזונגען מיט גרויס באַגײַסטערונג פון די אַרבעטער אף די גאַסן, אף פאַרזאַמלונגען און אין דער היים און וואָס זײַנען פאַרשפּרײַט געוואָרן אויך אין אויסלאַנד. ער האָט שטענדיק און באַוואוסטזיניק באַטראַכט זײַן שאַפן ווי א געווער פון פּראָלעטאַרישן קאַמף. אַרויסגייענדיק פון דער שענבערגער שול, האָט ער געגעבן א רײַע נײַע ווערטפולע דערגרייכונגען אפן געביט פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער מוזיק. אין היטלערישן דײַטשלאַנד וואַרט אף אים דער קאָנצענטראַציע־לאַגער אָדער דער מאַרטירער־טויט אין די קאַזאַרמעס פון די שטורמאָוויקעס.

די דײַטשישע מוזיק, וואָס לעבט שוין איבער א ריי יאָרן אַן אַלגעמיינעם קריזיס, האָט צוליב די פאַשיסטן פאַרלוירן אירע בעסטע קויכעס.

דאָס האָט געווירקט אף אַרטוראָ ט אָ ס ק א נ י נ י, וועלכער אַרבעט אין דער מוסאָלינישער איטאַליע, אָפּצוזאָגן זיך פון דעם אָנטייל אין דעם וואַג־

נערישן יובילײ אין ביירוט. אָנהויב יוני האָט ער דער מאַדאַם וויניפרעד וואַגנער געשיקט פאָלגנדיקע טעלעגראַם:

„ניט געקוקט אױף מײן האָפענונג, האָט זיך נאָך ביז איצט ניט פאַר־ענדערט דער גאַנג פון די געשעעניש, וועלכע באַליידיקן מײנע געפילן אַלס מענטש און קינסטלער. איך האַלט דעריבער פאַר מײן כויוו צו ברעכן דעם שווייגן, וועלכן איך האָב איינגעהיט אין פאַרלויף פון צוויי כאָדאָשים און אָנזאָגן אײַך, אַז ס'וועט זײן בעסער פון שטאַנדפּונקט פון מײנער, אײערער און אַלגעמײנער רואיקייט מער ניט טראַכטן וועגן מײן אַרײַנ־פאָרן אין ביירוט.

מיט געפיל פון האַרציקער פרײַנטשאַפט צו דער פאַמיליע וואַגנער

אַ ר ט ו ר אָ ט אָ ס ק אַ נ י נ י"

טעאַטער — מאָלער־קונסט — קינאָ

אויף דער דײַטשישער בינע דאַרף איצט טריאומפירן דער שאָוויניסטישער לויב־געזאַנגען שליאַגעטערן און די ראָמאַנטישע אידעאַליזאַציע פון האָרסט וועסעל. ה' געבעלס שטעלט איצט אין בערלין זײַן „באַרימטע פּיעסע" „דער וואַנדערער".

פון דער דײַטשישער בינע זײַנען אַראָפּ די גרעסטע אַרטיסטן, וועלכע קאָ־נען זיך באַרימען מיט זייערע דערגרייכונגען. אַלע מעלוכישע, שטאָטישע און פּריוואַטע טעאַטערס ווערן „אוניפיצירט". אַלע אָרגאַניזאַציעס פון די טעאַטראַלע טוער געפינען זיך אין די הענט פון די פאַשיסטישע קאָמיסאַרן. פריץ ק אָ ר ט־נ ע ר, מאַקס פּ אַ ל ע נ ב ע ר ג, מ אַ ס אַ ר י, ב ע ר ג נ ע ר, די רע־זשיסאָרן מאַקס ר יי נ ה אַ ר ט און ע ס נ ע ר זײַנען אַרויסגעטריבן גע־וואָרן אין אויסלאַנד ווי „ניט קיין דײַטשן".

בײַ דער ברוינער דיקטאַטור פון רוסט טרעטן מער ניט אַרויס די אָפּערע־אַרטיסטן לאָטאַ ש ע נ ע, פרידאַ ל יי ד ע ר, אַלעקסאַנדער ק י פּ נ י ס און אַנדערע. עס איז פאַרטריבן קיין אויסלאַנד דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלו־ציאָנערער זינגער ערנסט ב ו ש — אַ באַגאַבטער קינסטלער, וועלכער האָט פּאָפּולאַריזירט די פּראָלעטאַרישע לידער פון אײסלער און וואָס איז געוואָרן אַ טריבון פון קאַמף פאַר דער פרײַהייט פון די דײַטשישע אַרבעטער־מאַסן.

די קינאָ־געזעלשאַפט „אופאַ" האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, וואָס אין העסקעם מיט איר קאָנען אידן ־אַקטיאָרן שפּילן אין די פילמס, וואָס די דאָזיקע געזעלשאַפט לאָזט אַרויס, בלויז ראָלן פון נעגאַטיווע טיפּן. די באַלעבאַטים פון דעם דײַטשישן קינאָ זײַנען גרייט צו דעמאָנסטרירן אין זייערע פילמס אידן נאָר אַלס פּלוטן, פאַרברעכער און פּאַטאָלאָגישע טיפּן. אין אָנהויב יולי איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג פון געבעלסן, אַז אידן קאָנען ביכלאַל אַרויסטרעטן נאָר דע־מאָלט, ווען ער גיט אויף דעם פריער אַ דערלויבעניש.

אין דער דירע פון דעם געוועזענעם פאַרײן פון די בינע־טוער (וואָס איז אויך מיט געוואַלט „אוניפיצירט" געוואָרן, פונקט ווי די פּראָפאַרײנען) איז דעם 6־טן יוני פאָרגעקומען אַ אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג פון דער פאַרייניקונג פון די

קינסטלערישע אָנפירער פון די טעאַטערס. די דאָזיקע פאַרייניקונג איז ווי א ספּעציעלע גרופּע, אריינגעגאַנגען אין דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד צו קעמפן פאַר דער דייטשישער קולטור. אף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט דער מעלוכע־קאָמיסאַר גענקעל דערקלערט א נייעם מאַרש — „א רייניקונג" פון די קונסט־טוער:

„לויט דעם פאָרשלאַג פונעם פּרייסישן מיניסטעריום פאַר בילדונג איז דעם מיניסטער־פּרעזידענט גערינג אָפּגעגעבן געוואָרן א באריכט וועגן דעם, אז עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ פּרייסישער טעאַטראַלער קאָמיטעט. אף דעם דאָזיקן קאָמיטעט, וואָס פאַר זיין פאָרזיצער ווערט באַשטימט גינקעל, ווערט ארויפגעלייגט די פליכט איבערצוקוקן דעם פּערזענלעכן באַשטאַנד פון די דירעקטאָרן אין די טעאַטערס, פון די פאַרוואַלטערס מיטן מוזיקאַלישן טייל, קאַפּעלמייסטערס, רעזשיסאָרן, סאָליסטן פון אַלע שטאָטישע טעאַטערס. די טעג וועלן געגעבן ווערן פאַראָרדענונגען, וועלכע וועלן געבן א מעגלעכקייט אַנולירן, פאַרענדערן און דערגאַנצן אָפּמאַכן אזוי, אז אף ווייטער זאָל די קינסטלערישע שאַפונג אין גייסט פון דייטשישן טעאַטער ניט באַגעגענען קיינע שטערונגען. דורך די מאָסמיטלען אפן געביט פון געזעצגעבונג קען מען אַנולירן פּריוואַט־רעכטלעכע היסכייוועסן אויב זיי ווידערשפּרעכן די אינטערעסן פונעם דייטשישן טעאַטער".

(„פראַנקפורטער ציַיטונג", 8־טן יוני, 1933־טן יאָר)

א ווילדע צעשטערונגס־ארבעט ווערט געפירט אף אַלע געביטן פון דער קונסט. אפן גרונט פונעם פּאַראַגראַף וועגן די אַריער האָט מען געצוואונגען אוועקגיין אין דימיסיע דעם גאַנץ קאָנסערוואַטיוון פאָרזיצער פון דער קונסט־אַקאַדעמיע, דעם גרויסן קינסטלער מאַקס ל י ב ע ר מ אַ ן. ער איז געצוואונגען געווען אוועקצוגיין אויך פון דעם בערלינער סעצעסיאָן, וואָס ער איז געווען זיין גרינדער און פּיליאַריקער פאָרזיצער. עס איז פאַרשטענדלעך, אז בא דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קורס האָט אוועקגיין אין גאָלעס קעטע ק אָ ל־ ב י ץ, די געניאַלע קינסטלערן פון דער ארבעטער־וועלט. קינסטלער און סקולפּטאָרן, קאָרבאָנעס פון דער „דייטשישער רייניקונג", וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אף די קינסטלערישע אויסשטעלונגען, זיינען פאַראַן אָן א שיר.

די מער באַוואוסטע פּראָגרעסיווע דייטשישע קינאָ־רעזשיסאָרן זיינען געווען געצוואונגען צו זוכן ארבעט אין אויסלאַנד! אין די שוואַרצע צעטלען זיינען אריינגעפאַלן אַלע טוער פון קינאָ, וואָס זיינען נאָענט דעם פּראָלעטאַריאַט, אַלע פּראָלעטאַריש־פּראָגרעסיווע פילמעס: „קילע וואַמפּע", „קיינעמס ערד", „כאַוויירים", „דער וועג פון דער מוטער קראַוזע צום גליק", „די אַנדערע זייט", „פרויען־גליק — פרויען־אומגליק", „הילצערנע צלאָמים" (א פראַנצויזישער פילם). פון די סאָוועטישע פילמען זיינען אגעוו פאַרווערט „א וועג צום לעבן", „דער אייניקל פון טשינגיסכאַן", „די מוטער", „10 טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט", „דער סאָף פון ס. פּעטערבורג", „אַ מענטש אָן א זיקאָרן" א.א.

אז אַך און ווי איז צו יענעם, וועלכן מען איז כּוישעד אין אַ וואַסער ניט איז פאַרבינדונג מיטן פּראָלעטאַרישן קינאָ!

אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל איז דער אַרעסט פון דר. שטייגלער, וועמען די שטורמאָוויקעס און הילפס־פּאָליציי האָבן צעמאַזיקט. שטייגלער האָט פיל יאָרן געאַרבעט ווי אַ דירעקטאָר אין דער געזעלשאַפט פון פאָלקס־קינאָ אין בערלין (פרידריכסשטראַסע, 238). צוליב ריין קאָמערציעלע טאַימים האָט די געזעלשאַפט געהאַלטן אַף פּראָקאַט איינציקע סאָוועטישע פילמס. דאָס איז געווען פולשטענדיק גענוג פאַר דעם, קעדיי די שטורמאָוויקעס און די פּאָליציי זאָלן פאַרנעמען די דירעס און אַרעסטירן אַלע אָנגעשטעלטע. מען האָט אים געבראַכט אין אַ קאַזאַרמע. דר. שטייגלער האָט געליטן שרעקלעכע קלעפּ און פּייניקונגען אין דער אָנוועזנקייט פון זיינע מיטאַרבעטער.

די שול פון דער דריטער אימפּעריע

„מע זאָגט, אַז אין אונזערע שולן נעמען אָן אַנטייל אין די ספּאָרט־געווען נאַקעטע יינגלעך און מיידלעך, און אַז אַף אַזאַ אויפן ווערן פון זיי דערצויגן קריגער און אַמאַזאָנקעס. אָבער צי גיבן זיי די שולן וואָסער־ניט־איז וויסן? צי דערוועקט ניט באַ זיי די נאַקעטקייט אַ טאַיווע?“

„אין קיין פאַל ניט, מיין טייערער, ווייל מיר צווינגען זיי צו איבן זיך ביז וואַנען זיי קאָנען ניט אָן עטעם טאָן און ווען זיי זיינען שוין פאַרמאַטערט, זיינען זיי ניט אימשטאַנד צו טראַכטן און צו פילן אַ טאַיווע“.

„און ווי אַזוי איז, קלוגער געזעצגעבער, מיט דער וויסנשאַפט און מיט דער קונסט, וועלכע זיי דאַרפן דערלערנען?“

„זיי דאַרפן גאָרניט לערנען און טראַכטן. ווער ס'איז אומשטאַנד צו טראַכטן, קען זיך דערטראַכטן צו נאַרישקייטן. דער, וואָס דערגרייכט צו קערפּערלעכער פאַרפולקומונג און האָט אַ גאַנצן טאָג ניט קיין מעגלעכקייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, קען זיין אַ פולשטענדיק־נוציקער בירגער“.

(פון אַ שמועס וועגן דער ספּאַרטאַנישער דערציאונג אין אוראַלטן גריכנלאַנד).

די ווייַמאַרישע רעפּובליק האָט דערלאָזן איינציקע, זאָל זיין ניט אינגאַנצן גענוגנדיקע, עקספּערימענטן אין דער שול־פּאָליטיק. זי האָט געשאַפן אַ מעגלעכקייט (אָפן בעסטן פאַל אין די מער גרויסע שטעט) צו ענדיקן אַ פאָלקס־שול, ניט דערלערנענדיק קיין רעליגיע. די פּריווילעגיעס פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן אָפן געביט פון בילדונג האָט זי ניט אָנגערירט. דאָך זיינען אָבער געמאַכט געוואָרן איינציקע ציטערדיקע טריט צו דערלאָזן אין די הויך־שולן אַרבעטער, וואָס האָבן געענדיקט אַ מיטל־שול, ערגעץ־וואו איז דערלאָזט געוואָרן די עקזיסטענץ פון קורסן אַף צוגרייטן אַזוינע אַרבעטער.

איצט איז די שול פון אויבן ביז אַראָפּ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַזאַרמע

פון רעליגיעז קריסטלעכער מושטירונג. עס זיינען פארווערט געווארן און ליק־ווידירט געווארן אלע עקספערימענטן, א שטייגער יענע, וועלכע ס'פלעגן געמאכט ווערן אין דער רעאל־גימנאזיע אפן נאמען פון קארל מארקס אין נייקעלן, אזוי אויך די נייע מעטאדן פון אונטעריכטן, די פרואוון צו איינפירן גרופן־פארנעמונגען (אין צוזאמענהאנג מיט דער איבערוועגנדיקער פעאיקייט פון די אנטייל־נעמער אין דער גרופע, כאטשבי אין דער הינזיכט פון טיילן אף גרופעס באם דער־לערנען שפראכן) און פריער פון אלץ זיינען אפגעשאפן געווארן די פרואוון סיס־טעמאטיש צוצוגרייטן ארבעטער אריינצוטרעטן אין דער הויכשול.

שוין אין זיין בוך „מיין קאמף" האט היטלער אנטוויקלט זיין שול־פראגראם. זי געפינט זיך אין א געגנונגדיקער מאס אין קרויוועשאפט מיט דער אויבן־ציטירטער פראגראם פון דעם ספארטאנישן ציניקער. אין דער שול פון דער „דריטער אימפעריע" דארף מען, לויט היטלערס מיינונג, לערנען ניט קיין ווי־סנשאפטן, נאר פריער פון אלץ אונטערווארפן זיך דעם פירער. דאס וואס היטלער זאגט גראב, און קונצן, סטארעט זיך פריק אביסל צו פארשלייערן.

אין דער פראגראם־רעדע זיינער פון 9־טן מאי 1933 יאר פאר די בילדונגס־מיניסטארן פון די דייטשישע מעלוכעס האט פריק, וועלכער איז די גאנצע צייט פון דער וועלט־מילכאמע אפגעזעסן אין הינטערלאנד אין זיין הייםאט פירמא־זענס, געפאדערט פון דער שול הערויאישע דערציאונג אף צוגרייטן הארמאטן־פלייש. „ביז איצט, דערקלערט פריק, איז אלץ געגאנגען שלעכט, ווייל די קינדער האבן זיך ניט דערצויגן, נאר זיי האבן זיך געלערנט".

וואס וויל פריק?

מער ווי אן אנדערשט מאל דארפן מיר איצט געדענקען, אז פאר אונז שטייען אלוועלטלעכע אויפגאבן, וועלכע מיר דארפן לייזן געמיינזאם מיט די פעלקער פון צאפן־אייראפע, וואס זיינען נאענט לויט דער ראסע מיט די דייטשישע פעלקער און די אקעאנישע מעלוכעס, וואס זיי האבן גע־שאפן אף יענער זייט אקעאן. דאס זיינען אויפגאבן, וואס די דערלייזונג זייערע דארף עפענען פאר דער ענערגיע פון דער צאפן־ראסע א ברייט פעלד פאר קולטור־שעפערישער ארבעט".

פינקטלעך איז ניט אנגעוויזן, ווער זיינען עס אזוינס אט די קרויווישע לויט דער ראסע פעלקער? דער ה' פריק וויל זיי, דאכט זיך, פארייניקן קעגן אלע „מענ־טשן פון די נידעריקע ראסעס", קעדיי צו שאפן אן אלוועלטלעכע „דריטע אימ־פעריע", וועלכע דארף באווייזן ווי אזוי עס לעבט זיך אין דער וואויל־איינגע־ארדנטער היטלערישער מעלוכע אלע „ווייניקווערטיקע" פארשטייער פון דער רא־מאנישער און אנדערע „ראסעס".

„צוגלייך מיט דער אנטוויקלונג פון דער ריין פיזישער געשיקטקייט און קרעפטיקייט דארף מען צוגעבן א באזונדערע באדייטונג דער דער־ציאונג פונעם ווילן און פון דער אנטשלאסנקייט, וואס דארפן זיין א נויטווענדיקער באדינג אף אויסצוארבעטן קרויווישע געפילן פון פאר־אנטווארטלעכקייט, וואס זיינען דער גרונט פון א כאראקטער".

די שול דארף ארויסלאָזן ניט קיין געלערנטע מענטשן, נאָר גוט אויסגע־מושטרירטע אקטיווע סאָלדאטן פון דער „דריטער אימפעריע", קעדיי איינפלאַנ־צן די קינדער, אז אַף דער וועלט איז קיין שום בעסערס ניטאָ, איידער די „דרי־טע אימפעריע", דארף די וועלט זיין אזוי געשילדערט, ווי זי איז קיינמאָל ניט געווען. אין העסקעם מיט דעם דארף די געשיכטע זיין א נאַציאָנאַל־סאָציאַליס־טישע פאלסיפיקאַציע. די נייע לערנביכער פון געשיכטע „דארפן ווי ווייט מעג־לעך אַנטהאַלטן וויניקער מאַטעריאַלן".

עס איז נייטיק א מאַקסימאַלע באַגרענעצונג. עס איז דעריבער גאַנץ געגוג „ארויסצואווייזן די הויפּטזעכלעכע טרייב־קויכעס פון דער געשיכטע, וועלכע האָ־בן געווירקט אין אַלע צייטן. די הויפּטזאַך פון דעם היסטאָרישן באטראַכט דארפן זיין די לעצטע צוויי יאָרצענדליקן פון אונזער צייט". פריק פאַרפינקטלעכט די פראַגע, פאַדערנדיק, אז עס זאָל אָפּגעגעבן ווערן א באַזונדערע אויפמערקזאַמ־קייט „דער אויפוואַכונג פון דער נאַציע, וואָס הייבט זיך אָן פונעם קאַמף פאַר רור ביז דעם ניצאָכן פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אידייען פאַר דער פריי־הייט און ווידעראויפשטעלונג פון דער איינהייט פונעם דייטשישן פאָלק אין דעם טאָג פון די פאָסטדאַמער טריאונפן.

צוגלייך מיט דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן מין דארף מען אויך דורכגיין די „ראַסן־ווויסנשאַפט" און „ארייַנפיר אין די גרונט־באַגריפן פון גענעאַלאָגיע". דאָס בייערישע מיניסטעריום פאַר פאָלקס־בילדונג האָט ארויסגעגעבן א באַ־פעל, אין וועלכן עס ווערט אַגעוו געזאָגט:

„וועגן אונטעריכט: געשיכטע אין אַלע קלאַסן פון די בייערישע שולן אין 1933—34 לערניאָר — אומאָפּהענגיק פון די לערנפּלענער און פּראָ־גראַמען — ווערט צוגעשריבן: די ערשטע 4—6 וואָכן אָפּגעבן אויסשליס־לעך דעם פּעריאָד 18—1933. דער אנדערער טייל פון דעם פּראָגראַמישן קורס דארף צעטיילט ווערן אַף די איבעריקע כאָדאָשים פון לערניאָר און דארף, אַנטשפּרעכנדיק, פאַרקירצט ווערן. די לעצטע שאָ נאָכן ענדיקן דעם דאָזיקן קורס, דארף פאַרוואַנדלט ווערן אין א פייערלעכן אקט מיט קורצע רעדעס וועגן דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. די רעדעס דארפן האַלטן די לערער און איינער פון די טאַלמידים. עס דארפן געזונגען ווערן פּאַטריאָ־טישע לידער. דער קלאַס דארף באַפּוצט ווערן מיט פאָנען. באַזונדערס דארף מען האָבן אין אויג, אז די וויכטיקסטע טעמע אַף אויפצוהויבן דעם פּאַט־ריאָטישן גייסט פון דער בייערישער יוגנט, איז די „נאַציאָנאַלע רעוואָלו־ציע". דאָס דארף זיין ניט נאָר ווי אַן אונטעריכטס־קעגנשטאַנד (געשיכטע, מערדיצין א. א. וו.), נאָר אויך ווי א פּרינציפּ פון אונטעררינכטונג, וואָס געהער צו דער סאַמע ערנסטער קאָנצענטרישער באַארבעטונג. אַף די קאָנטראָל־עקזאַמענס צום סאָף פון טרימעסטער דארף אָט דעם דאָזיקן קעגנשטאַנד אָפּגעגעבן ווערן א באַזונדער אויפמערקזאַמ־קייט".

אין דעם פּאָרטראָג וועגן העאַהגאַניזירן די בערלינער שולן האָט דער בערלי־

וואן דער ליובע

דער קאָמיסאַר הייזיק פאַרהערט אים אין בערלין אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַשולדיקן אים אין אונטערצינדן דעם רייכסטאַג. אפן פאַרהער זיינען אַנוועזנד איייניקע זשורנאַליסטן



[illegible]
[illegible] hartelijke brief in dank [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] Dat gaat toch niet [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] hartelijke groeten [illegible]
[illegible]
[illegible]

וואן דער ליובעס א בריוו

פון דער בערלינער אויספאַרשונגס-טפיסע. אונזער קאָרעספּאָנדענט האָט געזען 8 בריוו, וואָס וואן דער ליובע האָט אָנגעשריבן פון טפיסע, אין אפּריל.

נער מעלוכע־קאָמיסאר דר. מיינסהויזען דערקלערט („פעלקישער באָבאכטער" פונעם 6־טן מאי 1933 יאָר):

„א סאָף צו יעדער ליבעראלער שושקעריי. וועגן דער אידן־פראגע דארף דינען דער לאָזונג: סענטימענטאַלקייט — איז פאראט צום פאָלק!".

אין העסקעם מיט דעם האָבן די דאָזיקע נאציאָנאַל־סאָציאַליסטישע מיניס־טאָרן פאר פאָלקסבילדונג אינגאנצן איבערגעאַנדערשט אלע פּעדאגאָגישע לערנ־אַנשטאַלטן און באַפרייט אלע „פארדעכטיקטע" לערער. אלע ריין וועלטלעכע שולן זיינען פארמאַכט. עס איז ווידער איינגעפירט געוואָרן דער אָבליגאַטאָרישער לימעד פון רעליגיע; עס זיינען ווידער איינגעפירט געוואָרן קערפּער שטראָפן. דאָס איז די ערשטע דערגרייכונג פון דער ברוינער שול־פּאָליטיק.

עס זיינען פארניכטעט געוואָרן די טענדענצן צו באַנייען די שול. די שילער פון דעם לעצטן עלטערן קלאס פון דער רעאָרגאַניזירטער רעאל־גימנאַזיע אפן נאָ־מען פון קארל מארקס אין נייקעלן, אין בערלין, זיינען פארבליבן אף נאָך צוויי יאָר אין שול; אין פארלויף פון אָט דעם דאָזיקן טערמין מוזן זיי דורכגיין די פאשיסטישע מושטירונג, איידער זיי וועלן דערלאָזט ווערן אין דער הויכשול.

פון די אוניווערסיטעטן ווערן ארויסגעטריבן ניט נאָר אידן־פּראָפעסאָרן, נאָר אויך אידן־סטודענטן. אין דער העכערער שול וועלן אָנגענומען ווערן בלויז אַנדערהאַלבן פּראָצענט פערזאָנען פון „ניט ארישער אָפּשטאַמונג" (באַפעל פונעם פּרייסישן מיניסטער פאר בילדונג פון 8־טן מאי 1933 יאָר).

פאר אלע לערער איז אָבליגאטאָריש אָנטייל צו נעמען אין פאשיסטישן פאריין פון די לערער. אַנדערש ווערן זיי נישט דערלאָזן צו פּעדאגאָגישער ארבעט אף א מעלוכע־שטעלע.

מיר גיבן איצט איבער א וואָרט ניידייטשלאַנד. אָט זיינען איניקע זיינע באַפעלן:

פון דעם געזעץ וועגן קאַמף קעגן „פארמיסטיקן" די הויכשולן מיט פרעמד־פעלקערלעכע עלעמענטן

1. פּאר. די צאָל שילער און סטודענטן אין אלע שולן דארפן, אויסער דער אָבליגאַטאָרישער בילדונג, באגרענעצט ווערן אזוי, אז זי זאָל פארזיכערן די אלגעמיינע צוגרייטונג און דעקן די באַדערפעניש אין קאַד־רען פון די אַנטשפרעכנדיקע פּראָפעסיעס.

4. פּאר. באַם נייעם אויפנעם דארף מען נאָכקוקן נאָך דעם, אז די צאָל ניי אָנגעקומענע דייטשישע אונטערטאַנער, וואָס זיינען ניט פון אָרי־שער אָפּשטאַמונג, נעמענדיק אין אכט דעם געזעץ פון 7־טן אפּריל 1933 יאָר, זאָל ניט אריבערשטייגן אין יעדן לערנאנשטאַלט און אף יעדער פּאַ־קולטעט די פּראָצענט־פארהעלטעניש פון ניט אריער צו דער דייטשישער באפעלקערונג אין דייטשלאַנד. פאר גאנץ דייטשלאַנד ווערט איינגעשטעלט אן איינהייטלעכע אנדערהאַלבן פּראָצענטיקע נאָרמע.

7. פאַראַגר. דער גאַנצער גייט אַריין אין קראַפט פון מאָמענט, ווען ער ווערט פובליקירט.

פאַרגרינגערן די יורידישע עקזאַמענס פאַר די מיטגלידער פון די נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן

„דער אימפּערישער קאָמיסאַר פונעם פּרייסישן מיניסטעריום פאַר יוסטיץ, קערל, האָט אין אַ באַפעל פון 5־טן אַפּריל פאַראָרדנט, אַז אַלע קאַנדידאַטן פון רעכט און קאַנדידאַטן אויף געריכטס־שטעלעס, וועלכע האָבן געפירט אַ באַשטימטע צייט אַ פּאַטריאָטישע אַרבעט אַלס מיטגלידער פון די אַנערקענטע נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן, זאָל פאַר זיי, ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַר אָפּרייסן פון די באַשעפטיקונגען, דורכגעפירט ווערן יורידישע עקזאַמענס אין אַ פאַרקירצטן פאַרנעם, אויב זיי ווילן וועגן דעם זיך מיוּשטאַדל זיין".

(„דייטשע אַלגעמיינע צייטונג", 12־טן אַפּריל 1933 יאָר).

געדאַנקען פון סטודענטן, וואָס פאַרברענען ביכער

1. „דער איקער פון דער שפּראַך און ליטעראַטור — איז אין פאָלק.
2. צווישן דער ליטעראַטור און דער דייטשישער פעלקערשאַפט איז באַ היינטיקן טאָג אַ טהאָם. דאָס איז אַ שאַנדע.
3. די ריינקייט פון דער ליטעראַרישער שפּראַך איז אָפּהענגיק פון דיר.
4. דער איד איז אונזער סאַמע געפערלעכסטער קעגנער.
5. דער איד קאָן טראַכטן נאָר ווי אַ איד. ער זאָגט ליגן, אויב ער שרייבט ווי אַ דייטש. אַ דייטש, וואָס שרייבט אויף דייטש, נאָר טראַכט ניט ווי אַ דייטש, איז אַ פאַררעטער!..
6. מיר ווילן אויסוואָרצלען ליגן, שטעמפּלען פאַראַט.
7. מיר זיינען גרייט צו אַכטן אידן ווי פרעמדע און מיר וועלן זיך ערנסט רעכענען מיט דער פעלקערשאַפט. מיר פאָדערן דעריבער פון דער צענזור: אַז ווערק, וואָס זיינען געשריבן פון אידן, זאָלן אַרויסגיין אויף דער אידישער שפּראַך. אויב זיי גייען אַרויס אויף דייטש, דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז זיי זיינען איבערגעזעצטע... מיט דער דייטשישער שפּראַך קאָנען זיך באַנוצן נאָר דייטשן. דער ניט דייטשישער גייסט דאַרף אויסגעוואָרצלט ווערן פון די עפנטלעכע ביבליאָטעקן".

(פון 12 טעזיסן „קעגן דעם ניט דייטשישן גייסט", וואָס די בערלינער סטודענטן האָבן אויסגעהאַנגען דעם 13־טן אַפּריל אין בערלינער אוניווערסיטעט).

די פאַשיזירונג פון דער פרעסע

אינאָווענט דעם 30־טן יאַנוואַר 1933 אין דעם טאָג, ווען עס איז געבילדעט געוואָרן היטלער—הוגענבערגס רעגירונג, האָט דער נייער מיניסטער פון אינערן־

איניאָנים, פריק, איינגעלאָדן פאַרשטייער פון דער בערלינער פרעסע און האָט זיי פאַרזיכערט, אַז אין אונטערשייד פון אַלע פריערדיקע, וועט די נייע רעגירונג געבן דער פרעסע זייער אַ ברייטע פרייהייט.

מיט אייניקע טעג נאָך דאָס „וואָרט, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון אַ דייטש", האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע און ס.־ד. פרעסע. אין מיטן פעברואַר איז שוין פאַרווערט געוואָרן קימאַט די גאַנצע קאָמוניסטישע פרעסע אין דייטשלאַנד. עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון פאַרבאָטן ס.־ד. און דעמאָקראַטישע צייטונגען. אין דער צייט פון דער וואַל־קאַמפּאַניע אין רייכס־טאַג אין דער רייַנישער פּראָווינץ זיינען שטורעם־אָטריאַדן אַוועק בײַ דער נאַכט אין די דרוקערייען פון די צייטונגען פון דער צענטער־פּאַרטיי און האָבן גע־צוואונגען אָפּצודרוקן די רעדעס פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע מיניסטאָרן, אונטער דער שוץ פון דער פּאָליציי־מאַכט האָבן זיי אָנגעווענדט די סאַמע גראָבע מאָסמיטלען פון דער פאַרצענזור.

אין די לעצטע טעג פאַר דער סריפע אין רייכסטאַג האָבן די שטיוול פון די שטורמאָוויקעס און פּאָליציי קימאַט אינגאַנצן צעטראָטן די פריקישע „פרייהייט פון דער פרעסע".

די אָטריאַדן פון דער ארבעטער־זעלבסטשוץ האָבן העלדיש באַשיצט די רע־דאַקציעס און דרוקערייען פון די אַרבעטער־צייטונגען.

ווען די אומגעהייערע פּראָוואָקאַציע אין רייכסטאַג האָט זיך איינגעגעבן און עס האָט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט פאַנאַנדערגעפלאַקערט דער ברוינער פּאָגראָם, זיינען באַלד פאַרווערט געוואָרן די לעצטע קאָמוניסטישע און ס. ד. צייטונגען.

דאָס לעצטע רעשטל פרייהייט פון דער פרעסע איז צעשטערט געוואָרן. די קאָמוניסטישע, ס. ד. און לינק־בורזשואַזע זשורנאַליסטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן אָדער געוואָרן קאָרבאָנעס פון די טאַליאָנים — סאַדיסטן אין די קאַזאַרמעס פון די שטורמאָוויקעס. די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע צייטונגען און די צייטונגען פון צענטער, וואָס האָבן פאַרגעזעצט אַרויסצוגיין, האָבן זיך אָנגעהויבן „צופּאַסן" צו דעם פּאָגראָם־רעזשים. די גרויסע דעמאָקראַטישע פאַרלאַגן אין בערלין — מאָסע און אולשטיין, די ליבעראַלע פרעסע אין גאַנץ דייטשלאַנד האָבן אָנגעהויבן „מיטן אייגענעם ווילן" אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט אידן, פּאַציפיסטן און ביכלאַל אַזוינע זשורנאַליסטן, וואָס זיינען ניט געפעלן די פאַשיסטן.

די דאָזיקע פרעסע האָט געלויבט אין טאָג אַריין „די גראַנדיעזע געשעענישן פון איצטיקע טעג, וואָס דערלייזן דעם גורל פון דער נאַציע".

זי האָט באַלד דערפילט אַ סימפּאַטיע צו היטלערן און צו דער „אויפוואַ־כונג" פון דער נאַציע. זי האָט פאַרשוויגן די שכיטע, וואָס איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, די אַקטן פון האַרוגעס און פייניקונגען, וואָס זיינען שרעקלעכער איידער דאָס האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן די סאַמע רייכע פאַנטאַזיע און וואָס זיינען פאָרגעקומען טאָגטעגלעך אָט דאָ נאָענט פון דער רע־דאַקציע. די „אידישע צייטונגען" האָבן אָפּגעלייקנט דעם פאַקט פון פאַרפאָלגונ־גען קעגן אידן.

די אויסלענדישע פרעסע האָט ניט ארויסגעוויזן אזא מין נאָכגע־ביקייט אין דער זאך פון פארשווייגן די אומענטשלעכע שוידערלעכקייטן, זי האָט זיך באלד געשטעלט אין א קאָנפליקט מיט דער היטלערישער רעגירונג.

דעם 7־טן מערץ איז פובליקירט געוואָרן די אָפיציעלע רעגירונגס־מיטיילונג.

„צוליב דער בייזוויליקער אינפאָרמאציע אין דער אויסלענדישער פרעסע וועגן די געשעענישן אין דייטשלאנד זיינען צוגעגרייט געוואָרן ערנסטע מאָסמיטלען אין באצוג צו א רייע קאָרעספּאָנדענטן פון אויסלענדישע צייטונגען. א טייל פון די אָנגעמערקטע קאָרעספּאָנדענטן האָבן אויסגעמיטן דאָס ארייננמישן זיך פון דער פאָליציי א דאנק דעם, וואָס זיי זיינען אוועק־געפאָרן. וואָס איז שייעך צו די איבעריקע קאָרעספּאָנדענטן, האָבן זיי פאר־זיכערט, אז זיי וועלן זיך אָפּהאלטן אַף ווייטער אין זייערע קאָרעספּאָנדענ־צן פון יעדער בייזוויליקער טענדענץ און וועלן אויסמיידן צווייַדיי־טיקייט, צוליב דעם איז דאָס ארויסשיקן זיי אָפּגעשאָפן געוואָרן און מע האָט זיי געגעבן א צוויי כאדאָשימדיקן אויספּרואוו־טערמין".

דעם 5־טן אפריל האָט די היטלעריסטישע רעגירונג געליטן א דורכפאל מיט דעם פאריין פון אויסלענדישע זשורנאליסטן. די רעגירונג האָט געדראָט דעם פאריין מיט א באָיקאָט, אויב מען וועט ניט אראָפּנעמען זיין פאָרזיצער מאורער — דעם קאָרעספּאָנדענט פון „טשיקאגאָ דיילי ניוס". די אלגעמיינע פארזאמלונג פון פאריין האָט אָבער מיט 60 שטימען קעגן 7 בא 3 אָפּגעהאלטענע אָפּגעוואָרפן די מעלדונג פון מאורען וועגן דימיסיע. אונטער דער ווירקונג פון דער אויסלענ־דישער געזעלשאפטלעכער מיינונג איז די היטלעריסטישע רעגירונג געווען גע־צוואונגען צו מאכן א ריי ווייטערדיקע האנאָכעס די קאָרעספּאָנדענטן פון דער אויסלענדישער פרעסע.

דער געצוואונגענער „פאשיזירונג" זיינען אונטערגעפאלן: דער אלדייטשי־שער פאריין פון דער דייטשישער פרעסע. אלס זיין פאָרזיצער איז באשטימט געוואָרן דיטריך, וועלכער פירט אָן מיט אַלע פרעסע־איניאָנים פון די נאציאָנאל־סאָציאליסטן; די פארייניקונג פון די פרעסע־ארויסגעבער און זשורנאליסטן; דער אלדייטשישער פאריין פון דער דייטשישער פרעסע האָט בא דער נייער אָנפירונג אָנגענומען א באשטימונג, וואָס לויט איר קאָנען קיין אידישע און מארקסיסטישע זשורנאליסטן ניט זיין קיין מיטגלידער פונעם פאריין.

די „גערמאניזאציע" פון דעם שטאַב זשורנאליסטן און דאָס געהאָרכזאמע אונטערוואַרפן זיך דער פאָליטיק פון היטלערן האָבן זייער וויניק געהאָלפן דעם פארלאג ר ו ד א ל ף מ א ס ע, וועלכער גיט ארויס די צייטונג „בערלינער טאָגעבלאַט". שוין אין די ערשטע טעג פון אפריל איז דער פארלאג עקספּראָפּרי־אירט און איבערגעגעבן געוואָרן א נייער אקציאָנערן־געזעלשאפט, די אָנפירונג פון דער לעצטער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם נאציאָנאליסטישן קאָמיסאר אָסט, דעם דירעקטאָר פון פארלאג קארל פעטער און דעם נאציאָנאל־סאָציאליסטישן פאבריק־זאוואָדישן קאָמיטעט. עס איז באשטימט געוואָרן א נייער שטאַב זשור־נאליסטן; דער נאציאָנאל־סאָציאליסטישער קאָמיסאר אָסט, די אָנטרוי־פּערזאָן

פון דעם זעלביקן אָנפירער פון די שטורעם־אָפּטיילונגען, גראַף העלדאָרף, איז אין אייניקע וואָכן ארום ארעסטירט געוואָרן. ער האָט צוגענומען עטלעכע הונדערט טויזנט מארק באַם פארכאַפּן מיט דער הילף פון שאַנטאַזש דעם פארלאג פון רודאָלף מאָסע. אינמיטן יולי, נאָך דריי כאַראָשימדיקן באַלאַבאַטעווען פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָמיסאַרן, האָט דער פארלאג אויפגעהערט צו צאָלן די וועקסלען.

א כאראקטעריסטישער ביישפּיל פון דער פאשיזירונג פון פיל בורזשואזע צייטונגען איז דאָס, וואָס „דאָרטמונדער גענעראַל־אַנצייגער" האָט זיך פרייוויליק פארוואנדלט אין א נאציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּארטייאישער צייטונג. די דאָזיקע צייטונג, וואָס האָט פארמאָגט די סאמע גרעסטע דרוקעריי אין אייראָפּע, האָט געהאט דעם גרעסטן טיראזש אין דייטשלאַנד (אויב ניט רעכענען די בערלינער צייטונגען). אזוי ווי זי איז פארשפּרייט געוואָרן הויפּטזעכלעך אין די געדיכטע ריינוועסטפאַלישע אינדוסטריעלע ראַיאָנען, האָט זי געדאַרפט אָפּגעבן א געהעריק אָרט די אנטיקאַפּיטאַליסטישע און אנטיפאשיסטישע שטימונגען פון די מאַסן. נאָך דער אויסבילדונג פון היטלערס רעגירונג האָבן די פריערדיקע מיטארבעטער געמוזט אוועקגיין און עס האָט זיך אָנגעהויבן די „פרייוויליקע" פאַשיזירונג. אָבער דאָס איז פאַר די ברוינע געוואַלט־טוער געווען ווייניק. דעם 29־טן אַפּריל איז אין דער צייטונג אָפּגעדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיט די הימנען צום געבורטסטאָג פונעם פירער אויך א צייכענונג — היטלערס פּאָרטרעט, געצייכנט פונעם גראַפיק שטומפּ. די אָנפירער פון די שטורמאָוויקעס האָבן איינגעזען אינעם דאָזיקן פּאָרטרעט א קאַריקאַטור אויף היטלערן. זיי האָבן קאָנפיסקירט די צייטונג און מיט דער הילף פון שטורמאָוויקעס פארמאַכט דעם רעדאקציע־לאָקאַל. דער דאָרטמונדער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט באַאויפטראַגט דעם רעדאקטאָר פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער צייטונג „ראָטע ערדע" צו פירן ווייטער די צייטונג.

מיר קאָנען דאָ ניט איבערגעבן אלע פארבאָטן און מאָסמיטלען קעגן די בורזשואזע צייטונגען און זשורנאַלן. די פאשיזירונג האָט געבראַכט צו דער דיקטאַטאָרישער איבערגעשטאַלטונג פון דער גאַנצער דייטשישער אינפאָרמאַציע־סיסטעם: עס איז אראָפּגענומען געוואָרן די אָנפירונג פון דער אָפּיציעלער „וואָלף־אַגענטור". די וואָרהאַפטע מיטיילונגען וועגן דייטשלאַנד, וואָס קומען פון אויסלאַנד, דערגייען אינגאַנצן ניט צום דייטשישן לייענער.

„אין דייטשלאַנד זיינען פארבאָטן העכער 250 אויסלענדישע צייטונגען, ביפראט: פון נ. אמעריקע—9, ארגענטינע—2, בעלגיע—7, קאַנאַדע—2, דענעמארק — 4, דאַנציק — 3, ענגלאַנד — 5, פראַנקרייך — 31, האָלאַנד — 9, לאַטוויע — 2, ליטע — 1, לוקסעמבורג — 5, עסטרייך — 37, פּוילן — 24, רומעניע — 1, סאארער ראַיאָן — 4, שוועדן — 1, שווייץ—26, פּססר — 9, שפּאַניע — 2, טשעכאָסלאָוואַקיע — 66. מער ווי אלץ האָט דער פארבאָט, אזוי ארום, אָנגערירט די צייטונגען פון טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך, פראַנקרייך, שווייץ און פּוילן.

דייטשלאַנד איז געווען א לאַנד פון דער גרעסטער ליטעראַרישער פּראָדוק־

ציע. פאָלגנדיקע מיטיילונג כאַראַקטעריזירט דאָס פאַלן פון דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע שוין אין די ערשטע וואָכן פון היטלערס רעזשים.

די פאַרלאַגן פאַרברויכן ווייניקער פּאַפּיר

„לויט דער מיטיילונג פון דער „פראַנקפורטער צייטונג" פון 15־טן אַפּריל 1933 יאָר איז דער גראַד אָנגעלאָדנקייט פון די פאַבריקן, וואָס אַר־בעטן אויס צייטונגס־ און דרוק־פּאַפּיר געפאַלן פאַר דער צייט פון דער „נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע", אין פיל פאַלן, ביז 25 פּראָצענט".

„די דייטשע אַלגעמיינע צייטונג" פון 22־טן אַפּריל טיילט מיט, אַז די פּראָדוקציע פונעם פאַרלאַג איז אינעם ערשטן קוואַרטאַל פון 1933־טן יאָר געפאַלן אויף 30 פּראָצענט לעגאַבע דעם יאָר 1931. דער עקספּאָרט האַלט אין איין פאַלן. דער דייטשישער ביכער־האַנדל האָט פאַרלאָרן זיינע בעסטע קליענטן. גאַנצע געביטן פון וויסנשאַפט און ליטעראַטור זיינען באָרעוו.

רעשימע פון וויסנשאַפט- און קונסט-טוער, וואָס זיינען „באַשטראָפט געוואָרן" אין היטלערישן דייטשלאַנד

פּראָפעסאָרן פון הויכשולן

ב ע ר ל י ן — א ו נ י ו ו ע ר ס י ט ע ט:

פּראָפ. אַלבערט איינשטיין (פיזיק — באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע), פּראָפ. דר. פריץ האַבער (כעמיע — באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע), פּראָפ. בערנהאַרד צאָנדעק (גינעקאָלאָגיע), פּראָפ. מאָריס באָן (פּאָליטישע עקאָנאָמיע), פּראָפ. דר. פּישעל (קונסט־געשיכטע), פּראָפ. דר. יאָלאָס (זאָאָלאָגיע), פּראָפ. דר. וואַלטער וואָרדען (סטראַכיר־וועזן), פּראָפ. דר. ריכטער (מעדיצין), פּראָפ. דר. פּרינגסהיים (כעמיע), פּראָפ. דר. הערמאַן גראָסמאַן (טעכניק), פּראָפ. עמיל לעדערער (פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע), פּראָפ. ג. פריינדליך (קאָלאָידנכעמיע), פּראָפ. דר. פּאָליאַני (פיזישע כעמיע), פּראָפ. פערדינאַנד בלומענטאַל (קרעפּס־פאָרשונג), פּראָפ. פראַנץ בלומענטאַל (דעמאָטאָלאָגיע), פּראָפ. פּעטער ראָנא (כעמיע און פיזיאָ־לאָגיע), פּראָפ. דר. בירנבאום (פּסיכיאַטריע), פּראָפ. מיטוואָך (סעמיטישע פּי־לאָלאָגיע), פּראָפ. יוליוס פּאָקאָרני (קעלטישע פילאָלאָגיע), פּראָפ. דר. איסיי שור (מאַטעמאַטיק), פּראָפ. מאַנעס (סטראַכיר־וועזן), פּראָפ. דר. ביק (פיזיק), דאָצענט דר. אָטאָ ליפּמאַן (פּסיכאָלאָגיע), דאָצענט דר. קאָנראַד קאָן (צאָנקראַנקהייטן), פּראָפ. דושעמס גאָלדשמיד (קרימינאַל־רעכט), פּראָפ. דר. קאַרל בראַנדט (ערד־אַרבעט), דאָצענט דר. פריץ באַאדע (סאָציאָלאָגיע), דאָצענט דר. באָלאָג (פילאָ־סאָפיע), דאָצענט קורט הענטשעל (געזעצגעבונג וועגן פּרעסע), דאָצענט דר. וואַלטער לאַנדע (מעדיצין), פּראָפ. דר. וואָלף אייסנער (מעדיצין), פּראָפ. געלער (וועטערינאַריע).

ב ע ר ל י ן — ה ע כ ס ט ע ט ע כ נ י ש ע ש ו ל (פּאָליטעכניקום).

פּראָפ. דר. קוריין (טעכניק), פּראָפ. דר. שלעזינגער (מאַשינבוי), פּראָפ. דר. שווערין (עלאַסטישקייט־טעאָריע), פּראָפ. דר. לעווי (פּאָליטישע עקאָנאָמיע), פּראָפ. דר. לעמאַן (פּאָטאָכעמיע), פּראָפ. קאָרן (פּאָטאָטעלעגראַף־וועזן), פּראָפ. טראובע (קאָלאָידן־כעמיע), פּראָפ. דאלינגער (עלעקטריציטעט), פּריוואַט־דאָצענט דר. קעלען (הידראוליק), דאָצענט גראַבאָווסקי (מאַטעמאַטיק), פּראָפ. כאיעס (היגיענע), פּראָפ. גאָלדע (כעמיע), פּראָפ. פּריץ פּראַנק (כעמיע,) פּראָפ. איגעל (אייזנבאַן־בויאונג).

ב ע ר ל י ן — ד י י ט ש י ש ע ה ע כ ס ט ע ש ו ל פ ו ן פּ אָ ל י ־ ט י ש ע וו י ס נ ש אַ פ ט ן

פּראָפ. דר. עק, פּראָפ דר. סימאָנס, פּראָפ. דר. דרעווס.

א א כ ע ן — ה ע כ ס ט ע ט ע כ נ י ש ע ש ו ל

פּראָפ. בלומענטאַל (טעכניק), פּראָפ. האָפּף, (פיזיק), פּראָפ. מייזעל (פּאָליטישע עקאָנאָמיע), פּראָפ. מאַוטנער (אייזן־קאָנסטרוקציעס), פּראָפ. לעווי (אָרגאַנישע כעמיע), פּריוואַט־דאָצענט שטראַס (ליטעראַטור), פּריוואַט־דאָצענט פּיק (מאַטעמאַטיק).

פ ר א נ ק פ ו ר ט א ם מ י י ן

פּראָפ. העלער (עפנטלעכע רעכט), פּראָפ. האָרקהיימער (סאָציאָלאָגיע), פּראָפ. לעווע (פּאָליטישע עקאָנאָמיע), פּראָפ. פּלעסנער (מיזרעך־שפּראַכן), פּראָפ. זאָמערפעלד (פילאָלאָגיע), פּראָפ. מאַנהיים (סאָציאָלאָגיע), פּראָפ. טיליך (פילאָסאָפיע), פּראָפ. זיצהיימער (ארבעטער־געזעצגעבונג), פּראָפ. סאַלאָמאָן (סאָציאָלאָגיע), פּראָפ. קאַרל מעניקע (פילאָסאָפיע), פּראָפ. ווערטהיימער (פּסיכאָלאָגיע), פּראָפ. שטרופּ (צווישנפעלקערלעכע רעכט), פּראָפ. ווייל (מיזרעך־שפּראַכן), פּראָפ. פּריבראַם (פּאָליטישע עקאָנאָמיע), פּראָפ. ריכאַרד קאָך (מעדיצין), פּראָפ. גלאַצער (יודאיק), פּראָפ. וואַלטער פרענקעל (מעטאַלורגיע), פּראָפ. פּריץ מייער (כעמיע), פּראָפ. ערנסט קאָן (האַנדל, זשורנאַליסטיק), פּראָפ. ניימאַרק (פּאָליטישע עקאָנאָמיע), פּראָפ. ערנסט קאָן (ציוויל־רעכט), פּראָפ. בראַון (היגיענע), פּראָפ. לודוויג ווערטהיימער (באַנק־וועזן), פּראָפ. אַלטשול (פּאָליטישע עקאָנאָמיע).

ק י ל

פּראָפ. שיקינג (צווישנפעלקערלעכע רעכט), פּראָפ. קאַנטאָראָוויטש (קרימינאַל־רעכט), פּראָפ. אַדאָלף פרענקעל (יוריספּרודענץ), פּריוואַט־דאָצענט קאָלם (פּאָליטישע עקאָנאָמיע), פּראָפ. דר. פּעלער, פּראָפ שטענצעל (פילאָסאָפיע), פּריוואַט־דאָצענט מעליטאַ גערהאַרדט, פּראָפ. העבער, פּראָפ. הוסערל (רוימישע רעכט), פּראָפ. העניגער (יוריספּרודענץ), פּראָפ. לעווע, פּראָפ האַרדער, פּראָפ.

יאקאָבי (פילאָסאָפיע), פּראָפ. קייזער, פּריוואַט־דאָצענט קאָלע, פּראָפּ. דר. קראַ־נער, פּראָפ. דר. ליפּע (גערמאַנישע פילאָלאָגיע), פּראָפּ. נייסער (פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע), פּראָפ. דר. ראָזענבערג, פּראָפ. שראַדער, פּראָפ אָפּעט, (גערמאַנישע רעכט), פּראָפ. סקאַלוויים (פּאָליטישע עקאָנאָמיע), פּראָפ. וועדערמייער, פּראָפ. ראוך (פי־לאָסאָפיע), פּראָפ. דר. קלעמפּערער (מעדיצין), פּראָפ. דר. עמיל פוקס (טעאָלאָ־גיע), לעקטאָר דר. מאַראַנאָ, פּראָפ. ווילהעלם אָפּערמאַן, דאָצענט דר. פרידריך קאָפּיי.

קעניגסבערג — אוניווערסיטעט

פּראָפ. הענצעל (עפנטלעכע רעכט), פּראָפ. פּאַנעט (כעמיע), פּראָפ. ריידע־מייסטער (מאַטעמאַטיק), פּראָפ. שניידער (פילאָסאָפיע).

קעניגסבערג — העכסטע האַנדלסשול

פּראָפ. ראָגאָווסקי, פּראָפ. הענזלער, פּראָפ. קירבס, פּראָפ. פיילער.

קעלן

פּראָפ. קעלזען (עפנטלעכע רעכט), פּראָפ. שמאַלענבאַך (פּאָליטישע עקאָנאָ־מיע), פּראָפ. קאָנפּאָסען (מאַטעמאַטיק), פּראָפ בראונפעלס (פילאָסאָפיע), פּראָפ. ליפּס (סאָציאָלאָגיע), פּראָפ. שמיטמאַן (פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אַרעסטירט), פּראָפ. שפּיצער (פילאָסאָפיע), פּראָפ. עש (טראַנספּאָרט), פּראָפ בייער (פּעדאַגאָ־גיק), פּראָפ. האָניקשטיין (סאָציאָלאָגיע).

יענא

פּראָפ. עמיל קליין (מעדיצין), פּראָפ טעאָדאָר מייער־שטיינעג (געשיכטע פון מעדיצין), פּראָפ. האַנס שטימעל (פילאָסאָפיע), פּראָפ. מאַטילדע ווערטינג (פּע־דאַגאָגיק), פּראָפ. דר. פּעטערס (פּסיכאָלאָגיע), פּראָפ. שאַקסעל (זאָאָלאָגיע), פּראָפ. בערטאָלד יאָזעפי (פּאָליטישע עקאָנמיע), פּריוואַט־דאָצענט לעאָ בראונער (באָטאַניק).

ברעסלאו

פּראָפ. מארק (פילאָסאָפיע פון רעכט), פּראָפ. קאָן (יוריספּרודענץ).

באָן

פּראָפ. לעווענשטיין (פּסיכיאַטריע), פּראָפ. קאַנטאָראָוויטש (צאָנקראַנקייטן), פּראָפ. דר. האַנס ראָזענבערג (פילאָסאָפיע).

מאַרבורג

פּראָפ. רעפּקע (מעלוכע־וויסנשאַפטן), פּראָפ. הערמאַן יאַקאָבסאָן (אינדאָ־גערמאַנישע פילאָלאָגיע. נאָכן אַפּלאָזן פון דער שטעל זיך גענומען דאָס לעבן).

ג ע ט י נ ג ע ן

פראָפ. דזשעמס פראנק (עקספּערימענטאַלע פיזיק; באקומען די נאָבעל־פּרעמיע), פראָפ. האָניק (קרימינאַל־רעכט), פראָפ קוראנט (מאטעמאטיק), פראָפ. באָרן (טעאָרעטישע פיזיק), פראָפ. עמי נעטער (פילאָסאָפיע), פראָפ. בערנשטיין (סטאטיסטיק), פראָפ. בראנדי (געשיכטע).

ג ר יי ס וו א ל ד

פראָפ. קלינגמילער (ציוויל־רעכט), פראָפ. ציגלער (קלאסישע פילאָלאָגיע), פראָפ. דר. בראון (פּאָליטישע עקאָנאָמיע. נאָכן אָפּלאָזן פון דער שטעל ארעסטירט).

מ י נ ס ט ע ר

פראָפ. פרייד (יוריספּרודענץ), פראָפ. ברוק (פּאָליטישע עקאָנאָמיע), פראָפ. היילבאָרן (באָטאַניק).

ה יי ד ע ל ב ע ר ג

פראָפ. דר. האנס פאָן עקארדט (זשורנאליסטיק), פראָפ. ראדברוך (קרימינאַל־רעכט), פראָפ. דר. אנשיץ (עפנטלעכע רעכט), פראָפ. אלפרעד וועבער (סאָציאָלאָגיע).

ה א נ אָ וו ע ר

פראָפ. טעאָדאָר לעסינג (פילאָסאָפיע).

ד ר ע ז ד ע ן — ה ע כ ס ט ע ט ע כ נ י ש ע ש ו ל

פראָפ. דר. גאָלדאק (יוריספּרודענץ).

ה א ל ע

פראָפ. ד. דען (טעאָלאָגיע), פראָפ. דר. אָבין (יוריספּרודענץ), פראָפ. פראנקל (קונסט־געשיכטע), פראָפ. קיש (געשיכטע פון רעכט), פראָפ. קיצינגער (קרימינאַל־רעכט), פראָפ. אוטיץ (פסיכאָלאָגיע), פראָפ. הערץ (סאָציאָלאָגיע), פּריוואט־דאָצענט דר. בער (מאטעמאטיק).

ה א מ ב ו ר ג

פראָפ. עדוארד היימאן (יוריספּרודענץ), פראָפ. פאנאָווסקי (קונסט־געשיכטע), פראָפ. וויליאם שטערן, פראָפ. וו. א. בערענדסאָן (ליטעראטור), פראָפ. ריכארד סאלאָמאָן, פראָפ. ערנסט קאסירער (פילאָסאָפיע).

ט י ב י נ ג ע ן

פראָפ. דר. העגלער, פראָפ. ווייזע (קונסט־געשיכטע).

ל י י פ צ י ג

פראָפ. וויטקאָווסקי (ליטעראַטור־געשיכטע), פראָפ. געץ (געשיכטע), פראָפ. אפּעלט (עפנטלעכע רעכט), פראָפ. עוועט (זשורנאַליסטיק), פראָפ. העלמאַן (מע־דיצין), דאָצענט דר. בעקער (פילאָסאָפיע).

ד י ס ע ל ד א ָ ר ף

פראָפ. באָדען, פראָפ. עלינגער, פראָפ. דר. מייער, פריוואַט־דאָצענט דר. ניישטאַט.

ד אָ צ ע נ ט ן פ ו ן פ ע ד א ג א ָ ג י ש ע א ק א ד ע מ י ע ס

פראָפ. דר. אָטאָ האַזע — עלבינג, פראָפ. דר. קאַרל טימע — עלבינג, פראָפ. האַנס האַפּענריכטער — עלבינג, פראָפ. עמיל גאָסאַוו — עלבינג, פראָפ. העלענע ציגערט — עלבינג, דאָצענט יאָהאַנאַ קרעטשמאַן — עלבינג, פראָפ יוליוס פראַנ־קענבערגער — האַלע, פראָפ. דר. עליזאַבעטאַ בלאָכמאַן — האַלע, פראָפ. עמיל פוקס — קיל, פראָפ. ווילהעלם אָפּערמאַן — קיל, דאָצענט דר. פרידריך פאָן קאָ־פּעט — קיל, פראָפ. דר. אי. זיפּעל — דאָרטמונד, דאָצענט דר. האַנס פלוג — דאָרטמונד, פראָפ. דר. קאָנראַד אמעלן — דאָרטמונד, פראָפ. מאַרטין שמידט — פראַנקפורט, פראָפ. דר. מאַריאַנאַ קונצע — פראַנקפורט, דר. פריץ האַשעק — האַלע, פראָפ. אַנאַ דיינעל — האַלע, פראָפ. מאַרטין ראַנג — האַלע, פראָפ. הער־בערט קראַנץ — האַלע, פראָפ. דר. אדאָלף רייכווײַן — האַלע, פראָפ. דר. קאַרל פאָן האָלאַנדער — האַלע, פראָפ. פריץ קאָופמאַן — האַלע, פראָפ. דר. האַנס האָפּ־מאַן — האַלע, פראָפ. דר. הערדאַ סימאָנס — פראַנקפורט, פראָפ. דר. הערמאַן זעמילער — פראַנקפורט, פראָפ. דר. שפּעמאַן — פראַנקפורט, דאָצענט האַנס טירבאַך — פראַנקפורט, דאָצענט בערטאַ קיזער — פראַנקפורט, פראָפ. האַנס ראָ־זענבערג — באָן, פראָפ. דר. יאָהאַנעס ריכטער — לייפּציג.

מ ו ז י ק

אָטאָ קלעמפּערער — הויפּט־דיריזשאָר, ברונאָ וואַלטער — הויפּט־דיריזשאָר, פריץ בוש — הויפּט־דיריזשאָר, פריץ שטידרי, גוסטאַוו ברעכער — הויפּט־דירי־זשאָר, אָסקאַר פריד, אַרנאָלד שענבערג, פראַנץ שרעקער, קורט ווייל, פריץ קריים־לער, ברונאָ אייסנער, האַנס אייסנער, פראָפ. אַרטור שנאַבעל, פראָפ. קאַרל פלעך, פראָפ. דאַניעל — קאָנסערוואַטאָריע בערלין, פראָפ. לעאָניד קרייצער — קאָנסער־וואַטאָריע בערלין, פראָפ. עמאַנויל פייערמאַן — קאָנסערוואַטאָריע בערלין, פראָפ. גערט — קאָנסערוואַטאָריע בערלין, פראָפ. הינעמאַן — קאָנסערוואַטאָריע בערלין.

מ אָ ל ע ר יי

פראָפ. קעטע קאָלוויץ (האָט געמוזט פאַרלאָזן די קונסט־אקאַדעמיע), פראָפ. מאַקס ליבערמאַן, ערן־פּרעזידענט פון דער פּרייסישער קונסט־אקאַדעמיע (דעמי־

סיאָנירט), פּראָפ. אָטאָ דיקס (אָפּגעלאָזט פון דער אקאדעמיע פון אָפּבילד־קונסטן), פּראָפ. קארל האָפער („אָפּגעלאָזט אין אורלויב" פון דער אקאדעמיע פון אָפּבילד־קונסטן), פּראָפ. פּאול קליי („אָפּגעלאָזט אין אורלויב"), פּראָפ. אָסקאר מאָל („אָפּגעלאָזט אין אורלויב"), פּראָפ. געאָרג טאָפּערט — מעלוכישע קונסט־שול, בערלין — שענעבערג, פּראָפ. קורט לאס — מעלוכישע קונסט־שול, בערלין — שענעבערג, פּראָפ. יאָזעף ווינעצקי — מעלוכישע קונסט־שול, בערלין — שענעבערג, פּראָפ. פריץ וויכערט — דירעקטער פון דער שול פון פּראקטישער קונסט אין פראנקפורט.

מוזייען

געהיימראט ווילהעלם וועטצאָלד — הויפּט־דירעקטער פון די מעלוכישע מוזייען אין בערלין, געהיימראט מאקס פרידלענדער — דירעקטער פון קייזער פרידריך־מוזיי אין בערלין, געהיימראט לודוויג יוסטי — דירעקטער פון דער נאציאָנאלער גאלעריע אין בערלין, פּראָפ. געאָרג שווארצענסקי — דירעקטער פון שטעדעל־אינסטיטוט אין פראנקפורט און אסאך אנדערע אָנפירער פון די מוזייען.

אדוואָקאטן

בלויז אין בערלין אליין זיינען אלס אידן אָדער „מארקסיסטן" באזייטיקט געוואָרן פון זייער פּראָפעסיאָנעלער ארבעט העכער 1200 אדוואָקאטן.

פּאָעטן און שרייבער, וואָס זייערע ווערק זיינען פּארבאָטן געוואָרן אין דייטשלאנד און וועלכע האָבן גרעסטנטייל פארלאָזן די גרענעצן פון דייטשלאנד.

טאָמאס מאן, היינריך מאן, ערנסט טאָלער, סטעפאן צווייג, ארנאָלד צווייג, יאקאָב וואסערמאן, ליאָן פייכטוואנגער, קורט טוכאָלסקי, עמיל לודוויג, אלפאָנס גאָלדשמיד, גוסטאוו רעגלער, אָטאָ קאַץ, טעאָדאָר וואָלף, אלפרעד קער, בערט ברעכט, קארל פאָן אָסעצקי (ארעסטירט), העלמוט פאָן גערלאך, אָטאָ־לעמאן רוס־בילד (ארעסטירט), דר. פרידריך וואָלף, אנא זעגערס (באקומען די קלייסט־פּרעמיע), דר. מארטין בובער, דר. יורגען קוטשינסקי, עריך מאריא רעמארק, יאָזעף ראָט, האנס מארכוויצא, אלפרעד דעבלין, ווערנער העגעמאן, ברונאָ פאָן זאלאָמאָן, דר. ערנסט בלאָך, וואלטער מערינג, ארטור האָליטשער, פּראָפ. ע. י. הומבעל, פּראָפ. גראָסמאן, ס. קראקאוער, הערמאן ווענדעל, ק. א. וויטפאָגעל (ארעסטירט), באָטאָ לאַזערשטיין, עגאָן ערווין קיש (ארויסגעשיקט), פ. ווייסקאָפּף, יאָהאנעס ר. בעכער, ברונאָ פריי, פּאול פרידלענדער, היינץ פּאָל, אָטאָ העלער, עריך וויינערט, לודוויג רען (ארעסטירט), דר. הערמאן דונקער (ארעסטירט), בערנארד קעלערמאן, לעאָנארד פראנק, פראנץ ווערפעל, לודוויג פולדא, וויקי באום, אנדריענא טאָמאס, פערדינאנד ברוקנער־טאגער, קארל שטערנהיים, געאָרג קייזער, קארל צוקמייער, געאָרג בערנהארדט, הענריך סימאָן („פראנקפורטער ציימונג"), עריך באראָן (געשטאָרבן אין טפיסע), וואלטער שענשטעדט און אסאך אנדערע פּאָעטן, שרייבער און זשורנאליסטן.

דר. מאגנוס הירשפעלד, פּראָפ. שעלער (באַקטעריאָלאָגיע), ברעסלאוול (באַגאנגען זעלבסטמאָרד נאָכן באפרייט ווערן פון ארעסט), דר. פעליקס בענהיים (ארעסטירט), דר. האַדאן — מיטגליד פון שטאַטראַט און שרייבער (ארעסטירט), דר. פריץ וויים, דר. שמינקע — שטאַט־דאָקטער, דר. פרענקעל, דר. עליזאבעט אשענהיים, דר. קארל באמבערג, דר. געאָרג בעניאמין, דר. באָרינסקי — הויפּט־פאַרוואלטונג פון געזונטפּארהיטונג אין בערלין, דר. קאָן — שטאַט־דאָקטער, דר. קאָן — דאָקטער פון דער הויפּט־פארוואלטונג פון געזונטפּארהיטונג אין בערלין, דר. גוסטאוו עמאנועל, דר. קורט פרידמאן, דר. אלפרעד גאָטהיימער, דר. ראָזא גאָלדע, דר. לעווי — הויפּט־דאָקטער פון דער אלגעמיינער אָרטיקער קראנקנקאסע אין בראונשווייג (ארעסטירט), דר. מאקס לעווי, דר. יוליוס לעווין, דר. רוט לובּינער, דר. ערווין מארקוסען, דר. זעליגמאן — הויפּט־פארוואלטונג פון געזונטפּארהיטונג אין בערלין, דר. יאָזעף סטויענאס (א ליטוואק לויט דער אָפּשטאַמונג) — דירעקטער פון קראנקנהויז בערלין־ליכטענבערג (געווען ארויסגעשיקט), דר. וואָלהעמוט — פּארוואלטונג־מיטגליד פון פאריין פון דאָקטוירים, וועלכע אַרבעטן אין די קראנקנקאסעס אין האמבורג (ארעסטירט), דר. אש — בערלין — דערהארגעט, דר. דינעמאן — קראנקהויז אין וויטענאו, דר. געץ — עלטסטער שפּיטאָל־דאָקטער אין וואולגארטען און העכער 1000 אנדערע דאָקטוירים אידן, וואָס האָבן קיין רעכט ניט זיך צו פאַרנעמען מיט מעדיצינישער טעטיקייט. פון זיי זיינען אסאך ארעסטירט און דערהארגעט.

אינואַים און פּייניקונגען

די דייטשישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז יאָרן־לאַנג געזעסן אויף קעסט בא די אַגראַרע און אינדוסטריעלע מאַגנאַטן, האָט זיך געלערנט צו שפּילן איר ראָלע פֿון היסטאָרישע ביישפּילן. זי האָט ניט דערפֿונדן קיין שום נייעס. זי האָט געלערנט די פֿריערדיקע עפּאָכעס פֿון צעפֿאַלונג, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז זי דאַרף דינען דער אונטערגייענדיקער וועלט.

אונטערציינדן האָט זי זיך געלערנט בא נעראָנען, מאַכן בילבולים אויף אידן און פֿאַרפֿאָלגן זיי האָט זי זיך געלערנט באַם מיטלאַלטער, בלוטיקן טעראָר קעגן די עקספּלואַטירטע — בא לוטערן, דעם טאַליען פֿון די פּויערים, און בא די טאַליאַנים פֿון די סאָציאַליסטן — די איטאַליענישע פֿאַשיסטן.

אין די אָפֿיציעלע דאָקומענטן אירע האָט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פֿאַרלויף פֿון א ריי יאָרן צוגעזאָגט איינצואָרדענען א באַרטאָלאָמיי־נאַכט; אָפֿיציעל האָט די דאָזיקע נאַכט זיך אָנגערופֿן די „נאַכט פֿון די לאַנגע מעסערס". אָט די דאָזיקע נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן פֿון א סריפֿע אין רייכסטאַג און ביז איצט האָט זיך די נאַכט נאָך ניט געענדיקט. צו שטאַרק איז דער ווידערשטאַנד פֿון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און פּויערים. אַרום די פֿאָנען פֿון דער פֿרייהייט האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט צו פֿיל מיליאָנען. די דייטשישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט געמוזט פֿאַרוואַנדלען די באַרטאָלאָמיי־נאַכט אין א באַרטאָלאָמיי־יאָר, אין א יאָר פֿון שפּיץ־רוטנס, וואָס א באַריכט וועגן דעם ערשטן פּערטל פֿון דעם דאָזיקן יאָר גיבן מיר אינעם דאָזיקן בוך.

די פֿריינט פֿון דעם היטלערישן רעזשים כּאַזערן מיט כיישעק איבער די דערקלערונגען פֿון דער רעגירונג, אַז אין דייטשלאַנד הערשט רואיקייט און אָרדענונג. מיט די דאָזיקע האַקכאָשעס פּרוּוועט מען זיך באַרואיקן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד. פֿייערונגען און פֿאַראַדן דאַרפֿן אָפּציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די גרויליקע געשעענישן. פֿיל זיינען ניט אימשטאַנד צו זען, ווי עס שאַפֿן זיך אין דער ווירקלעכקייט די געשעענישן אין דייטשלאַנד. פֿאַרוואָס איז עס אַזוי?

די געציילטע אויסלענדישע טוריסטן, וואָס האָבן נאָך כיישעק צו באַזוכן דייטשלאַנד, אָט דעם דייטשלאַנד, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן אין הענט פֿון טיראַנען, קומען ניט אַריין ניט אין די קאַזאַרמעס פֿון די שטורמאָוויקעס און ניט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַן אָנגעקומענער אויסלענדער קאָן נאָך צופֿעליק ווערן א צושויער פֿון די נאַכטיקע פּייניקונגען, צעשיסונגען „באַם אַנטלויפֿן" און אָרגאַניזירטע האַריגעס פֿון א ווינקל. און אַן אויסלענדישער זשורנאַליסט? צי גייט ניט דורך יעדער טעלעפֿאָן־געשפּרעך זיינער, יעדע טעלעגראַמע זיינע אונטער דער

געאָרגי דימיטראָוו

א גלענצנדער טעאָרעטיקער און קעמפער פון דער בולגארישער ארבעטער־באוועגונג. אין יאָר 1923 האָט אים צאַנקאָווס רעגירונג פארטריבן און פון דעמאָלט אָן וואוינט ער אין עמיגראציע. היטלערס רעגירונג האָט אים ארעסטירט, **כדי** צו שאַפן א פארבינדונג צווישן דעם אַטענטאַט אף אויפ־רייסן דעם סאָפיע קאַטעדראל און דער רייכסטאַג־סריפע.

שטרענגסטער צענזור? צי שפּירט מען דען ניט נאָך נאָך יעדן טראָט זײַנעם? צי דראָט אים ניט טאָג־טעגלעך ארויסגעשיקט צו ווערן?

ווען די צו הויכע שרעקלעכע געשרייען פון די געפּייניקטע רייסן זיך ארויס פון די קעלערן פון די שטורמאָוויקעס קאַזאַרמעס און דערגרייכן ביז די אויערן פון דער באַפעלקערונג, ווען א פּרוי פון א וואָסער־ניט־איז מאַרטירער ברעכט פּלוצים אויס מיט א ביטער געשריי עפּנטלעך אפן גאַס, ווען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אכזאַריעס פאַלט צופעליק אריין אין שוי־פעלד פון הונדערטער מענטשן, דעמאָלט אײַלט מען זיך אין דעם היטלערישן דײַטשלאַנד צו דערקלערן: „דאָס איז דאָך נאָר אַן אויסנאַמס־פאַל".

אָבער דער מיניסטער געריננג האָט אָפיציעל דערקלערט: „אַז מע האָקט דעם וואַלד, פאַלן שפּענער" (עסען, דעם 10־טן מערץ 1933 יאָר), און די מאַסן־פאַרזאַמלונג האָט מיט אַנטציקונג אויפגענומען אָט די דאָזיקע דערקלערונג.

וועגן אָט דער מיניסטערישער דערקלערונג דאַרפן מיר זאָגן:

„די פאַרוואַנדלונג אין שפּענער" איז שוין לאַנג אָרגאַניזירט; די מיטלאַלטערלעכע מעטאָדן, וואָס ווערן איצט אָנגעווענדט דורך די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, זײַנען שוין פון לאַנג אָן פּראָפּאַגאַנדירט און באַארבעט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אָנפירונג.

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער האָבן אפּדאָסניי אויפגעלעבט די מיטלאַלטערישע פּאָגראָמען, די לינטש־געריכטן, lettres de cachet מיט זייערע העפקער־ארעסטן, שייטערהויפנס, שפּיצרוטנס און פּייניקונגען פון דעם ערשטן, צווייטן און דריטן ראַנג. די מיטלאַלטערלעכע מעטאָדן זײַנען אָנגעווענדט געוואָרן עפנטלעך און וויפל זיי האָבן געקאָנט האָבן א פּראָפּאַגאַנדיסטישע ווירקונג. אָבער די פּייניקונג איז פאַרבליבן בעסאָד. אָט די דאָזיקע פּייניקונג האָט מען די דרייסטקייט אָנצואווענדן נאָר אונטערן צודעק פון דער נאַכט־פינצטערניש. ביזן היינטיקן טאָג ווייסן וועגן איר ניט מיליאָנען דײַטשן. אונזער בוך עפנט זיי די אויגן.

נאַכט־טעראָר

די צעיושעטקייט פון געהיימען טעראָר הערשט פון 27־טן פעברואַר אָן פון דעם לויפנדיקן יאָר. „מען רעכנט זיך אָפּ". ארעסטן ווערן געפירט סיסטעמאַטיש, מען פּייניקט מיט א קיוון, מיט א רעכענונג. דער מיניסטער געריננג פּרואווט זיך פאַרלויפן דעם וועג און אריינוואַרפן א צווייפל וועגן די פּייניקונגען, וואָס זײַנען מיט קיין זאַך ניט באַרעכטיקט, און ווייזט אָן, ווי ווייט מען קאָן נאָך גיין: „ביז וואַנען איך האָב ניט געזען קיין קאָמוניסטן, שפּאַצירנדיק מיט אָפּגעשניטענע אויערן און נעזער, איז קיין גרונט ניטאָ צו באַאומרואיקן זיך".

אָט צו וואָס פאַר א גרענעץ מען קאָן דערגיין. עס עקזיסטירט ניט קיין שום היסכייוועס אויפמערקזאַם זיך צוצוקוקן צו די קאָרבאָנעס אָדער קאָנטראָלירן פּינקטלעך די מעסירעס. די שטורעם־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אַזוינע ניט־צווײדײַטיקע אָנווייזונגען פון זייער פּאָליציי־הויפּט, פילן אויס בא די ארעסטן די צאַוואָע פון פראַנצויזישן קאַרדינאַל, וועלכער האָט אין אַן אַנאַלאָגישן פאַל

ערנסט טאָרגלער, פאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פראקציע אין רייכסטאַג

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן באַשולדיקן אים אין אונטער־צינדן דעם רייכסטאג צוזאמען מיט אנדערע. מיטן באַ־וואוסטזיין פון זיין פולשטענדיקער אומשולדיקייט האָט ער אף מאָרגן אינדערפרי נאָך דער רייכסטאַג־סריפע זיך געמאָלדן אין בערלינער פאָליציי־פרעזידיום, קעדיי צו דער קלערן א פראָטעסט קעגן אָט דער ביזזוויליקער באשולדיקונג. מע האָט אים ארעסטירט און דער אויבערפראָקוראָר האָט דער וועקט קעגן אים אַ באַשולדיקונג אין אונטערצינדן דעם רייכסטאַג.

(אין דער צייט פון דער בארטאַלאָמייגאכט, וואָס איז איצט געוואָרן א מוסטער) דערקלערט:

„דערהארגעט זיי אלעמען, און גאָט דער האר וועט שוין אָפּקלייבן די פרומע קריסטן".

טאָג־טעגלעך קומען צו אונז קאָרבאָנעס פון די נאכט־פייניקונגען און ווייזן זייערע נאָך ניט פארהיילטע וואונדן. זיי דערציילן וועגן מאטערנישן, וואָס איז זיי אויסגעקומען אויסצושטיין. זיי דערציילן עס מיט א באזונדערער גרויל פון פארפייניקטע מענטשן, וואָס האָבן ניט נאָר צעבלוטיקטע קערפּערס, נאָר אין זייערע הערצער איז אָנגעצונדן צו די פייניקער א פלאם־פייער פון האס, וואָס וועט קיינמאָל ניט פארלאָשן ווערן.

מיר פּובליקירן דאָ די פּראָטאָקאָלן און די באריכטן, וועלכע מיר האָבן דורכגעקאָנטראָלירט מיט דער גאנצער גענויאיקייט און גרינטלעכקייט.

די פייניקונגס־קאַמערן

פאר אונז ליגט א באריכט, וואו עס איז געבראכט די פּינקטלעכע צאָל קלעפּ פאר פארשידענע „פארברעכנס", פאר אָנגעהערן צו דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פּארטיי ווערט מען באשראָפט מיט דרייסיק קלעפּ, מיט א גומענעם פלעקל איבערן הוילן לייב, פאר געהערן צו דער קאָמוניסטישער פּארטיי קומט פערציק קלעפּ. דאָס איז אין אלגעמיינער כלאל. אויב דער באשטראָפטער פילט אויס פּאָליטישע אָדער פּראָפּארייניזשע פונקציעס, ווערט די שטראָף פארגרעסערט. די באַשטראָפונג הענגט אָפּ אויך דערפון, ווי אזוי עס האלט זיך דער ארעסטירטער.

אן ארבעטער־טוער, בערנשטיין, פון בערלין־נידערשענעווייד, איז ארויפגעוואָרפן געוואָרן אויף דער „קאָבילע" אין א קאזארמע פון די שטורמאָוויקעס און איז באשטראָפט געוואָרן מיט 50 שטעקן־קלעפּ, ווי א קאָמוניסט; נאָכדעם האָט מען אים צוגעגעבן 50 שטעקן־קלעפּ, דערפאר, וואָס ער איז נאָך דערצו א איד.

עס עקזיסטירן אויף אזא אויפן אייניקע שטופעס פון פייניקונגען; די פּראָטאָקאָלן באשטעטיקן עס. מיר וועלן נאָכגיין נאָך די ארעסטירטע, נאָך זייער טרויעריקן וועג.

די פייניקונגען הייבן זיך אָן פון דעם מאָמענט, ווען דער קאָרבן ווערט צוגענומען פון זיין וואוינונג. דער, וועמען עס עפנט די טיר, שטויסט זיך אָן אויף אן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער; די מיטגלידער פון דער פאמיליע דראָט מען, די מעבל צעברעכט מען, די ביבליאָטעקן צעטאָפּטשעט מען, די מעבל צעטאָפּטשעט מען, אָדער מען ווארפט זיי ארויס אויף דער גאס. פאר שרייבער אין די אויגן פארניכטעט מען מאנוסקריפּטן, די מי פון פיל כאדאָשים. בא ארבעטער נעמט מען אָפּ דעם לעצטן באקומענעם ארבעטס־לוין. דאָס אלעס קומט פאר פאר די אויגן פון דער פאמיליע. דערשראָקן קוקן די קינדער, ווי אזוי די אומבאקאנטע יונגעלייט פּאטשן זייער פאָטער איבערן פּאָנים, און ווי אזוי ער שטייט א שוצלאָזער; אלעמען באאומרואיקט די שרעקלעכע זאָרג, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן. די פרוי זעט די גראָבע פּענימער פון די יונגען, וואָס זיינען געקומען ארעסטירן איר מאַן.

זי הייבט אָן צו פאַרשטיין, וואָס עס שטייט פאָר. זי וויל זיך דערווייסן עטוואָס מער. זי ווענדט זיך מיט אַ פראַגע, וואוהין שיקט מען אוועק איר מאַן. נאָר מען לאַכט און מען איזדיעקעוועט זיך איבער איר. דעם אַרעסטירטן שטויסט מען אַרויס פון דירע און מען טרייבט אים אַראָפּ פון די טרעפּ אַפן גאַס צום אויטאָמאָביל. (אַלע האַקכאָשעס, אַז אַזוינע מאַיסים זיינען געטאָן געוואָרן אָן אַ פאַר־אָרדענונג, קאָנען מיר אָפּלייקענען דערמיט, וואָס אין אַלע אונזערע באַריכטן פיגורירט אַזאַ אויטאָמאָביל; אין פאַרלויף פון איינציקע כאָדאָשים האָבן אַלע אָפּטיילונגען פון די שטורמאָוויקעס געהאַט אין זייער רעשוס אויטאָמאָבילן, לויט דעם באַפעל פון דער העכסטער אָנפירונג; די צעטלען פון יענע, וואָס דאַרפן אַרעסטירט ווערן, זיינען פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן, די פאַרגעבונג איז געווען אַ גרויסע און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל זיך איילן).

אַזוי ווי מע האָט געשטרעבט אויסערלעך צו ווירקן, ווי ווייט מעגלעך, לעגאַל און מען האָט מוירע געהאַט פאַר דער עפנטלעכער קריטיק, האָט מען די אַרעסטן איבערגעטראָגן אויף אַזאַ צייט, ווען דער איינוואוינער איז געשלאָפן. אויב די קוואַטיראַנטן פונעם הויז פלעגן זיך אויפכאַפן פונעם שלאָף, פלעגט מען זיך פּרואוון פאַרשטעלן און פאַרמאַסקירן די אָפּעראַציע אַזוי, גלייך ווי עס וואָלט פאָרגעקומען עפּעס נאָרמאַלעס. איינער פון די באַריכטן טיילט מיט, אַז בעאיים איינעם אַן אַרעסט האָט מען דעם אַרעסטירטן אָנגעהויבן צו שלאָגן שוין אויף די טרעפּ. באַלד האָט אָבער דער אַרעסטירטער דערהערט אַ קאָמאַנדע פון דעם אָנפירער פונעם אָפּטיילונג: „אויפמערקזאַם, ניט שלאָגן” די קלעפּ הערן אויף, דער אַרעסטירטער זעט, אַז אינעם הויז קעגנאיבער האָבן זיך מענטשן אויפגעכאַפּט פון שלאָף. באַלד ווי עס האָבן זיך באַוויזן מענטשן, האָט זיך די שטורעם־אָפּטיילונג „דיסציפּלינירט”.

אָט די דאָזיקע פאָרזיכטיקייט האָבן זיי געקענט ברעכן אין זייערע קעלערס. פון דעם מאָמענט, ווען דער אַרעסטירטער פאַלט אַריין אין אַ קאַזאַרמע פון אַ שטורעם־ אָפּטיילונג, ווערט ער אַבסאָלוט אויסערן געזעץ, אַזוי ווי עס האָבן שוין לאַנג צוגעזאָגט די פירער פון די שטורעם־אָפּטיילונגען. דער אַרעסטירטער באַווייזט נאָך ניט צו פאַרשטיין, אויף וויפל ער איז איצט רעכטלאָז, ווי די גומענע פלעקלעך טרייבן אים שוין אין דער הייך אויף די טרעפּ פון דעם פייניקונקס־הויז. פאַר אַ קעמפער איז שטענדיק אַ שאַנדע צו זיין געצוואונגען אַנטלויפן פון אַ געפאַר, אָבער נאָך מער טיף איז די באַליידיקונג, ווען דו פאַלסט אַריין אין אַ הילפסלאָזער אין די הענט פון פיינט, ווען די קלעפּ פון די גומענע פלאָקנס טרייבן דיך פון ווינקל צו ווינקל און דו ווייסט, אַז יעדער פּרואוו פון זעלבסטשוץ וועט באַלד ברענגען דעם טויט.

יעדע מינוט ברענגט אין פייניקונגס־הויז נייע, טיפע וואונדן. אויף יעדן שריט קומט אויס צו באַמערקן, אַז עס איז אַפילע קיין איינער ניטאָ, וועלכער זאָל אַרויסווייזן דעם קלענסטן מיטגעפיל צו דער הילפסלאָזיקייט פון דעם קאָרבן. דעם אַרעסטירטן שלאָגט און טאָפּטשעט מיט די פיס יעדער איינער, ווער עס באַגעגנט אים נאָר אויף די טרעפּ און אין די קאָרידאָרן. פאַכדאָנים זיינען געוואָרן

טאַליאַנים. ריטערישקייט איז זיי ניט באַקאַנט. פון טאָג צו טאָג שטייען זיי בײַ די צימערן, וואו עס גייען די פּייניקונגען פון ערשטן ראַנג און וואַרטן אױף נײַע פּאַרטיעס. די אַרעסטירטע גייען דורך דורך זייער סטרוי, עס סווישטשען די קאַנ־טשיקעס, מען שלאָגט מיט די שטיוול אין הינטן, די גומענע פּלעקלעך דערלאַנגען טעמפּע קלעפּ איבערן קאָפּ.

נאָכדעם עפנט זיך די טיר צו דעם שעף פון די שטורמאָוויקעס. עס הייבט זיך אָן דער „פאַרהער״.

פאַר דעם געהיימען פאַשיסטישן געריכט

באַם טיש זיצט דער פאַשיסטישער ריכטער. דריי שטערנדלעך אַפן אַפּשלאַג פון שטורעם־אוניפאָרם האָבן אים געגעבן די ריכטער־מאַכט איבער אַלע אַרעס־טירטע. אין טיש זײַנען אַרײַנגעשטעקט בלישטשנדע קינזשאַלן, באַגנעטן און העק; לינקס אָדער רעכטס ציטערט אָפּטמאָל אַ פלאַם פון ליכט. דעם אַרעסטירטן שטויסט מען צו צום טיש, האַרט צו אים גייען צו שטורמאָוויקעס. ער פילט זיי אַרום זיך. זיי באַגלייטן זײַנע ענטפערס מיט קלעפּ. אויב ער דערווייזט זײַן אומ־שולדיקייט, שלאָגן זיי אים פון הינטן. יעדע פאַרטיידיקונג ווערט אָן אומזין, עס גייט ניט קיין רייד וועגן עמעס. דער געריכט איז נאָר אַ קאָמעדיע, אַן אויסרייד פאַר נײַע פּייניקונגען.

דער אַרעסטירטער דערוואוסט זיך די פלוצלונג די קוועלן פון דער מעסירע, צוליב וועלכער ער איז אַרײַנגעפאַלן אהער. ער האָפט אָפּצולייקענען די באַשולדי־קונג. מיט אָן אויפגערעגטן טאָן דערציילט ער פאַקטן. אָבער די גומענע פּלעקלעך פאַלן אױף אים אַרויף מיט אַ סווישטשעריי. „ריידן דאַרפסטו נאָר דעמאָלט ווען מען פרעגט בײַ דיר״. מען פאָדערט אַדרעסן. מען דאַרף נײַע קאָרבאָנעס. מע רעכנט אויס, אַז מע וועט האָבן פאָליטישן דערפאָלג, אויב מע וועט קאָנען זאָגן, אַז די פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַראַטן איינער דעם צווייטן. אָבער מען שטויסט זיך אָן אױף איבערגעגעבנקייט. כאַווײרים גיבן קיינעם ניט אַרויס און די צעצאָרנטע סאַדיסטן נעמען זיך ווידער פאַרן מיימעסן. דאָס וואָס טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך ניט אַ וואַקל געטאָן אפילו אונטער די פלאָקנס פון די שטור־מאָוויקעס, איז אַ רומפול זײַטל אין דער געשיכטע פון דער דײַטשישער אַרבע־טער־באַוועגונג. די גאַנצע אַכזאָריעס האָט קיין נוצן ניט געבראַכט; די כאַווײרים האָבן בעסער איינגעפונען אומצוקומען, איידער אַרויסצוגעבן נײַע קאָרבאָנעס די טאַליאָנעם. די פאַשיסטישע געריכטן אין 1933 יאָר האָבן פיזיש געקאָנט פאַר־פּייניקן רעוואָלוציאָנערן, פאַרוואַנדלען זיי אַפן גאַנצן לעבן אין קאַליקעס. אָבער זיי זײַנען ניט געווען בעקויעך צו צעברעכן זייער מוט. זיי האָבן געקענט מאַטערן אַ מענטשן, צעמיימיסן אים ביזן טויט, זיי האָבן געקאָנט דערפירן צו זעלבסט־מאָרד צענדליקער אַרעסטירטע, אָבער זייער געוואַלדיקער אַפּאַראַט האָט זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן אפילו קיין קליינע צאָל פאַראַטן. אָט די דאָזיקע העלדישקייט ווערט אַפן בעסטן אויפן דערוויזן דורך די ווייטערדיקע מאָסמיטלען פון די שטור־

מאָוויקעס: זיי זיינען געווען געצוואונגען צו דערפינדן א צווייטן ראנג פון פייניקונגען.

דער קעלער פון די האריגעס

ערעוו דעם פאַרהער ברענגט מען די ארעסטירטע אין א קעלער. די אומגליקלעכע האַלטן זיך שוין ניט אויף די פיס, עס איז שרעקלעך שווער צו פילן זיך אבסאָלוט איינזאַם, ארומגערינגלט מיט בלויז טאַליאַנים. עס איז שרעקלעך פאַר דעם באַוואוסטזיין, אז אַט די דאָזיקע פייניקונגס־געביידע געפינט זיך אין א היינטצייטיקער גרויסער שטאָט, וואו מיליאָנען מענטשן שלאָפן רואיק אויף זייערע געלעגערס און טראכטן ניט וועגן אַט די דאָזיקע שענדלעכע אקטן, וואָס ווערן אָנגעווענדט נאכט אין נאכט לויט דער פ א ר אָ ר ד ע נ ו נ ג פ ו ן ד ע ר ר ע ג י ר ו נ ג. עס דאכט זיך, אז ס'זיינען ווידער פון קייווער אויפגעשטאַנען די צייטן פון פרידריך דעם פרייסישן. די ארעסטירטע זעען די „קאָבילע", וואָס שטייט שוין וואכנלאַנג אָנגעגרייט אין דער האלב־פינצטערקייט פון קעלער. די לופט פון קעלער איז דורכגעזאַפּט מיט א ריייעך פון בלוט און קאַלטן שוויים און אַט הייבט אָלץ אָן אויסצוואוייזן ווי עפּעס א מין האַלוצינאַציע. דאָס אַלץ קומט פאָר אין יענע טעג, ווען היטלער האַלט זיין ערשטע קאַנצלער־רעדע פאַרן רייכסטאַג אין דער גאַרניזאָנס־קירך אין פּאָסטדאַם בא פרידריכס קייווער. ארום קלינגען די גלעקער פון די קירכעס, הונדערטער טויזנטער מענטשן שטייען אויף די גאַסן, ריידן וועגן דער אויפוואכונג פון דער נאַציע, וועגן איר ווידערגעבורט. דער ארעסטירטער האָט נאָך די דאָזיקע פראַזעס געהערט און דאָ, בא דער „קאָבילע", לעבט ער איבער אָט דעם דאָזיקן אומענטשלעכן, אומגעהויער שרעקלעכן ליגן. דער מעלוכע־אקט אין פּאָסטדאַם ווערט סימבאָליש; דאָרטן בא דעם קייווער פון דעם קיניג האַלט דער „פירער" א רעדע פאַר די גענעראַלן און פאַר די אייניקלעך פון די האָהענצאָלערן. דאָ שלאָגט די שטורם־גוואַרדיע און פייניקט די שוצלאָזע ארבעטער אין די קעלער־טורמעס, פון וואַנען עס דערגייט ניט אפן גאַס קיין איין קלאַנג. אָבער דער סימבאָלישער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס איצט — אין 1933 יאָר — האָט די דייטשישע שטאָל־אינדוסטריע אליין צוגעשטעלט געווער פאַר אירע אָפּריטשניקעס. דעם ארעסטירטן וואַרפט מען אויף דער „קאָבילע" די שטאָלענע שפּיצרוטן לאָזן זיך אראָפּ איבער זיין רוקן.

אויפגערעגט ביז דער העכטער מאַדרייגע, ברענענדיק מיטן גאנצן קערפּער, שטרעבט דער ארעסטירטער צו געבן א ווידערשטאַנד. זיין קאָפּ וויקלט מען ארום מיט א קויטיקער שמאַטע. ער גריזעט מיט די ציינער די שמאַטע. ער פילט עפּעס א פאַרגרינגערונג, ווען דאָס בלוט פון די וואונדן נעמט פלייצן איבער די קליידער, נאָר נייע קלעפּ צערייסן שוין אויף שטיקער דעם לעבעדיקן קערפּער.

די טאַליאַנים שלאָגן זאַלבעפערט, אויף דעם אויפגעדרייטן קערפּער קלעקן קוים אָרט פאַר אָן א צאָל נייע קלעפּ! ענדלעך ווערן זיי איינגעמידט. די קרעכצן פון די צעשלאָגענע קלינגען אין זייערע אויערן ווי מוזיק. לאכנדיק באקוקן זיי אים און איזדיעקעווען זיך איבער אים. דערנאָך פאַרטרייבן זיי דעם קאָרבן אין שכיי-

נעסדיקן קעלער, וואו ער איז שוין ענדלעך ניט איינזאַם. ארום די ווינקלען זיצן אף די ציפּקעס זיינע אומגליקלעכע כאַווײרים; אף שטרוי, אף זעקלעך, און וועלכע מען האָט געהאַלטן קאַרטאָפל, קאָרטשען זיך די שווער פאַרוואונדעטע. אייניקע האַלטן ניט אויס און וויינען. מיט א ווילדן אומזין איז אָנגעפילט די לופט. פון שכיינעסדיקן צימער דערטראָגן זיך געשרייען פון ניי־אָנגעקומענע קאָרבאָנעס.

עמעסע האַלב־מענטשן

די טאַליאַנים איילן זיך ניט... ניט געקוקט אף דער איינגעמידקייט זייערע, קוויקן זיי זיך א געוויסע צייט מיט פּסיכישע פּייניקונגען. זיי סטאַרען זיך צוצוטראַכטן עפּעס אוואָסער־ניט־איז דערנידעריקנדיקע טאַט: דער נייער ארעסטירטער דאַרף זיך אליין אויסטאָן.

זיי כאַזערן איבער די סאַדיסטישע מעטאָדן פון זייערע צעיושעטע לערער.

פאר אונז איז א פאָטער פון א פאַמיליע — אַן ארבעטער, אַן אָרגאַניזאַטער פון א קיך פאר ארבעטסלאָזע. ער דערציילט — זיין שטימע ציטערט באַם דערמאָנען זיך — ווי אין קעלער פון די שטורמאָוויקעס האָט ער זיך געדאַרפט אויסבייגן און אונטערשטעלן א הוילן הינטן אונטער די פינקטלעך אויסגערעכנטע שמיץ פון די שטורמאָוויקעס. די שטורמאָוויקעס האָבן אים געלאָזן שטיין א היפּשע צייט אין אזא מין לאַגע, קלויבנדיק נאַכעס פונעם דאָזיקן בילד. און ערשט נאָכדעם האָבן זיי אים גענומען שלאָגן.

די ארעסטירטע פונעם שכיינערדיקן צימער זעען אלץ, ווייל די טירן זיינען אָפענע. דער נייער ארעסטירטער שפּרינגט אויף באַם ערשטן שמיץ פון דעם שטאָלענעם רוט, אָבער מען צווינגט אים אָנצונעמען זיין פריערדיקע דערנידערנדיקע לאַגע. זיין אויפשפּרינגען ווערט באַשטראָפט. די פּראָצעדור ווערט דורכגעפירט שטרענגער; הויך אָפן קאָל דאַרף ער איצט ציילן די קלעפּ, וואָס עס גיבן אים די שטורמאָוויקעס. דאָס ציילן ווערט אונדייטלעך, צוליב די ווייטיקן גיסט עס זיך צונויף מיט די וויי־געשרייען; די קלעפּ זיינען שטאַרקע, די הויט ווערט צעפּלאַצט פון דעם פינפטן שמיץ, די שטורמאָוויקעס האָבן דערווייל שוין באַוויזן אָפּצורוען.

די צווייטע שטופע גייט שוין איבער אין דער דריטער — צו פּסיכישע פּייניקונגען. דאָס האָבן דערפונדן די שעפן פון די אָפּטיילונגען. דער פּרימיטיווער דאָרשט נאָך נעקאָמע, וועלכער אַנטפּלעקט זיך בא די פּאָשעטע שטורמאָוויקעס אין פּאָשעטע פאָרמען, באַקומט א סאַדיסטישע פאַרקריפּלונג בא די שעפן. אין דער צוקונפט וועט מען קענען פעסטשטעלן, וואָס פאר א ראָלע עס האָט דערביי געשפּילט די פאַרקריפּלטע סעקסועלקייט בא פיל אָנפירער פון די שטורעם־אָפּטיילונגען. דער אָנטייל פון האָמאָסעקסואַליסט גראַף העלדאָרף, דעם איצטיקן פּאָליציי־פּרעזידענט פון פּאָטסדאַם, אין א סך פּייניקונגען — איז א גענוגנדיקער גרונט חושד צו זיין, אז פיל אומגליקלעכע זיינען געוואָרן קאָרבאָנעס פון דער דעמאָראַליזאַציע פון די שטורמאָוויקעס־אָנפירער.

ביז איצטער האָט מען נאָך מוירע געהאַט פאר דער עפנטלעכקייט. א דאָ־

קומענט פון בערלין־קעפעניק טיילט מיט וועגן די פּאַראַנדקעס אין די געביידעס פון שטורמאַוויקעס אין קעפעניק:

„אין דעמוטס בירשענק האָט אין די דאָזיקע פּייניקונגען גענומען אַ באַזונדערן אָנטייל דעם באַלעבאָס זון, אויסער אים האָט זיך אין דעם באַטייליקט דער שטענדיקער אָנפירער פון די אָפּעראַציעס דער שעף פון שטורמאַוויקעס שארזיך הערבערט פון קעפעניק. די ערשטע צייט פלעגט דעם באַלעבאָס זון אוועקלאָזן דעם מאָטאָר פון זיין מאָטאָציקל, קעדיי צו פאַרטויבן די וויגעשרייען. איצט וויקלט מען די פענעמער פון די קאָרבאָנעס איין אין שמאַטעס. די שכיינים האָבן זיך ניט איינמאָל געווענדט צו דער פּאָליציי. די איינוואוינער פון הויז האָבן איבערגעטראָגן זייערע שלאָפצימערס אין אַנדערע כאַדאָרים, וועלכע גייען ניט ארוים צום הויף, קעדיי ניט צו הערן די וויי־געשרייען. אין די פענצטער, וואָס קומען אַרויס צום הויף, האָט מען זיך ניט געקאָנט באַווייזן. אפן הויף שטייט שטענדיק אַ באַוואָפנטער שטורמאַוויק. אונזער לעבן געפינט זיך אויך אין געפאַר, באַזונדערס ווען מען האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, וואָס מיר טראַכטן וועגן דער דאָזיקער אימפּעריע".

די סאַדיסטן זיינען דערפינדעריש

דער אַרעסטירטער ווערט צעמיימיסט, ביז ער פאַרלירט קימאַט דאָס באַוואוסטזיין, און מען וואַרפט אים אַראָפּ פון דער „קאַבילע". די פענעמער פון די שטורמאַוויקעס ווערן שטרענג, דער שעף פון דער אָפּטיילונג גייט צו נענטער און דערקלערט דעם קאָרבן, וואָס איז צעבלוטיקט און שטייט קוים־קוים אויף די פיס, פּאַלגנדיקס: „איצטער וועלן מיר דיך שיסן". דעם אַרעסטירטן, וועלכער הייבט אָן קומען צום באַוואוסטזיין, פירט מען צום וואַנטל, מען קערט אים אום מיטן פּאָנים צו דער וואַנט פונעם קעלער; עס הערשט אַ טויטע שטילקייט, ער הערט הינטער זיך די מאַניפּולאַציעס פון די טאַליאָנים, די שוואַכע קלאַנגען פון די רעוואָלווער־צינגלעך, נאָר קיין שאָס גיט מען דערווייל ניט. דער אַרעסטירטער שטייט אַ געליימטער בא דער וואַנט, ער דערמאָנט זיך אין זיין פאַמיליע, אָן זיינע כאַווירים; צי דאַרף ער פאַראַטן יענע, וועלכע ער קען ניט. צי איז פאַראַן אַ רעטונג? דער צעפּאַסעוועטער רוקן ברענט, די קליידער רייבן די צעריסענע הויט, פון ווייטיק ווערט אים ניט גוט ביז צום כאַלעשן. דער זיכערער טויט הינטער די פּלייצעס מאַכט אים שווידערלעך מוטיק. ער שטייט אַ פאַרגליווערטער. מע שיסט אוים. ער הערט, ווי דער שאָס לויפט דורך פאַרביי, דער שאָס איז פאַר אים קימאַט ווי אַן אויסלייזונג, אָבער ער פילט, אַז די קוילן האָבן אים ניט אָנגערירט. מען דאַרף ניט מיינען, אַז די טאַליאָנים האָבן ניט געוואָלט טרעפן אין אים. ער שטייט, ווי מען האָט באַפוילן: מיט אויסגעקרימטע פיס ווי אַ דוהע. איצט פילט ער, אַז זיי האָבן געשאָסן צווישן די פיס. דער טויט־שאָס קומט אָבער ניט. און פּלוצים פאַלט ער ווי אַן אונטערגעשניטענער אַראָפּ אויף דער ערד. אין דעם פאַרנעפּלטן באַוואוסטזיין הערט ער אַ געלעכטער פון שטורמאַוויעקס. גלייבט! צוויי־

פֿלט ניט אין דער דאָזיקער אומענטשלעכקייט! הונדערטער מיטיילונגען באַשטעטיקן די דאָזיקע פֿאַקטן. פֿון די פֿיל מיטיילונגען ברענגען מיר איינע:

„איך וואוין אין הויז נומער 50 אױף דער אידישער גאַס אין בערלין צ., וואו עס געפֿינט זיך די שטורעם־אָפּטיילונג. דעם 12־טן מערץ זיינען פֿאַרגעזעצט געוואָרן די אַרעסטן, וועגן וועלכע איך האָב געשריבן אין מיין לעצטער מיטיילונג. אַרום 21 אַזייגער, באַלד נאָכדעם, ווי עס איז אהין געבראַכט געוואָרן אַ נייער אַרעסטירטער, האָבן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער פֿון דער קאַנצעלאַריע די שוינדלמן איינוואוינער דערהערט אַ שאָס. איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און גענומען באָאַבאַכטן: באַם פֿענצטער איז אוועקגעשטעלט געוואָרן עפּעס אַ מענטש, מיסטאָמע אַן אַרעסטירטער, אין אַן איינגעבויגענער פּאָזע; באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן שיסערייען, די קוילן האָבן אָפּאָנעם דאָך ניט געטראָפֿן דעם אַרעסטירטן. דאָס איז, ווייזט אויס, געטאָן געוואָרן מיט אַ קיוון. דאָך האָט מען געקאָנט זען, ווי דער אַרעסטירטער איז געפֿאַלן און ווי אייניקע שטורמאָוויקעס האָבן זיך מיט געלעכטער איינגעבויגן איבער אים. מיט אַ באָפֿעלערישן טאָן האָט עמעצער אייניקע מאָל געקאָמאַנדעוועט: „אויפשטיין! אַהיים!“ דער אַרעסטירטער האָט, דאַכט זיך, ניט געהערט די איזדעקעס פֿון דער קאָמאַנדע. פֿון שרעק האָט ער דאָס געהער פֿאַרלאָרן. עס איז קיין וואונדער ניט, ווען דו הערסט, אַז מענטשן גייען אַראָפּ פֿון זינען“.

הונדערטער אַרעסטירטע האָבן עס אַריבערגעטראָגן אױף זיך. מען האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פֿון די אינקוויזיציע־קאַמערס און אַרויסגעוואָרפֿן „אין וואַרט־צימער“ צו די כאַוויירים. אין דער לעצטער סעקונדע, איידער זיי זיינען געפֿאַלן אױף זייערע זעקלעך אין פֿולשטענדיקער אָנמאַכט, האָט מען זיי צוגעזאָגט, אַז שיסן וועט מען זיי מאָרגן. דער ווייטיק האָט זיי געמאַכט גלייכגילטיק צו אַזוינע דראָאונגען; זיי האָבן זיך דערמאָנט אין דעם, ערשט ווען זיי זיינען געקומען צו זיך. קיינער האָט קיין גרונט ניט געהאַט צו צווייפֿלען דערין, אַז די דראָאונגען וועלן אויסגעפֿילט ווערן. אָט אַזוי זיינען זיי געזעסן צווישן קרעכצנדיקע פֿריינט און האָבן געוואַרט אױף זייער לעצטער שאָ. די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע האָט פֿאַר זיי געגרייט „די נאַכט פֿאַר דער קעפּונג“. יעדע מינוט האָט זיך אויסגעוויזן, ווי אַן אייביקייט און האָט זייער שנעל דערנענטערט דעם סאָף. דער פֿרימאָרגן, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דעם פֿינצטערן קעלער, האָט אָנגעזאָגט, אַז אָט שלאָגט שוין די לעצטע שאָ. דער וועכטער, וואָס האָט באַדערנאַכט געשריגן, האָט איראָניש געצויגן אַ ניגנדל, אָנשפּאַרנדיק זיך אױף דעם אושאַק פֿון דער טיר. ער האָט געזונגען דאָס ליד: „מאָרגן־שטערן, מאָרגן־שטערן, לייכט מיר אין דער שאָ פֿון פֿריאיקן טויט“ (דער דאָזיקער דעטאַל איז פֿאַראַן אין איינער אַ מיטיילונג פֿון העדעמאַנשטראַסע). איבערן סופֿיט האָבן אָפּגעהילכט שווערע זעלנערישע טריט, די נאַכט ציט זיך נאָך אַלץ...

מיר לייענען שטענדיק אין די פּראָטאָקאָלן, אַז נאָך אָט די דאָזיקע דראָאונגען פֿלעגן די אַרעסטירטע בלייבן פֿיל טעג אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד פֿון פֿול־

שטענדיקער אומבאַשטימטקייט. זיי הערן ווי בישכּיינעס הייבן זיך ווידער אָן די האַריגעס. די טיר צו זיי עפנט זיך אויף, זיי זעען די פּייניקונגען. פון צייט צו צייט רופט מען זיי אַרויס און מען נעמט זיי ווידער אָפּ אין „פאַרהער".

מע קוויקט זיך מיט שמוץ

די שרעק האָט קוים וואָס ווי פאַרטעמפּט די פילבאַרקייט פון די אַרעסטירטע, אָבער זיי זעען שטענדיק נייע פּייניקונגען. זיי ווילן מער ניט קוקן אַהין, אָבער דער שרעקלעכער ווייגעשריי צווינגט, אַז זיי זאָלן אַ קער טאָן די קעפּ אין יענער זייט. אָט האָט מען געבראַכט אַ נייעם אַרעסטירטן. ווייזט אויס אַן אינטעליגענט, מע קלאַפּט אים איבערן קינבאַק, אַ שטורמאָוויק הייבט אויף אַ פלעשל און גיסט אים ריצנאַייל אין דעם כאָרכלענדיקן האַלז. מיט אַן עקל שטיקט זיך דער אַרעסטירטער. די שטורמאָוויקעס קייכן פאַר געלעכטער. זיי הייבן אָן, דאַכט זיך, צו באַגיין זיך „אָנשטענדיקער". זיי לייגן פאַר דעם אַרעסטירטן, אַז ער זאָל אַראָפּלאָזן די הויזן, זיי „בעטן אים" וועגן דעם. מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן שפּיליעט ער פאַנאַנדער זיין רעקל און דעם פּאַס. די הויזן פאַלן אַראָפּ. דאָס מאָל וואַרפט מען אים ניט גלייך אויף דער „קאָבילע" און מען לאָזט אים שטיין אין פאַרלויף פון אַ פערטל שעה אין אַן איינגעבויגענער פּאָזע מיט אַ הויכן הינטן. די אַרעסטירטע אין דעם שכּיינעסדיקן צימער לעבן פונדאַסניי איבער אָט די זעלביקע דערנידעריקונג. די שטורמאָוויקעס מאַכן זייערע באַמערקונגען. צוליב אַן אַבסאָלוט ניט פאַרשטענדלעכער סיבע וואַרטן זיי. ענדלעך נעמען זיי זיך פאַר די שפּיצרוטנס. די שמיץ סווישטשען, פאַלן אויף דעם אינטעליגענטס מאָגערן קערפּער. ער גלייכט זיך אויס מיט יעדן שמיץ, ער שרייט, מע בייגט אים ווידער איין. מיטאַמאָל הייבט ער אָן צו רעוועון און כאַפּט זיך פאַרן בויך. די שטורמאָוויקעס זעצן פאָר צו שלאָגן. דער הינטן ווערט רויט און אונטער די שמיץ ליידיקט זיך דער מענטש אויס.

די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע אָנפירונג וועט אָפּלייקענען אָט די אַלע פאַרברעכנס, אונזער אַרכיוו וועט אָפּלייקענען זייער ליגן און שעקער. אין אונזער אַרכיוו זיינען פאַראַן ניט נאָר פּראָטאָקאָלן פון שרייבער און אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין אַזעלכע מינים פּייניקונגען, נאָר אויך אַ פּראָטאָקאָל פון אַ זיצונג בײַ די בערלינער שטורמאָוויקעס, וואו דער איצטיקער מיניסטער פאַר פאָלקס-בילדונג דאָקטאָר געבעלס האָט געלערנט און דערקלערט, ווי אַזוי ער וואָלט געטאָן אַלס מיניסטער פון אינערן-איניאָנים קעגן זשורנאַליסטן, וואָס וואָלטן ניט איינגעשטימט מיט זיין מיינונג.

> „דעמאָלט וואָלטן די שוץ-אָפּטיילונגען געדאַרפט אוועקגיין אין די רעדאַקציעס פון די אַנטשפּרעכנדיקע צייטונגען און געבן יעדן רעדאַקטאָר צו ליטער ריצנאַייל".

די שטורמאָוויקעס טוען, ווי מיר זעען, בלויז אין העסקעם מיט די אינסטרוקציעס. דעריבער אַרט זיי אַבסאָלוט ניט פאַר אָט די אונגליקלעכע קאָרבאָנעס.

דער „רויטער קרייץ״ אין די קעלערן פון די שטורמאָוויקעס

נאָך די פּייניקונגען און האַריגעס וואַלגערן זיך די אַרעסטירטע אפן ברוק פון די קעלערס, אָן הילף, אָן א רעפּוע, אָן א טרייסט. די קרעכצן פון די שווער־פאַר־וואונדעטע, דאָס געוויין פון די פאַרפּייניקטע רויבט בא זיי אוועק דעם שלאָף. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דאָקטוירים זיינען, דעריקער, נאָר בא די פּייניקונגען; זיי דאַרפן ניט העלפן, זיי דאַרפן נאָר פעסטשטעלן — צי איז דער אַרעסטירטער אימשטאַנד איבערצוטראָגן נאָך נייע פּייניקונגען. דאָס זיינען עמעסע אינקוויזיציע־דאָקטוירים, וואָס זיינען אונז באַקאַנט פון די אַמאָליקע אינקוויזיציע־קאַמערעס. די פּייניקונגען שטעלט מען אָפּ נאָר דאַן, ווען עס איז פאַראַן א געפאַר פאַרן לעבן.

אַלע באַריכטן באַשטעטיקן, אַז רעפּועס גיט מען נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט מוירע, אַז דער קאָרבן זאָל ניט שטאַרבן. איינשפּריצונגען ווערן געמאַכט נאָר אין דער לעצטער מינוט. מען שיקט אוועק אין שפּיטאָל נאָר דעמאָלט, ווען דער ספּעציאַליסט פאַרזיכערט, אַז מען מעג זיך ריכטן אפן טויט.

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע סאַניטאַרן אַרבעטן אויך אף אַזאַ אויפן: מע פאַרבאַנדאַזשירט די וואונדן אַזוי, אַז מען נעמט ניט אין אַכט, צי דער כווילע קען זיך אָנשטעקן מיט א געפערלעכער קרענק; די עמעסע שטימונג פון די דאָזיקע „הילפס־קאַמאַנדעס״ האָט דערוויזן יענע אַכזאָריעס, מיט וועלכע מע פלעגט פאַרציען די מאַרליע און אוועקלייגן א פּלאַסטער אף וואונדן. אָן כיישעק שלעפּט מען דעם שווער פאַרוואונדעטן אין די קלאָזעטן. אָפּטמאָל טרעפט, אַז עמעצן פון זיי נעמט אָן א שוידער, צוקוקנדיק, ווי אַזוי מע באַגייט זיך דאָ מיט מענטשן. איינמאָל נאָר האָבן מיר דורכגעלייענט צווישן די פּראָטאָקאָלן, אַז דער סאַניטאַר האָט פון זיין פלעשל בראָנפן געגעבן אַ טרונק טאָן א צעשלאָגענעם, וואָס איז געפאַלן אין כאַלאָשעס. דאָס האָט זיך געטראָפן נאָר איינמאָל, אָבער הונדערט מאָל שטייט אָט דער פאַרגליווערטער מענטש אַבסאָלוט גלייכגילטיק פאַר אַזאַ אומגעהייערן מענטשלעכן צאַר. מען האָט אינערגעץ ניט געגעבן קיין וואַסער אַפילע אף איינצואוואַשן זיך, אָפּטער פון אַלץ פלעגט מען זיך נאָך איזדיעקעווען.

שיקערע מערדער

די אַרעסטירטע ליגן אין שמוץ און אין איפּעש. די סאַמע שוואַכסטע טוען אָפּ זייערע נאַטירלעכע באַדערפעונישן אונטער זיך, דער ווייטיק שוואַכט אָפּ די איינהאַלטונג־צענטרען. די פאַרפּעסטעטע לופט ווערט אַלץ שווערער. פאַרנאַכט טראָגט זיך פונדערווייטנס די ריטשעריי פון די טאַליאָנים. זיי פייערן זייער „רעוואָלוציע״, קויכעס קלייבן זיי אָן מיט דער הילף פון געשאָנקענעם ביר. אין דער טיפער נאַכט קומען זיי שיקערע צו די אומגליקלעכע און מאַכן נייע „פאַרהערן״.

איינער אַן אַרעסטירטער, וואָס זיין פרוי איז דרייסט נאָכגעגאַנגען נאָך אים

צו אים צוגעשיקט, ווען ער איז געלעגן טויט קראנק אפן דיל. דער שפּיק האָט זיך געדארפט דערשלאָגן, אז דער ארעסטירטער זאָל זיך מוידע זיין. דער ארעס־טירטער האָט זיך דרייסט קעגנגעשטעלט דעם שאַנטאַזשיסט. קעדיי אָפּצופּאַר־טיקן זיך לייכטער מיט זיין שווערער אויפגאבע, האָט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליס־טישער שפּיק נישקאָשעדיק א זשליאָקע געטאָן.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו מיר, פון אים האָט שטאַרק אָפּגעגעבן מיט אלקאָהאָל.

— וואָס ווילסטו, אויסוואורף, דו ווילסט, אז צוליב דיר זאָל אונטער־גיין דער רום פון דייטשלאַנד, שטינקער איינער! מיר וועלן באלד מאכן א סאָף פון דיר.

ער האָט ארויסגענומען א רעוואָלווער. איך בין געלעגן שווייגנדיק, אָן באוועגונג.

— דער לעבן געפעלט אייך ניט, וואָס? איר ווילט נאָך פארשאפן נאָך מער ליידן אייער פרוי!

ער האָט לאנג גערעדט, נאָכדעם האָט ער פּלוצים געענדערט זיין טאָן.

— און דאָס לעבן איז דאָך אזוי שיין. איך האָב ליב סלאוון, א טייער, אָן אָנגענעם פאָלק. איך בין געווען אף אוקראינע. זאָגט, ענדלעך, אז איר זייט א שפּיאָן פון טשעקא! איך קאָן אויך פיל בולגארן, איר מוזט ענטפערן ניט מיר , נאָר אנדערע, וועלכע עס וועלן אייך שטעלן פראגן!".

דער שפּיק האלט זיך קוים אף די פיס, זיינע רייד פארפּלאָנטערן זיך אינ־גאנצן, ער הייבט זיך אָן צו צאפּלען, ער שלאָגט מיטן פוס דעם שווער־פאר־וואונדעטן און שרייט:

— דאָס רעדט מיט אייך ניט עפּעס אבי ווער, נאָר א באפולמעכטיק־טער פון דער רעגירונג, א קאָמיסאר פון מיליטער־איניאָנים.

(גענומען פון דעם פּראָטאָקאָל פון בולגארישן דאָקטער אנגעלוטשעוו; דער פּראָטאָקאָל איז דעפּאָנירט באַם נאָטאריוס אין פאריז, 15־טן מאי 1933 יאָר).

אָפּטמאָל, גיט דער קאָרבן גופא אלקאָהאָל אלס מאַטאָנע. מיר גיבן דאָ איבער א מיטיילונג פון איינעם א כאוועה, וואָס איז אנטלאָפן אין אויסלאנד. די מיטיילונג איז וועגן א קאזארמע אף הערדערמאנשטראסע.

„דער ארעסטירטער האָט אינאָוונט געהערט, אז א צווייטער ארעסטיר־טער, א איד, וועלכער האָט בא זיך געהאט געלט, האָט זיך געפּרואווט פאר־גרינגערן זיין גורל מיט דעם, וואָס ער האָט געשענקט די טאַליאָנים אף בראָנפן. אים, דעם ארעסטירטן, האָט מען אויך צוגעצויגן צום שיקערן. ער האָט, ווייזט אויס, געמיינט, אז דאָס ערגסטע איז שוין אוועק. די ארעס־טירטע הערן א גאנצע נאכט א טומל, שיקערע אויסגעשרייען. אינדערפרי גייט אריין אין קעלער א שטורמאָוויק, ער דארף פארבייטן דעם קאראול־נעם. ער איז נאָך שיקער, וויגט זיך און דערציילט מיט אָן אָפּגענומענעם

שיקערט, אַז סאָפּקאָלסאָף האָבן מיר וואָלפסאָנען אָפּגעלייגט אַף קאַלט. ער האָט זיך געמעגט אַף דעם ריכטן, דער פּאַכדאָנישער כאַזער״.

באַ היינטיקן טאָג קאָן מען ניט דורכקאָנטראָלירן, צי איז דער דאָזיקער מאָרד ווירקלעך פֿאָרגעקומען. די שווער־פּאַרוואונדעטע און אַרעסטירטע קאָנען דערוואַרטן פֿון זייערע שיקערע טפּיסע־אויפֿזעער קאָלעראַליי אַקטן פֿון גוואַלדטאַט און קאָלעראַליי מינע פּייניקונגען. צו די קלעפּ פֿון די גראָבע יונגען קומען נאָך צו צינישע איזדעקעס, וועלכע זיינען ניט אומעטום גלייך, אָפּהענגיק פֿון דער שטימונג פֿון דעם, וואָס קאָמאַנדעוועט מיט די שטורמאָוויקעס.

פּסיכישע פּייניקונגען

פֿאַר די געליטענע איז ביז איצט געבליבן די לעצטע טרייסט: „מע פּלעגט נעמען״ זיי אַליין, די פֿאַמיליע פּלעגט זיך געפֿינען אונטער אַ דראָונג נאָר אין פֿאַרלויף פֿון די ווייניקע מינוטן פֿון דעם אַרעסט. ביסלעכווייז ווערט אויך פֿאַרלאָרן אָט די דאָזיקע זיכערקייט; מען דאַרף פֿאַרשטיין, אַז פֿון דעם שטורעם־אָטריאַד זיינען ניט באַשיצט אויך די קרויווים. די אַרעסטירטע פֿרעגן, זיי ווילן באַקומען כאָטש אוואָסער־ניט־איז יעדיע וועגן זייער פֿאַמיליע. זיי ווייסן, אַז פֿונעם טאָג פֿונעם אַרעסט איז זייער פֿאַמיליע געבליבן אָן ברויט. דער לעצטער אַרבעט־לוין איז בעאייסן אַרעסט אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די שטורמאָוויקעס. זיי זעען זייערע קינדער וויינענדיק לעבן דער פֿאַרצווייפֿלטער מוטער. זיי האָבן מוירע, אַז די באַזאָרגונג־אָפּטיילונגען וועלן אָפּזאָגן זייערע ווייבער פֿון שטיצע (דאָס האָט טאַקע ניט איין מאָל פּאַסירט). זיי כאַזערן איבער זייער פֿראַגע צו די קאַראַולנע. „וועגן אייערע פֿרויען, — ענטפֿערט מען אַזוינע מענטשן ,וועלכע קאָנען נאָך אין זייער שרעקלעכער לאַגע טראַכטן וועגן זייערע נאָענטע, — וועגן אייערע פֿרויען האָבן מיר זיך גוט געזאָרגט; אין ניין כאָדאָשים אַרום קאָנט איר געפֿינען באַ זיך אין דער היים כוואַטסקע היטלערישע יונגען״. די „ערן־גוואַרדיע פֿון היטלערן״ באַרימט זיך דערמיט, וואָס זי פֿאַרגוואַלטיקט פֿרויען. אין דעם פֿאַל גייט אַ רייד וועגן דער קאַזאַרמע פֿון די שטורמאָוויקעס אַף פּאַפּעשטראַסע אין בערלין. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אונזער אויספֿאָרשונג איז אַבסאָלוט קיין בילעק ניט, צי דער שטורמאָוויק האָט געזאָגט עמעס, אָדער ער האָט נאָר געוואָלט אַריינברענגען די אַרעסטירטע אין פֿאַרצווייפֿלונג.

זיי זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל״

רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער לאָזן זיך ניט פּראָוואָצירן פֿון טאַליאָנים. זיי האָבן זיך ניט אַ וואַקל געטאָן אַף קיין איין מינוט. וועגן זייער פֿעסטקייט קאָן מען אורטיילן לויט דער פֿילאַרטיקייט פֿון די פֿיל ניי־דערפֿונדענע פּייניקונגען. די ברוינע אָטריאַדן האָבן געדאַרפֿט דערפֿינדן הונדערטער נייע לײַדן, קעדיי צו ברעכן די אויסגעהאַלטנקייט פֿון די אַרעסטירטע. זיי האָבן געקאָנט צעמיימעסן זיי פֿיזיש, דערפֿירן דורך וואָכנלאַנגער פּייניקונג די שוצלאָזע מענטשן צו דערנידערונג, געקאָנט דערשיטערן זיי די נערוון, אָבער שטענדיק איז פֿאַר זיי גע־

שטאַנען אַ נייער מענטש, וואָס האָט זיי געצוואונגען אָנצואווענדן נייע פּייניקונ־גען. אויב זיי האָבן געפּייערט זייער ניצאָכן דערמיט, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געלייענט „פּאָטער אונזערער", וואָס אידן האָבן זיך אַליין אָנגערופן „כאַזיירים", קאָנסטאַטירן מיר דאָ, אַז די קאָרבאָנעס פלעגן געצוואונגען ווערן דערצו דורך קלעפּ, דורכן עלעקטרישן דראָט. די שטאָלענע ריטער און די לעדערנע פּאָרטור־פּייעס האָבן געדאַרפט גלאָזן ווערן אין גאַנג, קעדיי די שווער פאַרוואונדעטע זאָלן אויסשרייען „זאָל לעבן היטלער!"

מיט אַנגעצונדענע פּאַפּיראָסן איז אויסגעקומען צו ברענען די הוילע פּיאַטעס, קעדיי צו דערהערן פון צעקאַליעטשעטע מיילער דעם הימן פון האָרסט וועסעל.

אָבער ס'זיינען געווען אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען שווייגנדיק פאַר זייערע פּייניקער, ווען יענע האָבן געפאָדערט, אַז זיי זאָלן זינגען דעם „אינטער־נאַציאָנאַל" (אַ באַריכט פון העסען דערציילט וועגן אָט דעם העראָאישן עפּיזאָד). די אַרבעטער דערמאָנען זיך דערביי וועגן הונדערטער פאַרזאַמלונגען, וואו זיי האָבן אינאיינעם מיט די קינדער געזונגען דעם הימן פון באַפרייאונג פון גאָר דער וועלט, דעם הימן פון דער ערשטער אין דער וועלט פּראָלעטאַרישער מעלוכע, זייער הייליקן הימן. אַרומגערינגלט מיט צענדליקער טויזנטער, האָבן זיי אים נאָך געזונגען אין יאַנואַר 1933 יאָר, גייענדיק מיט די כאַווירים אַקסל צו אַקסל. זיי וועלן בעסער שטאַרבן אָבער זיי וועלן אים ניט זינגען פאַר די טאַליאָנים. מע צעהאַרגעט זיי מיט גומענע פלעקלעך. אין קאַמער וואַרפט מען די גאַנצע צייט אַריין אַלץ נייע קאָמאַנדעס און מע שלאָגט זיי. עס שפּריצט בלוט פון מויל און פון די שלייפן. זייערע אויגן ברענען מיט אַ פיבער־פייער, זיי האַלטן זיך נאָך פאַר די הענט, אָבער זיי זינגען ניט. קלעפּ שיטן זיך ווי האָגל. מענטשן צאַפּלען זיך און אָט פאַלן זיי גלייכצייטיק אַף דער ערד. מיט אַ הויכן געלעכטער טרעטן אָפּ פון זיי צום וואַנט זייערע אינקוויזיטאָרן.

אָבער די שטילקייט ווערט פאַרגעזעצט נאָר איין מינוט. מיטאַמאָל רייסט זיך פון דעם גאַנצן האַמוין אַרעסטירטע אַרויס אַ געזאַנג פון ציטערנדיקע שטימען.

זיי זינגען דעמאָלט, ווען יענע מיינען, אַז זיי האָבן זיך דערשלאָגן אַ בי־ליקן אַכזאָריעסדיקן ניצאָכן. ליגנדיק אַף דער ערד, צעמיימעסטע און פאַרבלו־טיקטע, אָבער ניט קיין איינגעבראָכענע, זינגען זיי דאָס, וואָס קיין מאַכט אַף דער וועלט איז ניט אימשטאַנד צו דערהאַרגענען, זיי זינגען: „שטייט אויף, איר אַלע ווער ווי שקלאַפן אין הונגער לעבן מוז אין נויט!" די שטורמאָוויקעס שטייען אַ מינוט פאַרגליווערטע, נאָך דעם שפּרינגען זיי אונטער און מיימעסן די זינגענ־דיקע, ביז וואַנען זיי ווערן שטיל, פאַרלירנדיק זייער באַוואוסטזיין. אָבער דאָס ליד קלינגט אין דער לופט, פּילט אָן דעם רוים, דרינגט דורך די ווענט פון דער אינקוויזיציע־קאַמער, עס איז העכער פון דעם סווישטש פון די שפּיץ־רוטנס.

טעראָר פון רעכילעס

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן געקאָנט אָנווענדן פּייניקונגען בלויז נאָך דעם ווען זיי האָבן געשאַפן אַן אַטמאָספער פון פאַרדאַכט, וואָס האָט קלוימערשט גע־

קאָנט דינען פאַר א באַרעכטיקונג אף אָנצואווענדן פייניקונגען. אין מיטלאַלטער האָט מען ספּעקולירט אף דעם גלייבן אין מעכאַשייפעס, אף די פּרימיטיווע פאָר־שטעלונגען פון די נאַרישע גאָט־דינער, וועלכע האָבן אין יעדן געלערנטן געזען א פאַנען־טרעגער פון דעם טייוול, אין יעדן אַפּטייקער — א באַנאַכטיקן אָפּ־שפּרעכער פון אונטערערדישע רוכעס.

1. „נאָוועמבער־פאַרברעכער"

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָנפירונג האָט אין פאַרלויף פון א ריי יאָרן באוואוסטזיניק געזאָגט ליגן, באַהויפּטנדיק, אז דער אויסגאַנג פון דער מילכאָמע איז געווען א זאַך פון עטלעכע פאַרברעכער — „נאָוועמבער־פאַרברעכער" אף דער שפּראַך פון די פאַשיסטן. זי האָט שטענדיק איבערגעכאַזערט דעם דאָזיקן ליגן, אזוי, אז בא מיליאָנען אָפּגענאַרטע איז אויפגעקומען אַן איבערצייגונג, אז די מאַפּאָ־לע פון דייטשלאַנד ווערט אין דער ווירקלעכקייט דאַטירט מיטן נאָוועמבער 1918.

דער מיניסטער גערינג באַהויפּטעט ביזן היינטיקן טאָג, אז דער סאַמע שענד־לעכסטער מאָמענט אין זיין לעבן איז נאָוועמבער 1918 יאָר, ווען מען האָט אראָפּ־געריסן די עפּאָלעטן בא די קייזערלעכע אָפיצירן. דער רייכסקאַנצלער היטלער האָט אין זיין לעבן געוויינט איין איינציק מאָל און געוויינט האָט ער אויך נאָך די עפּאָלעטן. ער קען נאָך ביז היינט ניט מויכל זיין די מאַטראָסן פון 1918, פאַר זייער אָנפאַלן אף די אָפיצירן; דער רייכסקאַנצלער גרויסט זיך נאָך בא היינטיקן טאָג, וואָס ער איז געווען בא זיי א געפרייטער.

אָט די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע איז דורכגעדרונגען מיט איין אָנפירנדיקן גע־דאַנק: שולדיק זיינען די „נאָוועמבער־פאַרברעכער". דער אינהאַלט פון דער גאַנ־צער פּראָפּאַגאַנדע איז דעריבער דער זעלביקער: אין אַלץ זיינען שולדיק די „נאָ־וועמבער־פאַרברעכער". היטלער אנערקענט, אז אין זיין פּראָפּאַגאַנדע שפּעקולירט ער אפן גרינגן צוטרוי פון די פּאָליטיש ניט אַנטוויקלטע מאַסן. ער האַלט די עמפּינדלעכקייט פון די מאַסן פאַר באַגרענעצט, זייער וועלט־קוק פאַר א שמאָלן. אין דער זעלביקער צייט ווערט די פאַרגאַנגענהייט גרינג אָפּגעמעקט פון זיקאָרן.

צו דער פּראָפּאַגאַנדע פון היטלערן קאָן מען צופּאַסן יענע ווערטער זיינע, וועלכע ער האָט געווידמעט דער אַנטאַנט אין דער צייט פון דער וועלט־מילכאָמע. און די היטלערישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט זיך לעכאַטכילע „אויסגעדרוכט פאַר אַן אומזין לויט דער פרעכקייט פון אירע באַהויפּטונגען, איז שפּעטער געוואָרן אן אומ־אָננעמעמע און ענדלעך האָט מען איר גענומען גלויבן" („מיין קאַמף", זייט 203).

אָבער די רעזולטאַטן זעען מיר אין דעם טייל פון דעם בוך, וואו עס געפינען זיך די אילוסטראַציעס. די שטורמאָוויקעס גייען מיט טאַטשקעס צו די קוואַרטירן פון „נאָוועמבער־פאַרברעכער" און פירן די דאָזיקע מענטשן ארום דורך די רייען פון דעם אף גיך אָנגעטריבענעם צעיושעטן האַמוין. די נעקאָמע פון די שטורמאָוויקעס שאַנעוועט אפילע ניט די רו פון די מייסים. מען צערואינירט די קוואָרים פון די אויפשטענדלער־מאַטראָסן רייכפּיטש און קעבעס, מען צעברעכט די דענקמעלער

אױף זײערע קוואַרים. די „נאָוועמבער־פאַרברעכער" האָבן קײן קוואָרים ניט פאַר־דינט.

2. סאָוועטן־רוסלאַנד

ניט דער טויט און ניט די גרענעצן פון דײטשלאַנד דינען אַלס אַ גרענעץ פאַר רעכילעס.

קוים האָט נאָר היטלער באַוויזן צו קומען צו דער מאַכט, ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע אָנפאַלן אױף די סאָוועטישע בירגער.

דער סאָוועטישער בירגער שאיאג (בערלין, גרײפוואַלדערשטראַסע, 2־) איז צעמיימעסט געוואָרן אין זײן וואַרשטאַט. ווען ער האָט זיך געקלאָגט, האָט מען אים אַוועקגעשלעפּט אין די קאַזאַרמעס פון די שטורמאָוויקעס. דאָ האָט מען אים צעמיימעסט ביז בלוט און אַרויסגעשלײדערט אױפן גאַס. די שטורמאָוויקעס רײסן זיך אַרײן אין דער האַמבורגער אָפּטײלונג פון דער האַנדלס־פאַרשטײערשאַפט פון ס.ס.ס.ר. און צעראַבירן זי.

עס ווערט פאַרמאַכט די געזעלשאַפט „פרײנט פון נײעם רוסלאַנד", אין וועל־כער עס גײען אַרײן גראַף אַרקאָ, קאַרדאָרף און פיל אַנדערע אָנגעזעענע פּערזאָ־נען פון דער בורזשואַזיע. דער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט עריך באַראָן ווערט אַרײנגעוואָרפן אין טפיסע און ווערט דערפירט ביז זעלבסטמאָרד.

פון 10־טן מערץ אָן גיבן איבער אַלע דײטשישע ראַדיאָ־סטאַנציעס די פּיע־סע „האָרסט וועסעל", אין וועלכער עס ווערט איבערגעכאַזערט דער היטלערישער ליגן וועגן ס.ס.ס.ר: אַז אין רוסלאַנד זײנען קלוימערשט פון 1917 יאָר דערהאַרגעט געוואָרן 2 מיליאָן מאַן. די סאָוועטן זײנען קלוימערשט די פאַרשטײער פון ליגן, אַפּנאַרערײ, גנײווע, פּאָגראָמען, רויבערײ. קײן אײן פּיפּס ניט וועגן דעם, אַז דער צווישן־פעלקערלעכער נאַפט־קאַפּיטאַל האָט צוגערײט און אַרויסגערופן יענע שרעקלעכע אינטערווענץ־מילכאָמעס און אַז די קאָרבאָנעס דאַרפן אינגאַנצן פאַר־רעכנט ווערן אױפן כעשבן פון די גענעראַלן פון דער אינטערווענץ. קײן אײן וואָרט ניט וועגן דעם העראָישן קאַמף פון די אַרבעטער און פּויערים פאַר באַשיצן זײער פרײהײט. קײן אײן וואָרט ניט וועגן די שרעקלעכע אַכזאָריעס פון די ווײס־גוואַר־דײאישע קאָמאַנדירן אין די פאַרכאַפּטע שטעט און דערפער. רעכילעס דינט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אַלס אַ מיטל צו אָנפאַלן אױף די קאָמוניסטן, אױף צו פאַר־פאָלגן די דײטשישע אַרבעטער און אינטעליגענטן.

3. „אַ יערושע־סוינע"

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער ציען אָפּ די אױפמערקזאַמקײט פון זײערע שענדלעכע מאַיסים דערמיט, וואָס זײ פאַרנעמען זיך מיט רעכילעס אױף דעם מאַירעוו־שאָכן פון דײטשלאַנד. זײ האָבן שוין זײערע ערשטע רעזולטאַטן. אין דער „דריטער אימפּעריע" פאַלט מען אָן אױף פראַנצויזן אַפילע אין דער צײט פון שאָלעם. פראַנקרײך פאַרבלײבט פאַר היטלערן אַ יערושע־סוינע: אַ „מאַפּל"־נאַציע, וועלכע וואַרט אױף דעם אומקום פון דײטשלאַנד. די סינע צו פראַנקרײך

פלאַקערט מען פאַנאַנדער. דער יוגנט שטאָפּט מען אָן די מוֹיכעס מיטן געדאַנק וועגן רעוואַנש. וועגן די רעזולטאַטן פון דער העצע דערציילט אַ בריוו פון איינעם אַ פראַנצויזישן אַרבעטערס אַ פרוי. דער דאָזיקער פראַנצויזישער אַרבעטער האָט געקראָגן אַרבעט אין דיסעלדאָרף. ענדע מערץ זיינען אָף אים אָנגעפאַלן די שטורמאָוויקעס. די פרוי האָט זיך געווענדט נאָך הילף צו דעם פראַנצויזישן קאָנסול.

„איך, די פרוי פון פריץ בלאַנק, וואָס וואוינט אין זאָלינגען וואַלד, אָף דער הויפּט־גאַס, הויז נומער 265—א, דערלויב זיך צו ווענדן צו אייך וועגן זייער אַן ערנסטן איניען: מיין מאַן איז אַרעסטירט געוואָרן פון אַן אָטריאַד שטורמאָוויקעס נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן דעם 31־טן מערץ, 2 אַזייגער באַטאָג, אין אונזער גאָרטן. מע האָט אים געבראַכט אין אַ קאַזאַרמע פון די שטורמאָוויקעס. דאָ איז ער, ניט ווייסנדיק, וואָס פאַר אַ שולד ער האָט אָף זיך, אַכזאָריעסדיק צעמיימעסט געוואָרן אַזוי, אַז ס'איז שווער צו פאָרשטעלן זיך, אַז מענטשן זאָלן אַזוינס טאָן. מע האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּאָנים און צעבראָכן זיינעברילן אָף פּיצינקע שטיקלעך. זאַלבאַזעקסט האָבן זיי אים אַ וואָרף געטאָן אָף דער ערד. איינער האָט אים געגעבן אַ געפערלעכן קלאַפּ אין אונטערשטן טייל בויך, דער צווייטער האָט צוגעשטעלט צו זיין ברוסט אַ רעוואָלווער און האָט געשריען: „פאַרטיידיק זיך, פראַנצויזישער הונט”. נאָך דעם האָט ער באַקומען פון הינטן אַ שווערן קלאַפּ מיט אַ האַרטער זאַך איבערן קאָפּ און האָט פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין. ער געדענקט נאָך, אַז מע האָט אים געשפּריצט וואַסער אין פּאָנים, דערביי האָט מען זיך איבער אים איזדעקעוועט. ער איז לאַנג געלעגן אין אַ גרויסער לוזשע בלוט און האָט געקאָנט אַזוי אויסגיין. נאָך דעם איז אַרויסגערופן געוואָרן אַ דאָקטער, אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט פון זאָלינגען. דער דאָקטער האָט פאַראָרדנט אַוועקפירן אים אין שפּיטאָל. ווען מען האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל, האָבן די כעוורע דערקלערט, אַז מע האָט אים קלוימערשט געפונען אין אַזאַ צושטאַנד. זיין אָנצוג האָט אויסגעזען ווי פון אַ שעכט־הויז. ער געפינט זיך איצט אין אונזער קוואַרטיר און מ'קאָן קוימען אים באַטראַכטן. איך קאָן ניט באַשרייבן אין אַלע דעטאַלן, ווי אַזוי עס זעט אויס מיין מאַן. די ערשטע נאַכט, ווען מע האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל, האָבן די מיטאַרבעטער געמיינט, אַז ער איז געשטאָרבן. מע האָט מיך אַהין אַרויסגערופן אינאָוונט דורכן טעלעפאָן. מיר האָבן צוויי קינדער: איינער — זעקס יאָר און דער צווייטער — זיבן וואָכן. צוליב די דאָזיקע איבערלעבונגען האָב איך פאַרלאָרן די מילד”.

היינט איז געפאַלן אַלס קאָרבן פון די שטורמאָוויקעס אַ פראַנצויזישער אַרבעטער אין דיסעלדאָרף, אַ סאָוועטישער בירגער אין בערלין, אַ טשעכישער שרייבער. — ווער וועט גיין מאָרגן פאַר אַ קאָרבן?

4. באָבעמאַיסעס וועגן שוידערלעכקייטן

דער טעראָר פון די רעכילעס שטאַמען ניט נאָר פון דעם „פירער”. אין פאַר־

לויף פון פיל יאָרן האָבן טויזנטער אגיטאטאָרן געפּרואווט איבערשטייגן היטלערן אין הינזיכט פון דערפינדן שווידערלעכע באָבעמאיסעס. אָט די דאָזיקע רעכילעס צעזייט מען מיטן פולן הויפן, איצט אין די פרילינג־טעג דערוויסן מיר זיך ערשט, וואָס פאר א אומענדלעכע צאָל ליגנס עס איז ארויסגעשליידערט געוואָרן. עס איז ניטאָ אזא מין נארישקייט, וואָס מע זאָל ניט גלייבן אין שווערע טעג.

א פּראָטאָקאָל טיילט מיט:

„א דאָקטער איז צעמיימעסט און צעבלוטיקט געוואָרן אין א קאזארמע פון די שטורמאָוויקעס און ליגט א שווער פארוואונדעטער אף שטרוי. דער שטורמאָוויק, וואָס קומט אריין אין צימער, פאָדערט, אז דער דאָקטער זאָל אויפשטיין, אָבער אן אנדערער וועגדט זיין אויפמערקזאמקייט אף דער לאגע פונעם דאָקטער. די דערקלערונג ברענגט דעם שטורמאָוויק אריין אין גרימצאָרן, ער הייבט אָן שרייען אפן קאָל, און עס ווייזט זיך ארויס, אז ער האָט פון זיין שעף געהערט די פאָלגנדיקע עקלהאפטע באָבעמאיסע: אלע דאָקטוירים—אידן נעמען נעקאָמע אָן די דייטשישע מיידלעך א גאנצע ריי יאָרן. די דייטשישע מיידלעך, וועלכע פאלן אריין צו זיי אין די שפּיטאָלן, שניידן די דאָקטוירים־אידן שטילערהייט אוים די אייעלעך, קעדיי זיי זאָלן ניט קאָנען האָבן קיין קינדער און קעדיי עס זאָל זיך פארמערן די „אידישע פאסקודסטווע”, וואָס זאָל הערשן איבער דייטשלאנד. דער שטורמאָוויק גיט דעם פארוואונדעטן א זעץ מיטן פוס אין בויך”.

אָט דער דאָזיקער שטורמאָוויק — איז היטלערס דירעקטער טאַלמיד.

„פונקט אזוי ווי ער (דער איד) ברענגט פלאנמעסיק צום אומקום פרויען און מיידלעך, פונקט אזוי שטעלט ער זיך ניט אָפּ אפילו פאר דעם, קעדיי צו העלפן אנדערע אין א גרויסן מאסשטאב דורכצופירן א בלוט־צעמישונג”. (מיין קאמף, ז. 257).

טעראָר אין דער פּראָווינץ

באזונדערס האָט היטלער ברייט אויסגענוצט די באגרענעצטקייט, וואָס איז אייגנטימלעך אלע פּראָווינציעלע שטעט. די שטאַנד־פּאָראורטיילן, די רעאקציאָנערקייט פון די קליינבירגערלעכע אָנשויאונגען אפן געביט פון מאָראל האָבן זיך מער פון אלץ איינגעהיט אין דער דייטשישער פּראָווינץ. האנט בא האנט מיט דער באגרענעצקייט גייט די אומבארירלעכקייט פון די באלעבעטלדיקע געזעצן, די גרייטקייט צו פּארפאָלגן יעדן פרעמדן, צו צווייפלען אין יעדן פּראָגרעסיוון אויפטו און צו פארשיטן אים מיט רעכילעס. דעריבער טאַקע האָט היטלער צונויפגעזאמלט אין דער פּראָווינץ פיל שטימען. די בירהאלעס און שענקען, וואו היטלער האָט אָנגעהויבן זיין קאריערע, זיינען אויך אין די טעג פון טעראָר געווען אן אָרט פאר באראטונגען פון די פּראָווינציעלע גענשטאַביסטן אין די שטעטלעך און דערפער. די אָנפירנדיקע ראָלע שפּילן דאָרטן, דאָס ראָוו, די פריצים אָדער געוועזענע אָפיצערן. דער שווערער אגראר־קריזים ווערט פאר דעם קליינפויער דערקלערט ווי א רעזולטאַט פון דער מארקסיסטישער פּאָליטיק. דער אנטיסעמיטיזם האָט

געדינט דערצו, קעדיי אין די ערשטע טעג געבן אַן אויסגאַנג די אויפגערעגטע קליינע הענדלער, וואָס לעבן איבער אַ שווערע צייט. די אידישע קרעמער דערפירט מען ביז באַנקראָט. אַ אידישער פּי־הענדלער ווערט פאַר די פּויערים געשילדערט, ווי איינער פון די הויפּטשולדיקע אין זייערע צאָרעס. פיל אידישע הענדלער זיינען צעמיימעסט און דערהאַרגעט געוואָרן אין די טעג פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן „אויפשטאַנד".

נאָך דעם איז מען איבערגעגאַנגען צו שאַנטאַזש און צו גאַזלאָנווע. פאַרסאַמטע גאַזן פון מעסירעס האָבן זיך געצויגן דורך די דעבער פון די הייזער און דורך די הויפן, מע האָט געלינטשעוועט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָזיצערס פון געמיינדעס (אין אויבער־העסען). עס פלעגט באַגיטיקט ווערן יעדע אַבזאַריעס קעגן די קאָמוניסטן. זינט היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט פלעגן אין די דערפער רעגולער אָנקומען ברוינע אויטאָמאָבילן מיט שטורמאָוויקעס, זיי פלעגן העלפן דעם נאַצ.־סאָציאַליסטישן אָנפירער פון געגעבענעם אָרט אין זיינע אָפּעראַציעס, וואָס ער פלעגט אונטערנעמען. מעסירעס שלעפּן נאָך זיך אונטערזוכונגען, באַשולדיקונגען, אַרעסטן. די מאַסרים ווערן די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון דער מאַכט. די שטורמאָוויקעס פאַרהאַלטן אויטאָמאָבילן אויף די וועגן; מע פאַרקויפט פאַרטרעטן פון היטלערן אויף וואָכערישע פּרייזן. די דאָזיקע פאַרטרעטן מוזן באַלד אָנגעקלעפּט ווערן אויף די שויבן פון די אויטאָמאָבילן. די שטורמאָוויקעס גייען פון הויף צו הויף. זיי גייען מיט אַן אונטערשריפט־ליסטע און קיינער טאָר זיי ניט אָפּזאָגן, אַרויסמאַכן זיך פון אַ געלט־אָפּצאָל ברענגט אומפאַרמיידלעך צו שטראָף. קיינער שטעלט זיך ניט קעגן אָט די דאָזיקע גאַזלאָנוועס.

די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט

אין וואָס פאַר אַ מאָס די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער זיינען פאַראַנטוואָרטלעך ניט נאָר פאַר די מיטלאַלטערלעכע מעטאָדן פון זייערע ספּעציעלע אָטריאַדן, נאָר אויך פאַר די רעציכעס פון זייערע אָנהענגער, זאָגן איידעס די אַרויסזאָגונגען פון די פירער ביז און נאָכן פאַרכאַפּן די מאַכט.

דער איצטיקער אימפּערישער מיניסטער פאַר אינערן־איניאָנים, פריק, האָט דערקלערט:

„עס איז קיין אומגליק ניט, אויב איייניקע צענדליק טויזנט מאַרקסיסטישע טוער וועלן ליידן".

דער נעוועזענער וויצע־פּרעזידענט פון רייכסטאַג שטער האָט אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג געזאָגט:

„מיר וועלן געבן צו פאַרדינען דער האַנף־אינדוסטריע".

די זעלביקע ליבע צו לינטש־געריכטן און טליעס האָט, באַלד ווי ער האָט פאַרנומען זיין פּאָסטן, אַרויסגעוויזן דער אָלדענבורגער מיניסטער־פּרעזידענט:

„באַ דער טליע וועלן מיר וואַרפן די מאַרקסיסטן און די מיטגלידער צונג: „אָט האָבן מיר עס אים איינגעטיילט, מיר האָבן זיך אַזוי איינגע־

דער קרייז־קאַמאַנדיר טעלשאָוו האָט אױף א פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקו־מען דעם 22־טן אָקטאָבער 1929 יאָר אין בייהאָוז אױף דער עלבע, געזאָגט:

„מיר וועלן פירן א קאַמף מיט אַלע מיטלען. בא א קאַמף זיינען אומ־פאַרמיידלעך טויטע קערפּערס. ווען מע וועט דאַרפן ווירקן קעגן דער אידישער פּאַסקודסטווע, וועלן מיר זיך ניט אָפּשטעלן פאַר טויטע קער־פּערס. עס קאָן זיך טרעפן, אז בא אייניקע מוטערס וועלן ווערן ווייניקער קינדער".

דעם 10־טן מערץ 1933 יאָר האָלט דער מיניסטער גערינג א רעדע אױף א מאַסן־פאַרזאַמלונג אין דער געביידע פון דער אויסשטעלונג אין העסען. דאָס לאַנד איז אויפגעבראַכט פון די שענדלעכע מאַיסים פון די צעיושעטע שטורמאָוויקעס. אָבער דער מיניסטער גערינג דערקלערט דער פאַרזאַמלונג:

„זאָל איך איין מאָל, צוויי מאָל ניט טרעפן, אָבער איך האַלט פאָרט, אז מע דאַרף שיסן".

א דאָקומענט וועגן מאָרדן

גערינגס ווערטער זיינען געפאַלן אױף א פרוכטבארן באָדן. ענדע אַפּריל האָט דער דאָרטמונדער פּאָליציי־פּרעזידענט, שעפּמאַן, אַרויסגעגעבן א באַפעל, וועל־כער שטייגט אין א געוויסן זין איבער אַלע פּאָליצייאישע באַפעלן פון דער היינט־צייטיקייט:

די לעצטע צייט האָבן זיך ווידער גענומען קעסיידער פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע פלוגבלעטלעך. דער פּאָליציי, וואָס איז מיר אונטערגעוואָרפן, באַפעל איך צו לאָזן באַלד אין גאַנג פייערשיסער־געווער באַם פּרואוו צו פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע אויפרופן".

דער טעראָר איז געוועזן אָרגאַניזירט

1. אין דער נאַכט, ווען עס איז פאָרגעקומען די סרייפע אין רייכסטאַג, זיי־נען בלויז נאָר אין בערלין געווען צוגעגרייט 30 קאַזאַרמעס אױף צו פּייניקן און מאַטערן די אַרעסטירטע. שטאָלענע ריטער, בייטשן, קייטן, שטריק, קעדיי צו בינדן, קריגלעך מיט ריצן — דאָס אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק צו דער אַרבעט. צו אַלע קאַזאַרמעס זיינען געווען צוגעפּעסטיקט דאָקטוירים.

2. עס זיינען פאַראַן מיטיילונגען פון פיל דייטשישע שטעט, וועלכע זאָגן איידעס, אז די שטורעם־אָטריאַדן האָבן זיך אין דער נאַכט געפונען אין א צו־שטאַנד פון פושטענדיקער שלאַכט־גרייטקייט און אז די אַרבעטער־דירעס, אזוי אויך די וואָקזאַלן און פּאָסטן, האָט מען געהאַלטן אונטער א ספּעציעלן אויפזיכט.

3. דער אָפּקלייב פון די קאָרבאָנעס איז פּונקט אױף אזא אויפן פאָרגעקומען אויך אין אַלע דייטשישע שטעט.

4. דורכפירן די אַרעסטן האָט מען דעריקער איבערגעגעבן די שטורעם־אָטריאַדן און זייערע ספּעציעלע דרוזשינעס. אין די דאָזיקע טעג האָט די פּאָליציי געטראָגן נאָר א געהילף־דינסט, ווייל מע איז נאָך ניט געווען זיכער אין איר.

5. דעם 22־טן פעברואר האָט מען אָנגעהויבן צו באַנוצן זיך מיט די שטור־מאָוויקעס ווי מיט הילף־פּאָליציי; דאָס איז אַ זיכערער סימען, אַז מע האָט גע־האַט אין זינען גרעסערע אָפּעראַציעס און מע האָט זיך, ווי ווייט מעגלעך, גע־קליבן צו געבן זיי אַן אויסזען פון לעגאַלקייט.

6. דעם 17־טן פעברואר האָט שוין גערינג אַלס פּרייסישער קאָמיסאַר מיט זיין באַפעל וועגן אָנווענדן פייערשיסער־געווער געגעבן אַלע פּאָליציאַנטן די פולע פרייהייט פאַר טעראָר און פאַר אָנגעריכטעלעכע קעפּונגען. דער דאָזיקער באַפעל האָט ניט נאָר צעיושעט אַלע צווייפלהאַפטע און וואַקלענדיקע עלעמענטן צווישן די פּאָליציאַנטן, נאָר ער האָט לעגאַליזירט די מאָרדן מיצאַד די שטורמאָוויקעס:

„יעדן איינעם, וועלכער וועט באַם אויספירן אָט די דאָזיקע פליכטן אָנווענדן פייערשיסער־געווער, וועל איך באַשיצן אָן מיין פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, אומאָפּהענגיק פון די פאָלגן. פאַרקערט, דער, וואָס וועט פון פאַלשער פּאָרזיכטיקייט וועגן אָפּהאַלטן זיך דערפון, וועט צוגעצויגן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. יעדער באַאַמטער דאַרף שטענדיק האָבן אין זין, אַז יעדער פאַרזוך ניט אויסצופילן דעם אָדער יענעם מאָסמיטל, ווערט אָפּ־געשאַצט ווי אַ פיל שווערערער פאַרברעך, איידער אַ פעלער באַם אויספילן דעם דאָזיקן מאָסמיטל".

7. אין דעם בלוטיקן קעלער אויף העדערמאַנשטראַסע און אין אַנדערע קאַ־זאַרמעס האָבן זיך שטענדיק געפונען די העכסטע אָנפירער פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. זיי האָבן אָנגעפירט מיט די פייניקונגען און האָבן געפירט די פאַר־הערן. עס איז אַגעוו פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער אָנפירער פון די שטורמאָ־וויקעס גראַף העלדאָרף, וואָס האָט זיך געפונען און געפינט זיך אין אַ שטענדיקער, טאָגטעגלעכער פאַרבינדונג מיט גערינג און היטלערן, האָט דורכגעפירט דעם אי־בערקוק פון די צעשלאָגענע.

אונזערע דאָקומענטן

אין אונזער אַרכיוו ליגן 536 פּראָטאָקאָלן וועגן שווער צעשעדיקטע מענטשן. די פאַקטן זיינען דורכגעקאָנטראָלירט און זייער ריכטיקייט איז פעסטגעשטעלט.

137 מעדיצינישע צייגענישן באַשטעטיקן, אַז באַ די דאָזיקע קאָרבאָנעס זיי־נען פאַראַן שווערע כראָנישע צעשעדיקונגען.

375 פּראָטאָקאָלן טיילן מיט וועגן אונטערשריפטן, וואָס די צעשלאָגענע האָבן געדאַרפט געבן נאָך די פייניקונגען. די פאַרפייניקטע האָבן נאָך אָפן אָרט פון די פייניקונגען געדאַרפט באַשטעטיקן, אַז „מע איז זיך מיט זיי פיין באַגאַנגען".

אונזער מאַטעריאַל פון די שטעט און דערפער פון דער „דריטער אימפּעריע" ברענגט צו אויספירן, אַז פון דעם 28־טן פעברואר אָן זיינען צעמאַזיקט געוואָרן אַרום 60.000 מענטשן.

איצט וועלן מיר געבן אַ וואָרט די קאָרבאָנעס אַליין.

זיי רופן זיך אָן פריינט פון ארבעט...

פון אן ארבעטסלאַזן, וועלכער האָט געבעטן א נעדאָווע בא קאָמוניסטן און האָט בא זיי אין שטוב באקומען ארבעט, האָט מען געפאָדערט, אז ער זאָל אָפּצאָלן זיינע כאַוויירים מיט פאראט פאר סאָלידארישקייט. דער אומגליקלעכער ארבעט־לאָזער האָט גוט געלייזט פאר זיין דרייסטקייט, פאר זיין מוט. ער שרייבט:

„מאָנטיק דעם 6־טן מערץ, 17 אזייגער, זיינען צו די אריינגאנג־טירן פון דער קווארטיר פון דעם דעפּוטאַט X געקומען צוויי שטורמאָוויקעס מיט א שעף און האָבן געפאָדערט, אז מע זאָל זיי אריינלאָזן. אזוי ווי איך האָב זיך געפונען אין קווארטיר, וואו איך האָב צעלייגט וועש, האָב איך געעפנט די טיר, אָבער נאָר בלויז אף דער פארהיטונגס־קייטל. אין שפּאַלט איז באַלד אריינגערוקט געוואָרן א רעוואָלווער און דער שטורמאָוויק האָט געפאָדערט, אז די טיר זאָל אויפגעעפנט ווערן אינגאנצן. מע האָט געפרעגט, וואו עס געפינט זיך דער כאווער X, איך האָב אף דעם ניט געקאָנט אָנ־ווייזן. נאָכדעם האָבן זיי מיך צוגענומען מיט זיך. זיי האָבן מיך אָפּגע־פירט אף בעכטערשטראסע אין א צוגעטשעפּעטן וועגל צו א מאָטאָציקל. דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן די הארינגע. נאָך איצט, ווען איך שרייב, זיינען נאָך פאראן סימאָנים פון דעם אלץ, וואָס מע האָט אף מיר אָפּגעטאָן. אונ־טער מיינע אויגן זיינען בלויע פלעקן, אף דער לינקער העלפט פון שטערן איז א פירסענטימעטערדיקע וואונד פון א ביס, די הענט זיינען געשוואָלן און צעדראפּעט. מען האָט מיך געזידלט, מיך אָנגערופן מערדער א. א. וו. אָן קיין שום גרונט. נאָכדעם האָב איך געדארפט אליין אָפּוואשן זיך דאָס בלוט. נאָר בלוט האָט גערונען פון מויל, פון נאָז און פון די שלייפן. ווי איך האָב זיך נאָר איינגעוואשן, האָט מען מיך ווידער אוועקגעשלעפּט אין דעם ערשטן צימער און ווידער אָנגעהויבן שלאָגן. איך האָב געזוכט א שוץ אונטער דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין צימער און האָב פארמאַכט מיט ביידע הענט דאָס פּאָנים, קעדיי אויסמיידן קלעפּ, ווייל אנדערש וואָלטן זיי געווים צעקלאַפּט מיר די קינבאַק. זיי האָבן זיך אָבער דערמיט ניט באפרידיקט.

„אינאיינעם מיט די צוויי אנדערע ארעסטירטע בין איך געבראכט געוואָרן אף דער הערדערמאנשטראסע אף א טאקסימאָטאָר. עס האָבן אונז באגלייט צוויי מאָטאָציקלעטן. ווען מען האָט אונז אָפּגעשיקט, האָט מען מיר געזאָגט, אז איך דארף זיך פרייען, וואָס זיי זיינען געווען אזוי הומאניש, אין דער סוב־גרופּע „ארבעט מען" אנדערש. איך האָב זיך שיר ניט צעלאַכט דערביי.

„אף דער הערדערמאנשטראסע האָב איך אָפן פארהער געזאָגט, אז איך האָב געבעטן נעדאָוועס און אז מען האָט מיר שטענדיק עפּעס געגעבן פון דער דאָזיקער קווארטיר. נאָכדעם האָב איך אָנגעהויבן אָפטער אריינצוגיין אהין, קעדייריידן אמאָל וועגן פּאָליטיק און ענדלעך האָט מיר די מאַדאַם X

געגעבן עפּעס א שטוביקע ארבעט, ווי אויסלופטערן די טעפּיכער און אַנ־דערע ארבעטן. איך האָב די שטורמאָוויקעס געזאָגט, אז מיך האָט זייער געפרייט דאָס, וואָס קאָמוניסטן זיינען זיך מיט מיר אזוי גוט באַגאַנגען. איך האָב זיי אויך געזאָגט, אז איך פיל מיט די ק.פּ.ד. און האָב געשטימט פאַרן דריטן צעטל. אף דעם האָט דער, וואָס האָט מיך גענומען אפן פאַר־הער, געזאָגט: „צו מענטשן, וואָס זאָגן דעם עמעס, זיינען מיר נאָך בארעמ־הערציק. מיר ווילן פארניכטן ניט אייך, נאָר אייערע פירער, מיר ווילן מיט זיי זיך אָפּרעכענען".

...אָבער אינדערעמעסן פאַרפאָלגן זיי טויזנטער ארבעטער

אָט איז א באַזונדערס קלאָרער באַווייז דערפון, דערציילט אן ארבעטער, וועלכן מע האָט פארשלעפּט אף דער העדעמאַנשטראַסע:

„אינאָוונט דעם 5־טן מערץ בין איך מיט 6 אנדערע ארבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער בירהאַלע X אף דער גאַס אין צאָפן־טייל פון בערלין, באַפאַלן געוואָרן פון א גרופּע מענטשן אָנגעטאָנענע אין דער פאָרם פון די שטורמאָוויקעס. מיר זיינען דאָרטן געזעסן און געוואַרט אף די רעזולטאַטן פון די וואַלן. די שטורמאָוויקעס האָבן צו אונזערע ברוסטן צוגעשטעלט געווערן און האָבן אונז געצוואונגען צו גיין מיט אויפגעהוי־בענע הענט אין זייער געביידע אף דער גאַס X. דאָרטן האָט מען אונז, אלס „קאָמוניסטישע כאַזיירים", קוידעמקאָל צעהארגעט, אז בלוט האָט גערונען. נאָכדעם האָט מען אונז אוועקגעפירט אף אן אויטאָמאָביל אין דער צענטראַלער געביידע פון די שטורמאָוויקעס אף העדעמאַנשטראַסע, 6. מע האָט אונז ארויפגעטריבן אפן פערטן שטאָק און אינעם לאַנגן קאָרידאָר האָבן זיך אומאויפהערלעך געשאָטן אף אונז קלעפּ פון פויסטן און שטעק־לעך. דער קאָרידאָר איז פון אונטן ביז ארויף געווען באַפּוצט מיט „טראָ־פייען" — מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאָנען און פלאַקאַטן. בא די ווענט איז אף א טליע געהאַנגען א „מאַניקין", אָנגעטאָן אין א פאָרם פון א רויטן פראָנטאָוויק. דער „מאַניקין" האָט געדאַרפט פאָרשטעלן ערנסט טעלמאַנען.

„דאָ האָט מען אונז מיט קלעפּ פארטריבן אין דער אַלגעמיינער קאַ־מער. אונטער אויסגעשרייען „זאָל לעבן היטלער!" האָט מען אונז גע־צוואונגען צו שטעלן זיך אף די קני, צו זאָגן „פאָטער אונזערער" און צו זינגען דעם הימן פון האָרסט וועסעל. ווער עס האָט זיך ניט אונטערגע־וואָרפן דעם באַפעל, דעם האָט מען געשלאָגן קימאַט ביז טויט. נאָכדעם האָט מען אונז אָפּגעשלעפּט צו א וואַנט פונעם צימער און מע האָט אָן אויפהער גענומען שיסן פון רעוואָלווערן קימאַט הארט איבער אונזערע קעפּ. מע האָט אונז געגעבן א קורצן איבעררייס, נאָכדעם האָבן זיך אָנ־געהויבן די „פאַרהערן". יעדערער פון אונז פלעגט איינציקווייז ארויס־גערופן ווערן אין צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען א האַלבע טוץ שטור־מאָוויקעס מיט קאַנטשיקעס. איינער א מענטש איז געזעסן בא א שרייב־

פאָפּאָוו



א בולגארישער ארבעטער, 31 יאָר אלט. אין יאָר 1931 ארעסטירט, אין בולגאריע פאר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאגאנדע און צוגעמישפּעט צו 12 יאָר צוואנג־ארבעט. אים איז געלונגען צו אנטלויפן און ער האָט עמיגרירט קיין דייטשלאנד.

טאניעוו



א מאקעדאָנישער קעמפער פאר פרייהייט, צוגעמישפּעט אין פלאָוודיוו צו 12 מיט א האלבן יאָר טפיסע. אנטלאָפן קיין דייטשלאנד. היטלערס רעגירונג האָט ארעסטירט פּאָפּאָוון און טאניעוון צוליב דער זעלבער סיבע, וואָס דימיטראָוון. דער אויבער־פּראָקוראָר האָט קעגן דימיטראָוון, פּאָפּאָוון און טאניעוון ארויסגערוקט א באשולדיקונג אין אונטערצינדן דעם רייכסטאג.

ווי אזוי מען פאבריצירט אטענטאטן

דער אינדוס טאגאָר, ראבינדראנאט טאגאָרס פּלימעניק, וועמען מען האָט בוישעד געווען אין אן אטענטאט אף היטלערן.

מאַשינקע. מיר האָבן זיך געדארפט אויסטאָן נאַקעט און מען האָט אונז דערקלערט, אז מען וועט אונז שלאָגן, ביז וואנען מיר וועלן אליין אויסזאָגן. פון אונז האָט מען געפאָדערט, אז מיר זאָלן זאָגן אזוינע זאכן, וואָס איז אומעגלעך. מען האָט אונז אויסגעפרעגט די נעמען און די אדרעסן פון די קאָמוניסטישע טוער. מען האָט בא אונז געפרעגט וועגן עפּעס סקלאדן פון געווער און נאָך אזוינע זאכן. אין דער צייט פון דעם דאָזיקן פארהער האָט מען אונז אָן אויפהער געשלאָגן. נאָכדעם האָט מען אונז געגעבן א האַלבע שאָ אף באטראכטן זיך און דערנאָך האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די פּייניקונגען.

אייניקע אנטיפאשיסטן, וואָס זיינען פריער געווען אין די רייען פון די שטורמאָוויקעס, האָט מען אָפּגעשאָרן די האָר. מען האָט זיי נאָר געלאָזן אביסל האָר פון פאָרנט. מען האָט אונז דערקלערט, אז די דאָזיקע מענטשן וועלן דעם קומענדיקן פרימאָרגן דערשאָסן ווערן. ווען מיר זיינען געקומען, זיינען זיי שוין געלעגן פארכאַלעשטע אין דער אלגעמיינער קאַמער. אויסער אונז האָבן זיך אין דער אלגעמיינער קאמער געפונען בא 50 ארבעטער סאָציאַל־דעמאָקראטן און קאָמוניסטן. בא דער באפרייאונג האָט מען פון אונז געפאָדערט, אז מיר זאָלן געבן אן אונטערשריפט, אז מע האָט אונז ארויסגעלאָזט ניט קיין צעשעדיקטע. די אונטערשריפט האָבן מיר געגעבן. צוויי מיטגייער מיינע האָב איך דערנאָך געפונען אין דעם שפּיטאָל „פרידריכסהיים”. איינער איז געווען פארוואונדעט פון א שאָס אין האלז”.
אויסער דעם דאָזיקן דאָקומענט, וואָס רופט ניט ארויס קיין שום צווייפל,

גיבן מיר נאָך אַ ריי וויטערדיקע מיטיילונגען פון צעשלאָגענע אַרבעטער, קעדיי צו באַווייזן, ווי אַזוי די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אומעטום באַצייכנט איר אָפיציעלן קומען צו דער מאַכט.

„באַדעקט מיט וואונדן"

„דעם אַרבעטער י. מ., וועלכער וואוינט אויף ווערדערשטראַסע אין בערלין, האָבן אין דער נאַכט פון 27־טן אויפן 28־טן מערץ פאַרכאַפּט די שטורמאַוויקעס און האָבן אים שווער צעשלאָגן אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער קאַזאַרמע אויף רודאָווערשטראַסע. זיין גאַנצער קערפּער איז באַדעקט מיט וואונדן".

די קוואַרטיר כאַרעוו געמאַכט

„צו דעם אַרבעטער ר. פון שענעבערג, וועלכער איז געווען באַוואוסט ווי אַ פּאַרטיי־טוער, זיינען מאַנטיק (נאָך דעם אָנפאַל) געקומען שטורמאַוויקעס. דאָרטן האָט מען אים מיט שטאָלענע ריטער שטאַרק פאַרוואונדעט און נאָכדעם אַוועקגעשלעפּט אין דער קאַזאַרמע פון די שטורמאַוויקעס. אין דעם מאָמענט, ווען ס'איז צונויפגעשטעלט געוואָרן די דאָזיקע מיטטיילונג, איז נאָך ניט געווען באַוואוסט, וואָס עס איז געוואָרן מיט דעם דאָזיקן אַרבעטער. זיין קוואַרטיר איז אינגאַנצן צערואינירט דורך די שטורמאַוויקעס".

אַ ווילדע שיסעריי

„דער אַרבעטער מאַקס פּ., וואָס וואוינט אין בראַנדענבורג, האָט געליטן פון אַן אָנפאַל מיצאַד 40 באַוואָפנטע שטורמאַוויקעס. די טיר אין דירע איז אויפגעבראָכן געוואָרן. נאָכדעם האָבן די שטורמאַוויקעס אָנגעהויבן צו שיסן אין שטוב אריין. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט פּ. באַוויזן צו ראַטעווען זיך און איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער. באַם אַנטלויפן איז ער ווידער פאַרוואונדעט געוואָרן אין האַנט און אין ברוסט. ער האָט זיך געראַטעוועט אין אַ שפּיטאָל. דאָס אָרט, וואו ער האָט זיך געראַטעוועט, איז אויסגעקומען צו האַלטן אין שטרענגסטער געהיימעניש, ווייל יעדן טאָג נאָך דעם אָנפאַל האָט מען די קרוויווים געדראָט" (אַ פּינקטלעכער מאַטעריאַל וועגן דעם דאָזיקן פאַל איז פאַרשריבן אין אונזער אַרכיוו).

צעבראָכן די ביינער

„דער 36 יאָריקער אַרבעטער פּאול פּאָפּראָצקי, מאַלפּלאַקשטראַלע 23, איז אין דער נאַכט פון 26־טן אויפן 27־טן מערץ 3 אַזייגער אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון זיין קוואַרטיר. אַ גרויסע אָפּטיילונג שטורמאַוויקעס האָט באַגלייט דעם אַרעסטירטן אין דער געביידע פון די שטורמאַוויקעס אויף אוטרעכטשטראַסע, דאָרטן האָט מען פון אים געפאָדערט, ער זאָל געבן אַדרעסן

פון פּאַרטיי־טוער. ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַדרעסן, האָט מען איבּ געגומען שלאָגן. אין איינציקע שאָ אַרום האָט מען אים אָפּגעלאָזן א שווער צעשעדיקטן. ווי די מעדיצינישע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, איז צו גלייבן, אַז בּאַ אים איז צעבראָכן דער קליינער שינביין".

„פּ אַ ט ע ר א ו נ ז ע ר ע ר" אָדער פּ אַ ר ט ו פ י י ע ן א י ב ע ר ן ק אָ פּ

„דער 18 יעריקער אַרבעטער קורט האַקענבּוש, גרינטאַלערשטראַסע 63, איז אינאיינעם מיט דריי באַוויירים אַרעסטירט געוואָרן דעם 26־טן מערץ און איז אוועקגעפירט געוואָרן אין דער געביידע אַף פּרינצענשטראַסע. מען האָט זיי צעשלאָגן מיט פּאַרטופייען. די אַרעסטירטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זאָגן „פּאַטער אונזערער" פאַר די פאַרזאַמלטע שטורמאַקעס. מען האָט זיי ווידער גענומען שלאָגן. אין איינציקע שאָ אַרום זיינען די אַרעסטירטע אָפּגעפירט געוואָרן צום פּונקט פון דער גיכער הילף, וואו זיי האָבן אונטער א דראָאונג געדאַרפט דערקלערן, אַז די שטורמאַוויקעס האָבן זיי געראַטעוועט פון אַן אָנפאַל. בּאַ האַקענבּושן איז אויסער דעם אויך געווען א בלוט־פּלייצונג אַפן פּאָנעם און אַפן רוקן, דערצו נאָך א שווערע וואונד אַפן קאָפּ".

ב ל ו ט ־ פּ ל י י צ ו נ ג ע ן

„דער אַרבעטער יאַקאָב איקלער, קאַסעל, קעטענשטראַסע 4, איז צוגענומען געוואָרן פון די שטורמאַוויקעס, וואָס האָבן געמאַכט אַן אונטערזוכונג בּאַ זיין פּאַטער אַף דער קוואַרטיר. מען האָט אים געבראַכט אין א געביידע פון בירגערזאַל, אַוועקגעלייגט אַף א באַנק און געשלאָגן מיט גומענע שטעקנס. סימאָנים פון קלעפּ זיינען פאַרבליבן אין דעם נידעריקן טייל פון פּאָנעם, איבערן קאָפּ, אַפן רוקן, אַפן הינטן און אַף דעם אויבערשטן טייל פון די ליטקעס. דער דאָזיקער צושטאַנד איז פאַרפיקסירט געוואָרן אין א צייגעניש, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן א דאָקטאָר. דער נאָמען פונעם דאָקטאָר ווערט דאָ ניט אָנגערופן, ווייל אין דייטשלאַנד פון דער „דריטער אימפּעריע" איז געפערלעך צו געבן מעדיצינישע הילף א צעקאַליעטשעטן".

האַשטאָנע אַף צו שטילן דעם דאָרשט

דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט, דער געוועזענער מיניסטער ווילהעלם זאָלמאַן, שרייבט וועגן די יעסורים, וואָס עס האָבן אים אָנגעטאָן די שטורמאַוויקעס און דרוזשיניקעס פון די שוץ־אָפּטיילונגען פאַלגנדיקעס:

„דאָנערשטיק דעם 9־טן מערץ 3 אַזייגער נאָך האַלבן טאָג זיינען צו מיין שטוב אין קעלן צוגעפאָרן 3 אויטאָמאָבילן מיט שטורמאַוויקעס. אַזוי ווי איך האָב אין דער צייט געפירט אַ געשפּרעך מיט א דעפּוטאַט פון דער שטאָט־דומע, האָב איך נאָר באַוויזן א געשריי צו טאָן אין טעלעפאָן: „אין

מיין שטוב האָבן זיך אריינגעריסן „שטורמאָוויקעס" און ארויסצורופן פּאָליציי.

אין דעם דאָזיקן מאָמענט זיינען אין מיין ארבעטס־קאַבינעט אריין אייניקע שטורמאָוויקעס מיט רעוואָלווערן, העק און מעסערס. איידער איך האָב באוויזן עפּעס צו זאָגן, האָב איך שוין געקריגן א קלאַפּ איבער די פּיס, שטייענדיק בא מיין טיש. די שטורמאָוויקעס זיינען עפּעס געווען באַ־הערשט פון אן אומגעהייערער רעציבע, סינע און פרייד, וואָס זיי קאָנען מיט מיר אָפּרעכענען זיך. דער גרעסטער טייל שטורמאָוויקעס האָט זיך צעשאָטן איבער די איבעריקע צימערן פון דער קווארטיר און אין אייניקע סעקונדעס בוכשטעבלעך אלץ צעבראָכן אויף פּיצלעך. זיי האָבן מיך באשאָטן מיט טומאקעס און אריינגעוואָרפן אין אן אָפענעם אויטאָמאָביל. אויף דעם אויסגעשריי פון מיין פרוי: „וואוהין פירט איר מיין מאן"? האָט איינער פון דער קאָמאַנדע מיט געלעכטער געענטפערט: „דאָס וועט איר זיך שוין שפּעטער דערוויסן". מען האָט מיך לעכאַטכילע אוועקגעפירט דורך א פוסטן פעלד אין דער ריכטונג צום וואלד. אזוי ווי דער שטורמאָוויק, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער מיר, האָט אָן אויפהער געפאָכעט מיטן רע־וואָלווער באַם סאמע נאָז, האָב איך געמיינט, אז מען וועט מיך אין דעם נאָענטן וואלד שיסן. מען האָט מיך אָבער אוועקגעפירט ווייטער, פארשאָטן מיט די סאמע אומגעלומפּערטסטע זידלערייען. נאָכדעם האָט מען פאר־לאנגזאמט דעם גאנג פון אויטאָמאָביל און מען האָט מיך אוועקגעפירט אויף דער הויפּטגאס און געוויזן פאר די דורכגייענדיקע: „אָט איז דער גרוי־סער זאָלמאן: קוקט אים נאָר אָן ווי נישטיק ער איז". מע האָט מיך אוועק־געפירט אויף מאַצארטשטראסע אין דער קרייז־פארוואלטונג פון די נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטן. מען האָט מיך געשלאָגן מיט די פויסטן און פיס, געשטויסן און געטריבן אין דער הייך אויף די טרעפּ אין צימער פון די זיצונגען. די פאַרהאַנגען זיינען געווען אראָפּגעלאָזט און אין צימער איז געווען האלב־פינצטער. דאָ האָב איך זיך געדארפט שטעלן פארן טריבונאַל. אפן טיש איז ארויפגעשטעלט געוואָרן א גרויסע פאָן מיט א סוואסטיק. איך האָב דערזען, אז מיין כאַווער פון רעדאקציע, עפראָס, איז געזעסן נאָענט צום פענצטער אין אזא מין צושטאַנד ווי איך. איך האָב נאָר קוים באוויזן צו פארנעמען אן אָרט לעבן עפראָסן, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן א צווישאַאיקע פייניקונג. נאָכדעם האָט איינער א מענטש אין דער או־ניפאָרם פון א שטורמאָוויק (מיין קאָלעגע האָט דעם דאָזיקן מענטשן אָנ־גערופן שטאָט־ראטמאַן עבעלע) געהאַלטן א קורצע רעדע קעגן עפראָסן, זאָגנדיק, אז איצט וועט מען זיך קעגן אים אָפּרעכענען. נאָכדעם האָבן זיך די שטורמאָוויקעס א וואָרף געטאָן אויף אונז און מען האָט אונז פונ־דאַסניי גענומען שלאָגן מיט די פויסטן. אין פארלויף פון א האלבער שאָ זיינען מיר, איך און עפראָס, געלעגן אפן דיל אבסאָלוט אָנמעכטיקע. מיר האָבן קיין קויעך ניט געהאַט צו שטעלן זיך. מען האָט ניט אויפגעהערט

צו שלאָגן אונז מיט די פויסטן און פיס, מע האָט אונז געשלעפּט פאַר די האָר און געקלאַפּט א קאָפּ אָן א קאָפּ, נאָכדעם האָט מען אונז מיט געוואַלט געצוואונגען אויפצושטיין, צעזעצט אונז אַף שטולן, איין שטורמאָוויק האָט אונז געהאַלטן פאַר די הענט פאַרדרייט הינטערן ווענטל פון שטול, דער צווייטער האָט אונז געריסן פאַר די ציינער און דער דריטער האָט געגאָסן יעדערן פון אונז צו פערטל ליטער ריצנאייל. איינער פון די טאַליאָנים האָט געהייסן דערלאַנגען זאַלץ, קעדיי צו פאַרגרעסערן אונזערע מאַטערנישן, אָבער עס ווייזט אויס, אז דאָס איז געווען שווער צו געפינען. נאָכדעם האָט מען געמאַכט א קליינעם איבערייס. אים האָט מען געגעבן א גלאָז וואַסער. דאָס וואַסער האָט עפּעס געהאַט א פאַרדעכטיקן קאָליר, און דעריבער, אז איך האָב עס באַמערקט, האָב איך עס אויסגענוצט, קעדיי איינצוזאַוואַשן די פאַרבלוטיקטע הענט. איינער פון די שטורמאָוויקעס האָט א געשריי געטאָן: „פאַרוואָס זשלאָקעסטו ניט דאָס וואַסער”? (ביכלאַל האָט מען זיך צו אונז געווענדט אַף דו). אין דעם מאָמענט האָט ער א וואָרף געטאָן דאָס גלאָז מיטן איבערגעבליבענעם וואַסער גלייך אין פּאָנעם אַריין. דאָס שלאָגן האָט זיך ווידער באַנייט.

„מיטאַמאָל האָט זיך צווישן אונזערע טאַליאָנים דערפילט עפּעס אַן אומרואיקייט. איך האָב געמיינט, אז די פּאָליציי האָט באַקומען א יעדיע וועגן דעם, אז מ'איז אַף אונז אָנגעפאַלן און אז מע האָט אונז אַוועקגעשלעפּט. ארום 5 אזייגער האָט מען אונז אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ מיט אַ געשריי: „אין קוילן־קעלער”.

„דער קעלער איז מיסטאָמע ניט געווען אָפּן, און די שטורמאָוויקעס האָבן, ווייזט אויס, זיך געאיילט פּאָטער ווערן פון אונז. אונזערע פּענעמער האָבן זיך שוין פון די קלעפּ פאַרוואַנדלט אין אַן עמעסער בלוט־טריפנדיקער מאַסע, — מען האָט אונז דורכן גאַס אַוועקגעטריבן צום אויטאָמאָביל. מיר האָבן זיך געמוזט זעצן אין אים אַף די ציפּקעס, עפּעס א מענטש, וואָס איז געזעסן לעבן דעם שאָפער, און ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, א געוועזענער אָפיציר, האָט א געשריי געטאָן: „דערלאַנגט אים מיטן פוס אין הינטן”, און דאָס איז טאַקע באַלד אויסגעפילט געוואָרן. דאָס שלאָגן איז פאָרגעזעצט געוואָרן אין פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל; איך האָב באַקומען א קלאַפּ מיט אַ פויסט אינעם רעכטן אויג. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בא דעם פּאָליציי־פּרעזידיום; דער דעפּוטאַט פון רייכסטאַג, שאַלער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן טראַנספּאָרט, האָט געעפנט דעם טויער. מיר זיינען געווען געצוואונגען צו לויפן מיט אַלע קויכעס איבער די קאָרידאָרן און טרעפּ, כאָטש מיר זיינען געפאַלן פון די פיס... עמעצער האָט געזאָגט, אז דעם קומענדיקן טאָג וועלן מיר גיין פאָראויס פון א פאַקלמאַרש פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן און מען וועט אונז נאָכדעם פאַרברענען אַף א שייטער־הויפן פון ברענענדיקע פאַקעלן... דער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט אונז פאָרגעלייגט צו גיין אין ארעסט־הויז. איך האָב זיך

אָפיציעלע באַשטעטיקונג וועגן דעם טעראָר


N.S.D.A.P.

Der Oberführer der Untergruppe Berlin Ost

Frau Dr. [redacted]

Berlin-Neukölln

Jonasstrasse 10

Die mir vom Rettungsamt der Stadt Berlin für die Stellung eines Krankenwagens aus Anlass der Ueberführung Ihres Ehemannes übersende ich Ihnen mit dem Ersuchen, die Bezahlung sogleich vorzunehmen.

Rettungsamt der Stadt Berlin

Rechnung

Walther Korodi
Leiter der Nationalen Abwehrstelle gegen bolschewistische Umtriebe

Berlin-Lichterfelde, 17/III 33

Hierdurch bescheinige ich Frau Dr. [redacted], daß in Ihrer Wohnung am 6 März Hausdurchsuchung abgehalten worden ist, sie selbst vorübergehend sistiert wurde, aber wegen mangelnden Tatverdachts wieder entlassen wurde. Das gleiche gilt für Ihren Ehegatten. Ich bitte das Ehepaar [redacted] unbehelligt zu lassen.

Walther Korodi

די געפּייניקטע אַליין טראָגן די הוצאות פאַר דער הילף, וואָס עס גיבן זיי די רעטונגס־אַפּטיילונגען.

געשטיצט אַף מיין פּאַרלאַמענטאַרישע אומבאַרירלעכקייט. ער האָט מאָס־קים געווען מיט מיין שטאַנדפּונקט. ער האָט מיך אָבער דאָך געבעטן אַרי־בערצוגיין אינאיינעם מיט עפּראָסן אין טפּיסע־לאַזאַרעט. אין לאַזאַרעט האָט מען אונז פאַרנייט און פאַרבאַנדאַזשירט די וואונדן. בעאיים די פּיי־ניקונגען האָט איינער א שטורמאָוויק אַריינגעזעצט עפּראָסן, פּאַוואָליע און מיט אַ קאַוואָנע, א מעסער אין זייט. דער דאָקטאָר האָט אונז דערקלערט, אַז די וואונד וואָלט געווען געפערלעך פאַרן לעבן, ווען זי וואָלט אַף איין סענטימעטער געווען טיפער. אַפן צווייטן טאָג איז אין די צייטונגען געווען א מיטיילונג, אַז עס זיינען אַף אונז אָנגעפאַלן פּאָליטישע קעגנער און אַז מיר זיינען לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן".

געפּייניקט א דאָקטאָר און זיין פרוי

„דעם 6־טן מערץ 4 אַזייגער אינדערפרי האָבן מיר דערהערט א קלונג בא דער אַריינגאַנג־טיר. אייניקע מענער־שטימען האָבן א געשריי געטאָן: „פּאָליציי, עפן"! מיין פרוי האָט געענטפערט: „איך בעט אייך, קומט מאָרגן פרי, באַנאַכט וועל איך ניט עפענען". באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן א ריי שטאַרקע קלעפּ אין דער טיר. די טיר איז אויסגעזעצט געוואָרן און אין דער דירע האָבן זיך אַריינגעריסן 5 מענטשן אין אַן אוניפאָרם פון שטורמאָוויקעס אָן פּאָליטישע צייכנס — מיט רעוואָלווערן. אַף מיין פראַ־גע, וואָס פאַרלאַנגען זיי, האָב איך באַקומען אַן ענטפער מיט פויסטן און גומענע פּלאָקנס: „שווייג, מען פרעגט בא דיר ניט"! זיי האָבן א קאָמאַנ־דעווע געטאָן: „די הענט אין דער הויך"! אייניקע מענטשן האָבן מיך געכאַפּט פאַרן קאָלנער און צוגעדריקט מיך צו דער באַנק: „א סאָף זאָל אַף אייך קומען, א סאָף צו די אידן, איר באָלשעוויסטישע באַנדע"! ווען איך האָב געוואָלט ענטפערן, האָבן זיי מיך ווידער געשלאָגן.

אין דירע האָבן זיי געמאַכט אַן אונטערזוכונג, האָבן אויפגעעפנט די קעסטלעך פונעם שרייבטיש, אָנגעפילט מיט ביכער, מאַנוסקריפּטן און בריוו א טשעמאָדאַן און א קאָמאַנדעווע געטאָן: „פאָרט". מיין פרוי, וועל־כע האָט מיך ניט געוואָלט לאָזן אליין אין די הענט פון די פּאָגראָמשטשי־קעס, איז נאָכגעגאַנגען מיט מיר אָן א פאָדערונג פון זייער זייט. זיי האָבן מיר דערלאַנגט א זעץ מיטן פוס און א שטויס געטאָן אַראָפּ די טרעפּ. ווען מיין פרוי האָט ענערגיש פּראָטעסטירט קעגן אַזא באַגיין זיך מיט אַ קראַנקן, האָט מען זי אָנגעזידלט: „גראָבער שווין, האַלט זיך רואיק, אויב ניט, וועסטו אויך קריגן!" דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר א הויז, בא וועלכן עס איז געשטאַנען א האַמוין שטורמאָוויקעס און דרו־זשיניקעס פון אַ שוץ־אָפּטיילונג. ווי נאָר מיר זיינען אַרויס פון אויי־טאָמאָביל, האָט מען אונז באַלד גענומען טרייבן מיט גומענע שטעקלעך און קאַנטשיקעס אַף דעם פערטן שטאָק אַרויף. צוליב מיין קרענק (גריפּ, שוואַכקייט פון די האַרצמוסקולן) האָב איך ניט געקאָנט גיין שנעל איבער

די טרעפּ, האָט מען מיך דערפאַר געשלאָגן מיט אַ באַזונדערער רעציכע, ביז איך האָב זיך ניט דערקליבן צום פערטן שטאָק. מען האָט אונז אַריינ־געשפּאַרט אין עפּעס אַ קאָרידאָר, וואו איך און מיין פרוי האָבן געדראַפּט דורכגיין דורך רייען פון שטורמאָוויקעס, וועלכע האָבן זיך אַף אונז אַ וואָרף געטאָן מיט קלעפּ. מען האָט מיך אַוועקגעזעצט אין אַ באַזונדערער קאַמער. איך האָב דערקלערט, אַז דאָ איז, ווייזט אויס, עפּעס אַ מיספאַר־שטייעניש, און האָב געבעטן, מע זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט אויפצו־קלערן דעם איניען".

דער אַרעסטירטער, וועלכער האָט געאַרבעט 7 יאָר אין בערלינער שפּיטאָלן און וועלכער איז די לעצטע צייט געווען דער עלטסטער דאָקטאָר פון אַ ספּעציע־לער אָפּטיילונג אין דעם שטאָטישן שפּיטאָל אין נייקעלן, האָט נאָך אַ לאַנגן פאַר־הער זיך דערוואוסט, אַז מע האָט אים באַשולדיקט עפּעס אין אַן אומגעלומפּער־טער באַשולדיקונג, אַז ער איז דער אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין דייטשלאַנד. אַף זיינע טיינעס, אַז ער איז אומשולדיק, האָט מען געענטפערט בלויז מיט איזדיעקעס און מיט קלעפּ. ער טיילט ווייטער מיט:

„זיי זיינען אַף מיר אָנגעפאַלן מיט אַ כייעשער אַכזאָריעס, האָבן מיך געשלאָגן מיט גומענע שטעקלעך, מיט לעדערנע קאַנטשיקעס און שטאָלע־נע ריטער. זיי האָבן זיך געסטאַרעט צו שלאָגן איבערן קאָפּ. זיי פלעגן אַרויפשפּרינגען אפן טיש און אַף די שטולן און פלעגן אָן ראַכמאָנעס שלאָ־גן פון דער הויך. בלוט האָט גערונען פון פּאָנעם, מיינע געשרייען וועגן הילף זיינען שנעל שטיל געוואָרן. אייניקע קלעפּ מיט אַ מעטאַלענער רוט, אַ פייף אין לינקן אויער און איך בין געפאַלן אין אָנמאַכט".

דער געליטענער דערציילט ווייטער, אַז מע האָט אים געשלאָגן אַזוי לאַנג, ביז זיין צושטאַנד איז געוואָרן געפערלעך און מען איז געווען געצוואונגען צו געבן אים מעדיצינישע הילף. כאָטש ער האָט קימאַט פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין, האָט ער דאָך איינגעהיט די גייסטיקע קראַפט, קעדיי אויפמערקזאַם באַאָבאַכטן דאָס אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַרום. מיר גיבן אין אויסצוגן אייניקע וויכ־טיקע באַשרייבונגען:

„אין צימער זיינען געזעסן יונגעלייט מיט בלייכע פּענעמער, באַ איי־ניקע זיינען געווען פאַרבונדן די קעפּ. זיי האָבן געוואַרט אפן פאַרהער. אָפט פלעגן די שטורמאָוויקעס אַריינגיין און פאָדערן, אַז אַלע אַרעסטירטע זאָלן אויפשטיין פון די ערטער מיט אַ באַגריסונג: „זאָל לעבן היטלער!" די, וועלכע פלעגן ניט אַזוי גיך אויסשפּילן דעם דאַזיקן באַפעל, פלעגט מען צווינגען מיט אַ שמיץ פון אַ קאַנטשיק אויפצושטיין און ווידער זיך זעצן. דאָס איז איבערגעכאַזערט געוואָרן 10—15 מאָל. דערביי פלעגט זיך דער טעמפּ די גאַנצע צייט פאַרגיכערן.

„עס זיינען אָנגעקומען שטורמאָוויקעס און האָבן פון קעסטל פון שרייבטיש אַרויסגענומען רעוואָלווערן און יעדער האָט אויסגעקליבן לויט

זיין געשמאַק. אנדערע זיינען געקומען נאָך צעטלען פון פריוויליקע, וואָס ווילן גיין קיין עסטרייך (!).

„איינעם, וועלכער האָט מיט איינעקע טעג צוריק באַליידיקט א שטורמאַוויק, האָט מען ארויסגעשלעפּט אין דער דאָזיקער נאַכט פון בעט און ארעסטירט; א פרוי, וואָס האָט אויפגעוואָרפן איינעם א פאשיסט, אַלעמיי ער איז פון דעם קאָמוניסטישן לאַגער אריבערגעגאנגען צום פאשיזם, איז ארעסטירט געוואָרן בא זיך אפן קוואטיר און מען האָט איר געבראַכט צו שלעפּן אהער.

„פּלוצים האָבן זיך געלאָזט הערן אויסגעשרייען: „עס זיינען ארעסטירט פּיק און אולשטיין, מע וועט זיי באַלד ברענגען אהער". די שטורמאַוויקעס זיינען אריין אין א ווילדן עקסטאַז. זיי האָבן גענומען פּאַכן מיט די שטעקלעך אין דער לופט: „זאָלן זיי זיך נאָר וויזן!" מע האָט דערקלערט, אז עס איז געקומען אן ארבעטער, שולצע, אלע שטורמאַוויקעס זיינען ארויס פון צימער. אין פארלויף פון א פערטל שאָ האָט מען געהערט, ווי אזוי זיי האָבן געבושעוועט אין קאָרידאָר. נאָכדעם האָט מען צו אונז אריינגעשפּארט אן ארבעטער פון קליינעם וואוקס, בעערעך א יאָר 30 אלט, דאָס רעכטע אויג איז געווען געשוואָלן. באם פארהער האָט ער זיך מוידע געווען, אז ער איז א מיטגליד פון „רויטער הילף". מע האָט אים באַשולדיקט אין דעם, אז ער האָט אַנטיילגענומען אין דערהאַרגענען א שטורמאַוויק. ער האָט עס אָפּגעלייקנט און ער האָט דערקלערט, אז צוליב דעם כּשאַד אין אָט דעם דאָזיקן פארברעכן האָט מען אים שוין געהאַלטן אין טפיסע און אז מע האָט אים ארויסגעלאָזן אף דער פריי. מע האָט אים גענומען שמייסן מיט קאַנטשיקעס און געהייסן ענטפערן אף יעדער פראַגע: „יאָ, מיין הער". מע האָט אים ניט אָפּגעלאָזן, ביז וואַנען ער האָט ניט אָנגעהויבן אָט דאָס צו זאָגן: „דו ביסט אַ מערדער, פאַסקודסטווע?" — „ניין" — האָט געענטפערט דער ארבעטער. ניין? — און מע האָט אים נאָך שטאַרקער געשלאָגן. זיין גאַנץ פּאָנעם איז פארגאָסן געוואָרן מיט בלוט. ער האָט עס אויסגעווישט מיטן ארבל. „דו האָסט דאָך עם נאָרוואָס אָנערקענט". דער ענטפער: „דאָס איז געווען געצוואונגען". זיי האָבן אים ווידער געשלאָגן. מע האָט בא אים געפרעגט, וויפיל קינדער ער האָט געהאַט אף זיין לעבן, מיט וויפל פרויען ער האָט געלעבט, צי זיינען אלע זיינע קינדער אזוינע אידיאָטן ווי ער אליין.

נאָכדעם האָט מען אים אוועקגעשלעפּט אין קיך, וואו מען האָט אים אָפּגעשאָרן. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט מען אים צוגעפירט צו אן 80 יאָריקן אויסגעקווארטן זאָקן, דעם פאסטער פון ליכטערפעלד. אָט דער גרויער אַלטער האָט אים געדאַרפט אויסשטרעקן די האַנט און באַגריסן מיט די ווערטער: „גוט-מאָרגן, כאַווער". דער אַלטער האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט: „איך דריק אייך די האַנט, איר זייט א ליידנדיקער מענטש". אלע האָבן געלאַכט. „אָך, אזוי באַגריסטו א מער-

דער!" דער אלטער האָט געענטפערט: „און אויב אפילע אזוי! — ער איז א פארמוטשעטער מענטש, און איר זייט די פארקערפּערונג פון געוואלט־טאַט, וואָס וועט ניט לאנג דויערן. מיינע איבערצייגונגען וועט איר ניט אויסוואָרצלען אפילו מיט גומענע שטעקנס, איר זייט נאַציאָנאַליסטן, און איך בין אן אינטערנאציאָנאַליסט". אָט די דאָזיקע מוטיקע אויפירונג פון דעם זאָקן האָט פארשעמט אייניקע פון די פייניקער. ווען אייניקע פון זיי פלעגן זיך וועלן א ווארף טאָן אף אים, פלעגן זיי די איבעריקע אָפּהאַלטן". פון דער ווייטערדיקער מיטיילונג פונעם געליטענעם איז צו זען, וואָס פאר א לײדן עס האָט דעמאָלט איבערגעטראָגן די פרוי פונעם דאָקטאָר!

„נאָך האַלבע נאכט האָבן מיך עטלעבע העלט אריינגעשטופּט אין פאָ־דעררצימער. דאָרט האָב איך געפונען מיין פרוי, בלאס ווי דער טויט. זי האָט מיר שטיל אפן אויער געזאָגט אף אידיש: „איך קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן, איך וועל זיך ארויסוואַרפן פון פענצטער, איך קאָן מער ניט. זיי ווילן דיך דערקלערן פאר א שפּיאָן, פאר א טשעקיסט און שיסן". „טו ניט קיין נארישקייטן, נעם זיך אין די הענט". דאָס, וואָס מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט מיט א פּאָר ווערטער, האָט ארויסגערופן שרעקלעכע גע־שרייען פון דעם שטורמאָוויק, וואָס האָט אונז פארהערט און האָט זיך פון מידקייט (פון שיקרעס) קוים קוים געהאַלטן אף די פיס. מיין פרוי האָט מען ארויסגעפירט. מיין צושטאַנד איז געוואָרן ערגער און איך האָב גע־פּאָדערט א דאָקטאָר. מען האָט מיך אריינגעבראכט אין צימער פון שעף. מיין פרוי האָט זיך קוים איינגעבעטן, מע זאָל איר דערלויבן געבן מיר טרינקען פון א לעפעלע".

ניט געקוקט אף דער קריטישער לאגע פון דעם צעמוטשעטן ארעסטירטן, האָט זיך די שטורעם־אָפּטיילונג ניט אָפּגעזאָגט פון איר ציל — ארויסציען באם דאָקטאָר דאָס, צו וואָס זיי האָבן געשטרעבט. מע האָט צו אים צוגעשיקט א שפּיק, וואָס רעדט בולגאריש, וועלכער האָט אים געדאַרפט צווינגען ריידן. דער שפּיק האָט געהאַט א פּינקטלעכע אָנווייזונג, ווי אזוי ער דארף זיך האַלטן אין דער קאַזארמע. דער דאָקטאָר שרייבט וועגן דעם:

„ער האָט ארויסגענומען א רעוואָלווער און געזאָגט: „דריי קוילן: איינע — אין שלייף, איינע אין מויל און איינע אין בויך און ס'ווערט א סאָף פון דיר". איך בין געלעגן שווייגנדיק אָן באוועגונג... ער האָט אויפגעהויבן זיינע פויסטן און האָט מיר א קלאַפּ געטאָן אין פּאָנעם: „אין אייניקע מינוט ארום וועט ווערן פון אייך א סאָף. איך וועל דיך אויפ־הענגען אפן אושאק פונעם פענצטער. אָט אזוי פלעג איך אויפהענגען אין קיעוו. אין אייניקע מינוט ארום וועל איך ארוים פון צימער און דעמאָלט וועט שוין זיין צו שפּעט. דו וועסט ריידן צי ניין, שלימאַזלדיקער פּאַס־קודניק! וואָס טוט די טשעקא, ווי אזוי ארבעט די געפּעאו?" איך בין גע־לעגן אָן באוועגונג. ער האָט מיר מיט זיין גאנצן קויעך א קלאַפּ געטאָן מיט א פוס אין בויך. איך האָב פארלוירן דאָס באוואוסטזיין".

מען ציט אריין א דאָקטאָר אין פאסטקע

מיר נעמען פאָלגנדיקע מיטיילונג, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער סאארבריקענער „ארבעטער־צייטונג" דעם 14־טן אפריל:

„דעם 17־טן מערץ איז פאָרגעקומען די אָרדנטלעכע זיצונג פון דער בערלינער מעדיצינישער געזעלשאפט. נאָך דעם פאָרטראג האָט דער פאָר־זיצער פון דער געזעלשאפט, דער 70 יאָריקער פּראָפעסאָר גאָלדשיידער, דער אָנפירער פון דער אוניווערסיטעטס־קליניק, געבעטן זיינע קאָלעגן פארבלייבן נאָך אייניקע מינוט, ווייל ער וויל דאָ דעמאָנסטרירן א באזונ־דערס אינטערעסאנטן פאל. נאָכדעם האָט מען אריינגעפירט א פאציענט, וואָס זיין גאנצער קערפּער איז געווען פארבינטעוועט, און דער פּראָפעסאָר גאָלדשיידער האָט געזאָגט: „מיינע הערן, אָט דער פאציענט איז אונזערער א קאָלעגע, ער איז דר. ליסט. מיט אַ פּאָר טעג צוריק, אינאָוונט, האָט מען אים טעלעפאָניש ארויסגערופן אין דיבעטערפעלד צו א קראנקן. ווען ער איז געקומען אהין, האָבן אים צוגענומען שטורמאָוויקעס און מען האָט אים אזוי שרעקלעך צעקיילט". די דאָזיקע ווערטער האָבן בא דער פאר־זאמלונג ארויסגערופן א שרעקלעכע אויפרעגונג. דער אלוועלטלעך בא־רימטער פּראָפעסאָר זאוערברוך, א נאציאָנאליסט, איז אויפגערעגט אויפ־געשפּרונגען און האָט דערקלערט, אז ער איז גרייט אויפנעמען אין זיין קליניק דעם קאָרבן פון די שטורמאָוויקעס. צוליב דעם פאל האָט זיך אין די ברייטע קרייזן פון די בערלינער דאָקטוירים פארשפּרייט אַ פאניק, ווייל זיי האָבן מוירע געהאט, אז מיט זיי קען דאָס זעלבע טרעפן, ווען מען רופט זיי צו פאציענטן".

מען שמייסט א 50 יאָריקע פרוי

(מיטיילונג פון איידעס — פאָטאָ־דאָקומענט).

אין דער נאכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק, ד. ה. פון 20־טן אויפן 21־טן מערץ, איז געמאכט געוואָרן אן אָנפאל אויף מאריא יאנקאָווסקאיא, וועלכע איז א מיט־גליד פון שטאָט־ראט. מאריא יאנקאָווסקאיא איז א סאָציאל־דעמאָקראטקע. דער אָנפאל איז געמאכט געוואָרן אין איר קוואַרטיר אויף בערמאנשטראסע 18, אין בערלין־קעפּעניק. דער אויטאָמאָביל פון דער וועשעריי מיטקע (קעפּעניק, קארל־שטראסע) האָט זיך אָפּגעשטעלט פארן הויז. פון אים זיינען ארויס 20 שטורמאָ־וויקעס, האָבן אויפגעריסן די טיר, פארנומען דעם אריינגאנג און די טרעפּ. 6 שטורמאָוויקעס האָבן זיך מיט רעוואָלווערן אין די הענט אריינגעריסן אין קוואַ־טיר. יאנקאָווסקאיא איז אינאיינעם מיט 2 פארטייער, קאָמוניסטישע טוער, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אין אויטאָמאָביל, אוועקגעפירט געוואָרן אין דער געביידע פון דער קעפּעניקער שטורעם־אָפּטיילונג (עליזאבעט־שטראסע 29).

אפן הויף אין א שטאל האָט מען איר געצוואונגען אויסטאָן זיך א נאקעטע און לייגן זיך אויף א הילצערנער באנק, וואָס איז געווען באדעקט מיט אַ שוואַרץ־

רויט־גאָלדענער פאָן. עס האָבן איר פעסט געהאַלטן 4 מענטשן, און איינער האָט צוגעדריקט איר פּנים צו א פּעקל אַלטע שמאַטעס. אין פארלויף פון צוויי שעה האָט מען דער פּופּציקיאַריקער פרוי אָן ראַכמאָנעס געשלאָגן מיט שטעקלעך, געשמיסן מיט שטאָלענע ריטער און מיט קאַנטשיקעס.

נאָך אָט דער דאָזיקער אינקוויזיציע האָט מען יאנקאָווסקאיא ארויסגע־פירט אפן גאס. 5 אזייגער אין דער פרי האָבן איר די דורכגייער געפונען און גע־בראַכט אף א טאַקסימעטער אהיים. די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אז איר לעבן איז אין געפאר. מען האָט איר אָפּגעשלאָגן א ניר. אפן קערפּער איז בוכ־שטעבלעך ניט פארבליבן קיין איין גאַנץ אָרט. אין שפּיטאָל (אַנטאָני־שפּיטאָל אין קארלסהאָרסט) האָט יאנקאָווסקאיא געגעבן פאָלגנדיקע מיטיילונג, וואָס איז אריינגעטראָגן אין פּראָטאָקאָל:

„בעאַיים מען האָט מיך געשלאָגן האָט מען מיר קעסיידער געהייסן אָנרופן אדרעסן און נעמען פון ארבעטער. איך האָב געדאַרפט רעכענען לויטן סיידער, די פארבן פון דער רעפּובליק און אָנשטאָט שווארץ־רויט־גאָלדענע האָב איך געדארפט זאָגן שווארץ־רויט־טינעפּדיקע. מע האָט מיר געשטעלט פראגן: צי האָסטו באַקומען געלט פון דער פארזאָרגונגס־פאר־וואַלטונג, צי האָסטו געגעבן נאכטלעגער און עסן קאָמוניסטן; צי האָסטו געגאַנוועט שיך פון ארבעטסלאָזע; צי האָסטו צונויפגעשטעלט א צעטל פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע מאַגאַזינען, וואָס זאָלן באַיקאָטירט ווע־רן? מען האָט מיך געשלאָגן אָן ראַכמאָנעס, אויב איך פלעג עפּעס וואָס אָפּלייקענען. ווען איך האָב גענומען שרייען, האָט דער פינפטער פּייניקער פארשטאָפּט מיר דאָס מויל מיט א שמאַטע. איך בין אראָפּגעפאַלן פון בענקל, נאָכדעם ווי איך האָב שוין באַקומען וויניקסטנס הונדערט שמיץ. מען האָט מיך ווידער אויפגעהויבן און אזא שטאַרקן זעץ געטאָן איבערן פּנים, אז איך בין געפאַלן אין א ווינקל. דערביי האָט מען מיר פארוואונ־דעט א קני. נאָכדעם האָב איך געדארפט אינאיינעם מיט צוויי קאָמוניס־טישע ארבעטער, וועלכע מען האָט אויך געפּייניקט, זינגען דעם הימן: „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס...״

„איך בין געווען געצוואונגען אונטערצושרייבן א מעלדונג, אז איך וועל ארויסטרעטן פון דער ס.־ד. פּארטיי, אז איך וועל זיך קיינמאָל מער ניט פארנעמען מיט פּאָליטישער טעטיקייט און אז איך וועל יעדן דאָנערשטיק קומען צו די פאשיסטן נאָך אָנווייזונגען. נאָך דעם האָט זיך די באַציאונג צו מיר געענדערט. מע האָט מיר געגעבן א גלאָז וואסער, אויסגערייניקט און אומגעקערט מיינע קליידער. דער שעף פון די שטור־מער האָט איינעם פון די שטורמאָוויקעס באפוילן „ארויסצופירן״ די דאַ־מע. דער שטורמאָוויק האָט מיך אונטערגעהאַלטן, אז איך זאָל ניט פאַלן, און האָט הינטער מיר פארמאַכט די טיר און „העפלעך״ א זאָג געטאָן: „א גוטע נאַכט״.

דער מאַן פון דער געליטענער האָט אָנגעגעבן א מעלדונג אין דער פּאָליציי.

ער האָט אָבער באַקומען אַן ענטפער, אַז די פּאָליציי איז מאַכטלאָז צו אונטערנעמען וואָס ניט איז. וואָס האָט געבראַכט אָט די יונגע באָכערים צו אָפּטאָן אַזאַ מין אומענטשלעכע אַכזאָריעס, וועלכע עס רעפּראָדוצירן די פאָטאָגראַפיע און די פּראָטאָקאָל? זיי האָבן געמוטשעט אַ פרוי, וועלכע האָט אין פאַרלויף פון פיל יאָרן אַף איר פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן פאַרגרינגערט די ליידן און נויטן, אַ פרוי, וואָס האָט לויט איר עלטער זיי געקאָנט זיין אַ מוטער. מיינט ניט, אַז דאָ איז געגאַנגען וועגן אַן אַקט פון פּערזענלעכער נעקאָמע. זיי האָבן ניט נאָר געשלאָגן אַ נאַקעטע פרוי, זיי האָבן געפּאָדערט אַדרעסן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אַזוינע מאַיסים האָבן זיי געטאָן לויטן אויפטראַג פון דער אָנפירונג פון די שטורמאָוויקעס. די אָנפירונג האָט ניט נאָר פאַרדעקט דעם דאָזיקן פאַרברעכן; נאָכמער: ווען דער דאָזיקער פאַל איז געוואָרן באַוואוסט אין אויסלאַנד, האָבן זיי זיך אָנגעקלאָגט אַף דעם, וואָס „מע פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן אַכזאָריעס". דאָס האָבן זיי אָנגעקלאָגט דער טויט־קראַנקער פרוי, וואָס וועט דאָס גאַנצע לעבן ליידן פון די פּייניקונגען, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן.

אַ דאָקטאָר — אַ נערוואָפּאַטאָלאָג

ווערט אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד נאָך דעם, ווי ער קריגט קלעפּ

„דאָנערשטיק דעם 21־טן מערץ איז אין זיין בערלינער קוואַרטיר דורך אַ גרויסער אָפּטיילונג שטורמאָוויקעס אַרעסטירט געוואָרן דער דאָקטאָר פון נערוון־קראַנקהייטן פרענקעל. דאָקטאָר פרענקעל האָט דרייסיקער געאַרבעט אין די פּראָלעטאַרישע קרייזן. ער איז אָפּגעפירט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער קאַזאַרמע אַף פּאַפּערשטראַסע. מען האָט אים דאָרטן געהאַלטן ביז שאַבעס. אין פאַרלויף פון אָט די צוויי טעג האָט מען אים געמאַכט עטלעכע פאַרהערן, מע האָט אים פיל מאָל געשמיסן מיט שטאָלענע ריטער און מיט קאַנטשיקעס. שוין נאָכדעם ווי דר. פרענקעל איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן זיינען פינקטלעך פעסטגעשטעלט געוואָרן די שפּורן פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגן. עס איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז מע האָט אים צעשעדיקט אַן אויג מיט אַ שמיץ פון אַ קאַנטשיק. דר. פרענקעל איז באַפרייט געוואָרן דעם 23־טן מערץ, נאָכדעם האָט ער געגעבן אַן אונטערשריפט פאַר זיך און פאַר זיין פרוי, אַז זיי פאַרפּליכטן זיך באַלד צו פאַרלאָזן די גרענעצן פון דייטשלאַנד אַף שטענדיק.

דאָקטאָר פרענקעל, וועלכער האָט אויסגעפילט אָט די דאָזיקע געצוואונגענע פאַרפּליכטונג, וואוינט איצט אין עמיגראַציע. ער טיילט אַגעוו מיט פאָלגנדיקע פּראָטים פון די באַדינגונגען אין די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאַזאַרמעס:

„אין דעם צימער, וואו איך האָב זיך געפונען אין דער צייט פון מיין אַרעסט, זיינען געבראַכט געוואָרן 15 יונגע אַרבעטער. איך זאָג אייִדעס, אַז די דאָזיקע יונגע אַרבעטער זיינען צעהאַרגעט געוואָרן אַפן סאַמע שרעקלעכסטן אויפן. ווי אַ דאָקטאָר קען איך באַשטעטיקן, אַז יעדנפאַלס האָבן 8 פון זיי געמוזט שטאַרבן פון די קלעפּ, וואָס זיי האָבן באַקומען אַף פּאַפּעשטראַסע. די אַרבעטער האָט מען געפּייניקט אין פאַרלויף פון פיל שאָען,

Dr.med.Fritz S c h w ö r e r   Charlottenburg, 2. April 1933
Berlinerstr. 93.

Heute um 11 Uhr kam Herr   zu mir und bat mich um Ausstellung dieses Attestes. Die vorgelegte polizeiliche Anmeldung lautete auf

Befund: Die Weichteile um das linke Auge sind stark verschwollen und blutunterlaufen, auch über dem rechten Auge und auf der Stirne blutunterlaufene Stellen. Auf dem behaarten Teil des Schädels, besonders rechts, zahlreiche Beulen und blutig verschorfte Stellen. Die linke Ohrmuschel gerötet und stark verschwollen, an der linken Halsseite ebenfalls Schwellungen und Hautdefekte. Beide Oberarme, besonders der rechte, geschwollen und blau und rot unterlaufen. Die rechte Hand und das Handgelenk vollständig verschwollen, besonders schmerzhaft sind das Handgelenk, der Handrücken besonders im Bereich der 2. und 3. Mittelhandknochen und des Daumengrundgelenks und Mittelfingergrundgelenks und des Endglieds des 4. Fingers. Ob eine Fraktur vorliegt, bedürfte der Röntgenuntersuchung. An der linken Hand ist der Handrücken geschwollen und schmerzhaft, besonders der 2. Mittelhandknochen und das Grundgelenk. Beide Gesässbacken und der obere Teil beider Oberschenkel sind vollkommen rot und teilweise striemig blutig, mit Hautdefekten unterlaufen, ebenso Striemen an der Vorderseite des rechten Oberschenkels. Das rechte Knie zeigt links unter der Kniescheibe eine alte Operationsnarbe, es ist stärker als das linke und ist schmerzhaft.

Dr. med. Schwörer
Arzt
Charlottenburg, Berlinerstr. 93

דער אָריגינאַל פון א מעדיצינישער צײַגעניש

מע האָט זיי געבונדן, געברענט מיט אָנגעצונדענע פּאַפּיראָסן די פּיאַטעס. גלייכצייטיק מיט מיר איז אהין געבראכט געוואָרן דער דאָקטאָר פּיליפּסטאַל פון בערלין — ביסדאָרף. אָט דער קאָלעגע איז געווען שווער פאַרוואונדעט. איך בין שטאַרק אין צווייפל, צי דער דאָזיקער דאָקטאָר וועט זיך קאָנען דערהאָלן" (דר. פּיליפּסטאַל איז דעם 23־טן מערץ אריבערגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל אורבאן און איז דאָרט געשטאָרבן).

מיטגלידער פון „רייכסבאַנער" און פּאַרטיי־טוער אין דער פּייניקונגס־קאַמער

די האַקכאָשעס פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער רעגירונג סטאַרען זיך די גאַנצע צייט צו שילדערן אַלע עקסצעסן אין די קאַזאַרמעס פון די שטורמאָוויקעס ווי העפקער־מאַיסים פון איינצלנע שטורמאָוויקעס. מיר ברענגען א ריי מיטיילונגען, וואָס שטעלן פעסט אָן קיין שום צווייפל, ביז וואָס פאַר א גראַד עס זיינען געווען פאַרבונדן די האַריגעס מיט דער אָפיציעלער אָנפירונג פון די שטורמאָוויקעס. זיי האָבן זיך אפילע ניט געסטאַרעט צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן א פאַרהער און א געשלעג; עס זיינען פאַראַן פאַלן, ווען די אַרעסטירטע פלעגן „אַרויסגעלאָזן ווערן" נאָך אַן אויסשליסלעכן ווייכן פאַרהער, און ערשט נאָך דעם, אַף די טרעפּ, פלעגן זיי כאַפּן שטורמאָוויקעס, קעדיי צו „באַאַרבעטן זיי" און מען פלעגט זיי אַוועקשלעפּן אין די קעלערן.

„דעם 24־טן מערץ נאָך 1 אַזייגער באַטאָג האָבן מיך 4 שטורמאָוויקעס און איין ציווילער פאַרהאַלטן אין דעם אַרבעטס־קאַבינעט 51, אין ראַט־הויז. „הער קווער, איר דאַרפט נאָכפאָלגן נאָך אונז". צוויי נעמען מיך פאַר די הענט, מע פירט מיך אַף די טרעפּ. די שטורמאָוויקעס, וואָס זיינען געשטאַנען אַף די טרעפּ, האָבן געשריען צום פּובליקום: „אָט גייט דער גענעראַל פון „רייכסבאַנער", קווער. מען פירט מיך אין בירגער־זאַל. דער נאָמען פון איינעם פון די שטורמאָוויקעס, וואָס האָט מיך באַגלייט, איז דיפּעל (אַן אַגענט; די לעצטע צייט האָט ער געאַרבעט אין פאַרזאָרגונגס־אָפּטייל, פאַר א פאַרשווענדונג האָט מען אים פאַרמישפּעט צו פיר כאַדאָשים טפיסע און דערנאָך באַפרייט). איינער פון די שטורמאָוויקעס נעמט בא מיר יעדיעס, וואָס האָבן א שייכעס צו מיין פּערזאָן און צו מיין פּאַרטייאישער אָנגעהעריקייט. נאָך דעם מעלדעט מען מיר, אַז איך בין פ ר יי.

„אַף די טרעפּ פאַרהאַלטן מיך צוויי שטורמאָוויקעס. זיי דערקלערן, אַז איך טאָר נאָך ניט אַוועקגיין. איינער פון זיי גייט אריין אין צימער צו די שטורמאָוויקעס, וואָס האָט מיך גענומען אַפּן פאַרהער, קערט זיך שנעל אום צוריק. ער מאַכט א זשעסט מיט דער האַנט, וועלכע דאַרף הייסן, אַז איך ווער אַוועקגעשיקט אין קעלער. דאָרטן באַגעגענען מיך 10—15 שטורמאָוויקעס און פאָדערן, אַז איך זאָל באַלד אַראָפּוואַרפן דעם פּאַלטאָ און די שליאַפּע נאָכדעם פירט מען מיך מיט געוואַלד אַוועק אין פינצטערן קעלער צו אַן אָרט, וואו עס שטייט א באַנק. דער שטורמאָוויק גייט פאָר־

אוים מיט אן עלעקטרישן טאשן־לעמפל און באליכטן דעם וועג. דאס לעמפל איז פארלאשן. מען ווארפט מיך אף דער באנק און אין פארלויף פון 10—15 מינוט שלאגט מען מיך אף אן אכזאריעסדיקן אופן. ווען איך בין אין א האלב־באוואוסטזיניקן צושטאנד אראפגעפאלן פון באנק און האב געבעטן, מע זאל זיך מיט מיר באגיין מענטשלעכער, האט מען גענומען כויזעקן און לאכן. נאכדעם האבן זיך אנגעהויבן נאך גרעסערע קלעפ. ארויס ענדלעך פון קעלער, בין איך געגאנגען ניט געגוג שנעל, האט מען מיר געזאגט: „נאך ווייניק באקומען, אויב איר איילט זיך ניט, וועלן מיר אייך פירן ווידעראמאל צוריק".

„ד ע ר ש ט א ט ־ ס ע ק ר ע ט א ר מ א ר ט י ן מ י י ע ר, 30 יאר (באנערשטראסע 14), איז ארעסטירט געווארן דעם 24־טן מערץ האלב איינס אזייגער פון די שטורמאוויקעס אין דער אויספיר־אפטיילונג פון דעם קאסעלער ראטהויז, וואו ער האט געארבעט. מען האט אים גע־בראכט אף קארלשטראסע אין בירגערזאל. דארטן האט מען אים אוועקגע־פירט אין א פינצטערן קעלער, אוועקגעלייגט אף א באנק און אין פאר־לויף פון א האלבער שא אן איבערייס אים געשלאגן מיט גומענע שטעקנס. ער האט באקומען גרויסע בלוט־פליצונגען אף דער נאז און אפן רעכטן אויג.

„ק א ש ע ל ז ע פ ע ל סעקרעטאר פון א פראפאריין (קאסעל, שילשטראסע 14), איז ארעסטירט געווארן דעם 23־טן מערץ 1933 יאר, 5 אזייגער נאך האלבן טאג אינאיינעם מיט דעם פראפאריינישן סעקרעטאר גערקע און איז פון פראפאריין־הויז אוועקגעפירט געווארן פון 8 שטור־מאוויקעס אף א פארהער אין בירגער־זאל. מע האט אים געהאלטן אינעם גרויסן זאל. ער האט געהערט געשרייען פון דעם אונטערשטן שטאק. ער האט געווארט א שא. 8 שטורמאוויקעס האבן אים אוועקגעפירט אין א פינצטערן קעלער. מע האט אים אוועקגעלייגט אף א טיש און מיט 3 זעצן איז ער צעשעדיקט געווארן. ער היילט זיך איצטער. ער ליגט נאך. מיסטא־מע זיינען בא אים צעשעדיקט די נירן, די האשטאנע איז מיט בלוט, דער רוקן, דער הינטן, דער אויבערשטער טייל פון די שינביינער זיינען צע־שעדיקט.

„ב א ל ה ע נ ר י ך, א סויכער, (קאסעל, לודוויגשטראסע 3), ארעסטירט געווארן דריי אזייגער באטאג. 4 שטורמאוויקעס האבן זיך אריינגעריסן אין זיין מאגאזין. מע האט אים געבראכט אין דער געביידע פון בירגערזאל. ער איז צעמאזיקט געווארן אף דער גאס. מע האט אים געדראט צו דערשיסן, אויב ער וועט פרואוון אנטלויפן. אין דערגעביידע פון בירגער־זאל האט מען אים געמיימעסט, געשלאגן מיט גומענע פלעק־לעך א פערטל שא נאכאנאנד איבער דעם נאקעטן קערפער (די הויזן אראפ־געלאזן). פון דעמאלט אן ליגט ער א קראנקער אין דעם קאסעלער געגנט־שפיטאל.

„ד ע ר א נ פ י ר ע ר מ י ט ד ע ר א ר ט י ק ע ר ש פ י־

טאָל־קאָסע קריסטיאַן וויטראַק (קאסעל, לואיזענשטראסע 20), 40 יאָר אַלט, האָבן צוויי שטורמאָוויקעס צוגענומען דעם 24־טן מערץ פון זיין קאָנטאָר. מע האָט אים געפירט אַף די טרעפ פון דעם ראַט_הויז און שפּעטער מיט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע שטורמאָוויקעס צו דער געביידע פון בירגערזאַל אַף קאַרל־שטראסע; אַפן וועג האָט מען אים געשלאָגן און געטאָפּטשעט מיט די פיס. אין לאָקאַל פון בירגער־זאַל האָבן אים די שטורמאָוויקעס גענומען אַפן פאַרהער און האָבן נאָכדעם געזאָגט: „וויטראַק איז פריי". נאָכדעם האָט מען אים אַרויסגעפירט פון זאַל גלייך ווי מען וואָלט אים אינדערעמעסן אָפּגעלאָזן, אָבער פון דער געביידע האָט מען אים ניט אַרויסגעלאָזט, נאָר אומדערוואַרט אוועקגעפירט אין אַ פינצטערן קעלער, אַ וואָרף געטאָן אים אַף אַ באַנק און געשלאָגן מיט גומענע פּלעקלעך. צוויי קלעפּ אין קאָפּ, בלוט־פּלייצונגען אַפן רוקן, אַפן הינטן און אַף די לענדן. די זאַכן און די שיך זיינען איינגעריכט, טיילווייז צעריסן. נאָכדעם האָט מען אים ווידער געבראַכט אויבן אין דער געביידע און דאָרטן האָט מען אים אַ צווייטן מאָל געשלאָגן. ער היילט זיך איצט"

אויך אָפּיצירן ווערן קאָרבאַנעס פון געהיימע פאַשיסטישע געריכטן

„די צווייטע וואָך פון כוידעש מערץ האָבן דעם אָבערלייטענאַנט אין דימיסיע, אַנהאַלטן, וועלכער אַרבעט איצט אַלס קרייז־טאַקסאַטאָר, וואוינט אין בערלין־טעמפּעלהאָף, גערמאַניאַ־שטראסע 12, אַרעסטירט בא זיך אין דער היים דריי שטורמאָוויקעס און איין ציווילער. ער רופט באַלד אַרויס פּאָליציי, די פּאָליציי קומט, זי זאָגט זיך אָפּ אַריינצומישן זיך. די שטורמאָוויקעס פירן אָפּ אַנהאַלטן אין דער קאָמענדאַנטור פון דער סוב־גרופּע אַף העדעמאַנשטראסע.

„דאָרטן קריגט ער קלעפּ לעבאַטכילע פון דעם ציווילן, וואָס איז געווען אין קאַס אַף אַנהאַלטן דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די האָזע אַרויסצורופן פּאָליציי. נאָכדעם האָט מען אַנהאַלטן אוועקגעפירט אין אַ צימער, וואו עס זיינען שוין געלעגן אַף שטרוי 12—15 מענטשן. אַנהאַלטן האָט צוגענומען אַ שטורמאָוויק, וועלכן מע האָט אָנגערופן „עלטסטער רייטער". דאָ איז גאָר קיין רייד ניט געווען וועגן דעם, אין וואָס עס ווערט באַשולדיקט אַנהאַלט, מע האָט אים באַשולדיקט בלויז אין דעם, אַז ער האָט לעגאַל געלערנט די מיטגלידער פון רייכסבאַנער, ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט געווער. דער רייטער האָט געוואוסט, אַז פאַר אים שטייט אַ געוועזענער אָפיצער. מיט צוויי געהילפן האָט ער אָנגעהויבן די עקזעקוציע און האָט ניט אויפגעהערט צו שלאָגן, ביז אַנהאַלט איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט פון מויל און פון נאָז. דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבן דעם שווער צעשלאָגענעם אַנהאַלטן און האָט אים באַוויזן די איבעריקע אַרעסטירטע, וואָס האָבן געקרעכצט אַפן דיל. ער האָט אַזוי געזאָגט: „קוקט אַהער, אָט דער

דאָזיקער כאַזער — איז אַן אָבערלייטענאַנט, און קאָן גלייך ניט שטיין אַף די פיס פון שרעק". אַזוי ווי אַנהאַלט האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיי געוויזן, אַז ער זאָגט ליגן, האָט אים דער שטורמאָוויק אַ קלאַפּ געטאָן אין קנעכל און האָט פאַרגעזעצט צו שלאָגן ביז אַנהאַלט איז אומגעפאַלן. נאָכדעם האָט מען אים ווייטער געשלאָגן, אָבער די קלעפּ האָבן ניט געקאָנט איינברעכן דעם אַרעסטירטן אין דעם געוואונטשענעם גראַד. אַנהאַלט האָט צוגענומען די קלעפּ שווייגנדיק און דאָס האָט דעם שטורמאָוויק געבראַכט אין אַן אָנמעכטיקער רעציכע. „דו וועסט רעווען, הונט איינער", האָט ער געשריען און האָט אַנהאַלטן געשלאָגן אַזוי לאַנג, ביז יענער האָט פאַרלאָרן זיין באַוואוסטזיין. דעמאָלט האָט ער אים אַ וואָרף געטאָן אַפן שטרוי צו די איבעריקע אַרעסטירטע".

בלויז אַ נערוון־דערשיטערונג

„אָ ט אָ ג ע ר ק ע איז האַלב פיר אַזייגער געקומען אין קעסעלער פראַפאַריין־הויז. מיט אים האָבן פאַרפירט אַ שמועס דריי מיטגלידער פון דער הילף־פּאָליציי. דער ערשטער האָט געזאָגט: „אָט דער איז אויך פון די דאָזיקע". דער צווייטער: „דעם דאָזיקן וועלן מיר נעמען". דער דריטער: „דאָס איז ער, גערקע פון מעטאַליסטן־פאַריין".

„האַלב פינף זיינען 4 שטורמאָוויקעס אַריין אין קאַנצעלאַריע. „הער גערקע?" „יאָ". „טוט זיך אָן, איר דאַרפט נאָכפאָלגן נאָך אונז אַף אַ פּאָר הער". אַף דער פראַגע, צי ווייס וועגן דעם דער פּאָליציי־פּרעזידענט, האָב איך באַקומען אַן ענטפער: „יאָ". אין דער באַגלייטונג פון 8 שטורמאָוויקעס בין איך געבראַכט געוואָרן אין דער געביידע פון בירגערזאַל דורך דער שפּאַרשטראַסע, לעכאַטכילע האָט מען מיך געפירט אין דער וואַך־געביידע, נאָכדעם אין דער הויף אין זאַל, מע האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג צי איז בא מיר ניטאָ קיין געווער, צווישן האַלב און דריי פערטל זעקס האָט מען מיך אַרויסגעפירט. צוויי שטורמאָוויקעס האָבן מיך געפירט אַראָפּ אַף די טרעפּ צום אַריינגאַנג אין קעלער, וואו עס זיינען אַף דער רעכטער זייט געשטאַנען איניקע וועלאָסיפּעדן. נאָכדעם האָט מען מיך געצוואונגען אַראָפּנעמען דעם פּאַלטאָ און די הוט. דערנאָך האָט מען מיך אוועקגעפירט אין אַ קעלער, וואוהין עס האָבן געפירט 12 טרעפּלעך; דאָ האָט מען מיך אַרויפגעוואָרפן אַף אַ טיש, וואָס איז געווען פון פריער צוגעגרייט. מע האָט מיך געהאַלטן פאַר די הענט און פאַרן קאָפּ. אין פאַרלויף פון 20 מינוט האָט מען מיך געשלאָגן מיט גומענע שטעקלעך. ווען מע האָט מיר אַראָפּגעריסן פון טיש, האָב איך געדאַרפט שרייען: „זאָל לעבן היטלער"! אָבער איך בין ניט געווען אימשטאַנד דאָס צו טאָן, עס איז גלייך נאָך דעם באַלד אַרויסגערופן געוואָרן אַ הויז־דאָקטער, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אַ בלוט־פליִיצונג און אַ נערוון־דערשיטערונג".

א ק אָ פּ י ע פ ו ן א מ ע ד י צ י נ י ש ע ר צ י י ג ע נ י ש

„קאסעל, 28־טן מערץ 1933 יאָר. „דערמיט באשטעטיק איך, אז איך האָב געהיילט דעם הער גערקע אין קאסעל אױף יוסאַפשטראסע. איך האָב אים געהיילט פון גרויסע בלוט־פליײצונגען אין געביט פון ביידע הענט, פון דער הינטערשטער טייל פון די ליטקעס, קני־שיסעלעך און הינטערשטע זייט פון די פיס. די בלוט־פליײצונגען אין דער הויך דערגייען ביז דעם גע־ביט פון די נירן. איך הייל דעם הער גערקע פון 24־טן מערץ 1933 יאָר. ער איז ניט אימשטאַנד צו גיין אױף ארבעט און דאַרף ליגן אין בעט. אונ־טערשריפט".

א פּאָגראָם־פילם אָנשטאָט א מיטיק

„מאָנטיק דעם 3־טן אפּריל, האַלב זיבן אזייגער, האָבן מיך צוויי שטורמאָוויקעס פון שוץ־אָטריאד ארעסטירט. כאָטש אױף דעם פאַרהער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ס'איז קיין שום גרונט ניט געווען צו ארעסטירן מיך, האָט מען מיך פונדעסטוועגן מיט נאָך צוויי ארעסטירטע געבראַכט אין אן אייז־קעלער. דאָס איז געווען אן אונטערערד־קאַמער אין דער לענג ארום דריי מעטער און אין דער ברייט ארום צוויי מעטער. אין אָט דער לאָך האָט ניט אָרייגגעדרונגען ניט קיין ליכט און ניט קיין לופט. מיר האָבן דערקענט איינער דעם צווייטן בלויז דעמאָלט, ווען מיר זיינען גע־שטאַנען איינער לעבן דעם אנדערן און האָבן געקענט אָנרירן איינער דעם צווייטן. באַלד האָבן מיר גענומען פילן א שטיקעניש און געפרואווט קומען צו זיך, זיך צולייגנדיק. לייגן זיך האָט מען געקאָנט נאָר אױף אן אלטער וועג־בעטל אָן א מאטראַץ און אָן א קאָלדרע. דאָ האָבן זיך געוואַלגערט אייניקע זעקלעך פון קארטאָפל, וועלכע מיר האָבן אויסגענוצט אָנשטאָט קאָלדרעס. קיין טרונק וואסער איז ניט געווען, וואסער אױף וואשן זיך האָט מען אונז ניט געגעבן. דאָס עסן איז געווען פאַר אונז אן אָפּקומע־ניש. דאָס געקעכץ איז שטענדיק געווען קאַלט.

„איינער פון די ארעסטירטע אידן האָט באַם פאַרהער באקומען א באַפעל צו באגריסן יעדן שטורמאָוויק, וואָס גייט אריין אין קעלער, מיט די ווערטער:

„איך וויל אין פּאַלעסטינע".

„איך האָב זייער ראַכמאָנעס געהאַט אױף אים, ווייל נאָך זיין שטימע האָב איך געפילט, ווי שווער עס איז פאַר אים אָט די דאָזיקע דערנידערונג.

„דאָנערשטיק האַלב צוועלף האָט מען אונז ענדלעך ארויסגעלאָזן פון סקלעפּ און געבראַכט אין א שול־געביידע. פרייטיק האָט זיך גערוכט, אז מע וועט אונז באַפרייען, מען האָט עס אָבער נאָר געלאַכט פון אונז. די שטורמאָוויקעס האָבן, ווייזט אויס, מאָביליזירט די שבײנעסדיקע פּאַשיס־טישע באפעלקערונג, ווען מע האָט אונז אריינגעוואָרפן אין אויטאָמאָביל, איז לעבן שול געשטאַנען א גאַנצע כאַליאַסטרע, וואָס האָבן אונז באגע־

גנט מיט זידל־אויסגעשרייען. די דאָזיקע מענטשן האָבן געדאַרפט זען, ווי עס איז אונז אַלעמען שלעכט. זיי האָט אונטערהאַלטן אונזער אומגליק. צו אונזער וואונדער האָט מען אונז אַוועקגעפירט אין א קינאָ. דער פילם, וואָס מע האָט אונז באַוויזן, הייסט: „דייטשלאַנד, וואָס גייט אָפּ מיט בלוט". דאָס איז א פולשטענדיקע העצע קעגן פראַנקרייך. איין סצענע האָט געשילדערט שלאַגעטערס צעשיסונג. איינער פון די בייוועזנדע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָט געהאַלטן א רעדע. ער האָט געמיינט, אז ער קאָן אונז איבעריידן. אָבער פאַר אונז איז איבערצייגנדיק געווען דאָס, וואָס מיר האָבן אין דעם טאָג ניט באַקומען קיין וואַרמעס.

„פרייטיק באַנאַכט 12 אזייגער האָבן מיך פּלוצים צוגענומען צוויי שטורמאַוויקעס, מע האָט מיך אַוועקגעפירט אין דער קאַראַול־קאַמער און דאָ האָב איך ניט געגעבן אזעלכע ענטפערס, וואָס זאָלן זיי באַפרידיקן. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט געהייסן מיך אַוועקפירן. אין א שעה אַרום האָבן מיך צוגענומען צוויי פון דער שוץ־אָפּטיילונג, אָבער שוין ניט אין דער פריערדיקער אַרעסט־קאַמער, זיי האָבן מיך אַוועקגעפירט אין וואַלד. פּלוצים האָט זיך דער אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט. מען האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון אויטאָמאָביל אויף דער ערד און געפרעגט: „וואו איז געווער"? איך האָב געזאָגט: „איך ווייס גאָרנישט". דעמאָלט האָט מען מיך אָנגעהויבן צו שלאָגן. מיין פּנים האָט מען צוגעדריקט צו דער ערד. איך האָב געטעמט דעם רייעך פון דער רויער ערד, זאמד איז מיר אַריינגעקראָכן אין די ציינער, און אויף דער פּלייצע האָבן זיך געשאָטן קלעפּ פון גומענע שטעקנס. דער סאַמע שווידערהאַפטער געדאַנק איז געווען וועגן דעם, וואָס יעדע מינוט האָט מען געקענט מאַכן א סאָף צו מיר.

„אביסל שפּעטער האָבן זיי מיך אויפגעהערט צו שלאָגן און ווידער געפרעגט: „וואו איז געווער?" איך האָב זיך שוין געוואָלט א וואָרף טאָן אויף זיי, ווייל עס איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן אַלץ איינס, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעקערט און איך האָב באַמערקט, אז זיי האָבן זיך איינגעמידט צו שלאָגן. די האַנט, וואָס האָט מיך געהאַלטן פאַרן קאָפּ און צוגעדריקט צו דער ערד, האָט זיך מיטאַמאָל פאַנאַנדערגעפּאַכט און האָט מיר געגעבן א שרעקלעכן זעץ איבערן קאָפּ, אז איך האָב פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין.

„ווען איך בין געקומען צום באַוואוסטזיין, זיינען זיי שוין ניט געווען. איך האָב זיך ווי עס איז דערשלעפּט אַהיים. האָב געבעטן אַרויסרופן א דאָקטאָר, אָבער ער איז געווען אזא פּאַכדן, אז ער האָט מוירע געהאַט אָנצושרייבן א צייגעניש.

„עס איז פולשטענדיק ליגן, ווען זיי זאָגן צו אַלס א קאָנטער־מיטל מיט דער הילף פון ספּעציעלע קאָמאַנדעס פאַרטיידיקן פון די אומבאַגרינדעטע אָנפאַלן פון די שטורמאַוויקעס; זיי וואַרפן נאָר שטויב אין די אויגן. עס האָט מיך אַרומגענומען א שרעק, ווען איך האָב גערעדט מיט דעם צווייטן באַפרייטן, וואָס האָט מיר דערציילט, אז ער האָט געדאַרפט געבן אן אונ־

טערשריפט, אז מע האָט אים ניט געשלאָגן. קוים האָט ער נאָר געגעבן אַן אונטערשריפט, האָט מען אים באַלד ווידער אָנגעהויבן צו שלאָגן און דער־ביי האָט מען געזאָגט: „מיר האָבן איצט דיין אונטערשריפט וועגן דעם, אַז מען האָט דיר קיין שלעכטס ניט געטאָן".

מען פּייניקט אויך מילחמה־אינוואַלידן

אין דער צווייטער העלפט פון מערץ האָבן די שטורעם־אָפּטיילונגען פאַרנו־מען די בערלינער עלעקטרישע סטאַנציע אויף שיפבאַועררדאַם. זיי האָבן פאַרנומען די געביידע, ניט דערלויבט די אָנגעשטעלטע פאַנאַנדערצוגיין זיך, אַרעסטירט אַלע מיטגלידער פון זאַוואָד־קאָמיטעט און אַוועקגעטריבן זיי אין די קאַזאַרמעס פון די שטורמאָוויקעס. די פאַרוואַלטונג פון דער אַקציאָנערן־געזעלשאַפט פון בער־לינער עלעקטרישער סטאַנציע האָט אין פאַרלויף פון איין שעה זיך געסטאַרעט, אַז עס זאָל זיך דערין אַריינמישן די פּאָליציי. דורך דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָט זיך אָפּן צווייטן טאָג איינגעגעבן צו דער־שלאָגן זיך, אַז די אַרעסטירטע זאָלן באַפרייט ווערן.

13 אַרבעטער האָבן דערציילט, אַז מען האָט זיי געצוואונגען שאָענוויז מאַר־שירן אין מיליטער־רייען און זינגען אָן אויפהער: „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד אי־בער אַלעס"... ווען מען האָט זיך געפּרואווט קעגנשטעלן, האָט מען באַלד צוגע־שטעלט דעם רעוואָלווער. צווישן די אַרבעטער זיינען געווען צוויי אינוואַלידן, וואָס זיינען געווען שווער פאַרוואונדעט פון דער מילחמה. די אינוואַלידן האָבן פון די דאָזיקע פּייניקונגען פאַרלאָרן זייער באַוואוסטזיין. פּונקט ווי בא אַלע פאַלן, האָבן אויך די דאָזיקע אַרבעטער געדאַרפט געבן אַן אונטערשריפט, אַז מען האָט זיך מיט זיי באַגאַנגען אָנשטענדיק.

א 24 יאָריקער אַרבעטער פון בערלין (זיין נאָמען ווערט איינגעהיט אין אַר־כיוו) האָבן שטורמאָוויקעס שפּעט אין אָוונט, מאָנטיק דעם 7.־טן מערץ, אַוועק־געשלעפּט אויף העדעמאַנשטראַסע. מען האָט אים געהאַלטן ביז מיטוואָך און ניט איינמאָל געשלאָגן מיט אַ שטעקן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצו־רופן די נעמען פון זיינע פּאַרטייאישע פריינט. גלייכצייטיק מיט אים האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן צוגענומען אויך זיין פאָטער, אַן אינוואַליד, וועלכער האָט שווער געליטן אין דער צייט פון דער מילחמה. זיין זון האָט געדאַרפט קוקן, ווי אַזוי מען שלאָגט דעם אַלטן טאַטן מיט אַ שטעקן. פון די מעדיצינישע שיינען איז צו זען, אַז ביידע האָבן באַקומען וואונדן אויף פּנים, בא ביידע זיינען גע־שוואָלן געוואָרן די נעזער און די פּאָטיליצעס און די הינטנס זיינען באַדעקט מיט בלויע פלעקן.

ער דאַרף אויסלעקן זיין אייגן בלוט

אויף ברויט־זאַוואָד בא וויטלערן, אין צאָפּן־טייל פון בערלין, האָט איינער א יונגער קוריער, ציגלער, 21 יאָר אַלט, געמאַכט אַן אַנטיפאַשיסטישע באַמער־

ערנסט טעלמאַן

דער פירער פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

קונג אין א געשפּרעך אין דער זאוואָד־קיך. דער שטורמאָוויק מילער, וועלכער האָט אויך געאַרבעט באַ וויטלערן, האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט און מאָביליזירט די דרוזשיניקעס פון שוץ־אָפּטיילונג אַף גענטערשטראַסע. זיי האָבן אָפּגעהיט ציג־לערן, צוגעשטעלט צו אים דעם רעוואָלווער און אים געדראָט צו שיסן, אויב ער וועט פּרואוון אַנטלויפן. נאָכדעם האָבן זיי אים אוועקגעפירט.

וועגן דעם, וואָס עס האָט מיט אים שפּעטער פּאַסירט, דערציילט טריאומ־פירנדיק און מיט פאַרגעניגן א שטורמאָוויק: „מע האָט אים אַזוי געשלאָגן מיטן אייגענעם רימען, ביז וואַנען דער רימען איז צעפלויגן געוואָרן אַף פּיצלעך. נאָכדעם האָט ער אויסגעלעקט זיין אייגן בלוט. שפּעטער האָבן מיר אים אָפּגעריייניקט מיט אַ בערשטל די צונג און דער שעף פון אָפּטיילונג האָט אים געזאָגט: „דו ביסט אַ פּאַסקודניק, דו געפינסט זיך אַף היטלערס ערד און זי וועט נאָך פאַר דיר ווערן א הייליקע".

אַן עמעסער אַריער באַקענט זיך מיט דער „דריטער אימפּעריע"

ווי מיר האָבן שוין מיטגעטיילט אין אַן אַנדער אָרט, איז אין דער לעצטער וואָך פון אַפּריל אַרעסטירט געוואָרן אין דאָרעם־דייטשלאַנד דער פּלימעניק פון דעם אינדישן פּאָעט ראַבינדראַנאַט טאַגאָר. מען האָט אים כוישעד געווען, אַז ער האָט גערעדט אַן אָנפאַל אַף היטלערן. טאַגאָרן איז מען געווען געצוואונגען אַרויס־צולאָזן אַף דער פריי, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אין פאַרלויף פון אייניקע טעג אָנ־געליטן פאַרשידענע דערנידערונגען און איזדיעקעס. ער דערציילט:

„די קאַמער, אין וועלכער מע האָט מיך געבראַכט, האָט זיך געפונען אונטער דער ערד און האָט ניט געהאַט ניט קיין ליכט און ניט קיין לופט. דאָ זיינען שוין געווען 22 אַרעסטירטע, אויסשליסלעך מיטגלידער פון לינקע פּאַרטייען, גרעסטנטייל קאָמוניסטן. פיל פון זיי האָט מען דאָ גע־האַלטן שוין מער פון א כוידעש. מען האָט זיי אָבער נאָך קיין איינמאָל ניט גענומען אַפן פאַרהער. פון צייט צו צייט פלעגט מען זיי אַרויסרופן צו איין מענטשן און אַרויספירן פון קאַמער. מע פלעגט הערן דערשיטערנדיקע גע־וואַלד־געשרייען, דערנאָך פלעגט מען אונזער כאַווער אַריינשטויסן צוריק, מיט אַ קרעכץ פלעגט ער אונז ווייזן די שפּורן פון יענע אַכזאָריעסן, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען. איינער א קאָמוניסטישער מיטגליד פון רייכסטאָג האָט מיר באַוויזן שפּורן פון שמיץ און האָט דערביי געזאָגט: „זעט, אָט דאָס רופט מען אָן נאַציאָנאַלע דייטשישע קולטור".

„אין דעם טאָג, ווען מע האָט מיך אַרעסטירט, האָט מען אַרויסגערופן א יונגנמאַן מיט דער פאַמיליע ראָם. ער האָט זיך צוריקגעקערט א צוואונ־דעטער און א צעבלוטיקטער. די שטורמאָוויקעס האָבן אים געשמיסן מיט שטאָלענע ריטער דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן פאַלשע באַווייזן קעגן זיינע כאַווייריִם. מיט גרויס מי האָבן מיר זיך צעלייגט אַפן שטינקנדיקן שטרוי, וואָס ער איז אָבער ניט געווען אימשטאַנד צו

ערנסט טעלמאַן

אין זיין קאמער אין דער בערלינער פּאָליציי־טפיסע אף אלעקסאנדערפּלאץ.

ערנסט טעלמאַן (לויט דער פּראָפעסיע א טראנספּאָרט־אַרבעטער) האָט נאָך ביז דער מיל־כאָמע געקעמפט אין די רייען פונעם דייטשישן ארבעטער־קלאס. בא דער מילכאָמע פון 1914—1918 איז ער געווען צווישן די אמערסטן אקטיווע מילכאָמע־קעגנער. ער האָט אָרגאניזירט די אנטימיליטאריסטישע פּראָפּאגאנדע אין האמבורגער קרייז און אינעם קרייז פון ביי־יאם־ברעג. אין 1920, בא דער שפּאלטונג פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פּארטיי, האָט ער זיך געשטעלט בעראָש פון דער מערהייט פון די האמבורגער אונאָפּהענגיקע און איז אריבער צו דער קאָמוניסטישער פּארטיי. ערנסט טעלמאַן איז געוואָרן דער פירעך פון די האַמבורגער קאָמוניסטן. אין יאָר 1923 ווערט ער א מיטגליד פון צ.ק פון דער ק. פּ. ד. אין די שפּעטערדיקע יאָרן רוקט ער זיך אלץ מער ארויס צווישן די אָנפירער פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּארטיי און בא די וואלן פון 1925 יאָר און 1932 י. ווערט ער ארויסגעשטעלט פון די דייטשישע רע־וואָלוציאָנערע ארבעטער אלס קאנדידאט אפן פּרעזידענטן־פּאָסטן.

אין די טעג פונעם צעיושעטן טעראָר האָט ער, אלס פירער פון ק.פּ.ד. געפירט אן ארבעט צווישן די בערלינער ארבעטער.

נאָך פיבערהאַפטע זוכונגען האָט די פּאָליציי פון היטלערס רעגירונג דעם 3־טן מאי 1933 ארעסטירט ערנסט טעלמאַנען. קעגן אים גרייט זיך א פּראָצעס מיט אַ באשולדיקונג אין מעלוכע־פאראט.

טאָן, ווייל בא אים איז געווען פאַרוואונדעט דער גאַנצער רוקן און דער הינטן. דינסטיק אינדערפרי האָט מען אין אונזער קאַמער אריינגעשליי־דערט אַ מענטשן, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. די האַנט אינ־גאַנצן אַ געשוואָלענע, אַ פאַרבינטעוועטע, דאָס פּנים צעבלוטיקט. זיין פאַמיליע איז פולער, ער איז אַ פּראָפאַריינישער טוער. די שטורמאָוויקעס האָבן זיך אריינגעריסן אין דעם הויז פון די פּראָפאַריינען און ווען פולער האָט ניט באַפרידיקט זייער פאָדערונג ארויסצוגעבן געווער, האָבן זיי אים אריינגערוקט אַ שטעקל אין זייט, צעריסן אַ באַק קימאַט ביזן אויג, גע־וואָרפן אויף דער ערד, געשלאָגן מיט די פיס.

„באַנאַכט איז אומעגלעך געווען צו פאַרמאַכן אַן אויג. די טפיסע איז פאַרטויבט געוואָרן פון געשרייען פון די אַרעסטירטע און פון די לידער און געלעכטער פון אונזערע פייניקער. אין דער שכיינעסדיקער קאַמער האָט אַן אַרעסטירטער געשריען און גערופן זיין מאַמען. די שטורמאָוויקעס האָבן זיך ניט זעלטן אריינגעריסן אין קאַמער, קעדיי צו באַפרידיקן זייערע אכ־זאַריעסדיקע אינסטינקטן.

„שפּייז האָט מען אונז געגעבן אין אַ געזונגנדיקער צאָל, אָבער שלעכ־טע. אַ געפאַנגענער אויף אַן אומבאַשטימטער צייט אין אַ טפיסע פון אַ פרעמדן לאַנד, אין הענט פון אומבאַקאַנטע שרעקלעכע סאָנים, בין איך געלעגן אינעם דאָזיקן געהענעם, אָפּגעשניטן פון דער וועלט, ניט ווייסנדיק, אין וואָס מען באַשולדיקט מיך".

דאָקומענטן, וועלכע געבעלס אפילע קאָן ניט אָפּלייקענען

דער אבסאָלוט אפּאָליטישער קינאָ־זשורנאַליסט ק ו ר ט ה א א ס איז אַרעסטירט געוואָרן פון ציווילע פּערזאָנען דעם 28־טן פעברואַר באַנאַכט בא זיך אפן קוואַרטיר. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט זיי, ווייל כוץ אַ צייגעניש פון אַ שטורמאָוויק, האָבן זיי אים ניט געקאָנט ווייזן קיין אָפיציעלע דאָקומענטן. זיי האָבן אים געדראָט באַלד צו שיסן, פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל, צעהאַרגעט אים אין בעט, אַ צונויפגעבונדענעם און אַ שווער פאַרוואונדעטן אוועקגעפירט אין אויטאָמאָביל. געראַטעוועט האָט אים אַ פּאָליציייאישער פּאַטרול, וועלכער האָט זיך צופעליק אָפּגעשטעלט צוליב דעם אויפגערעגטן שאָפער. מע האָט אים פאַרבאַנ־דאַזשירט אין שטאָטישן שפּיטאָל און געלאָזט אויף דער פריי. אַ „פעלער", וואָס ס'איז ווערט צו באַדויערן?

דער דאָזיקער פאַל שטעלט מיט זיך נישט פאָר קיין שום אויסערגעוויינ־לעכעס. האאס דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע אינעם מיניסטעריום פאַר אויסערלעכע איניאָנים און פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן באַקומט דער דאָזיקער צופאַל אַ באַ־זונדערע באַדייטונג. דאָס מיניסטעריום פאַרדעקט מיט אַ פריערדיקער דאַטע די מאַיסים פון די שטורמאָוויקעס, כאָטש אפילע זיי האָבן מיט גאָרנישט ניט גע־קאָנט דערווייזן, אַז זיי האָבן עס געטאָן לויט אַן אָפיציעלן אויפטראַג.

מיר ברענגען דאָ א בוכשטעבלעכן ענטפער פון גערינגס מיניסטעריום:

„פרייסישער מיניסטעריום פאר אינערן־איניאָנים.

פארבינדונגס־שעף פון די שטורעם־קאָמאַנדעס, בראַנדענבורג נומער 33—29. בערלין, 13־טן מערץ, 1933 יאָר.

דעם הער קורט האאס — בערלין — ווילמערסדאָרף.

אייער מעלדונג אפן נאָמען פון מיניסטער פון אויסערן־איניאָנעם פון 4־טן מערץ 1933 יאָר איז לויט דער אינסטאַנץ אָנגעקומען צו מיר אף באַטראַכט. איך האָב פעסטגעשטעלט, אז די אָנגאבן אין אייער מעלדונג זייַנען אין די וויכטיקסטע פונקטן ניט ריכטיק און פארקריפּלען די ווירקלעכקייט. די שטורמאָוויקעס האָבן אָן סאָפעק רעכט געהאַט צו ארעסטירן אייך און האָבן געהאַנדלט אין העסקעם מיט די אָנווייזונגען. ווי איך האָב פעסטגעשטעלט, האָבן זיי געהאַנדלט (נאָכדעם ווי זיי האָבן, ווי איר אליין אָנערקענט, באַוויזן, אז זיי זיינען ווירקלעכע שטורמאָוויקעס) אין פולן העסקעם מיט די אָנווייזונגען. ווען איר האָט זיך לויט דער פאָדערונג פון די שטורמאָוויקעס אָנגעטאָן, האָט איר זיי אליין געבראַכט דערצו, אז אייער קעגנשטעלן זיך זאָל אונטערגעבראָכן ווערן מיט געוואַלט, ווייל איר האָט פּלוצים אויפגעהויבן א טומל, מיט אַ געשריי האָט איר זיך אָנגעוואָרפן אף די שטורמאָוויקעס און איינעם אזוי א ביס געטאָן פארן פינגער, אז דער פינגער האָט זיך נאָך ביז איצט ניט אויסגעהיילט.

ווי איך האָב פעסטגעשטעלט, זיינען די מיטלען פון צוואַנג ניט אַריבערגעגאַנגען די נייטיקע גרענעצן.

איך האָב ניט קיין שום גרונט אונטערצונעמען וואָסערע־ניט־איז רעפּרעסיע־מיטלען קעגן די קאָמאַנדירן און שטורמאָוויקעס; פארקערט, איך דאַרף פארהיטן פאר דעם פארוואונדעטן שטורמאָוויק דאָס רעכט צוצוציען אייך צו פאראַנטוואָרטלעכקייט. א קאָפּיע דערפון איז אָפּגעשיקט געוואָרן צו קענטעניש דעם הער ראַטגעבער פון קרימינעלן אויסשפּיר העלערן, אף וועלכן איר האָט זיך געשטיצט.

פארבינדונגס־שעף פון די שטורעם־אָפּטיילונגען בא דעם פּרייסישן מיניסטעריום פון אינערן־איניאָנים.

(אונטערשריפט) ד ר. ג י י ל"

דער, וועלכער האָט אין טויט־שרעק געכאַפּט מיט די ציינער א מערדער פאר די פינגער, יענער איז אליין שולדיק און פארדינט אַ נייע שטראָף. אף אן אָנקלאַגע פון א בירגער ענטפערן די מיניסטאָרן מיט אַ העצע צו פּאָגראָמען. דער נייער קאָדעקס פון דער „דריטער אימפּעריע" זאָגט:

יעדער איינער, אף וועמען עס פאלן אָן שטורמאָוויקעס, דאַרף וויסן, אז ער איז אויסערן געזעץ.

מ'דאַרף אָנערקענען, אז דער דאָקומענט האָט א היסטאָרישע ווערטפולקייט. מען

קען אים אויך ניט אַפּלייקענען, ווייל אויך די אָפיציעלע מיטיילונג פון בילעפעלד באווייזט, אגעוו, ווי אומבאַשטראָפט מע קאָן אין דייטשלאַנד ריידן וועגן אייגענע פאַרברעכער.

„בילעפעלד, 3־טן מערץ, 1933 יאָר. דער ס.־ד דעפּוטאַט פון רייכס־טאַג און מיטגליד פון דער שטאָט־דומע שרעק איז נעכטן אַרעסטירט גע־וואָרן; ער ליגט איצט אין שפּיטאָל".

א קלאַסישער ביישפּיל. אַרעסט איז געגליכן צו א צעשעדיקונג.

עס זיינען אומזיסט אַלע האַקכאָשעס. די היטלערישע פּאָליציי האָט פאַר זיך אליין צוזאמענגעשטעלט א באשולדיקונגס־אַקט.

אידן־פאַרפאָלגונגען אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד

איינע פון די ערשטע העלדישקייטן פון דער נייער נאַציאָנאַליסטישער רעגירונג אין טירינגען איז געווען דאָס פאַרמאַכן דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון די דייטשישע בירגער פון אידישן גלויבן אין טירינגען. די רעגירונג האָט וועגן דעם געגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונגען:

איינע פון די הויפּט־אויפגאַבעס פון פאַרבאַנד איז דער קאַמף מיטן אנטיסעמיטיזם. און אַזוי ווי אין דייטשלאַנד עקזיסטירט נישט קיין שום אַנטיסעמיטיזם, האָט דער פאַרבאַנד אויף אַזאַ אופן נישט קיין רעכט צו עקזיסטירן. דעריבער איז ער פון הייַנטיקן טאָג פאַנאַנדערגעלאָזן.

דער ניי־דייטשלענדישער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך באַזונדערס שטאַרק ניט געבראָכן דעם קאָפּ אויף וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונגען. פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס פון סאַמע אָנהויב אָן האָט זי ניט „דערוויזן“, נאָר האָט בלויז שטענדיק „באַהויפּטעט“. דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך שטענדיק אַרויסגעוויזן אין די סאַמע עקלהאַפטע סקאַנדאַליעזע פאָרמען. לעבאַטכילע, אין 1920־טן יאָר, אין דער צייט פון קאַפּ „פּוטש“, האָט דאָס ברייטע פּובליקום צוערשט דערזען אויף די שטאָלענע העלמס פון ערהאַרדס בריגאַדע אָן אייגנאַרטיקן אַנטיסעמיטישן סימבאָלישן צייכן — דעם סוואַסטיק. דעמאָלט האָט מען אויך ערשט לעך געזונגען אויף די גאַסן אַנטיסעמיטישע לידער. דער עמעסער „נאַציאָנאַליסט“ האָט שוין אויך דעמאָלט באַנוצט נאָך דעם אויסדרוק: „דער אידישער כאַזער ראַטענאַו“ א. א. וו. קינדער אויף די גאַסן האָבן זיך געלערנט אַנטיסעמיטישע לידער. איצט בײַ דער „דריטער אימפּעריע“ קענען זיי שוין אַלע דאָס פּאָגראָם־ליד מיטן רעפריין: „אויב עס שפּריצט אידיש בלוט פון מעסער, גייט די זאַך אינצווייען בעסער“.

פאַר די לעצטע 15 יאָר האָט היטלערס פּאַרטיי אויף צענדליקער טויזנטער פאַרזאַמלונגען אין צענדליקער טויזנטער אַרטיקלען געשילדערט די אידן פאַר די מאַסן, וועלכע זיי, די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, שלעפּן אַראָפּ פון וועג, ווי עפּעס עקלהאַפטע ברואים. אידן, ווייזט זיך אַרויס, זיינען שולדיק אין אַלץ: ווי אין דער מילכאָמע אַזוי אויך אין שאָלעם; ווי אין קאַפּיטאַליזם, אַזוי אויך אין דער רעוואָלוציע; אין אָרעמקייט און אין רייכקייט. די נאַציאָנאַליסטישע אַגיטאַציע זעט אומעטום דעם אידן, וועמעס אויפגאַבע איז „ איינשטעלן אַן אַלוועלטלעכע אידישע הערשאַפט“.

היטלער וועגן אידן

מיר נעמען נאָר אייניקע ביישפּילן פון היטלערס בוך „מיין קאמף", וואָס איז באַ היינטיקן טאָג פאַרשפּרייט געוואָרן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליארן. לאָמיר אַ שטייגער נעמען פאָלגנדיקעס: „דער שוואַרץ־האָריקער אידישער יינגל היט שאָענוויז אָפּ מיט אַן אויסדרוק פון טייוולאָנישער פרייד אפן פּאַנעם אַ נאַיווו מיידל, וועלכע ער שענדעט מיט זיין בלוט און רייסט זי אין דער זעלביקער צייט ארויס פון איר פאָלק". „די אידן האָבן געבראַכט און ברענגען נעגערס אפן ריין מיטן פאַרהוילענעם געדאַנק און ציל — צעמישן דאָס בלוט, פאַרניכטן די ווייסע ראַסע, וואָס זיי האָבן פיינט, אראָפּוואַרפן איר פון איר קולטור־פּאָליטישער הויך און פאַרכאַפּן אליין די מאכט". „אפן געביט פון קולטור פאַרסאַמט ער (דער איד) די קונסט, די ליטעראַטור, דעם טעאַטער, פאַרגרעבט די נאַטירלעכע געפילן, לייקנט אָפּ אַלע באַגריפן פון שיינקייט און דערהויבנקייט, פון וואויליקייט און ווערטפולקייט און ברענגט מענטשן צו דער מאַדרייגע פון זיין אייגענער נידעריקער נאַטור". „אויב די אידן וואָלטן געבליבן אף דער וועלט אליין, וואָלטן זיי צעפּייגערט אין שמוץ און וואָלטן זיך געסטאַרעט אָנצופּייפן און צו פאַרניכטן איינער דעם צווייטן אין אַ האַרטנעקיקן קאמף: צוליב דער פּאַכדאָנעס, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דער אבסאָלוטער אומפעאיקייט צו זעלבסט־אָפּפערונג. וואָלט זיך דער דאָזיקער קאמף פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמעדיע". „ווען אַ איד קריגט פּאָליטישע מאכט, וואַרפט ער פון זיך אראָפּ יענע צודעקן, אין וועלכע ער האָט זיך פריער איינגעהילט". „דער פּאַשעטער איד־דעמאָקראַט ווערט אַ איד — אַ בלוט־זויגער און אַ טיראַן פון פאָלק. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָרן פרוואוט ער זיך פאַרניכטן די נאַציאָנאַלע פאַרשטייער פון דער אינטעליגענץ, ער פאַרוואַנדלט די פעלקער, פאַרניכטנדיק זייערע נאַטירלעכע גייסטיקע פירער, אין קנעכט, וועלכע זיינען פעאיק אף לאַנג צו טראָגן דעם יאָך".

מע דאַרף נעמען אין אכט, אז מיר לייענען אָט דאָס אַלץ אין אַ בוך, וואָס איז אָנגעשריבן פאַר דער אויסערלעכער וועלט. די ציטאַטן, וואָס זיינען דאָ געבראַכט געוואָרן, שטעלן מיט זיך אף אַזאַ אויפן פאַר די סאמע ווייכע און איינגעהאלטענע פאָרם פון דער אנטיסעמיטישער אגיטאַציע. אף פאַרזאַמלונגען און אין צייטונגס־אַרטיקלען רעדט מען און מען שרייבט אסאך אָפענער. אין פאַרלויף פון פיל יאָרן קאָן מען אין די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע צייטונגען לייענען אַזוינע קעפּלעך: „דער אידישער כאַזער קאָרמעט זיינע כאַזיירימלעך", אָדער: „די אידישע אַלוועלטלעכע מאַגייפע" א. א. וו. ענדלעך דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אז דער הויפּט שלאַכט־רוף פון דער היטלערישער באַוועגונג איז „פּייגער, יודע!"

אין די „אינסטרוקטאַרישע אָנווייזן פאַר די טוער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי" (פון 15־טן מערץ 1931 יאָר) קאָן מען לייענען:

> „מע דאַרף אויפבלאָזן ביז מעשוגאַס די נאַטירלעכע פיינטשאַפט פון דעם פויער צום אידן, זיין פיינטשאַפט צו דעם מאַסאָן, ווי צו אַ אידישן מעשאָרעס".

פאשיסטן זיינען זיך נויקעם אין די אידן

אין פארלויף פון 15 יאָר האָט מען אידן געשילדערט ווי אן אָנשיקעניש אויף דער וועלט, ווי נידעריקע ברואים. מען האָט געגעבן די אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג די פולשטענדיקע פרייהייט אומבאַשטראָפט צו טרייבן רעבילעס אויף אידן און פאַרפאָלגן זיי. מע האָט סיסטעמאַטיש איינגעפלאַנצט סינע צו אידן. אין פארלויף פון 15 יאָר האָט מען צוגעזאָגט „נעקאָמע נעמען”. צי דארף מען זיך וואונדערן, אז איצט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אזוי גערופענע „נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע”, זיינען די דאָזיקע זוימען אויפגעגאַנגען? ווי אזוי קען מען איצט איבערציינן א יונגן מענטשן, אז ווען ער האָט אין די הענט די מאַכט, דארף ער גאָר פארטיידיקן א אידן. דעם יונגן שטורמאָוויק גיט מען די פולע פרייהייט פון טאַט, מען גיט עס אים מיטן גרעסטן פארגעניגן, ווייל פון דעם אַלעמען, וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט, קען מען באפרידיקן בלויז זיין בלוטדורשטיקייט. עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו פארזיכערן אַלע אָנהענגער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פארטיי מיט ברויט און ארבעט. עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו באַזייטיקן דעם עקאָנאָמישן קריזיס, עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט אויספילן כאָטש איינע פון אַלע צוזאָגן, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן, אָבער קאַלזמאַן די קליינבירגערלעכע מאַסן וועט דערלויבט ווערן צו פאַרפאָלגן און צו שלאָגן אידן, אזוי לאַנג וועט די אויפמערקזאמקייט פון די דאָזיקע מאַסן זיין אָפגעווענדט פון די פאשיסטישע ליגנס... דעריבער וועט מען אין דעם היטלערישן דייטשלאַנד ניט אויפהערן צו פארפאָלגן אידן. עס וואָלט געווען אן אומגלויבלעכער טאָעס צו מיינען, אז די פארפאָלגונג אויף די אידן איז נאָר געווען א צייטווייליקע דערשיינונג. דאָס איז א סיסטעמאַטישע פאָליטיק און א נייטיקער מיטל אין דער אלגעמיינער סכעמע פון ליגן און אָפּנאַרעריי. האָט דאָך געשריבן דער מיניסטער געבעלס אין זיין בראָשור „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן” (אויסגאַבע עבער, מינכען): „די פרייהייט פון דער דייטשער נאַציע קאָן דורכגעפירט ווערן בלויז אין קאַמף מיט אידן. עס פארשטייט זיך, אז א איד איז אויך א מענטש... אָבער א פלוי — איז אויך א כייע, אָבער ניט קיין אָנגענעמע... פאר אונז און פאר אונזער געוויסן זיינען מיר פארפליכטעט... צו מאַכן אים אומשעדלעך”.

„אידן קוקן אויף דיר!”

מיר וועלן דאָ אויסנוצן בלויז איין ווערק, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן נאָך דעם, ווי די פאשיסטן זיינען געקומען צו דער מאַכט: דאָס איז דאָס בוך פון דאָקטאָר יאָהאַנס פאָן לערס. דאָס בוך טראָגט דעם נאָמען: „אידן קוקן אויף דיר”. דאָס איז א גאַנצע צעפלאַנטערטע זאמלונג פון פאָטאָגראַפישע קארטעס, וועלכע מע טראָגט אונטער דעם דייטשישן פאָלק, קעדיי אָנצושרעקן אים. צווישן די דאָזיקע 60 פאָטאָגראַפיעס פון דייטשן און אויסלענדער זיינען פאראן פאָרטרעטן פון קאַרל ליבקנעכט, פון דעם קאַטוילישן פירער ערצבערגער, וועלכער שטאַמט פון מארטין לוטער, פון ווילי מינצבערג, בא וועמען מען קאָן ניט גע־

פינען קיין איין טראָפּן אידיש בלוט. גזשעזשינסקי, דער הויפּטבירגערמייסטער פון קעלן, פון דעם קאַטאָליק אַדענאַוער, פון ערווין פּיסקאַטאָר, וועלכער איז א גאַלעכס א זון און נאָך אַזוינע, וואָס זיינען פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער ראַסן־טעאָריע קאָשערע „ריינבלוטיקע דייטשן".

אין דעם דאָזיקן בוך געפינען מיר צווישן אַנדערע פאָטאָגראַפישע בילדער, אויך די בילדער פון ראָזא לוקסעמבורג, פון פּראָפעסאָר איינשטיין, פון געאָרג בערנהאַרד, פון לעאָן פויכטוואַנגער, טעאָדאָר וואָלף, עמיל לודוויג, מאַקס ריינ־האַרדט, טשאַרלי טשאַפּלין, אַלפרעד קער און דעם אַמעריקאַנישן באַנקיר אָטאָ קאַן. אויסער די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן וועט קיינער אין די דאָזיקע פאָטאָגראַ־פיעס ניט געפינען קיין שום אָפּשטויסנדיקעס. דאָס זיינען דאָס ראָוו אויסער־געוויינלעכע קעפּ פון קלוגע מענטשן מיט זייער ערנסטע אויסדרוקן פונעם פּאָ־נעם מיט גרויסע שטערנס, מענטשן פון הויכער אינטעלעקטועלער קראַפט. אָן אָפּשטויסנדיקן איינדרוק מאַכן נאָר די אויפשריפטן, מיט וועלכע פאָן לערס האָט באַזאָרגט די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס. אונטער דער פאָטאָגראַפיע פון ראָזא לוק־סעמבורג שטייט א צושריפט: „דער אורטייל איז אויסגעפילט", אונטער דער פאָטאָגראַפיע פון לעווינע, — „געקעפּט", די פאָטאָגראַפיע פון ערצבערגן איז באַזאָרגט מיט אַזא מין צושריפט: „ענדלעך האָט ער שוין זיין פּסאַק באַקומען; די יונגע דייטשן, וועלכע האָבן אים געשאָסן, זיינען נאָך דער נאַציאָנאַלער רע־וואָלוציע פון 1933 יאָר באַפרייט געוואָרן". לעבן דעם פּאָרטרעט פון איינשטיין א לאַקאָנישע צושריפט: „נאָך ניט אויפגעהאָנגען". דאָס איז דער באַליבטסטער אויסדרוק פון הער פאָן לערס, ווען ער רעדט וועגן איינעם, וואָס איז נאָך ניט דערהאַרגעט. וועגן ריינהאַרדטן איז בא אים אָנגעשריבן: „נידעריקע און געמיינע קונסט" א. א. וו. טשאַפּלינען ווערט געגעבן אַזא כאַראַקטעריסטיק: „אַן אומעטיקער און זייער אַן עקלהאַפטער, קליינינקער, נאַרישער אידל". וועגן טאָלערן איז געזאָגט: „נאָך דעם, ווי אַדאָלף היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט זיך איינגעגעבן אים באַצייטנס אַריינצוזעצן הינטער די גראַטעס". אָבער אפילע אויך דאָס איז ניט ריכטיק. ערנסט טאָלער איז שוין אין יענער צייט ניט געווען אין דייטשלאַנד. ערווין פּיסקאַטאָר האָט באַקומען אַן עפּיטעט „א באָל־שעוויסטישער איד אין דער קונסט". די באַנקירן מאַקס וואַרבורג און דאָקטאָר קאַרל מעלכיאָר האָבן אַזא כאַראַקטעריסטיק: „אומגעהייער געפערלעכע פּערזענ־לעכקייטן".

„יודע, פּייגער!"

דער הער האַנפשטענגעל, דער פאַרוואַלטער מיט דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּרעסע־ביוראָ האָט דעם 27־טן מערץ 1933 געגעבן אַן אָפיציאַלן אינטערוויו דעם אַמעריקאַנישן פאָרשטייער פון דער האַלב אָפיציעלער פּרעסע־אַגענטור „טעלעגראַפען־אוניאָן".

אויף דער פראַגע, „צי עס איז עמעס אָדער ליגן, וואָס מען טיילט מיט

װעגן די אַזױ גערופֿענע פּאָגראָמען אױף אידן" — האָט ער געענטפֿערט: „דער אימפּערישער קאַנצלער האָט מיך מיט אײניקע מינוט צוריק, װען איך האָב אים באַגעגנט אױפֿן מינכענער אַעראָדראָם, באַפֿולמעכטיקט צו דער־קלערן אײַך, אַז אָט די אַלע מיטײלונגען זײַנען אַ מיעסער ליגן".

אױף באַזונדערע פֿראַגן װעגן פֿאַרפֿאָלגן אידן האָט האַנפֿשטענגעל גע־ענטפֿערט: „די אױספֿאָרשונגען, װאָס זײַנען געמאַכט געװאָרן דורך די שװעדישע און האָלענדישע געזאַנדטע אין בערלין, האָבן באַװיזן, אַז עס איז ניטאָ קײן אײן דערהאַרגעטער איד".

דרײַ און פֿערציק דערהאַרגעטע

דאָס צעטל פֿון די אידן, װאָס זײַנען דערהאַרגעט געװאָרן אױף טױט, אַנט־האַלט באַם הײַנטיקן טאָג 43 נעמען. דעם דאָזיקן צעטל האָבן מיר דורכגעקאָנט־ראָלירט. אָט דידאָזיקע דרײַ און פֿערציק דערהאַרגעטע מענטשן זײַנען דעריקער דערהאַרגעט געװאָרן דערפֿאַר, װאָס זײ זײַנען אידן, און ניט דערפֿאַר, װאָס זײ זײַנען מאַרקסיסטן. די דאָזיקע דרײַ און פֿערציק צופֿאַלן, װאָס זײַנען מיט אַלע אײנצלהײטן דורכגעקאָנטראָלירט געװאָרן, שטעלן פֿאָר נאָר אַ טײל פֿון די װירקלעך דערהאַרגעטע. װען עס װעט זײַן מעגלעך פֿינקטלעכער באַקאַנען זיך מיט די געשעענישן, װאָס זײַנען פֿאַרלאָפֿן אין היטלערישן דײַטשלאַנד, װעט זיך אָן אַ ספֿק אַרױסװײַזן, אַז די צאָל דערהאַרגעטע איז אַ סך אַ גרעסערע.

דעם 18־טן מערץ 1933 יאָר איז טראַגיש געשטאָרבן
אונזער היים געליבטער זון און ברודער
א לערן־ייִנגל אין א בעקערײ

זיגבערט קינדערמאַן

זײַענדיק קױם 18 יאָר אַלט

מ אָ ל ע ר
מאָריץ קינדערמאַן
מיט דער פֿרױ

די לעװײַע װעט פֿאָרקומען זונטיק, דעם 24־טן
מערץ 1933, 2 אַזײגער באַטאָג אין װײַסענזײ
פֿראַנסעקי־גאַס, הױז 5

אַ טרױער־מעלדונג אין „בערלינער טאַגעבלאַט" אין מערץ 1933 יאָר

דער האַנטװערקער־שילער, דער איד קינדערמאַן, װעגן װעמעס טױט עס טײלט מיט אָט די טרױער מעלדונג, האָט אין 1932 יאָר געליטן פֿון אַן אָנפֿאַל מיצאַד נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן דערפֿאַר, װאָס ער איז געװען אַ מיטגליד פֿון דער

אידישער גימנאַסטישער געזעלשאַפט „באַרקאָכבא". צוליב דעם איניען איז איינער א נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט דעמאָלט געווען צוגעצויגן צום געריכט און איז פאַרמישפּעט געוואָרן. קעדיי אָפּצורעכענען זיך פאַר דעם געריכטס־אורטייל, האָט מען דעם יונגן קינדערמאַן גלייך נאָכן פאַרכאַפּן די מאַכט אוועקגעשלעפּט אין א פאַשיסטישער קאַזאַרמע אויף העדערמאַנשטראַסע אין בערלין און דאָרט האָט מען אים דערהאַרגעט אויף טויט, נאָכדעם האָט מען דעם קערפּער זיינעם ארויסגעוואָרפן אפן גאַס. אפן ברוסט בא אים האָט מען אויסגעשניטן א גרויסן סוואַסטיק־צייכן.

די שטאָט קאַסעל ווי איינער פון די ביישפּילן

אין באַריכט, וואָס איז אָנגעשריבן פון א קאַסעלער איינוואוינער, דאָקטאָר אָ. מ., לייענען מיר:

„פריטיק דעם 17־טן מערץ 1933 זיינען די באַנדעס פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן געגאַנגען איבער קאַסעל. זיי האָבן צוגענומען די מיטגלידער פון דער אידישער געמיינדע, וואָס האָט צוליב וועלכע־ניט־איז סיבעס ארויסגעוויזן אומצופרידנקייט, און האָבן געמאַכט אויף זיי אן עמעסן געריכט. די קאָרבאָנעס זיינען דורכאויס אזוינע מענטשן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט באַשעפטיקט מיט פּאָליטיק; די סיבעס פון די ארעסטן און פון די געשלעגן זיינען געוויינלעך געווען קליינלעכע כעשבוינעס, וואָס עס האָט געהאַט א וואָסער־ניט־איז אָנגעזעענער טוער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איך וועל אָנמערקן די פאָלגנדיקע באַזונדערס שווערע פאַלן:

„דעם אַדוואָקאַט דאָקטאָר מאַקס פּלאַוט האָט א געוואַלדיקע באַנדע צוגענומען פון זיין קאָנטאָר און האָט אים דורכגעפירט דורך דער הויפּט־גאַס. אויף דער גאַס האָט מען אים געשלאָגן מיט גומענע שטעקלעך און געצוואונגען שרייען: „זאָל לעבן היטלער!" אויף וואָס די פאַשיסטן האָבן יעדן מאָל געענטפערט מיט א ווילדן רעווען. פּלאַוטן האָט מען געבראַכט אויף קאַרל־שטראַסע אין א שענק, וואָס איז דאָס הויפּט־אָרט פאַר די פאַרזאַמלונגען פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, און דאָרטן האָט מען אים געשטעלט פאַר אן עמעסן מיליטערישן פעלד־געריכט. פּלאַוט איז „צוגעמישפּעט" געוואָרן צו צוויי הונדערט שמיץ מיטן גומענעם שטעקן. קעדיי דורכצופירן די דאָזיקע פּראָצעדור, האָט מען אים אוועקגעפירט אין א קעלער און דאָרטן האָט מען אים צוגעבונדן צו קאָזלעס. די פּייניקונג איז פאָרגעקומען אפן סאַמע שרעקלעכסטן אויפן און האָט געדויערט קאַרגע צוויי שעה. אין א ביסל צייט האָט פּלאַוט פאַרלאָרן זיין באַוואוסטזיין און דעמאָלט האָט מען אים אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, קעדיי ברענגען אים צו זיך. ווען ער איז אביסל געקומען צו זיך, האָט מען די פּייניקונג ווידער באַנייט. נאָך אָט דער שרעקלעכער פּייניקונג האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָרן זיין באַוואוסטזיין און איז געלעגן אין ווינקל אין א טייך בלוט. נאָכדעם האָט מען אים געבראַכט אויף זיין קוואַרטיר, וואו ער האָט זיך געמאַטערט 10 טעג

און איז געשטאָרבן. די איינגעלאָדענע דאָקטוירים — דער דאָקטאָר פון נערוונקראַנקהייטן שאָל און דער הויפּטדאָקטאָר פון דעם געגנט־שפּיטאָל פּראָפעסאָר טעניסאָן האָבן קאָנסטאַטירט שרעקלעכע צעשעדיקונגען, באַזונדערס שווער זיינען געווען צעשעדיקט די אינערלעכע אָרגאַנען, דערהויפּט די לונגען און נירן. די ליטקעס און די פּיס זיינען ביסלעכווייז אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן. ווען ער איז געלעגן אין בעט, איז אויסגעקומען די גאַנצע צייט צו האַלטן אים אונטער נאַרקאָז, ווייל קומענדיק אין באַוואוסטזיין האָט ער אַזוי געשריען פון ווייטיק, אַז מע האָט זיינע געשרייען געהערט אַף דער גאַס. דאָקטאָר פּלאַוט, וואָס האָט באַזעסן זייער אַ שטאַרקן אָרגאַניזם, איז געשטאָרבן אומגעפער אין 10 טעג אַרום פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגן.

„אין זעלביקן טאָג האָט אויך געקראָגן אַכזאָריעסדיקע קלעפּ דער אַדוואָקאַט דאַלבערג. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאַלבערג האָט, איידער ער איז אַריינגעפאַלן צו די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט דאָקטאָר פּרייסלער, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אַדוואָקאַט און איצט איז ער דירעקטאָר פון אַ דעפּאַרטאַמענט אין אַ מיניסטעריום. אַפן דאָזיקן אינצידענט מיט פּרייסלערן האָט מען דאַלבערגן אָנגעוויזן אויך אין דער צייט פון דער פּייניקונג. אַף אַזאַ אופן איז קיין שום סאָפּעק ניט אין דעם, אַז די אינואים, וועלכע עס האָט געליטן דער אַדוואָקאַט דאַלבערג, זיינען אים פאַרשאַפט געוואָרן לויט פּרייסלערס אַ דירעקטער פאַראָרדענונג. פּרייסלער איז דעמאָלט גראָד געווען דער הויפּט־פירער פון די קאַסעלער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. דאַלבערגן האָט מען אויך אָפּגעשניטן זיין לאַנגע באָרד. די צעשעדיקונגען, וואָס מע האָט אָנגעמאַכט דאַלבערגן, זיינען געווען אַזוי ערנסט, אַז די דאָקטוירים האָבן אייניקע טעג נאָכאַנאַנד געמיינט, אַז עס וועט אים אויסקומען צו אַמפּוטירן אַ פוס; אָבער אַל פּי נעס האָט זיך איינגעגעבן אים צו ראַטעווען. נאָך ביז איצט האָט זיך דאַלבערג ניט אויסגעהיילט פון זיינע וואונדן.

„באַזונדערס שווערע צעשעדיקונגען האָט געליטן דער יונגער איד, דער סויכער מאָסבאַך, וועלכער האָט, אַף וויפל עס איז מיר באַוואוסט, געהאַט נאָר איין כעט — ער איז געווען פאַרבונדן מיט אַ קריסטלעכער מיידל, מיט וועלכער ער איז זיך דערנאָך פאַנאַנדערגעגאַנגען. די פאַשיסטן האָבן זיך אַריינגעריסן צו אים אַפן קוואַרטיר און אין דער אָנוועזנהייט פון זיין מוטער האָבן זיי אים אַכזאָריעסדיק געשלאָגן, פאַרוואונדעט אים דעם קאָפּ און צעשעדיקט דעם רוקן־ביין. דער ערשטער דאָקטאָר, וואָס מע האָט צו אים איינגעלאַדן, דאָקטאָר סטעפאַן, וואָס איז לויט זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען אַ מענטש אַ גאַנץ רעכטער, האָט דערקלערט, אַז אַפילע אַף מילכאָמע האָט ער ניט געזען אַזאַ שרעקלעך בילד. מאָסבאַכס לעבן האָט זיך אַ לענגערע צייט געפונען אין געפאַר, אָבער עס האָט זיך איינגעגעבן אים צו ראַטעווען.

„אין דעם זעלביקן טאָג האָט מען אין דער געביידע, וואו עס פלעגן זיך צונויפקלייבן די פאַשיסטן, אכזריעסדיק צעשלאָגן דעם סויבער פּריי־דנשטיין, וואָס איז נאָכדעם אָפּגעלעגן קראַנק אייניקע וואָכן. געשלאָגן האָט מען אויך דעם סויבער באַל, וועלכער האָט אויך אָפּגעקרענקט א גאַנץ היפּשע צייט. איןביידע פאַלן איז די עקזעקוציע געווען ארויסגערופן דורך פּערזענלעכער נעקאָמע פון עפּעס א פאַשיסט, אָבער די פּראַטים זיינען מיר ניט באַוואוסט.

„נאָך דעם האָט מען נאָך אויך צעמיימיסט דעם באַנקיר פלאוט, אַן אַלטער מאַן, איבער 60 יאָר אַלט, אָבער דאָ איז עס דורכגעגאַנגען אָן באַ־זונדערס אכזריעסדיקע צעשעדיקונגען.

„אומעטום אין קאַסעלער קרייז, וואו עס וואוינען נאָר אידן, זיינען געווען אזעלכע אָנפאַלן, דערביי האָבן זיי אָפט געטראָגן א שוידערלעכן כאַ־ראַקטער. מיר איז באַוואוסט, אז אין אייניקע ערטער האָבן אַלע מאַנס־בילן, וואָס האָבן געהערט צו דער אידישער געמיינדע, פאַרלאָזן זייער היים און האָבן זיך צוריקגעקערט ערשט אין פיל צייט ארום, און דאָס אויך ניט אַלע".

א געצוואונגענע דערקלערונג

דער 25 יעריקער זשורנאַליסט לעאָ קרעל, וועלכער וואוינט אין בערלין אַף סקאַליצערשטראַסע, א מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „בערלין אם מאָרגען", האָט דעם 16־טן מערץ געליטן פון אַן אָנפאַל מיצאַד די שטורמאַוויקעס. מע האָט אים אוועקגעשלעפּט אין א פאַשיסטישער קאַזאַרמע און דערהאַרגעט. נאָכדעם האָט מען זיין טויטן קערפּער ארויסגעוואָרפן אַפן אידישן בייסאוילעם. זיין אַלטע מוטער האָט באַקומען א בריוו, אין וועלכן מע האָט איר פאָרגעלייגט א קוק טאָן אַף איר זון אין מאָרג. דער אַלטער פרוי איז געווען שווער צו דערקענען איר זון. אַפן פּאָנעם און אַפן קערפּער זיינען אומעטום געווען אויסגעשניטן און אויסגע־ברענט סוואַסטיקאַ־צייכנס. אָנשטאָט איר זון איז פאַר איר געלעגן א בלוטיקע מאַסע, און פאַר אָט דעם דאָזיקן צעפּאַלמעסטן קערפּער האָט מען געצוואונגען דער מוטער אונטערצושרייבן א מעלדונג, אז איר זון „איז געשטאָרבן אין שפּי־טאָל נאָך א שווערער קרענק".

אזוינע מעלדונגען צווינגט מען שטענדיק אונטערצושרייבן די קרויווים פון די פאַרזאָנען, וואָס ווערן דערהאַרגעט. אויב א וועלכער ניט איז קאָרעוו דער־לויבט זיך צו דערציילן, אפילע אין אַן ענגן קרייז, ווי אזוי דער מאָרד איז ווירק־לעך געשען, דראָט מען אים, אז ער וועט פון דעם דייטשישן געריכט פאַרמישפּעט ווערן צו אייניקע טפיסע און אָפּטמאָל אפילע צו אייניקע יאָר פאַר „פאַרשפּרייטן פאַלשע קלאַנגען וועגן אכזריעס".

דריי הונדערט דערוויזענע פאַלן פון באַרבאַרישע פּייניקונגען

מיר ווייסן זיכער וועגן דריי און פערציק דערקענטע צעשעדיקטע קערפּערס,

און וויפל טויזנטער זיינען פאראן, וואָס זיינען בלויז צעקאַליעטשעט פאַרן גאַנצן לעבן! פון העכער דריי הונדערט באוואוסטע פאלן, ברענגען מיר פּאָלגנדיקע:

אינמיטן אפּריל האָבן זיך אין פאַרשידענע צייטונגען געוויזן מיטיילונגען, אַז דער ראָוו האַקוילעל יאָנאַס פרענקעל, א זאָקן פון מער ווי 80 יאָר, האָט געליטן פון אַן אָנפאַל פון די שטורמאָוויקעס אין זיין קוואַרטיר אין בערלין אויף דראַגאָנערשטראַסע 37, און איז אַכזאָריעסדיק צעמיימיסט געוואָרן. די רעגירונג האָט אָפּגעלייקנט די דאָזיקע מיטיילונג.

וועגן די אומשטענדן פון דעם דאָזיקן איניען טיילט געגוי מיט די טאָכטער פון דעם ראָוו עלא פרענקעל:

„ווי אַזוי מען האָט געוואָלט הארגענען מיין פאָטער"

„דעם 7־טן מערץ, ארום האלב אכט אינאָוונט, האָבן זיך אין אונזער קוואַרטיר דראַגאָנערשטראַסע 37, אריינגעריסן 3 שטורמאָוויקעס פון דער געהילפס־פּאָליציי. צוויי האָבן מיך אָנגעכאַפּט און צוגעשטעלט רעוואָלווערן צום הארצן און צום שלייף און דער דריטער האָט אויסגעשאָסן אין מיין פאָטער, וועלכער איז געזעסן באַם שרייבטיש. צוויי קוילן האָבן אים געטראָפן אין קאָפּ. דער פאָטער איז, אָפּגייענדיק מיט בלוט, געפאַלן און פארלאָרן דעם באוואוסטזיין. איינער פון די שטורמאָוויקעס האָט א געשריי געטאָן: „איצט איז ער פארטיק!" באַם ארויסגאַנג האָבן זיי מיך מאסרע געווען, אז איך זאָל קיינעם ניט רופן צו הילף און האָבן איבערגעריסן דעם עלעקטרישן דראָט אַזוי, אז מיר זיינען געבליבן אין דער פינצטער. ווי מיר האָבן שפּעטער פעסטגעשטעלט זיינען אָט די געהילפס־פּאָליציאַנטן געווען מיטגלידער פון דער שטורעם־אָפּטיילונג אויף דראַגאָנערשטראַסע.

„כ'האָב אָפּגעשלעפּט דעם פאָטער פון שרייב־טיש און א האלבע שאָ האָב איך גערופן צו הילף. די גאַס איז געווען ארומגערינגלט מיט נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן און מיט אייניקע פּאָליציי־אָפּטיילונגען. יעדער איינער, וועלכער האָט געפּרוּווט ארויסגיין פון שטוב, האָט מען געשלאָגן מיט גומענע שטעקנס און געטריבן צוריק. ענדלעך זיינען צו אונז אריין עטלעכע פּאָליציי־באַאמטע און באַלד נאָך זיי פאַרשטייער פון דער גיכער הילף. דעם פאָטער האָט מען געוואָלט אוועקפירן אין שפּיטאָל, אָבער איך האָב עס ניט דערלאָזן. אין צוויי טעג ארום איז צו אונז געקומען א באאַמטער פון דעם פוילישן קאָנסולאט. ער האָט נאָך געפונען אין קוואַרטיר פיל שפּורן פון בלוט.

מיין פאָטער איז אָפּגעלעגן צוויי וואָכן צו בעט. די גאַנצע צייט האָבן מיר מוירע געהאַט, אז ער וועט שטאַרבן. דעם 8־טן אַפּריל האָבן זיך אין קוואַרטיר ווידער אריינגעריסן אייניקע שטורמאָוויקעס און האָבן געוואָלט זען דעם פאָטער. זיי האָבן דערקלערט, אז אויב דער פאָטער וועט שריפטלעך באַשטעטיקן, אז אויף אים זיינען אָנגעפאַלן ניט קיין שטורמאָוויקעס, נאָר אידן, וועט מען אויף ווייטער לאָזן צורו. איך האָב געזאָגט, אז מיין

פאָטער איז ערנסט קראַנק און קאָן ניט שרייבן. איך האָב זיי געבעטן קומען אין צוויי טעג אַרום. דראָענדיק מיט רעוואָלווערן, האָבן זיי מיך געצוואונגען צו געבן אַן ערנוואָרט, אַז אין צוויי טעג אַרום וועלן מיר אונטערשרייבן די מעלדונג. אַזוי ווי דער פאָטער האָט בעשום אופן ניט געוואָלט אונטערשרייבן אַזאַ פּאַפּיר, איז אונדז פאַרבליבן וואָס גיכער צו ראַטעווען זיך און צו אַנטלויפן. צוויי פריינט האָבן אים איינגעוויקלט אין אַ טעפּיך און אין מיטן העלן טאָג אַוועקגעטראָגן צו באַקאַנטע אין אַ ווייטן קוואַרטאַל. איך בין שיר ניט אַראָפּ פון זינען פאַר שרעק. דערביי האָבן מיר אַוועקגעטראָגן צוויי סייפער־טוירעס, וואָס האָבן זיך געפונען ביי אונדז. דאָס איבעריקע האָבן מיר איבערגעלאָזן אין קוואַרטיר. איך בין אַוועק פון שטוב אין אַ שטוביקן קלייד, אָן אַ הוט, דערפאַר וואָס דער שווייצאַר איז געווען אַ שטורמאָוויק און ער וואָלט אונדז באַלד געמאַסערט. מיר האָבן אונדז געזעצט אין צוג בערלין—ווין. דער פאָטער, באַ וועמען דער קאָפּ איז אינגאַנצן געווען פאַרבאַנדאַזשירט, האָט זיך געמאַכט פאַר אַ טויבן, איך האָב מיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ יונגע דאַמע, וואָס פאָרט אין ווין און גיט אַכטונג אויף דעם אַלטן. באַלד ווי דער צוג האָט זיך געלאָזט אין וועג, האָט זיך צו אונדז צוגעזעצט אַ שפּיאָן און האָט מיך גענומען פאַנאַנדערפרעגן. אָבער אין דרעזדען איז ער אַרויס פון וואַגאָן, ווייל איך האָב אים געגעבן אַבסאָלוט אומשולדיקע ענטפערס.

„באַלד נאָך דרעזדען האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנטראָל, די דייטשישע אייזנבאַן־באַאַמטע זיינען געפלויגן פון איין קופּע צו דער צווייטער און האָבן געפרעגט: „איר זייט אידן?” אָבער די באַאַמטע האָבן שוין וועגן אַלץ געוואוסט פון דעם שפּיאָן. זיי האָבן זיך איידל פאַרנייגט און געזאָגט: איר זייט אַ יונגע דאַמע, וועלכע פאָרט אין ווין נאָך דעם אַלטן טויבן הער. מיר ווייסן שוין וועגן דעם”.

„אויף אַזאַ אופן זיינען מיר איבערגעפאָרן די גרענעץ און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין רייכנבערג, ווייל דער פאָטער האָט שוין ניט געקאָנט ווייטער פאָרן. נאָכדעם זיינען מיר אַוועקגעפאָרן אין פּראַג”.

מיר האָבן גענוי איבערגעגעבן דעם דאָזיקן צופאַל און ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף די פאָטאָגראַפיעס און דאָקומענטן. אַן 80 יאָריקן זאָקן, אַ ראָוו האַקוילעל, שלאָגט מען אויף אַזוי פיל, אַז ער בלייבט ליגן געבאַלעשט, די קוואַרטיר זיינע צעראַבעוועט מען און דער אַפּאַראַט פון די האַקכאָשעס האָט נאָך אַ האָזע צו באַהויפּטן אין דער אַלוועלטלעכער פּרעסע, אַז אַזאַ ראָוו עקזיסטירט גאָרנישט אויף דער וועלט.

אַן אָנפאַל אויף אַ סינאַגאָגע

מיר וועלן ברענגען אַ צווייטן צופאַל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ סינאַגאָגע. אין דויסבורג איז מען אָנגעפאַלן אויף דעם ראָוו בערייש און מען האָט אים צעמיימעסט אין שול אין דער צייט פון דאַווענען. מע האָט אים אַרויס־

געשלעפּט אַף דער גאַס און אַרויפגעוואָרפן אַף אים די שוואַרץ־רויט־גאָלדענע פאָן. איינגעהילט אין דער פאָן האָט ער געמוזט לויפן צווישן צוויי ראַנגדן שטור־מאַוויקעס, וועלכע האָבן אים געשלאָגן. ענדלעך האָט מען אים אַרעסטירט, באַ־שולדיקנדיק אין דעם, אַז ער האָט „געמאַכט אַן אומאָרדענונג אַף דער גאַס". אין געלזענקירכען האָט מען שאַבעס אין דער צייט פון דאַווענען אַרויסגעטריבן פון שול דעם ראָוו און אייניקע גלויביקע אידן. מע האָט זיי געפירט איבער די גאַסן צו דער קאַזאַרמע פון דער שטורעם־אָפּטיילונג. דאָרט האָט מען זיי אַלעמען גע־צוואונגען צו שטעלן זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט און מאַכן גימנאַסטישע אי־בונגען. ווען דער ראָוו האָט פּראָטעסטירט קעגן אַזעלכע גראָבקייטן, האָט מען אים אָוועקגעלייגט אַף די טרעפּ און געשלאָגן מיט אַ שטעקן. נאָכדעם, אַז מע האָט אים באַפרייט, האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין האָלאַנד. אין אַמסטערדאַם איז ער געקומען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ער האָט ניט געקענט ניט שטיין און ניט זיצן. איידער מע האָט אים אַרויסגעלאָזן, איז ער געווען געצוואונ־גען אונטערצושרייבן אַ מעלדונג, אַז זיין אַרעסט איז אַ „מיספאַרשטייעניש".

פּאָגראָמען

„פראַנקפורטער צייטונג" פון 24־טן אַפּריל 1933 מעלדעט:

„וויסבאַדן, 23־טן אַפּריל. שאַבעס אינאָווענט זיינען דאָ פאָרגעקומען צוויי אָנפאַלן, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט טויט־פאַלן. די געליטענע זיינען דער סויכער סאַלאָמאָן ראָזענשטרויס און דער מילך־הענדלער מאַקס קאַסעל. די פּאָליצייאישע מיטיילונג וועגן קאַסעלס טויט זאָגט:

„שאַבעס 23 אַזייגער 30 מינוט האָבן זיך פון קוואַרטיר אין הויז אַף ווערבערגאַס 23 געהערט געשרייען: „ראַטעוועט". גלייכצייטיק האָבן זיך געלאָזט הערן אייניקע שאָסן. אַ שאָפער, וואָס איז דורכגעפאָרן די גאַס, האָט וועגן דעם געמאָלדן דער פּאָליציי. די לעצטע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די אויפגעשרייען זיינען געווען פון דער קוואַרטיר, וואו עס וואוינט דער מילך־הענדלער מאַקס קאַסעל 59 יאָר אַלט. אַריינגייענדיק אין קוואַרטיר, האָבן די פּאָליציאַנטן געפונען קאַסעלן אַ טויטן אין איינעם פון די צימערן. אויפן קערפּער זיינען געווען קוילן־וואונדן. די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען האָבן אַרויסגעוויזן, אַז אין קוואַרטיר האָבן זיך מיט געוואַלט אַריינגעריסן עטלע־כע מענטשן. צעברעכנדיק די טיר־גלאָז און די טיר, האָבן די דאָזיקע מענטשן געשאָסן אַף קאַסעלן, וועלכער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער. די שאָסן זיינען געמאַכט געוואָרן פון אַן אַרמעאישן רעוואָלווער. די אויספאָר־שונג האָט ניט פעסטגעשטעלט קיין פּרוואון צו צעגראַמירן. וויזט אויס, אַז ס'איז געווען אַן אַקט פון נעקאָמע".

אין אַ צווייטער אָפיציעלער מיטיילונג ווערט דערציילט: „שאַבעס אַרום 21.45 אַזייגער איז אַף ווילהעלמשטראַסע 20, אין דער קוואַרטיר פון סוי־כער ר., 58 יאָר אַלט, אַרויסגערופן געוואָרן פּאָליציי. אין דער קוואַרטיר איז אָפן ברוק געלעגן ר. מיט שוואַכע סימאָנים פון לעבן. קיין צעשעדיקונג אָפן

אן אידעס פון די „באָבע־מייסעס וועגן די שוידערס", וואָס קומען פאָר אין דייטש־לאנד.

דער הויפּט־ראבינער יאָנאס פּרענקעל. די שטורמאָ־וויקעס האָבן אים אין בער־לין צעמיימעסט ביז בלוט. אים מיט דער טאָכטער איז גע־לונגען צו אנטלויפן קיין פּראָג. דאָקטוירים האָבן איינ־געפונען, אי די וואונדן, וואָס מען האָט אים אָנגעמאכט, שטעלן מיט זיך פאָר א געפאר פארן לעבן.

בערלין, 25־טן אפּריל („וואָלף־אגענטור"). „פּראגער טאגע־בלאַט" פארשפּרייט היינט אַ באָבע־מייסע וועגן שוידערס און באהויפּט, אז דער בערלינער הויפּט־ראבינער יאָנאס פּרענקעל איז היינט אָנגעקומען קיין פּראָג און ער טיילט מיט וועגן שוידערלעכע רעציכעס. וואָס קומען פאָר איבער די אידן אין דייטשלאנד. צווישן אנדערן באהויפּט ער. אז ער איז באפאלן געוואָרן פון שטורמאָוויקעס, וועלכע האָבן בא אים צוגעגאנ־וועט 2000 מארק. די שטורמאָוויקעס האָבן קלוימערשט אים מיט דער טאָכטער געדראָעט מיט רעוואָלווערן, האָבן אים אומ־געוואלגערט און שווער פארוואונדעט. אן איינגעוויקלטן אין א קאָלדרע, האָט מען אים קלוימערשט געהיים אריבערגעטראָגן אין א צווייטן קווארטאל און דערנאָך איז ער אנטלאָפן קיין פּראָג. איצט לײדט ער פון א מארך־דערשיטערונג און פון צע־שטערונג פונעם גלייכגעוויכט־כוש. ווי מען טיילט אונז מיט פון קאָמפּעטענטע אידישע קוועלן, איז אין בערלין בכלל ניטאָ קיין שום הויפּט־ראבינער. אין ערגעץ אין בערלין איז ניטאָ א ראָוו אָדער אוועלכער עס איז אנדער קלייקוידעש מיטן נאָ־מען פרענקעל. עס האנדלט זיך ווידעראַמאָל וועגן איינעם פון די בילבולים, וואָס קומען פון פּראָג און וואָס זייערע קוועלן זיינען (לויט דער „וואָלף־אגענטור") די דייטשישע מאַרקסיס־טישע קרייזן.

היטלערס רעגירונג האָט דערקלערט דורך דער „וואָלף־אגענטור" אז דער ראבינער פרענ־קעל עקזיסטירט ביכ־לאל ניט.

דער פרעזידענט פון דער דייטשישער רעפובליק, פאָן הינדענבורגס צוויי בריוו, וואָס זיינען אדרעסירט דעם בערלינער הויפט־ראבי־נער, וואָס די אָפיציעלע „וואָלף־אגענטור" באהויפּט, אז ער „עקזיסטירט ניט".

Der Reichspräsident

Berlin, den 7.Oktober 1932.

Für die mir anläßlich meines 85. Geburtstages übermittelten freundlichen Glückwünsche spreche ich meinen herzlichen Dank aus.

von Hindenburg

Herrn

Großrabbiner Fränkel.

Der Reichspräsident

Berlin, den 5.Januar 1933.

Herzlichen Dank für die mir zum Jahreswechsel übermittelten Glückwünsche, die ich bestens erwidere.

Mit freundlichem Gruß!

von Hindenburg

Herrn

Gross-Rabbiner Jonas Fränkel

Berlin C.

Rettungsamt der Stadt Berlin
Augustastraße 9
D 1 - 0013

Berlin C
-7.1.33
2

1859

Deutsches Reich
008

Oberbürgermeister der Stadt Berlin

S.H.
Herrn Großrabbiner Jona Fränkel
Berlin N
Dragonerstr. 37

11 b

אונטן — די פאקסימיליע פון דער אויבערשטער זייט פון דער „וואָרענונג", וואָס די בערלינער געזעלשאפט פון גיכע הילף האָט צוגעשיקט דעם הויפּט־ראבינער פרענקעלן וועגן דעם, אז ער זאָל באצאָלן 8 מאַרק פאר געבן ערשטע הילף (די דאָזיקע געזעלשאפט האָט געגעבן די ערשטע הילף דעם שווער צעשלאָגענעם פרענקעלן).

קערפּער איז ניט געווען. דער דאָקטאָר האָט פאַראָרדנט אָפּפירן אים אין שפּיטאָל. אויפן וועג איז ר. געשטאָרבן פון א האַרצשלאַג. די דינסט, וועלכע איז פאַרבליבן אין קוואַרטיר, האָט געמאָלדן, אז בערעך 21 אזייגער מיט 10 מינוט האָבן אין קוואַרטיר אָנגעקלונגען 2 יונגעלייט און האָבן געפרעגט אף ר. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי, האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין קוואַרטיר און איינער פון זיי האָט אָנגעשטעלט א רעוואָלווער אף אים. ר. האָט זיך א וואָרף געטאָן אין צימער און פון איבערשרעקונג איז ער געפאַלן און געחלשט. די מענטשן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן, האָבן באַלד פאַרלאָזט די קוואַרטיר, ניט דערקלערנדיק די סיבעס, פאַרוואָס זיי זיינען אַריין. לויט די באַשרייבונגען פון דער דינסט זיינען עס געווען 2 יונגעלייט אין עלטער פון 20—23 יאָר. אף איינעם איז געווען א גרוי רעקל, טונקל-גרויע הויזן און א גרויער הוט, אף דעם צווייטן א טונקל-גרויער בעגעד און א גרויע קעפּקע". אזעלכע אָפיציעלע מיטיילונגען זיינען געווען טויזנטער, כאָטש איצט פּרוּווט היטלערס רעגירונג פאַרלייקענען די גאַנצע געשיכטע.

די נאַציס פאַרגוואַלטיקן פרויען

א יונגע אידישע פרוי, די נייטאָרן ק. ל., האָט מען אַרעסטירט בא איר אויפן קוואַרטיר אין בערלין אף אויגוסטשטראַסע 35 און אַוועקגעשלעפּט אין א קאַזאַרמע פון שטורמאָוויקעס אף קאַשטאַניענאַליי. איר „פאַרברעך" איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געהאַט באַציאונגען מיט א יונגן קריסט. אין קאַזאַרמע האָט מען זי געבראַכט אין א קאַמער, וואו עס האָבן זיך געפונען בא 30 שטורמאָוויקעס, וואָס האָבן זיך באַלד א וואָרף געטאָן אף איר, צעריסן איר די קליידער און געשלאָגן. נאָכדעם איז איר אויסגעקומען צו וואַרטן אף די טרעפּ, וואו עס האָבן זיך געפונען בא אַ 10 מאַן. דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג, עריך שולץ, האָט זי פון דאָרט צוגענומען און פאַרגוואַלטיקט. דערנאָך איז ער אַוועק און האָט זיך צוריקגעקערט נאָך מיט צוויי שטורמאָוויקעס. ער האָט זיך דערקלערט פאַרן מיידל אין ליבע און האָט געזאָגט, אז אויב זי וועט יעדן אָוונט קומען צו אים, וועט מען זי מער ניט טשעפּען. אָבער אויב זי וועט פּרוּוון אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, וועט מען זי שיסן. בא זיי זיינען דאָ גענוג מענטשן, קעדיי נאָכצושפּיאָנירן נאָך איר. ק. ל. האָט דעמאָלט געבעטן, אז מען זאָל זי אָפּלאָזן. עריך שולץ האָט עס צוגעזאָגט צו טאָן. ער איז אַוועק און האָט זיך באַלד אומגעקערט נאָך איר און אָפּגעפירט צו איר מוטער.

אין די קליינע שטעטלעך און דערפער

דער בריוו, וועלכן מיר דרוקן דאָ איבער טעקסטועל, איז דורך אונדז קאָנטראָלירט.

„אין דעם קליינעם ווירטעמבערגער שטעטל נידערשטעטען אַרום מערגענהיים עקזיסטירט שוין פון אייניקע יאָרהונדערטן א קליינצאָליקע אידישע געמיינדע. די מיטגלידער אירע זיינען דאָס רוב הענדלער, וועלכע,

אף וויפל זיי אינטערעסירן זיך בכלל מיט פּאָליטיק, שטייען נענטער צו די רעכטע פּאַרטייען, איידער צו די סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן. ביז דער לעצטער צייט זיינען די באַציאונגען צווישן דער קריסטלעכער און אידישער באַפעלקערונג אין נידערשטעטען מיט קיין זאַך ניט פאַרטונקלט געוואָרן.

„אין ערעך 8 טאָג פאַר פּייסעך איז אין נידערשטעטען אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג שטורמאַוויקעס, האָט פאַרכאַפּט דאָס ראַטהויז און האָט זיך צוגענומען די פּאָליציי־מאַכט. נאָכדעם האָט מען גענומען מאַכן אונטערזוכונגען אין די הייזער. מע האָט געזוכט קאָמוניסטישע ליטעראַטור, און עס פאַרשטייט זיך, אַז אַבסאָלוט אָן אַ רעזולטאַט. ניט געקוקט אַף דעם האָט מען צען אידן — בעקאָוועדיקע בירגער פון שטעטל — אָפּגעפירט אין ראַטהויז. דאָרטן האָט מען זיי איינציקווייז אַריינגעפירט אין אַ צימער, געבונדן, אַוועקגעלייגט אַף אַ שטול און געשמיסן מיט שטאָלענע ריטער, ביז וואַנען זיי האָבן פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין. נאָכדעם האָט מען די אומגליקלעכע, וועלכע האָבן זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס, אַוועקגעפירט איל זאָל פון דעם ראַטהויז, וואו מען האָט זיי געצוואונגען שטעלן זיך אין אַ ריי באַ דער וואַנט — „באַם קויסל מאַראָווי" — ווי מע האָט זיך מיט זיי גערייצט. דאָרטן האָט מען זיי געצוואונגען אויפהויבן די הענט, אַלס אַ צייכן, אַז זיי באַגריסן די פאַשיסטן, נאָכדעם האָט מען זיי דערלויבט צו פאַרלאָזן דאָס ראַטהויז. אָבער די מערהייט פון די צעמיימיסטע אידן איז צוליב די קלעפּ געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז די קרויווים זייערע איז אויסגעקומען אָפּצופירן זיי אָדער אַוועקצוטראָגן אַף די הענט.

אַלע געליטענע זענען אין פאַרלויף פון אייניקע וואָכן געווען צוגעשמידט צום בעט. באַ איינעם פון זיי האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן.

„אַף דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג פון נידערשטעטען, וועלכע האָט דעם 5־טן מערץ אין איר מערהייט געשטימט פאַר די נאַציאָנאַליסטן, איז געפאַלן אַ טויט־שרעק צוליב דער דאָזיקער געשעעניש. איינער אַן אַלטער פויער האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט: „דאָס האָט היטלער פונדעסטוועגן ניט געוואָלט" — באַ דעם אַלטן איז, ווייזט אויס, ניט געווען קיין ראַדיאָ אין שטוב, אַנדערש וואָלט ער געוואוסט, אַז אָט די דאָזיקע „דייטשישע לייט" (מע זאָגט, אַז זיי זיינען אָנגעקומען פון הייל־בראָן און פון אַנדערע ערטער, וואו זיי האָבן נאָך ערגערע מאַיסים אָפּגעטאָן), האָבן אויסגעפילט בלויז דאָס, וואָס די הייניטיקע אָנפירער פון דייטשלאַנד פאַרעפנטלעכן יעדן אָוונט אין זייערע קנאַקנדיקע רעדעס".

אַלס צוגאָב צו די דאָזיקע מיטיילונגען וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין די דערפער, וועלן מיר ברענגען אַן אויסצוג פון דעם פאָלגנדיקן אויפרוף „פון דעם סוב־קאָמיטעט צו קעמפן קעגן דעם אידנטום אין ניישטאַט אַף דער אייבע": דער אויפרוף איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דעם 18־טן מאַי 1933 אין דער אָרטיקער צייטונג:

„...אונזער קאַמף שטעלט זיך פאַר אַ ציל אָפּצורייניקן ניישטאַט פון

אידן און פון זייערע מעשאָרסים. די, וועלכע האַלטן, ניט געקוקט אַף דעם, פאַר נייטיק ארויסצוטרעטן צו פאַרטיידיקן די אידן, זיינען אין אונזערע אויגן פאַסקודסטוועס, מיט וועלכע מיר וועלן זיך באגיין פונקט אזוי, ווי מיט אידן".

אין די קאַזאַרמעס פון די שטורמאָוויקעס

ק. וו., וועלכער וואוינט אין בערלין, מעלדעט וועגן דעם, וואָס ער האָט מיט זיינע אויגן געזען אין די קאַזאַרמעס פון די שטורמאָוויקעס:

„מע האָט אויך געבראַכט א אידן פון 26 יאָר. ער האָט מיר דערנאָך דערציילט, אז מע האָט אים ארעסטירט, ווען ער איז געפאָרן אַף א מאָטאָ־ציקל. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק. לעבאַטכילע האָט מען אים אָפּגעשאָרן מיט אַ שערעלע פאַר נעגל און בעאיים מאיסע אויסגעריסן א טייל האָר פון קאָפּ. נאָכדעם האָבן די מיטגלידער פון דער געהילפּס־פּאָליציי זיך גענומען ווערטלען צווישן זיך, ווער עס זאָל אים שלאָגן. יענע, וועלכע האָבן אים געבראַכט, האָבן געפּאָדערט, אז דאָס דאָזיקע רעכט זאָל אָפּגעגעבן ווערן זיי. דער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט גע־בראַכט דעם אידן אין קאַזאַרמע, האָט געזאָגט: „צוליב וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט ברענגען דעם אידן, אויב איך טאָר אים ניט אביסל אָנביי־קערן די ביינער?" אַף דעם האָבן די איבעריקע געענטפערט: „דו ביסט שיקער, גיי און ניכטער זיך פריער אויס". פון דער מערהייט געהילפּס־פּאָליציאַנטן האָט געטראָגן מיט ספּירט.

„דעם דאָזיקן אידן האָט מען שפּעטער געשלאָגן פונקט אזוי ווי די איבעריקע. דערביי האָט מען אים געשלאָגן מיט רימענע קאַנטשיקעס, שטאָלענע ריטער און גומענע שטעקלעך. נאָכדעם האָט מען אים אפן הוילן הינטן געגאָסן ספּירט און ווידעראַמאָל געשלאָגן. נאָכדעם האָט מען אים צו דער ברוסט צוגעשטעלט אַ קינזשאַל און געזאָגט: „איצט וועלן מיר דיך דערשטעכן", דערביי האָט מען אים געמאַכט ניט קיין גרויסע וואונד, און נאָכדעם האָט מען אים געזאָגט: „מיר וועלן דיך דערשטעכן מאָרגן".

„א פערטל זעקס האָט מען מיך אוועקגעפירט אפן פאַרהער. אזוי ווי מען האָט מיך אין גאָרנישט געקאָנט באַשולדיקן, האָט מען מיך אָפּגעפירט אין א קאַמער, וואו עס האָבן זיך געפונען ארום 40 מענטשן. מיר אליין האָט מען געגעבן נאָך עטלעכע קלעפּ מיט אַ גומענעם שטעקל און עטלעכע זעץ מיט די פיס. אין דער קאַזאַרמע איז נאָך געווען אַן אזויגערופענע „קאַמער פאַר ביז טויט געשלאָגענע". דאָרטן זיינען געזעסן דריי מענטשן; מען האָט זיי צעהאַרגעט אזוי, אז זיי זיינען געוואָרן שווארץ ווי די בראַנד. איינער פון זיי האָט זיך אפילע געוואָלט אויפהענגען אַף א שניר.

„7 אזייגער אין דער פרי איז געקומען דער דיזשורנער אָפיציר פון דער שטורעם־בריגאַדע. מע האָט אונז געגעבן פרישטיק: קאַווע און טרוקן ברויט. נאָכדעם זיינען אפן הויף פאָרגעקומען גימנאַסטישע איבונגען. מיר

האָבן פאַר די איבונגען געדאַרפט שרייען: „אונזער רייכסקאַנצלער אַדאָלף היטלער דערפאָלג און רום"! בעאיים די איבונגען האָבן מיר געדאַרפט זינגען: „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס" און „איז געוועזן באַ מיר אַ כאַוור". נאָכדעם האָט מען אונז געפרעגט, צי וועלן מיר פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, אויב עס וועט זיך אָנהייבן אַ מילכאָמע מיט פּוילן. מיר האָבן געענטפערט: „יאָ". נאָכדעם האָט מען אונז געפרעגט, וואָס וועלן מיר טאָן, אויב מע וועט אונז אַרויסלאָזן: צי וועלן מיר אַריינטרעטן אין די שטורעם-אָפּטיילונגען? מיר האָבן אויף דעם געענטפערט: „יאָ". די אידן, וועלכע זיינען געווען באַ אַ צענדליק מאַן, האָבן געדאַרפט דורכמאַכן די גימנאַסטישע איבונגען באַזונדער פון אונז. מע האָט זיי געצוואונגען איבערצוכאַזערן פאַרשידענע באַנאַלקייטן, ווי אַ שטייגער: „ספּאָרט העלפט מיט דעם וואוקס פון די האָר, פאַרפעסטיקט די מוסקלען פון בויך, גיט צו אַ געזונטן קאָליר דעם הינטן".

פון די פיל פּראָטעסטן און מיטיילונגען, וואָס די אָפיציעלע פאָרשטייער פון אויסלענדישע מעלוכעס האָבן פּובליקירט, נעמען מיר פאָלגנדיקעס:

פּוילישע פּראָטעסטן

בערלין, 30 מערץ. דער פּוילישער געזאַנדטער אין בערלין ה' וויסאָצקי האָט דערקלערט דער אימפּערישער רעגירונג אַ פּראָטעסט קעגן די פאַרפאָלגונגען, וואָס עס האָבן געליטן די פּוילישע אידן מיצאַד די היטלעריסטישע באַנדעס. וויסאָצקי האָט אַגעוו געבראַכט די פאָלגנדיקע צופאַלן, וואָס האָבן געהאַט אָן אָרט אין בערלין גופע.

דעם 4-טן מערץ האָט מען איסראָעל וויסן אַרעסטירט באַ אים אפן קוואַרטיר און אוועקגעשלעפּט אים אין אַ גאַראַזש און דאָרטן צעמיימעסט, ביז ער האָט פאַרלאָרן זיין באַוואוסטזיין. נאָכדעם האָט מען אים אָפּגעפירט אין פּאָליציי-צירקל, וואו מען האָט אים אָפּגעהאַלטן ביזן 6-טן מערץ.

„דעם 6-טן מערץ האָט געליטן פון אַן אָנפאַל אַווראָם לייב מיטלמאַן. מע האָט אים אוועקגעפירט אין אַ שענק, וואו מע האָט אים אַכזאָריעסדיק צעשלאָגן און געצוואונגען טרינקען עפּעס אַן עקלהאַפטע פליסיקייט. נאָך אָט די קלעפּ האָט זיך מיטלמאַן אַרויסגעוויזן פאַר אַרבעטס-אומפעאיק.

„דעם 7-טן מערץ האָבן די היטלערישע באַנדעס צעשלאָגן מייער וואולקן און זיין פלימעניצע מיט גומענע שטעקלעך, ביז זיי האָבן פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין א. א. וו.

אַלע פּוילישע אידן, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין כעמניץ, זיינען אונטער אַ וואַך אָפּגעפירט געוואָרן אין שטאָט און מע האָט זיי געצוואונגען אָפּצורייסן פון די ווענט קאָמוניסטישע אויפשריפטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון דער וואַל-קאַמפּאַניע. די דאָזיקע אַרבעט איז זיי אויסגעקומען צו טאָן אונטער אַ האָגל פון סאַמע עקלהאַפטע זידלערייען, מיט וועלכע עס האָבן זיי באַשאָטן די דורכגייענדיקע. דער פּוילישער בירגער אַדעלבערג דאַפנער האָט באַקומען פופציק שמיץ מיט

א קאנטשיק. נאָר יעדן שמיץ האָט ער געדארפט זאָגן „א דאנק". סאלאמאָן רובינשטיין איז צעמאזיקט געוואָרן ביז אזא מאדרייגע, אז אפילע אין א וואָך ארום זיינען בא אים אפן קערפער פארבליבן פיל וואונדן און שפורן פון קלעפּ.

אין דער טפיסע אין פלאוונע, וואו די היטלעריסטן האָבן פארזעצט פיל אידן, זיינען פאָרגעקומען שרעקלעכע אכזאָריעסן.

א דאנק דעם אריינמישן זיך פונעם פוילישן קאָנסולאט אין צוויקאו און פאלקענשטיין זיינען באפרייט געוואָרן 8 פוילישע אידן; צוליב די קלעפּ, וואָס זיי האָבן באקומען, זיינען פיל פון זיי אף א לאנגער צייט גע־בליבן ניט ארבעטספעאיק.

אמעריקאנער פראָטעסטן

ווי מען טיילט מיט דעם 9־טן מערץ פון בערלין האָט דער אמעריקאנער גע־זאנדטער סאקעט דערקלערט א פראָטעסט קעגן שלאָגן אמעריקאנישע בירגער. ער האָט אָנגעוויזן א רייע צופאלן, וואָס האָבן געהאט אן אָרט בלויז אין בערלין אין פארלויף פון אייניקע טעג:

„פיל אידן, אין דער צאָל אייניקע אמעריקאנער בירגער, זיינען זייער גראָב באהאנדלט געוואָרן אין בערלין. אזוי צ. ב. האָבן זיך אנומלט באנאכט אריינגעכאפּט די נאַציאָנאל־סאָציאליסטן צום אמעריקאנישן בירגער מאַקס שוסלער. קעדיי קענען אריין אין דער קווארטיר, האָבן זיך די נאצ.־סאָציאל. ארויסגעגעבן פאר פאָליציי־לייט. זיי האָבן זיך אריינגעריסן אין שלאָפצי־מער צו דער מאדאם שוסלער און האָבן זי געצוואונגען אָנצוטאָן זיך אין זייער אָנוועזנהייט.

„אף דער גאס קורפירסטענדאם האָבן די נאַציאָנאל־סאָציאליסטן צע־שלאָגן א צווייטן אמעריקאנישן בירגער לעאָ יאפע... א. א. וו."

די טשעכישע אָפיציעלע פרעס־ביוראָ טיילט מיט דעם צווייטן אפריל:

„אין שפיטאָל אין וואַרנסדאָרף געפינען זיך 4 היימלאָזע פון דייטש־לאנד, וואָס האָבן געקריגן קלעפּ. נעכטן 1 אזייגער באנאכט האָבן זיי שטורמאָוויקעס געבראכט אף א פראכט־אויטאָמאָביל פון דעם היינעוואל־דישן פאלאץ אין זאקסן, וואו עס איז איצט איינגעאָרדנט א קאָנצענטרא־ציע־לאגער. אלע פיר זיינען אידן. פון זיי איז איינער אן עסטרייכישער בירגער, צוויי פוילישע בירגער און דער פערטער אָן א באשטימטער אונ־טערטאַנשאַפט. הונדערט טריט פון גרענעץ האָט מען זיי ארויסגעוואָרפן פון אויטאָמאָביל און צעשלאָגן, אז בלוט האָט גערונען און ווען זיי האָבן זיך געפּרואווט איבערלויפן די טשעכאָסלאָוואקישע גרענעץ, האָט מען זיי נאָכגעשאָסן. אלע פיר האָבן באקומען ערנסטע וואונדן. בא איינעם פון זיי איז דורכגעבראָכן דער שארבן און ער קאָן ניט גענומען ווערן אפן פארהער".

אפן גרענעץ

די שטורמאַוויקעס און די שוצאַפּטיילונגען, וועלכע געפינען זיך אין די ביי־גרענעץ־דערפער, דערלויבן, פארשטייט זיך, ניט די קאַרבאַנעס פון דעם ברוינעם טעראָר איבערצולויפן די גרענעץ. יעדער דייטשישער בירגער, וואָס איז פארהאַלטן געוואָרן בא א פרואוו איבערצוגיין די גרענעץ, ווערט פארעכנט פאר א מעלוכע־פארעטער.

פון פראג טיילט מען מיט:

„דער שנעלצוג בערלין—אַטען, וועלכע ברענגט יעדן אינדערפרי אין פראג אייניקע הונדערט מענטשן, איז אַנגעקומען אין פראג דעם 1־טן אפריל מיט א פארשפעטיקונג אף 5 שאָ און בלויז מיט 3 פּאַסאזשירן. די אַנגעקומענע האָבן געמאַכט א נאַטאַריעל באַשטעטיקטע מיטיילונג וועגן די סצענעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דרעזדען. אף דער פּלאַטפאָרמע פון ביידע זייטן צוג האָבן זיך אין א קייט אויסגעשטעלט פאשיסטן. אַנדערע זיינען געגאַנגען איבער די וואַגאָנען און האָבן געשריגן: „אידן ארויס!” אלע אידישע פּאַסאזשירן, אין דער צאָל אויך אויסלענדער, האָבן געדארפט פאר־לאָזן דעם צוג. אפן פעראָן האָט מען די פּאַסאזשירן געצוואונגען אויס־שטעלן זיך אין א ריי, נאָכדעם האָט מען געגעבן א קאָמאַנדע: „לינקס ארום מאַרש!” די קאָלאָנע, אָן ארומגערינגלטע מיט נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסט, האָט זיך א רוק געטאָן צום ארויסגאַנג פון וואָקזאַל. וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון די דאָזיקע פערזאָנען, וועלכע מען האָט ניט געלאָזן ארויספאָרן פון דייטשלאנד, איז גאָרנישט באוואוסט. צווישן זיי האָבן זיך געפונען פיל פרויען און קינדער”.

דער הויפּט־ראָוו פון פראנקרייך דערקלערט:

אין צוזאמענהאַנג מיט די האַקבאַשעס פון דער דייטשישער מאַכט, האָט דער הויפּט־ראָוו פון פראנקרייך געגעבן דעם פאָרשטייער פון „פּטי זשורנאל” פאָלגנ־דיקע מעלדונג וועגן די אַנטיסעמיטישע מאַיסים אין דייטשלאַנד:

„צום באדויערן בין איך געצוואונגען צו זאָגן, אז די מעלדונגען וועגן די רעציכעס זיינען אבסאָלוט ריכטיקע. מיר פארמאָגן באווייזן מיט פאָ־טאָגראפישע דאָקומענטן, וואָס עס איז אומעגלעך זיי אָפּצולייקענען. מיינט ניט, אז מיר גלייבן אליץ, וואָס די היימלאָזע דערציילן. מיר האָבן א מעג־לעכקייט דורכצוקאָנטראָלירן דאָס, וואָס מע זאָגט אונז. מיר פארמאָגן דאָ־קומענטן, וואָס קומען אונז אָן פון פולשטענדיק זיכערע קוועלן, וועלכע איך קאָן אייך ניט אָנווייזן. איך קאָן אפילע זאָגן אייך, אז אייניקע פון די דאָזי־קע דאָקומענטן טראָגן אן אָפיציעלן כאראקטער און קומען ארויס פון אויס־לענדישע רעגירונגען. די זאַך איז ניט נאָר אין איזדעקעס, נאָר אין אכזאָ־ריעסדיקע פארפאָלגונגען און אלס רעזולטאַט פון זיי זיינען שוין פאראַן קאָרבאָנעס און מאַרטירער. אויב מיר וועלן דערצו זיין געצוואונגען, וועלן מיר פּובליקירן די דאָזיקע דאָקומענטן”.

„אינדערעמעסן איז געווען נאָך ערגער"

„מאנטשעסטער גארדיאן" קאָנסטאטירט:

„די געבראכטע ביישפּילן פון טעראָריסטישע אקטן, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן פון די נאציאָנאַל־סאָציאַליסטן נאָך די וואלן, דערווייזן די פולשטענדיקע באשיימפּערלעכקייט, אז דער טעראָר איז געווען שרעקלעכער, איידער מען האָט לעכאטכילע געמיינט. די ענגלישע, פראנצויזישע און אמעריקאנישע פּרעסע איז ניט נאָר ניט מעגאזועם דאָס, וואָס עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, ווי עס באהויפּטעט די דייטשישע פּרעסע, נאָר פאַרקערט זי פאַרקלענערט אָט די אלע שווידערלעכקייטן. דאָס איז אנגעוו גאַנץ נאטירלעך, ווייל דער אויסלענדישער פּרעסע האָט זיך איינגעגעבן צו באַקאָנען זיך נאָר מיט א טייל פונעם פאקטישן מאטעריאַל. נאָך ערגער, ווי אין בערלין, האָט וויזט אוים, דער טעראָר געהערשט אין קיל, נאָכדעם אין שלעזיע, וואו עס קאָמאנדעוועט מיט די „ברוינע העמדלעך" דער אמניסטירטער פּאשיסטישער טעראָריסט היינעס.

„ווען מען זאָל געגוי באשרייבן אלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען פאר די לעצטע פיר וואָכן, כאָטש נאָר בלויז אין די דערפער פון אויבערהעסען, וואָלט עס אָנגעוואָרפן א שרעק. עס איז אָבער ניטאָ קיין מעגלעכקייט פּינקטלעך פעסטצושטעלן עפּעס אויסער איינצלנע פאלן, ווייל יעדער אויספאָרשונג ווערט פארשווערט מיט דער אלגעמיינער מורא פאר רעפּרעסיעס און אפילו פאר טפּיסע. מיט איינקע טעג צוריק האָט מען איין מענטשן צוגעמישפּעט א יאָר טפּיסע דערפאר, וואָס ער האָט פארשפּרייט א „פאַלשן קלאנג", אז די „ברוינע" האָבן אויפגעהאנגען א אידן. אין דער ווירקלעכקייט איז דער „קלאנג" א ריכטיקער.

„איינעם א אידן האָבן די ברוינע העמדלעך צעשלאָגן און אויפגעהאנגען פאר די פּיס מיטן קאָפּ אראָפּ. ווען זיי האָבן פאַרענדיקט זייער זאך איז ער געווען א טויטער. דער דייטש, וועלכער דערלויבט אין זיין אייגענעם לאנד צו זאָגן א וואָרט עמעס וועגן דעם שרעקלעכן טעראָר, וואָס דאָרטן הערשט, ריזיקירט אריינצופאלן צו די פאשיסטישע הענקער און פארזעצט ווערן אין טפּיסע אף א לאנגער צייט, אָדער אפילו דערמאָרדעט צו ווערן. עס איז פארשטענדלעך, מע קאָן ניט פאָדערן, אז מ'זאָל אף זיך נעמען אזא ריזיקע".

איינשטיינס אויפרוף

מיר וועלן פארענדיקן דעם קאפּיטל וועגן די מאָרדן און גרוילן מיט אן אויפרוף פון פּראָפעסאָר איינשטיין, וועלכער איז פארטריבן געוואָרן פון דייטשלאנד.

דעם 27־טן מערץ איז דער געלערנטער אָנגעקומען אפן דאמפער „בעלגענלאנד" אין האוור. צו באגריסן אים איז אפן דאמפער געקומען א דעלעגאציע פון דער צווישנפעלקערלעכער ליגע צו קעמפן קעגן אנטיסעמיטיזם, און ער האָט זיי איבערגעגעבן זיין אייגנהענטיק־אָנגעשריבענעם אויפרוף.

„די אקטן פון גראַבן גוואַלדטאַט און דרוק, וואָס זיינען געווענדט קעגן אַלע פרייע מויכעס און קעגן אידן, די דאָזיקע אַקטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען און קומען נאָך פאָר אין דייטשלאַנד האָבן צום גליק אויפגעמונטערט דעם געוויסן אין אַלע לענדער, וועלכע זיינען געבליבן טריי די פרינציפן פון הומאַנישקייט און פּאָליטישער פרייהייט.

„די צווישנפעלקערלעכע ליגע צו קעמפן קעגן אנטיסעמיטיזם האָט גרויסע פאַרדינסטן אין דער זאַך פון פאַרטיידיקן די גערעכטיקייט און אויפשטעלן די איינהייט פון די פעלקער, וועלכע זיינען ניט אָנגעשטעקט מיט דעם סאַם פון אנטיסעמיטיזם.

„מען דאַרף האָפן, אַז די קעגנווירקונג וועט זיין גענוג שטאַרק, קעדיי אויסצומיידן, אַז אייראָפּע זאָל זיך צוריקקערן צו די שוין לאַנג־פאַרשוואונדענע צייטן פון באַרבאַרישקייט. זאָלן אַלע פריינט פון אונזער ציוויליזאַציע, וועמען עס דראָעט אַזאַ ערנסטע געפאַר, קאָנצענטרירן זייערע קויכעס אויף צו באַזייטיקן אָט דעם דאָזיקן וועלט־פּסיכאָז. איך בין מיט אייך".

דער באָיקאָט קעגן אידן

די אימפּערישע אָנפירונג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט דעם 28־טן מערץ פּובליקירט אַן אויפרוף, וואָס איז געווענדט צו אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. אין דעם דאָזיקן אויפרוף ווערן די דייטשישע אידן באַשולדיקט אין אינסצענירן „אַ העצע קעגן דער נאַציאָנאַלער רעגירונג" און די באַפעלקערונג ווערט אויפגעפאָדערט צו באָיקאָטירן די אידישע געשעפטן, אידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן א. א. וו.

אין דעם זעלביקן טאָג זיינען פּובליקירט געוואָרן די באַרימטע עלף פּראָגראַם־פּונקטן אויף דורכצופירן דעם באָיקאָט. מיר ברענגען זיי טעקסטועל:

„1. אין יעדער אָרטיקער גרופּע און אין יעדער אָרגאַניזאַציע פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער דייטשישער אַרבעטער־פּאַרטיי דאַרפן באַלד געבילדעט ווערן טאַט־קאָמיטעטן, קעדיי פּראַקטיש און פּלאַנמעסיק דורכצופירן דעם באָיקאָט פון די קראָמען, אידישע סכוירעס, אידן־דאָקטוירים און אידן־אַדוואָקאַטן. די טאַט־קאָמיטעטן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם, אַז דער באָיקאָט זאָל ניט אָנרירן אומשולדיקע און זאָל וואָס שטאַרקער זיך לאָזן פילן אויף די שולדיקע.

„2. די קאָמיטעטן פון טאַט זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַלזייטיקן שוץ פון אַלע אויסלענדער אָן אונטערשייד פון גלויבן, אָפּשטאַמונג אָדער ראַסע. דער באָיקאָט איז בלויז אַ שוץ־מיטל, וואָס איז געווענדעט אויסשליסלעך קעגן די דייטשישע אידן.

„3. די קאָמיטעטן פון טאַט דאַרפן באַלד זיך פאַרנעמען מיט פּאָפּולאַריזירן און דערקלערן דעם באָיקאָט. דער גרונט־פּרינציפּ איז: קיין איין דייטש דאַרף ניט קויפן בא אַ אידן אָדער דערלויבן אַ אידן אָדער זיינע אָן אונטערגעשטעלטע פּערזאָן אָנבינדן זיך סכוירעס. דער באָיקאָט דאַרף טראָ־

גן אן אלגעמיינעם כאראקטער. ער דארף אונטערגעהאלטן ווערן פונעם גאנצן פאָלק און דארף א קלאפּ טאָן איבערן אידנטום אף זיין פילבארסטן אָרט.

„4. אין צווייפלהאפטע פאלן דארף מען זיך אָפּהאלטן פון באָיקאָט, ביז וואנען עס וועלן וועגן דער אַנטשפּרעכנדיקער אונטערנעמונג ניט זיין קיינע אַנדערע אָנווייזונגען פון דעם צענטראלן קאָמיטעט אין מינכען.

„5. די קאָמיטעטן פון טאַט גיבן אפן שטרענגסטן אויפן אכטונג אף די צייטונגען, שפּירן נאָך אין וואָס פאר א מאָס זיי נעמען אן אָנטייל אין דעם אויפקלערונגס־מארש פון דעם דייטשישן פאָלק קעגן דער העצע וועגן אכזאָריעסן, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן פון די אידן אין אויסלאנד. אויב די צייטונגען טוען עס ניט, אָדער זיי טוען עס אין א ניט גענוגנדיקער מאָס, דארף מען אָנעמען מיטלען צו באזייטיקן זיי פון יעדער שטוב, וואו עס געפונען זיך דייטשן. קיין איין דייטש, קיין איין דייטשישע אונטערנעמונג טאָר ניט געבן קיין מעלדונג אין אזוינע צייטונגען. די לעצטע דארפן איבערגעגעבן ווערן צו געזעלשאפטלעכער פאראכטונג, ווי צייטונגען, וואָס ווערן ארויסגעגעבן פאר אידן און ניט פארן דייטשישן פאָלק.

„6. דער קאָמיטעט פון טאַט דארף פירן אף די אונטערנעמונגען אן אויפקלערונגס־פּראָפּאגאנדע וועגן די פאָלגן, וואָס די אָרגאניזירטע דורך די אידן העצע וועגן אכזאָריעסן האָט פאר דער דייטשער ארבעט און דערמיט גופע פאר די דייטשישע ארבעטער. באזונדערס דארף מען איבערציינגן די ארבעטער אין דער נויטווענדיקייט פון א נאציאָנאַלן באָיקאָט ווי א שוץ־מיטל צו באשיצן די דייטשישע ארבעט.

„7. די טאַט־קאָמיטעטן דארפן געבילדעט ווערן אומעטום, אפילע אין די סאמע קלענסטע דערפער, מיטן ציל א קלאפּ צו טאָן באזונדערס איבער די אידן הענדלער אין דאָרף.

„8. בא דעם באָיקאָט דארף מען זיך ניט פאנאנדערוואַרפן. ס'איז נייטיק צו ווירקן מיט א קאָנצענטרירטן קלאפּ. אין דער הינזיכט דארף באלד דורכגעפירט ווערן די גאנצע צוגרייטונגס־ארבעט. די שטורעם־אָפּטיילונגען און די אָפּטיילונגען פון שוץ ווערט אָפּגעגעבן א פאראָרדענונג, אז פון דעם מאָמענט, ווען עס הייבט זיך אָן דער באָיקאָט, דארפן איינגעשטעלט ווערן פיקעטן, וואָס וואָרענען פון באזוכן אידישע קראָמען. דער באָיקאָט הייבט זיך אָן אומעטום גלייך,ש אבעס, דעם 1־טן אפּריל, פונקט 10אזייגער אינדערפרי. ער וועט פאָרגעזעצט ווערן, ביז די פּארטיי־אָנפירונג וועט פאראָרדענען אים אָפּצושאפן.

"9. די קאָמיטעטן פון טאַט דארפן זיך באלד פארנעמען מיט אָרגאניזירן צענדליקער טויזנטער מאסן־פארזאמלונגען אפילע אין די סאמע קלענסטע דערפלעך, ארויסשטעלן די פאָדערונגען וועגן איינפירן א פּראָצענט־נאָרמע פאר אידן באם פארנעמען פּראָפעסיעס, אין העסקעם מיט דעם טייל, וועלכן זיי שטעלן פאָר אין דער דייטשישער באפעלקערונג.

קעדיי צוצוגעבן א גרויסע קראפט דעם דאזיקן קאמפיין, דאר דמען צוערשט באגרענעצן די דאזיקע פאדערונג מיט דריי געביטן: א) אין געביט פון אויפנעמען שילער אין די דייטשישע מיטעלע און העכערע שולן, ב) אין געביט פון דערלאזן אין דעם מעדיצינישן שטאנד, ג) אין געביט פון דער־לאזן אין דעם שטאנד פון אדוואקאטן.

„10. ווייטער דארפן די קאמיטעטן פון טאט זארגן וועגן דעם, אז אלע דייטשן, וואס האבן א וואסער ניט איז פארבינדונג מיט אויסלאנד, זאלן זי אויסנוצן, קעדיי אין בריוו, טעלעגראמעס, טעלעפאן־געשפרעכן פאר־שפרייטן דעם עמעס, אויפקלערן, אז אין דייטשלאנד הערשט רו און ארדע־נונג, אז דאס דייטשישע פאלק וויל נאר פרידלעך ארבעטן און לעבן בע־שאלעם מיט אלע אנדערע לענדער און אז עס פירט נאר א שוץ־קאמף קעגן דער העצע, וואס די אידן האבן ארגאניזירט וועגן עפעס קלוימערשטע אכ־זאריעסן.

„11. די קאמיטעטן פון טאט ענטפערן פאר דעם, אז אט דער גאנצער קאמף זאל דורכגעפירט ווערן פולשטענדיק רואיק און איינהיטנדיק די שטרענגסטע דיסציפלין. טשעפעט ניט קיין איין האר בא א אידן. מיט דער דאזיקער העצע וועלן מיר פארטיק ווערן פאשעט דורך דער אנטשיידענער קראפט פון אונזערע מאסמיטלען".

דער דאזיקער אויפרוף איז באגלייט געווארן מיט א לאנגער דעקלאראציע: יעדעס ווארט זאגט אײדעס וועגן דעם ניט ריינעם געוויסן, אבער ווי אלעמאל איז עס צוגעדעקט מיט אן אויסשליסלעך שארפן טאן. אין שלוס ווערט דארטן גע־זאגט: „נאציאנאל־סאציאליסטן, שאבעס פונקט 10 אזייגער אינדערפרי וועלן זיך די אידן דערוויסן מיט וועמען זיי האבן אנגעהויבן א קאמף".

א פאסיקער מענטש

בעראש פון אט דער דאזיקער „שוץ־קאמפאניע" האבן די טוער פון דער „דריטער אימפעריע" אוועקגעשטעלט יולי שטרייכער, דעם ארויסגעבער פון דעם יודענבערגער זשורנאל „דער שטורמער". „דער שטורמער" איז ניט עפעס א גע־וויינלעך בלעטל, וואס פארנעמט זיך מיט אנטיסעמיטישער העצע. לויט זיין אינהאלט האט ער איבערגעשטיגן אלץ, וואס עס איז ביז איצט געדרוקט געווארן אין דייטשלאנד אפן געביט פון שונד־ליטעראטור. „דער שטורמער" איז שטענ־דיק געווען אן ארגאן פון ליטעראטור־פאמויניצעס. די אידן־פראגע האט ער טראקטירט פארנאגראפיש. מיר וועלן ברענגען אייניקע קעפלעך פון זיין אומגעהייער שמוציקער קאלעקציע:

„אסקאר גראס אין קיטצינגען — א ספעציאליסט צו פארגוואלדיקן דינסטן".

„מיידלעך בלאנדינקעס — קארבאנעס פון צווישנפעלקערלעכן האנדל מיט לעבעדיקער סכוירע".

„א סקאנדאל מיט פלודערן אף יאקאבספלאץ".

„א שאנד־הויז אפן צעפעלין־פעלד".

אַט די אַלע דערגרייכונגען האָבן געדינט פאַר אַ גענוגנדיקן יעסאָד פאַר דעם, אַז דער הער שטרייכער זאָל מאַכן אַ קאַריערע אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער דייטשישער אַרבעטער־פּאַרטיי און זאָל ענדלעך באַשטימט ווערן אַלס קאָמיסאַר פאַר אָרגאַניזירן דעם באָיקאָט קעגן אידן. שטרייכערן פלעגט מען אָפט מישפּעטן ניט בלויז פאַר רעבילעס, דראָונגען און אַנדערע „פּאָליטישע פאַרברעכנס, נאָר אויך פאַר שווינדל.

הער שטרייכער האָט באַלד באַשטימט אַלס זיין פאַרטרעטער אין קאָמיטעט פון טאַט זיינעם אַ מיטאַרבעטער, דעם רעדאַקטאָר פון „דער שטורמער", האָלצן. האָלץ איז ניט נאָר צוגעמישפּעט געוואָרן צו טפיסע פאַר ניט איינמאָליקע באַוואוסטע רעבילעס אַף פּאָליטישע קעגנער, ער האָט אויך פיל געריכטס־אורטיילן פאַר שיקרעס און רעציכעס. אינאיינעם מיט שטרייכערן האָט ער גאַנץ ערנסט אין 20־טן יאָרהונדערט אַפּדאָסניי גענומען פאַרשפּרייטן באָבע־מאַיסעס וועגן אַלילעס־דאַם. אין איינעם אַן אורטייל ווערט געזאָגט, אַז האָלץ האָט געשילדערט איינעם אַ בעקאַוועדיקן און אָנגעזעענעם טוער פון נירענבערג אַלס אַנטיילנעמער פון ריטועלע מאָרדן.

אַף אַ פּרעסע אויפנאַם פון די נאַציאָנאַלע זשורנאַליסטן דעם 30־טן מערץ 1933 האָט הער שטרייכער דערקלערט:

> „איך וואָלט ניט מוירע געהאַט צו פאַרוערן די דייטשישע אידן צו פראַווען זייער גאָטעס־דינסט און צו באַזוכן די סינאַגאָגעס".

צוגרייטונגען צום באָיקאָט

די לעצטע טעג פאַרן באָיקאָט האָט זיך די העצע קעגן די אידן סיסטעמאַטיש פאַנאַנדערגעפלאַקערט.

אַלס ביישפּיל וועלן מיר ברענגען איינע פון די „מוסטער־רעדעס", נעמלעך די רעדע פון דעם נייעם פּאָליציי־פּרעזידענט אין פראַנקפורט, דעם גענעראַל פאָן וועסטערם. מיר נעמען עס פון אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער ציימונג „פראַנקפורטער פאָלקס־בלאַט" פון 30־טן מערץ 1933 יאָר.

> „קיין איין שטורמאָוויק וועט ניט אַרויסווייזן קיין גוואַלטאַט אַף אַ אידן דערפאַר, וואָס ער וויס, אַז אַ איד איז צו אים ניט גלייך. אויב אַ איד קאָן ניט עסן אונזער פליייש, זאָל ער עסן רעטעך און קאַרטאָפל, ווי איר האָט געגעסן אין דער צייט פון דער וועלט־מילכאָמע. דייטשלאַנד האָט אויפגעוואַכט. איר אידן האָט ניט וואָס צו ציטערן. מיר וועלן אָפּהיטן די לעגאַלקייט. מיר וועלן די לעגאַלקייט אַזוי אָפּהיטן, אַז אייך וועט דערפון ווערן ניט גוט און דעמאָלט קענט איר מיטן שענסטן קאָוועד פאָרן אין פּאַלעסטינע און אָנפייפן דאָרט איינער דעם צווייטן"...

די קאָמיטעטן פון טאַט

פאַראָרדענונגען פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־אָנפירונג שיטן זיך ווי פון אַ שעפע... אומעטום זיינען געבילדעט געוואָרן קאָמיטעטן פון טאַט,

וועלכע דארפֿן קלאָר מאַכן, וואָס פֿאַר א קראָמען און אוניווערסאַלע מאַגאַזינען, אַדוואָקאַטן־קאַנטאָרן א. א. וו. געהערן צו אידן. דער צענטראַלער קאָמיטעט אויף איינצואָרדענען דעם באָיקאָט פֿון אידישע אונטערנעמונגען האָט געגעבן פֿאָלגנדיקע אָנפֿירנדיקע אָנווייזונגען:

„די קאָמיטעטן פֿון טאַט גיבן איבער א צעטל פֿון אידישע אונטערנעמונגען די שטורמאָוויקעס און שוץ־אָפּטיילונגען, קעדיי זיי זאָלן קענען איינשטעלן פּיקעטן פּונקט 10 אזייגער אינדערפֿרי, שאַבעס דעם 1־טן אַפּריל 1933 יאָר. אויף די פּיקעטן ליגט די פֿליכט אָנצואווייזן דעם פּובליקום, אז די האַנדלס־אונטערנעמונגען, וועלכע זיי היטן, געהערן צו אידן. אָנצווענדן פֿיזישע געוואַלד־אַקטן ווערט פֿאַרבאָטן. עס ווערט פֿאַרבאָטן צו פֿאַרמאַכן די מאַגאַזינען.

„אויף צו באַצייכענען די אידישע אונטערנעמונגען בא די אריינגאַנגסטירן ווערט אָנגעקלעפּט א פּלאַקאַט, אָדער עס ווערן צוגעקלאַפּט ברעטלעך מיט א געלן פֿלעק אויף א שוואַרצן פֿאָן. באַפֿרייען אָנגעשטעלטע און אַרבעטער ניט אידן אין אידישע אונטערנעמונגען, וואָס אויף זיי איז כאַל דער באָיקאָט, ווערט ניט דערלאָזן.

די קאָמיטעטן פֿון טאַט אָרגאַניזירן פּריוויטיק אין אָוונט אומעטום גרויסע מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס. שאַבעס אינדערפֿרי ניט פֿריער פֿון 10 אזייגער דאַרפֿן די פּלאַקאַטן מיטן אויפֿרוף צום באָיקאָט זיין אָנגעקלעפּט אין די שטעט און דערפֿער אויף אַלע רעקלאַמע־סלופּעס.

„גלייכצייטיק דאַרף מען פֿירן איבער די גאַסן אויף פּראַכט־אויטאָמאָבילן אָדער נאָך בעסער אויף מעבל־פֿורן, טראַנספּאַראַנטן און פּלאַקאַטן אין אזא אָרדענונג:

„אין קעגנגעוויכט צו דער העצע, וואָס די אידן האָבן אָרגאַניזירט, — א באָיקאָט“!

„באָיקאָטירט אַלע אידישע קראָמען“!

„קויפֿט ניט אין אידישע מאַגאַזינען“!

„גייט ניט צו אידן־אַדוואָקאַטן“!

„מיידט אויס אידן־דאָקטוירים“!

„אידן — זיינען אונזער אומגליק“.

„קעדיי צו פֿינאַנסירן דעם שוצקאַמפּיין אָרגאַניזירן די קאָמיטעטן א געלט־זאַמלונג צווישן די דייטשישע געשעפֿטס־קרייזן“.

ערעוו דעם 1־טן אַפּריל איז אין דייטשלאַנד אויף אַלע רעקלאַמע־סלופּעס צעקלעפּט געוואָרן פֿאָלגנדיקע מיטיילונג:

„ביז שאַבעס 10 אזייגער אינדערפֿרי האָבן אידן צייט זיך צו באַטראַכטן!

נאָכדעם הייבט זיך אָן דער קאַמף!

די אידן פֿון דער גאַנצער וועלט ווילן פֿאַרניכטן דייטשלאַנד!

דייטשיש פֿאָלק!

באשיץ זיך!

קויף ניט בא אידן"!

פאַרשידענע מיניסטאָרן האָבן זיך אויך ארויסגעזאָגט, יעדערער לויט זיין אַמט, וועגן די מאַסמיטלען, וועלכע מע דאַרף אָנעמען באם באָיקאָט. אין דער אָפּטיילונג „אויסנאַמס־געזעצן" וועלן מיר זיך נאָך באַקענען מיט די דאָזיקע פאַר־אָרדענונגען. אַלע פאַריינען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַלע אָפּטיילונגען אירע, אַלע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס א. א. וו. האָבן ארויסגעגעבן גענויע קלאַלים. עס איז ניט געווען קיין איין פּאַרטיי־ביוראָקראַט, וועלכער זאָל זיך ניט האָבן געקוועטשט און ארויסגעגעבן פאַראָרדענונגען.

פון די מיטיילונגען וועגן דעם גאַנג פון באָיקאָט וועלן מיר דאָ ברענגען אייניקע כאַראַקטעריסטישע אָפיציעלע מיטיילונגען, וואָס ווייזן, אַז די שטורעם־אָפּטיילונגען, באַזונדערס אין די קליינע און מיטעלע שטעט, האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר אָנווענדן געוואַלטאַט. די ביוראָ קאָנטי (טעלעגראַף־אַגענטור וואָלף) טיילט מיט פון אַנאַבערג אין זאַקסען:

„היינט אין דער פרי זיינען פאַר די אידישע מאַגאַזינען ארומגעגאַנגען פּילצאָליקע שטורעם־בריגאַדעס און שוץ־אָפּטיילונגען און יעדן קוינע, וואָס פלעגט אריין אין מאַגאַזין, האָבן זיי געשטעלט אפן פּאָנעם א שטעמפּל מיט אזא מין אויפשריפט: „מיר זיינען פאַרעטער, מיר קויפן בא אידן". אין העסקעם מיט דער פאַראָרדענונג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קאָנען די אידישע מאַגאַזינען באָיקאָטירט ווערן נאָר פון מאָרגנדיקן טאָג. לויט די ידיעס פון ביוראָ קאָנטי זיינען אין צערלין אויך פּאַראויסגעזען אזוינע מאַסמיטלען ווי אין אַנאַבערג.

די נאַציאָנאַליסטישע ציטונג „לייפּציקער נייעסטע נאַכריכטען" טיילט מיט פון קאַסעל דעם 1־טן אַפּריל פּאָלגנדעס:

„די שוץ־קאָמפּאַניע אין קאַסעל האָט זיך אָנגעהויבן פּונקט 10 אזייגער איינדערפרי. אפן פרידריכס־פּלאַץ באם אוניווערסאַלן מאַגאַזין טיץ איז אָפּגעצאָמט מיט שטעכעדיקע דראָט א פּירקאַנטיקער שטעטך אין דעם אויסזען פון אָ שטייג, און אַף אים איז אויסגעהאָנגען א פּלאַקאַט־אויפשריפט: „קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר בירגער־אקשאָנים, וואָס קויפן בא אידן". אין דעם אָפּגעצאַמטן פירעקיקן שטייג שטייט א לעבעדיקער אייזל; קיין אינצידענטן זיינען ביז איצט ניט פאָרגעקומען".

אַן אַנדער מיטיילונג פון „טעלעגראַפן־אוניאָן" פאַרן 30־טן מערץ פון לייפּציק זאָגט:

„די קויפער, וואָס גייען ארויס פון מאַגאַזין, פלעגן פאָטאָגראַפירט ווערן. פיל אוניווערסאַלע מאַגאַזינען זיינען שוין פאַרמאַכט".

ריכטער אַף מיסטקאַסטנס

א קעלנער איינוואוינער שרייבט אונז:

„מיטוואָך דעם 13־טן מערץ איז אין קעלן לעבן דער געביידע פון

העכסטן געגנט־געריכט פאַרגעקומען אן אומבאַשרייבלעך־עקלהאַפטע סצענע. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע כעוורע־לייט האָבן זיך אריינגעריסן אין דער געביידע פון געריכט, האָבן מיט געוואַלט ארויסגעשטויסן אין גאס די אידן־אדוואָקאַטן און ריכטער. אף די אויגן פון א גרויסן האַמוין, אז דער אוילאַם זאָל האָבן פון וואָס צו לאַכן, האָט מען זיי אוועקגעזעצט אין פראַכט־אויטאָמאָבילן, וואָס פירן מיסט. איינקע אדוואָקאַטן און ריכטער זיינען אפילע געווען אין מאַנטיעס. אף די אויטאָמאָבילן זיינען געווען אויפשריפטן „געשיקט אף אוטיליזאַציע". די פּאָליציי האָט עס צוגעזען און האָט ניט אָנגענומען קיין שום מיטלען. די אויטאָמאָבילן זיינען געפאָרן צו דער געביידע פון פּאָליציי־פּרעזידיום, וואו אלע, וועלכע זיינען אף זיי געזעסן, זיינען ארעסטירט געוואָרן".

די אָפיציעלע מיטיילונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א געמיינע פעלשונג, זאָגט:

„לויט א פאַרשטענדיקונג מיט דער פּאָליציי האָט א שוץ־אָפּטיילונג פון די שטורמאָוויקעס אין קעלן פאַרהאַלטן צוליב די צילן פון די אידנס געפּאַרלאָזיקייט (!) א גרויסע צאָל אידן־ריכטער און אדוואָקאַטן, נאָכדעם, ווי ארום דער געביידע פון געריכט האָט זיך צונויפגעזאַמלט א גרויסער האַמוין".

דער דאָזיקער באָיקאָט האָט אויך געהאַט זיינע גרענעצן, נעמלעך דאָרטן, וואו די זאַך האָט געהאַט א שייכעס צו רייוועך. מיר וועלן נאָך זען, אז אָט די אלע מאָסמיטלען האָבן סאָפּקאָלסאָף א קלאַפּ געטאָן בלויז דעם אידישן קליינבירגערטום און די פּראָלעטאַרישע שיכטן און ניט די אידישע קאַפּיטאַליסטן.

דאָרטן, וואו דער באָיקאָט האָט געדראָט דעם צופלוס פון די אויסלענדישע טוריסטן, זיינען אָפּגעפאַלן אלע פאָראורטיילן און די ראַסנפיינטשאַפט. דאָ האָט דער איד מיטאַמאָל אויפגעהערט צו זיין א האַלבמענטש, „א מאַגייפע" און איז געוואָרן נאָר אן אומגעהייער געוואונטשענער, צאָלפעאיקער קוראָרט־גאַסט. אָט איז א מיטיילונג, וואָס איז גענומען פון „פראַנקפורטער צייטונג":

„וויסבאַדען ענדע מאַי.

דער באַזוך פון די קוראָרטן האָט היינטיקס יאָר ווייט ניט באַרעכטיקט די דערוואַרטונג; אויסלענדישע קוראָרט־געסט זיינען פאַר דער ערשטער וואָך פון מאַי, וואָס איז פאַר וויסבאַדן דער הויפּט־סעזאָן, געווען בלויז 1744, אין דער קומענדיקער וואָך — די וואָך פון גרויסע ספּעקטאַקלען — האָט זיך די צאָל געסט אויפגעהויבן ביז 1808, און שפּעטער, אין דער דריטער וואָך, די אזוי גערופענע האָלענדישע וואָך, האָט זיך ווידער אראָפּגעלאָזן ביז 1750. די אלגעמיינע צאָל אָנגעקומענע פון אויסלאַנד באַטרעפט ביז מיטן מאַי אינגאַנצן 27 טויזנט. דעריבער איז אין די אינטערעסן פון קוראָרט־געשעפט נייטיק, אז דער מאַגיסטראַט, די דירעקציע פון קוראָרט און די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קרייז־פאַרוואַלטונג זאָלן צעשיקן אויפרופן אין אלע אָנטשפּרעכנדיקע דייטשישע און אויסלענדישע אנשטאַלטן,

אז די היילונגס־קוואלן און אנדערע היילונגס־מיטלען פון וויסבאדן ווערן אויך פאר דער נייער רעגירונג אן שום שטערונג פארגעשטעלט אין רעשום פון אלעמען, וואס דארשטן נאך היילונג און אפרו, פון וואס פאר א לענדער זיי זאלן ניט קומען, און אז די ארדענונג און די רואיקייט זיינען דא קיינ־מאל ניט געשטערט געווארן".

ווייטער ווערט געזאגט:

„די אנפירנדיקע ארגאנען פון דער וויסבאדענער אדמיניסטראציע גאַ־ראנטירן אלע אנקומענדיקע, וועלכע קומען אין וויסבאדן, א רואיק און אנגענעמע פארוויילונגס־צייט, צו וואס פאר א גלויבן און אנשויאונגען זיי זאלן ניט געהערן".

אויסנאמס־„געזעצן"

דער אפענער באיקאט, וואס איז ארגאניזירט געווארן דעם 1־טן אפריל, איז ניט פארגעזעצט געווארן, כאטש די נאציאנאל־סאציאליסטישע פרעסע און די פארטיי האבן פארזיכערט, אז דער דאזיקער היסטארישער שאבעס דארף באטראכט ווערן „אויסשליסלעך ווי א גענעראלע רעפעטיציע" פון א גאנצע ריי מאססמיטלען, וועלכע וועלן דורכגעפירט ווערן, אויב די געזעלשאפטלעכע מיינונג אין אויסלאנד וועט ניט ענדערן אנטשיידן איר פאזיציע „צו אונז". עמעס, די גע־זעלשאפטלעכע מיינונג אין אויסלאנד האט זיך פון דעם טאג גרינטלעך געענ־דערט און דערביי ניט צום גונסטן פון דער „דריטער אימפעריע". די היינטיקע באלעבאטים פון דייטשלאנד האבן עס זייער גיך באמערקט. זיי האבן עס שוין באמערקט אפילע פארן באיקאט און האבן איינגעפונען, אז אזא אפענע דעמאנ־סטראציע איז ניט קיין באקוועמע זאך. בא די נאציאנאל־סאציאליסטן זיינען אפילע פאראן פרינציפן, אבער זיי זיינען שטענדיק גרייט צו פארקויפן זיי.

שוין אין די טעג ערעוו באיקאט האט דער ה' שטרייכער אליין, ווייזט אויס, אונטער דעם דרוק פון דער רעגירונג, דערקלערט, אז מען וועט מיסטאמע ניט דארפן באנייען דעם באיקאט. און דער מיניסטער פאר דייטשישער „פראפאגאנדע און בילדונג" האט ערעוו דעם 31־טן מערץ מיטגעטיילט די פארשטייער פון דער אויסלענדישער פרעסע:

„די אימפערישע רעגירונג האט באשלאסן צו באגרענעצן דערוויילע דעם באיקאט, וואס איז געווענדט קעגן אידן, נאר מיטן שאבעס פונעם ערשטן אפריל. דער באיקאט וועט אף אזא אופן פארגעזעצט ווערן פון 10 אזייגער אינדערפרי ביז 8 אינאוונט.

„נאכדעם וועלן מיר אפווארטן ביז מיטוואך. אויב די צווישנפעלקער־לעכע פרעסע וועט צו דער צייט איבערייסן די העצע קעגן דייטשלאנד, וועלן קיין ווייטערדיקע מיטלען ניט אנגענומען ווערן. אין קעגנפאל וועט מיטוואך, פון 10 אזייגער אינדערפרי, זיך אנהייבן דער באיקאט, וועלכער וועט ברענגען די דייטשישע אידן צו א פולשטענדיקן אומקום. די פאראר־דענונג, לויט וועלכער די אידישע פירמעס האבן געדארפט דעם 1־טן אפ־

די שטאַטישע ראטמענער סאָציאַל־דעמאָקראטן וועסטפעליגגען און מילער זיינען געוועזן געצוואונגען צו פירן זייער כאוועד קונט אין א טאַטשקע איבער דער גאנצער שטאָט.

דעם 9־טן מערץ האָבן שטורמאָוויקעס ארעסטירט דעם געוועזענעם אָלדענבורגער פרעמיער־מיניסטער און רייכסטאג־דעפוטאַט, דעם סאָציאַל־דעמאָקראט קונט; זיי האָבן אים מיט טריאומף געפירט איבער דער שטאָט (די דאָזיקע פאָטאָגראפישע בילדער האָבן די שטורמאָוויקעס ארויסגעלאָזן און פארקויפט אין דער פאָרם פון פאָסט־קארטלעך).

ריל אויסצאָלן ארבעטס־לוין און סכירעס פאר צוויי כאדאָשים פּאָראוים, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן".

די לעצטע פראזע פון אָט דער דאָזיקער מיטיילונג באווייזט באזונדערס קלאָר, אז אונטערן דרוק פון די אומשטענדן זיינען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן געצוואונגען געוואָרן אָפּצושאַפן זייערע אייגענע פאראָרדענונגען פונקט נאָך פונקט. לעבאטכילע איז געווען באשטימט, אז אלע באַזיצער פון די אידישע מאגאזינען דארפן אויסצאָלן סכירעס זייערע קריסטלעכע אָנגעשטעלטע פאר 2 כאדאָשים פּאָראוים. נאָכדעם איז אוועק א שטורעם אויף די בענק־קאָנטאָרן. דאָס וואָלט געבראכט צו א קאטאסטראָפע, ווען די פאראָרדענונג וואָלט מאָמענטאל ניט אָפּגעשאפט געוואָרן.

דער עפנטלעכער באָיקאָט איז געווען א דעמאָנסטראציע, און ווי אזא האָט ער ניט געבראכט קיין שום עפעקט. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך ניט באַנייט. נאָר דערפאר איז פאָרגעזעצט געוואָרן א שטילער באָיקאָט, וואָס איז גאָרנישט ווערט און וועלכע האָט בלויז געשלאָגן ניט אזוי איבער די גרויסע און רייכע אידישע פירמעס, ווי איבער צענדליקער טויזנטער קליינע אידישע אָנגעשטעלטע, דאָקטוירים, אדוואָקאטן, לערער, באאמטע, אוניווערסיטעטישע פּראָפעסאָרן א. א. א. דאָס איז א פראגע וועגן א ווארעמען ערטל. הונדערטער טויזנטער אידן בלייבן אָן ברויט — נו, איז טאקע גוט, דערפאר באפרייען זיך ערטער פאר פיל נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּרעטענדענטן.

אידן־אדוואָקאטן ווערן מער ניט צוגעלאָזן צו דער פראקטיק

די פאראָרדענונגען פון פארשידענע מיניסטאָרן, אָנפירער פון קרייז־אָרגאַניזאציעס א. א. וו. פלעגן ארויסגעגעבן ווערן מיט מעשוגענע טעמפּ און האָבן טיילווייז ווידערגעשפּראָכן איינער דעם צווייטן. לעבאטכילע זיינען אין בערלין פון עטוואס מער ווי 1200 אידן אדוואָקאטן צוגעלאָזן געוואָרן צו דער פראקטיק ניט מער ווי 35. אין קעלן איז דערלויבט געוואָרן ארויסצוטרעטן אין געריכט בלויז 4 אידן־אדוואָקאטן. אלע אידן־ריכטער זיינען „באפרייט געוואָרן אין אורלויב". יוריסטן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן זיך באלד באנוצט מיט דעם צופאל פּאָטער צו ווערן פון דער אידישער קאָנקורענץ, האָבן אָנגענומען אן אנטשפּרעכנדיקע באַשטימונג אויף דער קאָנפערענץ פונעם גאנצן פארבאנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ אין לייפציק *)

דער אימפּערישער קאָמיסאר בא דעם פּרייסישן יוסטיץ־מיניסטעריום האָט דעם 31־טן מערץ ארויסגעגעבן פאָלגנדיקע פאראָרדענונג, וואָס איז געווענדט צו אלע פאָרשטייער פון די העכסטע געגנט־געריכטן, דעריקער צו די פּראָקוראָרן און פארוואלטערס מיט די ארעסט־הייזער אין פּרייסן:

„די אויפרעגונג, וואָס האָט ארומגעכאפּט דאָס פאָלק צוליב דער האָזעסדיקער אויפירונג פון די פּראקטיצירנדיקע אידן אדוואָקאטן און דאָק־

*) זע דעם דייטשישן „פאָלקיסטישן" אָרגאַן „וואַרהייט" פון 25־טן מערץ 1933 י.

היטלערס רעגירונג פארכאַפּט דאָס פּראָפּאַריינען־הויז אין דרעזדען און פארוואַנדלט עס אין א שטורמאָוויקעס־קאַזארמע.



שטורמאָוויקעס פארברענען די פאָנען פון דרעזדענער קראנקנקאסע.

טוירים, האָט דערגרייכט אַזאַ גרויס, אַז זי צווינגט רעכענען זיך מיט דער מעגלעכקייט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל נעמען באַנוצן מיטלען פון זעלבסטשוץ און באַזונדערס אין דעם פּעריאָד, ווען דאָס דייטשישע פֿאָלק באַשיצט זיך קעגן דער. אַלאַידישער פּראָפּאַגאַנדע וועגן „אַכזאָריעס". דאָס וואָלט געווען געפערלעך פאַר דער אויטאָריטעט פון געריכט און דעריבער בעט איך אייך אומבאַדינגט פאַרלייגן אַלע אידן ריכטער. וועלכע פילן אויס זייערע פליכטן, באַלד אָנגעבן מעלדונגען וועגן אורלויב, און זיי דאַרפֿן באַלד באַ־פרידיקט ווערן".

אַזוינע פאַראָרדענונגען זיינען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין באַצוג צו אידן דאָקטוירים. מע האָט אידן אינגאַנצן פאַרבאָטן צו פּראַקטיקירן באַ די קראַנקן־קאַסעס, ד. ה. היילן קראַנקע, וואָס געפינען זיך אויף סאָציאַלער פאַרזיכערונג, מיט אַנדערע ווערטער, מע האָט באַ זיי צוגענומען די גרעסטע מערהייט פון אַלע פּאַ־ציענטן.

די פּרייסישע פּראָפעסאָרן פון די העכסטע שולן און דאָצענטן איז לויט דער פאַראָרדענונג פון דעם מיניסטער פאַר פֿאָלקס־בילדונג רוסט צעשיקט געוואָרן אַנקעטעס, וואָס דורך זיי האָט דער מיניסטער געוואָלט באַקומען ידיעות וועגן דער ראַסן־אָפּשטאַמונג פון די אוניווערסיטעטס־לערער.

געזעץ וועגן באַאַמטע

וואָס איז שייעך די באַאַמטע איז די „ראַסן־פראַגע" שוין פון פריער איינגע־רעגולירט געוואָרן מיט דער הילף פון דעם געזעץ, וואָס איז פּובליקירט געוואָרן אָנהויב אַפּריל אין „רייכסגעזעצבלאַט".

„אַלס ניט־אַריער ווערן פאַררעכנט קינדער און אייניקלעך פון ניט אַריער, און באַזונדערס פון אידן. עס איז גענוג, אויב עמעצער פון די על־טערן, אָדער דער זיידע אָדער די באָבע, זיינען ניט געווען קיין אַריער.

„ווייטער, ווער עס איז ניט געווען אויף אַ מעלוכע־שטעלע ביזן 1־טן אויגוסט 1914 יאָר דאַרף צושטעלן צייגענישן, אַז ער איז פון אַרישער אָפּ־שטאַמונג, אָדער אַז ער איז געווען אויפן פראָנט, אָדער אַז ער האָט אַ זון אָדער אַ פאָטער, וואָס איז דערהארגעט געוואָרן אין דער צייט פון דער אַלוועלטלעכער מילכאָמע.

„באַם באַטראַכטן די פראַגע וועגן די באַדינגונגען, וואָס זיינען אָנ־געוויזן אין פּאַראַגראַף 4 פּונקט 1, דאַרף מען נעמען אין אַכט די גאַנצע פּאָליטישע טעטיקייט פון דעם באַאַמטן און, באַזונדערס, אָנגעהויבן פון 9־טן נאָוועמבער 1918־טן יאָר. יעדער באַאַמטער איז פאַרפליכטעט צו געבן ידיעות די העכסטע אימפּערישע אָדער געגנטלעכע מאַכטן אין וואָס פאַר אַ ריכטונג ער האָט אַרויסגעוויזן פּאָליטישע טעטיקייט. אַלס פּאָלי־טישע פּאַרטייען ווערן אויך אָנערקענט די אָרגאַניזאַציעס פון „רייכסבאַ־נער", דער רעפּובליקאַנישער פאַרבאַנד פון די ריכטער און די ליגע פון מענטשנרעכט".

די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז באַזונדערס וויכטיק דערפאַר, וואָס אַלע קאַטע־גאָריעס פּערזאָנען מיט הויכער בילדונג (דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, לעקטאָרן פון הויכשולן א. א. וו.), אַזוי אויך באַנק־אָנגעשטעלטע און אַנדערע אָנגעשטעלטע זיינען דורכגעגאַנגען אַ ריייניקונג אין העסקעם מיט די פּרינציפּן, וואָס ווערן גע־געבן אין דער דאָזיקער פאַראָרדענונג.

קאַמף קעגן אידן דאָקטוירים

וואָס איז שייעך די דאָקטוירים איז געגוג דורכצולייענען דעם פאָלגנדיקן אויפרוף, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער בערלינער מעדיצינישער צייטונג פון 20־טן מאַי 1933 יאָר. דער אויטאָר דר. רופּין איז ניט אַבי ווער, נאָר דער קאָמיסאַר פון דאָקטוירים־פאַריין אין די פּראָווינצן גרענצמאַרק און בראַנ־דענבורג. דער דאָזיקער דאָקומענט האָט אַזאַ מין קעפּל: „נידער מיט אידן דאָק־טוירים"!

„עס איז נייטיק פולשטענדיק צו באַזייטיקן אידן פון די פּראָפעסיעס, וואָס פאָדערן הויכע בילדונג.

„די פאָרשטייער פון פריע פּראָפעסיעס, באַזונדערס דאָקטוירים, גייען אַריין אין באַרירונג מיט די ברייטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג. די דאָקטוירים האָבן בא די פּאַציענטן גרויס צוטרוי, דאָס דערלויבט זיי צו האָבן אַ ווירקונג אויף דעם אַרט דענקען פון די דאָזיקע קרייזן. דער פּרע־זידיום פון דאָקטוירים־פאַריין פון דער בראַנדענבורגער פּראָווינץ האַלט פאַר ניט דערלאָזבאַר, אַז אין אונזער לאַנד זאָל אַ איד פאַרהיטן די מעגלעכקייט אויף אַזאַ אופן צו פאַרשפּרייטן דעם גייסט פון אידישן דענקען".

מיר ברענגען נאָך אַן אויסצוג פון אַ פאַראָרדענונג פונעם קאָמיסאַר דר. וואַגנער, וועמען עס זיינען אונטערגעוואָרפן די צענטראַלע פאַריינען פון די דיי־טשישע דאָקטוירים:

„אויפן גרונט פונעם באָיקאָט קעגן אידן האָט זיך די בערלינער פאַר־וואַלטונג מיט די קראַנקן־קאַסעס פאַרשטענדיקט מיט דעם אָבערבירגער־מייסטער און אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אַלע אָפּטיילונגען ניט צו באַפרי־דיקן די הישטאַדלעס פון די מיטגלידער פון די קאַסעס וועגן צוריקערן זיי די הויצאָעס אויף היילן זיך, אויב פון דער הישטאַדלעס איז צו זען, אַז דאָס היילן האָט זיך אָנגעהויבן פון 1־טן אַפּריל בא אַ אידישן דאָקטאָר. אין יענע פאַלן, וואו דאָס היילן האָט זיך שוין אָנגעהויבן בא אַ אידישן דאָק־טאָר, דאַרפן די מיטגלידער פון די קאַסעס נאָכאַמאָל באַטראַכטן, צי זאָל פאָרגעזעצט ווערן די דאָזיקע היילונג. די פאַרוואַלטונג פון די פאַרזיכע־רונגס־קאַסעס דערוואַרט, אַז די מיטגלידער פון די קאַסעס וועלן פאָלגן דעם נאַציאָנאַלן געפיל און וועלן זיך אויך ניט באַנוצן מיט אידישע אַפּטייקן, קליניקעס, אָפּטישע אַנשטאַלטן און וואַסער־היילונג־אַנשטאַלטן, אַזוי אויך מיט אידישע דאָקטוירים און צאָן־טעכניקער".

מען זאָגט אָפּ אידן לערער

ווענן דעם, וואָס עס דערוואַרט אידן לערער אין דייטשלאַנד אין דער צוקונפט, קאָן מען אורטיילן אַפן גרונט פון פאַלגנדיקן בריוו פון לאַנדטאַגס־דעפּוטאַט דר. לעפּעלמאַן, איינער פון די אמערסטן איינפלוסרייכע פירער פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן.

ער האָט פאָרגעלייגט:

„1. אַלע אידישע, ד. ה. אידישע לויט דער אָפּשטאַמונג, לעקטאָרן דאַרפן באַלד באַפרייט ווערן אין אורלויב, אָדער אַנגעבן אין דימיסיע.

2. פאַר די אידישע שילער און שילערנס, סטודענטן און סטודענטקעס ווערט איינגעשטעלט אַ פּראָצענט־נאָרמע אין העסקעם מיט דער צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דער דייטשישער אימפּעריע, ד. ה. אידישע שילער פון דעם אַנשטאַלט קאָנען זיין נאָר אַ באַשטימטער פּראָצענט".

לויט דעם זין פונעם דאָזיקן בריוו זיינען קימאַט אַלע אידן לערער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אָפּ מעלוכישער אָדער קאָמונאַלער דינסט, באַלד באַפרייט געוואָרן אין אורלויב. דער באַפעל פונעם אָבער־פּרעזידענט פון בראַנדענבורג און בערלין פאַרשפּרייט דעם דאָזיקן מאָסמיטל אויך אָפּ אידן לערער פון פּריוואַטע שולן.

דעם 25־טן אַפּריל איז אָפּ דער זיצונג אין קאַבינעט אָנגענומען געוואָרן „דער געזעץ קעגן דער געפאַר אין די דייטשישע שולן און הויכשולן מיצאַד דעם פרעמדן עלעמענט".

עס פאַרשטייט זיך, אַז די קלאָלים, וואָס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פאַר לערער, ווערן דעריקער פאַרשפּרייט אויך אָפּ די לעקטאָרן פון די העכערע שול־אַנשטאַלטן. אויבן האָבן מיר שוין געבראַכט דעם צעטל פון די אידישע דאָצענטן, וואָס זיינען „באַפרייט געוואָרן אין אורלויב" אָדער אַוועק אין דימיסיע.

מען באַזייטיקט אידן מיטאַרבעטער פון צייטונגען און זשורנאַלן

די „נייע פרייע פּרעסע" פון 18־טן אַפּריל 1933 יאָר מעלדעט:

„אָפּ דער אויסעראָרדנטלעכער פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער קרייזישער בערלינער אָרגאַניזאַציע פונעם אימפּעריאַל פאַרבאַנד פון דער דייטשישער פּרעסע איז איינשטימיק באַשטימט געוואָרן פאַרלייגן אָפּ אַ דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג פון פאַרבאַנד די קאַנדידאַטור פון דר. דיטריך אַלס פאָרזיצער פון פאַרבאַנד. נאָך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער נייער פאַרוואַלטונג, אָפּ וועלכער עס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאָג, אַז פון איצט אָן קאָנען אידן און מאַרקסיסטן ניט זיין קיין מיטאַרבעטער פון די צייטונגען".

דערווייל זיינען אין די דייטשישע צייטונגען באַפרייט געוואָרן קימאַט אַלע אידן מיטאַרבעטער און אַרבעטן ווי זייטיקע מיטאַרבעטער. אָפּ וויפל זיי זיינען אידן (לויטן גלויבן אָדער לויט דער אָפּשטאַמונג) ווערן זיי סיסטעמאַטיש ניט אָנגענומען אָפּ אַרבעט. מען דאַרף קאָנסטאַטירן, אַז אין דעם האָבן זיך באַזונ־

דערם אויסגעטיילט אויך די אידן — ארויסגעבער פון די צייטונגען. אלס א ביישפיל וועלן מיר אָנווייזן אף דער אויפירונג פון גיטערמאַן, דעם ארויסגעבער פון דער צייטונג „נייע באדישע לאנדעסצייטונג” אין מאנהיים, וועלכער האָט שוין צום ערשטן מערץ באפרייט אלע אידן זשורנאַליסטן און אָנגעשטעלטע.

אידן נאַוועגנאַדניקער צווישן ספּאָרטסמענער

אפילע אפן געביט פון ספּאָרט ווערט דער איד גערעכנט ווי אין „גאָלעס”. אין דער צייט, ווען אפילע אין אמעריקע ווערן די נעגערס באַקסערן דערלאָזן צום אָנטייל אין קאמף, קאָנען אין דייטשלאַנד די באָקסערן פון אידישן גלויבן אָדער אָפּשטאַמונג ניט ארויסטרעטן אין דייטשישע ספּאָרט-געוועטן. דער דייטשישער טשעמפּיאָן פון דורכשניטלעכער וואָג עריך זעליק איז ניט צוגעלאָזן אָנטיילצונעמען אין א קאמף אף באקומען דעם נאָמען טשעמפּיאָן. נאָכדעם האָט ער געהאָט די מעגלעכקייט צו באווייזן זיין קאמפ-קלאס אין פראנקרייך. דער דייטשישער טשעמפּיאָן פון טענים, דאניעל פּרעג, עפּשער דער סאמע בעסטער טענים-שפּילער אין דייטשלאַנד, קאָן ניט ארויסטרעטן אף א צווישנפעלקערלעכן קאמף ווי א פאָרשטייער פון דייטשלאנד.

„פאלשע קלאנגען”

עמעס, דאָרטן, וואו עס ווערן אָנגערירט געשעפטס-אינטערעסן, ווערט די געטרייקייט צו די פּרינציפּן פארשוואונדן גאנץ גיך. די פאשיזירטע צייטונג „צוועלף אור מיטאַגסבלאט” פון 19-טן אפּריל 1933 יאָר פארזיכערט אין א מיטיילונג אונטערן קעפּל „פאלשע קלאנגען”, אז אף דער עלפטער אָלימפּיאדע וועלכע דארף פאָרקומען אין בערלין אין 1936 יאָר, וועט די ראסן-פראגן ניט שפּילן קיין שום ראָלע.

„די אויסלענדישע פּראָפּאגאנדע, וואָס איז געווען געווענדט קעגן דייטשלאנד האָט אויך אָנגערירט דעם ספּאָרט. אין פארשידענע אויסלענדישע צייטונגען האָבן זיך פאר דער לעצטער צייט ניט איינמאָל באוויזן נאָטיצן, אז עס ווערן געמאַכט פּרואוון, באזונדערס אין די פאראייניקטע שטאַטן, איבערצוטראָגן די אָלימפּיאישע שפּילן, וועלכע דארפן פאָרקומען אין 1936 יאָר אין בערלין, אין א וואָסער ניט איז אנדער לאַנד, אף דעם גרונט, וואָס אין דייטשלאנד זיינען קלוימערשט אָנגענומען מיטלען, קעדיי צו פארווערן ארויסטרעטן אף די צווישנפעלקערלעכע געוועטן אידן ספּאָרטמענער. אף אן אָפיציעלער אָנפראגע וועגן דעם, האָט דער פאָרזיצער פונעם אמעריקאנישן אָלימפּיאישן קאָמיטעט עווערי ברענדעט דערקלערט, אז דאָס אָרט פאר אָלימפּיאישע שפּילן וועט דירעקט באַשטימט ווערן דורכן צווישנפעלקערלעכן אָלימפּיאישן קאָמיטעט. דער קאָמיטעט וועט זיך צונויפּקלייבן אין יוני אין ווין און וועט זיך אָן סאָפעק פארנעמען מיט דער דאָזיקער פראגע. ער פּערזענלעך מיינט, אז די שפּילן קאָנען ניט פאָרקומען אין א לאַנד, וואו עס ווערט אָנגערירט דער גרונט-אָלימפּיאישער פּרינציפּ פון

גלייכקייט פון אלע ראסעס. ווען אַט דער צוגעאײלטער מעלדונג פון דעם אָנפירער פון אמעריקאַנישן ספּאָרט קאָן מען זאָגן פאָלגנדיקעס: אין דייטשלאַנד זיינען נים אָנגענומען געוואָרן קיין מיטלען, וואָס מאַכן אָפּהענגיק דעם אָנטייל אין די צווישנפעלקערלעכע געוועטן פון דער ראַסן־פּראָבלעם און מע טראַכט גאָרנישט אָנצונעמען אַזוינע מיטלען. אַלע לענדער קאָנען זיין זיכער, אַז יעדערער, וואָס וועט דעלעגירט ווערן פון זיין לאַנד אויף די אָלימפּייאישע שפּילן אין בערלין, וועט אויפגענומען ווערן ווי אַ גאַסט, אומאָפּהענגיק פון ראַסע אָדער אונטערטאַנשאַפט".

אידישע פּאַספּאָרטן

עס זיינען איינגעשטעלט באַזונדערע קלאָלים פאַר אידן בענעגייע פּאַספּאָרטן. דער פּאָליציי־פּרעזידענט פון ברעסלאַו האָט אָפּגעגעבן פאָלגנדיקע פאַראָרדענונג:

„1. די דייטשישע בירגער פון יודאישן גלויבן, אָדער וואָס האָבן פריער געהערט צום יודאישן גלויבן, באַ וועמען עס זיינען פאַראַן פּאַספּאָרטן אויף אַרויספאָרן, דאַרפן אַזוינס אָפּגעבן פערזענלעך נים שפּעטער פון 3־טן אַפּריל 1933 יאָר, אין דעם פּאָליציי־באַצירק אין דעם אָרט, וואו זיי וואוינען. די פּאַספּאָרטן וועלן צוריקגעקערט ווערן מיט אַ באַגרענעצונג באַם רייזן אין לאַנד גופא".

אידן טאָרן נים גיין אין באָד

די שטאָט שפּייער אין פּפאַלץ וועט אריין אין דער געשיכטע אלס אזא, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע דערפינדערישקייט. דאָ איז צוערשט אַרויסגעגעבן געוואָרן פאָלגנדיקע פאַראָרדענונג:

„אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג קאָנען אידן באַזוכן די שטאָטישע בעדער נאָר אין באַשטימטע שאָען".

אַנדערע דייטשישע געמיינדעס האָבן גלייך נאָכגעטאָן דעם דאָזיקן ביישפּיל. די „פראַנקפורטער צייטונג" טיילט מיט פון 24־טן מאי 1933 פאָלגנדיקעס:

„אויף אַ זיצונג פון דעם געמיינדע־ראַט פון טירינגען דעם 15־טן מאי האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, אין וועלכן עס איז, אגעוו, פאַראַן פאָלגנדיקער פונקט: „אידן און פערזאָנען, וואָס געהערן צו פרעמדע ראַסעס, ווערט פאַרווערט דער צוטריט אין די שטאָטישע בעדער".

דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק קעגן דריי.

מען זאָגט אָפּ אידן אָנגעשטעלטע

עס וואָלט געווען נים ריכטיק צו מיינען, אַז די באַזייטיקונג פון אידן ווערט דורכגעפירט מיט פאַרשטאַרקטע טעמפּן נאָר אין די פרייע פּראָפעסיעס. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָמערלעך אויף די אונטערנעמונגען באַמיען זיך אויך אָפּ־

צונעמען דאָס ברויט בא אידן קליינע אָנגעשטעלטע, קליינע הענדלער און אידן ארבעטער. אָט איז א מיטיילונג פון בערלין פון 31־טן מערץ:

„לויטן אויפטראג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אָנפירונג טיילט מיט די קעמערלעך־אָרגאַניזאַציע אף די אונטערנעמונגען:

”מאָרגן וועלן דארפן די פאָרזיצער פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קעמערלעך אף די אונטערנעמונגען איינאיינעם מיט די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס ווענדן זיך אין די אידישע אונטערנעמונגען מיט א פאָדערונג ארויסצוגעבן דעם ארבעטס־לוין די קריסטלעכע ארבעטער און אָנגעשטעלטע פאר 2 כאדאָשים פאָראויס. אויסער דעם דארף ארויסגעשטעלט ווערן א פאָדערונג, אז אלע אידישע אָנגעשטעלטע זאָלן באפרייט ווערן. אין פאל, ווען מע וועט זיך ניט אונטערווארפן דער דאָזיקער פאָדערונג, דארף מען באלד מעלדן די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער פארטיי, וועלכע וועלן אָננעמען די אנטשפרעכנדיקע מיטלען. מאָרגן 3 אזייגער באַטאָג דארפן אלע אָנגעשטעלטע און ארבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין די אידישע אונטערנעמונגען, איבעררייסן די ארבעט, קעדיי צו נעמען אָנטייל אין דער אגיטאציע צווישן די קויפער. די צייטונגען און אונטערנעמונגען, וואָס באדינען די באדערפענישן פון דער ערשטער גויטוועדיקייט, ווערן אויסגעשלאָסן. נאָר אויך דאָ דארפן אלע אידישע אָנגעשטעלטע באַזייטיקט ווערן. אין פארלאג אולשטיין זיינען שוין היינט באפרייט געוואָרן זשורנאליסטן פון די פאראנטוואָרטלעכע פאָסטנס”.

„די פראנקפורטער צייטונג” פון 28־טן מאי 1933 יאָר מעלדעט:

„אף דער קרייז־פארזאמלונג פון אימפערישן פארבאַנד פון הענדלער איז צווישן פארשידענע פראגן אוועקגעשטעלט געוואָרן די פראגע, צי קאָנען אף ווייטער די אידן־הענדלער דערלאָזט ווערן אף יארידן און מערק. דער אָנפירער פון דער קרייז־אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען אף דעם שטאַנדפונקט, אז די אידן דארף מען אויסראָטן”.

געשעפט איז געשעפט אפילע בא אנטיסעמיטן

„פעלקישער באאָבאַכטער” פון 2־טן אפריל באגריסט מיט אנטציקונג, ווי די העכסטע דערגרייכונג פון באָיקאָט, „די אונדערוואָרטעטע סטיכישע העכערונג פון די קורסן אף דער בערזע, וואָס איז אָפגערייניקט געוואָרן פון אידן”. מיר ווייסן, וואָס עס דארפן באַטייטן אָט די דאָזיקע פייערלעכע הימנען: דאָס באַטייט, אז דער קאמף פירט זיך ניט קעגן דער סיסטעם, ניט קעגן קאפיטאַליזם און אפילע ניט קעגן די עקסטרעמקייטן פון קאפיטאַליזם, און אז די גאנצע זאך באַשטייט אין דער קאָנקורענץ צווישן די דייטשישע שפעקולאַנטן און די אידישע. און אף דער בערזע, וואָס איז „אָפגערייניקט פון די אידן”, קאָנען די בירזשעוויקעס מאכן געשעפט.

די ארישע פרינציפן ווערן אויסגעמאָסטן מיט דער גרויס פון דער קעשענע. דערפאר האָט דער מיטגליד פון דער פארוואלטונג פון דייטשע באנק דיסקאָנטאָ־גע־

זעלשאפט אסקאר וואסערמאן אין זיין מעלדונג, וואס איז אפגעדרוקט געווארן אין „בערלינער טאגעבלאט" פון 31־טן מערץ 1933 יאר, געהאט דעם פולשטענדיקן גרונט אנצואווייזן, אז מע האט אים קיין שום באליידיקונג ניט אנגעמאכט און אז אין באצוג צו אים איז דער גאנג פון די געשעענישן גארניט שייעך, אפילע אין הינזיכט פון זיין געזעלשאפטלעכער לאגע. אלע איבעריקע אידישע קאפיטאליסטן מעגן זיך פרייען: די נאציאנאל־סאציאליסטישע רעגירונג שטעלט זיך ענערגיש איין פאר זייערע אינטערעסן. זי רופט צו ארדענונג די נידעריקע אינסטאנצן, וועלכע מיינען, אז דער אנטיסעמיטיזם ווערט בא די נאציאנאל־סאציאליסטן באשטימט מיט זייער אנטיקאפיטאליסטישער פאזיציע. זי פארטיידיקט, אויב ניט די אידן, איז כאטש דאס אידישע געלט. דער קאפיטאליזם דארף ניט ווערן קיין קארבן פון אט דער דאזיקער „נאציאנאלער רעוואלוציע".

„די פראנקפורטער צייטונג" פון 27־טן אפריל און דער „פעלקישער באאבאכטער" פון דער זעלביקער דאטע האבן אפגעדרוקט פאלגנדיקע בריוו פון דעם אימפערישן קאמיסאר פון פאלקסווירטשאפט דאקטאר וואגנער צום מינכענער אבערבירגערמייסטער פילעק, צום פארזיצער פון דער אפטיילונג פאר קאמונאלער פאליטיק אין דער נאציאנאל־סאציאליסטישער פארטיי.

„פון ווירטשאפטלעכע קרייזן האט מען מיר פאר דער לעצטער צייט צוגעשטעלט צירקולארן, וואס ווערן צעשיקט פון אייניקע קאמונעס צו פיל פאבריקאנטן און פארשידענע ווירטשאפטס־אונטערנעמונגען מיטן ציל פעסטצושטעלן, צי קאן מען רעכענען די אנגעוויזענע אונטערנעמונגען פאר „דייטשישע" אונטערנעמונגען. די פראגן, וועלכע עס אנטהאלט דער דאזיקער צירקולאר, שטרעבט איינצושטעלן, אין וואס פאר א גרויס דער קאפיטאל פון די דאזיקע פירמעס איז א דייטשישער און אין וואס פאר א מאס עס שטייען אין דער שפיץ פון אים פערזאנען פון ניט ארישער און ניט־דייטשישער אפשטאמונג א. א. וו. כאטש אפילע איך בין, פארשטייט זיך, מאסקים מיט דעם דאזיקן שטאנדפונקט, אז די קאמונאלע פארוואלטונגען דארפן געבן זייערע באשטעלונגען נאר דייטשישע פירמעס, האלט איך דאך פאר נייטיק, אז די דאזיקע אויבן אנגעוויזענע מאיסים זאלן אריבערגעריסן ווערן... דער גאנצער קאמפלעקס פראגן, וועלכע די דאזיקע צירקולארן שטעלן, איז ניט אזוי פאשעט, אז מע זאל קאנען ענטפערן מיט א פאשעטן „יא" אדער „ניין" אדער אנווייזן ציפערן, וועלכע זאלן דערלייזן דעם איניען. די אויפגאבע פון דער אימפערישער רעגירונג איז צו זארגן וועגן דעם, אז יעדע אונטערנעמונג אין דייטשלאנד זאל, לאכלוטן ניט אפהענגיק פון דעם, פונוואנען זי האט גענומען איר קאפיטאל און ווער עס פירט מיט איר אן, איינגעשלאסן ווערן אין דער דייטשישער פאלקס־ווירטשאפט, אלס איינע פון אירע באשטאנדטיילן. און אין דער צוקונפט זאל די אנפירונג פון אלע אונטערנעמונגען דערלאזט ווערן בלויז אין העסקעם מיט די אינטערעסן פון דער דייטשישער פאלקס־ווירטשאפט. דער רעגירונג וועט אבער זיין שווער דורכצופירן אט די דאזיקע נויטווענדיקע פאליטיק,

אויב באזונדערע פאַרוואַלטונגען וועלן זי אוועקשטעלן פאַר א געשעע־
נעם פאַקט, וואָס וועט אַרויסרופן א דערשיטערונג אין ווירטשאַפטלעכן
לעבן. אונזער ציל איז ניט רואינירן די עקזיסטירנדיקע אונטערנעמונ־
גען אין דייטשלאַנד, אויב אפילע זיי זאָלן געפירט ווערן מיט דער הילף
פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל און טיילווייז אונטער דער אָנפירונג פון אויס־
לענדער. דעריבער וואָלט איך אייך געבעטן באַנוצן די ווירקונג פון דער קאָ־
מונאַל־פּאָליטישער אָפּטיילונג אויף די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון די דייטשי־
שע קאָמונעס, אז איר זאָלט שטערן דאָס ווייטערדיקע פאַנאַנדערשיקן אזוי־
נע צירקולאַרן, וואָס רופן אַרויס א צעשטערונג פון דעם גאַנצן ווירטשאַפט־
לעכן לעבן, א זאַך, וואָס מיר קאָנען עס בא היינטיקן טאָג ניט דולדן".

אין דער „דריטער אימפּעריע" העלפט מען קיינעם ניט אויסער די קאַפּיטאַ־
ליסטן, אומאָפּהענגיק פון זייער רעליגיע.

די העצע קעגן די אידן האָט סאַפּקאַלסאָף געהאַט נאָר איין ציל — אָפּציען
די אַרבעטער־מאַסן פון קאַמף מיט די ווירקלעכע שולדיקע אין אַלע אומגליקן —
מיט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

דער אַרישער פּאַראַגראַף און די פאַרוואַלטונג מיט די ראַסן־איניאַנים

מיר האָבן שוין געזען, אז דער ניי־דייטשישער אנטיסעמיטיזם איז אן אנטי־
סעמיטיזם אויף א ביאָלאָגישן יעסאָד — א ראַסן־אַנטיסעמיטיזם. דער דאָזיקער
ביאָלאָגישער אנטיסעמיטיזם פירט זיין אָפּשטאַמונג נאָך פון יענער אנטיסעמי־
טישער כוואַליע, וואָס בעראָש פון איר איז געשטאַנען דער הויף־פּריידיקער
שטעקער. די לערע וועגן ראַסן וואָס איז אַמאָל געווען באַליבט פון די לעקע־
שעוואַטע שרייבער, וועלכע קיינער האָט ניט גענומען ערנסט, איז איצט אין ניי־
דייטשלאַנד אן אָפּיציעלע וויסנשאַפט, זי איז געוואָרן א גאַנץ גוטע פּראָפעסיע.

אידן ווי א „ראַסע"

דער דאָזיקער וויסנשאַפט האָט זיך, ניט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען אירע,
נאָך ביז איצט ניט איינגעגעבן צו באַווייזן, אז די דייטשן שטעלן מיט זיך פאַר
אן איינהייטלעכע ראַסע. פאַרקערט, עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז די דיי־
טשן זיינען א פאָלק, א געמישטעס און קאָנען זיך ניט אָנרופן „צאָפן־ראַסע".
אָבער אָט די דאָזיקע אייגנאַרטיקע פאָרשער האָט זיך ביז איצט ניט איינגעגעבן
אפילע צו דערווייזן, אז אידן זיינען אינדערעמעסן א „ראַסע".

מיר זיינען גרייט צו קומען זיי צו הילף: דער גאַנצער טומל, וואָס איז אויפ־
געהויבן געוואָרן אַרום דער פראַגע וועגן דער ראַסע, האָט א געוויסן גרונט. קעדיי
אויסצופאָרשן די דאָזיקע קאָמפּליצירטע פּראָבלעם טאָר מען אָבער ניט שטעלן
די פאַקטן מיט די פיס אַרויף: א ראַסע איז ניט אן אָנפאַנגלעכער, נאָר אן אויפ־
קומענדיקער פּראָדוקט, ניט קיין אָנהייב, נאָר א רעזולטאַט פון אן אנטוויקלונגס־
פּראָצעס. פרואוון פאַרבינדן די היינטצייטיקע אידן מיט זייערע אורפּאָטערס —

די ביבלישע אידן — איז א זאך א האפענונגסלאזע און אן אבסורדישע. די צו־קויפמישונג פון די ראסן איז פארגעקומען אין פארלויף פון דער אידישער גע־שיכטע פיל מאל און מען קאן ניט וויסן וויפל. אבער אנגעהויבן אן ערעך פון דעם 1000־טן יאר פון אונזער ערע, פון דער צייט, ווען עס איז איבערגעריסן געווארן דער פראזעליטיזם (ד. ה. דער איבערגאנג פון אנדערע גלויבנס אין אידנטום), זיי־נען די אידן געווען געצוואונגען כאסענע צו האבן נאר צווישן זיך. אוזינס איז ניט פארגעקומען אין מעשעך פון אזא לאנגדויערנדיקער צייט אין דער געשיכטע פון אנדערע פעלקער אין אייראפע. בא די אידן איז עס פארגעקומען א דאנק דער רע־ליגיע, געזעצגעבונגען און סאציאלע באדינגונגען. די אנטראפאלאגישע ראסן־סימאנים פירן זייער אנהויב פון דעם דאזיקן פער אד, וועלכער האט זיך פאר 800 יאר אויסגעארבעט אין א באשטימטן מענטשלעכן טיפ — אידישער טיפ.

די פראגעס, וואס גיבן א מעגלעכקייט צו קאנסטאטירן די ספעציעלע סי־מאנים בא דער אידישער ראסע, טאקע יענע באזונדערקייטן פון די אידן, קעגן וועלכע עס שטייען אויף די אנטיסעמיטן, ווערן דערקלערט דורכאויס ניט מיט דער ראסן־אפשטאמונג, נאר מיט סאציאלע באדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די אידן און ווי א קאסטע, וואס די ארומיקע סוויווע האט אװעקגעשטעלט אין באשטימטע באדינגונגען פון עקזיסטענץ. די דאזיקע באדינגונגען גייען זייער גיך אונטער, ד. ה. ניט שפעטער ווי אינעם צווייטן דאר, וואס איז פריי פונעם דרוק פון די אויבן אנגעוויזענע באזונדערקייטן.

אבער אט די דאזיקע טעארעטישע כקירעס וואלטן אונז פארפירט גאנץ ווייט פון דער פראקטיק פון נאציאנאל־סאציאליזם. בא דעם נאציאנאל־סאציאליזם איז אלץ פאשעטער און פיל האמעטנער. אין קיין איין פראגע איז דער נאציאנאל־סאציאליזם ניט קאנסעקווענט, פארקערט, ער האט שטענדיק געדארפט זוכן פאר־קויפטע סוביעקטן, קעדיי צו סאנקציאנירן זיין בארבאריזם, ווי א „קולטורעלע העלדנטאט”.

אויב בא היינטיקן טאג זיינען די ראסן־אונטערזוכונגען ארויסגעטראטן אונ־טער דער פארם פון א „וויסנשאפט”, פירט די דאזיקע קאמעדיע אין טאך נאר צו איין ציל — שאפן פאר זיך א נייעם צודעק, וואס זאל צודעקן די אכזאריעס־דיקייט פון דעם הערשנדיקן רעזשים.

די פראקטיק פון דער פארוואלטונג מיט די „ראסן־איניאנים”

מיר וועלן איצטריידן וועגן פראקטיק. „פראנקפורטער צייטונג” פון 5־טן מאי 1933 יאר טיילט מיט:

„דארטמונד, 4־טן מאי. דער מעלוכע־קאמיסאר פון דער שטאט דארט־מונד האט אפגעגעבן א פאראדענונג, אז מען זאל באלד צוטרעטן צו אר־גאניזירן א פארוואלטונג מיט די ראסן־איניאנעם אין דארטמונד. די אנ־פירונג איז איבערגעגעבן געווארן דעם געהילפס־קאמיסאר פאר געזונט־פארהיטונג, דעם דאקטאר־מעדיצין בראוס, וועלכער האט אין א געשפרעך מיט די פרעסע־פארשטייער ארויסגעזאגט זיינע פרינציפיעלע האשארעס

מען פֿאַרברענט ביכער
אויפֿן אָפּערע-פּלאַץ אין בערלין

באַם פֿאַרברענען די ביכער, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אַלע שטעט פֿון דײַטשלאַנד, זײַנען פֿאַרניכטעט געוואָרן הונדער־טער טויזנטער עקזעמפּלאַרן וויסנשאַפֿטלעכע און ליטע־ראַרישע ווערק.

וועגן דער פראגע פון ראסן־היגיענע. ער האָט אגעוו געמעלדעט, אז עס זיינען שוין פאראן היגיענישע צעטלען וועגן 80'000 שילער אין די דאָרט־מונדער שולן. די יוגנט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם צוקונפטיקן דאָר, ווערט געגומען אפן דיסקאַנט אין דער ערשטער ריי.

„מען קאָן דערוואַרטן, אז אין דער נאָענטער צוקונפט וועלן ארויסגע־געבן ווערן געזעצן אף אָפּצוהיטן און פארבעסערן די ראסע.

„לויט אָט די געזעצן וועט מען פארווערן כאסענעס צווישן פאַרשטייער פון פארשידענע ראסעס. די באפעלקערונג וועט צעטיילט ווערן אף פאַ־מיליעס, וואָס זייערע דוירעס זיינען געוואונטשן פאר דער מעלוכע און אף פאַמיליעס, וואָס זייערע דוירעס זיינען א לאסט פארן פאָלק".

עס האָט זיך שוין געפונען א געשיקטער יונגערמאַנטשיק, דאָקטאָר אכימ־גערקע, וועלכער האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אז מע זאָל אים באַשטימען פאר א „רע־פערענט באם אינערן־מיניסטעריום וועגן פראַגן פון ראסן־אויספאַרשונגען".

מענטשן פולוועַרטיקע און ניט קיין פולוועַרטיקע

אָבער אלץ איז נאָך פארהעלטנישמעסיק „אומשולדיק". אלץ איז געוועַנדעט אף דער עקאָנאָמישער און ניט אף דער פיזישער פארניכטונג פון דער אידישער באפעל־קערונג. מער בייזוויליק איז דאָס קליינע בלעטל, וועלכעס ווערט אין די טויזנטער עק־זעמפּליאַרן צעטיילט אף די גאסן, הויפן און צווישן אלע דייטשישע מיידלעך, וועל־כע מען זעט אין דער געזעלשאפט פון א אידן. אינעם דאָזיקן דאָקומענט וואָרנט מען דאָס יונגע מיידל, וועלכע געפינט זי ך אונטער דעם שרעקלעכן כשאַד, אז זי איז באַ־פריינדעט מיט א אידן, אז מען וועט איר אפן פּאָנעם אויסברענען די אויסיעס ''J. H. Juden-Hure'' (אידישע נעקייווע) און מען פארזיכערט, אז „די דאָזיקע דראָאונג איז ניט קיין פוסטע פראַזע און אז זי וועט אומבאַדינגט פאר־ווירקלעכט ווערן, אויב דאָס יונגע מיידל וועט זיך נאָכאַמאָל ווייזן אין דער געזעל־שאפט פון א אידן".

די באפעלקערונג ווערט צעטיילט אף „פולוועַרטיקע און ניט קיין פולוועַרטיקע" מענטשן. דערביי ווערן אלס האלבמענטשן פארעכנט אלע, וועלכע זיינען ניט מאַס־קים מיט די געדאנקען און געפילן פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. פאר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זיינען די פולוועַרטיקע און די ניט פולוועַרטיקע מענטשן צוויי אבסאָ־לוט פארשידענע קאַטעגאָריעס. צו דער ערשטער גרופּע געהערן „די ריינבלוטיקע פאַרשטייער פון דער צאָפן־ראסע", צו דער צווייטער גרופּע געהערן אויך:

„שיקורים, מאָרפיניסטן, פארברעכער, רעצידיוויסטן און פּראָסטיטוט־קעס, פאַרשטייער פון אלע אנדערע ראסן און באזונדערס אידן".

דער טעאָרעטיקער פון דער ראסן־פראַגע בא די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן פּראָ־פעסאָר שטעמלער האָט לויטן פאַרשלאָג פון די דאָקטוירים נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן צונויפגעשטעלט דעם פאָלגנדיקן „געזעץ"־פּראָיעקט אף פאנאנדערגרענעצן די ראסן:

„1. אלס אָנגעהעריקע צו פרעמדע ראסעס געהערן די פערזאָנען, וואָס האָבן לעבאָלאָפּאָכעס פופציק פּראָצענט פרעמדע בלוט, ד. ה. פערזאָנען,

פאָרשטייער פון דער וויסנשאַפט און קונסט, וואָס זיינען פארטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד

דער שרייבער טאָמאס מאַן, וואָס האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע

פּראָפ. פריץ האבער, א כעמיקער, וואָס האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע

פּראָפ. אטא קלעמפּערער, פּארוואלטער מיטן מוזיקאלישן טייל פון דער מע־לוכישער אפּערע.

פּראָפ. מאַקס ריינהארדט, ערן־דאָקטער פון אָקספאָרדער אוניווערסיטעט

בא וועמען ווער־ניט־איז פון די עלטערן, זיידעס און באָבעס האָבן גע־הערט צו א פרעמדער ראסע, אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאר א רעליגיע זיי האָבן געהאט. אלס פרעמדע ראסע ווערן פאררעכנט אלע קאָלירטע ראַ־סעס, פאָדעראַזיאַטישע און די מיזרעך־ראסע, איינגעשלאָסן אידן.

„2. יעדער דייטשישער בירגער, וואָס האָט דערגרייכט פוליאָריקייט, מוז אין דעם איינמעלדונג־פונקט פון דער באפעלקערונג אין דעם אָרט, וואו ער וואוינט, אָנווייזן מיט א שוואוע, צו וואָסער ראסע ער געהערט. פאר ניט פוליאָריקע טוען דאָס זייערע געזעצלעכע פאָרשטייער. פאלשע באווייזן ווערן באשטראָפט מיט קאטאָרגע און מיט קאָנפיסקאַציע פון דעם פארמעגן.

„3. פערזאָנען, וואָס ווערן אנערקענט אלס אָנגעהעריקע צו א פרעמדער ראסע, דאַרפן זיך אף ווייטער ניט אָנרופן דייטשן. נאָר פאָרשטייער פון פרעמדע ראסעס (אידן פון דייטשלאנד אאוו.).

„4. פערזאָנען, וואָס ווערן געבאָרן נאָך דער ראסן־רעגיסטראַציע, ווערן אנערקענט פאר דייטשן נאָר אין דעם פאַל, אויבביידע עלטערן זיינען דייטשן. די אינגערע ברידער און שוועסטער געהערן צו דער זעלביקער פעל־קערשאפט וואָס די עלטערע, וועגן וועלכע די געהעריקייט איז פעסטגע־שטעלט דורך דער דעקלאַראַציע".

„באלויף־פונקטן"

דער אויבן דערמאָנטער פּראָפעסאָר שטעמלער שרייבט: „די אויפגאבן פון דעם צוקלייב ווערן פארשפּרייט בלויז אף פיזיש, מאָראליש און גייסטיק געזונטע מענטשן פון דער צאָפן־ראסע".

קעדיי מיטצואווירקן אָט דעם דאָזיקן צוקלייב, פאָדערט זיך, אז עס זאָלן אָרגאַניזירט ווערן באלויף־פונקטן. ווי דאָס שטעלן זיך פאָר די פאשיסטן, איז צו זען פון דער פאָלגנדיקער שטעלע אין דעם בוך פון פּראָפעסאָר ערנסט בערגמאַן:

„קעדיי צו באפרוכפּערן די פאראנענע פרויען און מיידלעך, וועלן זיך געפינען געוויסע פּליסיקע מאנצבילן און יונגעלייט. איין גוטער יאַט וועט זיין גענוג אף צו באפרוכפּערן צען—צוואנציק מיידלעך, בא וועלכע עס איז נאָך ניט דערשלאָגן דער ווילן צו האָבן א קינד, ווען עס זאָל נאָר ניט עק־זיסטירן די קעגן־נאַטירלעכע מאָנאָגאַמישע באַסענע, וואָס איז געשאפן גע־וואָרן דורך דער קולטורעלער אומגעלומפּערטקייט".

מיר וועלן פארענדיקן די באשרייבונג פון אָט די בארבארישע פּראָיעקטן נאָך מיט איין „פּראָיעקט אף צו פארהיטן די ריינקייט פון דער ראסע". ער זאָגט:

„1. באַסענעס צווישן דייטשן און פרעמדע ראסעס ווערן פארווערט. די פאָרגעקומענע באַסענעס בלייבן ווירקלעכע, קיין נייע קאָנען ניט פאָרקומען און ווערן ניט אנערקענט.

„2. באַם געשלעכט־פארקער צווישן דייטשן און פאָרשטייער פון פרעמ־דע ראסעס ווערן די פרעמדע ראסעס באשטראָפט מיט קאטאָרגע, און די

דייטשן — מיט פּאַשעטער טפיסע. אַף פּראָסטיטוטקעס ווערט אָט דער דאָזיקער געזעץ ניט פאַרשפּרייט.

„3. פּאַרשטייער פון פרעמדע ראַסעס ווערט דערלאָזן אַריינצופאָרן אין דייטשלאַנד נאָר אין ספּעציעלע פאַלן, זייער אימיגראַציע ווערט פאַרווערט.

„4. איבערבייטן די נעמען, וואָס האָט דאָס ראָוו דעם ציל נאָר פאַר־מאַסקירן די אָנגעהעריקייט צו דער ראַסע, ווערט אַף ווייטער פאַרווערט ביז א ספּעציעלער פאַראָרדענונג. דאָס איבערבייטן נעמען, וואָס איז פאָר־געקומען נאָכן 1914 יאָר, ווערט אָפּגעשאַפן".

גענוג. מען וועט עפּשער זאָגן, אַז די דאָזיקע פלאַפּלעריי געהערט צום געביט פון פּסיכאָלאָגיע און האָט סאַפּקאַלסאַף קיין שום אַלגעמיינעם ניט „מיט דער באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מיליאָנען מענטשן", אַז די דאָזיקע „ספּעציאַ־ליסטן אין ראַסן־היגיענע" כאַראַקטעריזירן ניט די באַוועגונג אינגאַנצן גענומען, וועלכע קאָן אין לעצטן פאַל ניט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם. אָבער אַזאַ שטאַנדפּונקט איז פעלערהאַפט, דאָס איז א גרויסער טאָעס. א מענטש ווי פּראָפעסאָר שטעמלער איז אַן אָפיציעלער קאָנסולטאַנט איבער די דאָזיקע פראַגן. די געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט, זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין רייכסטאַג פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פראַקציע. זיי זיינען טיפּיש, און מען דאַרף זיך מיט זיי ערנסט רעכענען ווי מיט אַן אַגיטאַציע־מיטל.

דער פּאָרנאָגראַפישער שרייבער האַנס היינץ עווערס טרעט בא היינטיקן טאָג אַרויס ווי אַן אָפיציעלער פאָרשטייער פון דער דייטשישער ליטעראַטור, דער בלוטדורשטיקער מאָרפיניסט געהרינג האָט געקאָנט ווערן אין דער „דריטער אימ־פּעריע" דער שטאַרקסטער מיניסטער. דער לערער רוסט, וואָס איז באַפרייט גע־וואָרן פון טפיסע צוליב דעם, וואָס ער איז ניט באַם זינען (דער דייטשישער געריכט האָט באַשטעטיקט זיין מעשוגאַס) איז געוואָרן פּרייסישער מיניסטער פאַר פאָלקסבילדונג. שטרייכער, א מענטש, וואָס איז ניט איין מאָל פאַרמישפּעט געוואָרן דורך דעם דייטשישן געריכט פאַר באַוואוסטזיניקע רעכילעס, פאַר פאַר־שווענדונגען, פעלשונגען, רעציכע, איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רעגירונג אַלס קאָמיסאַר אַף דורכפירן דעם אַנטיאידישן באָיקאָט, און מיט זעלביקן רעכט ווי די אַלע, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט, איז דער פּראָפעסאָר שטעמלער געוואָרן איינער פון די אָנפירנדיקע טוער פון דעם הערשנדיקן רעזשים.

די ליקווידאַציע פון דער אידן־פראַגע

עס בלייבט איבער אונטערצופירן סאַכאַקלען. פון דער גוואַלדיקער צאָל פאַקטן, וואָס זאָגן איידעס וועגן קאַמף, וואָס ווערט געפירט פאַר פאַרניכטן 600.000 דויי־טשישע אידן, האָבן מיר אויסגעקליבן נאָר א קליינע צאָל ביישפּילן, טיפּישע דאָקומענטן פון געמיינער קינסטלעך־אויפגעבלאָזענער סינע צו אידן. מיר האָבן זיך געפּרוואווט באַווייזן, אַז אין אַלגעמיין איז דער דאָזיקער פאַנאַטיזם געצילט ניט קעגן די, קעגן וועלכע ער ווערט קלוימערשט געווענדט: ניט קעגן די בירזשע־

וויקעס, גרויסע באנקירן, גרויסע קאָמערסיאַנטן און ספּעקולאַנטן. דער פאָלקס־„צאָרן" ווערט אָנגעווענדט קעגן דעם קליינעם מענטשל, קעגן די אידישע מיטל־קלאַסן, קעגן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט. אזוי וויל דער געזעץ פון קאַפּיטאַליזם, וועמען עס דינען מיליאָנען מענטשן און שרייען איצט: „זאָל לעבן היטלער!"

האקכאָשעס, וואָס מען האָט געקריגן מיט שווינדל

וואָס האָבן געטאָן די אידן פון דייטשלאַנד? זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער אויסלענדישער פּראָפּאַגאַנדע. אונטער דעם דרוק פון די שטורעם־אָטריאַדן, וואָס זיינען געשטאַנען אין שלאַכט־גרייטקייט, האָבן זיי איבער דער גאַנצער וועלט צעשיקט דאָקומענטן, וואָס זיינען דיקטירט געווען פונעם שרעק פאַרן טויט. אין איינציקע פאַלן האָבן זיי פון שרעק געטאָן מער, איידער דאָס איז געווען נייטיק. ניט לאַנג האָט זיך איינער א גראָטעסנער יונגערמאַנטשיק דערטראַכט אויפצוקלייבן אָט די דאָזיקע האקכאָשעס, וועלכע מען האָט אויסגעקוועטשט פון די דייטשישע אידן און האָט זיי ארויסגעגעבן אין א בוך־פאָרם אונטערן קעפּל „די פּראָפּאַגאַנדע וועגן די אכזאָריעס זיינען א ליגן — זאָגן די דייטשישע אידן אליין".

די פאַשיזירטע „בערלינער טאַגעבלאַט" דרוקט אן ארטיקל אין צוויי שפּאַלטן וועגן „דעם בוך, וואָס פאַרדינט אומגעהייערע אויפמערקזאַמקייט". אָבער פאַר אַלעמען איז קלאָר, אז דאָס זיינען מענטשן, וואָס ציטערן פאַר זייער לעבן, פריי־הייט און עקזיסטענץ און האָבן געדאַרפט פאַרשפּרייטן דעם ליגן, אז אין דייטש־לאַנד פאַרפאָלגט מען ניט קיין אידן.

אידן, וואָס זיינען פאַר היטלערן

אָבער עס לאָזן זיך אויך הערן אנדערע שטימען. עס זיינען פאַראַן אידן, וואָס שטייען פאַר היטלערן שטאָל און אייזן. אין דעם אָרגאַן פון די אידן־אָרטאָ־דאָקסן „די אידישע פּרעסע" פון 31־טן מערץ 1933 יאָר האָט דער ראַבינער, פּראָ־פעסאָר וויינבערג, געשריבן:

„אין אַלגעמיין באַציט מען זיך אין די אידישע, און באַזונדערס אין די אָרטאָדאָקסאַלע קרייזן צו דעם נאַציאָנאַלן אויפשטייג אין דייטשלאַנד מיט מער סימפּאַטיע און פאַרשטאַנד, איידער עס מיינען די פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. די רעליגיעזע אידן ווייסן, אין וואָס פאַר א מאָס זיי דאַרפן, נעמלעך; זיין דאַנקבאַר היטלערן פאַר זיין ענערגישן ראַדיקאַלן קאַמף מיטן קאָמוניזם".

פּונקט אין דעם טאָג שרייבט דער צענטראַל־אָרגאַן פון די דייטשישע ציאָ־ניסטן „אידישע רונדשאַו":

„די אידישע געשיכטע וועט היטלערן פאַרשטיין, זי וועט זיך שטיצן אף אים, קעדיי צו דערווייזן, אז די געשיכטע ווערט געמאַכט אונטער דער ווירקונג פון מענטשלעכע שטרעבונגען צו אן אידעע, וואָס גיט זיך ניט אונטער קיין דיסקאָנט, עס איז קיין אונטערשייד ניט וואָס פאַר אן אידעע דאָס איז".

דאָ פעלט נאָך דער דריטער פאַרבינדעטער, אָן וועלכן מען קאָן ניט אויס־קומען. צו דער אידישער אָרטאָדאָקסיע און צום אידישן נאַציאָנאַליזם דאַרף זיך אומבאַדינגט פאַרייניקן אויך דער אידישער קאַפּיטאַליזם. מיר האָבן שוין ציטירט די מעלדונג פון דעם דירעקטאָר פון דייטשן באַנק אָסקאַר וואַסערמאַן, אַז מען האָט אים גאָרניט געדריקט און אַז אים פערזענלעך האָט דער גאַנג פון דער געשעעניש מיט גאָרנישט געשטערט, „אפילע אין הינזיכט פון זיין געזעלשאַפט־לעכער לאַגע”.

לענין וועגן אַנטיסעמיטיזם

מיר האָבן ניט פאַרשוויגן די דאָזיקע מיינונגען, זיי זיינען פאַר אונז אַ באַ־וויז, אַז אויך די אידן־פראַגע איז סאָפּקאָלסאָף — אַ פראַגע ניט קיין ראַסעווע, נאָר אַ קלאַסעווע.

אין זיין רעדע, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן אויף אַ גראַמאָפאָן־פּלאַסטינקע, זאָגט לענין:

„אַנטיסעמיטיזם ווערט אָנגערופן פאַרשפּרייטן פיינטשאַפט צו אידן. ווען די פאַרשאָלטענע צאַרישע מאָנאַרכיע האָט דערלעבט אירע לעצטע טעג, האָט זי זיך געסטאַרעט אָנצוהעצן די פינצטערע אַרבעטער און פויערים אויף אידן. די צאַרישע פּאָליציי האָט אין פאַרבאַנד מיט די פּריצים און קאַפּי־טאַליסטן איינגעאָרדנט אידישע פּאָגראָמען. די סינע פון די אַרבעטער און פויערים, אויסגעמאַטערטע פון נויט, האָבן זיך די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן געסטאַרעט ווענדן אויף אידן. און אין אַנדערע לענדער קומט אויס ניט זעל־טן צו זען, אַז די קאַפּיטאַליסטן פּלאַקערן אויף מיט אַ פיינטשאַפט צו אידן, כדי צו פאַרטרושען די אויגן פון דעם אַרבעטער, כדי אָפּצואווענדן זייערע בליקן פון דעם עמעסן פיינט פון די אַרבעטנדיקע — פון דעם קאַפּיטאַל...

„ניט די אידן זיינען פיינט פון די אַרבעטנדיקע. פיינט פון די אַר־בעטנדיקע זיינען די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער. צווישן די אידן זיי־נען פאַראַן אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס, — זיי זיינען די מערהייט. זיי זיי־נען אונזערע ברידער לויט דער אונטערדריקונג פון קאַפּיטאַל, אונזערע כאַווײרים לויטן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. צווישן די אידן זיינען פאַראַן באַלעגופים, עקספּלואַטאַטערס, קאַפּיטאַליסטן, פּונקט אַזוי ווי צווישן די רו־סישע, פּונקט אַזוי ווי צווישן אַלע נאַציעס. די קאַפּיטאַליסטן סטאַרען זיך צו זייען און צעפּלאַקערן פיינטשאַפט צווישן די אַרבעטער פון פאַרשיי־דענע גלויבנס, פאַרשיידענע נאַציעס, פאַרשיידענע ראַסעס. דאָס פאָלק, דאָס ניט אַרבעטנדיקע, האַלט זיך מיט גוואַלד און מיט דער מאַכט פון קאַפּיטאַל. די רייכע אידן, ווי די רייכע רוסן, ווי די רייכע פון אַלע לענ־דער, אין פאַרבאַנד איינער מיטן צווייטן, צעשיידן די אַרבעטער, דריקן זיי, פאַריאָכן און ראַבעווען.

„אַ שאַנדע דעם פאַרשאָלטענעם צאַריזם, וואָס האָט געמאַטערט און

פארפאָלגט די אידן. א שאנדע דעם, וועלכער זייט פיינטשאפט צו אידן, וועלכער זייט סינע צו אנדערע נאציעס.

„זאָל לעבן דער ברידערלעכער צוטרוי און דער שלאכט־פארבאנד פון די ארבעטער פון אלע פעלקער אין קאמף פאר דער אומוואלגערונג פון קאפיטאל".

אף דעם דעקרעט פון דער סאָוועטן־רעגירונג, וואָס איז געווענדט קעגן די אידישע פּאָגראָמען, וואָס די ווייסע האָבן געמאכט, האָט ל ע נ י ן געמאכט דעם פאָלגנדיקן אייגנהענטיקן צושריפט:

„דער ראטפאָלקאָם שרייבט פאָר אלע סאָוועטן אָנעמען אנטשיידענע מיטלען צו איבערהאקן אין וואָרצל די אנטיסעמיטישע באוועגונג. פּאָגראָמ־שטשיקעס און די, וואָס פירן א פּאָגראָם־אגיטאציע, ווערט פאָרגעלייגט צו שטעלן אויסער דעם געזעץ.

פאָרזיצער פון ראט פון די פאָלקסקאָמיסארן
וול. לענין (אוליאנאָוו).

פארוואלטער מיט די איניאָנים פון ראט פון די פאָלקסקאָמיסארן
וול. באָנטש־ברויעוויטש.

סעקרעטאר פון ראט נ. גאָרבונאָוו".

פערציק טויזנט מענער און פרויען
אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן

לויט די פאַרשיידענע מיטיילונגען פון דער פרעסע און אַנדערע פּובליקירטע ידיעות איז די אַלגעמיינע צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע אין היטלערישן דייטשלאַנד בּאַ 60—70 טויזנט מאַן. פון זיי זיינען 35—40 טויזנט פרויען און מענער אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ווי איז די רעכטלעכע לאַגע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין פאַשיסטישן דייטשלאַנד?

עס עקזיסטירט ניט קיין שום געזעץ אָדער פאַראָרדענונג, וואָס זאָל באַשטימען דאָס רעכט פון די אַרעסטירטע אין אַזוינע לאַגערן. שוין דאָס אַליין באַווייזט, אַז די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דייטשלאַנד זיינען איינע פון די אַקטן פון שרעקלעכן ווילקיר.

פאַר די טערמינען, וויפל די אַרעסטירטע דאַרפן זיין אין די לאַגערן, עקזיסטירט אויך ניט קיין שום נאָרמעס, וואָס זאָלן זיין איינגעשטעלט לויטן געזעץ אָדער לויט רעגירונגס־פאַראָרדענונגען.

„ביז דער פירער וועט זיך ניט דערבּאַרעמען אַף זיי!"

„נייע צוריכער צייטונג" מעלדעט אין אַן אַרטיקל (8 מאַי 1933 יאָר), וועלכער פאַרנעמט זיך געווי מיט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דייטשלאַנד, אַז די אַרעסטירטע טיילן זיך אַף בּירגער, וואָס לאָזן זיך שווער און גרינג דערציען. די ערשטע דאַרפן זיך געפינען אין לאַגער 3 יאָר און די צווייטע איין יאָר.

אָבער דאָס איז ניט קיין מיטיילונג פון דער ערשטער קוועלע, נאָר אַ פּערזענלעכע מיינונג פון דעם קאָרעספּאָנדענט. לויטן געזעץ איז עס ניט פעסטגעשטעלט. דער אַרעסט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, די דויערהאַפטיקייט פון זיצן דאָרטן ווערט אויסשליסלעך באַשטימט פון דעם גרענעצלאָזן ווילקיר פון די פאַשיסטישע רעדל־פירער.

בעסער פון אַלץ זיינען אָט די דאָזיקע שרעקלעכע באַדינגונגען כאַראַקטעריזירט דורך איינעם אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן רעדל־פירער — פון לייטענאַנט קאופמאַן, וועלכער איז איינער פון די אָנפירער פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין האָיבערג אין באַדען. ענדע אַפּריל האָט לייטענאַנט קאופמאַן אַף דער פראַגע: „ביזוואַנען רעכנט איר האַלטן דאָ די אַרעסטירטע?" — דערקלערט פאַרן קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג „פּאָליטיקען":

— „ביז דער פירער וועט זיך אַף זיי ניט דערבּאַרעמען".

„דייטשע אלגעמיינע צייטונג" האלט אונטער די מיינונג פון דעם לייטענאנט קאופמאן מיט פאַלגנדיקע ווערטער:

„פיל ארעסטירטע וועט אויסקומען לאנג צו ווארטן ביזוואנען זיי וועלן ארויס אף דער פריי, ווייל עס איז ניט גרינג צו צעברעכן דעם ווילן פון די ארעסטירטע".

„ווען איך וואָלט כאָטש געוואוסט פארוואָס מען האלט מיך"

די פרויען און די מענער, וואָס זיינען ארעסטירט אין די קאָנצענטראציע־לאַגערן, זיינען אפילע פון שטאנדפונקט פון דער פאשיסטישער מעלובע מענטשן אבסאָלוט אומשולדיקע. אלע סאָציאליסטישע און קאָמוניסטישע ארבעטער און פירער, וועלכע האָבן לויט דער מיינונג פון דער היטלערישער רעגירונג אָנגעפירט די געזעצן פון דעם פאשיסטישן דעספּאָטישן רעזשים, געפינען זיך ניט אין קאָנצענטראציע־לאַגערן, נאָר זיינען פארשפארט אין געוויינלעכע אָדער קאַטאָרזשנע טפיסעס. אין די קאָנצענטראציע־לאַגערן פאלן אריין נאָר אזוינע מענטשן, וועלכע דער פאשיזם האלט פאר פאָליטיש פארדעכטיקטע, נאָר פאר וועלכע די פאשיסטישע פּראָקוראָרן אפילע זיינען ניט אימשטאנד צו געפינען א גרונט אף אונטערנעמען קעגן זיי א געריכטלעכע פארפאָלגונג. די ארעסטירטע אין די קאָנצענטראציע־לאַגערן האָבן קיין שום טאָט, וואָס זאָל דארפן באשטראָפט ווערן, ניט געטאָן. דאָסראָוו זיינען זיי געוואָרן ארעסטירט באלד נאָך דער סרייפע אין רייכסטאג און נאָך די וואלן דעם 5־טן מערץ, אזוי אז זיי האָבן אפילע ניט געקאָנט ארויסווייזן זיך מיט וואָסערע ניט איז מאַסים, וואָס זיינען געווענדט קעגן דעם פאשיסטישן רעזשים. דאָס זאָגן שטענדיק אין זייערע בריוו די ארעסטירטע. אין דער מיטיילונג, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן סאָף אפריל אין דער דענישער צייטונג „פּאָליטיקען", זיינען פּובליקירט געוואָרן אייניקע בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען פון קאָנצענטראציע־לאַגערן.

„ווען איך וואָלט כאָטש געוואוסט פארוואָס מען האלט מיך דאָ" — שרייבט א יונגער ארבעטער.

„נאָר אן אנאָנימע פערזענלעכע נעקאָמע קאָן זיין די סיבע פון מיין ארעסט", — שרייבט אן ארעסטירטער דאָקטאָר.

„איך ווייס אין אלגעמיין ניט, פארוואָס מען האָט מיך ארעסטירט" — ווערט געזאָגט אין אן אנדער בריוו.

וואָס פאר א נישטיקע באווייזן זיינען גענוג פאר דעם, קעדיי אריינצוואווארפן א מענטשן אין קאָנצענטראציע־לאַגער, באווייזט דער פאַל, וואָס האָט געהאט אָן אָרט מיט דעם מעלאמער קארל קרעפּס אין דינקעלסביל אין בייערן. קרעפּס — א טשעכישער בירגער — האָט דעם גאנצן לעבן געוואוינט אין דייטשלאנד. עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאָלגנדיקער באפעל וועגן זיין ארעסט:

„דער לערער פון אידישער רעליגיע קארל קרעפּס אין דינקעלסביל (א טשעכישער בירגער) דארף צייטווייליק ארעסטירט ווערן. דעם 29־טן מערץ 1933 יאָר האָט קרעפּס געקוילעט לויטן אידישן ריטואל אייניקע הינער,

דערמיט האָט ער ארויסגערופן א שטאַרקע אומצופרידנקייט פון דער באַפעלקערונג. כאָטש אין דעם פאַל זיינען ניטאָ קיין טאטן, וואָס דארפן באַשטראָפט ווערן, נאָר דאָך האָט קרעפּס באדארפט זיך אָפּהאַלטן פון אזוינע מאַיסים, נעמענדיק אין אכט די שטאַרקע אויפרעגונג, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן אין דער באַפעלקערונג דורך דער פּראָפּאגאנדע, וואָס די אידן האָבן אויפגעהויבן אין אויסלאנד. די אויפרעגונג צווישן דער באַפעלקערונג איז אזוי גרויס, אז קרעפּס דארף צייטווייליק ארעסטירט ווערן, קעדיי באַשיצן אים פון אן אָנפאַל".

דער דאָזיקער מענטש זיצט נאָך אין לאַגער בא היינטיקן טאָג.

לייב־שטראָף איז אן אויפגאַבע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן

וועגן דעם ציל, וועלכן עס שטעלן זיך די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָט דער קאַפּיטאַן בוק, א נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט און דער שעף פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין האָיבערג דערקלערט דעם מיטארבעטער פון דער צייטונג „פּאָליטיקען", אז די הויפּט־אויפגאַבע „איז אָנווענדן קעגן די ארעסטירטע לייב־שטראָף".

ווי עס שרייבן אין זייערע בריוו די פּערזאָנען, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דארפן די ארעסטירטע וועגן זיך ראַפּאָרטירן אף א מיליטער־אויפן: „ארעסטירטער אזא און אזא". אזוי איז אין פיל לאַגערן. מען האָט זיי אָפּגעגאָלט, אזא זאך קאָן געטאָן ווערן נאָר מיט אזעלכע, וואָס ווערן צוגעמישפּעט צו קאַטאָרגע. די לאָנדאָנער צייטונג „דיילי טעלעגראַף" באַשטעטיקט די דאָזיקע זאך אין דעם נומער פון 27־טן אַפּריל 1933 יאָר אין דער טעלעגראַמע פון איר ווינער קאָרעספּאָנדענט. די ארעסטירטע אין די לאַגערן האָבן ניט געזען און וועלן ניט זען קיין שום ריכטער. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע רעדל־פירער האָבן ניט איין מאָל געמעלדעט, אז אין דעם פאַל זיינען עס בלויז פארהיטונג־ארעסטן.

> „מיר האָבן געראַרפט — זאָגן די פאַשיסטן דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער דענישער צייטונג „פּאָליטיקען", — אוועקזעצן אונטערן שלאָס פיל פון די דאָזיקע סוביעקטן, קעדיי צו פארטיידיקן זיי פון דער פאָלקס־נעקאָמע, אנדערש וואָלטן זיי געלינטשט געוואָרן. די דאָזיקע „פארברעכער" זיינען די שולדיקע פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע".

אָט די באַהויפּטונג שטעלט מיט זיך פאָר א גראָבן ליגן. די אומגעהייערע וואך פון די לאַגערן איז איינגעשטעלט ניט קעדיי צו באַשיצן די ארעסטירטע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, די קוילנוואַרפערס, וואָס זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרן לעבן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן דארפן ניט דערלאָזן, אז די געפאַנגענע זאָלן אנטלויפן און באַפרייען זיך. אומעטום, וואו עס זיינען, קלוימערשט, פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס קעגן די ארעסטירטע, זיינען דאָס געווען כּמעט וועלכע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון די פאַשיסטן. דאָס באַווייזט קלאָר, ווי אזוי מען האָט אָפּגעפירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דעם געוועזענעם סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטישן מיניסטער רעמעלע; דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזירטע מאַסן־פאַרווײלונג. „פעלקישער בעאָבאַכטער" האָט וועגן דער דאָזיקער פאַשיסטישער פאַרווײלונג דעם 17־טן מאַי אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ אונטערן קעפּל „באַם שאַנד־סלופּ":

„דינסטיק איז פון דער טורמע, וועלכע געפינט זיך אין דעם מאַירעוו־טייל פון שטאָט, געבראַכט געוואָרן אין פּאָליצײ־פּרעזידיום אין אַן אָפּע־נעם פּאָליצײיִשן אויטאָמאָביל דער געוועזענער באַדענער פּרעזידענט און מיניסטער אדאַם רעמעלע. וואָס איז די לעצטע צייט געווען פּאַרזיצער פון דער דייטשישער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט פון הורט־האַנדל אין האַמ־בורג. מיט איניקע טעג צוריק האָט מען אים איבערגעפירט אין קאַרלסרוע. אינאיינעם מיט אים האָט מען אין אָפענעם אויטאָמאָביל געבראַכט פון דער טפּיסע דעם מעלוכע־ראַטגעבער סטענצן, וועמען רעמעלע האָט איינגעאָרדנט אין אינערן־מיניסטעריום, דעם געוועזענעם דעפּוטאַט פון רייכסטאַג מאַרו־מען און דעם רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג „פאָלקס־פריינט" אין קאַרלסרוע גרינעבאַומען, דעם פּאָליצײ־קאָמיסאַר אין דעמיסיע פורערן און אַנדערע מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי. פון דעם פּאָליצײ־פּרעזידיום האָט מען זיי אוועקגעפירט אין טפּיסע אין קיסלאַו, וואו עס געפינט זיך איצט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. פאַר דער טפּיסע האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גוואַלטיקער האַמוין, וועלכער האָט באַגעגנט די אַרעסטירטע מיט אַ פייפעריי און מיט געשרייען „טפוי" און „נידער". פאַר דעם ערשטן פּאָליצײ־אויטאָמאָביל, אין וועלכן עס זיינען געזעסן די אַרעסטירטע מיט אַנטבלויזטע קעפּ, ארומגערינגלט מיט אַ שטאַר־קער וואַך, זיינען געגאַנגען אין צוויי רייען, האַלטנדיק איינער דעם אַנ־דערן אונטער די הענט, שטורמאַוויקעס פון דעם שוץ־אָטריאַד. זיי האָבן געמאַכט אַ ווארע פאַר דער פּראָצעסיע. נאָך דעם ערשטן פּאָליצײיִשן אויטאָמאָביל איז געגאַנגען אַ צווייטער מיט אַ קאָמאַנדע שטורמאַוויקעס. אוי־סערדעם האָבן די פּראָצעסיע פון ביידע זייטן באַגלייט שטורמאַוויקעס. די פּאָליצײיִשע אויטאָמאָבילן זיינען לאַנגזאַם געפאָרן צווישן דעם געדיכטן האַמוין. אויף ביידע זייטן זיינען געשטאַנען מענטשן אין 8 רייען. אויף דעם גאַנ־צן וועג האָט מען אַן אויפהער געשריגן „טפוי" און „נידער". אומעטום האָט מען אויסגעזונגען „דאָס ליד וועגן דעם מילנער", אין וועלכן עס איז פאַראַן אַן אָנצוהערעניש אויף רעמעלען, וועלכער האָט פריער געאַרבעט אין אַ מיל און האָט אַמאָל פאַרוועהרט אין באַדען צו זינגען „דאָס ליד וועגן דעם מילנער". די פּראָצעסיע איז אַגעוו דורכגעפאָרן פאַרביי דעם לאַנדטאַג, פאַרביי דער געביידע פונעם מיניסטעריום, אַזוי אויך לעבן דעם געוועזענעם הויף פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דערביי האָט זי זיך אומעטום אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט. באַ דער דעמאָנסטראַציע האָבן די אָרקעסטערס געזונ־גען „דאָס ליד וועגן דעם מילנער". דער אוילאָם איז געווען אַזוי גרויס, אַז די טראַמוויי און אויטאָמאָביל־באַוועגונג האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

אפן וועג זיינען פארשידענע פערזאָנען, וואָס האָבן געשריען „ראָט־פראָנט", ארעסטירט געוואָרן אפן אָרט; מע האָט זיי געזעצט אפן צווייטן פּאָליציי־שן אויטאָמאָביל".

דער דאָזיקער באריכט באווייזט קלאָר, אז דאָ איז פאָרגעקומען אן אָרגאַני־זירטע דעמאָנסטראציע מיט איינגעבאזערטע אויסגעשרייען. מיט איין וואָרט, איינע פון די סצענעס, וואָס מיט זייער הילף האָט דער אימפּערישער מיניסטער פון פּראָפּאַגאנדע געוואָלט פארוויילן דעם האמוין.

45 קאָנצענטראציע־לאגערן

וויפל קאָנצענטראציע־לאגערן זיינען פאראַן און וויפל מענטשן זיינען אהין פארטריבן געוואָרן? די דייטשישע רעגירונג — און דאָס זאָגט אויך איידעם וועגן איר ניט ריינעם געוויסן — האַלט זיך אָפּ פון פּינקטלעכע אָנווייזונגען. אינעם לאנד, וואו די סטאַטיסטיק נעמט אין אכט אַלץ, וואָס עס קומט נאָר אונטער דער האַנט, איז ניטאָ קיין סטאַטיסטיק וועגן די קאָנצענטראציע־לאגערן. אף וויפל מע קאָן אורטיילן אפן גרונט פון איינצלנע זיכערע מיטיילונגען פון דער דייטשישער פּרעסע, צופעליקע דערקלערונגען פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע רעדל־פירער און פון קאָרעספּאָנדענציעס פון אויסלענדישע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן באזוכט די לאגערן, זיינען בא היינטיקן טאָג (דאָס הייסט אין אָנהויב יולי 1933) פאראַן מינימום 45 קאָנצענטראציע־לאגערן.

אויב מיר זאָלן זיך פאָרשטעלן, אז אין די לאגערן, וועגן וועלכע מע קאָן ניט באקומען קיין שום יעדיעס, זיינען פאראַן מער ווי 700 מענטשן דורכשניטלעך, איז די אַלגעמיינע ציפער פון 35 ביז 40 טויזנט פאר גאנץ דייטשלאַנד ניט אי־בערגעטריבן.

אינמיטן מאי האָט די דייטשישע רעגירונג באַשטימט איינאָרדענען נאָך 10 נייע קאָנצענטראציע־לאגערן. „פראנקפורטער צייטונג" פון 30־טן מאי 1933 י. טיילט מיט, אז אין אויבער־באדען וועט איינגעאָרדנט ווערן א צווייטער קאָנ־צענטראציע־לאגער פאר ארעסטירטע, וועלכע מען טראכט ניט צו באפרייען ביז ווינטער.

פרויען און אינטעליגענטן אין קאָנצענטראציע־לאגערן

צווישן די ארעסטירטע אין די קאָנצענטראציע־לאגערן געפינען זיך הונ־דערטער פרויען.

די ארעסטירטע פרויען, מיטגלידער פון רייכסטאַג און פון די לאַנדטאַגן, וואָס געהערן צו דער קאָמוניסטישער פארטיי, האָט מען לעכאַטכילע געבראַכט אין דער פרויען־טפיסע אין בערלין אף בארנימשטראסע און פון דאָרטן זיינען זיי איבערגעפירט געוואָרן אין קאָנצענטראציע־לאגערן. די דאָזיקע טפיסע האָט מען פארוואַנדלט אין א זאַמל־פונקט און אין אן עטאַפּ־טפיסע פאר ארעסטירטע פרוי־ען. אין דאָרעם־דייטשלאַנד איז אָנהויב יולי אָרגאַניזירט געוואָרן א ספּעציעלער

קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פרויען. די אָפיציעלע מיטיילונג פון 8־טן יוני 1933 יאָר זאָגט:

„אין גאָטעסצעל נעבן העמינד איז איינגעאָרדנט געוואָרן דער וויר טעמבערגער לאַגער פאַר צייטווייליק ארעסטירטע פערזאָנען פון פרויען־געשלעכט".

באַלד נאָכדעם איז אין זאַקסן איינגעאָרדנט געוואָרן דער צווייטער קאָנצענ־טראַציע־לאַגער פאַר פרויען. אַלע מיטיילונגען זאָגן אין איין קאָל, אַז די פרויען אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן ליידן גרויסע צאָרעס און פאַרפאָלגונגען.

צווישן די ארעסטירטע זיינען פאַרגעשטעלט קאָלערליי וועלט־אָנשויאונגען, קאָלערליי פּראָפעסיעס, קאָלערליי עלטערס. אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען פאַרטריבן אינאיינעם: קאָמוניסטן, אנאַרכיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פאַרשטייער פון צענטער־פאַרטיי, פאַציפיסטן, אידן, יונגע און אַלטע ארבעטער, געלערנטע, קינסטלער, סטודענטן און דעפּוטאַטן, אדוואָקאַטן, דאָקטוירים, שרייבער, קליינע אינדוסטריעלער; מענטשן מיט באַוואוסטע נעמען און מענטשן, וואָס זיינען אינ־גאַנצן אומבאַוואוסט, פּאַסיווע און אַקטיווע קעמפער. צווישן זיי געפינט זיך דער רע וואָלוציאָנערער פּאַציפיסט קאַרל פאָן אָסעצקי, דער פאַרלעגער פון „וועלט־בינע", דער אנאַרכיסט מיוזאַם, דער בייערישער דעפּוטאַט אויער, דער דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט פון רייכסטאַג פישער, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן ראָס־מאַן און פּפליגער, דער קרימינעלער פאַרטיידיקער האַנס ליטען, די דאָקטוירים שמינקע, בענהיים און פיל אַנדערע.

דער עמעס מוז זיך ארויסווייזן

די היטלעריסטישע רעגירונג סטאַרעט זיך איינצוהילן אין פינצטערניש אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען א זיכערן מאַטעריאַל וועגן די שוידערהאַפטע באַדינגונגען אין די לאַגערן. דער קאָמיטעט צו העלפן די קאָרבאָנעס פון היטלע־רישן פאַשיזם האָט אַ דאַנק די אנטלאָפענע ארעסטירטע אָדער די קרוֹיווים פון די ארעסטירטע א ברייטע קאָלעקציע פון שוידערהאַפטע פאַקטן וועגן דעם לעבן אין די דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דער עמעס מוז זיך ארויסווייזן, ער דרינגט אריין אין די ריי̆ען פון די אר־בעטער, אין דער אויסלענדישער געזעלשאַפטלעכקייט, ניט קוקנדיק אויף דער שטרענגסטער וואַך אין די לאַגערן.

דער עמעס מאַכט זיך א וועג דורך די שטעכעדיקע דראָטן. קיינע דראָאונ־גען העלפן ניט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דעספּאָטן.

די אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָט מען דערלויבט צו באַזוכן איי̆ניקע „מוסטערהאַפטע" לאַגערן — הויבערג, דאַכאַו, אָראַניענבורג. די שטורמאָוויקעס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך די פאַרשטייער פון דער פּרעסע אין די דאָזיקע לאַגערן, וועלכע זיינען געווען ספּעציעל „אויפגעראַמט" פאַר די באַזוכער. די רעפּאָרטערס האָבן ניט געקאָנט ריידן מיט די ארעסטירטע ניט אין דער אָנוועזנהייט פון דער

וואָך, דעריבער איז די באַשרייבונג פון די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן מער ניט ווי איינדרוקן וועגן דער לאַנדשאַפט פון די לאַגערן, איידער אַ שילדערונג פון דעם, וואָס עס קומט דאָרט ווירקלעך פאָר. אָבער דאָרטן, וואו די זשורנאַליסטן סטאַרען זיך שילדערן דעם לעבנסשטייגער פון לאַגער, דאָרטן, וואו זיי קענען, ווי עדמונד טײלאָר, — דער קאָרעספּאָנדענט פון „טשיקאַגאָער דיילי טריביון", געבן פראַגן די אַרעסטירטע אַף אַן אויסלענדישער שפּראַך, דאָרטן באַווייזט זיך גלייך פאַר די אויגן דער טהאָם פון דער אומענטשלעכקייט.

אַזוי דרינגט דורך די וואַרהייט אין די צייטונגס-באַריכטן.

אַלע, וואָס ווילן מיטהעלפן דער אויסקלאָרונג פון דעם עמעס וועגן די דייטשישע קאָנצענטראַציע-לאַגערן, דאַרפן אונטערהאַלטן די פאָדערונג, אַז מען זאָל דערלויבן צו באַזוכן אַלע לאַגערן אַ צווישנפעלקערלעכער קאָמיסיע, וואָס זאָל באַשטיין פון מיטגלידער פון אומפּאַרטייאישן הילפס-קאָמיטעט.

די דאָזיקע באַזוכן דאַרפן אָבער פאָרקומען ניט אונטער דער אויפזיכט פון קאָמענדאַנטן אין די לאַגערן, ניט אונטער דער אויפזיכט פון דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער וואָך. דער קאָמיסיע דאַרף געגעבן ווערן דאָס רעכט צו קומען אין די לאַגערן, ניט אָנזאָגנדיק וועגן דעם פריער, און פּערזענלעך אין אַלע דעטאַלן אויספאָרשן זייער צושטאַנד און פריי שמועסן מיט די אַרעסטירטע.

כורוועס און אַרבעט-הייזער — וואוינונגען פאַר די אַרעסטירטע

די קאַטאָרזשנע טפיסעס אין זאָנענבורג און פילסביטעל זיינען שוין פאַרמאַכט געוואָרן מיט אייניקע יאָר צוריק, ווייל זיי שטעלן מיט זיך פאָר מיטלאַלטערישע, אינגאַנצן ניט היגיענישע טפיסעס. אַהין האָט מען זיך ניט באַשלאָסן אַפילו צו באַזעצן פאַרברעכער, וואָס האָבן באַגאַנגען שווערע קרימינעלע פאַרברעכנס. אין פילסביטעל זיינען ניט פאַראַן קיין קלאָזעטן און ניט קיין קאַנאַליזאַציע. זיין אין דער דאָזיקער קאַטאָרזשנער טורמע באַזונדערס אין דער הייסער צייט פון יאָר, איז אַן אומדערטרעגלעכע מאַטערניש. די דאָזיקע קאַטאָרזשנע טפיסעס זיינען איצט פאַרוואַנדלט דורך דער היטלערישער רעגירונג אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן. אין זאָנענבורג זיצן אַגעוו ליטען, קאַספּער, אָסעצקי און מיזאַם.

אַסאַך אַרעסטירטע האָט מען אויך אַריינגעזעצט אין די אַרבעטס-הייזער, ווי למשל אינעם אַרבעטס-הויז קילזאַו, לעבן ברוכזאַל. די אַרבעטס-הייזער פלעגן זיין דער לעצטער עטאַפּ פאַר אַלע די, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכע איז ניט אימשטאַנד געווען צו געבן זיי פרייע אַרבעט און האָט זיי דעריבער דערקלערט אַלס אַנטיסאָציאַלן עלעמענט. איינער אַ דייטשישער ריכטער דערציילט, אַז די באַשולדיקטע פלעגן אַזוי מוירע האָבן פאַר די אַרבעטס-הייזער, אַז זיי פלעגן זיך בעטן באַם געריכט, מען זאָל זיי בעסער פאַראורטיילן צו קאַטאָרגע.

דער קאָנצענטראַציע-לאַגער אין ציטאַו איז פריער געווען אַ ביכער-סקלאַד. מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן דעם קאָמפאָרט פון אָט דעם לאַגער. דער קאָנצענטראַציע-לאַגער אין דאַכאַו, אין בייערן, באַשטייט, לויט דער מיטיילונג פון „דיילי טעלעגראַף" פון 25-טן אַפּריל 1933-טן יאָר, פון אַלטע האַלב צעפאַלענע

הייזקעס. אָראַניענבורג רעכנט זיך אַלס מוסטער־לאַגער, אים האָט מען באַוויזן אייניקע אויסלענדישע זשורנאַליסטן. זיינע פאָטאָגראַפישע בילדער פלעגן די פאַשיסטן פאַרשפּרייטן אין אַ גרויסער צאָל.

„אַ פאַרוואָרפענע פאַבריק — אַ געוועזענער ביר־ברויעריי־זאַוואָד מיט כאַ־רעווע וואַרשטאַטן, די שויבן צעבראָכן, דער הויף פאַרוואַקסן מיט מיסט־גראָז". — אַזוי באַשרייבט „די דייטשע אַלגעמיינע צייטונג" פון 30־טן אַפּריל 1933־טן יאָר דעם אָראַניענבורגער קאָנצלאַגער. בא אונז אין די הענט איז פאַראַן אַ קאָנ־פידענציעלע מיטיילונג פון אַ דייטשישער זשורנאַליסטן, וואָס האָט באַגלייט אַן אויסלענדער אַלס איבערזעצערן באַם באַזוכן דעם אָראַניענבורגער לאַגער.

„אין הויף געפינט זיך אינגאַנצן איין ברונעם. 100—200 אַרעסטיר־טע דאַרפן זיך וואַשן פון אַלטע וואַש־שיסלען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אַפן הויף. די שלאָפצימערן זיינען אַלטע, כאַרעווע פאַבריק־געביידעס, אַפן האַרטן צעמענטענעם דיל ליגט אַ שיכט צעפוילטע שטרוי עטלעכע צענ־טימעטער די גרעב".

„די דייטשע אַלגעמיינע צייטונג" פון 30־טן אַפּריל 1933־טן יאָר באַשטע־טיקט, אַז די אַרעסטירטע זיינען געצוואונגען צו שלאָפן אויף שטרוי.

„אין דאַכאו, — שרייבט היידע אין „דיילי טעלעגראַף" פון 25־טן אַפּריל 1933־טן יאָר — שלאָפן אין אַ קליינער הייזקע 54 אַרעסטירטע אויף פרימיטיווע הילצערנע נאַרעס, באַדעקטע מיט שטרוי".

די דערמאָנטע איבערזעצערן באַשרייבט דעם שוידערלעכן צושטאַנד פון אַזא שלאָף־געביידע אין אָראַניענבורג:

„שוין אין אָוונט, ווען מען פאַרשפּאַרט די אַרעסטירטע, שטייט דאָרט אַזא געשטאַנק, מאַמעש דאָרט וואָלט געגעכטיקט אַ טשערעדע ווילדע ביי־עס; עס איז אַבסאָלוט אומעגלעך צו באַשרייבן די אַטמאָספער, וואָס עס בילדעט זיך פון די העכער 50 מענטשן מיט די אויסדאַמפונגען פון זייע־רע ניט געוואַשענע קליידער און שווייסיקע קערפּערס".

דער מוסטער־לאַגער הויבערג

דער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין הויבערג געפינט זיך אין אַ באַזונדערער לאַגע: מיט אים בראַווירט מען, אים באַווייזט מען די אויסלענדישע קאָרעספּאָנ־דענטן. אין די מיטיילונגען וועגן די דאָזיקע באַזוכער ווערט שטענדיק באַשריבן דער אויסערלעכער אויסזען פון לאַגער און די געגנט אַרום. אָבער וועגן די קאַ־מערן פאַר די אַרעסטירטע, וועגן די שלאָפצימערן ריידן די קאָרעספּאָנדענטן קיינ־מאָל גאָרנישט. „די פראַנקפורטער צייטונג" האָט סאַף מאַי 1933־טן יאָר אָפּ־געדרוקט אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן אַ באַזוך אינעם דאָזיקן לאַגער.

פון דער דאָזיקער באַשרייבונג איז צו זען, ווי שטרענג די אַרעסטירטע ווערן באַוואַכט און וואָס פאַר אַ מיליטערישע מושטירונג זיי דאַרפן דורכמאַכן. יונגע שטורמאָוויקעס איז פאַרבאָטן צו שמועסן מיט די אַרעסטירטע: מע האָט מוירע

פאר דער פּאָליטישער ווירקונג פון די ארעסטירטע. דער קאָרעספּאָנדענט פּערזע־גען שרייבט:

„דאָס פּריערדיקע פעלד פאר מיליטער־איבונגען איז פארוואנדלט גע־וואָרן אין א קאָנצענטראציע־לאגער. פארבייגייענדיק דעם פּארקאַן, באַ־קוקן מיר די דיספּאָזיציע פונעם גאנצן לאגער. לעכאטכילע גייען מיר דורך פארביי דער אדמיניסטראציע־געביידע, פּאָסט־אָפּטיילונג, וואוינונגס־היי־זער פאר די באאמטע מיט קליינע גערטנדלעך. ווייטער אויף רעכטס און אויף לינקס געפינען זיך געביידעס פאר די רייכסווער־זעלנער. דאָ אויף א הויך פון 900 מעטער איבערן יאם־ניווא, וואו געוויקסן זיינען ווייניק, געפינען זיך 2000 ארעסטירטע אין ענגע צימערלעך.

„די הייזער זיינען ארומגעצאמט מיט שטעכל־דראָט, הויכע פּארקנס, ארומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט רינגלען ארום פוןביידע זייטן וועג די געביידעס, געוויינלעך צו צוויי מיטאמאָל, אזוי, אז צווישן זיי בילדעט זיך אויס אן אינערלעכער הויף. דער גאנצער קאָנצענטראציע־לאגער איז צע־טיילט אויף איינצלנע לאגערס. אכוץ די שטעכל־דראָט ווערן די ארעסטירטע באוואכט פון שטורמאָוויקעס. זיי שטייען אויף יעדן פּאָסטן אין הויף, באַ־וואָפנטע מיט ביקסן. ווייטער ווערט יעדע זייט פון דער שטעכ־דראָט פאר־צאמונג באוואכט פון באהילפיקער פּאָליציי. מיר ווארפן א בליק אויף די ווענט — אין די פענצטער איז קיינער ניטאָ, קוקן אין די פענצטער איז פארבאָטן. דער פאסאד ווערט באנאכט באלויכטן מיט פּראָזשעקטערס. יע־דעס הויז ווידער איז צעטיילט אויף צוויי העלפטן — געביידע „א" און געביידע „ב". אן אָפּטריט איז בא זיי אן אלגעמיינער.

„מיר זיינען אין הויז גופא. פון רעכטס און לינקס אין ביידע שטאָקן געפינט זיך א גרויסער צימער פאר זעלנער. אינמיטן — א צימער, וואָס האָט פריער געדינט פארן פעלדפעבל, איצט איז אויף אים אן אויפשריפט: „אויפזעער". דאָ געפינען זיך 3 מענטשן: 2 אָנפירער פון די שטורעם־אָפּ־טיילונגען, וואָס פון זיי גיט איינער אכטונג אפן לינקן צימער און דער צווייטער אפן רעכטן. מיט זיי איז דער וואכמייסטער פון דער וואכפּאָלי־ציי אויף צו האַלטן פארבינדונגען מיט דער פּאָליציי־קאָמאנדע.

„אויף דער טיר, וואָס פירט אינעם געוועזענעם צימער פאר די זעלנער, הענגט א רעשימע פון 36 איינוואוינער פונעם צימער: דער נאָמען, גע־בורטס־אָרט און וואוין־אָרט. דער אָנפירער פון די שטורמאָוויקעס נעמט ארויס דעם שליסל, פון צימער דערהערט זיך: „אכטונג" און עס ווערט שטיל. עס צערוקן זיך די שטולן, די ארעסטירטע שטעלן זיך אויף, דער אויפזעער גייט אריין.

„בא לאנגע ריין־צוגעקליבענע טישן זיצן די ארעסטירטע אויף קליי־נינקע בענקלעך און שפּילן אין שאך. זיי האָבן עס אליין פאבריצירט. קיין ביכער און צייטונגען איז קימאַט ניט צו זען; די גאנצע קאָמער שרייבט אויס איינע אוועלכע־עס־איז צייטונג, וואָס איינער פון די ארעסטירטע

לייענט זי געוויינלעך הויך פאר אלעמען. בא די ווענט, אָן פענצטער, שטייען קליינע קוואדראטע אלמערלעך פאר געפעס.

„אין דער צייט, ווען די יונגע שטורמאָוויקעס, וואָס געפינען זיך אין דער באהילפיקער פּאָליציי (זיי אלע זיינען דאָרפישע יונגען), איז פארבאָטן צו קומען אין באריר מיט די ארעסטירטע, איז אָבער אַף די אָנפירער, וואָס זיינען באשטימט אלס אויפזעער, ליגט די פליכט פּאָליטיש אויפצואווירקן אַף די ארעסטירטע. די דיזשורנע אויפזעער קוקן דורך די פּאָסט, יעדן ארעסטירטן ווערט דערלויבט צו שרייבן איין מאָל אין צוויי וואָכן א בריוו אָדער א קארטל".

דעם דאָזיקן באריכט קאָנען מיר דערגאנצן מיט אייניקע מאַטעריאַלן, וואָס ווערן מיטגעטיילט אין א בריוו פון איינעם אַן ארעסטירטן אין הויבערגער לאגער. (זיין נאָמען קאָנען מיר ניט פארעפנטלעכן, ווייל ער געפינט זיך נאָך אינעם לאגער).

„אין הויבערג ווערן אויפגעהאלטן 2000 פּראָלעטאריער, מערסטנטייל קאָמוניסטן. זיי געפינען זיך אין 7—8 שטאָקיקע געביידעס, וועלכע זיינען ארומגערינגלט מיט א צאם פון שטעכל־דראָט פון 2 מעטער די הויך. אין א צימער פון 8 אַף 12 מעטער די גרויס ווערן אויפגעהאלטן 30 מענטשן, אין די בוידעם־געביידעס, אָפּהענגיק פון זייער גרויס — צו 4—12 מענטשן. די געלעגערס שטעלן מיט זיך פּאָר נאַרעס פון 2 יארוסן מיט שטרויזעניקעס און 2 קאָלדרעס. קיין בעדער זיינען ניטאָ (דער רעפּאָרטער פון אמסטערדאמער „טעלעגראַף" טיילט מיט דעם 5־טן אפריל, אז די ארעסטירטע גייען איין מאָל אין כוידעש אין באָד, ווייזט אויס, אז ניט אַלע — רעד.).קיין זייף גיט מען ניט. די, וואָס ווילן זיך ווי געהעריק וואשן, דארפן אַליין קויפן זייף. קיין וועש גיט מען ניט און מען וואשט ניט. האָנטעכער זיינען פאראן ווייניק. האָבן בא זיך גאָל־מעסערס איז פארבאָטן. גאָלן זיך איז שווער און דעריבער איז דאָ די נייסטע מאָדע — פארלאָזן א באָרד..."

דער פארוואלטער פונעם לאגער קאפּיטאַן בוק האָט סאַף אפריל 1933־טן יאָר דערקלערט דעם פּארשטייער פון „פּאָליטיקען", אז הויבערג איז ניט קיין סאנאַטאָריע, ניט אין זין פון באקוועמלעכקייט, ניט אין זין פון היגיענישע באדינגונגען.

די לאגערס ווערן באוואכט פון שטאַרק באוואָפנטע פּאטרולן מיט קוילנווארפער און פּאָליציי־הינט

די וואך אינעם לאגער איז אוועקגעשטעלט אויסערגעוויינלעך שטרענג. ארומעטום גייען ארום פּאטרולן פון שטורמאָוויקעס באוואָפנטע מיט גומענע שטעקנס, ביקסן און רעוואָלווערן. אסאך פּאטרולן האָבן בא זיך פּאָליציי־הינט. דאָס איז צו זען פון די אָפיציעלע פאָטאָגראפישע בילדער, וועגן דעם שרייבן „פּאָליטיקען", „טעלעגראַף" און „דיילי טעלעגראַף". וועגן דעם שרייבן אלע ארעסטירטע. „דער קאָנצענטראציע־לאגער אין דאכאו, — טיילט מיט היידע אין „דיילי טעלעגראַף" פון 27־טן אפריל 1933, — איז ארומגערינגלט מיט א הויכער צאם

מען העצט די מערדער קעגן אידן געלערנטע



הילע פונעם בוך: „אידן קוקן אף דיר". די דאָזיקע בראַשור, וואָס אָנגעשריבן האָט זי פאָן לעיערס, רופט אָפן צו מאָרד. אונטער די פאָטאָגראַפישע בילדער פון פיל פאָרשטייער פונעם גייסטיקן לעבן אין דייטשלאנד שטייען די ווערטער „נית אויפגעהאנגען".

אלבערט איינשטיין, א באוואוסטער געלערנטער. ער האָט דרייסט אויפגעהויבן זיין שטים קעגן היטלערס טעראַר. אונטער זיין פאָרטרעט אין לעיערס בוך איז אָפּגעדרוקט אזא טעקסט: איינשטיין האָט אויסגעטראכט א גאנץ שטרייטבארע „רעלאטיוויטעט-טעאָריע". די אידישע פרעסע און דאָס נאיווע דייטשישע פאָלק האָט אים געמאכט בארימט, דערפאַר האָט ער אָפּגעדאנקט מיט ליגנס און העצע אין אויסלאנד קעגן אדאָלף היטלערן (נית אויפגעהאַנגען).

פון שטעכדראָט, דורך איר איז דורכגעלאָזן אַן עלעקטרישער שטראָם פון הויכער שפּאַנונג. אין דער געבײַדע פון הויפּט־קאַראול שטייען אָנגעלאָדענע קוילנוואַרפערס. די קאָרעספּאָנדענטן פון „פּאָליטיקען" (סאָף אַפּריל 1933־טן יאָר) און „טעלעגראַף" (פון 5־טן אַפּריל 1933־טן יאָר) האָט פאַראינטערעסירט די אומגלויבלעך געדיכטע נעץ פון שטעך־דראָטן אין הויבערג. באַנאַכט איז דער לאַגער העל באַלויכטן מיט קאָלאָסאַלע פּראָזשעקטערס. צוליבן העלן ליכט קאָנען די אַרעסטירטע ניט שלאָפן.

„פּרוּווט מען נאָר עפענען די פענצטער, קעדיי דורכצולופטערן דאָס צימער, אַזוי הייבט מען באַלד אָן שיסן", — טיילט מיט דער אַמסטערדאַמער „טעלעגראַף".

דער אָראַניענבורגער לאַגער איז פון איין זײַט אַרומגערינגלט מיט נידעריקע פאַבריק־ווענט און פון דער אַנדערער זײַט, וואו די אַרעסטירטע מאַכן גימנאַס־טיק, — מיט אַ נידעריקן װעלדל. צי טרעפן פאַלן פון אַנטלויפן? די דאָזיקע פראַגע האָט אויך געשטעלט די זשורנאַליסטן, וואָס האָט באַזוכט אָראַניענבורג אַלס איבערזעצערן פונעם אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט.

ענטפער: „דאָ האָט מען ניט מוירע פאַר אַנטלויפן. די וועכטער זײַנען באַוואָפנטע און זיי איז שטרענג באַפוילן צו שיסן, ווען עמעץ פון די אַרעס־טירטע גייט איבער די גרענעץ, וואו עס וואַקסט דאָס וועלדל. נאָר צו וואָס אַנטלויפן? די אַרעסטירטע איז דאָ גוט און אַפילו ווען מע לאָזט זיי אָפּ, ווילן זיי ניט אַוועקגיין.

„עס קאָן ניט זײַן".

„ענטפער: „אייערנעכטן האָבן מיר באַקומען אַ פאַראָרדענונג אָפּצו־לאָזן אַן אַרעסטירטן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין און ס'איז אויס־געקומען מיט געוואַלט אים אַוועקצושיקן אָפּן וואַקזאַל. פרעגט בא די אי־בעריקע, צי דאָס איז ריכטיק".

די זשורנאַליסטן זעצט פאָר:

„ווירקלעך, עס איז געווען אַזאַ פאַל, אַז אַרעסטירטע האָבן זיך אָפּ־געזאָגט אַרויסצוגיין אויף דער פרײַ. אָבער פאַרוואָס? די באַפעלן וועגן באַ־פרײַען ווערן באַקומען באַנאַכט אָדער באַגינען. אין דער דאָזיקער צײַט איז גרינגער צו דערשיסן אַ מענטשן אין וועג, און אויף מאָרגן וועט זײַן אָפּגע־דרוקט אין די צײַטונגען: „אַ מאַרקסיסט איז דערשאָסן געוואָרן בא אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן"...

איינערעמעסן, דאָס קליינע וועלדל דאַרף אַרויסרופן אַ בײַשעק צו אַנט־לויפן. אָבער אַנטלויפן באַטײַט — דערשאָסן ווערן.

פינצטערער קאַרצער און לײַב־שטראָפן

די אַרעסטירטע ווערן אײַנגעטיילט אין דרײַ קאַטעגאָריעס:

א) אַזעלכע, וואָס בעסערן זיך לײַכט אויס (נאַציאָנאַליסטן, מיטגלידער פון בײַערישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, מיטלויפער); ב) אַזויגערופענע שווער זיך אויסבעסערנדיקע און ג) אַזעלכע, וואָס בעסערן זיך אינגאַנצן ניט אויס.

עריך באַראָן

דער סעקרעטאר פון דער געזעלשאפט פריינט פון ניַיעם רוסלאנד. ער איז דערפירט געוואָרן ביז זעלבסטמאָרד אין פאַרלויפיקן ארעסט.

אין דער לעצטער קאַטעגאָריע ווערן פאַרעכנט קאָמוניסטישע פירער, פאַר־טיי און פראָפ.־טוער און לינקע אינטעליגענטן. צו זיי ווערן אָנגעווענדט די שווי־דערלעכסטע ספּעציעלע קלאַלים. אין פאַרצגענעם מיטיילונג וועגן דעם קאָנצענט־ראַציע־לאַגער אין הויבערג געפינען מיר פאָלגנדיקע באַשטעטיקונג פונעם נאַר־וואָס געזאָגטן:

„דער וואָס רעכנט זיך אפן סמאך פון פאַראַנענע דאָקומענטן און מע־סירעס פאַר אַזעלכן, וואָס קאָן זיך ניט אויסבעסערן, ווערט אַריבערגעפירט אין דער „הויפּטגעביידע", אין די צימערן נומערן 19 און 23. דאָרט זיי־נען אַלע קלאַלים באַדייטנדיק שטרענגערע: דער אויפזעער פירט דאָרט ניט קיין שמועסן מיט די אַרעסטירטע, די שפּאַצירס זיינען פאַרקירצט ביז 10 מינוט, רויכערן און ליידן ווערט דערלויבט אַסאַך זעלטענער. קיין באַשעפ־טיקונג, וואָס גיט די אַרעסטירטע אַ מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך עט־לעכע שאָ מיט פיזישער אַרבעט און אויך באַקומען צוגאָב־שפּייז, ווערט דאָ ניט דערלאָזן".

דעם דאָזיקן אביסל טרוקענעם באַריכט פונעם זשורנאַליסט, קאָנען מיר דער־גאַנצן מיט אַ בריוו פון אַן אַרעסטירטן אין הויבערגער לאַגער, וואָס זיין פאַר־צווייפלטער ווייגעשריי איז דערגאַנגען צו אונז, ניט געקוקט אף די שטעך־דראָטן און אף דער וואַך:

„טייערע כאַווירים, איך האָף, אַז דער דאָזיקער ווייגעשריי וועט דער־גיין צו אייך. דאָס לעבן איז דאָ מאַמעש שוידערלעך. די באַהאַנדלונג איז דאָ אַן ערגערע ווי אין טורמע און אף קאַטאָרגע. האַלב ניין אַזייגער דאַרפן מיר זיך לייגן שלאָפן און האַלב זעקס אינדערפרי (ניט זעקס) טרייבט מען אונז אַרויס פון די געביידעס. באַנאַכט לאָזט מען ניט אָפּרוען. אָפט טרעפט אַז פיר אָדער פינף מאָל דורך דער נאַכט טרייבט מען אונז אַרויס פון די באַראַקעס און מען צווינגט לויפן איבערן פּלאַץ. דערביי זיינען קלעפּ און די גראָבסטע זידלעריין אַן אַבסאָלוט געוויינלעכע דערשיינונג. אָט אַזוי האָבן מיר אינגאַנצן דריי־פיר שאָ „רו" אין דער נאַכט.

„אָט האָט איר, לעמאָשל, אַזאַ פאַל: די גאַנצע אָפּטיילונג טרייבט מען באַנאַכט אַרויס פון די באַראַקעס און מען צווינגט מאַכן גימנאַסטישע אי־בונגען און זעקס פּאַשיסטן צעמיימעסן אומענטשלעך איינעם פון די כאַ־ווירים מיט גומענע שטעקנס, דראָענדיק אים מיטן רעוואָלווער. זיי וואָרטן בלויז, ער זאָל זיי אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד, און דעמאָלט וואָלטן זיי דעם כאַווער זיכער דערשאָסן. אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געלאָזט פּראָ־וואָצירן, האָבן זיי אים נאָכאַמאָל ברוטאַל צעמיימעסט. דעם דאָזיקן כאַווער האָט מען דערקלערט: „איר קאָנט, פאַרשטייט זיך, דערלאַנגען אַן אָנקלאַגע, אָבער דאָס איז אומזיסט און אַלס צוגאָב וועלן מיר אייך „אָנקלאָגן מיט אַ זעקל זאַמד".

„איינער אַן עלבינער כאַווער איז איינגעזעצט געוואָרן אין אַ פינצ־טערער קאַמער און אין משך פון 6 טעג האָט מען אים בלויז 2 מאָל געגעבן

עסן. ער איז אַרויס פון דאָרט אַ בלייכער ווי אַ מעס און אַן אַבסאָלוט אויסגעהונגערטער. אין דער פינצטערער קאַמער האָט מען אים ברוטאַל געשלאָגן.

„די נירטינגער כאַווײרים זײַנען נאָך הײַנט באַדעקט מיט סיניאַקעס פון די אומזיניקע קלעפּ.

„דער געפילדער פון די שטורמאָוויקעס, די געשרײַען װעגן הילף פון אונזערע אומבאַשיצטע כאַווײרים הערן ניט אויף ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט.

„באַ אַזאַ דערנערונג, וואָס איז בלויז אויסגערעכנט אַף אויסצערן אונז מיט הונגער, האַלטן ניט אויס אַפילע די סאַמע שטאַרקסטע נערוון, און פיל כאַווײרים טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק װעגן זעלבסטמאָרד אָדער קלײַבן זיך געבן אַ ווידערשטאַנד, ריזיקירנדיק אַפילע צו ווערן דערמאָרדעט אָדער דערשאָסן.

„דעם שטראָף־קאָרפּוס האָט נאָך ניט באַזוכט קיין איין זשורנאַליסט. די זשורנאַליסטן האָט מען לויט אַלע וואַרשײַנלעכקײַטן באַוויזן דעם קאָרפּוס פון דער ערשטער שטופע. פאַר דער ערשטער און צווייטער שטופע ווערן דערלאָזן פאָלגנדיקע פּריווילעגיעס: מיטוואָך און שאַבעס צו 3 פּאַפּיראָסן און אַ שטיק שוואַרצע וואורשט פאַר דרײַען.

„דאָס עסן איז דאָ אַזאַ, אַז מיר אַלע לײַדן הונגער און האָבן אַ שרעקלעכן אויסזען. אָט זײַנען, לעמאָשל, אײניקע געריכטן: קרויט מיט לאָקשן — זייער אַ שיטערינקע זופּ, רויטע קרויט, קאָטלעטן מיט קאַרטאָפל מיט לאָקשן, זיסע רײַז מיט קאַרטאָפל, דורכשניטלעך צו דרײַ גראַם פלייש (בוכשטעבלעך: 3 גראַם פלייש!). פאַר 11 וואָכן האָט מען אונז בלויז 2 מאָל געגעבן גענוג פלייש און זויערע קרויט. דאָס גאַנצע עסן איז אָן פעטס, ניט געשמאַק און מיט אַ גרויסער צאָל סאָדע. פאַר 11 וואָכן האָט מען אונז בלויז 2 מאָל געגעבן פּוטער. קלאָר, אַז באַ אַזעלכע באַדינגונגען זײַנען מיר פאַראורטײלט אַף לאַנגזאַמען אויסשטאַרבן".

פלאַנמעסיק ווערט דורכגעפירט דאָס טײלן די אַרעסטירטע אַף 3 קאַטעגאָריעס: דערמיט באַמיט מען זיך אויפצוהעצן זיי אײנע קעגן די אַנדערע. די קאָמאַנדאַנטן פון די לאַגערס קליגן זיך צו דערפינדן ראַפינירטע דיסציפּלינאַרע שטראָפן: מען פאַרקירצט די אָפּרו־צײַט, מען באַגרענעצט דאָס רעכט צו שרײַבן בריוו אָדער מען נעמט אַבסאָלוט אָפּ דאָס דאָזיקע רעכט, אין מעשעך פון אַ לאַנגער צײַט דערלויבט מען ניט זעען זיך מיט קרויווים. די אַרעסטירטע איז פאַרבאָטן צונויפזאַמלען זיך צוזאַמען אין די געצײלטע שאָען, ווען זיי זײַנען פרײַ; זיי ווערן באַזונדערס זאָרגזאַם איזאָלירט און באַוואַכט; עס איז שטרענג פאַרבאָטן צו רויכערן, אַלס שטראָף ווערט אַרויפגעלײגט דויערנדיקע אַרעסטן מיט אַ שפּאַציר צו 10 מינוט אַ טאָג אָדער אַרעסטן אין אַ פינצטערער קאַמער.

לויט דער מיטײלונג פון „דיילי טעלעגראַף" פון 27־טן אַפּריל 1933 ווערט אין דאַכאַו, לעמאָשל, די באַזונדערס געפערלעכע אַרעסטאַנטן אינגאַנצן ניט דער־

ליבט ארויסצוגיין פון די הייזקעס און שפּאַצירן אויף דער פרייער לופט.

די אויבן דערמאַנטע זשורנאַליסטן באַשרייבט אין איר באַריכט די געביידע, וואו עס פלאַגן זיך די אַרעסטירטע, וואָס „לאָזן זיך שווער דערציען" אין אָראַניענבורגער לאַגער:

„א לאַך אין א וואַנט, א פאַרמאַכטע אייזערנע טיר, — און אַכוץ דעם קיין שום ווענטילאַציע. ווען מע האָט אונז באַוויזן די דאָזיקע געביידע, איז זי געווען ליידיק, אָבער דאָס איז שוין געווען אין א שאָ ארום נאָכן דורכקוק. ווייזט אויס, אז מע האָט די אַרעסטירטע פריער אוועקגעפירט פון דאַנען, ווייל פון 120 אַרעסטירטע האָבן 30 געפעלט. עפּשער האָבן זיי זיך געפונען הינטער דער טיר, צו וועלכער מען האָט ניט דערלויבט צוצוגיין נאָענט".

אין הויבערג האָט אן עלטערער אדוואָקאַט געקלאָגט זיך אַפן שלעכטן עסן. דערפאַר האָט מען אים געגעבן אזא שטראָף: שלאָפן 15 טעג אַפן דאַך פונעם באַראַק אָן א קאָלדרע.

דאָס האָט ניט געשטערט דעם קאַפּיטאַן בוק צו פאַרזיכערן דעם רעפּאָרטער פון האָלענדישער צייטונג „טעלעגראַף", אז אין הויבערגער לאַגער זיינען ניטאָ קיין אַרעסט־קאַמערן.

שמיץ און סאַדיסטישע פּייניקונגען

עס איז קיין שום צווייפל ניט, — און אין דעם פּראַט גייען זיך אַלע קאָרעספּאָנדענטן צונויף — אז די וואָס „בעסערן זיך ניט אויס", ווערן אזוי באַהאַנדלט, אז זייער פיזישער אומקום איז אומפאַרמיידלעך.

דער ציל איז דאָ א קלאָרער: די בעסטע קאַדרען פון די דייטשישע אַרבעטער דאַרפן פיזיש פאַרניכטעט ווערן.

פון פיל בריוו איז צו זען, אז אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן שלאָגט מען די אַרעסטירטע אויסערגעוויינלעך ברוטאַל. קאַפּיטאַן בוק האָט געוואָלט איינשמועסן דעם פאָרשטייער פון „פּאָליטיקען", אז אין די קאָנצלאַגערס שלאָגט מען ניט. קיינע קלעפּ, קיינע לייבשטראָף — האָט ער זיך דערוועגט צו באַהויפּטן. אָבער אפילע פון דער דייטשישער רעגירונגס־פּרעסע איז צו זען, אז די אַרעסטירטע שלאָגט מען אַפן ברוטאַלסטן אויפן, און באַזונדערס מווירעדיקע יסורים האָבן אויסצושטיין די אַרעסטירטע פון דער אזוי גערופענער דריטער שטופע. „אַנגריף" אין איינעם פון זיינע לעצטע נומערן שרייבט:

„מע פאַרהערט א מיטגליד פון רייכסבאַנער. ער ענטפערט שאַרף, אָבער עס איז גענוג די ליבנסווירדיקע און אַנטשיידענע אָנווייזונג אַפן גומענעם שטעקן, אז ער זאָל זיך קלאָר מאַכן די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע".

ווי ברוטאַל האָט מען געדאַרפט שלאָגן אין אָט דעם לאַגער, אויב שוין אליין

די אָנווייזונג אַפן גומענעם שטעקן איז געווען, אַז דער אַרעסטירטער זאָל זיך קלאָר מאַכן די „ערנסטקייט פון דער לאַגע".

די „דייטשע אַלגעמיינע צייטונג שרייבט אינעם באַריכט, וואָס איז אָפּגע־דרוקט דעם 30־טן אַפּריל 1933 יאָר:

„בלויז א דאַנק דעם, וואָס מען האָט זיי פאַרכאַפּט און פאַרהערט מיט אַן ראַכמאָנערדיקער שטרענגקייט, האָט זיך איינגעגעבן קימאַט אין פולן פאַרנעם אויפצודעקן דעם אונטערערדישן טעראָר... עס בלייבט נאָך אָבער אַלץ איבער צו רעכענען דעם ווידערשטאַנד פון איינציקע אַרעסטירטע".

די דאָזיקע מיטיילונגען באַשטעטיקן, אַז באַם פאַרהער ווערן אָנגעווענדט אינקוויזיציע־מיטלען. באַ אונז געפינט זיך אַ מיטיילונג פונעם קאָרעספּאָנדענט פון „טשיקאַגאָ דיילי טריביון" עדמונד טיילאָר, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו ריידן מיט איינציקע אַרעסטירטע אין הויבערגער לאַגער אויף ענגליש און אויף פראַנ־צויזיש אַזוי, אַז די שטורמאַוויקעס, וואָס האָבן אים באַגלייט, האָבן ניט פאַר־שטאַנען וועגן וואָס מען רעדט. איינציקע אַרעסטירטע האָבן באַשטימט באַשטעטיקט, אַז אינעם דאָזיקן לאַגער קומען אָפּט פאָר ברוטאַלע עקזעקוציעס.

וועגן דעם דערציילן די ידיעס פונעם לאַגער, וואָס געפינט זיך אין אָרטענ־שטיינס שלאָס לעבן צוויקאַו. די באַזוכער פונעם דאָזיקן לאַגער האָבן דערקלערט אונטער אַ שוואוע, אַז זיי האָבן געזען באַ די אַרעסטירטע אויף די הענט וואונדן און סיניאַקעס. אַן צווייפל, אַז דאָס זיינען שפּורן פון קלעפּ. באַזונדערס ברוטאַלע עקזעקוציעס פלעגן פאָרקומען דאָן, ווען די אַרעסטירטע פלעגן באַוואַכט ווערן פון שטורמאַוויקעס. נאָכדעם ווי די וואַך איז אַריבער צו דער פּאָליציי, איז די לאַגע פון די אַרעסטירטע געוואָרן אַביסל דערטרעגלעכער. אָבער פון אָנהויב מאַי זיינען אין אָרטענשטיין ווידעראַמאָל אָנגעקומען שטורמאַוויקעס.

זאָנענבורגער געגעם

וועגן דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין זאָנענבורג דאַרף מען ריידן באַזונדער. די בריוו און די מיטיילונגען פון די אַרעסטירטע און אַפילע די אָפיציעלע דאָקו־מענטן דערווייזן פולשטענדיק קלאָר, אַז זאָנענבורגער קאָנצלאַגער שטעלט מיט זיך פאָר אַן עכטע אינקוויזיציע־קאַמער. די אַרבעטער־פירער און אינטעליגענטן ווערן געפייניקט אַפן סאַמע דערנידעריקסטן אויפן. דעם דאָזיקן לאַגער רופט מען טאַקע אַזוי אין גאַנץ דייטשלאַנד: דער זאָנענבורגער געגעם. אין א בריוו פון איינעם אַן אַרבעטער, וואָס האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אויף אַ קאָנטראַ־באַנדע־אויפן פון זאָנענבורג, ווערט געשילדערט פאָלגנדיק שרעקלעך בילד:

„דעם ערשטן טראַנספּאָרט אַרעסטירטע האָבן באַגעגנט אַפן וואַקזאַל אין זאָנענבורג שטורעם־בריגאַדעס און אָפּטיילונגען פון דער שוץ־פּאָליציי. מען האָט געצוואונגען די אַרעסטירטע, אַז זיי זאָלן זינגען און מען האָט זיי אוועקגעפירט אין לאַגער, שלאָגנדיק בוכשטעבלעך אַפן גאַנצן וועג. דאָס קאָנען באַשטעטיקן די זאָנענבורגער איינוואוינער. קומענדיק אין לאַ־גער האָבן די אַרעסטירטע געמוזט שטיין אַפן הויף אונטערן גום רעגן.

ערשט נאָכדעם האָט מען זיי גענומען פאַנאַנדערפירן איבער די קאַמערן. אַלע האָבן זיך געדאַרפט ברענגען צו שלעפּן שטרוי פון אַן אַנדער שטאָק. אויף די טרעפּ זיינען געשטאַנען שטורמאָוויקעס און האָבן אָן ראַכמאָנעס געשלאָגן די אַרעסטירטע מיט גומענע שטעקנס. אין די זאַלן האָט מען אונז ווידעראַמאָל געשלאָגן מיט פיסלעך פון שטולן און מיט גומענע שטעקנס. אייניקע כאַווײרים האָט מען געצוואונגען צו רייניקן די עמערס מיט די עקסקרעמענטן פון די שטורמאָוויקעס. דערביי האָט מען זיי געפּייניקט אויפן סאַמע כייאישן אויפן. איינער פון די שטורמאָוויקעס האָט פאַרקוועטשט דעם קאָפּ פון אַן אַרעסטירטן צווישן די פיס און דער צווייטער האָט אים געשלאָגן. די איבעריקע כאַווײרים האָבן געמוזט אויפן קאָל ציילן די קלעפּ. אייניקע אַרעסטירטע האָבן באַקומען ביז 185 קלעפּ, אַחוץ דעם האָט מען זיי נאָך באַשאָנקען מיט סטוסאַקעס און געפּייניקט מיט פאַרשידענע אַנ־דערע מיטלען. מער ווי אַלע האָבן געהאַט אויסצושטיין די כאַווײרים ליר־טען, ווינער, בערנשטיין, קאַספּער, שנעלער און די אַרעסטירטע אידן. באַ־זונדערס האָט געליטן אונזער אַלטער פריינט מיזאַם. איצט האָט זיך די לאַגע אַביסל געענדערט, אָבער דערפאַר הערשט אַן אומגלויבלעכע מיליטע־רישע מושטירונג, ערגער ווי ווען איך האָב געדינט אין דער אַרמיי. אין דעם גרעסטן טייל צייט דאַרפן מיר דורכמאַכן מיליטערישע איבונגען, מאַר־שירן און זינגען.

„די ערשטע דריי כאַדאָשים זיינען געווען די סאַמע שוידערלעכסטע. אין די איינצלקאַמערן פלעגט מען זיך באַנאַכט אויף אונז אַרויפוואַרפן און מוירעדיק שלאָגן. באַ אייניקע כאַווײרים זיינען די פלייצעס אַבסאָלוט שוואַרץ געוואָרן פון קלעפּ. צי וועט ליטען אויסהאַלטן, ווייס איך ניט. ער זעלבסט האָט געבעטן דעם פּראָקוראָר מיטעלבאַך, אַז מען זאָל אים דערשי־סן, ווייל ער איז ניט אימשטאַנד אויסצוהאַלטן אַט די כייאישע פּייניקונגען".

אַט די דאָזיקע באַשרייבונג ווערט נאָך דערגאַנצט מיטן באַריכט, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין „זאָנענבורגער אַנצייגער" פון 27־טן אַפּריל 1933:

„מיטן געזאַנג פונעם נאַציאָנאַלן הימן האָבן די אַרעסטירטע געדאַרפט אוועקגיין פון וואַקזאַל אין דער געוועזענער קאַטאָרגע טורמע. דערביי האָט זיי ניט זעלטן אונטערגעטריבן דער גומענער שטעקן פון דער בערלינער באַהילפיקער פּאָליציי".

אַט די דאָזיקע דריי שורעס דערציילן וועגן אַ גאַנצן געגנעם.

מיזאַם, קאַספּער, בערנשטיין, אָסעצקי זיינען באַרבאַריש געשלאָגן געוואָרן

די באַשרייבונג, וואָס עס האָט געגעבן איינער פון די אַרעסטירטע אין זאָ־נענבורגער לאַגער, ווערט באַשטעטיקט פון די האַרצרייסנדיקע בריוו פון מיזאַמס און קאַספּערס פרויען, וואָס האָבן באַזוכט זייערע מענער אין זאָנענבורג. מי־זאַמס פרוי שרייבט:

„זיי האָבן פארשמיסן אונזערע מענער ביז האלב טויט. וואָס זיי האָבן געמאכט פון עריכן! איך האָב אים געזען, אבער איך האָב אים ניט דער־קענט, טערעזע! איך האָב אים ניט דערקענט צווישן די אנדערע! ווי מען האָט זיי צעמיימעסט! זיי האָבן אים אָפגעשניטן די באָרד, אויס־געהאקט די ציינער. ווען מע האָט זיי געפירט אין לאגער, האָט ער גע־דארפט אליין טראָגן זיין טשעמאָדאן, אָבער עריך איז דאָך ביקלאל אזא מעגוישעמדיקער. אפן וועג איז ער געפאלן און דעמאָלט האָבן אים די טאָל־יאָנעם אזוי געשלאָגן, אז ער איז געלעגן אפן שאָסיי און האָט זיך ניט גע־קאָנט אויפהייבן! ווען איך בין געקומען צופאָרן אין זאָנענבורג, איז ער געזעסן אן אבסאלוט דערשלאָגענער און האָט זיך מוירעדיק דערשראָקן פון דעם, וואָס איך בין געקומען. זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: „ווי־אזוי ביסטו אריינגעפאלן אין דעם דאָזיקן גענעם? איר וועט פונדראנען לע־בעדיק ניט ארויס, זיי וועלן אייך דערמאָרדן נאָך דעם ווי איר האָט גע־זען, וואָס מע האָט פון אונז געמאַכט".

„ווען איך האָב דערזען קאספערן האָב איך געדארפט אָנשטרענגען אלע קויכעס, קעדיי ניט פאלן אין כאלאָשעס. מיך האָט דאָס באזונדערס דערשיטערט, ווייל איך האָב אים געזען מיט דריי טעג פריער. אין פּאָנעם איז בא אים ניט געווען קיין איין טראָפּן בלוט, און עס איז געווען אינגאַנצן צעקריפּלט. בא איין אויג, וואָס איז געווען אינגאנצן אין סיניאקעס, איז דער בלוטיקער שראם דערגאנגען ביזן מויל. דאָס מויל איז געווען צעבלו־טיקט. עמעצער איז אים ארויפגעטראָטן מיטן פוס אפן פּאָנים. ער האָט קוים געקענט ריידן און איז ניט אימשטאנד געווען צו באוועגן זיך פונעם ווייטיק, וואָס ער האָט געפילט אינעם גאנצן קערפער".

די פרויען פון די פּאָליטישע ארעסטירטע בערנשטיין און הייסלער האָבן זיך דערשלאָגן אין דער לאגער־פארוואלטונג א דערלויבעניש צו זען זיך מיט זייערע מענער אין זאָנענבורגער לאגער. מאדאם בערנשטיין שרייבט:

„מיר האָט זיך געדוכט, אז איך זע פאר זיך א פרעמדן מענטשן. די אויגן און דאָס גאנצע פּאָנים ארום די אויגן זיינען שטארק אָנגעשוואָלן און באדעקט מיט וואונדן. אפן פּאָנים האָבן זיך געזען ברייטע שראמען פון קלעפּ מיט גומענע שטעקנס. מע האָט מיר ניט דערלויבט צוצורירן זיך צום מאן, נאָר, ווי עס ווייזט אויס, איז בא אים דער גאנצער קערפּער אזוי צעהאַקט. פאר דער גאנצער צייט פון דער זעאונג האָט ער זיך געהאלטן אומבאוועגלעך אין עפּעס א מאָדנער פּאָזע".

מאדאם הייסלער דערציילט:

„מיין מאן האָט זיך פאר דער צייט, וואָס איך האָב אים ניט געזען, שטאַרק געענדערט. זיין פּאָנים איז בא אים געווען געשוואָלן, אז איך האָב זיך געמוזט נעמען אין די הענט, קעדיי הויך ניט אויסשרייען פון פארצווייפלונג".

דער ארעסטירטער, וואָס איז געלונגען צו אנטלויפן פון זאָנענבורג קיין אויסלאַנד, טיילט מיט:

„אין דער זאָנענבורגער קאָטאָרגע־טורמע ווערן אויפגעהאַלטן 414 פּאָליטישע ארעסטירטע, צווישן זיי קאַרל פאָן אָסעצקי, וועמען מען האָט ארעסטירט דעם 28־טן פעברואר. איינער פון די ארעסטירטע, וואָס איז אָפּגעווען 13 טעג אין זאָנענבורגער קאָטאָרגע־טורמע און האָט איצט גע־גאַנוועט די גרענעץ, האָט געזען אָסעצקין אין דער אָפּטיילונג פאַר קראַנקע: אַן איינגעבויגענע פיגור, איינגעפאַלענע באַקן, א געלער, קרענקלעכער קאָ־ליר פון פּאָנים, נערוועזע זשעסטיקולאַציעס פון די הענט, א ניט זיכערער גאַנג — אָט אזוי באַשרייבט ער אָסעצקין. דאָס זעלביקע איז מיט די אי־בעריקע ארעסטירטע. דער דר. ווינער איז אינגאַנצן אין סיניאַקעס פון קלעפּ. באַם קאָמוניסט בערנשטיין זיינען אונטערגעהאַקט די נירן און ער קאָן גיין בלויז אָנשפּאַרנדיק זיך אָף א שטעקן. באַם קאָמוניסט קאַספּער זיינען ארויסגעריסן די האָר פונעם געשלעכטס־אָרגאַן. עריך מיזאַמען איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט קאַספּערן גראָבן פאַר זיך א קייווער: מע האָט זיי געזאָגט, אַז מאָרגן וועט מען זיי ביידן צעשיסן. עריך מיזאַם איז אויך צעקריפּלט. מע האָט אים אָפּגעשניטן די באָרד. אין קאַספּערס קאַמער האָט מען באַנאַכט צעבראָכן די פענצטער, אריינגעשטעקט א רעוואָלווער און געדראָט צו דערשיסן אים. דערנאָך האָט מען זיך אריינגעריסן אין דער קאַמער און מע האָט אים אָנגעהויבן „באַארבעטן" מיט גומענע שטעקנס.

דער טאָג־סיידער אין זאָנענבורג:

5.15 אינדערפרי — מע וועקט. מיר טראָגן ארויס די פּאַראַשעס (אין זאָנענבורג איז ניט פאַראַן קיין וואַטערקלאָזעט), מיר קלייבן אויף די קאַ־מערן, וואַשן זיך, מאַכן גימנאַסטיק א. א. וו.

8.30 פרישטיק.

9—10 אזייגער — מיליטערישע לערע, געזאַנג פון היטלערישע לידער.

10.30 — 12 — איבעריים, דערנאָך מיטיק.

12.30 — 5.30 — מיליטערישע לערער און גימנאַסטישע שפּילן.

6 אזייגער אָוונט־ברויט.

6.30 — 7 — מיר מאַרשירן.

7.30 — אַלגעמיינער שמועס".

די פּייניקונגען אינעם זאָנענבורגער לאַגער זיינען אזוי אומענטשלעך, אַז דער נייער פּאָליציי־קאָמענדאַנט פונעם לאַגער, וואָס איז אָנגעקומען דעם 11־טן אַפּריל האָט געמוזט מאַכן א באַריכט פאַר נאַטשאַלסטווע. לויט א באַפעל פון העכער האָט ער געדאַרפט פאַרניכטן די קאָפּיע פונעם דאָזיקן בריוו. די מער־הייט שטיקלעך פון דער דאָזיקער צעריסענער קאָפּיע זיינען אריינגעפאַלן צו אונז אין די הענט.

זאָנענבורג, 18־טן מאי 1933 יאָר.

„וועגן די באַזונדערע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאָך דעם,

ווי איך האָב איבערגענומען די פּאָליציייאישע טורמע דעם 11־טן אַפּריל 1933־טן יאָר.

ווען איך האָב דעם 11־טן אַפּריל 1933־טן יאָר פאַרנומען דעם פּאָס־טן פון טפּיסע־שעף, האָב איך געפונען, אַז אין טפּיסע איז קיין אָרדענונג ניטאָ, דעריקער איז עס שייעך פּאָלגנדיקע פּונקטן:

1. די באַציאונג פון די שטורמאָוויקעס צו די אַרעסטירטע.
2. די באַציאונג פון די שטורמאָוויקעס צו די אַדמיניסטראַציע־באַאַמטע.
3. די באַציאונג פון די שטורמאָוויקעס איינער צום צווייטן.
4. די אויפירונג פון די שטורמאָוויקעס אין געזעלשאַפטלעכע פּלעצער.
5. די לוין־באַדינגונגען פון די שטורמאָוויקעס.

צום פּ. 1. א טייל אַרעסטירטע, באַזונדערס די פּערזאָנען, וועלכע זיינען גוט באַוואוסט, האָבן די שטורמאָוויקעס אויסערגעוויינלעך שטאַרק געשלאָגן. קעדיי ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל זיי ווייטער שלאָגן, האָט מען די אַרעסטאַנטן געמוזט שפּעטער האַלטן אונטערן אויפזיכט (דורכגעלאָזן) פון וואך־באַאַמטע. די שטורמאָוויקעס האָב איך געדראָט, אויב עס וועט זיך איבערכאַזערן (דורכגעלאָזן) שטרענגע אכטונג געבן אף די שטורמאָוויקעס באַטאָג און באַנאַכט (דורכגעלאָזן) קעגן די אַרעסטירטע זיינען געוואָרן זעלטענער, פּונדעסטוועגן האָב איך אין צוויי פאַלן קאָנסטאַטירט, אַז מע האָט די אַרעסטירטע געשלאָגן. צוליב דעם, וואָס די שטורמאָוויקעס האַלטן זיך זייער סאָלידאַריש, באַזונדערס בא אַזעלכע אינצידענטן, האָט די אויס־פאָרשונג, וואָס האָט געזאָלט פעסטשטעלן די שולדיקע, קיין דערפאָלג ניט געהאַט. דאַן האָב איך געדראָט די שטורמאָוויקעס, אַז אויב עס וועט טרעפן נאָכאַמאָל עטוואָס אַזוינס, וועל איך אַראָפּנעמען די יעניקע, וועלכע האָבן דיזשורירט אין יענע שאָען, אָדער איך וועל אַפילע אַראָפּנעמען די גאַנצע קאָמאַנדע שטורמאָוויקעס.

צום פּ. 2. צוליב די ניט גלייכע באַדינגונגען פלעגן צווישן די אַדמי־ניסטראַציע־באַאַמטע און די שטורמאָוויקעס אַנטשטיין שטענדיקע רייבונ־גען. ניט געקוקט אף די נישקאַשעדיקע אוואַנסן, האָבן די שטורמאָוויקעס געהאַלטן אַז מען באַאווּלעט זיי און זיי האָבן די גאַנצע שולד אַרויפגעלייגט אפן פּאָליציי־אינספּעקטאָר פּעלצן.

זייער אויפירונג בענוגייע דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר פּעלצן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב געקענט באַרואיקן די שטורמאָוויקעס ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב זיך פּערזענלעך אַריינגעמישט און ענערגיש געווירקט אף זיי. ווען די שטורעם־אָפּטיילונג איז דעם 24־טן אַפּריל 1933 יאָר אוועק, האָב איך באַם פּאָליציי־אינספּעקטאָר פּעלצן געמוזט אוועקשטעלן א באַוואָפנטן פּאָליציאַנט, קעדיי עס זאָלן ניט פּאָרקומען קיין גע־וואַלדטאַטן..

צום פ. 3. צווישן די שטורמאָוויקעס פלעגן אָפט פאָרקומען קריגע־רייען, וועלכע פלעגן געוויינלעך אַנטשטיין צוליב נאַרישקייטן".
(אף דעם איז דער באריכט איבערגעריסן).

מען שמייסט די ארעסטירטע, מען פארבאָט צו ריידן

ניט לאַנג צוריק איז איינעם א יונגן אַרבעטער געלונגען אַנטלויפן פון קאָנצ.־לאַגער אין האַגענשטיין, וואו ער איז אָפּגעזעסן אין מעשעך פון 7 וואָכן. זיין דערציילונג שילדערט אַ טרויעריק בילד פונעם לעבנסשטייגער אין לאַגער און מאַכט אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק צוליב איר זאַכלעכער רואיקייט.

"אין האַגענשטיין זיינען מיר געווען אַ מאַן 800: סאָציאַלדעמאָקראַטן, קאָמוניסטן, אידן און איניקע פּערזאָנען, וואָס האָבן געהערט צו די צענט־ריסטן. די קאָמוניסטן האָט מען געהאַלטן באַזונדער, זייער גוירל איז געווען אַ סאַך טרויעריקער ווי אונזערער.

"6 אזייגער אינדערפרי פלעגט אונז אויפוועקן אַ געשריי: „זאָל לע־בן היטלער"! מיר האָבן געדאַרפט אויפשפּרינגען פון די בעטלעך און בלייבן שטיין מיט די הענט אויסגעצויגן אַף אַראָפּ. אין אַזאַ צושטאַנד, הוילע, ניט קיין אָפּגעוואַשענע, פלעגן מיר זאָגן אונזער ערשטע טפילע: „גאָט העלף אונזער נאַציע און היט אונזער רייכסקאַנצלער היטלערן". איך געדענק ניט געניי די ווערטער פון דער טפילע, מיר פלעגן איר אָפּשטאַמלען איבער־געוואַלד דורך די ציין. די ווערטער פון דער טפילע פלעגט פריער זאָגן דער אָנפירער פון אונזער גרופּע און מיר האָבן געדאַרפט נאָכזאָגן נאָך אים. אין אונזער גרופּע איז געווען 20 מאַן.

"דריי פערטל זיבן פלעגן מיר זיך אויסשטעלן צום אָנבייסן. ער איז באַשטאַנען פון אַ וואַרעמער שוואַרצער קאַלאַמוכע און אַ לוסטע ברויט. די דאָזיקע פליסיקייט האָט מען באַם בעסטן ווילן ניט געקענט אָנרופן קאַווע. נאָכן אָנבייסן האָבן מיר געדאַרפט האַלטן די הענט זעלנעריש אַף אַראָפּ און זינגען „האָרסט וועסעלס הימן" אָדער „דייטשלאַנד איבער אַלעס".

"זיבן אזייגער שטעלט מען אונז אויס און מע פירט אונז אין הויף אַף גימנאַסטישע און מיליטערישע איבונגען. מע קאָמאַנדעוועט: „לייג זיך"! „שטיי אויף"! „לייג זיך"! „שטיי אויף"!. דאָס אַלץ ווערט געטאָן אָפּן ניכטערן האַרצן, אויב מען זאָל ניט רעכענען דאָס שטיקל ברויט און דאָס לעבלעכע וואַסער, וואָס מיר האָבן געהאַט. אַזוי גייט אַריבער די צייט ביז 8 דעם זייגער. אין דער צייט צווישן איין איבונג און דער צווייטער פאַר־נעמען מיר זיך מיט פוטבאָל און עסטאַפעט־ געלאָפן. דערנאָך טרעטן מיר צו צו דער אַרבעט: מיר פירן זאַמד, בויען באַראַקעס און שטעלן צו האָלץ פון שביינעסדיקן וואַלד.

"12 אזייגער גייען מיר אין אַ ריי ווי זעלנער פון דער אַרבעט. ווידער

זינגען מיר „האָרסט וועסעלס הימן" און די טפילע „קריסטוס, זיי מיט אונז"... און „היט די דייטשישע נאַציע". דער וואַרעמס באַשטייט פון א קרופּניק מיט ברויט. צוויי מאָל א וואָך עטוואָס פלייש. פאַר אנדערע האָט עס געקלעקט.

„נאָכדעם פלעגט יעדע גרופּע אוועק וואַשן דאָס געפעס.

„האַלב איינס ווידער פיזישע קולטור און מיליטערישע איבונגען. דריי דעם זייגער אַן איבערוף דער קאָמאַנדיר גייט דורך דעם פראָנט. מיר מוזן רעוועז מיט אַלע קויכעס „זאָל לעבן היטלער"! און זינגען „האָרסט וועסעלס הימן". און אפּדאַסניי מיליטערישע איבונגען ביז 5 דעם זייגער. ערשט דאַן דערלויבט מען „פריי" שפּאַצירן איבערן הויף, דערביי אָבער טאָר מען ניט שמועסן: ניט איצט און ניט אין דער צייט פון דער אַרבעט.

„האַלב זיבן — אָוונט־ברויט: א לוסטע ברויט און ווען ניט ווען א שטיקל וואורשט אָדער קעז.

„האַלב אכט צעשטעלן זיך אַלע בא די בעטלעך. ווידער זינגט מען „דייטשלאַנד איבער אַלעס", מען זופּט אָפּ די טפילע און אכט דעם זייגער מוזן שוין אַלע ליגן אויף די נאַרעס.

„א גאַנצע נאַכט ברענט דאָס ליכט. די שטורמאָוויקעס שטייען מיט ביקסן אויף דער וואַך. קיינער עפנט ניט דאָס מויל. מיר זיינען פאַרמישפּעט צום שווייגן. סיי באַטאָג, סיי באַנאַכט הערן מיר נאָר קאָמאַנדעס, קלאָלעס, טפילעס, „האָרסט וועסעלס הימן" און „דייטשלאַנד איבער אַלעס".

„מיך האָט מען געשלאָגן נאָר איינמאָל. „וועסטו זיך אויסלערנען, פאַר־פלוכטער מאַרקסיסט, האַלטן די הענט אויף אַראָפּ. איך וועל דיך שוין אויס־לערנען"! און אויף מיין קאָפּ האָט זיך צעהאָגלט מיט קלעפּ דער גומענער שטעקן.

מיר האָבן געטראָגן אייגענע קליידער, מע האָט נאָר אָפּגעשניטן די קנעפּלעך און צוגענומען די שלייקעס. זעאונגען מיט די קרויווים האָט מען דערלויבט (ניט אַלעמען) צוויי מאָל אין כוידעש.

פאַר ריידן און פאַר אַנדערע „אומגעהאָרכזאַמקייטן" פלעגט מען די שולדיקע מאַזיקן דאָ גלייך אפן אָרט, אָדער מען פלעגט אוועקשיקן אין האָ־געגשטיינער מיטלאַלטערישן שלאָס, וואָס איז געוואָרן אונזער לאַגער־טפּי־סע. אין זיינע אונטערערדישע קעלערס געפינען זיך האַרטע און פינצטערע קאַזעמאַטן. אזוי האָט עס געדויערט גאַנצע זיבן וואָכן. שטיין „סמירנאָ", די הענט אויסגעצויגן אויף אַראָפּ, „לייג זיך"! „שטיי אויף"! נאַציאָנאַלע הימנען, אַרבעטן, הונגערן און שווייגן".

א צווייטער אַרעסטירטער שרייבט פון קאָנצלאַגער קעניגשטיין:

„די פּאָליציי האָט אונז אַרעסטירט זעקס דעם זייגער פאַרטאָג. זי איז זיך מיט אונז באַגאַנגען קאָרעקט. אונז האָט מען געבראַכט אין קאָנצ־לאַגער קעניגשטיין. דאָ געפינען זיך 200 אַרעסטירטע. די וואָך באַשטייט

פון 60 שטורמאָוויקעס. מיר האָבן געאַרבעט אַף א בויאונג פון שיס־
פּלעצער. די שפּייז איז א נישקאָשעדיקע. ווען עס וואָלטן נאָר ניט געווען
די שטענדיקע קלעפּ און קיין פּייניקונגען. אונזער וואַך זיינען שטורמאָווי־
קעס, מיט ווייניק אויסנאַמען (מענטשן עלטערע) זיינען דאָס מענטשן גע־
מיינע און גראָבע יונגען. ווי מען האָט אונז נאָר געבראַכט אין לאַגער, האָט
מען אונז אכזאָריעסדיק געפּייניקט. לעכאַטכילע האָבן מיר דריי פערטל שאָ
זיך געדראַפּט איבן אין געלאַף, נאָכדעם האָבן מיר אין פאַרלויף פון א
גאַנצער שאָ געדראַפּט שטיין סמירנע, אָן באַוועגונג, די הענט אַף אַראָפּ.
דערביי האָט מען אונז געדראָט מיט רעוואָלווערן און געגעבן קלעפּ מיט א
גומענעם פּלאָקן, מיט א בייטש און מיט פּריקלאַדן. נאָכדעם האָט מען אונז
געצוואונגען צו שטיין א שאָ צייט אַף די קני, מיטן פּאָנעם אין דער ערד.
בא ניט פּינקטלעכער אויספּילונג פון דער דאָזיקער „איבונג" האָט מען אונז
געגעבן מיטן שפּיץ פון שטיוול אין פּאַטיליצע (די פּאַרעשוועס פון די שטי־
וול בא די שטורמאָוויקעס זיינען ארומגעשלאָגן מיט טשוועקעס). נאָכדעם
האָט מען אונז ווידער געשלאָגן אין פאַרלויף פון א גאַנצער שאָ. אייניקע
האָט מען געשלאָגן ביזן טויט. מע האָט אונז אָפּגעשאָרן די האָר און אָנ־
געשטאָפּט מיט די האָר א פול מויל. אָט די אלע פּייניקונגען זיינען פאַרגע־
זעצט געוואָרן פון א פערטל זיבן אין אָוונט ביז האלב דריי באַנאַכט. אין די
נעקסטע וואָכן זיינען די פּייניקונגען פאַרגעזעצט געוואָרן. דער שעף פון
דער וואַך, פורמאַן, האָט באַזונדערס געפּייניקט די יעניקע, וועלכע זיינען
געווען באַוואוסט מיט זייערע ארויסטרעטונגען קעגן די פאַשיסטן. נאָך
דעם, ווי ס'איז דערהארגעט געוואָרן איינער א כאַווער פון היידענאו —
דער הויפּט פון דעם אנטיפאַשיסטן־פאַריין פון קאַמף, הומבערג (41 יאָר),
האָבן זיך ארייינגעמישט העכערע קאָמאַנדירן פון שטורמאָוויקעס און אונ־
זער לאַגע איז געוואָרן אביסל בעסער.

„די ערשטע נאַכט איז אונז אויסגעקומען צו שלאָפן אָן קאָלדרעס.
די דירעס זיינען געווען קאַלטע און נאַסע. נאָכדעם האָט מען אונז געגעבן
קאָלדרעס. ניט געקוקט אַף אלע מאַטערנישן, האַלטן זיך די כאַווירים מוטיק.

די פּראַגער „סאָציאַלדעמאָקראַטישע צייטונג" האָט אָפּגעדרוקט פאָלגנדיקע
מיטיילונגען וועגן שוידערלעכע אכזאָריעס אין דעם לאַגער אין קעניגשטיין:

„די ארעסטירטע האָט מען געצוואונגען אָפּצולעקן דאָס בלוט פון די
צעשמיסענע הינטנס בא זייערע כאַווירים. מען האָט זיי געצוואונגען דריי
שאָ שמעקן די מיאַזמען, האַלטנדיק דאָס פּאָנים אַף דעם פרישן קויט פון די
שטורמאָוויקעס. די שיקערע שטורמאָוויקעס האָבן געוועקט פון שלאָף בא
דער נאַכט די ארעסטירטע און האָבן זיי געצוואונגען אויסצולעקן די אויס־
געגוצטע פּרעזערוואַטיוון. די ארעסטירטע האָבן זיך געטרייסלט, הערנדיק
בא דער נאַכט דאָס געזאַנג פון זייערע פּייניקער, ווייל זיי האָבן געוואוסט,
אַז זיי שטייט פאַר צו ווערן א קאָרבן פון די סאַדיסטישע אָרגיעס. די וואַך
האָט געצוואונגען די ארעסטירטע צו פאַרנעמען זיך פאַר איר אין די אויגן

מיט אַנאַניזם און אריינטרעטן אין קעגן־נאַטירלעכע געשעלעכטס־באַציאונגען מיט די אומגליק־כאַווײרים. בא די ארעסטירטע האָט מען געגאַנוועט געלט און דערנאָך האָט מען זײ געצוואונגען צו אַנערקענען, אַז בא זײ איז געווען פאַלש געלט. אלס אַ „שטראָף" האָט מען די ארעסטירטע פאַרשלאָסן אין פײכטע און קאַלטע אונטערערדישע קאַזעמאַטן, וואו זײ האָבן ניט געהאַט קײן מעגלעכקײט ניט צו ליגן און ניט צו זעצן זיך. די באַפרײטע פון לאַגער האָט מען געצוואונגען צו געבן אַן אונטערשריפט, אַז מע האָט זײ קײן שום שלעכטס ניט געטאָן. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אונטער דער קאָמאַנדע פון די אָנפירער פון דער שטורעם־אָפּטײלונג װינערט (קעניגשטײן) און טורמאַן (גאָטלויב). אָט די דאָזיקע רעדל־פירער האָט מען ניט באַשטראָפט, נאָר איבערגעפירט אױף אַן אַנדער אָרט.

הונגעריקע פאַרציעס

די קאָרעספּאָנדענטן פון די צײטונגען „טעלעגראַף" (5־טן אַפּריל 1933 יאָר) און „דײלי טעלעגראַף" 27־טן אַפּריל 1933 יאָר) האָבן געשטעלט די ארעסטירטע אַ פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי מען גיט זײ עסן אין די לאַגערן, און זײ האָבן אױף דעם באַקומען דעם פאָלגנדיקן ענטפער: „גוט, אָבער ניט גענוג". אינדערעמעסן אָבער איז די שפּײז ניט קײן גוטע און זי קלעקט ניט. אײנער אַן ארעסטירטער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין הויבערג האָט פאַר אײניקע טעג פון זײן געפינען זיך דאָרטן פאַרלאָרן 30 פונט. דאָס האָט דער לײטענאַנט קאופמאַן, אײנער פון די שעפן פונעם דאָזיקן לאַגער, דערקלערט דעם קאָרעספּאָנדענט פון „פראַנקפורטער צײטונג" (נומ. פון 8־טן אַפּריל 1933 יאָר):

„די מערהײט ארעסטירטע איז צופרידן. די שפּײז איז אַ גוטע, בא אונז ווערט געגעבן אײן געריכט, אָבער אַ זאַטע און אין גרױסע פאַרציעס פלײש, ניט מער צװײ מאָל אַ װאָך".

פונקט פאַרקערט שרײבט עדמונד טײלאָר, װעלכער האָט אַ רײ ארעסטירטע פאַרגעבן פראַגן אױף ענגליש:

„די ארעסטירטע קלאָגן זיך ביטער אױף דער ניט גענוגנדיקער שפּײז. זי באַשטײט דעריקער פון אַ װאַסערדיקער זופּ מיט פּערל־גרױפּן".

אין „דײלי טעלעגראַף" פון 27־טן אַפּריל 1933־טן יאָר האָט גײדע געמאָלדן, אַז צוליב היטלערס געבורטס־טאָג — „טאָר קײן אײן דײטש ניט הונגערן דעם דאָזיקן טאָג". די ארעסטירטע האָט מען געגעבן זװײַרע קרויט. אויב זויערע קרויט איז שוין אַ יאָנטעווודיקער מײכל, איז ווי זעט שוין אויס דער מײכל פון די ארעסטירטע אינדערוואָכן:

„געדעמפּטע קרויט איז בא אונז אַ שטענדיקער געריכט, מע שפּײזט אונז ווי הינט, מע גיט אונז ארויס אַ פונט ברויט אַ טאָג. אונזער מיטיק איז פאַר דער לעצטער וואָך באַשטאַנען פון קאַרטאָפל־זופּ מיט גרינס אָדער פון מאַקאַראָנעס מיט אַ נישטיקן צומיש פון פרוכטן, אָדער פון לינדזן מיט קאַרטאָפל. לעבאַטכילע האָט מען געגעבן צו ליטער פון אָט דער דאָזיקער געקעכץ,

איצט זיינען די פּאָרציעס פאַרקלענערט, ווייל פלייש קאַרגט מען. נאָך ערגער איז מיטן אָוונט־ברויט. איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך גיט מען אונז אָפּגעקאָכטע מאַקאַראָנעס אין דער פאָרם פון סוואַסטיקעס צוליב „נאַציאָנאַ־לער דערציִאונג". אין אַנדערע טעג הונדערט גראַם פון לימבורגער קעז און אַכציק גראַם ליווערנע אָדער בלוט־וואָרשט. קיין איין גראַם פּוטער, מאַרגאַ־רין און פעטס. דערצו גיט מען אַזאַ מין קאַווע, ווי צום אָנבייסן. מיר לייגן זיך שטענדיק שלאָפן הונגעריקע. די, וואָס ווערן קאָמאַנדירט אויף אַרבעט אויסער די לאַגערן, באַקומען אַ צוגאָב־פּאָרציע — אַ האַלב פונט ברויט און 80 גראַם בלוט־וואָרשט".

ברויט, גיט ברויט!

אין אַלע בריוו פון די אַרעסטירטע ווערט איבערגעכאַזערט, אַז די שלעכטע שפּייז האָט ניט קיין שום פעטס. דערפאַר פאַרבעסערט מען איר ניט געקאַרגט מיט סאָדע, וואָס שוואַכט קלוימערשט אָפּ די געשלעכטס־אויפרעגונג. אין דער ווירקלעכקייט ווירקט סאָדע אויף די געשלעכטס־פעאיקייטן און צעשטערט די וועגט־לעך פונעם מאָגן.

אַפילע די ברויט־פּאָרציע איז ניט גענוג. דאָס באַשטעטיקן אַלע בריוו, וואָס קומען אָן פון די אַרעסטירטע. דער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג „טעלעגראַף" (פון 5־טן אַפּריל 1933) האָט געפרעגט בא דעם קאָמוניסטישן דעפּוטאַט אַרנאָלד פון אולמאַ: וואָס קען ער זאָגן וועגן עסן? דער אַרעסטירטער האָט געענטפערט:

„זייער ווייניק פלייש, זייער ווייניק ברויט, זייער ביטערע פעטס".

דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענט טיילט מיט וועגן דער מעניו פאַר דער וואָך פון 26־טן מערץ ביזן 1־טן אַפּריל 1933 יאָר:

„טעגלעך: אַ פונט ברויט, 10 גראַם קאַווע, 10 גראַם צוקער. קיין פּוטער גיט מען ניט.

זונטיק: באַטאָג פלייש מיט קאַרטאָפליעס, אינאָוונט — קאַווע מיט צוקער, אַ ביסמאַרק־הערינג.

מאָנטיק: באַטאָג פלייש, אינאָוונט אַ געדיכטער קרופּניק.

דינסטיק: באַטאָג קאַשע פון אַרבעס, 100 גראַם וואָרשט, אינאָוונט קאַווע מיט צוקער, 100 גראַם קעז.

מיטוואָך: באַטאָג קרופּניק, קאַרטאָפליעס, לאָקשן, אינאָוונט 100 גראַם וואָרשט.

דאָנערשטיק: באַטאָג לינדזן מיט קאַרטאָפליעס, אינאָוונט אַרבעס־זופּ מיט 100 גראַם שפּעק.

די דאָזיקע מעניו האָט מען געווים צוזאַמענגעשטעלט צוליב דעם, וואָס דעם לאַגער האָט גראָד באַזוכט אַ קאָרעספּאָנדענט. נאָר אַפילע לויט דער דאָזיקער מע־ניו איז קאָנטיק, אַז די שפּייז פאַר די אַרעסטירטע האָט ניט אַנטהאַלטן די מיני־מאַלסטע נאַרהאַפטע שטאָפן, וואָס זיינען נייטיק אויף אונטערצוהאַלטן דאָס לעבן. אַ פונט ברויט, באַם אַרבעטן 12 שעה אַ טאָג, אינגאַנצן אָן פּרוכטן, גרינוואַרג,

הונדערט גראם פעטס א וואָך. קיין וואונדער ניט, וואָס ארעסטירטע שיקן אזוינע צעטלען:

Schickt um Himmelswillen Essen, und wenn es Brot oder gebackene Kartoffeln sind, nur essen

„האָט ראכמאָנעס, שיקט עטוואָס עסן, כאָטש ברויט אָדער געבאַקטע קארטאָפל, אַבי עטוואָס צום עסן".

צוואַנג־אַרבעט צו אַכט, ניין און מער שאָ א טאָג

ווי דער נאציאָנאַל־סאָציאַליסטישער מיניסטער פריק האָט געמאָלדן, דארפן די ארעסטירטע אין די קאָנצלאגערן איבערדערצויגן ווערן דורך סייכלדיקער אר־בעט פאר נוצלעכע בירגער פון דער מעלוכע. אין דער ווירקלעכקייט זיינען אַלע צוואנגס־ארבעטן, וואָס דויערן צו אכט, ניין און מער שאָ ניט קיין אַנדער זאך, ווי א פייניקונגס־מעטאָד.

ס'איז געווען איבערצולייענען פאָלגנדיקע שורעס פון איינעם אן ארעסטירטנס א בריוו, קעדיי מע זאָל באקומען א פאָרשטעלונג וועגן אָט דער „דערציאונגס־ארבעט".

„האַלב זעקס אינדערפרי טרייבט מען אונז ארויס אויף ארבעט. אנדער־האַלבן שאָ דארף מען גיין צום ארבעטס־פּלאַץ, מע גייט אין זעלנערישע רייען און דערנאָך ארבעט מען ביז האלב דריי מיט אן איינשאָאיקער האַפּ־סאָקע. די ארבעט באשטייט אין פּלאנירן און בויען א וועג. דערנאָך מאַר־שירן מיר ווידער אנדערהאַלבן שאָ צוריק אין לאגער. אונז באגלייט א וואך פון 20 שטורמאַוויקעס אונטער דער קאָמאנדע פון פּאָליציאַנטן. זיי זיינען באוואָפנט מיט ביקסן, רעוואָלווערן און גומענע שטעקנס".

מיט דער דאָזיקער ארבעט ווערן געפּייניקט אויך אדוואָקאטן, דאָקטוירים, שרייבער. א סאך פון זיי זיינען שוין ניט קיין יונגעלייט און אזא האָרעוואניע איז פאר זיי צו שווער. אין די קאָנצלאגערן אין האמבורג האָקן די ארעסטירטע שטיינער. אין נייַשטאַטער לאגערן גראָבן זיי די ערד און רייניקן אָפּ א פּלאַץ פאר א נייעם אעראָדראָם. ניט געקוקט אויף אַלע באוואָרענונג־מיטלען און קונצן, רייסן זיך דאָך דורך אין דער פרעסע ידיעות וועגן דעם רעזשים פון דער צוואנג־ארבעט אין די קאָנצלאגערן. די נאציס פּרואוון זיך פּאראליזירן די ווירקונג פון די דאָזיקע ידיעות, דרוקנדיק אין זייערע אילוסטרירטע זשורנאלן ספּעציעל פּאָטאָגראפירטע

סצענקעס פונעם לאגער־לעבן. אף די דאָזיקע בילדער ווערן די ארעסטירטע באוויזן בא א לייכטער און לעבעדיקער ארבעט. קעגן אָט די פאַלשע אילוסטראַציעס וועלן מיר ברענגען פאַלגנדיקע באשרייבונג פון א נייטראַלן באזוכער אין אָראַניענבורגער לאגער.

„די „ארבעט", — מיר וועלן דאָס אָנרופן אַרבעט, — איז דער גרעס־טער אומזין, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן, ווי פאַר דער וואַך, אזוי אויך פאַר די ארעסטירטע. דריי יונגע ארבעטער צווינגען זעקס באוויירים זייערע לויט דער ארבעטלאָזיקייט יעטן גראָז מיט א מאַקסימאַלער גיכקייט. זעקס מענטשן אָנגעטאָן אין שמאַטעס קריכן איבער שטיינער, פליקן אויס די פרילינג־גרעזלעך, וואָס שפּראָצן ארויס דורך די שטיינער. זיי רייסן ארויס די מיניאַטורישע וואָרצלען, זיי רייניקן אָפּ דעם זאַמד פון מיסט און שיטן עם פינקטלעך צוריק אריין אין די שפּאַרונעס פון ברוק. אינסטרו־מענטן האָבן זיי ניט. ס'איז קלאָר, אז די גראָז שטערט קיינעם ניט און דעריבער איז ניטאָ קיין גרונט צו יעטן זי.

„הינטער דער פאבריק־געביידע גיסט מען מיט גרויס פּליים וואסער. צוועלף מאַן באַמיען זיך מיט אַלע קויכעס צו אויפראַמען די אַלטע געביי־דע. אויב אָט די געביידע וועט ניט פינקלען ווי א פּאַלאַץ פון מירמל־שטיין, וועט מען עס פאַררעכענען ווי א פארברעכן פון די אויפראַמער. אף דער פאבריק־וואַנט איז פריער געווען א סאָוועטישער שטערן, האָט מען עם געהייסן אראָפּנעמען, כאָטשבי מע וואָלט צוליב דעם געדאַרפט איינ־ווארפן די וואַנט. אויך דאָ האָבן מיר א זינלאָזיקע באשעפטיקונג, אומזיסט געפּאַטערטע קויכעס, ניט קיין אַרבעט, נאָר סטאַם געהאָרעוועט.

„א סאַך ערגער איז מיט א צווייטער ארבעט. מע גראָבט וואָרצלען אין א שביינעסדיקן וואַלד. קיין שטאַמען זיינען שוין ניטאָ. אונטער א פארשטאַרקטער וואַך ווערן די ארעסטירטע אָפּגעפירט אין וואַלד. זיי דאַרפן מיט די הוילע הענט אויסגראָבן פון דער ערד די ריזיקע וואָרצלען. די שטורמאָוויקעס טרייבן אַלטע לייט, וועלכע קאָנען זיי זיין זיידעס, און זידלען זיי מיט די ווערטער „אַלטער שוויין", „רויטער שוויין", „אַלטער פיינקוכן" — די אויסדרוקן זיינען גענאַשט פונעם זשארגאָן בא דער אַלטער קייזערלעכער ארמיי, נאָר איצט זיינען זיי צינישער, פּרעכער".

אָט דאָס איז די דערציאונג־ארבעט פון אימפּעריישן אינערן־מיניסטער פריק.

נאָך צוואַנג־ארבעט — איבונגען אלס שטראָף

מיט צוואַנג־ארבעט ענדיקט זיך נאָך ניט דאָס פייניקן די ארעסטירטע. די צייט, וואָס בלייבט איבער, פאַרפילט מען מיט מיליטערישע איבונגען, וועלכע מע רופט צוויעסדיק „ספּאָרט".

לויט די אָפיציעלע מיטיילונגען איז די צייט פון האַלב צוויי ביז האלב זעקס באשטימט פאַר מיליטערישע איבונגען.

„אפן פּלאַץ, וואָס איז אָפּגעטיילט פון דער פרייהייט נאָר מיט נידע־

ריקע קוסטעס, זיינען אויסגעשטעלט פארשיידענע מאכשירים פאר פיזקול־טור. די ארעסטירטע צווינגט מען צו איבן זיך. אן אויבנאויפיקער צוזעער, וואָס וויל ניט ארײנדרינגען אין טאָך פון דער זאך, קאָן ארויסטראָגן דעם איינדרוק, אז די ארעסטירטע האָבן א מעגלעכקייט מיט דערפאָלג צו פאַר־נעמען זיך מיט זייער פיזקולטורישער אנטוויקלונג. נאָר א מענטש מיט אן אויג וועט גלייך דערזען, אז דאָ איז איינגעפירט די סאמע פארפיינערטע סיסטעם פון באַרבאַרישער פייניקונג. די איבונגען, וואָס מע פאָדערט בא די ארעסטירטע, זיינען צו שווער אפילע פאר ספּאָרטסמענער־פּראָפעסיאָ־נאלן. אף צו מאכן עס פאָדערט זיך א לאנג־דויערנדיקע מעטאָדישע טרע־נירונג. אָבער אין לאגער (ער עקזיסטירט פון 21 מערץ) צווינגט מען, אז אלע אָן אויסנאם ארעסטירטע זאָלן מאכן אָט די איבונגען, און ניט איין מאָל, נאָר פיר שאָ טעגלעך אין מעשעך פון וואָכן און כאַדאָשים נאָכאַנאַנד, און דאָס איז א כוץ אנדערע איבונגען: מארשירן, זינגען לידער אאוו.

„רעכטס, א צען מעטער פון די קוסטעס, שטייען סלופּעס. יעדער ארעסטירטער מוז פון אָנהייב דורכמאכן גימנאסטישע איבונגען אף זיי. צען מעטער פון דאנען שטייט א הילצערנע ברעט, אָדער בעסער געזאָגט, א הילצערנער פלויט (די הויך 2 מיט א האלבן מעטער, די ברייט 3 מעטער); נאָכן קלעטערן אף די סלופּעס איז יעדער ארעסטירטער מעכויעוו איבער־קריכן איבער דער דאָזיקער וואנט. פונקט אזוי די ווייט געפינט זיך א גראָבן די טיף צוויי מעטער און די ברייט בא א דריי מעטער; אפן דעק פון גראָבן איז בלאָטע און שלאם. די ארעסטירטע צווינגט מען איבערשפרינגען דעם גראָבן, איצט איז דער גראָבן נאָך פוסט, נאָר אין עטלעכע מינוט ארום וועט ער זיין פול מיט וואסער. נאָך צען מעטער די ווייט איז פאראן נאָך אזא מין גראָבן. גיכער פון אלץ איז עס אן אָנשיט פון 2 מעטער די הויך און 80 סענטימעטער די ברייט. די ארעסטירטע יאָגט מען צו קריכן ארויף דעם אָנשיט. לינקס פון פלאץ איז פאראן א מין לייבן־גרוב 10 מעטער די לענג און 70־80 סענטימעטער די טיף. די ארעסטירטע מוזן אהין ארײנ־קריכן. אין גרוב זיינען אף א האלבן מעטער איינער פון דעם צווייטן אָנ־געשטעקט ברעטער: איינע פון דער הויך, די צווייטע פון אונטן. דורכ־קריכן דורך זיי קאָן מען נאָר פויזנדיק, אויסגעדרייטערהייט, ווי א שלאנג. דער שטעך צווישן די ברעטער איז אבער אזוי שמאָל, אז בלויז א קינד וואָלט עפשער זיך פריי דורכגעדראפּעט צווישן זיי, פאר א דערוואקסע־נעם מענטשן פון מיטעלן וואוקס איז עס אומעגלעך. נאָכן ארויסקריכן פון אָט דעם גרוב דארף מען שפּרינגען איבער צוויי באריערן, א מעטער און א האלב מעטער די הייך. ווען מע ענדיקט דעם ציקל פון די איבונגען דארפן די ארעסטירטע אנהייבן דעם ציקל אפּדאָסניי, און אזוי יעדן טאָג צו פיר שאָ אין מעשעך פון וואָכן און כאדאָשים".

מיר האָבן זיך געווענדט צום דאָקטאָר דיו קאָטאָ, וועלכער איז גוט באַ־וואוסט אין די ספּאָרט־קרייזן, און געבעטן אים ער זאָל אונז געבן זיין מיינונג

וועגן דער ווי־קונג, וואָס אָט די איבונגען קאָנען האָבן אויף א מענטשלעכן אָר־גאַניזם. מיר האָבן דעם דאָזיקן באַרימטן ספּעציאַליסט, א מענטשן אַן אבסאָלוט פּאָליטיש־נייטראַלן, דערציילט די אַלע אויבן אָנגעוויזענע פאַקטן, ניט זאָגנדיק, אַז ס'האָט א שייכעס צום פאַשיסטישן קאַנצלאַגער אין דייטשלאַנד. דר. קאַטאַ האָט אויף אונזער אָנפרעגע געגעבן אַן ענטפער:

„כאָשעווער הער!

איך שיק אייך מיין אויספיר, וואָס איר האָט געבעטן.

„1. דער געלאָף, וואָס איר דערציילט וועגן אים, דערצו דער געלאָף מיט שטערונגען, געהערט צו דער קאַטעגאָריע אַזויגערופענע אַטלעטישע איבונגען זיי באַזירן זיך אויפן זעלביקן פּרינציפּ, אויף וועלכן ס'האָבן זיך באַזירט די ערשטע גימנאַסטישע איבונגען פון פאַלקאָווניק אמאָראָס (1830 יאָר).

זיי זיינען אין פאַרשידענע פאָרמען אָנגענומען אין די אַרמייען. אין דער צייט פון מילכאָמע האָט מען זיי אָנגעווענדט אויף צוגרייטן דאָס מי־ליטער. זיי זיינען איינגעשלאָסן אין דער פּראָגראַם בא פאַרשידענע אַרמייען. דאָס זיינען שווערע און דויערנדיקע איבונגען. די פאַרשידענע שטערונגען, וואָס מען צעשטעלט אין וועג, פאַרגרעסערן די אָנשטרענגונגען אין אַלע הינזיכטן. דאָס קען אין רעזולטאַט אַרויסרופן א פאַרשטאַרקטע האַרצקלאַ־פּונג. בא א געוויינלעך געשווינדן געלאָף הייבט זיך אויף דער דויפעק פון 80—100 קלעפּ ביז 140—150 און בא דער שוועריקייט צוליב די שטערונגען קאָן דער דויפעק דערגרייכן ביז 180 און אפילע 200 קלעפּ אין א מינוט.

פונדאַנען איז געדרונגען, אַז דער אַטלעטישער געלאָף פאָדערט, אַז דער ספּאָרטס־מאַן זאָל זיך געפינען אין א גוטן צושטאַנד. דאָס איז אומבאַדינגט נייטיק, קעדיי דער אָרגאַניזם זאָל אויסהאַלטן די אָנשטרענגונגען.

כוצדעם פאָדערט זיך א געוויסע אַלגעמיינע טרענירונג אין שפּרינגען, קלעטערן און לויפן. בא אַזעלכע באַדינגונגען דאַרף די אַלגעמיינע און ספּעציעלע טרענירונג דויערן אַן ערעך צוויי כאָדאָשים.

2. די דאָזיקע געלאָף־איבונגען טאָרן זיך ניט איבערכאַזערן אין מע־שעך פון מעס־לעס. ס'איז אומזיסט און אפילע שעדלעך איבערצוכאַזערן מער פון דריי אַזעלכע איבונגען. צווישן יעדער איבונג איז נייטיק מאַכן א שאַ־איקן איבעררייס אויף אָפּצורוען.

3. יעדעם מאָל, ווען ס'איז נייטיק צו מאַכן אַזא פיזישע אָנשטרענגונג, דאַרף מען באַטראַכט ווערן פון א דאָקטאָר, וועלכער דאַרף פעסטשטעלן, צי זיינען אין אָרגאַניזם ניט פאַראַן אַזעלכע פעלערן, וואָס דערלויבן ניט צו נעמען אויף זיך אַזא אָנלאָדונג. דער דאָזיקער קלאָל איז נאָך מער וויכ־טיק, וואָס אין דעם פאַל האָט מען אין זין א דויערנדיקע פיזישע אָנשטרענ־גונג, וואָס קען ערנסט שאַטן א ניט אָנטשפּרעכנדיקן אָדער ניט גענוג צו־געגרייטן אָרגאַניזם.

די „קרוין" פון די שטורעם-אָטריאדן
אָרגאניזירט דעם באָיקאָט קעגן אידן

פּיקעטן פון שטורמאָוויקעס לאָזן ניט אריין דעם אוילעם
אין דער בערלינער אָפּטיילונג פון וואולוואָרטס אוניווער-
סאל-מאגאזין.

4. אלע, וועלכע האָבן אױף זיך אזא פּיזישע אָנשטרענגונג דאַרפֿן באַ־
קומען א באַזונדערס פֿאַרשידנאַרטיקע און אויסשליסלעך נאַרהאַפּטיקע
שפּייז, נאָר דאַן קאָן דער פּיזישער גלייכגעוויכט פֿאַרהיט ווערן

פּאַריזש, 27־טן מאַי, 1933־טן יאָר.

24 שאָ אין קאָנצלאַגער

די פּראָגראַם, וואָס מיר האָבן אין אונזער רעשוס, גיט אַ פּינקטלעך בילד פֿונעם לעבן אין קאָנצלאַגער.

האלב זעקס שטייט מען אויף.

6 דעם זייגער שטעלט מען זיך אויס, מע שטייט סמירנאָ, אויפֿגעהויבן איין האַנט (אַ פֿאַשיסטישע באַגריסונג), אַ נאַציאָנאַלע טפֿילע, „נאַציאָנאַלע" לידער.

צווישן 6 און האַלב זיבן אַזייגער קאַווע מיט אַלטגעבאַקענע ברויט.

צווישן האַלב זיבן און האַלב אַכט מאַרשירט מען צום אַרבעט־פּלאַץ, אָדער מען פֿילט אויס צוואַנג־אַרבעט אינעם לאַגער גופֿא.

פֿון האַלב אַכט ביז האַלב איינס — צוואַנגס־אַרבעט (שטיינער האַקן, בויען וועגן, גראָבן וואַרצלען, וואַשן וועגנט).

פֿון האַלב איינס ביז האַלב צוויי — זייער אַן אָרעמער מיטיק, דריי פֿערטל ליטער וואַסערדיקער קרופּניק, קימאַט שטענדיק אָן פֿלייש און אָן פֿעטס.

פֿון האַלב צוויי ביז האַלב זעקס — אַ ווילדע מיליטערישע מושטרע און גימ־נאַסטישע איבונגען.

פֿון האַלב זעקס ביז האַלב אַכט — צוואַנגס־אַרבעט.

פֿון האַלב אַכט ביז האַלב ניין — אָוונט־ברויט (אַזאַ ווי דער מיטיק); גע־וויינלעך אַ וואַסערדיקן קרופּניק אָדער קאַשע, אַלטגעבאַקענע ברויט און עטלעכע גראַם וואָרשט.

האַלב ניין — דער אָוונט־טרומייט (מיטן דאָזיקן סיגנאַל האָט דער אַלטער פּרייסישער מיליטאַריזם צונויפֿגערופֿן די סאָלדאַטן אין די קאַזאַרמעס). אָן קיין שום זין ווערט דער דאָזיקער סיגנאַל קאָפּירט אין די קאָנצלאַגערן, פֿון וואַנען קיין איינער פֿון די אַרעסטירטע טאָר ניט אַרויסגיין.

פֿון ניין ביז האַלב זעקס שלאָפֿט מען אויף די הילצערנע נאַרעס מיט סעניקעס און שלעכט ווענטילירטע ביז גאָר געפּאַקטע מיט אַרעסטירטע, אָרעמע הייזלעך, שטאַלן אָדער אין פֿאַרלאָזענע האַלב כּאָרעווע פֿאַבריק־געביידעס.

אַרויסגעריסן פֿון לעבן

נאָך ערגער, ווי די פּיזישע ליידן וואָס זיינען אויבן באַשריבן, איז די גייס־טיקע פּייניקונג, וואָס די אַרעסטירטע האָבן אויסצושטיין. אַרויסגעריסן פֿון לעבן, פֿון זייער פּראָפֿעסיע, דאַרפֿן זיי זיך אָפּזאָגן צו באַפֿרידיקן די סאַמע עלעמענ־טאַרע גייסטיקע און פּיזישע באַדערפֿענישן. קיין שום פֿרייע צייט, קיינע פֿאַרוויי־לונגען, אורלויבן, קיין זאַך, וואָס מאַכן פֿאַרגעסן די צאָרעס, קיין מעגלעכקייט צו פֿאַרפֿולקומען זיך. צוואַנגס־אַרבעט און מושטרע — אָט מיט וואָס די אַרעס־

אן אויפשריפט, וואָס רעדט אליין פאר זיך



דאָס האָט פאסירט בעאיים דעם אנטי־אידן־באָיקאָט (דער אויפשריפט אפן שוי־פענצטער זאָגט: „זאָלן דיר, אידישער כאזער, די הענט אָפּפוילן").

בעמניצער שטורמאָוויקעס שניידן אוים א אידן א האקנקרייץ־צייכן אף די האָר



דאָס דאָזיקע פאָטאָגראפישע בילד האָט זיך פארקויפט אין דער פאָרם פון א פאָסט־קארטל מיט אן אויפשריפט: „די רייניקונג אין בעמניץ".

טירטע זיינען פארנומען דעם גאנצן טאָג. דער „טעלעגראַף" פון 5־טן אפּריל 1933 דערציילט וועגן אייניקע איינצלהייטן:

„קיין אָפּטרעטן, קיין בענק זיינען ניטאָ. אַף קויפן עפּעס מוז מען האָבן א באַזונדער גנאַד. קיינע זעאונגען זיינען ניט דערלויבט. לייענען מעג מען נאָר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און אייניקע קלאַסיקער, וועלכע זיינען פאר די ארבעטער זייער א שווערער לייען־שטאָף, רויכערן איז פארבאָטן (ס'ווערט דערלויבט אין אויסנאַמס־פאַלן, ווי א גנאַד). בריוו — איינעם אָדער צוויי א וואָך, אונטער צענזור. פארנעמען זיך מיט מוזיק אָדער ספּאָרט איז פארווערט. א באָד — איין מאָל א כוידעש. אנדערע זאָגן, אז קיין באָד איז גאָר אינגאַנצן ניטאָ. איבערגעבן שפּייז־פּעקלעך איז ניט דערלויבט".

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער דענישער צייטונג „פּאָליטיקען" ציטירט אין זיין ארטיקל בריוו פון די ארעסטירטע, וואָס ער האָט געלייענט אין צענזור־אָפּטייל פון הויבערגער קאָנצלאַגער. דאָס איז א ביטערער וויי־געשריי פון פארפּייניקטע מענטשן.

„אך, וויפל פארלאַנגען, וויפל טרויער, וויפל אומגליקן און טרערן...

וויפל טפילעס געוואָנדט צום הימל, אז ער זאָל באַשיצן די מוטער, די פרוי און קינדער, וועלכע שטרעקן אוי סזייערע אויסגעקווארטע הענט צו די אומזיכטבארע גראַטעס פון דער דאָזיקער טפיסע". — זאָגט דער קאָרעספּאָנדענט און ברענגט פאָלגנדיקע אויסצוגן פון די בריוו:

„אך, ווען איך וואָלט געקאָנט נאָכאַמאָל צודריקן צום הארצן אונזער קליינינקע יאַדוויגע!

„אויב מיר וואָלט זיך כאָטש איינגעגעבן זיין מיט אייך פּייסעך!

„צי איז כאָטש די מאַמע ווי־ניט־איז זאַט?"

אַט אזוי גייען בא זיי אוועק טעג, וואָכן, כאָדאָשים, פאר די אויגן איז נאָר א שפּיציקער פּלויט און א שטעכעדיקער דראָט. אינעם דאָזיקן צאָם דארפן זיי טעמפּ מאַרשירן, אָדער טאָן אומזיסטע ארבעט.

וואַרטנדיק אפן טויט

יעדער קאַטאָרזשניק קאָן אויסרעכענען וויפל טעג אים איז פארבליבן ביז זיין באַפרייאונג. מיט יעדן טאָג דערנענטערט זיך דער געוואונטשענער מאָמענט. דער ארעסטירטער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער וויים ניט, אַף וואָס פאר א צייט ער איז אהער גענומען. אַף אייניקע טעג, אָדער וואָכן, אַף כאָדאָשים אָדער אַף יאָרן. עס ווערט געבאָרן א האָפענונג און גייט אונטער. דאָס איז דער צושטאַנד פון אומבאַוואוסטקייט, וואָס קאָן דערפירן דעם אומגליקלעכן ביז פּראָסטראַציע. די באַרבארישע ווענדונג, די מאַטערנישן פון אומבאַוואוסטקייט שטויסן די ארעסטירטע אַף שרעקלעכע אקטן. אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז זעלבסטמאָרד — א געוויינלעכע דערשיינונג.

„טעלעגראַף" פון 5־טן אפּריל 1933 יאָר שרייבט וועגן די „פּסיכאָזן פון די

ארעסטירטע" און וועגן פּילצאָליקע פּרואוון צו באַגיין זעלבסטמאָרד און באַגאַנגענע זעלבסטמאָרדן.

דער קאָרעספּאָנדענט פון „פּאָליטיקען" טיילט מיט אין אָנהויב אַפּריל 1933 יאָר פון לאַגער הויבערג:

„אַף מיינע פראַגן ענטפערט קאַפּיטאַן בוק מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט: ער אַנערקענט, אַז אינעם דאָזיקן לאַגער זיינען צופאַלן פון זעלבסטמאָרדן ניט זעלטן".

דערשאָסן בּאַ א פּרואוו צו אַנטלויפן

אין דער אָפיציעלער דייטשישער פּרעסע באַווייזן זיך מיטיילונגען וועגן דעם, אַז דער אָדער יענער אַרעסטירטער איז דערשאָסן געוואָרן „בּאַ א פּרואוו צו אַנטלויפן". די ליגנערישקייט פון די דאָזיקע מיטיילונגען איז באַשיימפּערלעך. די לאַגערן ווערן אָפּגעהיט אַפן סאַמע שטרענגסטן אויפן. אויסער די פּאַטרולן פון די שטורמאָוויקעס, וואָס זיינען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס, זיינען נאָך פאַראַן פּאָליציי־הינט און פּראָזשעקטערס, וואָס באַלייכטן דעם לאַגער באַנאַכט. די אַלע פּרואוון צו אַנטלויפן זייען אוממעגלעך.

און דאָך באַווייזן זיך ידיעות, אַז דער אָדער יענער איז דערשאָסן „בּאַ א פּרואוו צו אַנטלויפן".

דער לאַגער פון טויט אין דאַכאַו

אינעם דאָזיקן לאַגער ווערן ניט איבערגעריסן די האַריגעס פון די אַרעסטירטע. לויט פאַראַנענע דעטאַלע ידיעות איז בלויז אין דעם לאַגער אין פאַרלויף פון איינציקע וואָכן פאָרגעקומען 14 פאַלן פון האַריגעס.

אינמיטן אַפּריל האָט די אָפיציעלע וואָלף־אַגענטור מיטגעטיילט:

„מינכען, 14־טן אַפּריל. אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַכאַו אונטער מינכען האָבן די קאָמוניסטן געמאַכט א פּרואוו צו אַנטלויפן. די פּאָליציי פון די שטורמאָוויקעס איז געווען געצוואונגען אָנצוקומען צו פייער־געווער. זי האָט אוועקגעלייגט פיר קאָמוניסטן: דריי זיינען געפאַלן טויט, דער פערטער — **שווער פאַרוואונדעט**".

דער קאָמענדאַנט פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט דעם דאָזיקן פאַל באַשטעטיקט פאַר דעם זשורנאַליסט גיידע („דיילי טעלעגראַף" פון 27־טן אַפּריל 1933). וואָלף־אַגענטור פאַרשווייגט בעקיוון אין דער דאָזיקער מעלדונג די נעמען פון די דערשאָסענע: אין דער מעלדונג רעדט זיך וועגן „קאָמוניסטן", אָבער די געזעלשאַפטלעכקייט האָט אינגיכן זיך דערוואוסט, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן קאָמוניסטן — די דערשאָסענע זיינען געווען פיר געפאַנגענע אידן, פאַשעטע בירגער. וועגן דעם מאָרד פון די פיר אידן באַשרייבט איינער, וואָס אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער.

ער איז פאָרגעקומען אַף אַזאַ אויפן:

„מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אונז, ווי געוויינלעך, געפירט צו דער ארבעט. פלוצלונג הייסט מען ארויסגיין פון די רייען די אידן־ארעסטאַנטן — דעם סויכער גאָלדמאַן, דעם אַדוואָקאַט בענאַריאָ (פון נירנבערג) און די סאַכרים ארטור און ערווין קאַן. ניט זאָגנדיק קיין איין וואָרט, האָבן די שטורמאָוויקעס גענומען און זיי שיסן, כאָטש קיין איינער פון זיי האָט דעם מינדסטן פרואוו ניט געמאַכט צו אַנטלויפן. אַלע פיר זיינען געפאַלן טויט אפן אָרט. צו זייער לעוויִע האָט מען קיינעם ניט צו־געלאָזט. נאָכדעם האָט מען איינגעאָרדנט א מיטינג, און דער עלטסטער פון די שטורמאָוויקעס האָט געהאַלטן א רעדע, אין וועלכער ער האָט גע־זאָגט:

„גוט, וואָס די פיר זשידעס זיינען דערשאָסן. פרעמדע עלעמענטן זיי־נען זיי פאַר אונזער נאַציע. זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו געפינען זיך אין דייטשלאַנד. זיי האָבן באַקומען די פאַרדינטע שטראָף".

די כראָניק פון מאָרדן אין דאכאו ענדיקט זיך ניט מיט די פאַלן. אין א קורצער צייט ארום מעלדעט וואָלף־אגענטור וועגן א נייעם פאַל מיט „אַן אנטלאָ־פענעם פון דאכאו".

„מינכען, 19־טן מאַי. דער געפאַנגענער אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאכאו האוסמאַן האָט היינט געאַרבעט ווייט פון לאַגער. ער האָט גע־מאַכט א פרואוו צו אַנטלויפן. ניט געקוקט דערויף, וואָס די וואך האָט צו אים עטלעכע מאָל אויסגעשריען, אז ער זאָל זיך אָפּשטעלן, אז ניט וועט זי שיסן, האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט. האָט די וואך גענומען אין אים שיסן און ער איז שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן".

פונקט ווי די פיר געפאַנגענע אידן, אזוי איז אויך האוסמאַן געפאַלן א קאָרבן פון נידערטרעכטיקער מערדעריי.

כוץ די דאָזיקע פאַקטן האָט מען אונז מיטגעטיילט נאָך וועגן העכער צוואַנ־ציק אזעלכע פאַלן פון מאָרד אין דאכאו. מיר ברענגען דאָ די נעמען בלויז פון די יעניקע, וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אז זיי זיינען דערמאָרדעט געוואָרן:

הונגלינגער — פּאָליציי־מאַיאָר — קלוימערשט „זעלבסטמאָרד".

סעבאַסטיאַן געפּצהער — אויך קלוימערשט „זעלבסטמאָרד".

מיכאעל זיגמאַן — א קאָמוניסט פון נירנבערג, דערשאָסן בא א „פרואוו צו אַנטלויפן".

אַנטאָן האַסלאַדען — א קאָמוניסט.

פראַנץ דרעסעל — א קאָמוניסטישער לאַנדטאַג־דעפּוטאַט.

יאָזעף געטץ — א קאָמוניסטישער דעפּוטאַט פון לאַנדטאַג.

דר. אַלפרעד שטראוס — אדוואָקאַט פון מינכען, דערשאָסן בא א „פרואוו צו אַנטלויפן".

ווילהעלם אראָן — קאַנדידאַט פאַר געריכט־אַמטן פון באַמבערג, דערשאָסן בא „א פרואוו צו אַנטלויפן".

כוץ די אויבן אויסגערעכנטע, זיינען פארפאלן געגאנגען און „מע ווייסט ניט וואו זיי זיינען אהינגעקומען" די פאָלגנדיקע פארזעצטע אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאכאו:

מאקס האָלי — סעקרעטאַר פון דער „רויטער הילף" אין דאָרעם־בייערן.

הירש — א קאָמוניסטישער ראטמאַן פון שטאָט־דומע.

יאָהאן וויקמאן.

בעסטיאַליש דערמאָרדעט די דעפּוטאַטן פון לאַנדטאָג דרעסעל און געטץ

צווישן אלע מאָרד־פאלן אינעם קאָנצענטראציע־לאַגער אין דאכאו, וואָס זיינען באַשטעטיקט געוואָרן, איז דער מאָרד פון די צוויי קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן פון לאנדטאג דרעסעל און געטץ פון די שוידערלעכסטע פאלן. געוויס וואָלט די דאָזיקע מערדעריי אויך געבליבן אומבאוואוסט, אָדער די קאָרבאָנעס וואָלטן פיגורירט אין דעם רעגירונגס־צעטל צווישן די דערשאָסענע בא „א פּרואוו צו אַנטלויפן", ווען עס וואָלט ניט פאסירט א צופאל, אז איינעם פון די געפאנגענע אינעם קאָנצענטראציע־לאַגער אין דאכאו איז געלונגען צו אנטלויפן, כאָטש ער איז שוין געווען פארוואונדעט — דאָס איז דער קאָמוניסטישער פארטיי־טוער ביימלער. ער איז געווען דערביי, ווען מע האָט די צוויי דעפּוטאַטן דערשאָסן.

ביימלער דערציילט דאָס פאָלגנדיקע:

„די שטורמאָוויקעס — די כייעס — האָבן דרעסלערן געפּייניקט אזוי לאנג, ביז ער איז געבליבן ליגן טויט. זיין נאַקעטן קערפּער האָבן זיי א שליידער געטאָן אף דער פּאָדלאָגע. שרעקלעך האָט אויסגעזען דער פארפּיי־ניקטער. דאָס גאנצע לייב זיינס איז געווען צעביילט, צעשניטן, פארגאָסן מיט בלוט. פון די שמיץ זיינען די הענט זיינע געשוואָלן געוואָרן אף צען צענטימעטער. די פיס און די הענט האָבן אויסגעזען, ווי אָנגעלאָפענע זעק — אזוי געשוואָלן זיינען זיי געווען. דער קאָליר זייערער — שוואַרץ־בלוי. דער פארפּייניקטער איז געלעגן מיט פּאָנים צו דער פּאָדלאָגע. איין האַנט איז בא אים געווען מיט געוואלט אויסגעדרייט, די אָדערן אויס־געשניטן. אף די הענט זיינען בא אים געווען אויסגעשניטן שטיקער פלייש אין דער פאָרם פון דרייעקן. לעבן אים איז געלעגן א מעסער, וואָס דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אז ער איז באגאנגען „זעלבסטמאָרד".

„ווען די שטורמאָוויקעס האָבן פארענדיקט מיט דרעסעלן, האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן — ס'איז בא זיי געווען א גאנצער יאָנטעוו.

„דרעסלער איז באערדיקט געוואָרן דעם 10־טן מאי אין דערפל ברי־טערבאך ניט ווייט פון דאכאו.

„די אויסוואורפן פון דער „ספּעציעלער אָפּטיילונג" האָבן אריינגע־לייגט דעם קערפּער אין א קאסטן אָן קיין שום צודעק. אלע, וואָס זיינען געווען בא דער באגרעבעניש, זיינען דערשיטערט געוואָרן, צוזעענדיק דעם שרעקלעך פארפּייניקטן קערפּער.

„דעם קאָמוניסט זעפּ געטץ האָט מען אזוי פארפייניקט, אז ער איז טויב געוואָרן. די פאשיסטן האָבן ניט אויפגעהערט טאָג־טעגלעך צו שלאָגן אים. ענדלעך האָבן זיי אים דערשאָסן. געטס קערפּער איז קרעמירט געוואָרן דעם 12־טן מאַי.

„דעם קאָמוניסט ביימלערן האָט מען די ערשטע טעג אין דאכאו נים געגעבן עסן און טרינקען. מע האָט אים געשלאָגן איבערן הוילן לייב פון קאָפּ ביז די פיס. דערביי האָבן די הענקער באַנוצט אלס געצייג פון פייני־קונג פארקניפּטע אָקסן־ווײדלעך א מעטער די לענג. די באנדיטן פון דער „ספעציעלער אָפּטיילונג" האָבן אריינגעוואָרפן ביימלערן אין יענער קאַ־מער, וואו עס איז נאָך געלעגן דרעסעלס טויטער קערפּער. דערביי האָבן זיי זיך איבער אים איזדיעקעוועט, און אָנווייזנדיק אפן טויטן קערפּער, געזאָגט:

„דו דארפסט טאָן דאָס זעלביקע, וואָס ער האָט געטאָן, — און האָ־בן דערביי אָנגעוויזן אפן מעסער, — מיר האָבן אוועקגעלייגט דאָ א מע־סער ניט אף שניידן ברויט"...

„דערנאָך האָבן זיי געוואָלט צווינגען ביימלערן, ער זאָל זיך אויפ־הענגען. זיי האָבן אים גערדאָט, אז אויב ער וועט זיך ביז מאָרגן נים אויפהענגען, וועלן זיי אים אליין אויפהענגען.

„די אומפארשעמטע פּרעסע, וועלכע פארעפנטלעכט אַלץ, וואָס די פאשיסטן פאָדערן, וואָלט געווים געמאָלדן, אז „דער קאָמוניסט ביימלער איז געפונען געוואָרן אויפגעהאנגען אין זיין קאַמער".

„ביימלערן איז אָבער געלונגען צו אנטלויפן פון דער געפאר דער־מאָרדעט צו ווערן. צוליב פארשטענדלעכע טאַימים דערציילן מיר דאָ ניט, ווי אזוי עס איז אים געלונגען, אין איינע זאָכן, קימאט א נאקעטער, א צעביילטער א צעמאזיקטער האָט ביימלער ארויסגעוויזן אן איבערמענטש־לעכער ווילן: ער האָט אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע קויכעס און איז דערקראָכן ביז מינכען, וואו די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער האָבן אים אויסבאַהאַלטן א שטיקל צייט און דערנאָך אָפּגעשיקט אין א זיכערן פּלאַץ".

די רעגירונגס־פּרעסע האָט געטאַינעט, אז דרעסלער איז באגאנגען זעלבסט־מאָרד.

דער קאָנצענטראציע־לאגער אין דאכאו איז ניט קיין אויסנאַם. אין די אנ־דערע לאגערן קומען פאָר די זעלביקע מערדערייען. אזוי, צום ביישפּיל, איז אינעם קאָנצענטראציע־לאגער קעניגשטיין דערמאָרדעט געוואָרן דער קאָמוניסט הוב־בערט (פון היידענאו).

אויב בלויז פון איין קאָנצענטראציע־לאגער אין דאכאו זיינען אין מעשעך פון עטלעכע וואָכן פאָרגעקומען פערציק פאלן פון מאָרד, קאָן מען זיך שוין פאָר־שטעלן, וויפל קארבאָנעס זיינען געפאלן אין די 45 קאָנצענטראציע־לאגערן. וועגן זיי ווייסן דערווייל בלויז די הענקער אליין.

קיינע פייניקונגען וועלן ניט איינברעכן דעם קאמף־גייסט פון די אנטיפאשיסטן

ניט געקוקט אף די מאראלישע און פיזישע פייניקונגען, וואס די געפאנגענע שטייען אויס אין די קאנצענטראציע־לאגערן, ניט געקוקט אף דער שטענדיק דראענדיקער געפאר פון טויט, זיינען די קארבאנעס פון פאשיזם געבליבן טריי זייערע איבערצייגונגען.

דעם 30־טן אפריל 1933 י. האט די „דייטשע אלגעמיינע צייטונג" געשריבן:

„עס זיינען נאך ניט אויפגעדעקט אלע פארבארגענע קאמוניסטישע געוועבער־לאגערן. דער בייזער ווילן פון די פאראקשנטע פאנאטיקער קאן נאך אלץ ניט אנערקענען, אז פאר דייטשלאנד איז אריבער די צייט פון באלשעוויסטישע עקספערימענטן. אין דעם פראט איז זייער וויכטיק דער פאקט, וואס נאך דא ניט לאנג האבן די געפאנגענע באוויזן א בעריעשקייט שטילערהייט איבערצוגעבן זייערע קרוווים פארשידענע דאקומענטן".

דער קארעספאנדענט פון דער צייטונג „פאליטיקען" באשרייבט זיינעם א געשפרעך מיטן קאפיטאן בוק און מיטן לייטענאנט קאופמאן:

„וועגן די ארעסטירטע ריידן זיי אן האס, נאר מיט גרויס אומצוטרוי. דער אומצוטרוי האט א שייכות ניט אזוי צו די יעניקע, וואס דערקלערן זיך אפן פאר סאנים פונעם פאשיזם, ווי צו די, וואס מאכן דעם אנשטעל, אז זיי פילן מיט דעם פאשיזם".

אין ברעמען און אין אנדערע שטעט זיינען די באפרייטע קאמוניסטן ווידער ארעסטירט געווארן, ווייל זיי האבן גענומען פארזעצן דעם קאמף קעגן דעם פאשיזם. דער עלטסטער באאמטער פון דער מינכענער פאליציי איז ארויסגעטראטן מיט א רעדע, אין וועלכער ער האט צווישן אנדערן געזאגט:

„באפרייען אט די פארטיי־טוער איז אומעגלעך. מיר האבן געמאכט עטלעכע אזעלכע פרואוון, נאר עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי זעצן פאר זייער ארבעט".

די איבערצייגונגס־קראפט און דער קאמפס־גייסט בא די געפאנגענע זיינען נאך ניט געבראכן. דאס באווייזט אט דער פאשעטער בריוו, וואס שפיגלט אפ אט די העראאישע עפאפיי פון פראלעטארישן קאמף:

„...ניט געקוקט אף אלע פארפאלגונגען, בלייבן אונזערע כאווירים טריי דער פארטיי. כאטש זיי האבן ניט קיין איינגעשטעלטע פארבינדונג מיט אונז, דאך האבן זיי א באשטימטע שטעלונג אין אלע פאליטישע פראגן. דער נאציאנאל־סאציאליסטישער „קוריער" גיט זיי צו וויסן וועגן אלע געשעענישן, און זייער מארקסיסטישע וועלט־אנשויאונג גיט זיי די מעגלעכקייט צו האבן א ריכטיקע פארשטעלונג וועגן דער געשאפענער לאגע. דערצו נאך, ניט געקוקט אף דער גאנצער צענזור און אף דער איזאלירונג, איז פארט אומעגלעך אינגאנצן צו באזייטיקן די פארבינדונג מיט אונז. די וואך אליין קאן זיך ניט איינהיטן פון אונזער מארקסיסטישער ווירקונג.

מיר ווילן דאָ ניט ריידן וועגן איינצלהייטן — איינס אָבער איז קלאָר: דער קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַרהאַרטעוועט אונזערע כאַוויירים, פאַרשטאַרקט זייער איבערגעגעבנקייט דער פּאַרטיי".

צענדליקער טויזנטער מענטשן געפינען זיך אין פאַרלויפיקער געפענגעניש און אין די טורמעס

בא היינט צו טאָג געפינען זיך אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דייטש־לאַנד פון 35 ביז 40 טויזנט געפאַנגענע. מען באַדאַרף נעמען אין אַכט די יעניקע ניקע, וואָס מאַטערן זיך פאַרלויפיק אין געפענגעניש, וואו זיי דערוואַרטן דאָס געריכט, און די, וואָס נאָכן געריכט ווערן זיי אַריבערגעפירט אין די קאַטאָרגע־טורמעס. די צאָל זייערע וואַקסט יעדן טאָג. די מעלוכע־פּרעסע מעלדעט וועגן נייע מאַסן־אַרעסטן. באַזונדערס גרויס איז געווען די צאָל אַרעסטן די לעצטע וואָכן פון כוידעש יוני. לויט ווי עס מעלדן די צייטונגען, קומען פאַר יעדן טאָג בא טויזנט נייע פּאָליטישע אַרעסטן. אַזוי צ. ב. האָט אין פאַרלויף פון איין טאָג די געהיימע רעגירונגס־פּאָליציי אַרעסטירט:

אין זענפטענבערג (אַ קליין שטעטל אין נידערלאַוזיצער קוילן־באַסיין) 267 מיטגלידער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אין ברעמען — העכער 80, און כוץ דעם הונדערטער געפאַנגענע אין בראַונשווייג, האַמבורג, בערלין, שטוטגאַרט א. א. וו.

מען קאָן בלויז אומגעפער זאָגן, וויפל פּאָליטישע אַרעסטירטע עס געפינען זיך פאַרלויפיק און קעסיידער אין די טורמעס, ווייל אָפיציעל גיט מען ניט צו וויסן די עמעסע צאָל. אויב מיר ווילן אָנעמען, אַז די צאָל דערגרייכט 12—15 טויזנט, וועט דאָס ניט זיין איבערגעטריבן.

די צייטווייליקע געפענגענישן זיינען איבערפולט ביז גאָר מיט אַרעסטירטע. די, וואָס קומען פון דאָרט, דערציילן, אין וואָסערע שרעקלעכע באַדינגונגען עס זיצן די אַרעסטירטע. אין אַ קאַמער, וואו ס'איז פאַר איין מענטשן ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, זעצט מען אריין 5—6 מענטשן. ניט פאַר אַלעמען איז פאַראַן בעטלעך צום שלאָפן, מוזן פילע ליגן אַפן שטיינערנעם דיל. ניטאָ קיין צודעקן פאַר אַלעמען, עסן גיט מען ווייניק, און דאָס אויך שלעכטע.

די פאַשיסטישע רעגירונג האָט אָרגאַניזירט ספּעציעלע אָפּטיילן אין דער געהיים־פּאָליציי פאַר יעדן קרייז און פאַר יעדער שטאָט באַזונדער. די דאָזיקע פּאָליציי צוזאַמען מיט דער וואַך־פּאָליציי, געהילפס־פּאָליציי און די פּאָליציי פון די שטורעם־אָפּטיילונגען רינגלט אַרום גאַנצע אַרבעטער־קוואַרטאַלן און מאַכן מאַסן־אַרעסטן. אַ שרעקלעכער טעראָר הערשט אומעטום. עס איז גענוג די קלענסטע מעסירע אויס פּערזענלעכער סינע — און מע ווערט שוין אַרעסטירט.

ווי ברוטאַל און אומפאַרשעמט עס גייט אָן דער גייעג, קען מען זען אפילע פון דער אָפיציעלער אינסטרוקציע, וואָס דער רעגירונגס־קאָמיסאַר פון דער הע־סענער פּאָליציי האָט פאַרעפנטלעכט. אָט איז זי, די אינסטרוקציע:

„1. פערזאָנען, וואָס בא זיי וועט מען געפינען אומלעגאַלע ליטעראַטור — פּראָקלאַמאַציעס, פלוגבלעטלעך א. ד. גל. ווערן אַרעסטירט און פאַר־זעצט ביזן געריכט. די פערזאָנען, וואָס ברענגען די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס אין פּאָליציי־צירקל, קאָנען זיין זיכער, אז מע וועט זיי ניט פארפאָלגן.

2. די, וואָס פארשפּרייטן אין וועלכן ניט איז ראַיאָן (שטאָט אָדער קרייז) אומלעגאַלע ליטעראַטור, ווערן אַרעסטירט און אויפגעהאַלטן אונטער א שטרענגער וואַך ביזן געריכט. עס ווערן אויך אַרעסטירט אַלע אָנפירער פון די פּאָליטישע ריכטונגען, וועמעס פּראָקלאַמאַציעס עס ווערן פארשפּרייט (פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון דער דייטשישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי א. ד. גל.).

3. די פּאָליציי־באַאַמטע און די ספּעציעלע אָפּטיילונגען דאַרפן גלייך באַנוצן געוועהר קעגן די, וואָס שטעלן ניט אָפּ דאָס פארשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור באַם ערשטן רוף".

צווישן די אַרעסטירטע, וואָס געפינען זיך „פּאָרלויפיק" אין די טורמעס „ביזן געריכט", זיינען פאַראַן באוואוסטע טוער פון דער דייטשישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אסאַך פאָרשטיי־ער פון דער דעמאָקראַטישער און דער פאָלקס־פּאַרטיי. עס זיינען פאַראַן אפילע פאָרשטייער פון די קאַטוילישע און נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

פון די פּאָליטישע טוער איז איינער פון די ערשטע אַרעסטירט געוואָרן דער פירער פון דער דייטשישער קאָמ. פּאַרטיי ערנסט טעלמאַן. מען האָט אים אַרעס־טירט דעם 3־טן מערץ אין בערלין־שאַרלאָטענבורג און פארזעצט אין טורמע. אין אַלע פאַשיסטישע צייטונגען איז געווען אָפּגעדרוקט א דערקלערונג, אז טעלמאַנס אַרעסט איז פארבונדן מיטן אונטערצינדן דעם רייכסטאַג. דער צוועק איז געווען — צוגרייטן די נייטיקע שטימונג פאַר דערנידערונגען און באַליידיקונגען פאַרן רעוואָלוציאָנערן פירער, קעדיי צו דערשלאָגן אים פיזיש און מאָראַליש. קעגן טעלמאַנס אָפענער קאַמער האָט מען געהאַלטן אין איין פארבייפירן גרופּעס שטור־מאָוויקעס, זיי זאָלן אים אָנקוקן, פּונקט ווי ער וואָלט געווען א ווילדע כייע. דער־ביי האָבן די פאַשיסטישע יונגען געזידלט דעם פּראָלעטאַרישן קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, דעם פירער פון א פּאַרטיי, וואָס האָט אויף די וואַלן באַקומען זעקס מיליאָן שטימען.

מען טעראָריזירט מיט אַרעסטן

אין אויסלאַנד איז שווער זיך פאָרצושטעלן די פאַשיסטישע טעכניק פון אַרעסטן, וואָס איז געוואָרן א טאָג־טעגלעכע אַרבעט פון דער פּאָליציי און פון די שטורמאָוויקעס, זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

די טעכניק איז אַזאַ: אין וועלכן־עס־איז ראַיאָן פון שטאָט דערשיינט, לאָ־מיר זאָגן, א פּראָקלאַמאַציע. באַלד גיט מען וועגן דעם צו וויסן א פּאָליציאַנט, צי אזוי א געטרייען פאַשיסט. אין איין אויגנבליק פליען אָן אויטאָמאָבילן מיט

באוואָפּנטע פּאָליציי פאַר „ספּעציעלע פונקציעס". דער גאַנצער ראַיאָן ווערט אַרומגערינגלט, מע אונטערזוכט אַלע הייזער, די קעלערס און די בוידעמס אַפילו, מע קאָנפיסקירט ביכער, שרייב־מאַשינקעס, אָפט ווערן אַרעסטירט גאָר זייטיקע מענטשן, וואָס האָבן קיין שום שייכעס ניט צום גאַנצן עניין.

דער קלענסטער פּראָטעסט, דער מינדסטער ווידערשטאַנד ווערט אונטערדריקט אויף אַן אַכזאַריעסדיקן אויפן, מע שלאָגט מאַקעס רעצעך, מע פּייניקט.

מיר ברענגען דאָ בלויז די קעפּלעך פון אַ ריי צייטונגען, וואָס מעלדן וועגן אַזעלכע פאַלן. מיר האָבן ניט אויסגעקליבן ספּעציעל, מיר האָבן גענומען די צייטונגען, ווי זיי גייען פאַר עטלעכע טעג:

„אַרעסטירט 70 קאָמוניסטן" („פעלקישער באָאָבאַכטער" 10 אַפּריל 1933)..

„גרויסע אַבלאַוועס אין ערפורט, דרעזדען און אַלטאָנע" („בערלינער טאַגעבלאַט" פון 25־טן אַפּריל 1933־טן יאָר).

„אונטערזוכונגען אין שאַרלאָטענבורג" („דייטשע אַלגעמיינע צייטונג", 29־טן אַפּריל 1933 יאָר).

„אַרעסטירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע פון מינכענער מוניציפּאַליטעט" („ד. א. צ." פון 12־טן אַפּריל 1933 יאָר).

„אַן אַבלאַווע אַפן בילאָוו־פּלאַץ", אַרעסטירט אַ גרופּע קאָמוניסטישע פאַרשווערער אין מייסען", „אַגרויסע אַבלאַווע אין צאָפּן־טייל פון בערלין" („ד. א. צ." פון 12־טן אַפּריל 1933 יאָר).

הונדערטער אַזעלכע מעלדונגען קען מען טרעפן אין אַלע דייטשישע צייטונגען פאַר די כאָדאָשים מערץ, אַפּריל, מאַי, יוני, יולי.

סאָף יוני, ווען מע האָט פאַנאַנדערגעלאָזט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און דעם „קאַמפּס־פאַרבאַנד פון די יונגע נאַציאָנאַליסטן", האָבן זיך די פּראַפּאָלגונגען פאַרשטאַרקט: אָנשטאָט הונדערטער, וואַרפט מען שוין טויזנטער מענטשן אין די טפיסעס.

פון אָנהויב יולי האָט היטלערס רעגירונג גענומען אַרעסטירן די קרויווים אַלס אָרוועס פאַר די אַנטלאָפענע אַרבעטער־פירער. עס איז באַוואוסט דער פאַל ווען מען האָט אַרעסטירט שיידעמאַנס פינף קרויווים.

מען טעראָריזירט מיט געריכט־שטראָפן

פון דעם 27־טן פעברואַר אָן זיינען די דייטשישע פּראָקוראָרן פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. אין אַלע גרויסע שטעט פון דייטשלאַנד אַרבעטן אויסעראָרדנטלעכע טריבונאַלן. אַ שטראָם מעסירעס שטעלן צו אַלץ נייע קאָרבאָנעס פאַר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע טריבונאַלן. די באַשולדיקונגען טראָגן מערסטנס אַ העפקערכאַראַקטער — פּונקט ווי די שטראָפן. עס טרעפט, אַז די אַרעסטירטע זיצן אָפּ אין טורמע וואָכן לאַנג אָן אַ פאַרהער און דערנאָך באַפרייט מען זיי. אָבער אַפילו נאָך דער באַפרייאונג געפינען זיי זיך די גאַנצע צייט אונטער דער געפאַר ווידער אַרעסטירט צו ווערן. אין אַסאַך פאַלן מוזן זיי אַפילו רעגולער זיך מעלדן אין דער

פּאָליציי און רעגיסטרירן זיך: מען האָט זיי אָפּגעלאָזט אהיים בלויז דערפאַר, ווייל די טורמעס זיינען איבערפולט און ס'איז נייטיק אָפּרייניקן דעם פּלאַץ פאַר נייע קאָרבאָנעס. וואָס פאַר א גרויזאַמע שטראָפן עס ווערן ארויסגעטראָגן פאַר קליינינקייטן, באַווייזן די פּאָלגנדיקע מעלדונגען:

„דער אויסעראָרדנטלעכער געריכט אין בערלין, אינעם ראיאָן מאָאַביט, האָט פארמישפּעט די ארבעטסלאָזע ארבעטער מאַקס ציגלער און ריכארד שרעטער אויף א יאָר מיט דריי כאַדאָשים און אויף א יאָר מיט זעקס כאַדאָשים טורמע; ציגלער, א מיטגליד פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּארטיי, האָט פארשפּרייט אין וועכערוויזע, מיזרעכטייל פון בערלין, עקזעמפּליארן פון דער אונטערערדישער „ראָטער פאַנע", וועלכע ער האָט באַקומען פון שרעטערן".

„דער אויסעראָרדנטלעכער געריכט אין דארמשטאַדט האָט באַשטראָפט א קאָמיוניסט מיט 5 כאַדאָשים טורמע און א קאָמיוניסטקע פאַר פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס. די באַשטראָפטע זיינען אַלט צו 16 יאָר".

עס זיינען פאראַן זייער אָפט פאַלן פון באַשטראָפן פאַר אזויגערופענע „העצע קעגן ברוטאַלישקייט". עטלעכע אזעלכע אורטיילן האָט ארויסגעטראָגן דער אויסעראָרדנטלעכער געריכט אין בערלין, אינעם ראיאָן מאָאַביט; אין פארלויף פון איין טאָג זיינען ארויסגעטראָגן געוואָרן פיר אזעלכע אורטיילן.

וועגן דער גרויסער צאָל ארעסטן קאָן מען דרינגען פון די ווערטער פון די געריכטס־אויספאָרשער, וואָס האָבן דערקלערט די קרויווים פון די ארעסטירטע, אז פריער ווי אין פיר וואָכן ארום קען מען ניט דערווארטן קיין באַשלוס וועגן דעם ארעסט, ווייל ניט געקוקט דערויף, וואָס די צאָל מיטארבעטער פון דער פּראָקוראַטור איז פאַרצווייפאַכט, איז די פּראָקוראַטור דאָך ניט אימשטאַנד דורכצופירן אזוי גיך די אָנגעזאַמלטע פּראָצעסן.

ס'איז זייער כאראקטעריסטיש פאַר דעם וואַקסנדיקן טעראָר אזא פאַקט: די פרויען פון די ארעסטירטע באַקלאָגן זיך, אז זעלטן ווען זיי קאָנען געפינען אן אדוואָקאַט, וואָס זאָל וואַגן צו נעמען אויף זיך די פארטיידיקונג פון אן אנטיפאַשיסט.

די צאָל געריכטס־פּראָצעסן איז שווער פעסטצושטעלן. זיי זיינען אין די צענדליקער טויזנטער. די צאָל ארעסטן וואַקסט מיט יעדן טאָג זינט היטלער איז בא דער מאַכט. פון דעם „פאַרייניקטן דייטשישן פאָלק" קומט אויס צו שלעפּן צענדליקער טויזנטער אין טורמע אריין, קעדיי די רעגירונג פון „נאַציאָנאַלן אייפשטייג" זאָל קענען עקזיסטירן.

די לאַגע פון די ארעסטירטע ווערט נאָך מער פארערגערט איבער דעם, וואָס היטלערס רעגירונג האָט פארווערט אין דייטשלאַנד די „רויטע הילף", וועלכע האָט אין פארלויף פון יאָרן אומאויפהערלעך געזאָרגט וועגן די פאַמיליעס פון די פּאָליטישע ארעסטירטע. ניט געקוקט אויף די אכזאָריעסדיקע פארפאָלגונגען, זעצט פאָר די „רויטע הילף" איר ארבעט אין דייטשלאַנד. עס העלפן איר ארויס זייער אקטועל די מאָפּר־אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער און אויך די „הילפס־קאָמיטעטן

פאר די קאָרבאָנעס פונעם היטלערישן פאשיזם", וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון מאָפּר.

קיינמאָל האָבן די דייטשן ניט געלעבט אין אזא אומרו־ און אלאַרם־צושטאַנד, ווי פון דעם מאָמענט אָן, זינט היטלער האָט ארויסגעגעבן זיינע באַפעלן „צו באַשיצן די מעלוכע־זיכערקייט". טויזנטער מענטשן געפינען זיך אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, צענדליקער טויזנטער לעבן אין דערוואַרטונג ארעסטירט צו ווערן. מע געפינט זיך אין דער לאַגע פון אבסאָלוטער רעכטלאָזיקייט. אין יעדן מאָמענט פון טאָג און נאַכט קאָנען די פאשיסטישע בויאַנעס אָדער די אָפיציעלע פּאָליציי אריינרייסן זיך אין שטוב צו יעדן דייטשישן איינוואוינער. און אין דער זעלבער צייט האַלט די רעגירונג אין איין פארעפנטלעכן מעלדונגען אין דעם באַוואוסטן פּאָליצייאישן נוסעך: „אין דייטשלאַנד הערשט רו און אָרדענונג".

דאָס איז די רו פון א בעסוילעם.

דאָס איז די אָרדענונג פון קאַטאָרגע.

מאָרד-וואַקכאַנאַליע

„עס וועלן זיך קייקלען קעפּ, יאָ, עס וועלן זיך קייקלען קעפּ" (היטלערס ווערטער אויפן פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם העכסטן געריכט אין 1930 יאָר).

אין דײַטשלאַנד הערשט אַ מאָרד־וואַקכאַנאַליע. די שטורמאָוויקעס האַלטן אין איין אַרויספירן פון זייערע קאַזאַרמעס טרומנעס מיט קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם. אין די טיפע וועלדער געפינט מען טויטע קערפּערס, פאַרפּייניקטע ניט צו דערקענען זיי. די טייכן ברענגען צו זייערע ברעגן צונויפגעבונדענע קערפּערס. אין די מאָרגעס זיינען אַרויסגעשטעלט טויטע קערפּערס פון „אומבאַוואוסטע".

עס קומען פאָר הונדערטער גרויזאַמע טראַגעדיעס. בײַנאַכט הייבן אויף די שטורמאָוויקעס פון בעט דעם מאַן, די פרוי וויינט, אַז זי וועט דעם מאַן מער ניט זען קיין לעבעדיקן. אין מאָרגן געפינט זי אים מיט אַ צעשמעטערטן שאַרבן, מיט אַ שרעקלעכן אויסדרוק אויפן געזיכט, מיט צענדליקער מעסער־וואונדן. אין די צייטונגען שמעדירן קורצע מעלדונגען: „געטויט בײַ אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן".

אין אַן אומבאַהאָלפענער פאַרצווייפלונג הערט די מוטער טאָג און נאַכט די וויי־געשרייען פון איר פאַרפּייניקטן זון. זי פאַרלירט נאָך ניט די האָפענונג, אַז ער וועט בלייבן לעבן, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום קומט אָן די שרעקלעכע מעלדונג: „מ'זאָל גיין צונעמען דעם קערפּער".

אַ מענטשן האָט מען „צוגענומען" בײַנאַכט. זיינע קוילעס לאָזן זיך הערן פון די שטורעם־קאַזאַרמעס איבער דער גאַנצער גאַס. אינדערפרי איז ער שוין טויט. אַ צווייטן צעטרעט מען מיט די פיס, מע שלאָגט אים און מע פּייניקט, ביז ער ווערט צעדולט און וואַרפט זיך אַרויס פון אָפענעם פענצטער. די הענקער איז־דיעקעווען זיך: „ער האָט געמאַכט אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן דורך אַ פענצטער פון דריטן שטאָק". אַ דריטן געפינט מען אינעם דורכגאַנג פון די הויכע טרעפּ מיט איבערגעבראָכענע ביינער, אַ פערטער ליגט מיט אָפּגעריסענע גלידערים.

אין דײַטשלאַנד הערשט אַ וואַקכאַנאַליע פון מערדערייען, — אַכזאָריעסדיקע, ברוטאַלע, רעגלמעסיקע מאָרדן. צי דען זיינען די „לעגענדעס" וועגן די פאַשיסטישע מערדערייען אין די אויסלענדישע צייטונגען אימשטאַנד אין דער גאַנצער ברייט אָפּצושפּיגלען די אַלע שווידערלעכע זאַכן, וואָס ווערן אָפּגעטאָן טאָג און נאַכט אין די קאַזאַרמעס פון די שטורמאָוויקעס, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אין די טיפע וועלדער אין נאָמען פון היטלערס רעגירונג און לויט זיינע, היטלערס, באַפעלן!?

די געשיכטע לערנט, אז דער הערשנדיקער קלאס פון דער געזעלשאפטלע־כער אָרדענונג, וואָס איז פאראורטיילט צו אומקום, שטרעבט איינצוהאלטן זיין הערשאפט מיט דער הילף פון אומענטשלעכן טעראָר. אדאָלף היטלערס דייטש־לאנד איז אן איבעריקער באווייז דערצו.

אין דער צייט פון דער וועלט־מילכאָמע האָט מען געפירט א רעגיסטראציע פון די דערהארגעטע. די קעמפנדיקע צדאָדים האָבן זיך געביטן מיט די רעשימעס. היטלערס רעגירונג איז ניט אזוי „ליבעראל", זי זאָל פארעפנטלעכן די צאָל קאָר־באָנעס אירע. זי פארעפנטלעכט בלויז א נישטיקן טייל פון די דאָזיקע פאקטן, בלויז יענע פאלן פון מאָרד, וועלכע מען קאָן שוין ניט פארשווייגן: צי ווייל דער פארפייניקטער איז זייער פּאָפּולער, צי ווייל א גרויסע צאָל מענטשן ווייסן וועגן דעם מאָרד. אין אזעלכע פאלן מעלדעט מען: „דערשאָסן בא א פּרואוו צו אנט־לויפן", אָדער מע טראכט אויס אן אנדער ליגן. ווי צו יענעם, ווער ס'וועט וואגן אָנהייבן זיך דערגריבלען צום עמעס! אים דערוואַרט דער זעלביקער וויסטער סאָף: — פּייניקונג און טויט.

הונדערטער מאָרדן, וואָס זיינען באגאנגען געוואָרן לויט די באפעלן פון די אָנפירער פון די שטורמאָוויקעס, וועלן בלייבן בא דער היטלער־רעגירונג אומ־באשטראָפט. דעם 22־טן מערץ איז דערקלערט געוואָרן אן אלגעמיינע אמניסטיע פאר אלע קרימינעלע פארברעכנס, וואָס זיינען באגאנגען געוואָרן אין קאמף פאר'ן „נאציאָנאלן אויפשטייג". אָט די אלגעמיינע אמניסטיע בארעכטיקט אלע מער־דערייען, וואָס זיינען שוין באגאנגען געוואָרן, און אויך די, וואָס קאָנען נאָך בא־גאנגען ווערן. דעם 23־טן יולי האָט גערינג ווידער גאראנטירט אומבאשטראָפט־קייט פאר די גרויזאמסטע אקטן, וואָס ווערן געטאָן „צוליב דער זאך פון נאציאָ־נאלן אויפשטייג".

היטלערס כאווירים פון דער שטעטל פּאָטעמפּא

ס'איז ניטאָ קיין פולער צעטל פון די קאָרבאָנעס, וואָס זיינען געפאלן אונ־טער די קוילן און מעסערס פון די שטורמאָוויקעס אין די כאדאָשים פון היטלערס קומען צו דער מאכט. די קאָרבאָנעס זיינען סאָציאל־דעמאָקראטישע, קאָמוניס־טישע און אומפארטייאישע ארבעטער. די כוואליע פונעם פאשיסטישן טעראָר פלעגט זיך באזונדערס א הייב טאָן דעמאלט, ווען דער נאציאָנאל־סאָציאליסטישער פארטיי פלעגט אויסקומען בייצושטיין פּאָליטישע שוועריקייטן אָדער ווען דער אקשאָנעסדיקער ווידערשטאַנד פון די ארבעטער האָט געדרעאָט צו פארהאלטן איר שטרעבן צו דער מאכט.

אין דער נאכט נאָך די יולי־וואלן פון 1932 יאָר זיינען פאָרגעקומען אטענ־טאטן מיט באָמבעס און מיט האנט־גראנאטן, אָנפאלן אויף סאָציאל־דעמאָקראטן, קאָמוניסטן און דעמאָקראטן. אין א סאך שטעט זיינען די אָנפאלן פאָרגעקומען אין איין און דער זעלביקער שאָ, און, ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי געווען פּינקטלעך אויסגערעכנט.

אין יאנואר 1933 יאָר, אין דער צייט פון שלייכערס רעגירונג, הייבט ווי־

דער אָן וואַקסן די צאָל טעראָריסטישע אַקטן מיצאַד די נאַציס. נאָך דעם, ווי היטלער איז באַשטימט געוואָרן אַלס רייכסקאַנצלער, הייבט אָן דער טעראָר פון די שטורמאָוויקעס שטאַרק בושעווען און נעמט אָן אַן אַלץ מער און מער אַכזאָריעסדיקן כאַראַקטער. אין פאַרלויף פון די ערשטע צוויי וואָכן פעברואַר האָט די פרעסע פאַרצייכנט 27 מאָרד־פאַלן פון אַרבעטער און אַרבעטערנס. מיר גיבן אונטן דעם צעטל נעמען. *)

שוין דעם 30־טן יאַנואַר האָבן די שטורעם־אָטריאַדן געהאַט אויסגעאַרבעט זייער אייגענע טעכניק פון אַטענטאַטן. די אָרטיקע שטורמאָוויקעס האָבן געפירט אַ צוגרייטונג־אַרבעט און האָבן ערשט געמאַכט פאָרבאַרייטונגען צו מאָרדן. אָבער עס פלעגן זיך פלוצלינג באַווייזן באַנדעס שטורמאָוויקעס, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דער פרעמד, זיי פלעגן אָפטאָן זייער מערדערישע שטיק און פלעגן באַלד נעלעם ווערן. צו זייער דינסט זיינען געווען גרייט אויטאָמאָבילן און מאָטאָציקלען.

לאָמיר דאָ פאַרצייכענען דעם ברוטאַלן מאָרד, וואָס איז פאָרגעקומען זומער 1932 יאָר אין דעם שטעטל פאָטעמפאַ. היטלער האָט דעם דאָזיקן מאָרד אָפן באַרעכטיקט.

אַ בריגאַדע שיכּורע שטורמאָוויקעס האָט זיך אַריינגערסן אין דירע פון אַ קאָמוניסטישן אַרבעטער און האָט אים בוכשטעבלעך צעטראָטן מיט די פיס פאַר די אויגן פון זיין אַלטער מוטער. ווען עס זיינען אין געריכט אויפגעדעקט געוואָרן אַלע איינצלהייטן פון דעם דאָזיקן ברוטאַלן מאָרד, און עטלעכע פון די מערדער זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן צום טויט, האָט היטלער עפנטלעך זיך סאָלידאַריזירט מיט די מערדער און האָט זיי אָנגערופן אין זיין טעלעגראַמע — „מיינע כאַווירים". פאָן פּאַפּענס רעגירונג האָט פאַרלייכטערט זיי די שטראָף. דעם טויט־אורטייל האָט מען אָפּגעשאַפן. באַלד נאָכן 5־טן מערץ, איידער ס'איז נאָך פאַרעפנטלעכט געוואָרן די אַלגעמיינע אַמניסטיע, האָט היטלער אינגאַנצן באַפרייט די מערדער, און האָט זיי ווידער געלאָזט אין קאַמף קעגן די אַרבעטער.

פאַרמאַסקירטע מאָרדן

ווי אומעטום אין דעם בוך, ברענגען מיר אויך דאָ אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס איז זייער שטרענג דורכקאָנטראָלירט און פעסטגעשטעלט. מיר נעמען די פאַקטן

---

*) 1/II. העלמוט שעפער (פעלבערט), פראַנקע און האַנס האַסע (ווילהעלמסבורג), פּאַול שוליץ (בערלין). 2/II. העפע (אַלטאָנע), ווילהעלמינאַ שקרוט (האַמבאָרן). 3/II. קעטע זענגאַלדי (דויסבורג), ערווין בערנער און אַלפרעד קאָלאַטש (בערלין), וועטמאַן. 5/II. אַנאַ רעדער (בערלין), וואַלטער שטיינפעלד (ברעסלאַוו), באַדער (געטינגען), פּאַול פישער (כעמניץ), הערמאַן קאַסטען (סטאַספורט). 6/II. מאַרטין לוישעל (ווילהעלמסבורג). 7/II. ראָבערט ראַטקע (קעלן). 8/II. ווילהעלם עסער (גלאַדבאַך־ריידט). 9/II. הענריך לאַפּסט (קעלן). 11/II. סציפּליק (העקלינגען). 12/II. באַרניקאַו (אַסעלן־דאָרטמונד), יאָזעף מענג (בענסהיים), אַ דאָרפישער אַרבעטער אין גראָס־יוסטין. 14/II. אָטאָ העלם און וואַלטער שניידער (אייס־לעבן), שטאָק (קעלן־קאַלק), קורט לער (דויסבורג־אָרט).

הויפּטזאַכלעך פון די פאָלגנדע צוויי קוועלן: די אײדעס־באַווייזן פון דײטשלאַנד, וואָס מיר האָבן באַקומען פון מענטשן, וועלכע האָבן אַליין איבערגעלעבט די דאָזיקע געשעענישן, און די מעלדונגען פון דער פּאַשיזירטער דײטשישער פּרעסע. די ידיעות פון דער פּרעסע גיבן ניט נאָר די אָפיציעלע באַשטעטיקונג פון די מאָרדן, נאָר ברענגען אַרויס בולעט אויך די אומגעלומפּערטע מאָרד־מיטלען, וואָס מיט זייער הילף באַמיען זיך די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן צו פאַרבאַהאַלטן די שפּורן פון זייערע פאַרברעכנס, אָבער דערביי גיבן זיי זיך אַליין אַרויס.

אין מערץ כוידעש זײַנען דערשינען ידיעות וועגן פּאָליטישע מאָרדן, וואָס די צײַטונגען אַליין האָבן פעסטגעשטעלט. עמעס, די אַרבעטער־פּרעסע איז שוין צו יענער צײַט געווען ליקווידירט, און די פּרעסע, וואָס האָט פאַרנומען די „מיטעלע" פּאָזיציעס, איז געווען אַזוי אָנגעשראָקן, אַז זי האָט ניט געוואַגט צו דרוקן די סאַמע דערלויבטע ידיעות. ניט געקוקט אױף דער קנעכטישער אונטערטעניקייט פון דער פּרעסע, פלעגן זיך דאָך דורכרײַסן אַזוי פיל קאָמפּראָמעטירנדיקע אײנצלהייטן, אַז היטלערס רעגירונג האָט אָנגעהויבן ציטערן פאַר איר „פּרעסטיזש". די צענזור איז דעריבער נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן: צו דער אָרטיקער צענזור פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע קאָמיסאַרן בא די צײַטונגען און צו דער „זעלבסט־צענזור" פון די צײַטונגען גופא איז צוגעגעבן געוואָרן א צענטראַליזירטע צענזור פונעם פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום.

דעם 2־טן אַפּריל האָט מען געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען די עפנטלעכע דערקלערונג, אַז אין דער „דריטער אימפּעריע" געהערט די אינפאָרמאַציע וועגן מאָרדן ניט צו דער פּאָליציי און ניט צו דער פּרעסע, נאָר צו דער פּראָפּאַגאַנדע.

„בערלין, 2־טן אַפּריל (וואָלף־אַגענטור). די רעגירונג פון דער אימפּעריע האָט געגעבן אַן אָנווייזונג אַלע אינפאָרמאַציע־אַגענטורן וועגן דעם, אַז די ידיעות וועגן די געשעענישן אין דײטשלאַנד טאָרן ניט פאַרעפנטלעכט ווערן אָן דער האַסקאָמע פון דער פּרעסע־אָפּטיילונג פונעם מיניסטעריום פאַר פּראָפּאַגאַנדע. ס'איז פאַרבאָטן די מינדסטע ענדערונג אינעם טעקסט פון די ידיעות, וואָס זײַנען דערלויבט פאַרעפנטלעכט צו ווערן".

א דאַנק דער צענטראַליזירטער צענזור הייבן אָן די ידיעות טראָגן א סכעמאַטישן כאַראַקטער. די פּאַשיזירטע פּרעסע פּילט אויס שטרענג די עקזיסטירנדיקע געזעצן. זעלטן ווען זי גיט אַ קאָנקרעט בילד פון דער אָדער יענער געשעעניש. אַלץ בוילעטער ווייזן זיך אַרויס פאַרשידענע פאָרמען פון פאַלסיפיקאַציע. ערשטנס, הייבן אָן פיגורירן קערפּערס פון „אומבאַוואוסטע מענטשן". אין די מערסטע פאַלן אָבער ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּאָליציי קען גלייך אױפן אָרט דערקענען די דערמאָרדעטע, — די זעלבע קאָרבאָנעס האָבן מיט עטלעכע טעג פאַר דעם שוין פיגורירט אינעם צעטל פון די, וואָס זײַנען „פאַרפאַלן אָן קיין שום ידיע". די פעסטגעשטעלטע נעמען פון אײניקע קאָרבאָנעס פאַרבאַהאַלט מען פון דער געזעלשאַפטלעכקייט אָדער מען רופט זיי אָן אַסאַך שפּעטער, און דערביי אַזוי, אַז ס'זאָל ניט אַרויסרופן קיין ראַש. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן א שטייגער, די שטורמאָוויקעס, וואָס זײַנען, לויטן אורטייל פון די געהיימע פּאַ־

שיסטישע געריכטן, דערמאָרדעט געוואָרן פאַר זייער אומגעהאָרכזאַמקייט.

צווייטנס, די כוואַליע זעלבסטמאָרדן, וואָס גייט זינט דעם 5־טן מערץ האַנט בײַ האַנט מיטן פאַשיסטישן טעראָר, הייבן אָן די הערשער אויסצונוצן פאַר זייערע צוועקן און אַסאַך פון די מאָרדן פיגורירן אַלס „זעלבסטמאָרדן".

ווי אומגעלומפּערט עס ווערט צייטנווייז דורכגעפירט די דאָזיקע אָפּנאַרעריי, באַווייזט די אָפיציעלע מעלדונג וועגן דעם מאָרד פון דעם מיטגליד פון דער מאַגדעבורגער מוניציפּאַליטעט קרעסע. עס ווערט מיטגעטיילט:

„מאַגדעבורג, 14 (טעלעגראַף־אוניאָן). אין פעלגעלעבן איז זונטיק פאַרנאַכט פאָרגעקומען אַ בלוטיקער צוזאַמענשטויס אין אַ בירהאַלע, וואָס האָט געדינט אַלס לאָקאַל פאַר פאַרזאַמלונגען. ווי נאָר ס'איז אין בירהאַלע אַרײַנגעקומען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיטגליד פון מוניציפּאַליטעט, קרעסע, איז ער, לויט דער פאָדערונג פון עטלעכע שטורמאָוויקעס, אַרעסטירט געוואָרן. אין איינעם פון די זייטיקע צימערן האָט קרעסע אָנגעהויבן זידלען די שטורמאָוויקעס און האָט אויסגעשאָסן אין זיי. ס'איז פאַרוואונדעט געוואָרן דער עלטסטער פון דער בריגאַדע שטורמאָוויקעס גוסטאַוו לעמאַן. אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן פונעם פּלאַץ. באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן עטלעכע שאָסן פון דער גאַס. מע האָט געפונען קרעסען אינעם זייטיקן צימער מיט אַ דורכגעשאָסענעם קאָפּ. דער קערפּער ווערט געפּאַלמעסט, קעדיי פעסטצושטעלן, וואָס איז געווען די סיבה פון זיין טויט: צי איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן אַ זעלבסטמאָרד נאָך דעם, ווי ער האָט געשאָסן אין די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, צי ער איז געטויט געוואָרן פון די קוילן, וואָס זיינען געפאַלן אין דער געביידע פון דער גאַס".

אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּרעסע מערקט זיך אַ טענדענץ אויסצונוצן די דאָזיקע יעדיעס אַלס אַ סענסאַציע.

דעם 25־טן אַפּריל טראָגט צו דער „פעלקישער באָאָבאַכטער" זיינע לייענער איינעם פון די שווידערלעכסטע פאַלן פון לינטשעריי אונטער דער מאַסקע פון „זעלבסטמאָרד". פון די פּראָטים אַליין ווערט קלאָר, אַז וועגן זעלבסטמאָרד קאָן דאָ קיין רייד ניט זיין. די נאָטיץ ווערט געגעבן אונטער די פאָלגנדיקע שרייענדיקע קעפּלעך:

„אַ שוידערלעכער פאַל פון זעלבסטמאָרד!

אַ מענטש האָט זיך באַשמירט מיט דזעגעכץ, אַליין זיך אונטערגעצונדן און איז פאַרברענט געוואָרן.

„איינער אַ היגער איינוואוינער האָט אין זיין דאַטשע־שטיבל אין האַרנער מאָאָר זיך דערמאָרדעט אויף אַ ווילדן אופן. לעבן זיין שטיבל איז פאַראַן אַ הילצערנער שייער, וואו ס'האָט זיך צווישן אַנדערע זאַכן געפונען אויך אַ פעסל דזעגעכץ. דער זעלבסטמערדער האָט אויסגעטאָן פון זיך אַ טייל פון זיינע קליידער, זיך באַשמירט פון אויבן ביז אַראָפּ מיט דזעגעכץ און האָט דערנאָך אונטערגעצונדן דאָס פעסל. ער איז פאַרברענט געוואָרן. די סיבה פון דעם זעלבסטמאָרד דאַרף מען זוכן אין זיין שווערן גייסטיקן

צושטאַנד. דער שייער איז אוועק מיטן רויך. דער זעלבסטמערדער איז געווען א באווייבטער און האָט געהאַט עטלעכע קינדער".

אזעלכע מעלדונגען זיינען ענלעך צו א בולוואר־ראָמאַן: איבערגעבנדיק שוידערלעכע איינצלהייטן, שטרעבט מען צו איגנאָרירן די פראגע וועגן די מאָטיוון און דעם זין פון דעם פאקט גופע.

דריטנס, אויב דער קאָרבן שטאַרבט, אין רעזולטאַט פון די פייניקונגען, אין שפּיטאָל, באַמיט מען זיך פאָרצושטעלן די גאַנצע זאך אזוי, אז עס רעדט זיך קלוימערשט וועגן א נאַטירלעכן טויט.

אין א גאַנצער ריי פאלן (צ. ב. דער פאל מיטן דר. עקשטיין אין ברעסלאו) שטעלט זיך ניט אָפּ די אָפיציעלע אינפאָרמאַציע פאר אויסגעשפּראָכענע רעכילעס אפן פאשיסטישן קאָרבן שוין נאָך זיין טויט. דאָס ווערט דערגרייכט מיט אָנווייזונגען אַף א קלוימערשטער ווענערישער קראנקהייט.

די פּרעסע פארשמירט, פּערטנס, דעם פּאָליטישן כאראקטער פונעם מאָרד, זי גיט ניט די עלעמענטערסטע אָנווייזונג אפן מאָטיוו פונעם פארברעכן און אַף דער פּערזענלעכקייט פונעם פארברעכער, ווייל דאָס וואָלט באלד געבראכט אפן ריכטיקן וועג. די ציניש לאקאָנישקייט און אינהאַלטסלאָזיקייט פון די דאָזיקע מעלדונגען דערמאנען אָן די טויטע שאבלאָנען פון די קריג־ביולעטינס.

אָט איז א מוסטער:

„די פּאָליציי טיילט מיט: שאַבעסצונאַכטס האָבן עטלעכע פּערזאָנען געצוואונגען דעם בלעכער הענזלער גיין מיט זיי אינעם הויז נומ. 21 אַף לעסינגשטראסע. באלד נאָכדעם האָבן די איינוואוינער פון דעם הויז דערהערט עטלעכע שאָסן. הענזלערן האָט מען געפונען אפן בוידעם שווער פאַרוואונדעט. מע האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, וואו ער איז איינגיכן געשטאָרבן. די פארברעכער זיינען אנטלאָפן און געבליבן אומבאַוואוסט".

(„גערמאַניא" פונעם 15־טן מאי).

דאן, ווען אלע אנדערע שפּיצלעך טויגן שוין ניט און ס'איז אומעגלעך צו פארטושן ווער וועמען ס'האָט געהארגעט און אז דער מענטש איז דערמאָרדעט געוואָרן פאר זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, באַנוצט מען זיך מיט דער פאָרמולע, וואָס איז פאר אלעמען פארשטענדלעך, זינט עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן קארל ליבקנעכט און ראָזא לוקסעמבורג:

„ד ע ר ש אָ ס ן   ב א   אַ   פּ ר ו א ו ו   צ ו   אַ נ ט ל ו י פ ן".

מיר ברענגען דאָ די אָפיציעלע מעלדונגען וועגן דעם דערמאָרדן הייניג בעסלערן. זיי באווייזן מיט וואָס פאר א ציניזם מען נוצט אויס די דאָזיקע פאָרמולע:

1. „פראנקפורטער צייטונג" פון 5־טן אפּריל, פון דיסעלדאָרף דעם 4־טן אפּריל (וואָלף־ביוראָ):

„היינט אין דער פרי איז דער געהילפס־פּאָליציי   ג ע ל ו נ ג ע ן   צו   א ר ע ס ט י ר ן   אַף דער גאַס דעם קאָמוניסטישן פירער   ב ע ס ל ע ר, וועלכן מע האָט שוין לאנג געזוכט. בעשאַס מע האָט אים אונטערזוכט, האָט

דער אריינגאנג אין אָראניענבורגער קאָנצענטראציע-לאגער

מע פירט אוועק א יונגן ארבעטער. וואוהין? עפשער וועט אין איניקע שאָ ארום די צייטונג מיטיילן: „דערשאָסן בא א פרואוו צו אנטלויפן".

דער ארעסטירטער אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען די פּאָליציי איז געווען מיט עפּעס פאַרנומען און האָט געמאַכט אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן. נאָכדעם ווי די פּאָליציי האָט אים נאָכגעשריען, ער זאָל בלייבן שטיין און ער האָט ניט געפאָלגט, האָט זי געמוזט זיך באַנוצן מיט פייער־געווער. איין קויל האָט בעסלערן שווער פאַרוואונדעט. מע האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל, וואו ער איז אינגיכן געשטאָרבן".

וועגן דעם זעלביקן פאַל:

2. „אַנגריף" פון 5־טן אַפּריל טיילט מיט פון דיסעלדאָרף::

„לויט דער מעלדונג פון דער פּאָליציי איז דעם 4־טן אַפּריל ארום 16 דעם זייגער (!) ארעסטירט געוואָרן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־טוער ב ע ס ל ע ר בא זיך אף דער קוואַרטיר. אים האָבן ארעסטירט די מיטגלידער פון א ספּעציעלער שטורעם־בריגאַדע. באַם אונטערזוכן זיין וואוינונג זיינען געפונען געוואָרן צוויי פּעקלעך דינאַמיט. כוץ דעם זיינען געפונען געוואָרן דאָקומענטן. אפן וועג צום פּאָליציי־צירקל האָט ב. געמאַכט א פּרוּוו צו אַנטלויפן. ניט געקוקט אף די אויסגעשרייען „שטיי!" און אף עטלעכע שאָסן אין דער לופטן, אלס וואָרענונג, האָט ב. זיך ניט אָפּגעשטעלט און געהאַלטן אין לויפן. ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין רוקן און געשטאָרבן אינגיכן נאָכדעם, ווי מע האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל".

אינדערעמעסן איז בעסלערס וואוינונג געווען באַלאַגערט נאָך באַנאַכט. גאַנץ פרי האָט מען אים צוגענומען און דערשאָסן אף דער גאַס. די ווידערשפּרוכן אין די אָפיציעלע מעלדונגען איז ניט צו באַזייטיקן. קיין שום „דינאַמיט" האָט מען בא אים ניט געפונען, דאָס איז אן אויסגעטראַכטע זאַך, און די שיסעריי אינדערלופטן אלס „וואָרענונג" האָט, ווייזט אויס, געטראָפן אין ציל.

„דערשאָסן בא א פּרוּוו צו אַנטלויפן" — דאָס איז די פאַשיסטישע פאָרמולע פון געיעג אפן מענטשן.

די אויבנגעבראַכטע מעלדונגען שטעלן מיט זיך פאָר איינעם פון די עלעמענטן פון דעם דאָזיקן געיעג. דער געיעג טראָגט דעם זעלביקן טעראָריסטישן כאַראַקטער, וואָס דער גאַנצער היטלער־רעזשים.

„די צאָל פּאָליטישע מאָרדן איז באַדייטנד געפאַלן"

די „דייטשע אלגעמיינע צייטונג„ האָט אָפּגעדרוקט אין מאַי 1933־טן יאָר א נאָטיץ אונטערן קעפּל: „זינט די נאַציאָנאַלע רעגירונג איז געקומען צו דער מאַכט, איז באַדייטנד געפאַלן די צאָל פּאָליטישע מאָרדן".

דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער נאָטיץ איז אזא:

„ווי עס טיילט מיט דער פּרייסישער פּרעמיער־ און אינערן־מיניסטער גערינג דורך דעם הויפּט פון דער געהיימער מעלוכע־פּאָליציי, איז זינט דעם נאַציאָנאַלן אויפשטייג באַדייטנד פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל גוואַלטאַטן מיט א שרעקלעכן סאָף, וואָס קומען פאָר לויט פּאָליטישע מאָטיוון. קימאַט

די ארעסטירטע אין אָראניענבורגער לאגער צווינגט מען אלע טאָג אין פארלויף פון עטלעכע שאָ דורכצוגיין א מיליטערו־שע מושטרירונג. דערביי רעכנט מען זיך ניט מיט דעם צי דער מענטש איז קראנק אָדער אלט.



איינציטיק מיטן קומען צו דער מאַכט האָט די נייע נאַציאָנאַלע רעגירונג אָנגענומען ענערגישע מאָסמיטלען צו אונטערדריקן די קעגנער, און צוזאַמען מיט דער פאַרלייכטערונג פון די פּאָליטישע ווידערשפּרוכן, וואָס דרינגט אַרויס פון דעם זיג פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, איז דערגרייכט געוואָרן אַ שנעלע פאַרקלענערונג פון דער צאָל פאַלן פון געוואַלד־טויט. פריער האָט זיך די צאָל געהאַלטן אויף איין ניוואָ, און איצט, אין כוידעש אַפּריל, האָט זיך די צאָל פאַרקלענערט אויף צוויי פאַלן, וואָס דאָס איז די סאַמע קלענסטע ציפער פאַר זייער אַ גרויסן פּעריאָד צייט".

אין די זעלביקע טעג, ווען די פאַשיסטישע רעגירונג האָט פאַרשפּרייט די דאַזיקע „קאָמיוניקע", איז געמאָלדן געוואָרן אויך — אָפיציעל — „אַז בלויז אין איין בערלינער מאַרג איז אריינגעקומען פאַרן כוידעש אַפּריל 46 טויטע קערפּערס מיט צעמאַזיקטע פּענעמער — ניט צו דערקענען, ווער זיי זיינען".

די פאַשיסטישע פּרעסע אַליין האָט אָנגעגעבן אין אירע מעלדונגען העכער 50 פאַלן פון פּאָליטישע מאָרדן אין כוידעש אַפּריל, אָנרופנדיק דערביי זייערע נעמען.

מיר ברענגען דאָ באַשרייבונגען פון איינעם פון די שוידערלעכסטע פאַלן פון דערמאָרדן אַרבעטער און אינטעליגענטן, מאָרדן, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן מיצאַד מיטגלידער פון שטורעם־בריגאַדעס. אין די דאָזיקע באַשרייבונגען זיינען פאַראַן אַזעלכע ווילדע, שוידערלעכע מאָמענטן, וואָס די פאַנטאַזיע פון עם לייענער איז ניט אימשטאַנד זיי נאָכצופּאָלגן, און ער פאַלט אריין אין סאָפעק, צי איז עס אינדערעמעסן אַזוי געווען. צום באַדויערן זיינען די דאָזיקע באַשרייבונגען דער ריינער עמעס. זיי זיינען באַשטעטיקט פון אַ גרויסער צאָל איידעס, אָפט פון די מערדער אַליין. די דאָזיקע פאַקטן דעקן אויף דעם עמעס וועגן דער „דריטער אימפּעריע".

„דער דאָזיקער טאַט איז ניט געווען קיין דייטשישער טאַט"

דעם 4־טן אַפּריל 1933 יאָר האָבן די שטורמאָוויקעס דערמאָרדעט אין דיסעלדאָרף אַן אַרבעטער־קאָמוניסט הייניץ בעסלער. מיר האָבן אויבן געבראַכט די מעלדונגען פון „פראַנקפורטער צייטונג" און פון „אַנגריף", וואָס פעלשן אומפאַרשעמט, באַהויפּטנדיק, אַז בעסלער איז „דערשאָסן געוואָרן בעת אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן". הייניץ בעסלער איז דערמאָרדעט געוואָרן לויט אַן אורטייל פון אַ געהיימען פאַשיסטישן געריכט.

ביז דעצעמבער 1930 יאָר איז הייניץ בעסלער געווען אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט אָנגעפירט מיט אַ שטורעם־אָפּטיילונג. ער האָט גוט געוואוסט די פאַרבאָרגענע מאַיסים פון די פאַשיסטן און עס האָט אים גענומען עקלען דער פאַשיזם. אין דעצעמבער טרעט ער אַרויס פון די רייען פון די שטורמאָוויקעס. ער האָט געזוכט און געפונען דעם וועג צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָט פאַרוואָס ער איז דערמאָרדעט געוואָרן. דער דאָזיקער יונגער אַרבע־

טער האָט, נאָך אַ לאַנגן אינערלעכן קאַמף און נאָך ערנסטן שטודירן די פּאָליטישע ליטעראַטור, פֿאַרלאָזט די ריי̆ען פֿון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן און איז אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר גיבן דאָ איבער אַ בריוו פֿון אַ פֿרוי, וואָס איז בײַגעווען בײַ דעם מאָרד. דער בריוו דעקט אויף דעם פֿאַרברעכן פֿון די פֿאַשיסטן אין זייער גאַנצער ברוטאַלער אכזאָ־אכזאָריעסדיקייט. דער דאָזיקער בריוו פֿאַרדינט פֿאַרשפּרייט צו ווערן אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן.

„אָ, ווען אונזערער טייערער היינצל וואָלט געלעבט! איך קאָן עס ניט פֿאַרשטיין! גאָט וועט נעקאָמע נעמען פֿאַר דעם מאָרד. די דאָזיקע טאַט איז ניט געווען קיין דײַטשישע טאַט!

„דינסטיק גאַנץ פֿרי, אַרום פֿיר דעם זייגער, האָבן אונדז אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף זיבן מענטשן פֿון אַ שוץ־אָפּטיילונג און צוויי באַאַמטע פֿון דער געהיימער פּאָליציי. זיי האָבן אונדז געדראָט מיט רעוואָלווערן. זיי האָבן געצוואונגען היינצן אָנטאָן זיך און גיין מיט זיי. אונדז האָבן זיי באַפֿוילן פֿאַרשפּאַרן די טיר און ניט עפֿענען קיין פֿענצטער. אָ, גאָט, ווי ברוטאַל זיי זײַנען זיך באַגאַנגען מיט היינצלען! שוין דרײַ אַזייגער באַנאַכט האָבן זיי אַרומגערינגלט די גאַס און פֿיר אַזייגער זײַנען זיי געקומען צו אונדז. דערנאָך האָבן זיי אים צוגענומען מיט זיך און דערשאָסן אים אויף דער שטערנשטראַסע — פּונקט ווי דאָס וואָלט זײַן אַ מיליטערישער פֿעלד־געריכט. אָ, וואָס דער אָרעמער היינצל האָט באַדאַרפֿט איבערלעבן! פֿאַרוואָס בין איך ניט אַוועק צוזאַמען מיט אים! אַכט קוילן האָבן זיי אין אים אַרײַנגעזעצט: דרײַ אין האַרצן, צו איין קויל אין יעדער האַנט און אין בויך און דערנאָך נאָך צוויי קוילן. איז עס דען ניט קיין פּלאַנירטער מאָרד! נאָר מע וועט פֿאַר אים נעקאָמע נעמען. זיי האָבן אים געלאָזט ליגן אויף דער ערד, און די פּויערים האָבן אים אַראָפּגעראַמט פֿון וועג ווי אַ הונט. איך האָב ניט געקענט גלייבן, אַז אַזוי האָט פּאַסירט. איך בין באַלד אַוועקגעלאָפֿן צום הער מ., ווײַל היינץ האָט מיר שטילערהייט, אַוועקגייענדיק, אַ זאָג געטאָן: „גיי באַלד צום הער מ. און דערצייל אים, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר. דער הער מ. האָט מיר צוגעזאָגט הילף". נאָר ווי אַזוי האָט דער מ. אים געהאָלפֿן! היינץ האָט צופֿיל געטרויט מענטשן. אָ, פֿרוי ל.! ווען איר וואָלט זען היינצן טויט, וואָלט איר גערופֿן גאָט אַליין פֿאַר אַ ריכטער — ווי שרעקלעך זיי האָבן אים געפּייניקט. איך קאָן ניט פֿאַרגעסן דאָס בילד. ווי אַזוי קאָן מען אַזוי פּייניקן אַן אָרעמען אומבאַשיצטן מענטשן! און דערנאָך טיילן מיט אָט די ליגנערישע צײַטונגען זייערע פֿאַלשע מעלדונגען, אַז היינץ איז דערשאָסן געוואָרן, קלוימערשט, „בײַ אַ פּרוּוו צו אַנטלויפֿן" און זיי האָבן, קלוימערשט געפֿונען צוויי פּעקלעך דינאַמיט. אַזאַ נידערטרעכטיקייט! און מע קאָן זיך ניט דערשלאָגן קיין גערעכטיקייט. מע האָט בײַ אים ניט געפֿונען אַפֿילו קיין רעוואָלווער און אַפֿילו קיין נישטיק פּאַפּירל. זיי האָבן



Tat, war keine deutsche Tat
Morgen, also Dienstagmorgen um
4 Uhr wurden wir von 7 S.S.
Männer u. 2 Kriminalbeamte
aufgeweckt. Mit Revolver wurden
wir in Schach gehalten, Heinzel
mußte sich anziehen und mußte
mitgehen. Wir mußten die Türe
schließen u. durften die Fenster
nicht öffnen. O, Gott wie schlecht
haben sie uns und Heinzel be-
handelt. Die Straßen haben sie
um 3 Uhr schon abgesperrt und

um 4 Uhr kamen sie rauf und
dann haben sie ihn mitgenommen
und auf der Strecke haben sie
ihn erschossen standrechtlich. O, was
mag der arme Jung gelitten haben
weil ich doch mitgegangen. Er
hat 3 Herzschüsse ein Arm am
Hals ein Beckenschuss und dann
noch 2 Schüsse im ganzen 8 Schüsse.
Ist das kein Feuermord, aber er
wird gerächt. Sie haben ihn dann
liegen gelassen u. Bauern haben ihn
gefunden, wie einen Hund

די פאקסימיליע פונעם בריוו, וואו עס ווערט דערציילט,
ווי אזוי מע האָט דערמאָרדעט היינץ בעסלערן.

געפונען בלויז מיינע ליבע־בריוו און עטלעכע העמדן. און פּלוצלונג אזא הע־
צע אין די צייטונגען! נאָר איך רוף גאָט פאר א ריכטער אין דער דאָזיקער
ברוטאַלער, נידערטרעכטיקער זאך!.. אלע זיינען דאָ אזוי דערשיטערט מיט
דער געשעעניש און קאָנען ניט באגרייפן, ווי אזוי האָבן געקענט די דאָזיקע
מענטשן אזוי נידערטרעכטיק און געמיין דערמאָרדן אן אומבאוואָפנטן
מענטשן.

„די לעווייע וועט פאָרקומען מיט א גאַלעך און אסאך אסאך מענטשן
וועלן קומען אָפּגעבן אים די לעצטע פליכט. ווי גראָב עס האָט מיך באַ־
האַנדלט דער הער מ., ווען איך בין געקומען צו אים! אז איך האָב אים
געזאָגט, ווי אזוי קאָן מען דאָס אזוי דערמאָרדן אן אומבאוואָפנטן מענטשן,
האָט ער מיר געענטפערט: „אויב איר וועט דאָ נאָך אזוי ריידן, וועל איך
הייסן אויך אייך ארעסטירן"!

„די מוטער גריסט אייך. נאָך דער לעווייע וויל זי פאָרן צוריק אהיים.
איך שיק אייך מיין הארציקן גרוס און א דאנק פאר דעם, וואָס איר האָט א
טראַכט געטאָן וועגן היינצלען. זייט אזוי גוט, שרייבט און
האָט קיין פאריבל ניט אויף מיין יינגל, וואָס ער האָט ניט צוגעשריבן א פאָר־
ווערטער. איך בין שולדיק. אָ, ווען איך וואָלט דאָס ניט געווען טאָן! מיין
טייער, גוט יינגל"!

„איך וועל דיך דערשיסן!"

(דאָס גיט איבער א מענטש, וואָס איז געווען דערביי).
די ארבעטערן גרעטע מעסינג, א מוטער פון צוויי קינדער, איז דעם 6־טן

מערץ 6 אזייגער אינאָוונט, אַרויסגעגאַנגען פון איר וואוינונג, וואָס געפינט זיך אויפן זאַמערמילענוועג אין זעלבע (בייערן). מיט אַ קיישל אין האַנט האָט זיך גרעטע געלאָזט גיין אין צענטער שטאָט איינקויפן עפּעס פאַר דער באַלעבאַטישקייט. בא אַ פּערציק טריט פון איר וואוינונג האָט זיך איר געטראָפן אין וועג דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט לאַגער, וואָס וואוינט אויף דער זעלביקער גאַס. ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג און פּראָוואָקאַטאָריש אַ געשריי געטאָן:

„עס לעבע היטלער"!

די פרוי מעסינג האָט אויף דעם געענטפערט: „ראָט פראָנט"! — און געוואָלט גיין ווייטער. לאַגער האָט זי פאַרהאַלטן און ווילד אַ געשריי געטאָן:

— „איך וועל דיך שיסן"!

האָט זי אים קאַלטבלוטיק געענטפערט: „שיס"! לאַגער האָט אָנגעשטעלט צו איר האַלז זיין בראַונינג און האָט אויסגעשאָסן. די פרוי מעסינג איז שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן. דער מאַן אירער האָט זי געבראַכט אַהיים. דאָרט איז זי אויסגעגאַנגען מיט בלוט.

דער מערדער איז אוועק אין אָרטיקן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קלוב, האָט אַריינגעזאָגט אין זיך עטלעכע גלעזלעך בראַנפן און האָט זיך „פרייוויליק" איבערגעגעבן דער „געהילפס־פּאָליציי" אין די הענט. אין צען טעג אַרום איז שוין לאַגער געווען אויף דער פריי. דערפאַר אָבער זיינען אַרעסטירט געוואָרן און עס זיצן אין צוואַנגס־אַרבעט־הויז אין ביירוט דער מאַן און דער זון פון דער מאַרטירערן. די פּאָליטישע פּאָליציי און די געהילפס־פּאָליציי האַלטן אין איין מאַכן אונטערזוכונגען אין די אַרבעטער־ראַיאָנען אין זעלבע. ניט דעם פאַרברעכער זוכן זיי, ניט דעם מערדער, נאָר די פאָטאָגראַפיע פון דער דערשאָסענער, ווי זי ליגט אויפן טויטן־בעט מיט דער אָפענער וואונד: האַלטן בא זיך אַזאַ פאָטאָגראַפיע איז אין דייטשלאַנד אַ גרויסע סאַקאָנע פאַרן לעבן.

טויטע קערפּערס אין מאַכנאָוו־וואַלד
(ב א וו יי ז ן פ ו ן א יי ד ע ס)

אין אַלע צייטונגען פונעם 11־טן מערץ 1933 יאָר זיינען דערשינען מעלדונגען, אַז אין מאַכנאָוו־וואַלד זיינען געפונען געוואָרן טויטע קערפּערס פון דריי דערשאָסענע יונגעלייט, וואָס זייער פּערזענלעכקייט איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן. כאָטש די פּאָליציי האָט שוין שפּעטער אויסגעפונען, ווער עס זיינען די דערמאָרדעטע, דאָך זיינען זייערע נעמען ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. לויט ווי מע האָט זיך געגעבן דערוואוסט, זיינען דאָס געווען די פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

1. פריץ ניטשמאַן, אַ טאַפּעצירער, געבאָרן דעם 1־טן מערץ 1909 יאָר אין אָלדענבורג, האָט געוואוינט אין בערלין־שענענבערג. אַן אומפּאַרטייאישער. זיינע עלטערן זיינען אויך אומפּאַרטייאישע.

2. האַנס באַלשוקאַט, אַן אַרבעטער, געבאָרן דעם 28־טן אויגוסט 1913 יאָר אין בערלין־שענענבערג. אַ מיטגליד פון דער „רויטער הילף".

3. פרייס, 23 יאָר אַלט, האָט געוואוינט אין בערלין אויף גאַטענשטראַסע 22.
ווען פריץ ניטשמאַן, וואָס האָט ניט באַלאַנגט צו קיין שום אָרגאַניזאַציע, איז געלונגען אויסצוגעפינען דאָס פאָלגנדיקע:

פון גלעדיטשטראַסע איבער גרונעוואַלדשטראַסע צו זיגפרידשטראַסע. גייענדיק אהיים, באַם ראָג שטובענראַוכשטראַסע און ערדמאַנשטראַסע איז דורך זיגפריד־בריק דורכגעפאָרן אַ רויטער אויטאָמאָביל און האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ פוסטער גאַס לינקס. באַלד זיינען פון אויטאָמאָביל אַרויסגעשפרונגען צוויי שטורמאַוויקעס אין זייער אוניפאָרם. זיי זיינען צוגעקומען צו אים און צו זיין קאַלע און אַ געשריי געטאָן:

— „ניט פון אָרט! קומט מיט אונז, מיר דאַרפן פעסטשטעלן, ווער איר זייט".

ניטשמאַן האָט געפאָלגט, ווייל ער האָט ניט געפילט אויף זיך קיין שום שולד.

דעם 28־טן מערץ 9.30 אינאָוונט האָט ניטשמאַן שפּאַצירט מיט זיין קאַלע. די קאַלע, וועלכע איז אויך געווען אַן אומפּאַרטייאישע, האָט זיך געוואָלט אַריינזעצן אין אויטאָמאָביל צוגלייך מיט איר געליבטן, אָבער די שטורמאַוויקעס האָבן זי אָפּגעשטופּט מיט אַ שטאַרקן שטויס אין ברוסט.

ביז דעם 11־טן מערץ האָבן ניטשמאַנס עלטערן און זיין קאַלע ניט געהאַט קיין שום ידיעה פון דער פּאָליציי. און דעם 11־טן מערץ 9 אַזייגער אינדערפרי זיינען צו זיי געקומען פּאָליציי־באַאַמטע און האָבן געמאָלדן, אַז אין דער צייטונג „בערלינער מאָרגנפּאָסט" איז פאַראַן אַ נאָטיץ וועגן דעם, אַז אין מאַכנאָור־וואַלד זיינען געפונען געוואָרן דריי טויטע קערפּערס. לויט דער באַשרייבונג האָט דער פאָטער גלייך פאַרשטאַנען, אַז צווישן די דריי הרוגים מוז זיין אויך זיין זון.

אין מאָרג האָט דער פאָטער באַ דער אָנוועזנהייט פונעם קאָמיסאַר דערקענט זיין זון. אויפן לייב זיינען געווען צייכנס פון 10 קוילן — אַכט אין רוקן, איינע אין האַלז און איינע אין די באַקנביינער. אַראָפּנעמען אַ פאָטאָגראַפיע פונעם טויטן קערפּער האָט מען ניט דערלויבט. קרעמירן האָט מען אויך ניט געלאָזט. דעם 15־טן מערץ האָט דער פּראָקוראָר נאָך אַלץ ניט דערלויבט צונעמען דעם טויטן קערפּער פונעם דערמאָרדעטן. צום פאָטער זיינען געקומען צוויי מענטשן און האָבן אָנגעוויזן איינעם און דעם זעלביקן נומער פונעם רויטן אויטאָמאָביל, נעמלעך, נומער A I - 78087. ביידע האָבן באַשטעטיקט, אַז דער דאָזיקער נומער איז **געווען** אויפן רויטן אויטאָמאָביל, וואָס האָט אוועקגעפירט זיין זון.

וועגן דעם צווייטן קרבן האַנס באַלשוקאַט זיינען פאַראַן אַזעלכע פעסטגעשטעלטע ידיעות:

האַנס באַלשוקאַט איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 8־טן מערץ אויף דער גאַטענשטראַסע לעבן דעם אַריינגאַנג פון הויז נומ. 4 אין שענעבערג. אַרעסטירט האָבן אים 3 נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, דראָענדיק אים מיט אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן, און האָבן אים אוועקגעפירט אויף אַן אויטאָמאָביל. דעם 10־טן מערץ האָט באַלשוקאַטס פאָטער באַקומען אַ פּאָסט־קאַרטל מיט אַזאַ אינהאַלט:

„געפינע היינט אייער זונס טייסטער מיט פּאַפּירן. איך בעט אייך

צונעמען דעם טייסטער שאַבעס דעם 11־טן מערץ, 6 אזייגער פאַרנאַכט.
ה א נ ס ש מ י ד ט.
באַרנשטעדט בא פּאָטסדאם, וויקטאָריעשטראַסע, 26"

דעם 11־טן מערץ האָט דער פּאָטער באַקוקט אין מאַכנאָוו־וואַלד דעם טויטן קערפּער פון זיין זון. ער האָט אים גלייך ניט געקאָנט דערקענען, ווייל דאָס פּאָנעם איז געווען שרעקלעך צעמאזיקט, די ליפּן זיינען געווען געשוואָלן און בלוי, די קינבאַק צעקאַליעטשעט. אויף דער ברוסט און אפן האלז זיינען געווען בלויע ביילן — קאָנטיק פון קלעפּ מיט די פיס. אף די הענט און אף דער ברוסט פאַרבאַקטע בלוט — אפּאָנעם דערפון, וואָס מע האָט אים געבונדן.

וועגן דעם דריטן דערמאָרדעטן — פּרייסן — איז ניט געלונגען צו באַקומען קיין שום יעדיעס, ווייל זיין פאָטער האָט זיך אָפּגעזאָגט וואָס־ניט־איז מיטצוטיילן. דער פאָטער דינט אלס מאַשיניסט אף דער אייזנבאַן און האָט אפילע ניט געוואָלט נעמען דעם זון צו באַערדיקן. מע זאָגט, אז בא די פאשיסטן איז פאַרגעקומען מיט פּרייסן א מיספאַרשטייעניש, דער געהאַרגעטער איז געווען נאָענט צו די פאשיסטן.

שטאָלענע ריטער און זאלצזויער

(א ן א י י ד ע ס ־ ב א ו ו י ז פ ו ן ב ר א ו נ ש ו ו י י ג)

דער טעלעגראַפן־מאָנטיאָר גראָטעגענע איז געווען א מיטגליד פון דער רעפּובליקאַנער פאַן. קיין שום פּאַרטיי־אַמט האָט ער ניט פאַרנומען. מאָנטיק דעם 27־טן מערץ זיינען צו גראָטעגענען געקומען שטורמאָוויקעס און האָבן אים פאַרגעלייגט גיין מיט זיי אין זייער קאַזאַרמע. זיין פרוי איז געווען זיכער, אז דאָס איז א געוויינלעך מיטל בא די שטורמאָוויקעס צו געווינען נייע מיטגלידער אין זייער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט געראָטן דעם מאַן אָנגעבן א מעלדונג אין דער פּאַרטיי און אינערעגעץ ניט גיין מיט זיי. נאָר גראָטעגענע איז אוועק מיט די פאשיסטן אין זייער קאַזאַרמע. עס זיינען דורכגעגאַנגען עטלעכע שאָ און ער האָט זיך ניט אומגעקערט, האָט די פרוי באַשלאָסן גיין נאָך אים. לעבן דער קאַזאַרמע איז געשטאַנען א שטורמאָוויק מיטן נאָמען מייער. די פרוי גראָטעגענע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף די קני פאַר אים און גענומען בעטן, מע זאָל אָפּלאָזן איר מאַן. אין דעם מאָמענט האָט מען פון קאַזאַרמע ארויסגעוואָרפן גראָטעגענעס קערפּער. דאָס איז געווען איין שטיק פאַרבלוטיקט פלייש. גראָטעגענע האָט נאָך אָבער געלעבט. עטלעכע מענטשן האָבן דעם אומגליקלעכן אוועקגעטראָגן אהיים. אזוי ווי ס'איז געפאַלן א כשאַד, אז מען האָט אים אויך געסאַמט, ווייל פון זיין מויל האָט געשלאָגן שוים, האָט מען אים געגעבן מילך אין מויל. ער האָט אָנגעהויבן ברעכן. די פרוי האָט באַמערקט, אז דאָס טיכל, מיט וועלכן זי ווישט אים די שוים פון מויל, איז צעפאַלן געוואָרן אף שטיקלעך. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מע האָט אים אריינגעגאָסן זאלץ־זויער אין האלז. גראָטעגענע איז מינוטנווייז געווען בא זיין פולן פאַרשטאַנד, און ער האָט געקאָנט זאָגן עטלעכע ווערטער ווע־

גן דעם, ווי אזוי מע האָט אים געפּייניקט. מע האָט אים אויסגעטאָן נאַקעט און דריי שאָ נאָכאַנאַנד געשמיסן מיט שטאָלענע ריטער, דערביי פלעגט מען אים הייסן אויסווישן דאָס בלוט אַף דער פּאָדלאָגע מיט זיינע אייגענע קליידער. ווען ער איז געלעגן אַ פאַרכאַלעשטער אַף דער פּאָדלאָגע, האָבן די שטורמאָוויקער געפּרואווט אריינגיסן אים אין האלז זאַלץ־זויער. אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן פאַרקוועטשט די ציין, האָבן די שטורמאָוויקעס אים אָפּגעריסן אַ שטיק פון דער אויבערשטער ליפּ.

גראָטעגענע האָט אויסגעהויכט זיין אָטעם בּאַ שרעקלעכע ווייטיקן דעם 29־טן אַפּריל. זיין טויטן קערפּער האָט מען געפּאַלמעסט און מע האָט פעסטגעשטעלט די סיבּע פון זיין טויט: אַ בלוט־אויסגוס אין מאַרך און אינעווייניקסטע ברען־וואונדן פונעם זאַלץ־זויער.

די פּראָקוראַטור האָט גענומען אויספאָרשן די זאַך, נאָר ביז היינט צוטאָג איז קיינער פון די שולדיקע ניט צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

בּוכשטעבּלעך צעריסן אַף שטיקלעך
(מיטיילונג פון מענטשן, וואָס זיינען געווען דערביי אין היידענאַו)

אין אָנהויב מערץ איז אַרעסטירט געוואָרן איינער פריץ הומבּערט פון היידענאַו. מע האָט אים באַשולדיקט אין דעם, אַז ער האָט „פּאַרגראָבן מיליטער־מאַכשירים און געווער״. מע האָט אים געבּראַכט אין דער פעסטונג קעניגשטיין און פון דאָרטן אָפּגעפירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער האָהענשטיין. מע האָט אים געשמידט אין קייטן און שרעקלעך געפּייניקט. די פּייניקונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, זיינען געווען אַזוי גרויזאַם, אַז ער איז אונטער די הענט פון די הענקער געשטאָרבּן. דער פרוי האָט מען געמאָלדן, אַז ער איז געשטאָרבּן פון אַ בלוט־אויסגוס אין מאָגן.

די אַרבּעטער פון די אונטערנעמונגען אין היידענאַו האָבן צונויפגעזאַמלט געלט און געפּויעלט, אַז מע זאָל דעם טויטן קערפּער ברענגען צו באַערדיקן אין היידענאַו. מע האָט עס דערלויבּט מיט אַ באַדינג, אַז די טרומנע זאָל מען ניט עפענען. די אַרבּעטער האָבן, פאַרשטייט זיך, מיט דעם באַדינג זיך ניט גערעכנט און די טרומנע געעפנט. קיינער פון די, וואָס זיינען בייגעווען, וועלן ניט פאַרגעסן דאָס בּילד, וואָס איז דערשינען פאַר זייערע אויגן. דאָס פּאָנעם פונעם דערמאָרדעטן האָט אויסגעזען ווי צונויפגעשטוקעוועט פון שטיקלעך רוי־פלייש. די צונג האָט מען בּאַ אים, אָפּאָנעם, אַרויסגעריסן, אַף די הענט זיינען געווען די סימאָנים פון די אייזערנע קייטן. דער הינטן איז געווען אינגאַנצן דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ, דער רוקן־ביין איבּערגעבּראָכן, די געשלעכטס־אָרגאַנען צעפּליקט. דער רעכטער פוס אינגאַנצן צעריסן, אונטערן לעפּעלע איז דאָס לייב געווען דורכגעלעכערט און די געדערים זיינען אַרויס פון בויך. די צעביסענע ליפּן האָבן געזאָגט אײדעס, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע פּייניקונגען הומבּערט איז אויסגעשטאַנען. ווען עס האָט אַרום דעם טויטן קערפּער זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, אַן אויפ־

In den Kerkern des 3 Reiches zu Tode gefoltert

Gen Gumbert Heidenau Pill im Kampfbund seit 13 Wochen in Schutzhaft

Angeblich Munition + Waffen vergraben nichts verraten - wurde deswegen gefoltert Starb daran

Hinterlässt Frau und 5 Kinder im Alter von 3-14 Jahren Lange Arbeitslos Aktiv im Kampfbund Gumbert ist 47 Jahre alt

Bestand der Leiche

Untere Partie (Gesäss + Schenkel) alles kaputt zerschlagen Handtuch ins Gesäss gedrückt. Rückgrat gebrochen mit Gage ausgestopft Hoden halb abgetreten. Leisten am rechten Schenkel aufgerissen Am Magen mit den Stiefel absätzen Löcher rein getreten so das die Gedärme raus hingen Oberarm ganz Blut unterlaufen

Nach der Überführung von Königstein (Schutzhaftlager) am Mittwoch, den 26.4 nach Heidenau sollte der Sarg nicht geöffnet werden Es geschah aber trotzdem Die Leiche war in Blumen gebettet Der Vater des Genossen Gumbert war aber misstrauisch nimmt die Decke mit den Blumen weg hebt die Leiche hoch und zieht das Hemde weg und sieht die Bescherung Schreit - rennt da von hundert Arbeiter + Frauen herbei - die sich Gen Gumbert ansehen 100erte sind es gewesen

Die Frau des Gen. G. fährt nach Dresden zu Killinger - die Leiche wird sofort beschlagnahmt.

Bei verschiedenen Photographen wird Haussuchung

3, gemacht - Apparate und Platten beschlagnahmt

Donnerstag ist Killinger selbst da mit einem Stab von Arbeiten (Pirna + Heidenau Umg.) Der Bericht lautet „Wer falsche Gerüchte über den Tod des Gen. Gumbert in den Umlauf setzt, wird bestraft."

Freitag ist die Beerdigung S.A. mit Karabinern bewaffnet sperrt alle Zugangsstrassen ab. 3000 Heidenauer Arbeiter und Arbeiterinnen demonstrieren in geschlossenen Zuge zum Friedhof Dort wird er von den Banditen mit Hilfe der Karabiner gesprengt Nur die Angehörigen dürfen rein

Die Grabrede musste ein Pfaffe halten der mit dem 卐 geschmückt war

4, Überführungskosten mussten von der Frau des Gen selbst bezahlt werden.

1 Geldsammler wurde verhaftet

Am Sonnabend, den 22.4 wollte die Frau den Gen Gumbert ins Schutzhaftlager Königstein besuchen. selbiger war aber angeblich zum Verhör nach Hohnstein.

Am Montag, den 24.4. erhielt sie die Nachricht das ihr Mann Tod sei

Die Lippen des Gen. Gumpert waren von den Qualen ganz zerbissen

דער אָריגינאַל פון דער מיטיילונג פון א בייגעוועזענעם וועגן דעם, ווי מע האָט באערדיקט דעם דערמאָרדעטן פריץ הומבערט

געבראַכטער פֿון דעם שרעקלעכן בילד, האָבן די שטורמאָוויקעס ווידער צוגענומען דעם קערפּער. קיין היידענאַו איז געקומען דער הענקער קילינגער מיט אַ גאַנצער מאַכנע פּאָליציאַנטן און מיט דאָקטוירים. ס'איז באַלד געמאַכט געוואָרן אַ מאַסן־אַבלאַווע אין די אַרבעטער־הייזער, קעדיי צו קאָנפֿיסקירן די פּאָטאָגראַפֿישע אַפּאַראַטן. מע האָט באַפֿוילן יעדן איינעם, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען — שווייגן, ווען ניט — וועט ער שטרענג באַשטראָפֿט ווערן.

פֿרייטיק דעם 28־טן אַפּריל איז פֿאָרגעקומען די לעוויע. אַרום 300 אַרבעטער און אַרבעטערנס זיינען געקומען אָפּגעבן די לעצטע פֿליכט דעם געשטאָרבענעם. אַלע זייניקע גאַסן זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט שטורמאָוויקעס, וואָס האָבן געהאַלטן דאָס געווער גרייט צום שיסן. ווען די טרויער־פּראָצעסיע איז צוגעקומען צו די טויערן פֿון בעסוילעם, זיינען אָנגעפֿאַלן פֿאַשיסטן און מע האָט אַלעמען צעיאָגט. אפֿן בעסוילעם האָט מען דורכגעלאָזט בלויז די קרויווים. באַם אָפֿענעם קייווער האָט נאָר דער פּריסטער געהאַלטן אַ רעדע. אויף זיין ברוסט האָט ער דעמאָנסטראַטיוו געטראָגן אַ פֿאַשיסטישן צייכן.

אָפּגעשלאָגן די נירן

> „בערלינער טאַגעבלאַט", 9־טן מאַי: לויט אַן אָפֿיציעלער מעלדונג פֿון דער פּאָליציי, איז מאָנטיק פֿרי אין ברעסלאַוער שפּיטאָל אויף באַומשטראַסע געשטאָרבן פֿון לונגען־ און נירן־אָנצינדונג דר. עקשטיין, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אונטער אַ וואַך זינט דעם 28־טן אַפּריל".

עקשטיינס טויט איז ניט געווען קיין אומדערוואַרטעטע זאַך פֿאַר די ברעסלאַוער אַרבעטער.

איר וועט שוין עקשטיינען מער ניט זען — האָבן די שטורמאָוויקעס פֿאַרזיכערט נאָך באַ זיין אַרעסט דעם 28־טן אַפּריל, און בעאַיים מע האָט דעם 1־טן מאַי אַריבערגעפֿירט מיט טריאומף אַלע אַרעסטירטע אין ברעסלאַו פֿונעם „ברוינעם הויז" אויף ניידאָרפֿערשטראַסע אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף שטעכלויער שאָסיי, איז עקשטיין אין דער פּראָצעסיע שוין ניט געווען.

אין די צייטונגען האָט מען געמוזט מעלדן, אַז ער „האָט זיך אַליין פֿאַרוואונדעט" אין דער טורמע. שוין דעמאָלט האָט ער זיך געפֿונען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז מען האָט מוירע געהאַט צו באַווייזן אים פֿאַרן עולם. מען האָט אים געבראַכט באַזונדער אינעם נייעם נאָר וואָס אָרגאַניזירטן קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָרט האָט מען פֿאַרגעזעצט צו פּייניקן אים, ביז מען האָט אים אָפּגעשלאָגן די נירן. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ לונגען־אָנצינדונג, וואָס איז געקומען פֿון אָפּגיסן אים מיט קאַלטן וואַסער, ווייל באַם פּייניקן איז ער עטלעכע מאָל געבליבן ליגן אָן באַוואוסטזיין.

מע וואָלט געקענט האַלטן פֿאַר מעשוגע די מערדער זיינע, ווען זייער אויפֿפֿירונג וואָלט ניט אַנטשפּרעכט דעם „נאָרמאַלן צושטאַנד", וואָס די איצטיקע דייטשישע רעגירונג שטרעבט איינצושטעלן.

לינטשעריי אין טורמע

די פאָלגנדיקע דריי אָפיציעלע מעלדונגען וועגן שומס איניען דעקן אויף די מעטאָדן פון דער פאַשיסטישער אינפאָרמאַציע:

1. „קיל, 1־טן אפריל, „טעלעגראַף־אוניאָן". ארום 11 אזייגער איז לעבן שומס מעבל־מאגאזין פאָרגעקומען א קריג צווישן שומס זון און א שטורמאָוויק. דער קאָנפליקט האָט געבראַכט דערצו, אז דער זון פונעם אידישן אייגנטימער האָט זיך געוואָרפן צום שטורמאָוויק און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א געשלעג צווישן שומס זון און די צוויי שטורמאָוויקעס. בעשאַס דעם געשלעג האָט זיך געלאָזט הערן א שאָס און א קויל האָט געטראָפן אין ברוסט דעם 22־יאָריקן שטורמאָוויק ו. אסטהאלטער פון קיל".

אינדערעמעסן איז די געשעעניש פאָרגעקומען גאָר אף אזא אויפן: אין דער צייט פון אידישן באָיקאָט האָט אן אָפּטיילונג שטורמאָוויקעס פארנומען דעם מעבל־מאַגאַזין באַם אידישן סויכער שום. די ניט געבעטענע געסט האָבן גענומען זיך איזדיעקעווען איבער דעם באַלעבאָס. האָט זיין זון, אן אדוואָקאַט, וואָס איז געווען דערביי, גענומען פּראָטעסטירן. אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנפליקט, וואָס איז אריבער אין א געשלעג. „דערביי האָט זיך געלאָזט הערן א שאָס" מיצאַד איינעם פון די שטורמאָוויקעס, וואָס האָט פארוואונדעט דעם צווייטן שטורמאָוויק.

2. „קיל, 1־טן אפריל, וואָלף־אגענטור":

„דער זון פונעם מעבל־הענדלער שום, וואָס האָט אינדערפרי אין זיין פאָטערס מאגאזין מיט עטלעכע קוילן ערנסט פאַוואונדעט א שטורמאָוויק, איז דערשאָסן געוואָרן אין דער פּאָליציי־טורמע, וואו מען האָט אים פארזעצט. ווי מע מעלדעט אונז, האָבן אייניקע פּערזאָנען געפאָדערט אין פּאָליציי־פּרעזידיום, אז מע זאָל זיי עפענען שומס קאַמער. ווען זייער פאָדערונג איז באַפרידיקט געוואָרן, האָבן זיך דערהערט עטלעכע שאָסן, וואָס האָבן גלייך אוועקגעלייגט שומען. זיין קערפּער איז אָפּגעשיקט אינעם אינסטיטוט פאר געריכטס־מעדיצין".

די דאָזיקע צווייטע מעלדונג איז עטוואָס „פאריכט" אין דעם זינען, וואָס וועגן שומען, וועלכער האָט באַ זיך קיין שום געווער ניט געהאַט, ווערט אָנגעוויזן, אז ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן. אין אלגעמיין גיט איבער די מעלדונג ריכטיק דעם פאַקט, נאָר עס ווערט בלויז ניט אָנגעוויזן, אז שומען האָבן דערשאָסן די שטורמאָוויקעס אליין, קעדיי אָפּצוראַמען פון וועג דעם איידעס פון זייערע בלוטיקע מאַיסים. וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אינדערפרי,ביידע מעלדונגען זיינען אזוי דורכזיכטיק און אזוי אומבאַהאָלפן צונויפגעשטוקעוועט, אז די צענטראַלע פּרעסע־ביוראָ האָט זיך געמוזט אריינמישן און האָט ארויסגעלאָזט אין דעם זעלביקן טאָג א דריטע מעלדונג, א „צוגעפאריכטע" און דורכאויס א פאַלשע:

3. „קיל, 1־טן אפריל, „וואָלף־אגענטור". א איד, אן אדוואָקאַט און א נאָטאַריוס, שום, האָט 11.30 אינדערפרי ארייגעזעצט א קויל אינעם בויך דעם שטורמאָוויק וואַלטער אסטהאלטער, וואָס וואוינט אף קעדענשטראַסע.

לויט די מעלדונגען, וואָס מיר האָבן, איז דער מאָרד מיט קיין שום זיך ניט ארויסגערופן געוואָרן. דער שטורמאָוויק איז געשטאָרבן אין דער קליניק. בא דער פּאָליציי־טורמע האָט זיך פאַרזאַמלט אַן אויפגערעגטע מאַסע. נאָך איי־ דער מע האָט באַוויזן אויסצופילן די פאָראָרדענונג פונם פּאָליציי־פּרעזידענט, אַז מע זאָל דעם אַדוואָקאַט שום איבערפירן פון דאָרטן האָט זיך די אויפגע־ רעגטע מאַסע ארייגעריסן אין טורמע אריין און שום איז דערשאָסן געוואָרן פון אַ רעוואָלווער. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי בליץ־שנעל, אַז די פּאָליציי האָט קיין צייט ניט געהאַט ארויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד. די מאַסע האָט זיך אריינגעריסן אינעם מאַגאַזין פונעם אַדוואָקאַט שומס פאָטער אַף קעדענ־ שטראַסע און האָט צעגראַמירט אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען".

די דאָזיקע מעלדונג קאָן שוין ניט פאַרפירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג וועגן דעם, ווי אַזוי ס'איז אין דער ווירקלעכקייט אַלץ פאָרגעקומען, זי האָט אָבער אויך אַ ברייטערע און טיפערע באַדייטונג: מע דאַרף זי באַטראַכטן אַלס אַ מוס־ טער, לויט וועלכן מע וועט דאַרפן ווייטער, נאָכפאָלגנדיק די פאָראָרדענונגען פון פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס, מעלדן פאַרן בריטן אוילאָם וועגן אַזעלכע גע־ שעענישן, אויב מע קען זיי ניט אינגאַנצן פאַרשווייגן.

אינעם זעלביקן אָוונט איז ארויסגעגעבן געוואָרן די אויבן געבראַכטע פאַר־ אָרדענונג וועגן דעם, אַז „מעלדונגען וועגן געשעענישן ווערן דערלאָזט בלויז נאָך דעם, ווי מע באַקומט אַף זיי אַ דערלויבעניש", און אַז „עס ווערן פאַרבאָטן וואָ־ סערע־ניט־איז ענדערונגען אין דעם אָפיציעלן טעקסט".

זיך ארויסגעוואָרפן דורכן פענצטער

דעם 16־טן אַפּריל האָט דעם אָנפירער פון די באַרגאַרבעטער אין דאָרטמונד אַלבערט פונק דערקאָנט אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, וועלכער האָט וועגן דעם גע־ געבן צו וויסן דער פּאָליציי.

אַלבערט פונק איז געווען דער אָנפירער פון דער שטרייק־באַוועגונג בא די באַרגאַרבעטער, ער איז אויך געווען אַ קאָמוניסטישער דעפּוטאַט אין רייכסטאַג און אָנפירער פונעם פאַרייניקטן באַרגאַרבעטער־פאַריין. אַלבערט פונק איז באַ־ ליבט געווען בא די מאַסן און האָט זיך דערוואָרבן גרויס צוטרוי אויך בא די אַר־ בעטער פונעם רורער געגנט.

אַלבערט פונקען האָט מען געבראַכט אין דער פּאָליציי־טורמע אין דאָרט־ מונד. אים איז געלונגען אָפּצושיקן פון דאָרט אַ בריוו אַף דער פריי, אין וועלכן ער האָט דערציילט, וואָס פאַר אַ פּייניקונגען עס שטייען דאָרט אוים זיבן אַנדערע געפאַנגענע. אים, פונקען, האָט מען אין די ערשטע טעג ניט גערירט. די צייטונגען האָבן וועגן זיין ארעסט קיין וואָרט ניט געשריבן. דאָס אַליין האָט שוין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַלבערט פונק געפינט זיך אין אַ גרויס געפאַר. וואָס האָט מען זיך געקליבן צו טאָן מיט אַלבערט פונק? פאַרוואָס האָט מען פאַרשוויגן זיין ארעסט?

דעם 26־טן אַפּריל, נאָך 10 טעג זיצן ארעסטירט, איז אַלבערט פונק דער־ מאָרדעט געוואָרן. זיין פרוי איז געקומען אין דער דאָרטמונדער פּאָליציי־טורמע

צו דערשלאָגן זיך א זעאונג מיט איר מאַן. די טורמע־אדמיניסטראציע האָט איר געמאָלדן, אז „איר מאַן האָט זיך פארסאמט אין זיין קאמער".

אף מאָרגן, דעם 29־טן אַפּריל, זיינען דערשינען אין די רורער צייטונגען גרויסע „סענסאַציאָנעלע" „דעמאַסקירונגען" וועגן דעם, אז אין רעקלינהויזן און אין העלזענקירכען זיינען אויפגעדעקט טעראָריסטישע גרופּעס, גאנצע לאַגערן דינאמיט און געווער, וואָס געהערן דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין פארבינדונג דערמיט איז געמאָלדן „דער ארעסטירטער קאָמוניסטישער רייכסטאַג־דעפּוטאַט אלבערט פונק האָט געמאַכט א מעשוגע דרייסטן פּרואוו צו אנטלויפן פון דער רעקלינהויזענער אויספאָרשונגס־טורמע. ער איז ארויסגעשפּרונגען פון א פענצטער פונעם דריטן שטאָק און צעבראָכן זיך דעם רוקנביין, הענט און פיס. ער איז געבראַכט געוואָרן צוריק אין טורמע בא זיין פולן פארשטאַנד און ערשט דאָרטן איז ער איינגיכן געשטאָרבן".

עס איז פארשווינגן געוואָרן, אז פונק האָט זיך שוין קימאַט 2 וואָכן אויפגעהאַלטן אין דער טורמע און ס'איז, פארשטייט זיך, מיט קיין איין וואָרט ניט דערקלערט געוואָרן, ווי אזוי ער איז פּלוצעם פון דאָרטמונד אריינגעפאלן אין רעקלינהויזען.

דער פירער פון די בארג־ארבעטער אלבערט פונק איז דערפירט געוואָרן צו מעשוגאַס פון די שרעקלעכע פּייניקונגען. די הענקער האָבן אים געצוואונגען ארויסוואַרפן זיך פון פענצטער. פונקס כאַווירים, וואָס האָבן זיך גראָד דעמאָלט געפונען אין טורמע־הויף, זיינען דערשיטערט געוואָרן פון דער שרעקלעכער געשעניש און האָבן אויפגעהויבן א געשריי. די מערדער האָבן געעפנט די פענצטער און ארונטערגעשריען צו זיי:

— „אָ, מאַסקווער שווינען, איר קאָנט נאָכטאָן זיין ביישפּיל און שפּרינגען נאָך אים".

די דערמאָרדונג פונעם דר. געאָרג בעל לויטן אורטייל פונעם געהיימען געריכט

דעם 5־טן אַפּריל איז אינעם עסטרייכישן שטעטל דורכהאַלצען לעבן קופשטיין דר. געאָרג בעל געפאלן א קאָרבן פון אן אַפּטיילונג שטורמאָוויקעס; עטלעכע שאָסן האָבן געמאַכט א סאָף צום לעבן פון דעם אוואַנטוריסט.

ווער איז געווען דר. געאָרג בעל?

ביזן אָנהויב 1930־טן יאָר איז בעל געווען אן אגענט, וואָס וועגן זיין עקזיסטענץ האָבן געוואוסט בלויז זיינע פריינט, נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. ערשט אין יאַנואַר 1930־טן יאָר האָט ער צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפטלעכקייט. ער איז אוועקגעזעצט געוואָרן אף דער באַשולדיקונגס־באַנק לויט אן אָנקלאַגע אין פאַבריצירן פאַלשע טשערוואָנצעס. נאָך פריער איז ער געווען געמישפּעט פאַר שפּיאָנאַזש אין מינכען. מע זאָגט, אז ער איז געווען דער איניציאַטאָר פונעם פּלאַן צו פאַבריצירן די סאָוועטישע באַנקנאָטן, קעדיי אזוי ארום שאַפן שוועריקייטן פאַר פּסס"ר און אָפּרייסן פון ראַטנפארבאַנד די דאָרעמ־

דיקע סאָוועטישע רעפּובליקן. אינעם דאָזיקן פּראָצעס האָט דר. בעל געאַרבעט זייער געשיקט. יעדעס מאָל, ווען דאָס געריכט, וואָס איז אַזוי אויך ניט געווען גע־נייגט אַרויסצובריינגען קלאָר אַלע מאַכינאַציעס, וואָס זיינען געווענדעט קעגן דער אַרבעטער און פּויערים־מעלוכע, איז געווען געצוואונגען אָנצורירן אייניקע ניט גאָר אָנגענעמע פֿאַקטן, פֿלעגט בעל באַלד אָנהייבן דראָען, אַז ער וועט אויסזאָגן וועגן זיינע פֿאַרבינדונגען מיט די דייטשישע רעגירונגס־טוער. אַזוי אַרום האָט ער גע־האַלטן אין זיינע הענט דעם געריכט, וואָס האָט געמוזט נאָכגעבן אים. דער רעזול־טאַט איז געווען, אַז דער געריכט האָט בעלן פֿריי־געשפּראָכן. אויפֿן פּראָצעס איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז אין דער געשיכטע מיט פֿאַבריצירן פֿאַלשע טשערוואָנ־צעס איז געווען פֿאַרמישט דער ענגלישער נאַפט־קעניג הענרי דעטערדינג, וואָס האָט געהאָפֿט אַזוי אַרום בייקומען די קאָנקורענץ פֿון דער סאָוועטישער נאַפט און פֿאַרכאַפּן נייע נאַפט־קוואַלן.

דעטערדינג איז אויך געווען איינער פֿון די יעניקע,וואָסהאָבן פֿינאַנסירט די דייטשישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, ווייל ער האָט אין זיי איינגעזען אַן אויס־געצייכנט געווער פֿאַר זיינע אַנטיסאָוועטישע פּלענער. געאָרג בעל איז געווען אַ רינגל, וואָס האָט פֿאַרבונדן דעטערדינגן מיט די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. דאָס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן אין יאַנואַר 1930־טן יאָר, אויף אַן אַנדער פּראָצעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין מינכען און האָט שטאַרק אויפֿגערעגט די געזעלשאַפֿט־לעכע מיינונג. דער פּראָצעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע צייטונג „מינכענער פּאָסט" איז באַשולדיקט געוואָרן אין באַליידיקן דעם פּאַשיסטישן מערדער שולץ און איינעם פֿון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פֿירער, שוואַרצן. מיט וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דער דאָזיקער פּראָצעס?

אינמיטן פֿעברואַר 1932־טן יאָר האָט די „מינכענער פּאָסט" פֿאַרעפֿנטלעכט געהיימע דאָקומענטן, פֿון וועלכע ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי האָט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג ,וואָס איר אויפֿגאַבע איז באַזיי־טיקן אומפּאַסיקע פֿאַר איר פּערזאָנען. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט געהייסן „קעמערל ג".

אויפֿן געריכט האָט בעל, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן אַלס איידעס, געגעבן פֿאָלגנדיקע באַווייזן:

„איינמאָל האָט רעם צו מיר געזאָגט:

„איר ווייסט די לעצטע נייעס? מע וויל אַראָפּראַמען פֿון וועג אייך, דיומולען־עקאַרן און מיך".

„ער, בעל, האָט ניט געוואָלט גלייבן אין דעם, ביז מע האָט אים ניט דערציילט וועגן אַלץ מיט אַלע איינצלהייטן, באַטאָנענדיק, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג געהערט צום מאַיאָר בוך.

„אינגיכן האָט ער, בעל, זיך געטראָפֿן אין קאַפֿע מיט שווייקאַרדן. יע־נער האָט אים געשטעלט די זעלבע פֿראַגע: צי ווייס ער, אַז מע קלייבט זיך אים דערמאָרדן.

„ס'איז גענוג — זאָגט ווייטער שווייקאַרד — איך זאָל זאָגן אין פּאַ־

ליציי־פּרעזידיום איין וואָרט, וועט די גאַנצע באַנדע אַריינפאַלן אין טורמע (אונטערן וואָרט „באַנדע" האָט ער געמיינט די צענטראַלע אָנפירערשאַפט פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי). — דו ווילסט זיך באַקאָנען מיט דיין מערדער? ער וועט באַלד קומען אַהער.

און ווירקלעך: באַלד איז אין קאַפע אַריינגעקומען דר. האָרן פון קאַרלסרוע".

פון דעם דאָזיקן אַזוי־גערופענעם פּראָצעס איז געוואָרן באַוואוסט, אַז רעמען און דיו מילען־עקארן האָט מען זיך געקליבן „אָפּלייגן אויף קאַלט" פאַר זייערע האָמאָסעקסועלע נייגונגען און בעלן דערפאַר, וואָס ווייסנדיק וועגן דעם, האָט ער עס אויסגענוצט, כדי אַרויסצוקריגן פון זיי געלט.

דאָס, וואָס דר. בעל איז געווען באַהאַוונט אינעם פּערזענלעכן לעבן פון די „פירער" איז געווען ניט די איינציקע סיבה, כדי די גרופּע פונעם „קעמערל ג" זאָל אים אָפּראַמען פון וועג. דאָס וויכטיקסטע און אַנטשיידנדיקסטע איז געווען דאָס, וואָס ער האָט צופיל געוואוסט וועגן דער אונטערצינדונג פונעם רייכסטאַג, וועגן דעם אַנטייל, וואָס עס האָבן גענומען אין דעם גערינג און געבעלס, היינעס און רעם. ווען דער ליובע האָט דאָ געדינט אַלס געצייג. די אָנפירער פון די שטורעם אָפּטיילונגען גערינג און רעם, האָבן אַ דאַנק דעם גרויסן שפּיאָנאַזש־אַפּאַראַט זייערן גוט געוואוסט, אַז בעל איז באַוואָפנט קעגן זיי מיט דאָקומענטן און ער קלויבט זיך שוין ווידער פאַרוואַנדלען די דאָזיקע באַהאַוונטקייט זיינע אין אַ היפּשער מאַטבייע.

דעריבער האָט רעם אָפּגעגעבן אַ באַפעל „מאַכן אַ סאָף" צו בעלן. ווען בעל האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, איז ער פריער פון אַלץ אַרויסגעטראָטן פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דערזעענדיק, אַז מען זעצט פאַר די פאַרפאָלגונגען קעגן אים, איז ער אַנטלאָפן אין עסטרייך. זיין פרוי און טאָכטער האָבן די שטורמאַוויקעס גענומען אונטער אַ וואַך, אַלס אָרוועט. דורך בעלס אַ גוטן פריינט, דעם שטורמאַוויק קאָנראַד, האָט רעם זיך דערוואוסט, וואו ער, בעל, געפינט זיך. אומזיסט האָט בעל געבעטן אין אַ טעלעגראַמע דעם אַלמעכטיקן רעם, ער זאָל אים מוחל זיין. רעם האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל צו זיינע פיר לייבהיטער, זיי זאָלן מיט געוואַלד ברענגען בעלן אין דייטשלאַנד. באַם געזעגענען זיך מיט זיי האָט ער זיי געזאָגט:

„ברענגט מיר אים אַהער אַ לעבעדיקן צי אַ טויטן, נאָר בעסער אַ לעבעדיקן. דעריבער זאָלט איר לאַנג ניט ברייען: אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ, אַריינגעזעצט אין אויטאָבאָביל און — מאַרש אַריבער דעם גרענעץ.

די מערדער, וואָס רעם האָט געשיקט, זיינען אַוועקגעפאָרן אויף אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט געהערט צו די פירער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. כוץ דעם האָט דער הויפּט פון דער מינכענער פּאָליציי, הימלער, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אויך דער עלטסטער פון די פאַשיסטישע שוץ־אָפּטיילונגען, אַוועקגעשיקט אַהין אַ בריגאַדע שטורמאַוויקעס.

בעל האָט אין דער זעלבער צייט באַקומען אַ וואָרענונגס־טעלעגראַמע פון

קאַנראַדן. ווען די פאַרפאָלגער זיינע זיינען געקומען, האָט ער שוין געהאַלטן אין איינפּאַקן זיינע זאַכן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אין זייער אויטאָמאָביל קיין דייטשלאַנד. אַלס ענטפער האָבן זיך געלאָזט הערן זעקס שאָסן — און אַלע האָבן געטראָפן אין ציל: צוויי אין ברוסט, איינער — אין בויך, דריי אין קאָפּ. בעל איז געפאַלן טויט אַפן אָרט.

ווי אַזוי מען האָט דערמאָרדעט דעם
אוואַנטוריסטישן „נאָווי" פון דער „דריטער אימפעריע"

עריק יאַן האַנוסען, אַדער בא זיין עמעסן נאָמען הערשמאַן שטיינשניידער, איז געבאָרן אין ווין אין א אידישער פאַמיליע. לויט זיין פּראָפעסיע איז ער געווען אַן אַקטיאָר, א קונצנמאַכער. דערביי האָט ער אָבער אָנגעהויבן זיינע קונצן אַלס אַנטפּלעקונג פון איבערנאַטירלעכע קרעפטן, וואָס דערפאַר איז ער עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז ער צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן פאַרן ברייטן עולם אין דער ראָלע פון א „נאָווי", א העלזעער און ס'האָט אים „אָפּגעגאָלטן". איינער א זשאַנדאַרם האָט אים אָנגעקלאָגט פאַר שווינדלעריי. ס'איז אים געלונגען ניט צו דערלאָזן אַפן געריכט דעם געפערלעכסטן איידעס, זיין אייגענעם סעקרעטאַר עריק יון, וואָס האָט אים געהאָלפן מאַכן די אַלע קונצן. דער געריכט אין לייטמעריץ האָט אים פריינגעשפּראָכן, ווייל ס'איז ניט געווען דערוויזן זיין פאַרברעכן. אויסנוצנדיק דעם דאָזיקן פאַל אַלס א רעקלאַמע פאַר זיך, הייבט ער אָן אַרויסצוטרעטן אין דער זעלביקער ראָלע אין בערלין. אף זיינע סעאַנסן ציט ער צו א גרויסן עולם, באַזונדערס דערפאַר, ווייל ער האָט אין זיין „נעוויעס" איינגעשלאָסן אויך פּאָליטישע פראַגן. ער אָרדנט איין סעאַנסן, גיט לעקציעס, גרינדעט אַ צייטונג „האַנוסענס פאַרשידנאַרטיקע וועכנטלעכע באַאָבאַכטונגען" און ווערט א רייכער מאַן. נאָך דעם זיג פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן בא די וואַלן דעם 14־טן סעפּטעמבער 1930 ווערט ער א נאַציאָנאַליסט און הייבט אָן אין זיינע אַרויסטרעטונגען אַגיטירן פאַר היטלערן.

ווען היטלער איז דעם 30־טן יאַנואַר באַשטימט געוואָרן אַלס רייכסקאַנצלער האָט דער איד האַנוסען, וואָס האָט צו דער צייט זיך שוין געשמאַדט, אָפּגעדרוקט אַן אָפענעם בריוו צו היטלערן, א בריוו פול מיט ליבגעזאַנג, וואו ער שטעלט פאָר היטלערס זיג, ווי זיין אייגענעם זיג.

נאָכן „נאַציאָנאַלן" אויפשטייג איז האַנוסען „באַפליגלט" געוואָרן. יעדן אָוונט פלעגט ער פאָדערן, מע זאָל אים באַערן אף גרויסע פאַרזאַמלונגען, אין בערלינער מוזיק־האָל, וואו ער פלעגט אַרויסטרעטן אַלס דער נאָווי פון דער „דריטער אימפעריע". ער פלעגט זיך ווענדן צו די אידישע געלט־זעק, צו די צייטונגס־פאַרלאַגן, און פאַרופנדיק זיך אף זיינע גוטע באַציאונגען מיט די שטורמאָוויקעס, האָט ער פון זיי געצאַפּט גרויסע סומען געלט. ער האָט זיך אויך געווענדט צום פאַרוואַלטער פון פאַרלאַנג פון דער פּאַשיזירטער צייטונג „בערלינער טאַגעבלאַט",

צו קארל פעטער, און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער קאָן אים באַשיצן פון אַלערליי אומאַנגענעמלעכקייטן מיצאַד די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, ווייל דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער קאָמיסאַר בא דער פירמע מאָסע, פאָן אָסט, און אויך דער פירשט העלדאָרף און אנדערע פירער פון די שטורמאָוויקעס, זיינען אים שולדיק אסאך געלט. פעטער האָט זיין פאָרשלאַג ניט אָנגענומען. ער איז אוועק צו אָסטן, האָט אים געגעבן א טשעק אויף א באַדייטנדיקער סומע געלט און האָט אים געבעטן, ער זאָל אים באַפרייען פון דער שקלאַפעריי בא האַנוסענען.

דעם 24־טן מערץ איז האַנוסען אַרעסטירט געוואָרן, פונקט פאַר זיין אַרויסטריט אויף א גרויסער פאַרזאַמלונג.

דעם אוילעם האָט מען דערקלערט, אַז האַנוסען איז פּלוצים קראַנק געוואָרן. דער „פעלקישער באַאָבאַכטער" האָט געמאָלדן, אַז האַנוסען געפינט זיך אין דער פּאָליציי־טורמע אין בערלין דערפאַר, וואָס ער איז מיט דער הילף פון פאַלשע דאָקומענטן אַריין אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אינדערעמעסן האָט מען האַנוסענען אוועקגעפירט אויף אַן אויטאָמאָביל אין בארוס, אין דער אומגעגנט פון בערלין און מיט 10 טעג שפעטער האָט מען אין וואַלד געפונען זיין טויטן קערפּער. זיין פּנים איז געווען צעלעכערט מיט זעקס קוילן.

די פאַשיסטן האָבן ווידער מיט דער הילף פון געהיימען מאָרד אַראָפּגעראַמט פון וועג א געפערלעכן מענטשן, וואָס איז געווען פאַרטרויט אין אַלע סוידעס פון די העכסטע אָנפירער פון די שטורעם־אָפּטיילונגען.

די באַרטאָלאָמיי־נאַכט אין קעפּעניק

אין אסאך דייטשישע שטעט האָבן די שטורמאָוויקעס פאַרווירקלעכט לויט אַלע קלאָלים „די נאַכט פון די לאַנגע מעסערס", וואָס וועגן דעם האָט מען געשמועסט נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. אין דער נאַכט פונעם 21־טן אויפן 22־טן יוני האָבן די שטורמאָוויקעס געמאַכט א שוידערלעכע האַריגע אין דער בערלינער פאָרשטאָט קעפּעניק, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג. אַלס קאָרבאָנעס זיינען געפאַלן פאַרטיי־טוער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און קאָמוניסטישער פאַרטייען און אויך באַאַמטע פון רייכסבאַנער.

דעם 21־טן יוני האָבן די שטורמאָוויקעס דורכגעפירט צוויי אונטערזוכונגען באַם סעקרעטאַר פונעם פּראָפעסיאָנאַלן פאַריין, שמאוס, אינעם דאַטשע־שטעטל קעפּעניק. זיי האָבן, קלוימערשט, געזוכט געווער. באַנאַכט זיינען די שטורמאָוויקעס געקומען צום דריטן מאָל, געבראַכט צו שלעפּן מיט זיך שמאוסעס אַרעסטירטן איידעם, א קאָמוניסט. זיי האָבן עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן און האָבן זיך אַריינגעריסן אין הויז. בא שמאוסן איז פאַראַן א טאַמעוואַטער זון, 22 יאָר אַלט. ווען די שיסעריי האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף, איז ער אַרויסגעגאַנגען אַן אויסגעטאָנענער, האַלטנדיק א רעוואָלווער אין האַנט. די מוטער האָט דערשראָקן א געשריי געטאָן צו אים: „שיס ניט"!, נאָר ער האָט אויסגעשאָסן און פאַרוואונדעט די צוויי שטורמאָוויקעס, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטוב. ערשט דאַן

האָט זיך אָנגעהויבן די שכיטע: שמאָוסעס אײדעם ראַקאָווסקין האָבן די שטורמאָווײקעס דערשאָסן לעבן הויז; שמאָוסעס זון האָט מען אַרעסטירט און געשלאָגן ביז צום טויט; שמאָוסן האָט מען אויפגעהאַנגען בא אים אין שטוב. די מוטער האָבן די שטורמאָווײקעס באַשולדיקט אין דעם, אַז זי זאָל האָבן אַ געשריי געטאָן „שיס־זשע"! מען האָט זי אַזוי געפּייניקט, אַז זי איז אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן.

אין גאַנץ קעפּעניק און אין פרידריכסהאַפען זײַנען די „מאַרקסיסטן" אין יענער נאַכט אויפגעהויבן געוואָרן פון די געלעגערס און אַרעסטירט געוואָרן, צווישן זיי אויך דער אָנפירער פון רײַכסבאַנער און דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער פון מעקלענבורג יאָהאַנעס שטעלינג, אַ טוער פון רײַכסבאַנער פּאַול פאָן עסען פון קעפּעניק, 55 יאָר אַלט, דער געוועזענער פירער פון רײַכסבאַנער אין פרידריכסהאַפען אסנאַן, 57 יאָר אַלט.

ווי אַזוי די מערדער זײַנען זיך באַגאַנגען מיט די אַרעסטירטע אין דער קאַזאַרמע באַשרײַבט אײנער אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס האָט אַלץ געזען מיט זײַנע אײגענע אויגן:

„דער אויטאָמאָביל האָט אונז צוגעפירט צו דער קעפּעניקער טורמע, וואָס געפינט זיך באַם געריכט. דער גאַנצער פּלאַץ באַם געריכט איז געווען פאַרפלייצט מיט שטורמאָווײקעס, וואָס האָבן געוואָלט באַלד זיך אַרויפוואַרפן אויף אונז, נאָר דער עלטסטער האָט צו זיי אַ געשריי געטאָן:

„שטייט! ניט שלאָגט אויף דער גאַס"!

„ווי נאָר מיר זײַנען אַרײַן אינעווייניק אין דער טורמע־געבײַדע, האָט זיך אָנגעהויבן די פּייניקונג. מע האָט אונז אַוועקגעיאָגט אַרויף איבער די טרעפּ, דערנאָך דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר. אין אַ גרויסער קאַמער זײַנען געשטאַנען 10 כאַווײרים מיטן פּאָנים צו דער וואַנט. אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די ווענט זײַנען געווען צו זען בלוט־פּלעקן. אַן אַלטע פרוי, וואָס בא איר האָט זיך געגאָסן בלוט פון מויל און פון נאָז, האָט מען געצוואונגען וואַשן די פּאָדלאָגע. די קלייד אירע איז אויך געווען אין בלוט. דער שטורמאָוויק האָט זיך געווענדעט צו מיר: „דו קענסט אָט די פּראָסטיטוטקע"? איך האָב זיך אומגעקוקט אויף דער פרוי און בין געבליבן דערשטוינט — דאָס איז געווען מײַן פרוים מוטער.

„נאָכדעם האָט דערזעלבער לאָזע אויפגעפּאָדערט דעם כאַוער קײזער, ער זאָל אַ זעץ טאָן מיטן פויסט אַ צווייטן כאַוער. ווען קײזער האָט עס גלײַך טאָן ניט געוואָלט, האָט ער אים געגעבן אַזאַ זעץ מיטן פויסט איבערן פּאָנים, אַז יענער האָט זיך צעקלאַפּט דעם קאָפּ אָן וואַנט. דערנאָך האָט מען געצוואונגען די כאַווײרים, זיי זאָלן אײנער דעם אַנדערן שלאָגן מיט ריטער ביז בלוט. מיך האָט דער לאָזע באַגעגנט מיט אַזעלכע ווערטער: „ענדלעך ביסטו אַרײַנגעפאַלן צו מיר אין די הענט, דו מאַרקסיסטישער שוויין!" — און ער האָט מיר אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין פּאָנעם, און

א ברוטאל צעמיימעסטע פרוי



די פארוזאלטערן פון פילאנטראָפישן אָפּטייל, מאריא יאנאָווסקאיא, וואָס וואוינט אין בערלין־קעפּעניק אף בערגמאנשטראסע, 18, האָבן די שטורמאָוויקעס אוועקגעפירט אין דעמוטס ביר שענק אף יעליזאַוועטשטראסע 29, אין קעפּעניק און האָבן זי דאָרט 2 שאָ צייט געשלאָגן איבערן נאַקעטן קערפּער מיט גומענע שטעקנס, שטאָלענע ריטער און מיט א קנוט. דאָס פאָטאָ בילד באווייזט די רעזולטאַטן פון אַט דער שוידערלעכער האריגע.

פרוי יאנאָווסקאיא האָט באקומען ערנסטע אינערלעכע צעשעדיקונגען. היטלערס רעגירונג האָט קעגן דער שווער קראנקער פרוי אויפגעהויבן א פּראָצעס, באשולדיקנדיק זי אין „רעכילעס מיקויעד ברוטאלקייטן”.

זיינע כאַוויירים האָבן געטאָן דאָס זעלביקע. מען האָט אונז אַלעמען אָפּגעשאָרן, בא מיר האָט מען אויסגעשאָרן א פאַשיסטישן צייכן.

„איינעם א קאָמוניסט האָט מען באַם שערן בכיוון פאַרכאַפּט מיט דער שער די נאָז. דערביי האָט דער אָנפירער פון די שטורמאָוויקעס א רעווע געטאָן: „ס'מאַכט ניט אויס, אויב מען וועט פאַרכאַפּן די הויט, מיר האָבן גענוג באַנדאַזשן”. דערנאָך האָט מען אונז געיאָגט א מאָל צען דורכן „סטרוי” פון די שטורמאָוויקעס, וואָס זיינען געווען באַוואָפנט מיט הילצערנע און גומענע שטעקנס. באַם דורכגיין דורכן „סטרוי” האָבן זיי אונז אזוי געשלאָגן, אז די עלטערע מענטשן זיינען געבליבן ליגן אָן באַוואוסטזיין. נאָכדעם האָט מען געבראַכט צו שלעפּן דעם 55 יאָריקן כ' פאול פאָן עסען, א פאָטער פון פיר קינדער. ער איז ערשט געווען ארויס פון שפּיטאָל, שוין לאַנג ארבעטסלאָז, בלינד אַף איין אויג. די שטורמאָוויקעס האָבן אים באַגעגנט מיט א ווילדער פרייד. צום אַלעמערשטן האָט מען אים מעכאַבעד געווען מיט א זעץ אין פּאָנעם, דערנאָך האָט מען אים אראָפּגעריסן די הויזן און גענומען מערדערלעך שלאָגן מיט גומענע פלעקער איבערן הוילן לייב, ביז ער איז ניט געבליבן ליגן אין אָנמאַכט. דאַן האָט דער עלטסטער א זאָג געטאָן: „נו, מיט דעם שוויין האָבן מיר שוין געענדיקט!”.

„דער באַוועגער פאָן עסען איז געשטאָרבן פון די שרעקלעכע וואונדן”!

„יענע ארעסטירטע, וואָס האָבן זיך נאָך געקאָנט האַלטן אַף די פיס, האָט מען געצוואונגען אונטער דער קאָמאַנדע פון לאָזע פירן א באָקס-געראַנגל איינער מיטן צווייטן. אויב עמעצער פלעגט פון שלאַפקייט אויפהערן דעם געראַנגל, פלעגט מען אים אונטערטרייבן מיט די גומענע פלעקער. מיך האָט מען געצוואונגען פירן דעם באָקס-געראַנגל מיט א מענטשן, וואָס איך האָב ניט געקענט זאָגן, ווער ער איז, ווייל זיין פּאָנעם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א פאַרשוואָלן, פאַרבלוטיקט שטיק פלייש. נאָכדעם האָט מען אונז מיט די שטעקנס און גומענע פלעקער גענומען פאַרטרייבן אין די קאַמערן. דאָרט האָט זיך אָפּסניי אָנגעהויבן די פייניקונג מעטאָדיש, אויסגערעכנט. ענדלעך האָט מען מיך געבראַכט צו פירן צום אָנפירער פון די שטורמאָוויקעס געריקע. איך בין אריינגעפאַלן אין אזא האָפּענונסלאָזן צושטאַנד, אז איך האָב אָנגעהויבן שרייען — איך בין ניט קיין מאַרקסיסט! דאַן האָט געריקע באַפוילן, מע זאָל מיך אויפהערן שלאָגן, דערביי האָט ער צוגעגעבן, אז טאָמער זאָג איך א ליגן, וועט מען מיך שיסן.

„באַלד נאָכדעם האָט זיך געעפנט די טיר פון מיין קאַמער. איך האָב דערזען דעם הויפּט פון די שטורמאָוויעקס, קאַבאַלטן פון קעפּעניק. ער האָט זיך אריינגערוקט צו מיר אין קאַמער און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע שטורמאָוויקעס גענומען מיך מערדערלעך שלאָגן, שרייענדיק דערביי:

„מיר ווען היינט מאַכן צו דיר א סאָף, דו אויסוואורף”!

„מע האָט מיך אוועקגעשלעפּט איבערן קאָרידאָר אין קאַמער, וואו עס

דערמאָרדעטע אַרבעטער





אויבן רעכטס — צעמיימעסטע ארבעטער אין פראנקפורט אם מיין.
אויבן לינקס — אנאבערגער קאָמוניסטישע פארטיי־טוער אין די
ארץ־בערג, צעמיימעסטע פון שטורמאָוויקעס מיט שטאָלענע ריטער.
אונטן א צעמיימעסטער אָנפירער פון רייכסבאנער אין דאָרעם־
דייטשלאנד.



האָט זיך געפונען מיין פרוים מוטער. צוויי שטורמאָוויקעס האָבן מיך געהאלטן און קאָבאָלט מיט נאָך עטלעכע שטורמאָוויקעס האָבן פאר מיר אין די אויגן גענומען פייניקן די אלטע פרוי. זי געפינט זיך איצט אין מעשוגאָאים־הויז. איך בין אויך געוועזן דערביי, ווי מ׳האָט געפייניקט די ברידער גישע, נאָך גאָר יונגע באָכערימלעך. די פייניקונג האָט געדויערט דעם גאנצן טאָג. די שטורמאָוויקעס האָבן זיך געביטן, קעדיי צו געבן אָפּ־רוען איינער דעם צווייטן. 4 אזייגער פארטאָג האָט מען מיך ארויסגעפירט פון קאַמער און געהייסן גיין אהיים. דער הויפּט פון די שטורמאָוויקעס קאָ־באָלט מיט 3 פון זיינע יונגען זיינען געפאָרן פאָראויס אף מאָטאָציקלען. איינער פון די שטורמאָוויקעס האָט מיר פארטרויט אפן אויער, אז מען קלויבט זיך דערמאָרדן מיך. דער וועג איז געלעגן דורך א וואלד. דאָרט איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן”.

צווישן די ארעסטירטע איז אויך געווען שטעלינג. אין עטלעכע טעג ארום האָט מען זיין טויטן קערפּער, א פארנייטן אין א זאק, געפונען אין פינאָוו־קאַנאַל. מען האָט פון דאָרט ארויסגעשלעפּט נאָך צוויי טויטע קערפּערס, נאָר ס׳איז אומ־מעגלעך געווען צו דערקענען, ווער זיי זיינען. עס זיינען פארשוואונדן נאָך 11 מענטשן. דעם 12־טן יולי האָט מען געפונען אויך דעם טויטן קערפּער פון אסמאנען.

די אָנפירער פון די שטורמאָוויקעס האָבן באוואוסטזיניק אָרגאניזירט אָט די „נאַכט פון די לאַנגע מעסערס”, קעדיי צו צעשטרייען די אומצופרידנקייט פון די שטורמאָוויקעס, ווייל גראָד דעמאָלט האָט זיך אין די שטורעם־בריגאַדעס שטאַר־קער דערהערט די פאָדערונג, אז מען זאָל פארווירקלעכן די „סאָציאַליסטישע” פונקטן פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער „פּראָגראַם” מיט דער הילף פון א „צווייטער רעוואָלוציע”.

אזוי ארום האָט פונקט אין די טעג, ווען היטלער האָט זיך מער אָפן ארויס־געזאָגט פאר די פאָדערונגען פונעם גרויס־קאַפּיטאַל, גענומען וואקסן אין אלע עקן דייטשלאַנד די צאָל מאָרדן.

מען קאָן ניט אָפּנאַרן די גאַנצע וועלט

דער אָפּקלאַנג, וואָס עס רופן ארויס די דייטשע געשעעניש אין אויסלאַנד, באַווייזט, אז די אַלע מאַנעוורן, וואָס היטלער נעמט אָן, קעדיי ניט צו דערלאָזן, אז דער עמעס וועגן די מערדערייען זאָל ווערן באַוואוסט אומעטום, העלפט גאָרניט. די אויסלענדישע פּרעסע האָט סיסטעמאַטיש פאַרצייכנט אויף אירע שפּאַלטן דעם בלוטיקן טעראָר און די פאַרפאָלגונגען קעגן אידן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס היטלערס רעגירונג האָלט קעסיידער אין אָפּלייקענען דאָס. און ניט בלויז די אויס־לענדישע פּרעסע, נאָר אויך די בעסטע געוויסנהאַפטע שרייבער פון דער בורזשו־אַזער וועלט, די וויסנשאַפטלייט, דאָקטוירים און אדוואָקאַטן האָבן געלאָזט הערן זייער פּראָטעסט־קול קעגן דעם היטלעריסטישן טעראָר. אין דער גרעסטער צאָל לענדער האָבן זיי זיך פאַראייניקט אין קאָמיטעטן צו העלפן די קאָרבאָנעס פונעם היטלערישן פאַשיזם.

פון דער אומגעהייער גרויסער צאָל פּראָטעסטן און באַשולדיקונגען קעגן דעם היטלעריסטישן טעראָר, גיבן מיר דאָ בלויז איינצלנע.

דער פּראָטעסט

שערוואוד אנדערסאָן האָט זיך אָפּגערופן אפן פאָרשלאַג צו באַטייליקן זיך אינעם „ברוינעם בוך" מיטן פאָלגנדיקן בריוו:

„וואָס שייעך היטלערס דייטשלאַנד, איז דאָס איינע פון יענע אומגע־לומפּערטע דערשיינונגען צווישן מענטשן, וואָס איבער זיי הייבט אָן צייטנ־ווייז זיך דוכטן, אז דאָס לעבן האָט ניט קיין זינען. מיך שרעקט דער געדאַנק, אז דאָס קאָן שאַפן א נייעם טערעץ צו פיינט האָבן דאָס דייטשישע פאָלק. מיר האָבן שוין איינמאָל דאָס איבערגעלעבט. איך, אלס אַן אמע־ריקאַנער, קאָן דאָך אויך ניט באַרימען זיך מיט דער געשיכטע פון מיין לאַנד. מיר, אמעריקאַנער, טאָרן ניט פאַרגעסן, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט מיט עטלעכע יאָר צוריק דער קו־קלוקס־קלאַן, מיר טאָרן אויך ניט פאַר־געסן די נעגער־לינטשעריי, וואָס ווערט נאָך פּראַקטיקירט בא אונז אין דאָרעם. דאָך שטערט דאָס מיר ניט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע שרייבער פון איירָאָפּע און אמעריקע צו באַטייליקן זיך אין דעם אַלגעמיינעם פּראָ־טעסט.

אויפריכטיק אייערער — ש ע ר וו א ו ד אַ נ ד ע ר ס אָ ן"

דער דייטשישער פאשיזם

„יעדער איינער, וואָס איז איבערצייגט, אז די צוקונפט פון מיירעוו־אייראָפּע הענגט אָפּ פון דייטשלאַנד, מוז מיט ווייטיק אין הארצן איבערלעבן דעם איצטיקן עטאַפּ פון זיין געשיכטע.

דער דאָזיקער עטאַפּ איז ניט קיין אומדערוואַרטעטער. ס'איז דאָך קלאָר, אז אלץ, וואָס עס קומט פאָר היינט צו טאָג אָפן פאר אלעמען איז אין א פארבאָרגענער פאָרם געווען שוין פאר דער מילכאָמע. אי די פארפאָלגונגען קעגן אידן אי דער האס פון די הערשער צו די ברייטע פאָלקסמאַסן, צו זייער פאָדערונג לעבן ווי מענטשן אי די גרויזאמע מעטאָדן פון אונטערדריקן די דאָזיקע פאָדערונגען, — דאָס אלץ איז שוין געווען אויך פריער. די רעאַקציע האָט זיך געלאָזט פילן אויך אין אנדערע לענדער אין א געצוונגענדיקער מאָס. דאָס יונקערישע אגראַר־פרייסן איז אָבער געווען מאַמעש א פעסטונג פון דער אלוועלטלעכער רעאקציע. דאָ האָט די רעגירונג פארניכטעט 350 טויזנט פרייע פויערישע ווירטשאַפטן, און זייער ערד האָבן פארכאַפּט גוט־באַזיצער און זיי זיצן אויף איר ביז היינטיקן טאָג. זיי זיינען געווען דער הויפּט־אָנהאַלט פאר דער ווילהעלם־אימפּעריע. פון דאָנען קומט אָט־דער פאשיסטן אויסוואורף. נאָך פון קינדהייט אָן פארגרעבטע, צוזעענדיק די אומענטשלעכע באַציאונג צו די באַטראַכן בא זיך אין דער היים, פלעגן זיי נאָך מער פארגרעבט ווערן אין די סטודענטישע יאָרן. די טראַדיציע פון קאָרפּאָראַציעס, פון הוליאַנקעס, די איבל־באַציאונג צו דער ציווילער באַפעלקערונג און די סטודענטישע דועלן האָבן אויסגעשמידט פון זיי קאַדרען אָפיצירן, הויכע רעגירונג און פּאָליציי־באַאַמטע.

דאָס דייטשישע פאָלק, ווי יעדעס פאָלק, ווען דו לעבסט זיך איין מיט אים, מוז מען ליב באַקומען פאר זיין ארבעטזאמקייט, פאר זיין גרייטקייט קומען צו הילף, פאר זיינע גוטע אייגנשאַפטן. דאָך האָט מען זיך אין ווילהעלמס מעלוכע ניט געקענט פילן גוט. דייטשלאַנד האָט שטענדיק געמאַכט דעם איינדרוק פון אזא באָדן, וואָס איז דוכט זיך גוט קולטיווירט, נאָר וואָס קאָן צו יעדן מאָמענט ווידער פארוואַנדלט ווערן אין א וויסטעניש און אלץ וועט ווערן פארשטיקט, פארניכטעט. די ברייטע שיכטן זיינען אין אלגעמיין נאָך ניט געווען פעאיק צו באפרייען זיך פון דער פּסיכאָלאָגיע פון „הארן” און פון דעם קנעכטישן געפיל, וואָס דרינגט דערפון ארויס. דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז ניט געלונגען דערוועקן אינעם פּראָלעטאַריאַט דעם באַוואוסטזיין פון זעלבסטווירדע. אין די פּראָפּאַריינישע און פּאַרטייאישע קאַדרען, מיט זייערע ציווילע אונטעראָפיצירן און פעלדפעבעלס, מיט זייערע אימפּעריאליסטיש־געשטימטע פירער איז דייטלעך אויפגעקומען ווילהעלמס „גייסט”. די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז פארוואַקסן געוואָרן מיטן קאַפּיטאַליסטישן ווילדגראָז: מיט אימפּער־

צוויי דערמאָרדעטע קאָמוניסטישע רייכסטאַג־דעפּוטאַטן

וואלטער שיץ, רייכסטאַג־דעפּוטאַט פון מיזרעך־פּרייסן, איינער פון די אמערסטן פּאָפּולערע ארבעטער־פירער אין מיזרעך־פּרייסן; שטורמאָוויקעס האָבן אים ארעסטירט אין קעניגס־בערג. זיי האָבן אים ברוטאל געפּייניקט און דערנאָך דערמאָרדעט.



אלבערט פונק, רייכסטאַג־דעפּוטאַט. מיטגליד פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּארטיי. א באוואוסטער פירער פון די רורער בארג־ארבעטער. דערמאָרדעט אין רעקלינגהויזענער אויספאָרשונג־טפיסע, מע האָט אים ארויסגעוואָרפן פון פענצטער פון דריטן שטאָק אין הויף.

יאליזם, אַנטיסעמיטיזם, אינדיווידואליזם און ביוראָקראַטיזם.

דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט איז, — קאַלזמאַן דייטשלאַנד האָט געדינט פאַר אים אַלס מוסטער, אויסגעקומען אַסאַך פון די ווילדגראַזן אָנעמען פאַר פּראָלעטאַרישע קולטורעלע פּלאַנצונגען.

יעטוועדער קאַמף פאַר קולטור באַטייט באַפרייען דעם מענטשן אין אַ וועלכן עס איז געביט. היינט צו טאָג איז מעגלעך בלויז איין אַרט קאַמף פאַר קולטור, — און דאָס איז דער קאַמף פאַר באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט פון ווירטשאַפטלעכער, נאַציאָנאַלער, קאָלאָניאַלער און ראַסעווער טיראַניי.

דער פאַשיזם — דאָס איז דער פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם, ווען עס זיינען פון אים אַראָפּגעריסן געוואָרן אַלע צודעקן און ער באַווייזט זיין כייעשן פּאַרצעף. אונזער איצטיקער קאַמף איז, ווי יעטוועדער קאַמף פאַר קולטור, — אַ קאַמף פאַר דעם מענטשן און קעגן דער כייע. ווער עס צווייפלט נאָך אין דעם, דער זאָל ווענדן זיין בליק צום איצטיקן דייטשלאַנד.

צו אַזאַ קאַמף טויג ניט די אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס שפּילט זיך מיט אַזעלכע באַגריפן ווי „פּאַציפיזם", „הומאַניזם" און טוט נאָך דער בורזשואַזער מאָראַל. ווער עס וויל אויסרייסן ווילדגראַזן, דער מוז עס אָנכאַפּן שטייף אין האַנט, דערביי מוז ער האָבן אַ האַרטע הויט אויף די הענט.

מיר האָבן נאָך ניט גענוג טיף פאַנאַנדערגעאַקערט דעם באָדן. אונטערן קולטיווירטן שיכט ערד, זיינען נאָך ניט אויסגעקאָרטשעוועט די וואָרצלען פון דעם אַמאָל. באַזונדערס איז דאָס ריכטיק בענוגע דייטשלאַנד. מען מוז איבעראַניים איבעראַקערן דעם באָדן. לאָמיר טאָן אַזוי, ווי מ'האָט געטאָן אין פּססר — אָנהייבן אַפסניי, באַוואָפנטע מיט קאָלאָנעם טראַקטערם!

מ א ר ט י ן א נ ד ע ר ס ע ן נ ע ק ס ע"

די גרעסטע טראַגיקאָמעדיע פון אונזער צייט

„דאָס ברוינע בוך איז אַ דענקמאָל, וואָס באַשטייט פון פאַקטן און דאָקומענטן. אויב אַכוצדעם איז עס נאָך אַ שרעקלעכער באַשולדיקונגס־אַקט, איז דאָס דערפאַר, ווייל די פאַקטן ריידן אַליין פאַר זיך.

אין וואָס פאַר אַ לאַגע געפינען מיר זיך איצט? אונזער שטאָלצער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט האָט באַקומען בעיערושע פון די פאַרגאַנגענע עפּאָכעס די פּראָדוציר־קויכעס, די ציוויליזאַציע, די קולטור, וואָס וואָלטן געקאָנט באַזאָרגן מיט לעבנסמיטלען אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. אויב די אַלטע לעגענדע וועגן דער גאָלדענער ערע וואָלט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן ווען עס איז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, — איז עס אין אונזער צייט ווען דער מענטשלעכער געדאַנק האָט נאָך טויזנט יאָרן קאַמף באַהערשט אַזויפיל געוואָר צו מאַכן אונטערטעניק די קויכעס פון דער נאַטור און אַזויפיל מיטלען איינצושטעלן נאָענטע פאַרבינדונגען צווישן מענ־

הומבערט, אן ארבעטער, פארפייניקט ביז טויט



דעם העדענאוער ארבעטער הומבערט האָבן די שטורמאָוויקעס פון קעניג־שטיין, זאקסן, בוכשטעבלעך איבער־געבראָכן אלע ביינער און פארפייניקט ביז טויט.

אונטן — דעם דערמאָרדעטן הומ־בערטס פיר קינדער (פון פינף).



טשן. און אין קעגנזאץ דערצו, וואָס זעען מיר אין דערווירקלעכקייט? מיר זעען, ווי אַט די געלויבטע „ציוויליזאַציע" שטרענגט אָן אַלע אירע קרעפטן, קעדיי צו דערפירן די מענטשהייט צום אומקום.

איז דאָס דער גאָלדענער יאָרהונדערט? ניין! דאָס איז א יאָרהונדערט פון גאָלד, אייזן און בלוט. פאַר דעם נאָכמילכאָמע־פעריאָד, פונקט ווי אין דער צייט פון מילכאָמע, האָבן זיך די מענטשלעכע אָרעמקייט די ליידן שטאַרק פאַרשפּרייט, אַזוי ווי א מאַגייפע. אומעטום הערשט אומגערעכטיקייט, אונטערדריקונג, גרויזאַמקייט: אין די קאָלאָניעס, אפן ווייטן מיזרעך, אין צאָפן און דאָרעם אַמעריקע, אין שפּאַניע אין אונגאַרן, אין פּוילן, אף די באַלקאַנען. און איצט קומט פאָר א צוריקטריט צו א פולשטענדיקער באַרבאַרישקייט אין דייטשלאַנד, וואו די ברוטאַלקייט איז אָן א גרענעץ.

פון אַלע אומגליקן, וואָס איבער זיי ליידן און גייען אוים מיט בלוט די דוירעס פון אונזער עפּאָכע, האָט מער פון אַלץ פאַרוואונדעט אונזערע הערצער דאָס, וואָס ס'האָט פּאַסירט אין דייטשלאַנד. א גרויס פאָלק, וואָס מיר האָבן עס ליב ניט נאָר פאַר זיינע געניאַלע מענטשן אין געביט פון פילאָסאָפיע און קונסט פאַר זיינע מייסטערהאַפטע שאַפונגען, וואָס האָבן ציוויליזירט די גאַנצע וועלט, פאַר זיין גלענצענדיקער פעאיקייט צו סיסטעמאַטיזירן און אָרגאַניזירן, — אַט דאָס פאָלק איז געוואָרן אָן אַרמיי פון קנעכט, וואָס יעדער מענטש אין אירע רייען ווערט צעטרעטן, אויב ער וואַגט אויפהייבן דעם קאָפּ. די דייטשישע פעאיקייט אונטערצוואַרפן יעדן איינעם דעם אַלגעמיינעם ווילן, די האַרמאָניע פון קרעפטן, דער אינסטינקטיווער סאָציאַלער געפיל וואָס איז איינער פון די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון אַט דעם פאָלק — ווערן מיט בייזוויליקייט אויסגענוצט פאַר אַנטיסאָציאַלע מאַיסים, פאַר פאַרפאָלגן און צעשטערן.

די איצטיקע הערשער פונעם גרויסן דייטשלאַנד האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט בלויז צוליב זייערע אייגננוציקע אינטערעסן. זיי זיינען די ערגסטע סאָנים פון זייער אייגן פאָלק. דאָס איז א פּאַזע פון אָרגאַניזירטער, ראַפינירטער באַרבאַרישקייט. ערגעץ־וואו אַנדערש טראָגט די גזיילע, די בלוטבאָד א פּרימיטיוון, א ריין כייאישן כאַראַקטער, און דאָ ווערט עס געטאָן אויסגערעכנט, גוט דורכגעטראַכט און באַוויזט, אַז ס'איז דאָ אָן אויסגעפּרוּווטע טאַקטיק און סטראַטעגיע. די פאַרברעכנס פונעם היטלערישן פאַשיזם — דאָס איז א פאָרשטעלונג פאַרן ברייטן עולעם פון גוט איינסצענירטע נאָר שווידערלעכע פּיעסן וואָס זיינען שוין לאַנג צוגעגרייט פון רעזשיסאָרן און אַקטיאָרן, וואָס זיינען ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן צוליב דעם (פון דעם קאַנצלער ביז דעם לעצטן מאָסער).

די גאַנצע וועלט איז איבערצייגט, און דאָס האָב איך ניט לאַנג דערקלערט אין דער דייטשישער געזאַנדשאַפט, וואוהין איך בין אוועק בעראָש פון א דעלעגאַציע פון א גרויסער צאָל אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען, — אַז די אָפיציעלע לעגענדע וועגן דעם אונטערצינדן דעם רייכסטאַג

איז א פּרואוו פון גרויסן פאַרנעם צו באַרעכטיקן אַלע פריערדיקע פאַרברע־כנס, א פאַרשפּיל צו אַלע פאַרברעכנס פון היינטיקן און מאָרגנדיקן טאָג, וואָס זיינען אזוי מייסטערהאַפט ארויסגעבראַכט אין אָט דעם ברוינעם בוך — אז די לעגענדע וועגן אונטערצינדן דעם רייכסטאַג איז לעכאַטכילע באַ־וואוסטזיניק אויסגערעכנט געוואָרן אין אַלע אירע טיילן און איז געבויט אויף אן אויסטראַכטעניש. דער, וואָס געפינט זיך אונטערן איינדרוק פון די פריער פאַרעפנטלעכטע יעדיעס און צווייפלט נאָך אַלץ, וועט נאָך דעם, ווי ער וועט זיך באַקאַנען מיט די באַווייזן אין דעם בוך, וואָס זיינען אומבאַ־שטרייטבאַר א דאַנק זייער באַגרינדעטקייט — קומען צו דער איבערציי־גונג, אז דאָ אַרבעט דער אומזין און דערצו נאָך פון סאַמע נידעריקער פּראָ־בע, דער אומזין, וואָס ציטערט פאַר זיינע פאַרברעכערישע מאַיסים.

היטלער האָט אין זיין בוך „מיין קאַמף" דערקלערט אז „אַנפירן מיט די מאַסן קאָן מען נאָר בלויז אָפּנאַרנדיק זיי". ריכטיק, די מאַסן קאָן מען מיט אָפּנאַרעריי צעטומלען די מויכעס, נאָר אויף ווי לאַנג?

אין דער צייט, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורעס און ווען דער גרעס־טער טייל פונעם ברוינעם בוך דרוקט זיך שוין, ציט צו מיין אויפמערק־זאַמקייט א נייע געשעעניש, וואָס דאָס אַליין וואָלט געקענט עפענען די אויגן און געבן צו פאַרשטיין די טאַקטיק פון היטלערן, גערינגן און געבעלסן יעדן איינעם, וואָס איז ניט בלינד און איז ניט פאַראינטערעסירט צו שלאָגן קאַפּיטאַל פון זיין קורצזיכטיקייט. עס רעדט זיך דאָ וועגן דער געשיכטע מיט די עראָפּלאַנען — א געמיינע, נאָר א געפערלעכע אויסטראַכטעניש.

דעם 23־טן יוני 22.30 דעם זייגער האָט די אינפאָרמאַציע־ביוראָ גע־מאָלדן די בערלינער צייטונגען אונטערן קעפּל: „די רויטע מאַגיפע — עראָפּלאַנען איבער בערלין" דאָס פאָלגנדיקע:

„היינט נאָכמיטיק האָבן זיך איבער בערלין באַוויזן אויסלענדישע עראָפּלאַנען און האָבן אַרונטערגעוואָרפן אין דעם קוואַרטאַל, וואו עס גע־פינען זיך די רעגירונגס־געביידעס, און אויך אין דעם מיזרעך־טייל פון שטאָט, פּראָקלאַמאַציעס, וואָס באַליידיקן די אימפּערישע רעגירונג. די לופט־פּאָליציי האָט ניט געהאַט די נייטיקע אַפּאַראַטן, און די ספּאָרט־עראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן אַעראָדראָם, באַזיצן ניט די ניי־טיקע שנעלקייט צו קענען דערגרייכן די אויסלענדישע עראָפּלאַנען. די עראָפּלאַנען זיינען פאַרשוואונדן, ניט דערקענטע".

ווען די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך געווענדעט צום אַעראָדראָם בערלין—טעמפּעלהאָף, וועגן דער דאָזיקער מעלדונג מיט א שאָ שפּעטער, איז דער ענטפער געווען, אז זיי ווייסן ניט פון וואָס צו זאָגן, עס איז זיי קיין זאַך ניט באַוואוסט.

אויך די לופט־פּאָליציי, וואָס איז געווען אָנגעפרעגט קימאַט אין א שאָ אַרום האָט געענטפערט, אז זי ווייסט פון קיין שום זאַך ניט. און די אינ־פאָרמאַציע־ביוראָ האָט אין איר מעלדונג אָנגעוויזן, אז די לופט־פּאָליציי

און די אדמיניסטראציע פון עראָדראָם האָבן ניט געקאָנט עפּעס טאָן בלויז דערפאר, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט די נייטיקע אפּאראטן.

דער בערלינער קאָרעספּאָנדענט פון „טיימס" האָט טעלעגראפירט צו זיין צייטונג, אז ניט די לופט־פּאָליציי, ניט די באאמטע פון עראָדראָם, און ניט די לופט־פּאסאזשיר־קאמפּאניע „לופטגאנג" ווייסן גאָרניט וועגן דעם „אָנגריף אין דער לופט". ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אז קיינער האָט קיין־מאָל ניט געזען אָט די אויסטערלישע עראָפּלאנען, וואָס האָבן קלוימערשט פון דריי טויזנט מעטער די הייך באוויזן א קונץ אראָפּצוואוארפן פּראָ־קלאמאציעס מיט אַזאַ אויסרעכענונג, אז זיי זאָלן אראָפּפאלן פּונקט אין דעם קווארטאַל, וואו עס געפינען זיך די רעגירונגס־געביידעס און אָט די פּאָראוים אָנגעמערקטע גאסן. און דאָך האָט אף מאָרגן אינדערפרי די גאנ־צע דייטשישע פּרעסע פארעפנטלעכט די דאָזיקע מעלדונג און טייטשט זי אויס קימאַט מיט איינע און די זעלביקע אויסדריקן.

די צייטונג „טאַן" דעקט אויף די סיבע פון אזא ענלעכקייט אפילע אין די אויסדרוקן גאָר פּאָשעט: צוזאמען מיט דער מעלדונג האָבן די צייטונגען באקומען אויך אן אינסטרוקציע און א „מוסטער" פון אויסטייטשן און א באפעל צו פארעפנטלעכן דאָס אף דער ערשטער זייט. אָט די סטאַנדארט אויסטייטשונג שטרייכט אונטער דעם פאקט, וואָס דייטשלאַנד געפינט זיך אין געביט פון אוויאַציע אין א אומדערלאָזבארער לאגע און גיט אן אָנווייזונג צו אַנטוויקלען די טעמע אין דער ריכטונג, אז היינט האָבן אויסלענ־דישע עראָפּלאנען ארונטערגעוואָרפן פּראָקלאמאציעס און מאָרגן וועלן זיי ארונטערוואַרפן באָמבעס, וואָס טראָגן מיט זיך טויט און פארניכטונג. דער אויספיר איז — וואָס דענקט צו טאָן דאָס דייטשישע אוויאַציע־מי־ניסטעריום?

די גאנצע דייטשישע פּרעסע, אויספילנדיק די דאָזיקע פּאראָרדענונג, פּאָדערט צו פארשטאַרקן די מיליטערישע לופט־קרעפטן.

די גאנצע דייטשישע פּרעסע, וואָס איז אונטערגעוואָרפן היטלערס באַ־פעלן, האָט קימאַט מיט איינע און דיזעלבע אויסדרוקן איבערגעכאזערט די דאָזיקע פּאָדערונג.

אינדערעמעסן איז די גאנצע געשיכטע אן אויסגעטראכטע, כאָטש דער שטאַטס־סעקרעטאר פונעם אוויאציע־מיניסטעריום ה׳ מילך האָט דער־קלערט פאר די פּרעסע־פארשטייער, אז מען האָט באמערקט (אין דער הויך פון דריי טויזנט מעטער!) איינעם אָדער צוויי ביפּלאנען (דערביי האָט ער זיך נאריש ארויסגעכאפּט, „אז די פּראָקלאמאציעס, וואָס זיינען ארונ־טערגעוואָרפן פון די דאָזיקע עראָפּלאנען, זיינען ענלעך צו די, וואָס מע האָט אראָפּגעוואָרפן פון די אויבערשטע שטאָקן פון דעם הימל־קראצער אף אלעקסאנדער־פּלאַץ"). ער מאכט א פּרואוו צו פארבינדן די ביידע דער־שיינונגען, כאָטש דאָס איז גאָר ניט נייטיק. דערפון ווערט קלאָר די בייז־וויליקייט פון דעם גראָבן ליגן, וואָס איז פאבריצירט, קעדיי ארויסצורופן

בא די פֿאָלקס־מאַסן אַזאַ אויפֿרעגונג, ווי דעם 28־טן יולי 1914 יאָר אין צוזאַמענהאַנג מיטן לעגענדאַרן פֿליער איבער נירנבערג. דער צוועק איז — באַוואָפֿענונג, מילכאָמע. מיט אַזעלכע קונצן ציט מען צו די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג צו די דאָזיקע פֿראַגן און עס ווערט געשאַפֿן די נייטיקע פּאַניק.

בא אַלע נאָרמאַל־דענקענדיקע און אָרנטלעכע מענטשן פֿון אַלע לענדער דאַרף זיין איין ענטפֿער:

פֿירן אַ קאַמף קעגן מילכאָמע און פֿאַשיזם מיט מער ענערגיע און אַקציאָנעס, ווי ווען עס איז פֿריער, אין אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט מיטן אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט!

פֿאַרשטאַרקן די צווישנפֿעלקערלעכע קאַמפּאַניע ווי די, וואָס קומט פֿאָר אין אַמסטערדאַם!

לאָזן הערן דעם קאָל פֿון עמעס און צאָרן אויף גרויסע מאַניפֿעסטאַציעס איבער גאָר דער וועלט.

אנרי באַרביוס

קעגן דעם אימפּעריאַליסטישן נאַציאָנאַליזם אינעם אייגענעם לאַנד

„מיך פֿרייט די שטים פֿון פּראָטעסט ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון פֿראַנקרייך, וואו די אויפֿגעבראַכטקייט גיסט זיך צונויף מיט דער אַלטער אַנטיפּאַטיע, וואָס קעגן איר, ווי מיר האָט זיך געדוכט, איז געווען צוועקמעסיק איז נייטיק צו קעמפֿן. איך רייד דאָ וועגן דער אַנטיפּאַטיע, וואָס האָט זיך גראָד איינגעשטעלט אונטער דער ווירקונג פֿון די איצטיקע געשעענישן אין דייטשלאַנד און וואָס געפֿינט, צום באַדויערן, ווידער אַ באַרעכטיקונג.

מען דאַרף שטענדיק האָבן אין זינען, אַז דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד איז נאָך ניט דאָס גאַנצע דייטשלאַנד, ניט געקוקט אויף די רעזולטאַטן פֿון די וואַלן אין פּאַרלאַמענט. מען דאַרף אויך אומבאַדינגט זאָגן דעם אונטערדריקטן טייל פֿון דייטשלאַנד, וואָס איז איצט דערשלאָגן, אַז מיר הערן ניט אויף צו סימפּאַטיזירן מיט אים. נאָר פֿריער פֿון אַלץ מוז מען העלפֿן און שטיצן די קאָרבאָנעס.

אַלע אַקטן פֿון געוואַלדטאַט, וואָס ווערן איצט באַגאַנגען אין דייטשלאַנד, קומען פֿאָר אין נאָמען פֿון „פּרינציפּן" און „טעאָריעס", וואָס כאָטש זיי קענען מיט קיין שום זיך ניט באַרעכטיקט ווערן, דאָך אַנטהאַלטן זיי אין זיך קערנדלעך פֿון אָנשטעקונג און שטעלן פֿאָר אַ געפֿאַר אין דער הינזיכט, וואָס אויך די שכייניש לענדער קאָנען באַקומען אַ גלוסט צו די זעלביקע אַקטן פֿון געוואַלדטאַט, וואָס וועלן סאָף־קאָל־סאָף אַריינציען זיי אין אַ מילכאָמע — זאָל עס זיין אויס מוירע, צי אויס פֿאַרמעסטן זיך, ווער וועמען וועט איבערשטייגן. דעריבער איז וויניק צו פּראָטעסטירן קעגן דעם דייטשן היטלעריזם, ס'איז נייטיק אַ כוץ דעם אויך אין דעם אייגענעם לאַנד צו קעמפֿן קעגן דעם אימפּעריאַליסטישן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז די

מאסקע פון פאשיזם, ניט דערלויבן זיך באהאנדלען ווי פאכדאָנים מיצאד אזעלכע מענטשן, וואָס אף זיי קאָן ווירקן בלויז באוואָפנטע דרייסטקייט.

אַ נ ד ר ע ז ש י ד

דאָס עמעסע דייטשלאנד לעבט נאָך

דאָ בא אונז אין אמעריקע איז פאראן א קו־קלוקס־קלאן, לינטשעריי, שאַנטאַזשיסטן, באנדיטן און פארגרעבטע בורזשוא, וואָס פארפאָלגן און טויטן אונזערע בעסטע ארבעטער־פירער. נאָר אין דייטשלאַנד, ווי עס ווייזט אויס, איז נאָכאַמאָל ארויפגעשוואומען דער זומפ פון דער אָפּשטאָר־בנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן באווייזן דער וועלט, ווי טיף ס'איז דער אָפּגרונט פון דער רעאַקציע און צו וואָס עס קען דערגיין דער קאַפּיטאַליזם, קעדיי צו ראטעווען זיין אַלטן אָפּגענוצטן ביניען.. דאָס וואָלט באדארפט זיין א גוטע און אַנטשיידענע לערע פאר די גרויסע מאסן פון גאָר דער וועלט, וואָס זיינען אויפגערודערט געוואָרן און וואָס קומען צום באַוואוסטזיין אזוי לאנגזאם מיט אַזאַ ווייעניש.

די פאשיסטן האָבן אונז געגעבן אן אָנשוילעכע לעקציע וועגן דעם, אז ס'איז אומעגלעך צו מאַכן א פּשאָרע מיטן קאַפּיטאַליזם, אָדער פירן מיט אים פרידלעכע אונטערהאַנדלונגען. די סאָציאַליסטן און ליבעראַלן פריידיקן אין פארלויף פון צענדליקער יאָרן מיטארבעט פון קלאסן. בא היינט צו טאָג איז אין דייטשלאַנד אזא לאגע: ווער ס'איז ניט אריין אין די רייען פון די פאַשיסטן, דער געפינט זיך אָדער אין טורמע אָדער אפן בעסוילעם. אָט די ביטערע דערפארונג איז אויסגעפאלן אפן גוירל פון איטאַליע און אויך כינע. איצט לעבן מיר איבער א היסטאָרישן מאָמענט, ווען די מאַסן האָבן שוין דערוואכט און פארשטאַנען, אז דער איינציקער וועג פארן ארבעטער־קלאס, דער איינציקער וועג, וואָס קאָן פארהיטן פון פאשיזם — דאָס איז דער סאָוועטישער וועג.

דער פאשיזם פארקערפּערט אומעטום די פארגאנגעהייט; ער שטרעבט איינצוהאַלטן און באַשיצן דאָס, וואָס די געשיכטע האָט שוין פאראורטיילט צום אומקום. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן פון זייער שטאַנדפּונקט ארויסגעוויזן א געזונטן אינסטינקט, ווען זיי האָבן פארברענט די שאַפונ־גען פון טאָמאַס מאַן, ראָמען ראָלאַן, זיגמונד פרויד, אלבערט איינשטיין און אנדערע. אלע גרויסע אידייען, אלע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון די לעצטע 50 יאָר, שטייען אין טיפסטן אינערלעכן ווידערשפּרוך מיט דעם גייסט פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, וואָס דאָס איז אין עצעם דער גייסט פונעם קליינבירגערטום, פון דעם גוטבאַזיצער, פון דעם קרעמער, וועלכע נייטיקן זיך ניט אין געניאַלע מענטשן אין וויסנשאַפטלעכע אנט־דעקונגען.

קען דען היטלער פארהאַלטן דעם מעכטיקן שטראָם נייע אידייען? בע־שומאויפן ניט. דער ארבעטער - קלאָס פון דייטשלאנד און די

בעסטע דענקער פון דייטשלאַנד זיינען קעגן היטלערן, און ניט אויף זיין זייט. דער דייטשישער ארבעטער פייניקט ניט און פאַרפאָלגט ניט די אידן. דער דייטשישער אינטעליגענט וועט ניט לאָזן זיך פאַרטרייבן מיטן יע־וואַנישן שטיוול צוריק אין די פּרייסישע קאַזאַרמעס.

דאָס עמעסע דייטשלאַנד לעבט נאָך און וועט איבערטראָגן זיין כאַלאַאס. אינעם איצטיקן דייטשלאַנד קאָן פריער צי שפּעטער ארויסשפּראָצן בלויז איינס — א רעגירונג, וואָס איז אָרגאַניזירט פון אַלע די, וועמען היטלער האָט אונטערדריקט; א מעלוכע, אין וועלכער מען ווייסט ניט, וואָס איז אזיינס ראַסן־האַס, ראַסן־פאַרפאָלגונגען — א לאַנד פון פרייהייט, א סאָוועטיש דייטשלאַנד!

מ י כ אַ ל ג אָ ל ד

דעם 28־טן פעברואַר אינעם בערלינער פּאָליציי־פּרעזידיום

עגאָן ערווין קיש איז ארעסטירט געוואָרן אין בערלין אין יענער נאַכט, ווען ס'איז פאָרגעקומען די אונטערצינדונג פונעם רייכסטאַג. ער איז אָפּ־געווען 14 טעג אין דער היטלערישער פּאָליציי־טורמע, און דערנאָך איז ער ארויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. עגאָן ערווין קיש האָט דער ערשטער צווישן די שרייבער פאַרעפנטלעכט א גענויע באַשרייבונג וועגן דעם לעבן אין די היטלערישע טורמעס און אין די קאַזאַרמעס פון די שטורמאָ־וויקעס.

מיר ברענגען דאָ א פראַגמענט פון א גרויסן בוך פון עגאָן ערווין קיש וועגן דעם היטלערישן דייטשלאַנד.

„מיינע באַגלייטער האָבן מיך אונטער א כסימע איבערגעגעבן דער פּאָליטישער פּאָליציי.

די בענק פון ביידע זייטן קאָרידאָר זיינען באַזעצט. דער פּלאַץ צווישן די בענק איז פאַרנומען מיט די פאַרשטייער פונעם קולטורעלן באָלשעוויזם. אַלע קענען איינער דעם אַנדערן, און ווען די פּאָליציי ברענגט צו פירן א נייעם ארעסטירטן, באַגריסן אים אַלע.

איך דערמאָן זיך אין א סעפּטעמבער־פרימאָרגן אין 1914־טן יאָר. מיר זיינען דעמאָלט געזעסן אפן עסטרייכישן ברעג פון דרינע — רעשטלעך רעשטלעך פון א צעשטערטער, צוריקגעשליידערטער דיוויזיע.

יעדע גרופּע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א געוועזענע גרויסע מילי־טער־אָפּטיילונג. יעדעס מאָל, ווען ס'פלעגט א נאַסע, אָפּגעפליקטע פיגור דורכשלייכן פאַרביי אונז, פלעגן די באַוויירים באַגריסן דעם ניי־געקומע־נעם מיט אַ מעלאַנכאָלישן שמייכל, פלעגן צונויפרוקן זיך ענגער און געבן אים פּלאַץ. אזוי, אַן ערעך, קומט פאָר אויך היינט. לעבאַטכילע האָב איך ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיינען קימאַט אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ, אזוי פאַרזאָרגט און בלאַס. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, וואָס

פאר א געוואלד־אַקטן עס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן זיי בעאיים די ארעסטן. שפּעטער האָב איך מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, וואָס פאר א מערדערייען עס האָבן אָפּגעטאָן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן אין זייערע קאַזארמעס בענעגייע די אומבאַהאָלפענע געפאַנגענע.

די פּאָליציאַנטן, וואָס טיילן אונז אָפּ פון דער צווייטער העלפט קאָרידאָר, זיינען נאָך גאָר יונגע יאַטן פון דער געהילפס־פּאָליציי. עס דאכט זיך, אז זיי זיינען אויפגערעגט. די בליכט זייערע איז פאר זיי א נייע, באַמיען זיי זיך די ניט זיכערקייט זייערע צו פארמאַסקירן מיט וואוּיליונגערישער אויפירונג. זיי איזדיעקעווען זיך קעסיידער, און ווען זיי באפעלן עמעצן ניט רירן זיך פון אָרט, שרייען זיי און באַגלייטן זייער באַפעל מיט א זידל־וואָרט: „אידישער שוויין" א. ד. גל. און זאָגן יעדן איינעם „דו".

מען רופט ארויס לויט די נעמען, מען טיילט אָפּ גרופּעס. „רעכטס מארש!" און מיר גייען ארונטער אין דער פּאָליציי־טורמע. דער ערשטער אָפּשטעל — קאַמער פון ווערט־זאַכן. דאָ גיבן מיר אָפּ די זייגערס, די אויטאָמאַטישע שרייב־פעדערס און דאָס מעזומענע געלט. מען לייגט עס אַלץ אריין אין א קאָנווערט. דער צווייטער אָפּשטעל: מיר גיבן אָפּ די מעסערס, שערלעך, אנדערע אזעלכע שאַרפע זאַכן. דער דריטער עטאַפּ איז שוין אונטן אינעם קעלער. דאָ מוז דער געפאַנגענער אָפּגעבן אַלץ, וואָס בא אים איז נאָך פארבליבן — ער דאַרף דאָס אַלץ אריינלייגן אין זיין הוט: דעם טייסטער, דאָס נאָטיץ־ביכל, דעם פּאָרטסיגאַר, שוועבעלעך, דאָס נאָז־טיכל, שליסלען, העגטשקעס א. ד. גל. ער דאַרף פאנאַנדערבינדן די שנירלעך פון די שיך, אויסטאָן דאָס רעקל. זוכנדיקע הענט באַטאַפּן דיך, צי איז עפּעס ניט פארבליבן אין די טאַשן, צי איז עפּעס ניט איינגענייט אינעם אונטערשלאַק, צי איז עפּעס ניט באַהאַלטן אין די שיך, אין די זאָקן.

בעשאַס עס קומט פאָר די דאָזיקע פּראָצעדור, גייט פארביי דער נייער פּאָליציי־פּרעזידענט ה' פאָן לעוועצאָוו, באַגלייט פון א פּאָליציי־אַדיוטאַנט, פּאַרטיי־אַדיוטאַנטן און פון א גאַנצן ש טאַב. ער איז געווען א יאַם־אָפיציר, לעוועצאָוו, און דער סאָציאַל־דעמאָקראַט נאָסקע האָט אים דערהויבן ביזן טיטל אדמיראַל. דער ה' אדמיראַל שפּאַנט אַן אָנגעבלאָזענער אין פּאָליציי־פּרעזידיום:

— אָט דאָס איז די שייקע? — טוט ער א פרעג און מעסט אונז אָפּ מיט אַן איבלדיקן בליק פון אריבער דער פּלייצע.

— יאָ, הער פּאָליציי־פּרעזידענט! — איילט זיך צו ענטפערן דער אדיוטאַנט.

וואו האָט מען דיך ארעסטירט? — פרעגט ער הערמאַן דונקערן.

נאָך איידער דער וויים־גרויער געלערנטער, דער לערער פון סאָציאַליזם פון א גאַנצן דאָר, באַוויזט צו ענטפערן — טוט לעוועצאָוו צו אים א געשריי:

— שטיי גלייך, אויסגעצויגן, ווען איך רייד צו דיר, דו שווייגישער זון!

ער האָט שוין באַמערקט, אז א צווייטער שטייט אויך ניט געגוג „אויסגעצויגן״, שרייט ער ווידער: „פירט אָפּ דעם גוילעם די מינוט אין א פינצטערן קאַרצער און טוט אים אָן קייטן אַף די הענט, ציט אָן אזוי שטאַרק ביז די הויט זאָל פּלאַצן״.

צוויי געהאָרכזאַמע פאַשיסטישע קייטן־הינט טוען זיך א וואָרף אַף אָטאָ לעמאַן־רוסבילדטן, דער פאָרזיצער פון דער „ליגע פאר מענטשן־רעכט״ און פירן אים אוועק.

בלאַס פון צאָרן שטייען מיר. דער הער אדמיראל, וואָס איז באַגנע־דיקט געוואָרן פון סאָציאַל־דעמאָקראַט נאָסקע, איז שוין אוועק, און מיר הערן, ווי ער געוואַלדעוועט שוין אַף א צווייטער גרופּע.

מען פאַריאָגט אונז אין אן אונטערערדישער אַלגעמיינער קאַמער. דאָ קאָנען זיך אויפהאלטן 47 מאַן. אין דער לענג פון די בענק שטייען הילצערנע נאַרעס, אינמיטן א „פּאַראַשע״ — איינע פאר אַלעמען און אַלע פאר איר איינע. קעגנאיבער אין וואַנט — צוויי שמאָלע לעכלעך — „אייגלעך״. דורך אזא „אייגל״ קען דער וואַכמאַן באַטאַפּן די גאַנצע קאַמער סיי מיטן אויג און סיי מיט זיין אויטאָמאַטישן רעוואָלווער. יעדער איינער קלויבט זיך אוים א שאָכן, לייגט אוועק זיין מאַנטל צוקאָפּנס. מען קלייבט זיך צונויף און גרופּעס און מען דערציילט איינער דעם צווייטן ווי אזוי די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן געהאַנדלט. בא איניקע כאַוויירים האָבן זיי באַלאַגערט די וואוינונגען, געשאָסן דורך די טירן, געבראָכן דאָס מעבל געריסן ביכער, ציניש געשלאָגן די אַרעסטירטע פאר ווייב און קינדער אין די אויגן.

ע ג א ן ע ר ו ו י ן ק י ש

היטלער — א גיגאַנטישער שעקער

צי וועט היטלער פארנעמען אין דער געשיכטע דעם פּלאַץ פון א גרויסן טראַגיקער, צי פון א היפּשן פּאַיאַץ — דאָס וועט באַשליסן די צו־קונפט, אָבער איינער פון די צוויי פּלעצער איז פאר אים געזיכערט. דער דאָזיקער מענטש איז דאָך — דער גרעסטער שעקער, וואָס האָט ווען עס איז פאַרבלענדט דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. זיין פילאָסאָפיע איז א ליגנערישע, א פאַלשע, ווייל זי איז באַזירט אַף אומווירן, אפילע די אוניפאָרם זיינע איז א שווינדלערישע, אַ קאָפּיע פון א סימבאָל, וואָס ער אליין פאַר־שטייט ניט.

דאָס טראַגישסטע באַשטייט אין דעם, וואָס מיר אליין האָבן געשאַפן אָט־די סטראַשידלע. מיר, די פאַרבינדעטע, האָבן אריינגעבלאָזן אין אים אַ נעשאָמע און געמאַכט צו באַוועגן זיך זיינע קליינע בייזע הענט. מיר האָבן געשאַפן דעם היטלעריזם פון דעם גיפט פון אונזערע הערצער און מיר וועלן אים ניט קאָנען פאַרניכטן ביז מיר וועלן זיך אליין ניט אָפּריי־ניקן פון דעם דאָזיקן גיפט.

ב ע ו ו ע ר ל י י נ י ק אָ ל ם.

פאר דעם אינטערנאציאָנאַל פון אידייען און פעלקער

די „קעלנישע צייטונג" פון 9־טן מאַי 1933 יאָר האָט אָפּגעדרוקט אין דעם נאָטיצן־אָפּטייל די פאָלגנדיקע שורעס, וואָס האָבן א שייכעס צו ראָמען ראָלאַנען:

„דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאַל פירט אין אויסלאַנד אן אומ־אויפהערלעכע העצע קעגן דער נאציאָנאַלער רעגירונג פון דייטשלאַנד. ער באַמיט זיך מיט א סאַך ליגנס און אויסטראַכטעניש וועגן „שוידערלעכע פּאַסירונגען" דערוויַיזן דער גאַנצער וועלט, אז אין דייטשלאַנד „גייט א רויך פונעם פאַרגאָסענעם ארבעטער־בלוט" און אז דער כּיוון פונעם אַל־וועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט איז פירן אן אָנגריף קעגן דעם „פאַשיסטישן טע־ראָר אין דייטשלאַנד". אין פּאַטעטישע אויסדריקן ווערט פאַרגעלייגט דער אַזויגערופענער אינטעליגענץ צו נעמען אָנטייל אין דעם דאָזיקן קאַמף. פיל זיינען אַף אַזוי פיל פאַרבלענדט, אז זיי פאָלגן דעם דאָזיקן רוף. און קיי־נער וועט זיך ניט וואונדערן דערזעענדיק זייערע אונטערשריפטן אונטער די אויפרופן פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאַל. עס איבעראַשט אָבער, וואָס אין איינעם פון די דאָזיקע פּאַסקווילן איז זייט בא זייט מיט דעם ארטיקל פון אנרי בארביוס אָפּגעדרוקט אויך אן ארטיקל פון ראָמען ראָלאַן. בא דעם דאָזיקן פאַל דאַרף מען זיך דערמאַנען, אז אַמאָל זיינען בא זיי געווען ערנסטע מיינונג־פאַרשידנהייטן, ווייל ראָמען ראָלאַן איז געווען אנט־שיידן קעגן די גרויזאַמע וועגן פונעם באָלשעוויזם, בעשאַס בארביוס האָט זיך באַמיט באַרעכטיקן זיי אלס איבערגאַנג־פּעריאָד צו א בעסערער צו־קונפט פון דער מענטשהייט. איצט האָבן זיי זיך פאַראייניקט — א פאַקטי־שער מאָסקווער טאַלמיד און א מענטש, וואָס מען האָט אים פריער באַ־טיטלט אלס „דאָס געוויסן פון אייראָפּע" דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די דרייסטקייט אויפריכטיק פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די געשעענישן.

„אין דער צייט פון מילכאָמע און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דייטשלאַנד געהאַט א גרונט צו זיין אים דאַנקבאַר פאַר פילע פון זיינע ארויסטרעטונגען, אין וועלכע ער פלעגט ארויסזאָגן זיינע אויפריכטיקע מיינונגען. נאָך גאָר דאָ ניט לאַנג האָט ראָמען ראָלאַן געשטיצט דייטשלאַנדס פאָדערונגען אין פראַט פון גרונטלעך איבערקוקן די פרידן־אָפּמאַכן. אים האָט ניט געאַרט, וואָס דאָס האָט ארויסגערופן גרויס צאָרן קעגן אים מי־צאַד די פראַנצויזישע שאָוויניסטן, ווייל עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אייראָפּע און אירע הויכע קולטורעלע ווערטן, וואָס צוליב זיי האָט ער גע־האַלטן פאַר נייטיק א מער יושערדיקן פרידן. און טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז געקומען צו אזא איבערצייגונג, האָט ער באַדאַרפט בעסער באַ־גרייפן די איצטיקע נאציאָנאַלע רעגירונג אין דייטשלאַנד. ס'איז דאָך קלאָר, אז בלויז אדאַנק די אנטשיידענע שריט פון דער דאָזיקער רעגירונג האָט זיך דייטשלאַנד געראַטעוועט פון באָלשעוויסטישן כורבן. דער דאָזיקער כורבן וואָלט זיך בעשומאויפן ניט אָפּגעשטעלט בא די טויערן פון דייטש־לאַנד, ווען דאָס לאַנד וואָלט ווערן א קאָרבן פונעם באָלשעוויזם, ווער

ווייסט, צי וואָלט ניט ארומגעכאַפּט דער כורבן אויך יענע רוּאיקע לענדער, וואו עס ווערט איצט געפירט א העצע קעגן דייטשלאַנד אונטערן אויסרייד פון באשיצן קולטור און פרידן".

ראָמען ראָלאַן האָט געענטפערט דער רעדאַקציע מיט אַן אָפענעם בריוו, וועלכן מיר פאַרעפנטלעכן דאָ צום ערשטן מאָל.

דער אָפענער בריוו פון ראָמען ראָלאַן צו דער רעדאַקציע „קעלנישע צייטונג"

פאַריז, 15 מאַי 1933 יאָר.

הער הויפּט־רעדאַקטאָר! מען האָט מיר איבערגעגעבן די „נאָטיצן" פון דער „קעלנישער צייטונג" פאַרן 9־טן מאַי 1933 יאָר (נומ. 25), וואָס האָבן א שייכעס צו מיר. ס'איז ריכטיק, אז איך האָב ליב דייטשלאַנד און האָב זיך שטענדיק פאַר אים איינגעשטעלט און באַקעמפּט דעם אומרעכט און דאָס ניט פאַרשטיין מיצאַד אויסלאַנד.

אָבער דאָס דייטשלאַנד, וואָס איך האָב ליב און וואָס האָט באַרייכערט מיין געדאַנק — דאָס איז דאָס דייטשלאַנד פון גרויסע בירגער פון דער וועלט, פון יענע, וואָס, האָבן, ווי געטע זאָגט: „די דערפאָלגן און צאָרעס פון אַנדערע פעלקער איבערגעלעבט ווי זייערע אייגענע", פון יענע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די אינטערעסן פון פאַרשטאַנד־און ראַסן־אייניקונג.

דאָס דאַזיקע דייטשלאַנד איז צעטראָטן מיט די פיס, פאַרפלעקט מיט בלוט און פאַרגוואַלטיקט פון דער איצטיקער „נאַציאָנאַלער" רעגירונג פונעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד. דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד האָט אָפּגעשטויסן פון זיך די פרייע מויכעס פון די בעסטע אייראָפּעער, פאַציפיסטן, אידן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, וואָס שטרעבן צו גרינדן אַן אינטערנאַציאָנאַל פון אַרבעט. ניט שוין־זשע זעט איר ניט, אז דאָס דאַזיקע נאַציאָנאַל־פאַשיסטישע דייטשלאַנד איז דער ערגסטער סוינע פון יענעם, דעם עמעסן דייטשלאַנד, וואָס עס לייקנט אָפּ?

אזא פּאָליטיק איז א פאַרברעכן ניט נאָר קעגן דער מענטשהייט, נאָר אויך קעגן אייער אייגן פאָלק. איר באַרויבט בא אייער אייגן פאָלק א באַדייטנדיקן טייל פון זיין ענערגיע. איר האָט געבראַכט דערצו, אז די בעסטע פריינט זיינע אין גאָר דער וועלט האָבן אָנגעוואָרן די אַכטונג צו אים. אייערע „פירער" האָבן מיט גוואַלד געשאַפן קעגן אייך אין אַלע לענדער א פאַראייניקונג פון נאַציאָנאַליסטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן. איר ווילט דאָס ניט זען. איר רעדט ווידער וועגן א פאַרשווערונג קעגן דייטשלאַנד.

איך האָב באַקעמפּט דאָס אומרעכט, וואָס דייטשלאַנד איז געוואָרן א קאָרבן נאָכן זיג אין 1918 יאָר. איך האָב געפאָדערט א רעוויזיע פונעם ווערסאַלן אָפּמאַך, וואָס איז מיט גוואַלד אָנגעבונדן געוואָרן דייטשלאַנד.

איך האָב געפּאָדערט גלייכבארעכטיקונג פאר דייטשלאנד צוגלייך מיט אלע לענדער. נאָר ניט שווין־זשע מיינט איר, אז איך האָב געפאָדערט גלייכבארעכטיקונג צוליב נאָך א גרעסערער אומגלייכהייט אין די אינטערעסן פון אזא דייטשלאנד, וואָס צעשטערט אפילע די גלייכהייט פון אלע מענטשלעכע ראסן, אפילע מענטשן־רעכט, וואָס זיינען פאר אונז הייליק. די ערגסטע קעגנער פון דער רעוויזיע האָבן ניט געקאָנט אזוי שלעכט באהאנדלען דייטשלאנד, ווי איר אליין האָט דאָס געטאָן.

די צוקונפט וועט אייך דערווייזן — צום באדויערן, צו שפּעט! — אייער פארניכטנדיקן פּעלער, וואָס די איינציקע בארעכטיקונג פאר אים איז דער אומזין פון פארצווייפלונג, וואָס צו איר האָט געבראכט אייער פאָלק די פארבלענדעניש און ברוטאלקייט פון אייערע זיגער נאָכן ווערסאלער שאָלעם.

איך ווער ניט אָן מיין סימפּאטיע צו דייטשלאנד, ניט געקוקט אף אייערע מאיסים און קעגן אייער ווילן — מיין סימפּאטיע צום עמעסן דייטשלאנד, וואָס טרייסלט פון זיך אָפּ מיט עקל די נידערטרעכטיקייט און פארפירערשאפט פונעם היטלערישן רעזשים. איך וועל אויך ווייטער טאָן מיין ארבעט, ווי איך האָב עס געטאָן מיין גאנץ לעבן, — ניט אין די ענגאָיסטישע אינטערעסן פון איין פאָלק, נאָר אין די אינטערעסן פון אלע פארייניקטע פעלקער, אין די אינטערעסן פון אינטערנאציאָנאל פון אידייען און פעלקער.

ר אָ מ ע ן ר אָ ל א ן

פּ. ס. איר באטראכט די באשולדיקונג פון דער אויסלענדישער פרעסע קעגן דעם היטלערישן פאשיזם, ווי א בילבל.

אין אונזער רעשוס געפינט זיך א גרויסער ארכיוו מאטעריאלן פון אייִדעס, פארטריבענע פון דייטשלאנד, וועגן די געוואלדטאטן פון די ברוינע העמדלעך, וואָס פאר דעם האָט די רעגירונגס־מאכט זיי ניט בלויז ניט באשטראָפט, נאָר האָט אפילע ניט אויסקעדריקט איר באדויערונג וועגן דעם. נאָר לאָמיר דאָס אָפּלאָזן. פאר אונז זיינען גענוג די אָפיציעלע מעלדונגען. ניט שווין־זשע לייקנט איר אָפּ די פּערזענלעכע דערקלערונג פון אייערע מיניסטאָרן — גערינג, געבעלס, זייער רוף צו געוואלדטאט, זייער פּאַריקטקייט אף ראסנהאס, וועלכע באליידיקט אלע אנדערע ראסן, צום ביישפּיל די אידן. ניט שווין־זשע פּילט איר ניט דעם גערוך פון מיטלאלטערלעכן שימל, וואָס איז שוין לאנג, לאנג פארשוואונדן פון אייראָפּע? ניט שווין־זשע לייקנט איר, אז מען פארברענט אף שייטערס די פריידענקעריי, ניט שווין־זשע לייקנט איר דאָס בוצפעדיקע אָנבינדן היטלערס פּאָליטיק — די אקאדעמיעס און אוניווערסיטעטן? ניט שווין־זשע זעט איר ניט, אז די פארטריבענע פון דער וויסנשאפט און קונסט וועגן א ף די וואָג־שאָלן פון דער אלוועלט־

לעכער געזעלשאַפטלעכער מיינונג א סאך מער, ווי דער לעכערלעכער ביי־רעם פון זייערע פארפאָלגער?

ר אָ מ ע ן ר אָ ל א ן

די באַדייטונג פון דעם דייטשישן פאשיסטישן טעראָר

די יעניקע, וואָס דער בלוטיקער טעראָר אף אידן און קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד רופט בא זיי ארויס אַ שוידער, דאַרפן געדענקען, אז פיזישער און מאָראלישער געוואלדטאַט איז דער טאָך פון פאשיזם. דער פאשיזם איז ניט בלויז קאָנטררעוואָלוציאָנער, ער איז אויך „קאָנטר־היסטאָריש". מען מוז אָנשטרענגען אלע קויכעס, קעדיי צו שווימען קעגן דעם שטראָם, ווי דאָס טוט היטלער, אזוי ווי דאָס האָט פאר אים געטאָן מוסאָליני. היטלער מוז אויסנוצן אלע פינצטערע קויכעס, קעדיי צו פארשטעלן דעם וועג פאר די נאַטירלעכע ווירטשאַפטלעכע שטרעמונגען, וואָס דערנענטערט דעם סאָף פון דער קאפיטאַליסטישער סיסטעם. דער אנטיסעמיטיזם איז פאר אים געווען א קראפט, וואָס ער האָט געמוזט אויסנוצן. בא יעדער קריטישער לאגע נוצט אוים דער פאשיסטישער פירער און צעבלאָזט אלע נידעריקע געפילן, אלע פינצטערע קויכעס. אזוי ארום האָט היטלערס פירערשאַפט געבראכט ברוטאלע עקסצעסן, וואָס האָבן אויפגעבראכט קעגן אים אלע אנ־דערע לענדער. נאָר די וועלט דאַרף איצט, מער ווי ווען עס איז פריער, פארשטיין און באגרייפן, אז דער פאשיזם וועט שטענדיק גיין און מוז גיין מיט דעם דאָזיקן וועג. די געשיכטע און דער מענטשלעכער פארשטאַנד איז קעגן די פאשיסטן.

דעם קאָמוניזם אין רוסלאַנד איז אויך אויסגעקומען אָנשטויסן זיך אף אַנטיסעמיטיזם, דערצו נאָך אין א שטאַרקער און א ברייט פארשפרייטער פאָרם. די צארישע פאָגראָמען זיינען באוואוסט. אָבער די רוסישע פירער האָבן געוואָלט צונויפזאמלען ארום זיך אלע פעלקער, וואָס זאָלן צוזאמענ־ארבעטן און העלפן בויען א נייע סיסטעם, א מענטשלעכע, פאר אלעמען א פארשטענדלעכע, — די סיסטעם, וואָס רופט זיך קאָמוניזם. דער קאָמוניזם האָט ליקווידירט די פאָגראָמען. דער אנטיסעמיטיזם ווערט אויסגעראָטן.

ס'וואָלט געווען א פארדראָס, ווען די געשעענישן אין דייטשלאַנד וואָלטן ארויסגערופן בלויז א פראָטעסט, אָנשטאָט צו לערנען, עפּעס דער־פון. דאָס דאַרף לערנען, אז דער פאשיזם פארפאָלגט מיט זיין האס אלע פעלקער, וואָס שטייען אף א הויכער שטופע פון ווירטשאַפטלעכער אנט־וויקלונג — זאָלן עס זיין אידן, דייטשן, איטאַליענער, אמעריקאַנער. דערצו פארפאָלגט עס באזונדערס שטאַרק יענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס האָבן אין דער פארגאנגענהייט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו פאר־טיידיקן. איך האָב לעכאַטכילע זיך פאָרגעשטעלט, אז נאָך די אַטאַקעס אף אידן, וועלן קומען אַטאַקעס אף די רעכט, וואָס עס האָבן אין אונזער צייט זיך דערוואָרבן די פרויען, די קינדער, דער ארבעטער־קלאַס, די נעגערס.

דאָס פּאָלגנדיקע איז ניט איבערגעטריבן: אין איינער א דייטשישער צייטונג, וואָס איך האָב אַליין געלייענט, — אין דער „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער מאָנאַטסהעפט" האָט מען אויסגעמאָלט אַ נעגער, ווי אַ „ווילדע כייע, וואָס מ'קאָן זי ניט איינצאַמען ניט מיט קנעכטשאַפט, ניט מיט ציוויליזאַציע". די פאַשיסטן שטרעבן ווייטער אָפּצונעמען בא דער פרוי דאָס שטימרעכט און צווינגען זי אומצוקערן זיך צום אַלטן מאָנאַרכיסטישן אידעאַל פון א דייטשישער פרוי, וואָס דאַרף איר גאַנץ לעבן ווידמען דער „קיך, קירך און קינדער".

דער פאַשיזם איז ניט געבאָרן געוואָרן גלייך מיט היטלערס טעראָר: די מעטאָדן, וואָס זיינען איצט סאַנקציאָנירט פון געזעץ, זיינען אויסגעפּרואווט געוואָרן אין פאַרלויף פון אַ גאַנצער ריי יאָרן.

בא היינטיקן טאָג דאַרפן מיר קאָנצענטרירן אונזער אויפמערקזאַמקייט פריער פאַר אַלץ אָפן פאַשיזם, אַלס אויף אַן עטאַפּ פון דער פּאָליטיק פון דעם אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט ניט קיין אַנדער אויסוועג פון די ווידערשפּרוכן זיינע, פונעם קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ.

דער פאַשיזם שטעלט זיך דעם ציל — מיר באַזוערן דאָס איבער — אונטערצודריקן אַלע ווירטשאַפטלעך־אַנטוויקלטע פעלקער, וואָס וואָלטן געקאָנט זיך צופּאַסן צו דער קאָמוניסטישער סיסטעם, און וואָס וואָלטן אפילו געפילט זיך גליקלעך בא דער דאָזיקער סיסטעם. די דייטשן זיינען רייף פאַרן קאָמוניזם. אפילו נאָכדעם, ווי היטלער האָט פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, האָבן די קאָמוניסטן געקראָגן פינף מיליאָן שטימען.

דער אמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט וועט טאָן אַ גרויסע זאַך, אויב ער וועט קאָנען אויסנוצן פאַר זיין זיג די ראַסן־פאַרפאָלגונגען, וואָס ווערן פּראַקטיקירט אין דייטשלאַנד, אויב ער וועט פאַרשטיין די געשעענישן, וואָס קומען פאָר און וועט זיי ווי געהעריק אָפּשאַצן.

ל י נ ק אָ ל ן ס ט ע פ ע נ ס

אַן אָפענער בריוו דעם הער געבעלס

ווען מען האָט דעם 5־טן מאַי פאַרברענט אָפן שייטער די ווערק פון די דייטשישע שרייבער, פילאָסאָפן און געלערנטע, האָט איר, הער געבעלס פּאַרטיידיקט אָט דעם באַרבאַרישן אַקט, אים באַגריסט אין אייער רעדע. איר האָט אָנגערופן „גייסטיקע שמוץ" די פאַרברענטע ווערק פון די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען די פאָרשטייער פון דעם מער ערנהאַפטן דייטשלאַנד, ווי איר.

איר האָט אויסגעראָטן אונזערע ווערק פון די דייטשישע פאַרלאַגן, פון די טעאַטערן, פון די ביכער־קראָמען, ביבליאָטעקן און שולן. איר פאַרפאָלגט די אויטאָרס, איר פאַרשפּאַרט זיי הינטער די גראַטעס אָדער איר יאָגט זיי אַרויס פון לאַנד.

פון די דייטשישע אוניווערסיטעטן פארטרייבט איר די בעסטע פראָ־פעסאָרן.

פון די קאָנצערט־זאַלן — די בעסטע דיריזשאָרן און קאָמפּאָזיטאָרס.

פון די טעאַטערן — די אָנגעזעענסטע ארטיסטן.

פון די סטודיעס און אקאדעמיעס — די קינסטלער, ארכיטעקטאָרס, סקולפּטאָרס.

איר באַנוגנט זיך ניט מיט די שמערצן פון די מענטשן, וואָס איר האָט אריינגעשליידערט אין די טורמעס און קאָנצענטראציע־לאַגערס, איר האָט פארפאָלגט אפילו די עמיגראַנטן, אָנווענדנדיק דערצו אַלערליי מיטלען, וואָס אייער מאַכט גיט אייך. איר ווילט (אויסדריקנדיק זיך מיט אייערע ווערטער) „פארניכטן זיי גרויזאַם, אָן ראַכמאָנעס", מאָראַליש און פיזיש. מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ אומענטשלעכער האַס?

די דאָזיקע מענטשן גלויבן אין אַ וועלט פון פרייהייט, פון מענטשלעכ־קייט, פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. די דאָזיקע מענטשן זיינען עכטע סאָ־ציאַליסטן, קאָמוניסטן אָדער גלויבנדיקע קריסטן. זיי זיינען ניט גענייגט אָפּזאָגן זיך פון דעם עמעס און בוקן זיך פאַר פיזישער קראַפט.

די פארפאָלגונגען און דער כיירעם זיינען פאַר אונז, די פארפאָלגטע אַ גרויסע ערע, און אייניקע פון אונז וועלן עפּשער דאַן דערוויזן, אַז זיי פארדינען אַזאַ ערע.

איר באַהויפּט, אַז איר ראַטעוועט די דייטשישע קולטור, און אינדער־עמעסן צעשטערט איר די איידלסטע ארבעט פון דער דייטשישער קולטור.

איר באַהויפּט, אַז איר מאַכט קלאָר די מויכעס בא דער דייטשישער יוגנט, אינדערעמעסן פארטעמפּט איר איר פארשטאַנד, אויג, געפיל.

איר באַהויפּט, אַז איר ראַטעוועט די דייטשישע קינדער און אינדער־עמעסן פארסאַמט איר זייערע הערצער מיט אומפארשעמטע פראַזעס פון טעמפּן נאַציאָנאַליזם און ראַסן־האַס.

איר באַהויפּט, אַז איר באפרייט די האָרעפּאַשנע מאַסן, אינדערעמעסן שמידט איר זיי אין קנעכטישע קייטן פון סאָציאַלער און מאָראַלער אָפּ־הענגיקייט.

איר באַהויפּט, אַז איר רייניקט אָפּ דייטשלאַנד פון „שולדיקע" און אינדערעמעסן פארפאָלגט איר די שוואַכערע — די אידן.

איר באַהויפּט, אַז איר און די דייטשישע פּסיכיק איז איינס און דאָס זעלבע, נאָר אייערע מאַיסים — דאָס איז לעסטערונג פון די אידעען פון געטע און לעסינג, פון הערדער און שילער, פון ווילאַנד און ראַנקע און פון אַלע די, וואָס האָבן געקעמפּט פאַר די גרעסטע ווערטן פון דייטשלאַנד און געמאַכט זיי פאַר אַן אייגנס פון דער גאַנצער וועלט.

איך האָב די טעג איבערגעלייענט אייער „קונסט־ווערק" און די ווערק פון אייערע פּאַרטיי־כאַווערים. דאָס וואָס בא אייך איז שלעכטע דייטשישע שפּראַך, בין איך אייך מויכל — געוואַלדטאַט שאַפט נאָך ניט קיין טאַ־

לאַנטן, נאָר ווען איר צווינגט די דייטשישע טעאַטערן, זיי זאָלן אויפֿירן אייערע נישטיקע טעאַטער־שטיק — איז שוין זייער טרויעריק.

איר פֿרעדיקט אַזוי פֿיל וועגן העלדישקייט, מיט וואָס האָט איר באַוויזן אייער העלדישקייט? מיר אָנערקענען אויך העלדישקייט — פֿון אַרבעט, פֿון כאַראַקטער, פֿון אַן אויפֿריכטיקן מענטשן, וואָס קעמפֿט פֿאַר זיינע אידעען.

איר רעדט אַזוי פֿיל וועגן דער פֿאַכדאָנעס פֿון אייערע קעגנער. מיר שווערן, אַז אייערע פֿאַרפֿאָלגונגען וועלן אונדז פֿאַרהאַרטעווען, אַז אייער האַס וועט אונדז פֿאַרהאַרטעווען, אַז אייער האַס וועט אונדז מאַכן רייפֿער, אַז אייער קאַמף וועט אונדז מאַכן מער שלאַכט־פֿעאיק.

אין אונזער אומגליק זיינען מיר טיילווייז אַליין שולדיק, מיר האָבן געמאַכט אַ סאַך פֿעלערן, און דער גרעסטער פֿעלער אונזערער איז אונזער לאַנגדויערנדיקע געדולד.

מיר וועלן אָבער פֿאַריכטן אונזערע פֿעלערן, אַ דאַנק דער לעקציע, וואָס איר האָט אונדז איצט געגעבן — און דאָס איז אייער פֿאַרדינסט.

ע ר נ ס ט   ט אָ ל ע ר

איינהייט־פֿראָנט קעגן פֿאַשיזם אום יעדן פּרייז

עס זיינען פֿאַראַן זאַכן, וואָס מען מוז קעגן זיי פּראָטעסטירן מיטן גאַנצן האַרצן. פֿון אויגוסט 1914־טן יאָר אָן האָט די וועלט געזען אַ סאַך גרויזאַמקייטן. ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן שוין ניט צוטראַכטן קיין גרעסערע שמערצן, ווי דער שוידער, וואָס עס שטעלן מיט זיך פֿאָר די גאַז־אַטאַקעס, לעמאָשל, און דאָך איז די וועלט, וואָס האָט איבערגעטראָגן אַ שרעקלעכע מילכאָמע אין פֿאַרלויף פֿון פֿיר יאָר, דערשיטערט געוואָרן פֿון דעם, וואָס היטלער האָט באַוויזן אויפֿצוטאָן אין פֿאַרלויף פֿון דריי כאָדאָשים. יענע, וואָס האָבן בלויז געקוועטשט מיט די פּלייצעס, צוקוקנדיק היטלערס אַטאַקעס אַף די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אַפּילע באַגריסט זיינע אָנפֿאַלן אַף די קאָמוניסטן, זיינען איצט אויפֿגעבראַכט קעגן זיין סיסטעמאַטישן אָנגריף אַף אַלע קולטורעלע שטרעמונגען, אַף ביכער, אַף מענטשן, אַף פֿאָרשונגס־אַרבעט, אידייען, וואָס האָבן דערוואָרבן פֿאַר דער דייטשישער נאַציע אַכטונג פֿון גאָר דער וועלט.

איך האָב געשמועסט מיט אַן אַרבעטער־פֿירער פֿון רורער געגנט. „זיי פֿאַרברענען ביכער" — האָט ער געזאָגט — און זיין קאָל האָט פֿאַרשעמט געקלונגען. ביכער קאָן מען דרוקן אַפּסניי, אָבער די ווערטפֿולע מענטשן, וואָס די שטורמאָוויקעס האָבן אומגעבראַכט, וועלן שוין צוריק ניט אויפֿלעבן. די געפֿאַר פֿון פֿאַשיזם באַשטייט אין זיין קאַמף קעגן אַלץ, וואָס שטרעבט צו דער צוקונפֿט, אין זיין אַנטשיידנקייט צונויפֿצובינדן אונדז מיט אַלטע אָפּגעלעבטע אידייען: מיט מיליטאַריזם, מיט קנעכטשאַפֿט, פֿרויען־

פאַרשקלאַפונג, קליין־אינדוסטריע, מיט געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש, וואָס שטעקן שוין אין דער פאַרגאַנגענהייט.

היטלער און די פאַשיסטן האָבן פאַרטריבן די בעסטע אָנפירנדיקע טוער פון אַלע געביטן פון פּראָגרעס. ניט נאָר שרייבער, געלערנטע, ניט נאָר די אָנפירער און פּראָפּאַגאַנדיסטן פון די פּראָגרעסיווע פּאָליטישע אידייען. די אַזוי גערופענע שטורעם־בריגאַדעס האָבן געמאַכט פאַר זייער ציל־ברעט אויך יענע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך איינגעשאַפט קליינע ביבליאָטעקן, האָבן געהאַט בא זיך די בילדער פון קאַרל מאַרקס אָדער לודוויק רען. פיל אַרבעטער אָבער זיינען באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר, וואָס אַף זיי איז געפאַלן אַ חשד, אַז זיי זיינען פעאיק צו דענקען ערנסט. פאַרן פאַשיזם איז עס, אפנים, דער גרעסטער פאַרברעכן.

אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע הייבט מען שוין אָן צו שמועסן: „דאָס ערגסטע איז פאַריבער. איצט וועט דייטשלאַנד זיך באַרואיקן". איך בין דאָ ניט לאַנג געווען אין די גרענעץ־שטעט בא די אַנטלאָפענע: אין סאַארבריקען, פאָרבאַך, שטראַסבורג און אין די ארומיקע דערפער. יעדן טאָג קומען אָן נייע פּליטים: אַרבעטער פון רור, אַדוואָקאַטן פון זייערע ווילעס. יעדער איינער זאָגט אַיידעס וועגן דעם אומאויפהערלעכן טעראָר, וואָס האַלט נאָך אין איין בושעווען. איך האָב געלייענט עטלעכע בריוו, געשריבן פון פרויען און מוטערס צו זייערע מענער און זין, וואָס האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייערע היימען. אַ פאַשעטע פרוי פון דואיסבורג שרייבט: „איך וואָלט געפּאַטשט מיט די הענט פאַר פרייד, ווען איך וואָלט דערזען אַעראָפּלאַנען, וואָס זיינען געקומען צו פליען צו קעמפן קעגן היטלערן. ווען מען וואָלט מיך אַפילו דערהאַרגעט, וואָלטן כאָטש די איבעריקע דייטשן באַפרייט געוואָרן פון די ווילדע ברואים". אַ פרוי, וואָס האָט מיט גרויס מי קוים אָנגעזאַמלט פיר מאַרק פאַר איר אַנטלאָפענעם זון, וואָס האָט ניט מיט וואָס דורכצולעבן אַ טאָג קאָן אַזוי שרייבן בלויז פון גרויס פאַרביטערטקייט.

איצט, ווען זיי זיינען די רעגירער פון לאַנד, קאָנען די פאַשיסטן באַהאַנדלען געפאַנגענע ווי זיי ווילן. מיט איינעם אַ יונגנמאַן, וואָס האָט באַדאַרפט זיין אַ שטאָלץ פונעם לאַנד, און ניט קיין אַנטלאָפענער, האָב איך באַזוכט אַ רעדאַקציע פון אַ צייטונג אין שטראַסבורג. דער רעדאַקטאָר איז ניט געווען ניט קיין סאָציאַליסט און ניט קיין קאָמוניסט, ער איז געווען אַ דורכגעטריבענער צייטונג־מענטש. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַפן טיש אַ צעטל מיט נעמען: „עפּשער וועט איר געפינען באַקאַנטע צווישן זיי? דאָס איז דער לעצטער צעטל פון די דערהאַרגעטע אין דאַכאַו". מיין יונגערמאַן האָט גענומען דורכקוקן דעם צעטל און איז פּלוצלינג בלאַס געוואָרן. „אָט־דעם האָב איך געקאַנט — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט. — עפּשער ווייסט איר די איינצלהייטן, ווי אַזוי ער איז אומגעקומען?". „יאָ, שלעכ־

טע צייטן, — האָט געענטפערט דער רעדאקטאָר, — מ׳האָט אים געפּײ־
ניקט זייער שווער, ווען ער האָט פארלאָרן דעם באוואוסטזיין האָט מען
אים דערשאָסן. פארשטייט זיך, „דערשאָסן בא א פּרואוו צו אנטלויפן”...
„ווי אזוי האָט איר זיך געוווּסט דעם דערוואוסט”? — האָב איך געפרעגט.
דער רעדאקטאָר האָט קרום א שמייכל געטאָן: „דאָס ווילן די פאַשיסטן
אויך וויסן. מיין אינפאָרמאציע איז א סאך פּינקטלעכער ווי זיי וואָלטן
דאָס געוואָלט”.

ע ל ע ן   ו ו י ל ק י נ ס אָ ן.

דער העראָישער קאַמף פון די דייטשישע ארבעטער

ברעמענער פּאָליציי־פּארוואלטונג: „ניט געקוקט אף דער ווארענונג, וואָס די פּאָליציי האָט מיט עטלעכע טעג צוריק פארעפנטלעכט וועגן פארשפּרייטן אומלעגאלע קאָמוניסטישע ליטעראטור, און אף דער אָנווייזונג, אז פאר דעם ווערט מען שטרענג באשטראָפט — האָבן דינסטיק אָוונט קאָמוניסטן פארשפּרייט די אומלעגאלע „ארבעטער־צייטונג”, וואָס אנטהאלט זעקס זייטן (26־טן מאַי 1933 יאָר).

אינפאָרמאציע־ביוראָ פון דער בערלינער פּאָליציי: „בא אן אונטערזוכונג אין שטעגליץ און פרעדין איז געפונען געוואָרן א היפשע צאָל געדרוקטע מאטעריאלן און א סאך מאטריצן צום ארויסלאָזן פלוג־בלעטלעך צום 1־טן מאַי” (23־טן אפּריל 1933 יאָר).

אינפאָרמאציע־ביוראָ פון דער ברעמענער פּאָליציי: „כאָטש די באפעלן וועגן קאָנפיסקירן אלע קאָמוניסטישע געדרוקטע אויסגאבן זיינען פארעפנטלעכט געוואָרן שוין דעם 1־טן מערץ 1933 יאָר, דאָך ווערן נאָך אלץ פארשפּרייט אינעם לאנד קאָמוניסטישע בלעטלעך” (21־טן אפּריל 1933 יאָר).

דער ברוינער בוך דערציילט וועגן די עמעסע אונטערצינדער פונעם רייכס־טאג און וועגן היטלערס בארבארישן טעראָר. די דייטשישע אנטיפאשיסטן, וואָס זיי זיינען די קאָלעקטיווע שעפער פון דאָזיקן בוך, ווילן מיט פרייד מיטיילן גאָר דער וועלט, אז ס׳איז דאָ נאָך א דייטשלאנד, דאָס לעבעדיקע דייטשלאנד — דאָס דייטשלאנד פון אונטערערדישן אומלעגאלן קאמף פון די אנטיפאשיסטן פאר פריי־הייט, דאָס דייטשלאנד פון עכטער העלדישקייט, דאָס דייטשלאנד פון יענע, וואָס פארטיידיקן די ערע און די סאָציאליסטישע צוקונפט פון דעם דייטשישן אר־בעט־פאָלק.

היטלער האָט געוואָלט פארניכטן אלע פּאָליטישע פּארטייען, אָבער ס׳איז דאָ איין פּארטיי, וואָס פארניכטן זי איז אומעגלעך. דאָס איז די אומלעגאל־קעמפנ־דיקע קאָמוניסטישע פּארטיי פון דייטשלאנד. די מעלדונגען פון היטלערס רעגי־רונג גופא זאָגט איידעם יעדן טאָג וועגן דעם, אז די דאָזיקע פּארטיי שטעלט מיט זיך פאָר אן אייזנפעסטע אקטיוו־קעמפנדיקע קראַפט. זי זעצט פאָר איר טעטיקייט, און פון אלע עקן פון דייטשלאנד קומען אָן ידיעס, אז גאנצע גרופּן ארבעטער סאָ־ציאַל־דעמאָקראטן, ארבעטער פון רייכסבאנער, גאנצע גרופּן פון דער סאָציאַ־ליסטישער ארבעטער־יוגנט און אפילע מיטגלידער פון די קריסטלעכע פאריינען שליסן זיך צוזאמען מיט די אומלעגאל־ארבעטנדיקע קאָמוניסטן אין איין ברוי־דערלעכן פראָנט פאר אווירקלעכן קאמף קעגן דער היטלערישער דיקטאטור.

שוין אין די טעג פון דער רייכסטאג־סרייפע זיינען פארשפרייט געוואָרן צווישן די ארבעטער־מאַסן קאָמוניסטישע פראָקלאַמאציעס. ארבעטער־דירעס, קעלערס און בוידעמס זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין געהיימע דרוקערייען. אָנשטאָט די הונדערטער ארעסטירטע אגיטאטערס זיינען געקומען טויזנטער נייע דערפארענע און איבערצייגטע קריגער. ווען ס'פארשטאַרקן זיך די פייניקונגען און הארינגעס, לאָזט זיך נאָך העכער הערן די שטים פונעם אנטיפאשיסטישן קאַמף פאר פרייהייט. יעדע אומלעגאלע קאָמוניסטישע ציַיטונג איז שורע נאָך שורע געשריבן מיט ארבעטער־בלוט. אַף יעדן נומער ציַיטונג, וואָס דערשיינט, ענטפערן די פאשיסטן באלד אפן אָרט מיט נייע אכזאָריעסדיקע פארפאָלגונגען.

דער אָרגאַניזאַטער פון דער רייכסטאג־אונטערצינדונג, גערינג, איז געווען געצוואונגען צו געבן די בעסטע אַטעסטאציע דער „צעשטערונג"־ארבעט פון די קאָמוניסטן, ווען ער האָט סאָף יוני 1933 יאָר באַם פאנאנדערלאָזן דעם קריג־פארבאנד פון דער נאַציאָנאַליסטישער יוגנט אין אַן אָפיציעלער מעלדונג דערקלערט, אז דער דאָזיקער פארבאנד איז דורכגעדרונגען אַף דורך און דורך מיט קאָמוניסטישער ווירקונג.

די דערקלערונגען, וואָס עס האָבן געמאַכט היטלער און פריק אָנהייב יולי, און די דראָאונגען אפן אדרעס פון דער „צווייטער רעוואָלוציע" האָבן באוויזן, אז די דעמאַסקירנדיקע ארבעט קעגן דעם היטלערישן רעזשים איז אריינגעדרונגען טיף אין די ברייטע קרייזן פון די שטורמאָוויקעס און אין די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אַף די אונטערנעמונגען.

דאָ אַף עטלעכע זייטלעך קאָנען מיר באווייזן בלויז א קליינעם טייל פון אָט־דעם „אונטערערדישן" דייטשלאנד.

די אומלעגאלע „ראָטע פאנע"

איינס פון די וויכטיקסטע מיטלען קעגן דעם פאשיזם איז דאָס ארויסגעבן און פארשפרייטן די אומלעגאלע פרעסע. די „ראָטע פאנע", דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון דייטשלאנד, איז דערשינען רעגולער זינט דער אונטערצינדונג פון רייכסטאג. די פאָליציייאישע אָנפאלן, אָבלאַוועס, די מאָביליזאַציע פון טויזנטער שפּיאָנען, די נאַכט־אונטערזוכונגען זיינען ניט בעקויעך אָפּצושטעלן דאָס דערשיינען פון דער ציַיטונג.

די אומלעגאלע „ראָטע פאנע" — אַף פיר אָדער אַף צוויי זייטן — געפינט סיוּוי דעם וועג צו די ארבעטער־דירעס אין וועדינג, אין די זאַוואָדישע צעכן פון דער אַלגעמיינער דייטשישער עלעקטרישער קאָמפאניע, אין די סימענס פאבריקן, אין די טראַמוויי־פּאַרקן פון דער בערלינער טראנספּאָרט־געזעלשאַפט. זאָל זיין, די טעכנישע זייט פון דער „ראָטער פאנע" איז ערגער, ווי געווען פריער, אָבער נאָך קיינמאָל האָט א נומער „ראָטע פאנע" ניט געהאַט אזויפיל לייענער, ווי איצט.

די קריסטלעך־סאָציאַלע ווינער רייכספּאָסט פארן 27־טן מאי גיט אזא אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע:

„די ראָטע פאנע" איז פון אָנפאנג דערשינען אין דער אומלעגאלער

אויסגאבע מיט א טיראזש פון 300 טויזנט עקזעמפּליארן, און דערנאָך איז דער טיראזש קעסיידער פארגרעסערט געוואָרן. די געהיימע דרוקערייען, שוין פּאַראויס צוגעגרייטע פאר דעם צוועק, די קאָפּיר־אַפּאַראַטן און שרייב־מאַשינקעס האָבן אָנגעהויבן זייער ארבעט. באַלד נאָכדעם האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אסאך אָרטיקע און זאָוואָדישע צייטונגען און קעמערלעך־צייטונגען. עמעס, אין מערסטע פאַלן זיינען די דאָזיקע צייטונגען געמאַכט פון דער האנט. טויזנטער בלעטלעך זיינען פארשפּרייט געוואָרן אין די אונטערנעמונגען און אף די ארבעטער־בערזעס".

אין צוואַנציק ראַיאָנען פון בערלין און זיינע פּאָרשטעט ווערט פארשפּרייט יעדע וואָך (און אין איינציקע ראַיאָנען אפילע צוויי מאָל א וואָך) די „ראָטע פאנע" און כּוץ דעם געדרוקטע העקטאָגראַפיש פארמערטע בלעטלעך אויך מיטן קעפּל „ראָטע פאנע", א סאך מאסעווע ארבעטער זיינען די רעדאַקטאָרן פון די דאָזיקע צייטונגען.

די רויטע פּרעסע איבער גאַנץ דייטשלאַנד

די האַמבורגער פּאָליציי מעלדעט אין אָנהויב מאַי:

„**ניט געקוקט אף אלע שטרענגע מאָסמיטלען** פון די מאַכט־אָרגאַנען, ווערט דאָך ארויסגעגעבן און פארשפּרייט אף די גאסן און אין די הייזער די פאַרעטערישע ליטעראַטור פון דער ק. פּ. ד. (קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד), דערהויפּט פלוגבלעטלעך, און אויך די פאַרבאָטענע „האַמבורגער פּאָלקסצייטונג" און אנדערע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור".

אין רורער געגנט איז דערשינען עטלעכע מאָל אין א גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן די צייטונג „רור־עכאָ", ניט געקוקט אף דעם, וואָס די שטורמאָוויקעס און די פּאָליציי האָבן ארומגענישטערט גאַנצע ראַיאָנען און די פאַרדעכטיקטע אין פארשפּרייטן די צייטונג האָט מען מערדערלעך געפּייניקט.

אין א בריוו מעלדעט איינער אן ארבעטער, אז יעדע וואָך דערשיינט דאָרט א ליטאָגראַפישע צייטונג מיט א טיראַזש פון דריי טויזנט עקזעמפּליארן. זעקס אָרטיקע גרופּעס פון רייכסבאַנער העלפן באַם פארשפּרייטן די צייטונג.

די ברעמענער פּאָליציי האָט פאַרעפנטלעכט דעם 23־טן מאַי אן אויפרוף קעגן דער אומלעגאַלער „ארבעטער־צייטונג", וואָס איז דערשינען אף זעקס זייטן. עס גייט ארויס א געדרוקטע די דאָרעם־דייטשישע „ארבעטער־צייטונג" אין שטוטגאַרט, און אויך א ריי אומלעגאַלע אָרגאַנען אין לייפּציק און פראַנקפורט אַם מיין.

אין נידער־ריין איז פאר די כאָדאָשים אפּריל און מאַי פארשפּרייט געוואָרן אסאך נומערן פון דער דיסעלדאָרפער „פרייהייט". אין מאַנהיים הייבט ווידער אויף דעם קאָפּ די „באַדענער ראָטע פאנע" . אין ערפורט דערשיינט דער טירינגער פּאָלקסבלאַט" *)

*) אין יוני איז אנטדעקט געוואָרן א געהיימע דרוקעריי אין ערפורט. דריי פּאַרטיי־טוער האָבן די שטורמאָוויקעס דערשאָסן אפן אָרט.

די שטים פון די אַנטיפאַשיסטן אין די אונטערנעמונגען

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט אין פאַרלויף פון א ריי יאָרן זיך געגרייט צו אומלעגאַלער ארבעט. איז די אונטערנעמונגען. די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי זיינען נאָך איידער עס איז איינגעשטעלט געוואָרן דער היטלערישער רעזשים דורכגעגאַנגען די שול פון געהיימען ארויסלאָזן און פאַרשפּרייטן זאַוואָדישע צייטונגען. אזוי ארום דערשיינען איצט אַסאַך אַזעלכע צייטונגען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט מיט געוואַלדיקער מעסירעס נעפּעש.

אין דער בערלינער אַלגעמיינער עלעקטרישער קאָמפּאַניע דערשיינען אומ־לעגאַלע זאַוואָדישע צייטונגען. אין האַמבורג זיינען דערשינען דריי אומלעגאַלע צייטונגען: „האַפּענטעלעגראַמע", „פונקשפּריכע" און „דער שטורעם".

אַן ארבעטער פון דער עלעקטרישער קאָמפּאַניע דערציילט אזוי („אַנטיפאַ־שיסטישער פראָנט" פון 2־טן יולי 1933־טן יאָר) וועגן די מעטאָדן פון דער אומ־לעגאַלער ארבעט אין די אונטערנעמונגען:

> „אונזער לעצט פלוג־בלעטל איז דערשינען אינעם פאָרמאַט 10 אויף 20 צענטימעטער. מיר האָבן עס געמאַכט אויף פאָלגנדיקן אויפן: פריער האָבן מיר אויסגעארבעט די לאָזונגען און אויסגעשניטן זיי אויף לינאָלעאום, דער־נאָך האָבן מיר דעם לינאָלעאום אָנגעקלעפּט אויף פּרעס־פּאַפּיר און געדרוקט איין עקזעמפּליאַר נאָכן צווייטן. באַנאַכט האָבן מיר פאַנאַנדערגעקלעפּט א גרויסע צאָל עקזעמפּליאַרן באַם טויער פון זאַוואָד, און די איבעריקע צע־וואָרפן איבער די גאַסן, ווי פּראָקלאַמאַציעס. די כאַוויירים, וואָס האָבן זיך מאַמעש אויסגעהונגערט נאָך אַן אויפקלערונגס־וואָרט, האָבן מיט אַנטציקן אונטערגעקליבן די צעוואָרפענע בלעטלעך אינדערפרי, גייענדיק צו דער ארבעט. יעדעס בלעטל איז דורכגעגאַנגען טוצן הענט".

אויף סימענס זאַוואָד אין בערלין שפּאַנדאָר האָט זיך דער אַנטיפאַשיסטישער יוגנט איינגעגעבן רעגולער פאַרשפּרייטן איר זאַוואָדישע צייטונג „די ראָטע וואַכט", וואָס די ארבעטער אין די זאַוואָדן אין בילעפעלד גיבן ארום מיט די אייגענע קרעפטן. און עס פאַרשפּרייטן די ארבעטער־קאָמוניסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און מיט־גלידער פון רייכסבאַנער.

„בליץ־ארויסטרעטונג"

די לעצטע כאַדאָשים קומען פאָר אין די הונדערטער פלעצער קליינע און גרויסע אַנטיפאַשיסטישע דעמאָנסטראַציעס, וואָס גייען דורך אין דער פאָרם פון אזוי גערופענע „בליץ־דעמאָנסטראַציעס". די דאָזיקע בליץ־ארויסטרעטונגען" אָדער „פלוג־דעמאָנסטראַציעס" קומען פאָר מערסטנס אזוי:

לויט א באַשטימטן סיגנאַל קלייבן זיך צונויף די ארבעטער אויף א פּאָראויס באַשטימטן פּלאַץ און דעמאָנסטרירן עטלעכע מינוט. עס לאָזן זיך הערן אויס־געשרייען קעגן דער היטלערישער דיקטאַטור, אַנטיפאַשיסטישע לידער. די דעמאָנ־סטראַנטן גייען זיך שנעל פאַנאַנדער, נאָך איידער עס קומט אָן די פּאָליציי אָדער עמעצער ווער פון די שטורמאָוויקעס. דער דאָזיקער מעטאָד היט אָפּ פון מאַסן־

ארעסטן. וועגן אזעלכע דעמאָנסטראַציעס האָט מען געמאָלדן אין אַפּריל פון רעמ־שייד, קלעווע, קרעפעלד, זיגען, שטעטין, וואָרמס, אָסטעראָדע, דיסעלדאָרף און לינדען לעבן האַנאָווער.

אזוי צום ביישפּיל מעלדעט מען פון האַמבורג, אז אין אָנהויב מאי האָט דאָרט די קאָמוניסטישע יוגנט פאַרשפּרייט צען טויזנט געדרוקטע פלוג־בלעטלעך, פאַנאַנדערגעקלעפּט פּלאַקאַטן און אין אַלע טיילן פון שטאָט אָנגעשריבן אַנטי־פאַשיסטישע לאָזונגען אויף די ווענט און סלופּעס. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פיר פלוג־דעמאָנסטראַציעס, וואָס אין יעדער פון זיי האָבן אָנטייל גענומען דורכ־שניטלעך ביז 200 יונגע אַנטיפאַשיסטן.

איינער א דענישער אַנטיפאַשיסט טיילט מיט וועגן די מעטאָדן פון דער אַנטיפאַשיסטישער אַגיטאַציע, וואָס ס'איז אים אויסגעקומען צו זען, בעשאַס ער איז געווען אין דייטשלאַנד.

אויף א גאַס, וואָס איז באַזעצט מיט אַרבעטער, איז פּלוצלונג אַרויסגעטראָטן

די פאַשיסטן האָבן דערמאָרדעט היינץ בעסלערן

אין אַפּריל 1933 האָבן אין דיסעל־דאָרף די שטורמאָוויקעס דערמאָר־דעט אין גאַס היינץ בעסלערן. זיי האָבן אין אים 8 מאָל אויסגעשאָסן. די מאַכט האָט זיך געפּרואווט פאַר־צושטעלן דעם דאָזיקן פאַשיסטישן מאָרד אזוי, אז ער איז קלוימערשט דערשאָסן געוואָרן בא א פּרואוו צו אַנטלויפן. די דיסעלדאָרפער שטור־מאָוויקעס האָבן באַזונדערס געהאַסט היינס בעסלערן דערפאַר, וואָס ער איז אין דעצעמבער 1931 אַרויסגע־טראָטן פון א שטורעם־אָפּטיילונג און איז געוואָרן א מיטגליד פון דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי.

דאָס בילד וואָס ווערט דאָ געגעבן, איז געמאַכט געוואָרן אין דעם טאָג, ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויפן פאָטאָ־בילד איז אַן אויפשריפט: „איך האָב געזוכט און געפונען, רויט־פראָנט".

א גרופע מענטשן, אויסשרייענדיק אין א כאָר: „ווער האָט אונטערגעצונדן דעם רייכסטאג״? „נאצים״! און אין איין אויגנבליק איז די גרופע ארבעטער פארשוואונדן.

אָנהויב מערץ איז אין דאָרטמונד אין דער ברייט פון א גאס געהאָנגען א פלאקאט מיט אן אויפשריפט: „נעראָן האָט אונטערגעצונדן רוים און האָט באשולדיקט די קריסטן — היטלער האָט אונטערגעצונדן דעם רייכסטאג און באשולדיקט די קאָמוניסטן״! סאָף אפריל איז דער דאָזיקער לאָזונג פארמערט געוואָרן אף לינאָלעאום און פאנאנדערגעקלעפּט געוואָרן אין פארשידענע טיילן פון דאָרטמונד.

„די פאָסישע צייטונג״ פון 2־טן מאי מעלדעט:

> „אין דער נאַכט פארן 1־טן מאי, ווי עס גייט איבער „וואָלף״־אגענטור, איז אפן שפּיץ פון דער קירך „די הייליקע מאריע״ אין בערנאו אויפגעהאָנגען געוואָרן א רויטע פאָן מיט א סערפּ און האמער. אינדערפרי דעם 1־טן מאי האָבן זי די שטורמאָוויקעס, שטעלנדיק דאָס לעבן אין געפאר, פון דאָרט אראָפּגענומען. ווען מען האָט געוואָלט אינעם פרימאָרגן פונעם „יאָנטעוו פון נאַציאָנאַלער ארבעט״ אויפהייבן איבערן מאגיסטראט די פאשיסטישע פאָן, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מען האָט זי באנאכט צוגעגאנוועט. עס איז ניט צו באַשרייבן די אויפרעגונג פון די מאסן קעגן אָט דעם צווייפאכן ארויסרוף. **אין דער נאַכט פונעם 1־טן** אפן 2־טן מאי האָבן די שטורמאָוויקעס צוזאמען מיט דער פּאָליציי ארעסטירט 40 מאַן, וואָס אף זיי איז געפאלן א חשד און מען האָט זיי אָפּגעפירט אין קאָנצענטראציע־לאגער אין אָראַניענבורג.

פארן 1־טן מאי האָבן זיך באזונדערס פארשטארקט די בליצמעטאָרן פון דער אנטיפאשיסטישער אגיטאַציע. דעם 28־טן אפּריל 9 אזייגער אינאָוונט האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אף די פארבייגייער באם ראָג פראנקפורטעראַלעי און קעניגסבערגשטראסע טויזנטער פלוג־בלעטלעך. אין די אוניווערסאלע מאַגאַזינען פון קאופהויז דעם ווערטהיים און בא טיצן זיינען פארשפרייט געוואָרן פּראָקלאמאציעס; מען האָט זיי געוואָרפן פון דער גאלעריע און פון די טרעפּ. דעם 1־טן מאי נאָכמיטיק זיינען 300 ארבעטער ארויסגעטראָטן אף א דעמאָנסטראציע אינעם מיזרעך־טייל פון בערלין, האלטנדיק די ריכטונג צו פּעטערבורגער פּלאַץ.

אין מאי טוט זיך א הייב אַ נייע כוואַליע פון אנטיפאשיסטישער אקטיוויקייט. די בערלינער צייטונג „12־אור־בלאט״ מעלדעט דעם 12־טן מאי וועגן דעם, אז אין שפּאנדאו איז צעטריבן געוואָרן א קאָמוניסטישע דעמאָנסטראציע. דערביי זיינען 10 מענטשן ארעסטירט געוואָרן. אין שטוטגארט אין דער קאָלאָניע רייטעלסבערג האָט די ארבעטער־יוגנט דעמאָנסטרירט קעגן דער היטלערישער דיקטאַטור. אפילע די נייע כוואַליע ארעסטן אין יוני האָט ניט געקאָנט אָפּשטעלן די דרייסטע ארויסטרעטונגען פון די אַנטיפאשיסטן.

דעם 9־טן יוני איז פאָרגעקומען א דעמאָנסטראציע אין מיזרעך־בערלין לעבן די צענטראַלע שעכט־הייזער, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גע־

נומען פון 500 ביז 600 ארבעטער. ארום 7 אזייגער אינאָוונט האָבן לויט א סיגנאַל געגומען אַנקומען ארבעטער פון די דערבייאיקע גאסן אויף עלדע־נאַכערשטראסע. באַם אָנטייל פון א באדייטנדיקער צאָל ארבעטער פון די שעכט־הייזער און פון די ארומיקע פלייש־קראָמען האָט די דעמאָנסטראציע אוועקגעמארשירט פאָראויס אונטער די פענער פונעם „אינטערנאַציאָנאַל", עס האָבן זיך געלאָזט הערן באגריסונגס־רופן פאר דער קאָמוניסטישער פארטיי און אויסגעשריי „נידער" קעגן דער היטלערישער רעגירונג. די דע־מאָנסטראציע האָט דורכגעמארשירט איבער די גאסן עלדענאַכערשטראסע, האוכבורגשטראסע און טערשטראסע און איז דערגאַנגען קימאַט צו פראנק־פורטעראַלע. די פאשיסטישע שטורעם־אָפּטיילונגען האָבן זיך באַמיט צו צעטרייבן די דעמאָנסטראציע, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן — די דעמאָנ־סטראציע איז געגאַנגען. ערשט ווען די דעמאָנסטראציע האָט זיך געענ־דיקט, האָט די פאָליציי געגומען ארעסטירן אלע אָן אויסנאַם אָנטיילנעמער פון דער דעמאָנסטראציע.

די העלדן פונעם אַנטיפאַשיסטישן קאמף

מיט שרעקלעכער גרויזאמקייט פארפאָלגן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פי־רער די אַנטיפאשיסטן, וואָס זעצן פאר אומלעגאַל דעם קאמף אין דייטשלאַנד. ווען מע פאלט אריין צו די שטורמאָוויקעס אין די הענט — איז מען אין דער גע־פאר פון פייניקונגען און טויט. די ברעמענער פאָליציי־פארוואַלטונג האָט אָפי־ציעל דערקלערט דעם 1־טן יולי 1933־טן יאָר, א פייניקונג פון די ארעסטירטע אנטיפאשיסטן, אלס א צוגרייטונג צום פאָליציי־פארהער.

„די ברעמענער פאָליציי־פארוואַלטונג טיילט מיט דער גאנצער באפעל־קערונג: אלס צוגאָב צו דער פאנאנדערגעקלעפּטער מוידאָע „די לעצטע וואָ־רענונג" האָט דער הויפּט פון דער פאָליציי געגעבן א פאַראָרדענונג, אז אלע די וואָס וועלן, ניט געקוקט אויף דער וואָרענונג, ארעסטירט ווערן פאר מארקסיסטישער פּראָפּאגאנדע, זאָלן פריער צוגעשטעלט ווערן אין א וועלכן ס'ניט איז נאַציאָנאַלן פארבאנד (!). אויף די נאַציאָנאַלע פארבאנדן ווערט ארויפגעלייגט אן אויפגאבע: קעדיי צו העלפן דער פאָליטישער פאָליציי, דארפן זיי ארויסבאקומען אפן פארהער פון די ארעסטירטע אלע איינצל־הייטן וועגן דער פארברעכערישער טעטיקייט, און דערנאָך איבערגעבן זיי צוזאַמען מיט די רעזולטאַטן פונעם פארהער דער געהיימער רעגירונגס־פּאָ־ליציי".

צו די פייניקונגען און מאָרדן קומט צו נאָך א געצייג פון קאמף קעגן די אַנטי־פאשיסטן — און דאָס איז הונגער.

„קאסעל, 8־טן יולי: „אינעם קרייז שמאלמאלדען האָט זיך די לעצטע טעג געלאָזט מערקן א פארשטאַרקונג פון דער קאָמוניסטישער פּראָפּאגאנדע צווישן די ארבעטסלאָזע. מיט פארשידענע מיטלען זיינען פארשפרייט גע־וואָרן קאָמוניסטישע פּראָקלאמאציעס. די אויטאָרס פון די פּראָקלאמאציעס

> און די פאַרשפּרייטער זיינען ניט אַנטדעקט געוואָרן, אין שמאַלקאַלדען האָט דער בירגערמייסטער ארויסגעגעבן א באַפעל, אז דער אַנשטאַלט, וואָס גיט ארויס הילף, זאָל ניט ארויסגעבן די הילף די לינק געשטימטע ארבעטס לאָזע ביז עס וועלן ניט אויפגעדעקט ווערן די שולדיקע אין פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַמאַציעס" (פראַנקפורטער צייטונג" פונעם 10־טן יולי 1933).

דעם אויסעראָרדנטלעכן געריכט ווערן די אנטיפאשיסטן איבערגעבן אָן אייי־דעס, אָן יעטוועדער מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן. דער ריכטער — דאָס איז דער הענקער. נאָך איידער עס ווערט ארויסגעשטעלט די באַשולדיקונג, ווייס ער שוין, וואָס פאַר א גרויזאַמען אורטייל ער דאַרף ארויסטראָגן. ווי העלדן האַלטן

אַנטיפאשיסטישע צייטונגען אין דייטשלאַנד



זיך פיל פון די אָנגעקלאָגטע פארן פאשיסטישן געריכט. אזוי, צום ביישפיל מעלדעט מען דעם 2־טן יולי 1933 יאָר פון אלטאָנע וועגן איינעם אזא פראָצעס קעגן 20 אנטיפאשיסטישע ארבעטער:

„דער ארבעטער־קאָמוניסט ליטגענט, וואָס פאר אים האָט דער פּראָקוראָר געפאָדערט טויט־שטראָף, האָט דערקלערט אפן פּראָצעס, אז די פאָדערונג פון פּראָקוראָר איז א גרויסע ערע פאר אים, ווייל פאר א רעוואָלוציאָנער איז באקומען טויט־שטראָף פונעם קלאסן־געריכט דער העכסטער ערנצייכן, און דער ארעסטאַנטן־כאלאט איז אן ערן־בעגער. ווייטער האָט ער דערקלערט, אז ס'איז פאר אים א שאנדע, וואָס צוזאמען מיט אים אין

אומלעגאַלע סינדיקאַלע צייטונגען, בלעטלעך און פּראָקלאמאציעס



טורמע זיצט א שפיאָן, וועלכן מען האָט אריינגעזעצט צוליב פאַרבלענדן עמעצן. צום שלום האָט ער געפאָדערט, אז מ'זאָל די שטראָף, וואָס קומט דעם שפיאָן, אריבערלייגן אויף אים און מען זאָל ניט האלטן דעם אויס־וואורף אין איין טורמע מיט רעוואָלוציאָנערן".

אינמיטן מאי האָט מען געמישפּטעט די סטענאָגראַפיסטן יורי; מען האָט זי פאַרמישפּטעט אויף אנדערהאלבן יאָר קאַטאָרגע פאַר פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס. בערלינער „טאָג" מעלדעט:

„די אָנגעקלאָגטע האָט דערקלערט דעם געריכט, אז זי בלייבט טריי די קאָמוניסטישע אָנשויאונגען. דער פאָרשטייער פון דער פּראָקוראַטור האָט דערויף געענטפערט: „עס מוז אונטערגעשטראָכן ווערן מיט וואָס פאַר א דרייסטקייט און אומפאַרשעמטקייט די קאָמוניסטן וואגן ארויסטרעטן אפי־לע פאַרן אויסעראָרדנטלעכן געריכט".

ענלעכעס קומט פאָר קימאַט יעדן טאָג אין די אויסעראָרדנטלעכע געריכטן. בלויז וועגן איינצלנע פּראָצעסן מעלדעט די פּרעסע. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון גאָר דער וועלט איז סאַך מאי געווען אויפגעבראַכט פון די טויט־שטראָפן וואָס זיינען ארויסגעטראָגן געוואָרן קעגן די אַרבעטער אַנטי־פאַשיסטן: באַרטעל און ווינקלער אין בעמניץ, און ליטגענס, טעש, וואָלף און מעלער אין אַלטאָנע. פון דאַן אָן וואַקסן די טעראָריסטישע טויט־שטראָפן מיט יעדער וואָך: אין דעסאַו, קעלן, האַמבורג־ווילהעלמסבורג, אין בערלין. אין האַמבורג טראָגט מען ארויס טויט־שטראָף פאַר אַרבעטער־אַנטיפאַשיסטן סעריענווייז און דערצו פאַר אַזעלכע טאַטן, פאַר וועלכע מען איז לאַנג געווען אַמנעסטירט אָדער אין וועלכע די פאַר־אורטיילטע זיינען אבסאָלוט ניט שולדיק. מען פאַראורטיילט צו טויט־שטראָף ניט פאַר מאַיסים, נאָר פאַר זייערע איבערצייגונגען.

דער פאַרנעם פון דעם דאָזיקן בוך גיט די מעגלעכקייט מיטצוטיילן בלויז אָפּגעריסענע ידיעות וועגן דעם אַנטיפאַשיסטישן אומלעגאַלן קאַמף. אויף די זייטן פון דעם בוך איז אוממעגלעך צו באַשרייבן די אָרגאַניזירונג פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שטרייקן פון אַנטיפאַשיסטן, די הונדערטער אויפשטאַנדן אין די אונטערנעמונגען, די אויפשטאַנדן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אונטער דער אָנפירונג פון די יונגע אַנטיפאַשיסטן.

די העראָאישע פּאָעמע פונעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמף פאַר פרייהייט אין דייטשלאַנד דאַרף ערשט אָנגעשריבן ווערן: וועגן קריגער, וואָס האָבן דרייסט גע־קוקט דעם טויט אין די אויגן און האָבן פעסט זיך געהאַלטן קעגן דעם פאַשיסטישן אָנגריף; וועגן די אַרעסטירטע, וואָס באַם לייענען פאַר זיי דעם טויט־אורטייל, האָבן זיי מיט שטאָלץ דערקלערט, אז זיי בלייבן טריי דעם סאָציאַליזם—קאָ־מוניזם; וועגן די מאַרטירער, וואָס האָבן אונטער די שמיץ פון שטאָלענע ריטער און גומענע שטעקנס, פאַרפייניקטע, געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל"; וועגן אַזעלכע העלדן ווי דער לערער ווילהעלם האַמאַן פון העסען, וועלכן מען האָט גע־

צוואונגען, ער זאָל טראָגן די פאשיסטישע פאָן און שרייען דערביי: „זאָל לעבן דער פירער פון דייטשישן פאָלק אדאָלף היטלער”, נאָר ער האָט אַ שליידער גע־טאָן די פאָן אף דער ערד און אונטער די טויט־קלעפּ פון די שטורמאָוויקעס ארויס־געשריען: „זאָל לעבן די רעוואָלוציע און דער כאַוער טעלמאַן”!

צענדליקער טויזנטער אומבאַוואוסטע קריגער קעמפן אין דער „דריטער אימ־פעריע” פאר באפרייען דייטשלאַנד און די גאנצע וועלט פון דעם שענדלעכן ברוי־נעם בארבאריזם. זיי דראָט פייניקונג, אויסעראָרדנטלעכע געריכטן, טליעס און קאָנצענטראציע־לאגערם. זייער אקשאָנעס, זייער דרייסטקייט וועט מען אָבער ניט איינברעכן. זיי קעמפן פארן צוקינפטיקן פרייען סאָציאַליסטישן דייטשלאַנד. מיט זייער דרייסטער טעטיקייט בלאָזן זיי פאנאנדער די פונקען, וואָס פון זיי וועט זיך צעפלאקערן דער *פלאַם פון דער סאָציאַליסטישער פרייהייט*.

רעשימע פון מאָרדן פון דער דריטער אימפּעריע

פאַרענדיקט דעם 29־טן יולי 1933

„מיין פאָטער איז טויט, מיין מוטער איז קימאַט פון זינען אראָפּ, איך בין אויך ניט אינגאַנצן נאָרמאַל" (פון א בריוו, געשריבן פון אַ טאָכטער פון א דערמאָרדעטן אר־בעטער אין דייטשלאַנד).

מיר דרוקן דאָ אַן אויסצוג פון אונזער רעשימע דערהארגעטע ארבעטער און אינטעליגענטן. מיר האָבן מיטיילונגען וועגן העכער 500 מאָרדן, וואָס שטורמאָווי־קעס זיינען באַגאַנגען. פון זיי פאַרעפנטלעכן מיר 250 פאַלן. אונזערע אָנווייזונגען שטיצן זיך אויף אָפיציעלע דייטשישע מיטיילונגען, אויף מיטיילונגען פון צייטונגען, וואָס זיינען ניט אָפּגעלייקנט געוואָרן און אויף באַווייזן פון איידעס, וואָס זיינען גע־געבן געוואָרן אונז אָדער אונזערע פאַרטרויטע פּערזאָנען.

3 מערץ

הערדעס, מיטגליד פון לאַנדטאַג, א קאָמוניסט (אָלדענבורג) איז דערשאָסן געוואָרן אפן גאס (וואָלף־אַגענטור).

(„פראַנקפורטער צייטונג", 16־טן מערץ: „דאָס מיניסטעריום קאָן בע־שומאויפן ניט באַרעכטיקן דעם דאָזיקן אקט, נאָר דאָך האָט מען ליקווידירט דעם איניען, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן קעגן די אַרעסטירטע פּער־זאָנען").

אַן אומבאַקאַנטער קאָמוניסט, (גאַמבערג, קרייז מערס), איז דערהארגעט געוואָרן פון רעוואָלווער־שאָסן (וואָלף־אַגענטור).

(וואָלף־אַגענטור: אין שייכעס דערמיט מערקט אָן די פּאָליציי, אַז „לויט איר פאָרשלאַג דאַרף מען די שולדיקע אינעם מאָרד זוכן אין די קרייזן פון דעם דערהארגעטנס פּאָליטישע קעגנער").

אַן אומבאַקאַנטער, א רייכסבאַנער־מיטגליד (בערלין), דערשאָסן געוואָרן אין גאס (וואָלף־אַגענטור).

אַן אומבאַקאַנטער, אַן ארבעטער (בערנבורג), דערשאָסן געוואָרן פון נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטן (וואָלף־אַגענטור).

גוסטאַוו זעגעברעכט (בערלין), דיבענוואַלדעשטראַסע, 44, איז דערהארגעט געוואָרן פון א שאָס, וואָס האָט אים געטראָפן אין ארטעריע, אין סטעפאַנס ביר־שענקל, ליבענוואַלדשטראַסע 41 (באַווייז פון איידעס).

בערהאַרד ווירשינג (בערלין, פּעטרישטראַסע, 8־9) איז דערשאָסן געוואָרן אין זיין דירע פון שטורמאָוויקעס (באַווייז פון איידעס).

עבעלינג, אן ארבעטער (מאגדעבורג), דערהארגעט געוואָרן אױף ברעקענ־שטראסע פון א שאָס, וואָס האָט אים געטראָפן אין בויך (באווייז פון איידעס).

וויים, ווירטשאפטס־פארוואלטער פון סאָציאַל־דעמאָקראטישן הויז אין וואָרמס, דערשאָסן געוואָרן (באוויז פון איידעס).

אן אומבאַקאַנט מיידל (וואָרמס), איז דערהארגעט געוואָרן בא אן אָנפאַל פון די פאשיסטן אפן פאָלקס־הויז (איידעס־באוויז).

פאביאן, אן ארבעטער א קאָמוניסט (קעלענהאוזען), געשאָסן אין אים, גע־שטאָרבן אין קראנקנהויז (וואָלף־אַגענטור).

4 מערץ

צוויי אומבאַקאַנטע ארבעטער (קעלן) זיינען שווער פארוואונדעט געוואָרן בא א שיסעריי, געשטאָרבן (וואָלף־אגענטור).

אן אומבאַקאַנטער מיטגליד פון „אייזערנעם פראָנט" (מאלעסווייל*ער) איז דערשאָסן געוואָרן אין גאס (וואָלף־אלענטור).

(וואָלף־אגענטור): „בא אן אגיטאַציע־צוג האָט מען פון לאָקאל פון די נאַציאָנאַל־סאָציאליסטן ארויסגעלאָזן ארום 20 שאָסן".

פרידרי ך מארקוואַרט (דיסעלדאָרף, בערענשטראַסע 14) אן אומפּארטייאי־שער, דערהארגעט געוואָרן (באוויז פון איידעס).

5 מערץ

קלאסען און דע־לאַנגוויל (אָבערהאוזען, ריינישע פּראָווינצן) זיינען דערשאָסן געוואָרן אין הויף פון דער רעאל־גימנאזיע בא א „פּרואוו צו אַנטלויפן" (וואָלף־אגענטור). באביידן זיינען די שאָס־וואונדן פון פאָרנט (מיטיילונג פון א בייגע־ווענזעם).

ווארניקע קוויקבאָדן (בא פינעבערג), דערשאָסן געוואָרן (וואָלף־אגענטור).

א בריוו צו דער פרוי פונעם דערהארגעטן: „דאָס איז קיין בייז ניט,
וואָס אייער מאן איז דערהארגעט... ס׳וועט ניט לאנג דויערן, און אויך איר
און אייער זון וועלן ליגן אפן טויטן ־ בעט" (דער זון איז אלט 8 יאָר).

אן אומבאקאנטער מיטגליד פון „רייכסבאַנער" (מיטלדייטשלאַנד, דערשטאָכן געוואָרן (וואָלף־אגענטור).

צוויי ברידער באסי (באנקאו, אויבערשלעזיע), דערהארגעט געוואָרן פון שטורמאָוויקעס (באוויז פון איידעס).

קארל טארנאָוו (בערלין, קאָלאָניע פרידען בא מאריענדאָרפערוועג אין ניי־קעלן, קנעזעבעקשטראסע), דערהארגעט געוואָרן (באוויז פון איידעס).

6 מערץ

גרעטעמעסינג — אן ארבעטערן (זעלב) דערשאָסן געוואָרן אין גאס (זע דעם באריכט פון וואָלף־אגענטור).

האנס באוער, אן אומפּארטייאישער ארבעטער (בערלין, מאָאביט), האָט זיך ניט אומגעקערט פון קאזארמע פון די שטורמאָוויקעס אױף פרידריך־שטראסע 234 (העדעמאַנשטראסע) (מיטיילונג פון בייגעוועזענע).

פרידלענדער, א בעקער, א לערן־יינגל, 19 יאָר (בערלין, פרידריכסהיין, אלען־שטראַסע 11) דערהארגעט געוואָרן אין קאַזאַרמע פון די שטורמאָוויקעס אף הע־דעמאַנשטראַסע („בערלינער טאַגעבלאַט").

7 מערץ

בערנהארדט קראַוזע, אַן ארבעטער א קאָמוניסט (ווינזנאַו פראַנקפורט אַם אָדער), דערשאָסן געוואָרן פון שטורמאָוויקעס (וואָלף־אַגענטור).

צוויי אומבאַקאַנטע ארבעטער (האַמבורג), אַן אָנפאַל פון שטורמאָוויקעס אף ארבעטער צוויי דערהארגעט. אכט שווער פארוואונדעט (וואָלף־אַגענטור).

אַן אומבאַקאַנטער ארבעטער (דיסעלדאָרף) איז דערהארגעט געוואָרן בא אַן אָנפאַל אף אים אף לעוועצאָווסטראַסע („טעלעגראַף־אוניאָן).

8 מערץ

אַן אומבאַקאַנטער ארבעטער א קאָמוניסט ,דערשאָסן געוואָרן „בא אַ פּרואוו צו אנטלויפן" (בילשטערט לעבן האַמבורג) (וואָלף־אַגענטור).

פ י ל י פּ, ווירטשאַפטס־פארוואַלטער פון פראָפאַריינען־הויז אין ברעסלאַוול, דערשאָסן געוואָרן באַם פארכאַפּן דאָס פאַריינען־הויז (וואָלף־אַגענטור).

היינריך שפארליב, א בוי־ארבעטער אין ברעסלאַוול, דערהארגעט פון שטור־מאָוויקעס מיט א מעסער אין זייט און פון א שאָס („דייטשע אלגעמיינע צייטונג").

באַלשוקאַט, ניטשמאַן, פריים (בערלין, שענעבערג) זייערע טויטע קערפּערס האָט מען געפונען דעם 11־טן מערץ אין מאַכנאָוער וואַלד („פאָסישע צייטונג") (זע דעם באריכט).

אַן אומבאַקאַנטער ארבעטער א קאָמוניסט (באָכום־דיסטערן), ווי עס ווערט אָפיציעל מיטגעטיילט... האָט מען אים געפונען אפן גאַס א דערשאָסענעם („טע־לעגראַף אוניאָן").

אַן אומבאַקאַנטער ארבעטער (באָכום), באַנאַכט זיינען אין זיין דירע אף אים אָנגעפאַלן 6 מאַן און מען האָט אים דערשאָסן („טעלעגראַף־אוניאָן").

בלעס, א מיטגליד פון „רייכסבאַנער" (אָפענבאַך), שטערבלעך פארוואונדעט בא אַן אָנפאַל פון שטורמאָוויקעס אף א לאָקאַל, וואו עס זיינען פאָרגעקומען וואַלן, געשטאָרבן (באַווייז פון איידעס).

9 מערץ

אַן אומבאַקאַנטער „רייכסבאַנער"־מיטגליד (מינכען) דער טויטער קערפּער איז געפונען געוואָרן אין מינכענער פראָפאַריינען־הויז (באַווייזן פון איידעס). (דאָ רעדט זיך מיסטאָמע וועגן איינעם פון יענע „רייכסבאַנער־מיט־גלידער, וואָס די מינכענער פרעסע האָט וועגן זיי אָנגעוויזן, אַז זיי זיינען „פארשוואונדן געוואָרן", ווען מען האָט דעם 1־טן מערץ פארנומען דאָס פראָפאַריינען־הויז).

לאַנדגראַף, פארלאַג־פארוואַלטער אין כעמניץ, דערשאָסן געוואָרן באַם פאַר־כאַפּן די „פאָלקס־שטימע" („טעלעגראַף־אוניאָן").

העלפּוך, אַן ארבעטער א קאָמוניסט, געפונען א דערשאָסענעם אין דואיס־בורג אין דיסען (וואָלף־אַגענטור).

10 מערץ

פרוי ביקס, 70 יאָר (בערלין, ווייסענזיי); די מיטגלידער פון שטורעם־ברי־גאדע אין לאנגהאנסשטראסע האָבן אף איר געשאָסן דורך דער אריינגאנג־טיר, דערביי איז פרוי פיקס, וועלכע האָט געהאַלטן א קינד אף דער האַנט, פארוואונדעט געוואָרן (וואָלף־אגענטור).

הערמאַן, א זייגער־מאכער (דרעזדען), א טוער פון אינט. ארב. הילף, דער־הארגעט געוואָרן אין זיין דירע (די איידעס־מיטיילונג איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין דער אומלעגאלער „דרעזדענער ארבייטער־שטימע").

האַנס זיילע, א פּראָפּאריינטוער (בראונשווייג), דערשאָסן געוואָרן באם פאר־כאַפּן דעם „פאָלקס־פריינד" (באווייז פון איידעס).

אולריך, דער אָנפירער פון די העסענער ס.־ד., צעמיימעסט געוואָרן, גע־שטאָרבן („בערלינער טאַגעבלאַט").

(דער העסענער פּרעזידענט ה' דר. ווערנער האָט געשיקט דער אלמאָנע פונעם דערהארגעטן א מיטגעפיל־בריוו. „בערלינער טאַגעבלאַט" טיילט מיט וועגן אָט דעם איזדיעקוועץ זיך אונטערן קעפל „ אריטערלעכער אקט").

צוויי אומבאַקאַנטע ארבעטער (טשאַפּאָו) זיינען דערשאָסן געוואָרן פון שטורמאָוויקעס („בערלינער לאָקאלאַנצייגער).

אלפרעד פעצלאַף, אַן ארבעטער א קאָמוניסט (בערלין שענענבערג, יאלענ־דאָרפשטראסע) די שטורמאָוויקעס האָבן אים ארויסגעשלעפּט פון זיין דירע. זיין טויטן קערפּער האָט מען געפונען אפן דאַטש־באַצירק באם וואָקזאַל, פריסטערוועג אינגאַנצן א פארקריפּלטן (איידעס־באַווייזן).

שיינפליגעל (בערנאַו, לעבן כעמניץ, דערהארגעט געוואָרן דורך „א צופע־ליקער־ קויל".

11 מערץ

עריך מייער, א יונגער ארבעטער (שפּאַנדאו), דערמאָרדעט („פראנקפורטער צייטונג").

(„ווינער ארבעטער צייטונג" פון 25־טן מערץ: „...20 נאַציאָנאַל־סאָ־ציאַליסטן זיינען ארויפגעקראָכן אפן דאך פון גאָרטן־ביידל... פאנאנדערגע־לייגט דאָרטן א קופּע שטרוי... און גערדראָעט אונטערצוציינדן די גאנצע קאָלאָניע...").

ראָבערט דיטמאר, אַן ארבעטער (קארלסהאָרסט, לעבן בערלין), געפונען א דערשאָסענעם („בערלינער לאָקאלאַנצייגער").

אַן אומבאקאנטער ארבעטער אין ברעסלאוול איז דערשטאָכן געוואָרן („טע־לעגראַף אוניאָן").

פערסטער און טאנדלער, ארבעטער קאָמוניסטן (לימבאך בא כעמניץ), דער־שאָסן געוואָרן „באם אנטלויפן" (מיטיילונג פון איידעס).

פּאָול קראַנץ, א יונגער ארבעטער (לימבאך בא כעמניץ), דערשאָסן געוואָרן „באם אנטלויפן" (וואָלף־אגענטור).

(באווייזן פון איידעס: „קראַנץ האָט זיך געהאט אָפּגעזאָגט ארויסגעבן דאָס אָרט, וואו עס געפינט זיך זיין פאָטער... ער איז אזוי צעשלאָגן גע־וואָרן, אז ער איז געפאלן אָן באוואוסטזיין... איז געבראכט געוואָרן צום באוואוסטזיין... מען האָט איבערגעבאזערט די פייניקונגען. און נאָך דעם, ווי ער האָט גאָרנישט ניט ארויסגעגעבן, איז ער צוגעשטעלט געוואָרן צום ווענטל און דערשאָסן געוואָרן. דער מערדער איז דער נאציאָנאל־סאָציאליסט מאָליץ").

אן אומבאקאנטער מאן, אן אומפּאַרטייאישער, דערשאָסן געוואָרן אויף די טרעפּ פון ראטהויז אין אָפּעלן („בערלינער לאָקאלאנצייגער").

12 מ ע ר ץ

קרעסע, ס.־ד., מיטגליד פון שטאָטראט (אין מאַגדעבורג), דערשאָסן געוואָרן אין לאָקאל, וואו עס איז פאָרגעקומען א וואל־פאַרזאמלונג אין פעלגעלעבענע („טעלע־גראַף אוניאָן").

אייכאָלץ און קאמער, ארבעטער (טאָלקעמיד), דערשאָסן געוואָרן באם „אנט־לויפן" („טעלעגראַף אוניאָן").

שפּיגעל, אן אדוואָקאט, ס.־ד. (קיל) באפאלן אין זיין דירע און דערשאָסן גע־וואָרן (וואָלף־אגענטור).

(ווערט באצייכנט ווי א „ציוויל־מאָרד". „פראנקפורטער צייטונג", קיל, 26 מערץ „די פּאָליציייאישע אונטערזוכונגען... האָבן ניט געבראכט צום אויפדעקן די שולדיקע... ס'האָבן אָנטיילגענומען ניט ווייניקער ווי 4 מאן... ווען צוויי האָבן דורכגעפירט דעם מאָרד... האָבן די אנדערע געהיט אפן „שכיינעסדיקן באצירק").

13 מ ע ר ץ

אן אומבאקאנטער ארבעטער (עלבינג, ראיאָן מייסנערשעגרונד), געפונען א טויטן פון שאָס־וואונדן אין קאָפּ („טעלעגראַף אוניאָן").

היינץ וועשע און ערנא קנאָט, מיטגלידער פון שטאָטראט, קאָמוניסטן (כעמ־ניץ), דערשאָסן געוואָרן אין טפיסע־הויף אָדער דערהארגעט געוואָרן.־אין קאמער (איידעס־מיטיילונגען).

(טייקעף נאָך די וואלן אין רייכסטאג זיינען צווישן אנדערע ארעסטירט געוואָרן די כאווירים היינץ וועשע און די קאָמוניסטישע דעפּוטאטקע ערנא קנאָט, וועלכע זיינען בא די לעצטע געמיינדע־וואלן אויסגעוויילט געוואָרן אלס שטאָטישע באפולמעכטיקטע. מען האָט זיי געהאלטן אונטערן ארעסט אין פּאָליציי־פּרעזידיום. אינאָוונט פלעגט מען וועשען טאָגטעגלעך ארויס־פירן אין הויף, דאָרטן פלעגט זיך שטענדיק אויסשטעלן אן אָטריאד הילף־פּאָליציי פון די נאציאָנאל־סאָציאליסטן, אקוראט ווי וועשע וואָלט געדאַרפט דערשאָסן ווערן. אויף אזא אויפן האָט מען זיך געוואָלט דערשלאָגן, ער זאָל ארויסגעבן די כאווירים. נאָך דעם, ווי די דאָזיקע פייניקונגען האָבן גע־דויערט עטלעכע טעג נאָכאנאנד, איז וועשע דעם 13־טן מערץ דערשאָסן גע־וואָרן. ערנא קנאָט האָבן דערהארגעט אין קאמער די באנדיטן שטורמאָ־וויקעס).

14 מ ע ר ץ

קרוג (שווייגפורט), שטורמאָוויקעס האָבן אים דערהארגעט אין צושטאנד פון „געצוואונגענעם זעלבשוץ" („טעלעגראַף אוניאָן").

אן אומבאקאנטער ארבעטער (האמבורג), דערשאָסן געוואָרן דורך באאמטע פון קרימינאל־פּאָליציי (וואָלף־אגענטור).

16 מ ע ר ץ

דר. מעדיצין אשער (בערלין, סווינעמינדעשטראסע), דאָקטאָר פון ארעם־הויז, דערמאָרדעט (מיטיילונגען פון איידעס).

(א קאָלעגע טיילט מיט: ער איז אריינגעפאלן לויט א טעלעפאָן־ארויס־רוף, געפייניקט, דערהארגעט געוואָרן).

לעאָ קרעל, רעדאַקטאָר (בערלין), דערמאָרדעט.

17 מערץ

צוויי אומבאַקאַנטע (אין עלבינג) זיינען „דערשאָסן געוואָרן באַם אַנטלויפן" (נאַכט־אויסגאַבע).

18 מערץ

וואַלטער שולץ, אַן אַרבעטער א קאָמוניסט (ווידשטאָק אם דאָסע), דערהאַר־געט געוואָרן אין טפּיסע (מיטיילונג פון אַן איידעס).

האַנס זאַקס, א פאַבריקאַנט (כעמניץ) דערשאָסן געוואָרן (וואָלף־אַגענטור).

(„דער טאַג", כעמניץ, 19 מערץ: „דער דירעקטאָר פון דער באַוואוס־טער טריקאָטאַזש־פאַבריק „מאַרשעל פראַנק זאַקס א. ג. האָט זיך נעכטן אינאָוונט דערשאָסן, ווען ער האָט געדאַרפט גענומען ווערן אונטער וואַך").

זיגבערט קינדערמאַן (בערלין—שאַרלאָטענבורג, קייזערפרידריכשטראַסע) פאַרשלעפּט געוואָרן אַף גערעמאַנשטראַסע, מ'האָט אים דערהאַרגעט און אַרויסגע־וואָרפן פון פענצטער („בערלינער טאַגעבלאַט").

אַן אומבאַקאַנטער אַרבעטער (בערלין—וועדינג, גריכטשטראַסע), דערהאַר־געט געוואָרן אין לאָקאַל פון די שטורמאָוויקעס אַף נאָוואַליסשטראַסע (מיטיילונגען פון איידעס).

19 מערץ

קרעבס, אַן אַרבעטער א קאָמוניסט (בערלין—מאָאַביט, בירקענשטראַסע, 54), דערשאָסן געוואָרן אין גאַס פון שטורמאָוויקעס (מיטיילונג פון איידעס).

20 מערץ

גינטער יאָאַכים, אַן אַדוואָקאַט (בערלין), געפּייניקט געוואָרן אין אולאַפּ, געשטאָרבן אין שטאָטישן קראַנקהויז אין מאָאַביט (פּאָסישע צייטונג").

קורט פּאָסאַנער (בערלין—ווין), דערשאָסן געוואָרן. א פאַשיסטישער געהיים־מאָרד? (ווינער צייטונגען).

(ווין, 21 מערץ: „מיט א וואָך צוריק אַרעסטירט געוואָרן אין בערלין אַלס פאַרדעכטיקטער אין ניט־געוואונטשענער פּאָליטישער טעטיקייט... דער־שאָסן געוואָרן באַם אַריבערפירן אים צו דער עסטרייכישער גרענעץ. א לאַנגע צייט איז ער געווען אָפיצער, וואָס האָט פאַרבונדן די דייטשישע נאַ־ציאָנאַל־סאָציאַליסטן מיט די עסטרייכישע... די לעצטע צייט האָט ער ניט געשטימט מיט דער אָנפירונג").

21 מערץ

אָטאָ זעליץ (שטרויבינג), דערשאָסן געוואָרן (מיטיילונג פון איידעס).

22 מערץ

וואַלטער בעגע (עבערסבאַך), אַרעסטירט אין לעבאו באַם פאַרכאַפּן די ס.־ד. „פאָלקסצייטונג", דערשאָסן „באַם אַנטלויפן" („פּאָסישע צייטונג").

ווילהעלם ווענצעל, אַן אַרבעטער א קאָמוניסט, דערשאָסן אין גאַס אין עסען (וואָלף־אַגענטור).

(„פּאָסישע צייטונג", 22 מערץ: „אין דער נאַכט אַף דינסטיק האָט א פּאָליציסט פון דער הילף־פּאָליציי דערשאָסן אין עסען דעם 29־יאָריקן

וו. וו. איז געשטאָרבן גלייך נאָך דעם, ווי ער איז געבראַכט געוואָרן אין קראַנקנהויז").

דרעשע, געפונען א דערהארגעטן אין דרעזדען (מיטיילונג פון איידעס).

פאול רעוטער (בערלין, סעלכאָווערשטראַסע), דערמאָרדעט פון שטורמאָוויקעס (מיטיילונג פון איידעס).

23 מערץ

עריך לאנגע — געוועזענער מיטגליד פון ספּעצאַטריאד פון שטורמאָוויקעס — דערשאָסן געוואָרן פון שטורמאָוויקעס אין העלזענקירכען (מיטיילונג פון איידעס).

פראַנק, „רייכסבאַנער"־מיטגליד אין וואָרמס, א פלימעניק פונעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן רייכסטאַג־דעפּוטאַט פראַנק, וואָס איז אומגעקומען אף מילכאָמע, באַגאַנגען קלוימערשט זעלבסטמאָרד („אונזערע צייט").

(מיטיילונג פון איידעס: „ארויסגעשלעפּט געוואָרן פון בעט, צעמיי־מעסט און אויפגעהאנגען געוואָרן אין שטאַל").

הערבערט פאַגריץ, אן ארבעטער (בערלין—צ., בערגשטראַסע, 78), צעמיי־מעסט, געשטאָרבן טייקעף ווי ער איז געבראַכט געוואָרן אין אורבאַנס קראַנקנהויז.

(די מעדיצינישע צייגעניש וועגן טויט טיילט מיט: „דער טויט איז געקומען אין רעזולטאַט פון שווערע אינערלעכע בלוט־פלייצונגען, אין רע־זולטאַט דערפון, וואָס באַם פאַרוואונדעטן האָט געפּלאַצט דער אורינפענכער און ס'איז געווען צעשעדיקט דאָס שאַרבן־קעסטל").

24 מערץ

פרוי ארבעץ, אן ארבעטערן (גלאַדבאַך—ריידט), דערשאָסן בא א „פּרוואו צו אַנטלויפן" (טעלעגראַף־אוניאָן).

(קעפּל אין „פעלקישער באַאָבאַכטער": „דערשאָסן א פרוי א קאָמו־ניסטקע").

עריך פערל, א יונגער 17 יאָריקער ארבעטער, איז דערשאָסן געוואָרן אין לייפּציג אין גאַס, נאָך דעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַל־סאָ־ציאַליסטישער קאַזאַרמע (מיטיילונג פון איידעס).

(מיטיילונג פון איידעס: „די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן האָבן זיך אויס־געשטעלט אין שפּאַלערן, דורך וועלכע עס האָבן געמוזט דורכגיין די אר־בעטער. דערביי פלעגט מען די לעצטע ווידער שלאָגן. ווען זיי האָבן דער־גרייכט דעם נאָענטסטן ראָג־ווינקל, האָט מען אין זיי דערלאַנגט א ריי רע־וואָלווער־שאָסן. פערל איז געבראַכט געוואָרן אין קראַנקנהויז מיט פינף שאָס־וואונדן אין בויך, אין די לונגען, אין זייט און אין האַנט. אין 20 שאָ ארום איז ער געשטאָרבן").

האוס, א לאַנדראַט אין דעמיסיע, ס.־ד. (דאָרטמונד, אייכלינגסהאָפען) גע־פונען א דערשאָסענעם אין א גראָבן באַם וועג („פראַנקפורטער צייטונג").

25 מערץ

ראַיאָן־פאָרשטייער פון ס.־ד. (בערלין—וועדינג), צעמיימעסט, געשטאָרבן אין קראַנקנהויז (מיטיילונגען פון איידעס).

(„מען האָט אים געצוואונגען האַלטן א רעדע אין פאַשיסטישן גייסט. ווען ער האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט... האָט מען אים געכאַפּט פאַר די פיס... געשלעפּט איבער די שטיינערנע טרעפּ פון דריטן עטאַזש אפן גאַס...").

פרוי מילער (אאוע, זאקסן), צעמיימעסט: קלוימערשט באגאנגען זעלבסט מאָרד (מיטיילונג פון איידעס).

27 מערץ

ניימאַן, אַן אייגנטימער פון אַ מאגאזין אין קעניגסבערג, מען איז אָנגעפאלן אויף אים, צעמיימעסט און זיך באַנוצט מיט אים, ווי מיט אַ ציל־ברעט („טעלע־גראף אוניאַן").

(מיטיילונג פון איידעס: „די וואונדן... האָט מען באשאָטן מיט זאַלץ און מיט פעפער. נאָכן באפרייען אים איז ער אריבערגעפירט געוואָרן אין אַ קראַנקנהויז אין בערלין, וואו ער איז געשטאָרבן").

גראָטעגענע, טעלעגראף־מאָנטיאָר (בראונשווייג), „רייכסבאַנער"־מיטגליד דערמאָרדעט אין קאַזארמע פון די שטורמאָוויקעס.

דר. מאַקס פּלאוט, אַדוואָקאַט, אין קאַסעלער קאַזארמע פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן (בירגערזעלע, קאַרלשטראַסע) איז ער דערהאַרגעט געוואָרן לויטן באַפעל פון זיינעם אַ קאָלעגע אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, דעם איצטיקן געהילף פונעם מעלוכע־סעקרעטאַר פרייסלער, מאכמעס פלאוט איז פּערזענלעך מיט אים געווען אין פיינטלעכע באַציאונגען (מיטיילונג פון איידעס).

מאַקס בילעקי (שענעבערג, הויפּטשטראַסע, 18), געפייניקט אין קאַזארמע פון די שטורמאָוויקעס אויף פּאַפּעשטראַסע, געשטאָרבן אין אורבאַנס קראַנקנהויז (מי־טיילונג פון איידעס).

29 מערץ

וואַלטער שיץ, (קעניגסבערג), אַ קאָמוניסט, רייכסטאַג־דעפּוטאַט, דערמאָר־דעט. קיין איין דייטשישע צייטונג האָט ניט געוואַגט מיטצוטיילן וועגן זיין טויט.

30 מערץ

פריץ ראָלע, אַן ארבעטער אין סימענשטאַדט, געפונען אַ דערשטאָכענעם (וואָלף־אַגענטור).

(„פּאָסישע צייטונג", 30 מערץ: „...דערהארגעט; עטלעכע שטעך־וואונדן אין רעכטן ברוסט. באם דערהארגעטן איז אויך צעשעדיקט דער קאָפּ. אַזוי ווי דער שפּירהונט האָט גאָרנישט ניט געקאָנט געפינען, דאַרף מען מיינען, אַז די מערדער האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אויטאָמאָביל).

לייבל פאָלשלעגער (בערלין—ד. מ., סקאַליצערשטראַסע), מ'האָט אים גע־כאַפּט, דערהארגעט און אריינגעוואָרפן אין וואַסער (מיטיילונג פון איידעס).

(„דעם אויסלענדישן אידן ל. פ. האָבן די שטורמאָוויקעס געכאַפּט באַם אריינגאַנג אין רעסטאָראַן; 3 טעג האָט מען אים ניט געקאָנט געפינען. אויפן 4־טן טאָג האָט מען באַגראָבן זיין טויטן קערפּער, וואָס מען האָט ארויס־גענומען פון דער שפּרעע. די לעווייע איז פאָרגעקומען דעם 30־טן מערץ אין ווייסענזיי").

אַן אומבאַקאַנטער איד — אין אויבער־העסען — איז אויפגעהאַנגען געוואָרן פאַר די פיס; געשטאָרבן („מאַנטשעסטער גאַרדיען").

1 אַפּריל

ווילהעלם פּעטער, אַ בעקער, און קאַרל הערמאַן, אַן ארבעטער אַ קאָמוניסט (וואָלדענבערג—ניימאַרק) זיינען „דערשאָסן געוואָרן באם אַנטלויפן" („פּאָסישע צייטונג").

ווילהעלם דענגמאַן, אַן אַרבעטער א מעטאַליסט (מיידריך—דיואיסבורג—האַמבאָרן), דערשאָסן געוואָרן אין גאַס („פּאָסישע צייטונג״).
(„פּאָסישע צייטונג״, 1־טן אַפּריל: „...געפונען אַ טויטן, אַפן טויטן קערפּער זיינען געווען פיר שאָס־וואונדן. ווי מען קאָן אורטיילן לויט דער זאַכלאַגע, האָט ד. פאַרפאָלגט איין מענטש, וועלכער האָט אים דערשאָסן פון הינטן. וועגן מאָטיוו פונעם פאַרברעכן זיינען ניטאָ קיין שום אָנגאַבן״).
אַן אומבאַקאַנטער 23־יאָריקער אַרבעטער (אין מענכען באַ שעפעלדינג), דערשאָסן „באַם אַנטלויפן״ („מינכענער נויעסטע נאַכריכטן״).
(מ. נ. נ. 1־טן אַפּריל: „...אונטער דער וואַך... געבראַכט געוואָרן מיט אַן אויטאָמאָביל פון מינכען אין לאַנדבערג. דערשאָסן פון דער וואַך״).
פּריץ שום, אַדוואָקאַט אין קיל, דערהאַרגעט אין דער טפיסע־קאַמער („טעלעגראַף אוניאָן״).
פּרעסבורגער, פּי־העגדלער (אין מינכען), דערשאָסן, באַגאַנגען קלוימערשט זעלבסטמאָרד פאַרן אַרעסט („מינכענער נויעסטע נאַכריכטן״).
(מ. נ. נ. 1־טן אַפּריל: „זונטיק אינדערפרי האָט מיט אַ רעוואָלווער־שאָס אין קאָפּ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דער פּי־העגדלער פּרעסבורגער (אַ איד). מ׳האָט אים געזאָלט אַרעסטירן, ווייל מען האָט אים שטאַרק כוישעד געווען אין פאַרשפּרייטן ידיעס וועגן שלאָגן און איזדעקעווען זיך איבער אידן״).

2 אַ פּ ר י ל
ווערטהיימער (קיל) געשטאָרבן קלוימערשט פאַרן אַרעסט.

3 אַ פּ ר י ל
פּאָל יאַרוס, אַ שמיד (לימבאַך לעבן כעמניץ), „דערשאָסן געוואָרן באַם אַנטלויפן״ („טעלאוניאָן״).
געאָרג בעל, אַן אינזשעניער פון מינכען, אַ נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון „ברוינעם הויז״ אין פונעם שטאַב־שעף פון די שטורמאָוויקעס רעם, איז געלאָפן אין עסטרייך אויסצומיידן די נעקאָמע פון די פּאַשיסטן און איז דערשאָסן געוואָרן פון שטורמאָוויקעס אין האָטעל דורכהאָלצען לעבן וואַלכזיי (קרייז קופשטיין) (קאָנטי־אַגענטור וואָלף).

4 אַ פּ ר י ל
היינץ בעסלער (דיסעלדאָרף), „דערשאָסן באַם אַנטלויפן״.
ווילהעלם דרעווס, אַן אַרבעטער (בערלין), געפונען אַ דערשאָסענעם („פּאָסישע צייטונג״).
דר. פּיליפּסטאַל (בערלין—ביזדאָרף), דערמאָרדעט („בערלינער טאַגעבלאַט״).
(מיטיילונג פון איידעס: „פּ. איז באַנאַכט אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון זיין דירע, צעמאַזיקט געוואָרן אין דער קאַזאַרמע פון די שטורמאָוויקעס, נאָכדעם האָט מען אים אָפּגעפירט אין אורבאַנס קראַנקנהויז. עטלעכע שעה פאַרן טויט האָט מען אים אַריבערגעפירט אין שאַריטע, ווייל אַזעלכע פאַלן זיינען פאַראַן אין אורבאַנס קראַנקנהויז שוין צופיל״).

5 אַ פּ ר י ל
רענוּא (באָן), אַ שטאָט־ראַטמאַן, אַ קאָמוניסט, „דערשאָסן געוואָרן באַם אַנטלויפן״ („טעלוניאָן״).

(מיטיילונג פון איידעס: „...מען האָט אים געפּייניקט... געמיימעסט ביז ניט צו דערקענען... באַנוצט געוואָרן אַלס ציל־ברעט. אַף מאָרגן איני־דערפרי זיינען געקומען פּאָליציסטן... האָבן געמאָלדן דער פרוי פונעם דער־הארגעטן „מיר האָבן ניט געקענט שטערן אין דעם, נאָר דאָס איז ניט אונזער ארבעט").

זאוער אין צובאכוויץ, א ס.־ד., א קאלקוליאַטער, דערהארגעט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער („נייע וועלט").

„נייע וועלט", 12 אפּריל: „אין קאָנצלאַגער האָהענשטיין איז ער גע־שלאָגן געוואָרן ביז טויט, מ'האָט אים באַערדיקט דעם 5 אפּריל").

וועלהעלם דרעווס, אַן ארבעטער, א קאָמוניסט (אין האמבורג), דערשאָסן גע־וואָרן אין גאַס („טעלוניאָן").

(„פעלקישער בעאָבאַכטער", 7 אפּריל: „מיטוואָך באַנאַכט האָט מען אַף הומבאָלדשטראַסע אין האמבורג בעאיים א פּאָליטישן שמועס געשאָסן פון הינטן אַף אַן ארבעטער". די פּרעסע־ביוראָ פון דער סאָציאַליסטישער פּארטיי אין שווייצאַריע: „...גייענדיק אהיים, האָבן אים אפּגעשטעלט פּאַ־שיסטן. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך צוויי שטורמאָוויקעס אונטערגע־גאַנוועט פון הינטן און דערלאַנגט אים מיט א קינזשאַל אין זייט... עטלעכע מענטשן זיינען געווען איידעס פונעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן מאָרד").

6 אפּריל

מאַקס נידערמייער, א קאָמוניסט, א דעפּוטאַט פון שטאָט־דומע אין יאָהאַן־געאָרגענשטאַדט (אין זאַקסן), דערהארגעט אין טפיסע אין צוויקאַו (באַווייזן פון איידעס).

קורט פרידריך, אַן ארבעטער, א קאָמוניסט, אין יאָהאַן־געאָרגענשטאַדט (אין זאַקסן), דערשאָסן (איידעס־באַווייז).

(דער אָנפירער פון די שטורמאָוויקעס קאָך איז געווען טעטיק מיט זיין אָטריאַד—פון די בארימטע לימבאַכשע „הערדער־שטורמאָוויקעס"—אויך אין יאָהאַן־געאָרגענשטאָדט. א סאַך זיינען אַנטלאָפן אין שכיינעס־דיקן וואַלד, די שטורמאָוויקעס האָבן אים ארומגערינגלט, און ק. פ. איז פאַר־וואונדעט געוואָרן אין קאָפּ).

7 אפּריל

הערשמאַן שטיינשניידער (עריק יאַן האנוסען (בערלין) א פאַשיסטישער גע־היים־מאָרד („טעלוניאָן").

8 אפּריל

אַן אומבאַקאַנטער ארבעטער (בערלין—נייקעלן, האַנהאָפערשטראַסע), דער־הארגעט פון שטורמאָוויקעס (באַווייזן פון איידעס).

9 אפּריל

וואַלטער קאַש (האמבורג), שטורמאָוויקעס זיינען אים באַפאַלן און אים דער־שאָסן אין זיין זומער־וואוינונג.

10 אפּריל

פריץ ענגלער (כעמניץ), א פאבריקמאַכער, אַן אומפּאַרטייאישער, פאַרפּייניקט געוואָרן ביז טויט אין צייזיגוואַלד (איידעס־באַווייז).

11 אפריל

מאקס רופא, „רייכסבאנער"-מיטגליד אין כעמניץ, געפונען א דערשאָסענעם („טעלוניאָן").

(„בערלינער בערזען-צייטונג", 11 אפריל: „אין נייקירכען בא כעמניץ האָט מען געפונען א סקלאַד געווער; רופא, וואָס האָט געוואוסט וועגן דעם, האָט זיך אויסבאהאַלטן, דערנאָך האָט מען אים געפונען א דערשאָסענעם").

דר. ארטור ווײַנער, אן אדוואָקאט אין כעמניץ, געפונען א דערשאָסענעם („פראנקפורטער צייטונג").

אלווין האנספאך, אן ארבעטער, א קאָמוניסט (פרידריכסדאָרף, בא ציטאו), דערשאָסן, ווען ער איז געווען אונטער דער וואך („טעלוניאָן").

(„פאָסישע צייטונג", 11 אפריל: „...ער האָט געפּרואווט ארײַנדרינגען אין שלאָף-לאָקאַל פון די שטורמאָוויקעס... ווען איינער פון די שטורמאָוויקעס האָט אים אָפּגעשטעלט, האָט ער געפּרואווט ארויסרייסן בא אים דאָס געווער. דער שטורמאָוויק האָט אויסגעשאָסן אינדערלופטן, קעדיי אָפּצושרעקן אים, און ווען ה. האָט אים ניט אָפּגעלאָזן, האָט ער אויסגעשאָסן אין אים און דערהארגעט אף טויט. פון נעכטן געפינט זיך די פרוי פונעם דערשאָסענעם אונטער דער וואך — פאר קאָמוניסטישע אגיטאציע".—„פראנקפורטער צייטונג" פון 12 אפריל באהויפּטעט אפילע, אז ה. איז אָנגעפאלן אפן שטורמאָוויק „מיט געווער אין די הענט". די ווידערשפּרעכלעכע מיטיילונגען גיבן אינגאנצן ארויס דעם דאָזיקן גראָבן ליגן).

12 אפריל

אדוואָקאט בענאריאַ, ארטור קאן, נערווין קאן, גאלדמאן, סאָכרים פון נירנבערג, זיינען דערשאָסן געוואָרן בא א „פּרואוו צו אנטלויפן" פון קאָנצלאגער אין דאכאו (וואָלף-אגענטור, „דייטשע אלגעמיינע צייטונג" אאוו.).

(איידעס-באווייז פון מינכען: „...אלע פיר האָבן באקומען פון פאָרנט שאָס-וואונדן. וועגן די לעווייעס האָט מען ניט דערלויבט מיטצוטיילן אין די צייטונגען, אפן בעסוילעם האָט מען קיינעם ניט ארויפגעלאָזן").

פריץ קאָלאָשע (שאַרלאָטענבורג), וועלכער איז באפרייט געוואָרן אפן פראָצעס אין רענטגענטאַל, איז געפייניקט געוואָרן אין קאזארמע פון די שטורמאָוויקעס אף ראָזינענשטראסע, געשטאָרבן אין קראנקנהויז (איידעס-באווייז).

13 אפריל

אלבערט יאנקא, רייכסטאג-דעפּוטאַט, א קאָמוניסט, באגאנגען „זעלבסטמאָרד".

(באזעלער „נאציאָנאַלצייטונג", 11 אפריל, וואָלף-אגענטור: „דער געוועזענער קאָמוניסטישער רייכסטאג-דעפּוטאַט, יאנקא, 26 יאָר אלט, וואָס איז געהאלטן געוואָרן אונטער דער וואך, האָט זיך אויפגעהאנגען אין טפיסע". אָנהויב מערץ האָט די פאשיסטישע פּרעסע מיטגעטיילט, אז יאנקא האָט זיך אומגעקערט אין דער נאציאָנאַל-סאָציאליסטישער פּארטיי. אין געגעבענעם פאַל אָבער איז דער וואונטש פון די פאשיסטן ניט פארווירקלעכט געוואָרן. יאנקאן האָט מען „באארבעט" אין מעשעך פון עטלעכע וואָכן, קעדיי אריבערצוציען אים אף דער זייט פון די נאציאָנאַל-סאָציאליסטן, און גראָד מאכמעס דעם, וואָס ער איז געבליבן פעסט און זיך ניט אונטערגעגעבן, האָט מען אים אין טפיסע דערהארגעט).

גוסטאוו שענגער, אן ארבעטער (האמבורג, אלטער שטיינוועג, 71), פארפייניקט ביז טויט.

(דעם פאָטערס בריוו צום פּראָפּאַגאנדע־מיניסטער געבעלס, אָפּגע־דרוקט אין „סאארבריקענער ארבעטער־צייטונג״, דעם 19־טן מאי).

15 אפריל

ספּירא, א איד, 17 יאָר (בערלין, שיינהאָלצשטראסע, 17), געפּייניקט אין הויז פון די שטורמאָוויקעס אף פּרינצענשטראסע, 100, דערמאָרדעט אין דער קאַ־זארמע פון די שטורמאָוויקעס אף געדעמאנשטראסע (איידעס־באַווייז).

16 אפריל

ברעטשניידער, זיגמאר (זאקסן), געפונען א דערשאָסענעם (וואָלף־אגענטור).

(„דער טאָג״, 16 אפּריל: „דעם פירער פון די אנטיפאשיסטן ברעטשניי־דער האָט מען געפונען א דערשאָסענעם אין וואלד, ניט ווייט פון זיגמאר״).

18 אפריל

דעפּוטאַט ביידער, קרעפעל־יורדינגען, געפונען א דערשאָסענעם („פאָסישע צייטונג״).

ריכארד טאָלייט, אן ארבעטער, א קאָמוניסט (קעניגסבערג), דערשאָסן „בא א פּרואוו צו אנטלויפן״ (פראנקפורטער צייטונג״).

אן אומבאקאנטער ארבעטער, א קאָמוניסט (קעניגסבערג), דערשאָסן „בא א פּרואוו צו אנטלויפן״ („טעלוניאָן״).

(„פראנקפורטער צייטונג״, 20 אפּריל: „באם אונטערזוכן א דירע אף וואלרינג, וואו ס'איז פאָרגעקומען א קאָמוניסטישע פארזאמלונג, איז איי־נער פון די אנטיילנעמער אנטלאָפן. ניט געקוקט אף דער פאָדערונג פון דער פּאָליציי, האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט און מען האָט אין אים אויסגע־שאָסן. די וואונד איז געווען א שטערבלעכע און אפן וועג צום קראנקנהויז איז ער געשטאָרבן״).

19 אפריל

אן אומבאקאנטער אייזנבאַן־אָנגעשטעלטער (מינכען), דערשטאָכן מיט א קינ־זשאל, וואָס מען האָט אים פון הינטן אריינגעלאָזן, ארויסגעגעבן געוואָרן אלס זעלבסטמאָרד („מינכענער נייסטע נאכריכטן״).

אלפרעד עלקער, א קריסט, דערהארגעט פון שטורמאָוויקעס פאר זיין אידישן אויסזען (איידעס־באַווייז).

(„לייפּציקער נייעסטע נאכריכטן״ האָט אָפּגעמערקט די דאָזיקע געשעע־ניש בלויז אין אָפּטייל פון די מעלדונגען און דערביי אפן פאָלגנדיקן אויפן:

„אָנשטאָט ספּעציעלע מעלדונגען
צוליב א מיספארשטייעניש האָט דער טויט אָפּגענומען
בא מיר מיין מאן
אלפרעד עלקער
געב. דעם 26 סעפּטעמבער 1886, געשט. דעם 19 אפּריל 1933
וועגן שטילן מיטגעפיל־אויסדרוק בעט מארטא לאָטא עלקער,
געבוירענע ווייבער, מיט דער פאמיליע״.

קאמינסקי (דאָרטמונד—הערדע), מיטגליד פון „פארבאנד פאר קאמף קעגן פאשיזם״, דערהארגעט אין טפיסע (איידעס־באַווייז).

(„אין קאזארמע פון די שטורמאָוויקעס אין הערדע האָט מען אים גע־פּייניקט מיט די אכזאָריעסדיקסטע אינואים אזוי, אז זיינע געשרייען האָט מען געהערט ווייט אפן גאס... אין די צייטונגען האָט מען ניט דערלויבט צו געבן אן אנאָנס וועגן זיין טויט... מען האָט אים באערדיקט שטילער־הייט... אף דער לעווייע האָט מען צוגעלאָזן בלויז די נאָענטסטע קרויווים... אין עטלעכע טעג ארום איז אין דאָרטמונד דערשינען אן אומלעגאלע צייטונג „קעמפּפער", אין וועלכער די דאָרטמונדער ארבעטער האָבן צוגענאָגלט צום שאנד־סלופּ דעם שעף פון דער דאָרטמונדער פּאָליציי, שעפּמאנען, ווי דעם מערדער פון קאָמינסקין").

21 אפּריל

פריץ דרעסעל, א שלאָסער, פּאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פראקציע אין לאנדטאג, קלוימערשט באגאנגען „זעלבסטמאָרד", ווי איידעם באוויזן, איז ער דערהארגעט געוואָרן אין דאכאוער קאָנצלאגער („מינכענער נייעסטע נאכריכטען").

22 אפּריל

מאַקס קאסעל, א מילכהענדלער (וויסבאדען), דערשאָסן בא זיך אין דירע („דייטשע אלגעמיינע צייטונג").

סאלאָמאָן ראָזענשטראוך, א סויכער (וויסבאדען), דערהארגעט אין זיין דירע („דייטשע אלגעמיינע צייטונג").

פּאול פּאפּסט, אן ארבעטער, קלוימערשט באגאנגען זעלבסטמאָרד אין קאזארמע פון די שטורמאָוויקעס („גערמאניא").

(„גערמאניא", 29 אפּריל: „נאָכן ארעסט איז ער ארויסגעשפּרונגען פון פּענצטער אין הויף פון דער שטורעם־גרופּע בערלין־בראנדענבורג, צע־בראָכן די כוטהאשעדרע, געשטאָרבן").

23 אפּריל

פּאָליציי־וואכמיסטער קורט בענקע, א שטורמאָוויק אין בערלין, ווי עס שיינט, א פאָשיסטישער געהיים־מאָרד („אנגריף").

פּאול הערדע, אן ארבעטער אין ליבען, דערשאָסן („פּאָסישע צייטונג").

(„דייטשע אלגעמיינע צייטונג", 25 אפּריל: „... אן אייזנבאן־פּאָליציסט האָט נאָכגעשפּירט ה., האָט אים צוגערופן און ארעסטירט. ה. איז אוועק מיט אים, נאָר באלד זיך ארויסגעריסן און געלאָזט זיך לויפן. דער פּאָליציסט האָט דריי מאָל צו אים געשריען, ה. האָט זיך אָבער ניט אָפּגע־שטעלט און ניט אויפגעהערט צו לויפן נאָכן שאָס אינדערלופטן... דאן האָט דער פּאָליציסט אויסגעשאָסן אין אנטלויפנדיקן און האָט אים דורכן רוקן געטראָפן אין הארצן").

פראנץ שניידער, אן ארבעטער, אנטיפאשיסט (אין האָך, ריינישע פּראָווינץ), קלוימערשט באגאנגען זעלבסטמאָרד אין ארעסט־הויז („פּאָסישע צייטונג").

(„פּאָסישע צייטונג", 24 אפּריל: „ש. וועלכער איז געהאלטן געוואָרן אונטער דער וואך, האָט באדארפט אוועקגעפירט ווערן אפן פארהער און איז אראָפּגעשפּרונגען פון אלע טרעפּ פון צווייטן שטאָק, 8 מעטער די הייך. ער האָט באקומען אזעלכע שווערע וואונדן, אז ער איז גלייך נאָך דעם גע־שטאָרבן").

קאָניטשני, אן ארבעטער, א קאָמוניסט, אין עלסניץ (ארץ־בערג), קלוימערשט באגאנגען זעלבסטמאָרד אין ארעסט־הויז („פּאָסישע צייטונג").

אַרעסטירטע אַרבעטער, פֿרויען און קינדער

וואַרטן שאַנלאַנג מיט אויפֿגעהויבענע הענט ביז מען וועט זיי אָפּפֿירן אין דער ברעסלאַווער שטורמאָוויקעס־קאַזאַרמע.

א שטראָף־עקספּעדיציע פֿון שטורמאָוויקעס אינעם אַרבעטער־קוואַרטאַל אין דיסעלדאָרף־בילק.

הונדערטער אַרבעטער האָט מען אַרעסטירט און צעשלאָגן. א יונגער אַרבעטער (אויפֿן בילד רעכטס) איז אַזוי צעמוטשעט געוואָרן, אַז ער האָט שוין קיין קויעך ניט געהאַט אויפֿצוהויבן די הענט.

(„פּאָסישע צייטונג"), 25 אפּריל: „...האָט זיך אויפגעהאנגען בא זיך אין קאמער").

24 אפּריל

אן אומבאקאנטער איינוואוינער פון א דאטשע־דערפל (האָרנער מאָאָר), איז פארברענט געוואָרן אן איינגעריבענער מיט דזעגעכץ, ווי די קריסטן אין נעראָנס צייטן. קלוימערשט באגאנגען זעלבסטמאָרד („פעלקישער בעאָבאכטער" פון 25 אפּריל).

קאָרדעס און זון, הענדלער (וויצמונד אונטער ברעמען), דערהארגעט בעאיים א פּאָגראָם (וואָלף־אגענטור).

(„ברעמער צייטונג", 24 אפּריל: „אין דער נאכט אף מאָנטיק האָט מען דעם אידישן הענדלער ק. ארויסגענארט פון שטוב און דערהארגעט מיט דריי שאָסן. זיין פרוי האָט מען אנידערגעוואָרפן. דעם 24־יאָריקן זון האָט מען דערהארגעט אין בעט מיט א שאָס אין שלייף").

25 אפּריל

מענדל גאבער, א סויכער (דאָרטמונד), דערשאָסן און אריינגעוואָרפן אין וואסער („דאָרטמונדער גענעראלאנצייגער").

(„ראָטע ערדע", אָרגאן פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאר־טיי, 28 אפּריל: „דעם איד ג. האָבן געכאפּט שטורמאָוויקעס און אים געבראכט אין זייער קאזארמע..." דעם 6־טן מאי האָט זיך אין אלע דאָרט־מונדער צייטונגען באוויזן א מיטיילונג וועגן א טויטן קערפּער, וואָס איז ארויפגעשוואומען אין קאָנאל בא קאסטראָפּ־אוקסעל. פרוי ג. האָט אין בארמינען דערקענט איר פארשוואונדענעם מאן. אפן קערפּער זיינען גע־ווען עטלעכע שאָס־וואונדן אין קאָפּ, מעסער־וואונדן אפן קאָפּ אאוו. כאָטש די „ראָטע ערדע" האָט אנערקענט, אז גאבער איז דעם 25־טן אפּריל ארעס־טירט געוואָרן, האָט זיך דעם 19־טן מאי אין „דאָרטמונדער גענעראל־אנצייגער" פונדעסטוועגן באוויזן אן ארטיקל מיטן קעפּל: „1 טויזנט מארק באלוינונג. — א מאָרד פון א דאָרטמונדער סויכער — ווער האָט געזען דעם מעם פון 25 אפּריל").

צוויי אומבאקאנטע ארבעטער (אין הייל, אין ליפּ), געפונען קערפּערס („פעלקישער בעאָבאכטער").

(„פעלקישער בעאָבאכטער", 25 אפּריל: „אין הייל זיינען פון קאנאל ליפּ ארויסגעצויגן געוואָרן צוויי מענער־קערפּערס, וואָס זיינען פארבונדן געווען מיט שטריקלעך. בא ביידע זיינען געווען ערנסטע וואונדן אין קאָפּ. ביידע געהערן צום ארבעטער־שטאַנד").

גראניצא, אן ארבעטער (קעניגסבערג), דערהארגעט בא א „פּרואוו צו אנט־לויפן" (נאכט־אויסגאבע).

(„שטוטגאַרטער נייעס טאגעבלאט", 26 אפּריל: „אין דער נאכט אף דינסטיק איז ג. געבראכט געוואָרן פון קעניגסבערג קיין דייטש־איילאו צו קאָנפראָנטאציע. ניט ווייט פון עלבינג איז ג. ארויסגעשפּרונגען אפן פולן גאנג פון צוג. מען האָט געשאָסן אין אים, און ער איז דערהארגעט געוואָרן מיט א קויל, וואָס האָט אים געטראָפן אין לונג).

26 אפּריל

ווילע פלאָנסקע, אן ארבעטער (בערלין, מאַנטייפלשטראסע 97), געפונען דעם קערפּער („אנגריף").

נאַציאָנאַליסטן רויבן ארבעטער־דירעס אין כעמניץ
און אין פראנקפורט אם מיין

(„אנגריף“, 27־טן אפריל: „...באם בריק, וואָס איבערן קאַנאַל אויף וואופּערטאַלערשטראַסע אין טעלטאַן האָט מען אין קאַנאַל באַמערקט אַ טויטן קערפּער... די סיבע פונעם געהיימניספולן טויט פונעם אומבאַקאַנטן איז ניט פעסטגעשטעלט“. „פאָסישע צייטונג“, 13־טן מאַי: „דעם טויטן קערפּער, וואָס מען האָט ארויסגעצויגן פון טערטאָר־קאַנאַל, האָט זיך איצט איינגע־געבן צו דערקענען“).

27 אַפּריל

ערווין פאַלקמאַר (בערלין־נייקעלן) א באָקסער, קלוימערשט אַ מאָרד אָן פּאָליטישע מאָטיוון. דערשאָסן אין גאַס („אַנגריף“).

28 אַפּריל

אַן אומבאַקאַנטער מאַן, אין וואָלענבערג, קרייז אָבערבארמין, דערשאָסן און פאַרבּרענט („פראַנקפורטער צייטונג“).

(באַריכט פון דער קאָמיסיע וועגן מאָרדן אין פרענצלאַו: „דעם טויטן קערפּער האָט מען באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן. די לוזשעס בלוט ווייזן אָן אויף דעם, אַז דער מאָרד איז פאָרגעקומען דאָרטן, וואו מען האָט געפונען דעם קערפּער, און אַז ווען מען האָט אים אונטערגעצונדן, האָט דער קאָרבן נאָך געלעבט“).

פונק, רייכסטאַג־דעפּוטאַט, א קאָמוניסט (דאָרטמונד), דערהאַרגעט אין טפיסע, קלוימערשט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד („אַנגריף“).

פריץ הומבערט, אַן ארבעטער, א קאָמוניסט (היידענאַו), דערהאַרגעט נאָך די פייניקונגען, וואָס האָבן געדויערט עטלעכע וואָכן. באַערדיקט דעם 28־טן אַפּריל.

29 אַפּריל

אַן אומבאַקאַנטער מאַן (אונטער ווערנייכען אין מאַרקע), געפונען א דער־האַרגעטן (וואָלף־אַגענטור).

30 אַפּריל

האַקשטיין, אַן ארבעטער א קאָמוניסט (גרעווענבראָך), דערשאָסן בא א „פּרוּוו צו אַנטלויפן“ („קעלנישע צייטונג“).

(„קעלנישע צייטונג“, 2־טן מאַי: „האַקשטיין, וועלכער האָט זיך איינגעבאַהאַלטן זינט דער פאַסטנאַכט און איז געזוכט געוואָרן אלס באַשולדיקטער אין מעלוכע־פאַראַט; שפּעטער האָט די פּאָליציי און הילפס־פּאָליציי אַנטדעקט זיינע שפּורן, בא א פּרוּוו צו אַנטלויפן, איז האַקשטיין דערשאָסן געוואָרן“).

אַנדרעס פאָן פּלאָטאָוו, א לאַנדווירט, א נאַציאָנאַליסט, מיטאַרבעטער פון קריגסמיניסטעריום, אַרעסטירט פון שטורמאָוויקעס און דערשאָסן בא א „פּרוּוו צו אַנטלויפן“) אין נייבוקאָו בא שווערין (מעקלענבורג) (קאָנמי).

סאָף אַפּריל

אַן אומבאַקאַנטער אַרבעטער (עבערסדאָרף אין זאַקסן) און היינץ גאָלדבערג, א רויטער ספּאָרטסמאַן (נידערקונערסדאָרף בא לעבאַו) זיינען דערשאָסן געוואָרן אין קעלער פון הערמאַן געררינג־הויז אין לעבאַו (איידעס־באַווייזן).

2 מאי

ראָדענשטאָק, ס.־ד., סעקרעטאַר פון די קאָמונאַלע ארבעטער און צוויי אומ־באַקאַנטע פּראָפּאַריין־אָנגעשטעלטע זיינען געפּייניקט און דערהארגעט געוואָרן אין הויז פון די שטורמאָוויקעס אין דואיסבורג (איידעס־באַוויז).

דאַנציקער, א אידישער סויכער (פון דואיסבורג־האַמבאָרג), באַנאַכט באַפאַלן געוואָרן פון שטורמאָוויקעס און אזוי צעשלאָגן געוואָרן, אז ער איז באַלד נאָך דעם געשטאָרבן.

3 מאי

דאָקטאָר ערנסט אָבערפאָרן, פאָרזיצער פון דער נאַציאָנאַליסטן־פראַקציע אין רייכסטאָג, געפונען א טויטן בא זיך אין זיין דירע אין קיל. די דייטשישע פּרעסע טיילט מיט, אז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אינדערעמעסן איז דאָ פאָרגעקומען א געהיימער מרד, וואָס די שטורמאָוויקעס האָבן דורכגעפירט, ווייל אָבערפאָרן האָט פאַנאַנדערגעשיקט א מעמאָראַנדום וועגן דעם, ווער עס איז דער ווירקלעכער אונטערצינדער פון רייכסטאָג.

4 מאי

אן אומבאַקאַנטער מיטגליד פון „שטאָלהעלם" (בערלין), דערשאָסן אין ביר־שענק פון די שטורמאָוויקעס „שטורעם־פויגל" אף מאַלמעיערעקע, אוקערמינדער־שטראַסע („ארבייטער צייטונג" אין סאַארביקען).

סימאָן קאַץ, האַנטווערקער, פּוילישער אונטערטאַן, צעמיימעסט ביז טויט (איידעס־באַוויז).

(בערלין, 5־טן מאי: „...דער טויטער קערפּער איז ארויסגעצויגן גע־וואָרן פון שפּרעע, אפן קערפּער זיינען געווען אסאַך וואונדן. די נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטן האָבן ק. אריינגעוואָרפן אין שפּרעע נאָכדעם, ווי זיי האָבן אים צעמיימעסט ביז טויט").

אן אומבאַקאַנטער מאַן (פאָסטדאַם—העלטאָו) איז א געבונדענער אריינגע־וואָרפן געוואָרן אין וואַסער („פאָסישע צייטונג").

(„פאָסישע צייטונג", 5־טן מאי: „אין אזויגערופענעם גראָסהאָרן אין קעלטאָו האָט מען געפונען א טויטן קערפּער פון א מאַנסביל. דער אונטער־שטער טייל פון קערפּער איז געווען איינגעהילט אין א גרויסער מיליטערי־שער קאָלדרע און פארבונדן מיט א דינעם שנירל. די פיס זיינען אין די קני געווען געבונדן. דער אויבערשטער טייל גוף איז געווען אָנגעטאָן אין א ציכל מיט רויטע פאַסן, ווי עס שיינט איז דער קערפּער אָפּגעלעגן אין וואַסער פון מיטן אפּריל...").

שפּאַנענבערג, אן ארבעטער א קאָמוניסט (ברעדערייכע, קרייז טעמפּלין), קלוי־מערשט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין טפיסע („פאָסישע צייטונג").

(„פאָסישע צייטונג", 6־טן מאי: „אויפגעהאַנגען זיך אין זיין ארעסט־קאַמער, וואָס באַם געריכט אין פּרענצלאַו...").

אן אומבאַקאַנטער ארבעטער, א פארבער (סאַגאַן), קלוימערשט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, דערהארגעט אין טפיסע (וואָלף־אַגענטור).

6 מאי

אן אומבאַקאַנט מיידל (גראָסען), געפונען א קערפּער („אַנגריף").

(„אַנגריף", 8־טן מאי: „...א קערפּער פון אן אומבאַקאַנט מיידל. זי איז געלעגן באַם שאָסיי אין סאָסנע־וועלדל. די שפּורן ווייזן אָן אף דעם,

אז די אומבאַקאַנטע איז אהערגעבראַכט געוואָרן מיט אַן אויטאָמאָביל...
ווי עס שיינט האָט מען דאָס מיידל דערשטיקט").

8 מ אַ י

דאָקטאָר עקשטיין, דער פירער פון דער סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּארטיי (ברעסלאו), פאַרפּייניקט געוואָרן ביז טויט (וואָלף־אגענטור).

9 מ אַ י

דר. מייער, אַ איד, אַ ציין־דאָקטאָר. די שטורמאָוויקעס האָבן אים צוגענומען אין וואופּערטאַל און פארשלעפּט אין דיסעלדאָרפער הויז פון די שטורמאָוויקעס. דאָרטן האָט מען אים זייער שטארק צעשלאָגן און צעמאַזיקט. דערנאָך האָט מען אים אויף אַן אויטאָמאָביל אָפּגעפירט צו דער מענע־דאַמבע און דערטרונקען (באַווייז פון אַן אײדעס).

(זיינע דיסעלדאָרפער פריינט האָט מען אָנאָנים מיטגעטיילט, אַז אויב וועגן דעם פאַקט וועט מען שרייבן אין דער פּרעסע, וועלן נאָך „צען אידן כאַפּן די זעלבע מאַפּאָלע").

גאַלינאָווסקי, אַן ארבעטער, אלענשטיין), דערהארגעט בּאַ אַ „פּרואוו צו אַנטלויפן" (וואָלף־אגענטור).

אַן אומבאַקאַנטער יונגער ארבעטער, אַ רויטער ספּאָרטסמאַן (בערלין—וועדינג), דערמאָרדעט אין קאַזארמע פון די שטורמאָוויקעס אויף העדעמאַנשטראסע, ארויסגעצויגן געוואָרן פון קאַנאַל שפּרעע מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלז (אײדעס־באַווייז).

11 מ אַ י

בידערמאַן, סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט פון רייכסטאַג (האַמבורג), באַגאַנגען קלוימערשט זעלבסטמאָרד („פראַנקפורטער צייטונג").

(האוואַס, עסען, 11־טן מאַי: „...מ'האָט אים געפונען אויף די אייזנבאַן־רעלסן ניט ווייט פון רעקלינהאוזענער וואָקזאַל).

גליקאָוו, אַן ארבעטער אַ קאָמוניסט (בערלין—מ.. פּאַליסאַדענשטראסע 9) געפּייניקט געוואָרן, געשטאָרבן אין קראַנקנהויז אַ. נ. ס. העדווינגאַ (אײדעס־באַווייזן).

(אין דער צייגעניש וועגן טויט ווערט אָנגעוויזן: „אינערלעכער בלוט־שטורץ אין רעזולטאַט פון געוואַלד־אַקטן").

סעפּ געטץ, אַ קאָמוניסטישער לאַנדטאַג־דעפּוטאַט, דערמאָרדעט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו נאָך וואָכנלאַנגן שלאָגן אים (מיטיילונג פון אַ בייגעוועזענעם, וואָס איז אַנטלאָפן פון דאַכאַו).

13 מ אַ י

אַן אומבאַקאַנטער שטורמאָוויק פון דער הילפס־פּאָליציי (קיל), געפונעם אַ דערשאָסענעם („פראַנקפורטער צייטונג").

(„פראַנקפורטער צייטונג", 14־טן מאַי: „אין וועלדל באַם קייזער וויל העלם־קאַנאַל אין קיל... נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן — אַ מאָרד צי אַ זעלבסטמאָרד... אַ געהיימער מאָרד, וואָס די פאַשיסטן זיינען באַגאַנגען. לויט אײדעס־באַווייז האָט דער דערמאָרדעטער אין איינעם פון די בירשענקלעך, וואָס די פאַשיסטן באַזוכן, געפרעגט, ווען טראַכט די איצפּערישע רעגירונג ערנסט צו פאַרווירקלעכן אירע ברייטע צוזאָגן").

הענזעלער, אן ארבעטער, א קאָמוניסט (דיסעלדאָרף), דערשאָסן („גער מאניא").

15 מ א י

דר. אלפרעד שטראוס (מינכען), 30 יאָר, אדוואָקאט, א איד, מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, ארעסטירט לויט דער פאַראָרדענונג פון זיין קאָלעגע פראַנק דער 2־טער, דעם בייערישן יוסטיץ־מיניסטער, אכזאָריעסדיק געפּייניקט געוואָרן, דערמאָרדעט (באַווייזן פון איידעס).

אן אומבאַקאַנטער „שטאָלהעלם"־מיטגליד (בערלין), שטורמאָוויקעס זיינען אים באַפאַלן און דערשטאָכן בעאַיים אן ארויסטרעטונג פונעם „שטאָלהעלם"־אָרקעסטער אפן פלאַץ.

פּאָלעטי (בערלין—שענעבערג), פאַרפּייניקט ביז טויט (איידעס־באַוויז).

(„אף דער ברוסט און אפן רוקן האָט מען אים אויסגעברענט דעם פאַשיסטישן צייכן, דערנאָך האָט מען אים אזוי צעמיימעסט, אז מען האָט אים אָפּגעשלאָגן די נירן. באַלד נאָך דעם איז ער געשטאָרבן פון די באַקומענע וואונדן).

הערמאַן רידעל (גלאַדבעק) א קלוימערשטער זעלבסטמאָרד („דער טאג").

(„דער טאג", 17־טן מאי: „אין ג. האָט זיך אויפגעהאַנגען דער געוועזענער לידער פון די ספּאַרטאַקאָווצעס ר., וועלכער האָט געשפּילט א קאַנטיקע ראָלע אין עמשער־ליפּע־געביט אין דער צייט פון די רויטע אומרוען אינעם ערשטן נאָך־מילכאָמע־פּעריאָד").

יאָהאַנעס און ווילהעלם באַרדט (דינסבורג), דערהארגעט („דער טאג").

(„דער טאג", 17־טער מאי: „...אומבאַקאַנטע זיינען אף זיי אָנגעפאַלן און זיי שווער פאַרוואונדעט, זייער לעבן איז אין געפאַר" — באַלד נאָך דעם זיינען זיי געשטאָרבן").

18 מ א י

אן אומבאַקאַנטער מאַן (בערלין), קלוימערשט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד („פאָסישע צייטונג").

(„פאָסישע צייטונג", 18־טן מאי: „פּאָליציסטן האָבן ארויסגעצויגן פון וואסער בא מייבאַך א טויטן קערפּער פון א מאַנספּערשוין. מען קאָן געוויס באַהויפּטן, אז ער האָט זיך שוין לאַנג גענומען דאָס לעבן. די פּערזענלעכקייט פונעם מעס האָט מען נאָך ניט געקענט פעסטשטעלן").

האָנקשטיין (גרעווענברייך), דערהארגעט „בא א פּרואוו צו אַנטלויפן" (וואָלף־אַגענטור).

19 מ א י

לעאָנאַרד האוסמאַן, א פּאַרטייאישער טוער, א קאָמוניסט, דערשאָסן געוואָרן אין קאָנצלאַגער „בא א פּרואוו צו אַנטלויפן" (וואָלף־אַגענטור).

20 מ א י

ארטור מילער, א טוער פון „רייכבאַנער", פאַשיסטן האָבן אים אוועק אוועקגעפירט מיט אן אויטאָמאָביל, געפּייניקט און דערמאָרדעט אין זייער קאַזאַרמע אין בערלין־שענעבערג אף גענעראַל פּאַפּערשטראַסע (איידעס־באַוויז).

„דער קערפּער איז פולשטענדיק צעשעדיקט געוואָרן. דער שארבן דורכגעהאַקט, דאָס רעכטע אויג אויסגערונען, דאָס גאַנצע פּאָנעם צעפליקט.

דער גאַנצער קערפּער באַדעקט מיט קאַרבן און בלוט־געשווילעכצן. אין צוויי־טער צעבראָכן די האַנט“).

25 מאַי

שלאָס, א סויכער (נירענבערג), דערשאָסן געוואָרן (איידעס־באַווייז).

26 מאַי

קראָמאַן, א מאַלער (דואיסבורג), דערשאָסן דורך שטורמאָוויקעס פון דער ספּעציעלער אָפּטיילונג אין קאַלקום־וואַלד. די מערדער האָבן צוגעפּעסטיקט צום טויטן קערפּער א צעטל: „צום אָנדענק וועגן שלאַגעטער“ (איידעס־באַווייז).

27 מאַי

פראַנץ לעבורגער (נירענבערג), 29 יאָר, דערשאָסן געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו „בא א פּרואוו צו אַנטלויפן“ („פרענקישער קוריער“).

(איידעס־באַווייז: „די עלטערן האָט מען איבערגעגעבן א פאַרמאַכטן אָרן און דראָענדיק מיט די סאַמע שטרענגסטע שטראָפן, פאַרבאָטן צו עפענען דעם אָרן“).

29 מאַי

ווילהעלם אראָן, קאַנדידאַט אף געריכטלעכע אַמטן אין באַמבערג, 20 יאָר, „רייכסבאַנער“־מיטגליד, דערשאָסן געוואָרן אין דאַכאו „בא א פּרואוו צו אַנטלויפן“ („באַמבערגער צייטונג“).

סאָף מאַי

צוויי אַרבעטער, קאָמוניסטן, דערשאָסן געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין זיגבורג (באַווייז פון איידעס).

8 יוני

א שטורמאָוויק־אָפּאָזיציאָנער (דיסעלדאָרף) איז דערשאָסן געוואָרן באַם־פּאַרטיילן פּראָקלאַמאַציעס („דאָרטמונדער גענעראַל־אַנצייגער“).

(מיטיילונג פון דיסעלדאָרפער פּאָליציי־שעף פון 10־טן יוני: „פאַר די לעצטע טעג האָט מען אסאך מאָל פאַרטיילט פּראָקלאַמאַציעס מיט א קעפּל: „אַליאַרעם, קאַמף־צעטל פון דער גרופּע רעוואָלוציאָנערע שטורמאָוויקעס פון שטאַנדאַרט נומ 39“. איינעם פון די, וואָס האָבן געטיילט די דאָזיקע בלעטלעך, וועמעס פּערזענלעכקייט ס'איז נאָך ניט געלונגען פעסטצושטעלן, האָט מען היינט באַנאַכט געפונען א דערשאָסענעם אפן ריין־בריק“).

10 יוני

קאַרל לאָטעס, אן אַרבעטער־קאָמוניסט, דערשאָסן „בא א פּרואוו צו אַנטלויפן“ (וואָלף־אַגענטור).

פריץ קאָקאָרענץ, א שטורמאָוויק—אָפּאָזיציאָנער, געפונען א דערשאָסענעם אין זיין דירע אין בערלין אף קעפּעניקשטראַסע 114 (באַווייז פון איידעס).

(„דאָס איז א פאַשיסטישער געהיים־מאָרד. בא קאָקאָרענצן זיינען פאַר דער לעצטער צייט אָנטשטאַנען קאָנפליקטן מיט דער קאָמאַנדע. דעם אָוונט פאַר זיין טויט האָט ער אף א פאַרזאַמלונג פון שטורמאָוויקעס געהאַלטן אן אָפּאָזיציאָנעלע רעדע. ער וואוינט אינעם זעלביקן הויז, וואו עס געפינט זיך

די ביורא פון די פאשיסטן — בא זיין טויטן קערפער האבן צוויי שטורמאַ־וויקעס געזאָגט: „מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק, אַניט קאָן מיט אונז דאָס זעל־בע טרעפן").

וואלטער ערנסט, זיין קערפער האָט מען געפונען האלב־אריינגעגראָבן אפן בעסוילעם אין העניגסדאָרף אונטער בערלין (וואָלף־אגענטור).

(באווייז פון איידעס: „וואלטער ערנסט האָט מען געהארגעט אין דער שטורמאָוויקעס־קאזארמע מייסנערהאָף, בא פעלטען. די בעסוילעם־וועכטער האָבן געפונען דעם קערפער אין העניגסדאָרף האלב פארגראָבן").

12 יוני

אן אומבאַקאַנטער ארבעטער (עסען), דערהארגעט „בא א פרואוו צו אַנט־לויפן" („טעל־אוניאָן").

וואלטער קערזינג, אן ארבעטער, מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאניזאציע פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי (פראנקפורט אם אָדער), „דערשאָסן דורך נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטן בעאיים אַ שטרייט" (וואָלף־אגענטור).

21 יוני

פּאול אורבאן, אן ארבעטער (בראנדענבורג), קלוימערשט „זעלבסטמאָרד, בא־גאנגען אין טפיסע".

דריי אומבאַקאנטע אין פּילצטייך, אין ניישטעדטל בא צוויקאו, געפונען טויט („צוועלף אור מיטאַגסבלאט").

(„צוועלף אור בלאט", 28־טן יוני: „...די פיס זיינען געווען געבונדן... צו די טויטע קערפערס איז געווען צוגעפעסטיקט א לאַסט שטיינער... די טויטע קערפערס זיינען געווען צוזאמענגעבונדן מיט דראָט. מענער אין עלטער פון 25—30 יאָר... טיכלעך מיט איניציאַלן ג. ע. און מ. ג... ביז איצט ניט פעסטגעשטעלט די פערזענלעכקייט").

22 יוני

אלטענבורג, אן ארבעטער־קאָמוניסט אין ארנסוואלדע (ניימארק), „דערהאר־געט בא א פרואוו צו אַנטלויפן" („דויטשע אלגעמיינע צייטונג").

די פאמיליע שמאוס (בערלין—קעפעניק), פאָטער, מוטער און זון דערהאר־געט פון שטורמאָוויקעס.

ראקאָווסקי, אן ארבעטער (קעפעניק), דערשאָסן פון שטורמאָוויקעס.

יאָהאַנער שטעלינג, געוועזענער מעקלענבורגער פּרעמיער־מיניסטער. געכאַפּט אין קעפעניק און דערהארגעט געוואָרן (זע דעם באריכט).

פּאול פאָן עסען, אַנפירער פון דער „רויטער פאָן" אין קעפעניק. צעמיימעסט ביז טויט.

24 יוני

ארטור מיי, פּארטיי־טוער, קאָמוניסט (אאכען), דערשאָסן „בא אַ פרואוו צו אַנטלויפן" בעאיים מען האָט אים אריבערגעפירט אין דער פעסטונג יוליך (פּרע־סע־ביורא בא דער פּאָליציי־פארוואלטונג אין אאכען).

26 יוני

אן אומבאַקאַנטער ארבעטער, קאָמוניסט (בראונשווייג), דערהארגעט אין טפיסע, קלוימערשט זעלבסטמאָרד (וואָלף־אגענטור).

29 יוני.

דר. ראָזענפעלד, אדוואָקאַט (נירענבערג), דערהארגעט אין דאַכאוער קאָנ־צענטראציע־לאגער (באווייזן פון איידעס).

סאָף יוני

גלעספער, קרייז־אָנפירער פון דער „רויטער הילף" (עלבערפעלד).

נאָטשאַלק, מיטגליד פון שטאָט־דומע (א ברודער פונעם דערמאָרדעטן פראַנץ ג.).

אָטאָ דאַטעס, מיטגליד פון שטאָט־דומע, קאָמוניסט (עלבערפעלד), דערמאָר־דעט גלייך נאָכן באפרייען אים פון קאָנצענטראַציע־לאגער; מען האָט אים אריינ־געוואָרפן אין וואסער בא דער דאמבע אין פאָנסדאָרף.

ערווין דעלער, א יונגער ארבעטער, (עלבערפעלד, ווירקשטראסע), געפונען א טויטן מיט אן אויפגעשניטענעם בויך אף א קופע מיסט אין עלבערפעלד.

הארסמייער, א יונגער ארבעטער (עלבערפעלד), דערשאָסן אין אויטאָמאָביל פון די שטורמאָוויקעס, וואָס האָבן אים ארעסטירט; אפן אנדערן פרימאָרגן האָט מען זיין קערפער געפונען אפן זומפ בא בעק.

אן אומבאַקאַנטער ארבעטער (עלבערפעלד), געפונען א טויטן אין ברעמער־שטראסע(צוויי שאָסן אין בויך, איין שאָס אין ברוסט).

אן אומבאַקאַנטער ארבעטער (אָסטערברון בא עלבערפעלד), געפונען א טויטן (צוויי שאָסן אין בויך און צוויי אין רוקן).

אַלץ, וואָס ווערט מיטגעטיילט וועגן די עלבערפעלדער מאָרדן, באזירט זיך אף קאָנטראָלירטע באווייזן פון איידעס. ס'זיינען פאראן נאָך זעקס פאלן, וועלכע מען האָט ביז איצט ניט געקענט קאָנטראָלירן. קימאַט מיט אלע מאָרדן אָן אויס־נאַם, האָט אָנגעפירט אוגוסט פּופּע, דער שעף פון דער שטורעם־אָפּטיילונג אין על־בערפעלד, רייטבאַנשטראסע.

הונגלינגער, פּאָליציי־מאיאָר (מינכען).

סעבאַסטיאַן נעפצנער (מינכען).

מיכאעל זיגמאַן, א סאָציאַל־דעמאָקראַט (פון פאזינג), דערמאָרדעט אין דאַ־כאוער קאָנצלאגער (איידעס־באווייז).

1 יולי

מאקסמארגאָלינער (ברעסלאו), א סויכער, 24 יאָר, אין אפּריל געפייניקט גע־וואָרן אין „ברוינעם הויז" אף קארלשטראסע, אין 2 כאדאָשים ארום געשטאָרבן אין אידישן קראַנקנהויז אין ברעסלאו־זיד (איידעס־באווייזן).

(„סאארבריקענער פאָלקס־שטימע": „...אומענטשלעכע יונגען האָבן אים אריינגעלאָזן אין דער גראָבער קישקע א ספּיראַל־ספּרוזשינע, ווען ער איז געווען אין באוואוסטלאָזן צושטאַנד... אין קראַנקנהויז האָט מען אים 8 וואָכן געהאַלטן אין וואסער, מאכמעס ער האָט ניט געקאָנט ניט זיצן ניט ליגן").

10 יולי

יאָזעף ניס, זשורנאַליסט, אָנפירער פון קרייז־אָפּטייל פון פּראָלעטארישן פריי־דענקער־פארבאַנד (ערפורט).

אלפרעד גאָל, פּארטיי־טוער — (יענאַ) און אן אומבאַקאַנטער ארבעטער־קאָ־מוניסט (ערפורט), דערשאָסן געוואָרן באַם ארעסט פון דער אלגעמיינער דרוקעריי

פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „טירינגער פאָלקס־בלאַט", דערשאָסן געוואָרן אפֿן אָרט דורך די שטורמאָוויקעס (באַווייז פון איידעס).

12 יולי

אסמאַן, טוער פון „רייכסבאַנער"־פאַרבאַנד (קעפעניק־פרידריכסהאַגען). א קאָרבן פון דער באַרטאָלאָמיי־נאַכט אין קעפעניק (זע דעם באַריכט).

וואַנטענדע, אַן אַרבעטער קאָמוניסט (עסען), א פּאָליטישער אַרעסטירטער, געהאַלטן געוואָרן אין דער קאַטאָרזשנער טפיסע פון אָקטאָבער 1931 אָן, דערשאָסן געוואָרן „בײַ אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן" (קאָנטי, וואָלף־אַגענטור).

שולץ, לאַנדטאַג־דעפּוטאַט, קאָמוניסט, (בערלין), געשטאָרבן פון קלעפּ אין טפיסע־קראַנקנהויז („טאַג").

(„סאַאַרבריקענער פאָלקסשטימע", 18־טן יולי: „...אין 1930 איז שולצע אומדערוואַרט אַרויסגעטראָטן אין דעם בערלינער ראַדיאָ מיט אַ רעדע קעגן דער רעגירונגס־טאַקטיק אָנשטאָט דעם מיטאַרבעטער פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג, וואָס האָט געדאַרפט ריידן לעטוויוועס דעם בוי פון די געפאַנצערטע קרייצערס").

פריץ לאַנגע, אַן אַרבעטער קאָמוניסט (קעניגסבערג), געלינטשט געוואָרן („אָנגריף").

(„אָנגריף", 12־טער יולי: „אַ גרויסער האַמוין האָט זיך געלאָזן צו דער געריכט־טפיסע, האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט דעם קאָמוניסט — דעם מערדער און האָט אים געלינטשט").

יאָזעף מעסינגער, אַן אַרבעטער קאָמוניסט (באָן), דערהאַרגעט אין טפיסע, קלוימערשט זעלבסטמאָרד (האַוואַס).

14 יולי

פראַנץ בראַון, רעדאַקטאָר פון „פאָלקס־וואַכט" (שטעטין), דערהאַרגעט געוואָרן אין קאַמער אפֿן אַנדערן טאָג נאָכן אַרעסט (קאָנטי, וואָלף־אַגענטור).

אַן אומבאַקאַנטער אַרבעטער־קאָמוניסט (שטעטין), דערשאָסן געוואָרן (קאָנטי, וואָלף־אַגענטור).

דריי אומבאַקאַנטע קאָמוניסטן (קרייז שווערין, וואַרטע), דערשאָסן „בײַ אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן", ווען מען האָט זיי געפירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין זאָנענבורג („פאָסישע צייטונג").

אַן אומבאַקאַנטער פּאַרטייאישער טוער־קאָמוניסט (באָכום), דערשאָסן „בײַ אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן" בעת'ן אַ פאַרהער.

15 יולי

שפּייער, אַ שניידער (בערלין), געפונען געוואָרן מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלז בײַ דער פּרוּוו־סטאַנציע פאַר האַנט־גראַנאַטן (באַווייז פון איידעס).

קלאַראַ וואַגנער, סעקרעטאַרשע (בערלין־טרעפּטאָו), דערשאָסן (באַווייזן פון איידעס).

17 יולי

דר. ווילהעלם שעפער (פראַנקפורט), פריער אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, באַוואוסט געוואָרן דורכן פאַרעפנטלעכן די „באָקסהיימער דאָקומענטן" (אינסטרוקציע וועגן טעראָר, וואָס די פאַשיסטן האָבן אַרויסגעגעבן אין 1931 יאָר).

געפונעם א דערשאָסענעם אין פראַנקפורטער שטאָטישן וואלד. א פאשיסטישער געהיים־מאָרד („פראנקפורטער צייטונג”).

(„פראַנקפורטער צייטונג”, 18־טן יולי: „...ביז איצט האָט מען נאָך ניט אַנטדעקט די שפּורן פון די שולדיקע”).

20 יולי

אן אומבאַקאַנטער ארבעטער (בערלין), געפונען א טויטן באַם הירשגאַרטן, אפן ברעג מיגעלזייראם (איידעם־באַוויז).

א 50 יאָריקער מאַן (בערלין), געפונען א טויטן באַ מוזעאומס־בריקע אף אופּפערגראַבען (באַוויז פון איידעם).

הוגאָ פעדערסען, אן ארבעטער־קאָמוניסט (האַמבורג), דערהאַרגעט אין טפיסע, קלוימערשט זעלבסטמאָרד (וואָלף־אַגענטור).

א שטורמאָוויק־אָפּאָזיציאָנער (אָבערמענסיק באַ מינכען), געפונען א דער־שאָסענעם באַ דער עלעקטראַסטאַנציע אין קאַרלספעלד. א פאשיסטישער געהיים־מאָרד (קאָנטי, וואָלף־אגענטור).

24 יולי

עריך און גוסטאַוו רודאָלף (דירינגסהאָף, אָסטבאַן), דערשאָסן אין לאַנדס־בערג אף ווארטע, קלוימערשט באַ „א פּרואוו צו אַנטלויפן” („פראַנקפורטער צייטונג”).

דריי שטורמאָוויקעס אָפּאָזיציאָנערן, געפונען דערשאָסענע אין גרונעוואַלד אונטער בערלין, א פאשיסטישער געהיים־מאָרד (באַוויזן פון איידעם).

יאַסקאָוויאַק, א נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, אן אָפּאָזיציאָנער (לעווערקוזען), דערשאָסן פון שטורמאָוויקעס, קלוימערשט אין צושטאַנד פון געצוואונגענעם זעלבסטשוץ („דאָרטמונדער גענעראַל־אַנצייגער”).

29 יולי

סאָלעצקי, אן ארבעטער־קאָמוניסט (איזערלאָג), דערשאָסן דורך דער הילפּ־פּאָליציי, קלוימערשט אין צושטאַנד פון געצוואונגענעם זעלבסטשוץ (וואָלף־אַגענטור).

הענריך פערדינג, אן ארבעטער־קאָמוניסט (העססעלד), ארויסגעפאַלן פון פענצטער אין פּאָליציי־פּרעזידיום אין רעקלינהאַוזען, קלוימערשט זעלבסטמאָרד, איבערגעצאַזערט דעם פאַל, וואָס מיט פונקן (וואָלף־אַגענטור).

דעם 1־טן אויגוסט האָט מען אין אַלטאָנע אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל איבער די ארבעטער לידענס, טעש, וואָלף און מעלער.

אין צווייטן באַנד פון „ברוינעם בוך” וועלן געבראַכט ווערן דאָקומענטאַלע אַנגאַבן וועגן נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע מאָרדן, וואָס עס האָט באַגאַנגען דער היטלערישער פאשיזם.

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי „קולטור” פון
מושקאַט און זאַסלאַווסקי, סאַרמיענטאָ 2157 ב. איירעס.